STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08570

NEKHTN

Sh. Miller

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-08570-7

D:\YIDDISH\TITLES\9780657085704T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

ש. מיללער

נעכטן

אַרויסגעגעבן פון
ש. מיללער בוך קאָמיטעט
לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.

N E C H T N
(*Yesterday*)

by

S H . M I L L E R

Copyright 1956
Sh. Miller, 465 N. Stanley Ave.
Los Angeles 36, Calif.

Economy Typesetting Service
1150 S. Figueroa St.
Los Angeles 15, Calif.

א י נ ה אַ ל ט

דער פּאָדעם 5
אָפּגעשפּאַרט 77
די פּושקע 112
שטילע וואַסער 170
אַרויס פון די האַלאַבאַליעס 360
אַ מאַמע 373

דער פּאָדעם

זיין באַגאַזש ביים אָנקומען קיין אמעריקע — אַ פלאַך רענצל אין האנט, איין און צוואנציק זומערן אויף די פּלייצעס; ביידע פעקלעך ניט צו שווער. אין רענצל אַ פּאָר העמדער, זאָקן, נאָז־טיכלעך און עטלעכע ביכלעך; און וואָס איז איין און צוואנציק יאָר? ווען ניט „פּאָניע״ וואָלט ער אפילו ניט געטראכט וועגן דעם. אינם רענצל, אויפן סאַמע דעק, אין אַ לאַנגן קאָנווערט, איז געליגן אַן אטעסטאט, אַ פּאַפּיר, וואָס האָט עדות געזאָגט אז שלום יאָסיפּאָוויטש גינצבורג האָט אויסגעהאלטן עקזאַמען אויף אכט קלאסן גימנאזיע. אין אוניווערזיטעט האָט ער פונדעסטוועגן ניט געקענט אריינגיין, ער האָט יאָ געקענט אריין אין דער ארמיי ווי אַ „פּרייוויליקער״, מיט פּריווילעגיעס, ער האָט אָבער מוחל געווען די זכיה און איז אנטלאָפן קיין אמעריקע. די דיפּלאָמע האָט ער מיטגענומען: קען אמאָל צונוץ קומען. נו יאָ, זי וועט ניט דערציילן וועגן אַ צוועלף יאָר חדר און ישיבה, אויך ניט וועגן אַ סך אַנדערע ביכער וואָס ער האָט געלייענט, ביכער, ניט דווקא געאָגראַפיע אָדער געאָמעטריע — באַשרייבן אָדער אויסמעסטן די „וועלט״ — נאָר זי אויסבעסערן, אויסלייזן, אָבער ד אָ ס דאַרף ער דאָך קיינעם ניט ווייזן. ו ו י י ז ן האָט ער געדאַרפט פינף און צוואנציק דאלער, אַזוי האָט אים געשריבן זיין שוועסטערקינד לייזער, און צו דער שיפסקארטע אים טאקע געשיקט דאָס געלט, מיט דער באמערקונג אַז דאָס שיקט ער אים, טאקע נאָר צום ווייזן. האָט שלום אַ שמייכל געטון: לייזער! דוכט זיך אויך געבוירן געוואָרן אין בערעזדיוו און די אָנצוהערעניש אַ קאפּוליער . . . האָט ער די פינף און צוואנציק דאלער געהאלטן אויבנאויף אין א קאָנווערט, גרייט צו ווייזן זיי די אמעריקאנער אימיגראציע באאמטע און ג ל י י ך נאָך דעם זיי אָפּגעבן לייזערן.

לייזער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף קרובים, פריינט און אפילו באקאנטע, אויף די פינף און צוואנציק דאָלער האָט ער זיך ניט נאָכגעפרעגט. ער האָט אָנגעהייבן דערציילן וועגן זיך.

— אָנגעהייבן האָב איך, ווי אַלע יידן דאָ, אוועקגעגאנגען דאַוועגען אין דער שניידערישער שול, גענייט קליידלעך. אָפּגעארבעט ארום אַ יאָר,

זיך „אויסגעגרינט" א ביסל, האָב איך גענומען קלערן: וואָס איז דער תכלית? פון יגיע כפו האָט מען טאקע פּאפּע, אָבער בצמצום, און דאָ האָב איך דערווייל חתונה געהאט, די הוצאות געוואָרן גרעסער, חוץ דעם האָט זיך ניט געוואָלט ארבעטן פאר יענעם. מלאכה איז טאקע מלוכה, אָבער אַ מלך אביון, האָט מיר א פּנים, א מלך אַ משרת ביי יענעם. פאר זיך, איז „סאם פּאַן, סאָם יאַרמארק", אליין דער ייד, אליין דער יאריד, און ווי גאָט גיט. האָט זיך געמאכט אַ געלעגנהייט, אריין אין א געשעפט — קנעפּלעך. געליען אַ ביסל געלט, צו די קנעפּלעך אריינגענומען באַפּוצעכצן, פארשיידענע צאַצקעס פאר קליידער, היטעלעך, און ס'איז אוועקגעגאנגען ניט שלעכט. האָט זיך אָבער אונטערגערוקט דער קריזיס — 1907 — עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ סדרה בחקותי — קונים האָבן גענומען אָנזעצן, געוועזן צרות, כאָטש גיי צוריק אין שאַפּ, אָבער ווּהין גיין, אז די שעפער האָבן ניט געאַרבעט? געשעפט איז אָבער אַ רעדל וואָס דרייט זיך, מיינע קונים האָבן מיט מיר געלערנט בחקותי, האָב איך מיט מיינע קרעדיטאָרן גענומען לערנען בלק, אויך ניט געצאָלט. דער סוף איז געווען מ'האָט „געסעטלט", מושווה געוואָרן אויף צען פּראָצענט, געשעפט האָט זיך גענומען בעסערן און איך בין ווידער געוואָרן אָץ אַ סוחר, אפילו געקראָגן א ביסל קרעדיט און דאָס רעדל האָט זיך גענומען דרייען, מער ניט מיטן קרעדיט איז צרות. קויפן קויף איך אויף דרייסיק טעג און פארקויף אויך אזוי, מער ניט, די שלושים שטימען ניט. איך, אַז עס קומט דער צענטער פון חודש, מוז איך צאָלן, אניט פארליר איך מיין קרעדיט און בין אויס קנעפּל־דרייער, דער שניידער אָדער דער היטל־מאַכער, ער איילט זיך ניט אזוי שטארק און אַז גאָט וויל דארף איך נאָך די שלושים ערשט זיך זעצן שבעה: ער צאָלט ניט! אזוי גייט עס שוין. מ י ט דעם אלעמען, איז ניטאָ וואָס זיך צו באַקלאָגן, מע מאכט אַ לעבן. אַי, עס פעלט געלט? פעלט עס . . .

— שאַ, איך האָב דאָך דיינע פינף און צוואנציק דאלער! — איז שלום אריינגעפאלן אין די רייד, ווי איינער רעדט: דארפסט געלט? אָט איז עס! און תוך כדי דיבור ארויסגעצויגן דעם קאָנווערט.

לייזערס האנט האָט זיך ניט גערירט אָנצונעמען דעם אויסגעשטרעקטן קאָנווערט. זיין קוק, אריבער דעם קאָנווערט, האָט א פּיק געטון שלומען: וואָס איז דאָס? דער קאָנווערט אין שלומס האנט עפּעס אַ צאַפּלדיקע באשעפעניש, אָט אָט רייסט זי זיך ארויס. ער האָט אים אַ לייג געטון

אויפֿן טיש. — האָסט'אָך מיר געשריבן דאָס איז נאָר צום ו ו י י ז ן, האָב איך פֿארשטאנען . . .

— שלום! מאַך זיך ניט נאַריש. בעת איך בין געגאנגען קויפֿן די שיפֿסקארטע האָט איין אגענט געזאָגט מ'דארף ווייזן געלט, א צווייטער האָט געזאָגט ניט, איך האָב פֿונדעסטוועגן געשיקט, ווי א זאך מאכט זיך. האָסטו פֿארשטאנען און זיי ניט אויסגעגעבן, איז אויב דו האָסט זיי ניט אויסגעגעבן דארפֿסטו זיי מיר אויך ניט אָפּגעבן. ניט איצטער. לכשירחיב, דו'סט האָבן, וועסטו מיר אָפּגעבן, פֿאר דער שיפֿסקארטע אויך.

— איך האָב נ אָ ך געלט! — ארויסגעקומען זיינען די ווערטער אַזוי יינגליש־בארימעריש, אַז ער האָט זיך אַליין פֿאַרשעמט, אָבער טאקע דערפֿאר האָט ער, מעשה יינגל, שוין געמוזט ווייזן זיין עשירות און ער האָט ארויסגעלייגט זיין גאנצן פֿארמעגן.

די דייטשישע פֿעניג, די רוסישע צוויי און דריי קאָפּיקע מטבעות האָט לייזער אפילו ניט אָנגערירט, דאָס גאָלדן פֿינפֿערל האָט ער אָנגע־נומען מיט צוויי פֿינגער, עס באטראכט און אוועקגעשטעלט. דאָס שטיי־ענדיקע פֿינפֿערל האָט געפֿרעגט: געדיינקסט? און ער האָט ניט נאָר געדיינקט, ער האָט זיך אויך פֿארביינקט . . . שטייענדיק, האָט דאָס גאָלדענע פֿינפֿערל זיך פֿארוואנדלט אין א גאָלדענער מצבה — געשטאָרבן יענע צייט. ער האָט אַ כאַפּ געטון דאָס פֿינפֿערל ווי מ'כאפּט א פֿליג און אַן עפּן געטון די האנט. — קענסט פֿאר דעם קריגן צוויי און א האלב דאלער. — די גאנצע „גאָלדענע עפּאָכע" — צוויי און האלב דאלער. — מיט ד ע ר גבירהשאפֿט וועסטו ווייט ניט פֿארפֿאָרן. וואָס דיינקסטו צו טון?

— איך ווייס? געטראכט וועגן לערנען.

— ניט קיין שלעכטער געדאנק. ווען איך בין געקומען האָב איך אויך אזוי געדיינקט.

— מיר טאקע אַ חידוש . .

— גאָרניט אזא חידוש ווי דו דיינקסט. אם אין קמח אין תורה. געדאַרפֿט מאַכן אַ לעבן. פֿונדעסטוועגן, ווען איך האָב ניט חתונה, עס רוקט זיך ניט אונטער אַ קינד, וואָלט איך אפשר . . . דיר זאָגן דעם אמת, איך האָב ניט קיין חרטה. און אז כ'וואָלט שוין אויסגעלערנט אויף דאָקטאר צי דענטיסט? וואָלט איך געמאכט געלט! איז געלט קען מען מאכן אין קנעפּלעך אויך.

— מ'לערנט דאָך ניט נאָר צוליב געלט.

— האַ? האָ! נו, וועסט אָפּזיין אַ יאָר, צוויי, וועסטו אפשר אנדערש

ריידן. איך שלאָג דיך ניט אָפּ פון לערנען. אדרבה, אויב דו וועסט נאָר קענען . . . אָבער דאָס איז אַ מעשה להבא. לעת עתה איז אַ פראַגע פון קריגן עפּעס צו טון.

— וואָס קען אזא פארשוין ווי איך דאָ טון?

— דאָס זעלבע וואָס איך — אוועקגיין אין דער שניידערישער שול. וואָס זאָגסטו?

— דאַרף מען דאָך קענען האלטן אַ נאָדל אין האַנט.

— און איך האָב געקענט? דערויף איז דאָך עס אמעריקע. דאָ איז דאָ אַזאַ זאַך ווי קאָלאָמבוסעס אַ שניידער. מ׳זעצט זיך אנידער ביי דער מאשין און מ׳נייט. צוליב מיינע געשעפטן קום איך אריין אין אַ סך שעפּער, קען זיכער קריגן פאר דיר אַ פּלאַץ. דאָס הייסט, אויב דו ווילסט?

— איך וויל. אַ ברירה האָב איך?

(2)

— אין דעם שאַפּ, ווו מיר גייען, זיינען זיי צוויי שותפים „די קאָהען און ליוואי גארמענט קאָמפאניע". דער ליוואי, א גאליציאנער, ס׳הייסט, זאָגן זאָגט ער, ער איז יאַקבי אַ ווינער, קומט פון סאמע ווין, אָבער אַז אַ ייד זאָגט אַ ווינער מיינט עס אַ גאליציאנער. סיי ווי, ער איז דער דרויסנדיקער מענטש, מיט אים האָבן מיר ניט וואָס צו רעדן. דער ממונה אינעווייניק איז אַ שטיקל לאַנדסמאַן, אַ סודילקאווער, זיין נאָמען איז ישראל קאָהען.

— אין איין שאַפּ דאָס גאנצע יידישע פאָלק — ישראל, כהן און לוי.

— מיטן ישראל בין איך זיכער. צי ער איז טאקע א כהן, צי זיין נאָמען אין סודילקאוו איז טאקע געווען כהן, בין איך ניט אזוי זיכער. אין בערעזדיוו געווען היפשע עטלעכע כהנים, פונדעסטוועגן געדיינק איך ניט איינער פון זיי זאָל האָבן געהייסן כהן. כ״ץ, כהן צדק, געדיינק איך יאָ. דער כהן־קאָהען איז, דוכט מיר, אַן אמעריקאנער. אין ניו יאָרק גופא זיינען דאָ מער כהנים און לויים — קאָהענס און ליוואיס — ווי דער גאנצער שבט לוי האָט געהאט.

— מיינסט מיר זאָגן אַז אַ ייד רופט זיך סתם כהן? וואָס איז דער שכל? — ביי שלומען איז דורכגעלאָפן אַ געדאנק: ווי האָבן טאקע יידן, אין משך פון דורות, געקענט וויסן ווער איז אַ כהן צי אַ לוי? כהנים האָבן געדוכנט . . .

— אַ נאָווינע? יידן בייטן די נעמען. דער שכל? אייניקע טוען דאָס צו באהאלטן, אָפּווישן זייער יידישקייט. זיי, פּארשטייט זיך, ווילן זיך ניט אַ נאָמען געבן קאָהען אָדער ליוואי, זיי רופן זיך אָ׳ברייען, פיצ־פעטריק, אָדער גאָר מאַיק אָ׳מאשמאלאן (מאי קא משמע לן), אבי ס׳זאָל ניט קלינגען יידיש . . . אזעלכע זיינען אָבער ווייניק, די מערסטע טוען עס צוליבן „האו דו יו ספּעל איט״. אַ שוואַכקייט ביי דעם אמעריקאנעם, זאָגסט אים דיין נאָמען איז זילבערמאן, דוכט זיך א קינד קען עס נאָכזאָגן, אָנשרייבן, און ער — „האַו דו יו ספּעל איט״, ווי לייגט מען עס אויס? בייטסט עס אויף ענגליש: סילווערמאן, אָדער גאָר סילווער, איז שוין אַ ביסל בעסער. וואָס טוט אָבער גאָט? האָב איך אַ באקאנטן, זיין נאָמען איז געווען טשיזשיק. נו נו, פרעג שוין ניט, ער איז אויסגעריסן געוואָרן צוליב דעם טשיזשיק מיט דעם „האו דו יו ספּעל איט״. נו טאקע, גיי לייג אויס טשיזשיק אויף ענגליש. האָט ער זיך מיישב געווען ער׳ט עס איבערזעצן אויף ענגליש. אָבער ווי איז טשיזשיק אויף ענגליש? טשיזש איז אין ענגליש „פינטש״, ער האָט עס אָבער ניט געוווסט, איז אים איינגעפאלן: טשיזשיק איז אַ פויגל, אַ פויגל איז „בוירד״, טאָ זאָל זיין בוירד. איז ער דאָך אָבער אַ ניו יאָרקער, און אַז אַ ניו יאָרקער רעדט ארויס „בוירד״ קומט עס ארויס „בויד״, האָט זיך ווידער אָנגע־הייבן אַ געשיכטע מיט „האו דו יו ספּעל איט?״ דער סוף איז געווען אַז פונם יידיש־רוסישן אברהם טשיזשיק איז געוואָרן אַ יידיש־אַמערי־קאניש־איירישער אייברעהעם באָיד. אלה תולדות טשיזשיק. ווי געפעלט דיר די מעשה?

— די מעשה איז אַ גאַנץ שיינע, אָבער מיין נאָמען איז גינצבורג, און א י ך וועל דעם נאָמען נ י ט בייטן, צי דער אמעריקאנער וועט אים יאָ קענען אויסלייגן אָדער ניט.

— ווער זאָגט דיר דען אז דו ד אַ ר פ ס ט בייטן? דאָ אָבער נעמען וואָס עס איז פשוט אַ מצוה זיי צו בייטן. איך גיי פארביי יעדן טאָג אַ קרעמל וו עס הייגגט אַ שילד „האוזקנעכט׳ס מעבל געשעפט״. הערסט? ניט איין מאָל שוין געוואָלט אַריינגיין צו דעם יידן און אים זאָגן: דו משרת דו, עבד כנעני וואָס דו ביסט, קענסט זיך נישט שיידן מיט אַ נאָמען וואָס עפּעס אַ קירה דייטש האָט געגעבן דיין עלטערזיידן? זאָל איך האָבן די ברכות וואָס קאָהען איז בעסער פון . . . קאוואלטשיק, צי גאָר קאָנאוואלאוו, עפּעס אזא מין נאָמען. איך מוז דיר זאָגן אַז דער קאָהען, אויב אפילו זיין נאָמען איז געווען קאנאוואלאוו, שטאַמט ניט

פון פערד־גנבים. ער איז אַ פרומער ייד און, קענטיק, ער האָט אמאָל אריינגעקוקט אין אַ ספר. ער איז ביי זיך אַ ביסל גדולדיק דערמיט. דארף מען וויסן ווי צו ריידן מיט אים. איז אײדער מיר גייען אריין, דאָ איז שוין דער שאַפּ, דו שווייג, מיש זיך נישט אריין, איכ׳ל שוין ריידן פאר דיר.

לייזער איז געגאנגען, שלום איז אים נאָכגעגאנגען, שמייכלענדיק צו זיך, פון זיך: גיי איך, הייסט עס, דאַווענען אין דער שניידערישער שול ... מ׳נע!

דער „גבאי" פון דער „שניידערישער שול", ישראל קאהען, איז געווען אַ ייד אַ שומר שבת. ער האָט געטראָגן א לאנגע שווארצע באָרד און אַ האַרטן שווארצן קאפעליוש. דער קאפעליוש, אַ לענגלעכער, איז געזעסן אויף זיין קיילעכיקן קאָפּ אַ פרעמדער, דערפאר איז די באָרד, אַ ווילדע, ניט קיין געכאַליעטע, מיט צוויי שארפע שפיצן, געווען אַ היימישע, און זי האָט געזאָגט: איך בין דיר ניט קאָלאָמבוסעס אַ שניידער, איך בין אַ שניידער נאָך פון סודילקאוו, וואָלינער גובערניע, און ניט קיין פּאַלגע, עפּעס אַ שניידערוק, נאָר אַ ייד אַ שניידער, וואָס האָט אריינגעקוקט אין אַן עין יעקב, באלאנגט צו דער חברה משניות. צו באשטעטיקן דאָס האָט ער גאַנץ אָפּט אריינגעבראָקט אַ „פסוק" — ווייס מיט וועמען דו האָסט צו טון. אויסגעהערט לייזערן, האָט ער גענומען זיך קווינקלען: איך ווייס ניט צי עס לוינט זיך מיר. נעם אריין אַ מענטשן, לערן אים אויס די מלאכה, און ער — אכלת ושבעת ו... ברח(כ)ת, געכאַפּט דעם שניט, אנטלויפט ער. געפּטרט צייט אומזיסט. — זיינע אומעטיקע קאווע־ברוינע אויגן האָבן געקוקט אויף שלומען: דאָס וואָס דו וועסט טון, ניט אַזוי?

— מישטיינס געזאָגט צייט. די שניידערישע תורה קען מען אויס־לערנען על רגל אחת. מיר האָט מען צוויי־דריי מאָל געוויזן, אויפן דריטן טאָג שוין געווען אַ פּאָלנער אפּערייטאָר.

— איך בין געווען אין דער לער דריי יאָר.

— הערסט אַ מעשה? זייט איר דאָך אַ בעל מלאכה, און דאָ רעדט זיך וועגן קאלאמבוסעס אַ שניידער.

— הם ... יאָ, קאלאמבוסעס אַ שניידער. אָבער אפילו דאָס דארף מען אויך לערנען.

— נו גוט, איר נעמט אים אריין. צוויי וואָכן אומזיסט, נאָכדעם איז ... גאָט אַ פּאָטער.

— צוויי וואָכן אומזיסט, נאָכדעם נעמט ער דאָס קעפּל אויפן אַקסל און שטעלט פּיס.

— וואָס׳ער קעפּל, וועלכער אַקסל? עפּעס רעדט איר מיר . . .

— איר ווייסט ניט דערפון. ווען איך בין געקומען אהער האָט יעדער אפּערייטאָר געמוזט האָבן זיין אייגן קעפּל צו דער מאַשין. דער אַרבעטער האָט געוואָלט בייטן דעם שאַפּ, האָט ער גענומען דאָס קעפּל אויפן אַקסל און געגאַנגען זוכן אַ נייעם פּלאַץ. בעיני ראיתי. און וואָס מיינט איר? זיינען טאַקע אַרבעטער געזעסן אויף אַן אָרט. איצטער — לייכטע פּאַסאַזשירן, וואָס עפּעס, גייט מען.

— און וווהין וועט ער גיין? מ׳וועט אים אויסכאַפּן? ווי זאָגט מען עס: אויף איין אָרט וואַקסט אַפילו אַ שטיין. איר וועט צו דעם עסק ניט דערלייגן און טון אַ טובה אַ לאַנדסמאַן איז דאָך אויך עפּעס. איר זעצט אים אוועק אַרבעטן . . .

— איר מיינט שוין, איצט?

— נו יאָ, ער האָט זיך שוין אויסגערוט און איז מוכן ומזומן. בלייבט עס אַזוי. איז אַ שיינעם דאַנק און האָט מיר אַ גוטן.

שלומען איז געווען פריקרע צו הערן ווי מ׳רעדט וועגן אים אָט ווי ער וואָלט גאָר ניט געווען דערביי. ווען לייזער איז אַרויסגעגאַנגען האָט ער זיך דערפילט נאָך ערגער: דער טאַטע איז אוועקגעגאַנגען, אים איבערגעלאָזט אין חדר אליין. דער רבי האָט אים צוגעפירט צון אַ מאַשין. — געאַרבעט אַמאָל? — שלום האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף ניין. — דער עיקר איז — ניט מורא האָבן פאַר דער מאַשין. מיראה טויג ניט. זעסט? קוק זיך צו. — אין שלומען האָט עס געקאָכט: שוין אַ באַלעבאָס איבער אים, דוצ׳ט אים. מר. קאַהען האָט ניט באַלעבאַטעוועט. אַ רבי ווייזט דעם יינגל אַ שורה גריזל, הייסט אים נאָכשרייבן, און וועלכער רבי אירצט עס אַ תלמיד? דאָס חדר־יינגל האָט זיך איינגעקוקט ווי דער רבי פּאַרציט אַ נאָדל, לאָזט די מאַשין, שטעפּט אָפּ אַ שטיקל שמאַטקע. דער רבי האָט זיך אויפגעהייבן, האָט ער זיך אוועקגעזעצט, נאָכגעטון דעם רבין און . . . עס איז געגאַנגען.

— פיין! האָסט אַ גוטע תפיסה, — זאָגט ישראל קאַהען, און ביי שלומען אין קאָפּ קלינגט עס אָפּ: אָט אַזוי זשע, יינגעלע, לערן! קמץ אַלף אָ, קמץ בית באָ. — נאַ, דאָ האָסטו געגנוג סחורה. אייל זיך ניט. פּאַמעלעך. אָבער זע דער שטאָך זאָל זיין אַ גלייכער. פאַרשטייסט? דיר וועט עפּעס זיין קשה, וועט זי דיר צווייזן.

„זי" האָט שאַרף אַ קער געטון דעם קאָפּ. צוויי בלויע גאַז־פלעמלעך האָבן אים אַ ברי געטון. דאָס פּנימל אַ קליינס, אַ פּיצל נעזל פאַרריסן ביים סאָמע שפּיץ, אַ מיילעכל אַ קינדערישעס. פונם קינדערשן מיילעכל איז ארויסגעפּאַלן: אַ וותרן! אויף יענעמס צייט! תוך כדי דיבור האָט דאָס מיילעכל זיך ברייטער געעפנט, אויך די אויגן זיינען גרעסער געוואָרן, און זיי זיינען שוין ניט געווען קיין בריענדיקע גאַז־פלעמלעך, נאָר וואַרימע קאָרן בלימעלעך, וואָס גלעטן, צערטלען.

— „'קסקיוז מי" . . .

— וואָס? איר'ט מיר אנטשולדיקן. איך בין אַ . . . גרינער. מיין נאָמען איז שלום גינצבורג.

— אה, איר'ט מ י ר אנטשולדיקן. איך האָב נישט געמיינט אייך. דעם באַלעבאָס האָב איך געמיינט. מיין נאָמען איז רחל, רחל סעגאל.

אַ קליין הענטל, קורצע פינגער, זיי זיינען אָבער צאַפּלדיק, קרעפּטיק, ערשט ווען אויגן קוקן זיך אָן, וויעס לאָזן זיך ארונטער, טיילן זיך אָפּ די הענט. — איך האָף מיר'ן זיין גוטע שכנים.

— איך האָף אויך אַזוי.

גוטע שכנים! זי'ט אים לערנען די מלאכה. ניט צוליב דעם מר. קאהען, חלילה. צוליב זיינע בורשטינענע אויגן, וואָס לויכטן ממש, צוליב זיין איידעלן פּנים, זיינע שווארצע געלאָקטע האָר. אַ גרינער איז ער. זי'ט אים לערנען ענגליש אויך. ס'הייסט ניט זי וועט זיין די לערערין, זי'ט אים אַוועקפירן אין דער אָוונט־שול, ווו זי לערנט שוין אַ זעקס חדשים. ביידע וועלן זיי גיין אין שול. זי'ט אים אויך אריינפירן אין דער יוניאָן, און עס וועט זיין . . . שוועסטער און ברודער.

(3)

מיט דער אָוונט שול האָט שלום זיך ספּראווועט זייער גיך. די ערשטע פּאָר אָוונטן, ביים ארויסגיין פון שול, ווען ער איז געשטאנען אויף די טרעפּ, געוואַרט אויף רחלען, האָט ער פאר זיינע אויגן געזען א מענטשן־שוואל, אין די אויערן אַ קלאנגען־פאל, און ער איז געווען אזוי באַרוישט, אז ווען רחל איז צוגעקומען האָט ער ניט געזען, ניט געפילט, ערשט ווען זי האָט אָנגערירט זיין אָרעם האָט ער זיך אַזאַ צאַפּל געטון אַז זי האָט דערשראָקן אַ פרעג געטון: וואָס איז דער מער?

— איך . . . איך בין געשטאנען, געקוקט און געטראכט: הונ־

דערטער מענטשן, יונגע, אויך עלטערע, מענער, פרויען, יידן, איטאַליענער, גריכן, רוסן, אַ געמיש פון פעלקער, לענדער, שפראכן, און קיינער פרעגט נישט ווער דו ביסט, וואָס דו ביסט, ווילסט לערנען? קום! און אַלץ פריי, אָן אַ גראָשן געלט.

— אמעריקע, א פרייע מדינה, — האָט רחל, שטאָלץ מיט *איר* אמעריקע, מיט איר שול, אַ דריק געטון זיין אָרעם. גוט צו גיין מיט אים אין שול, פון שול געאָרעמט, הערן אים רעדן ענגליש. ער רעדט דאָך שוין ענגליש! ניט אזוי גוט ווי זי, אָבער ער איז דאָך נאָר וואָס געקומען. ער איז . . .

דריי, פיר וואָכן און ער האָט, גייענדיק פון שול, גענומען זיך באַקלאָגן. — עס איז נאַריש, זינלאָז. ער, אַ דערוואקסענער מענטש, זאָל זיצן ווי עפעס אַ שול־יינגל און לערנען: „קעט" אַ קאַץ, „רעט" אַ ראַץ. ס'איז לעכערלעך. דאָס איז אפשר גוט פאַר די וואָס האָבן קיינמאָל גאָרניט געלערנט, אָבער ער, מיט זיין בילדונג . . .

— אפשר א רעד טון מיטן לערער וואָלט מען אים איבערגעזעצט אין אַ העכערן קלאס. (אפשר גאָר אין איר קלאַס. דאָס וואָלט געווען . . .)

— ניטאָ מיט וועמען צו ריידן. אין רוסיש איז דאָ אַ ווערטל: לויט די קליידער באַגעגנט מען, לויטן שכל געזעגנט מען. דאָ אין אמעריקע איז אָבער אַ צרה, וואָס מ'איז אַזוי רייך, אַז אויב איינער גייט אָנגעטון ניט אזוי גוט דארף מען אים שוין אינגאנצן ניט באגעגענען. אויב דו קענסט ניט קיין ענגליש, מעגסטו קענען זעכצן אנדערע שפראכן, ביסטו אַ גאָרנישט. גערעדט מיט דער מיס מארקוס, איר געוויזן מיין דיפּלאָמע. — ער האָט אַ טיקע געטון צו דער ברוסט צו. דאָ, הייסט עס, אין בוזעמקעשענע, ליגט זי, די דיפּלאָמע. — מילא פון לייענען איז דאָך אָפּגערעדט. אלץ וואָס זי האָט געקענט איבערלייענען איז די . . . פאָטאָגראפיע. פרווו איך איר דערקלערן: אָט די דיפּלאָמע ווייזט אז איך האָב גענוג וויסן אַריינצוגיין אין אוניווערזיטעט, ניט זיצן און לערנען „קעט, רעט". ווייסטו וואָס זי האָט מיר געזאָגט? „אָבער איר ווילט זיך דאָך אויסלערנען ענגליש! אין פיר וואָכן האָט איר זיך אויסגעלערנט אפשר פיר הונדערט ווערטער (מער טראָגט ניט איר השגה), דאָס מיינט זייער אַ סך! איר קומט אין שול!" היינט גיי רעד מיט איר.

— מיט איר איז ניטאָ וואָס צו רעדן. זי איז אַן אַלטע מויד.

— איך ווייס ניט ווי אַלט זי איז, אָבער . . .

— זי *איז* אַן אַלטע מויד. געווען עטלעכע וואָכן ביי איר אין

קלאַס. ממש אַ רחמנות אויף איר, קוקט אויף יעדן יונגן מאַן ווי אַ קאַץ אויף סמעטענע און אַז זי רופט איינעם צו דער ברעט עפּעס אָנשרייבן שלאָגט איר אַזש אויס פלעקן אויפן פּנים. אַ מיידל וועט זי נאָך איבער־שיקן אין אַן אַנדער קלאַס, אַ בחור וועט זי האַלטן אַזוי לאַנג ווי זי קען נאָר. מיט איר איז ניטאָ וואָס צו ריידן.

דערהערט רחלס כאַראַקטעריסטיק פון דער מיס מאַרקוס, האָט שלום זיך געכאַפּט אַז, טאַקע, וואָס רחל זאָגט איז אמת, כאָטש ער האָט עס ניט געהאַט באַמערקט. זי האָט אַ שאַרף אויג, רחל . . . און אפשר? אויף ד י זאַכן זיינען פרויען זייער עמפּפינדליך, אָבער אַז די מיס מאַרקוס איז אַ גאָרנישט האָט ער גלייך געזען. — דו ווייסט וואָס נאָך זי האָט מיר געזאָגט? „גייט צו לעקציעס, אין טעאַטער, הערט זיך גוט צו ווי מ׳רעדט ענגליש און רעדט אויף ענגליש. וואַרפט אַוועק אייער רוסיש און רעדט נישט קיין יידיש, עס איז סיי ווי ניט קיין שפּראַך, עס איז אַ זשאַרגאָן, אַ דייטשישער דיאַלעקט“. זי קען אַזוי דייטש ווי מיין קנאַפּל, אָבער זי קען ענגליש, און אַלץ וואָס זי ווייסט איז — רעדט ענגליש!

— דאָס איז זי אפשר גערעכט, מ׳דאַרף טאַקע רעדן ענגליש, איך פּרוּוו טאַקע רעדן, נאָר אַז איך פאַרגעס זיך גיי איך אַריבער אויף יידיש, עס רעדט זיך אַליין. און . . . איך האָב פיינט אַז מ׳רופט מיך . . . רייטשל. מיין נאָמען איז רחל!

— און רו־כע־לע איז נאָך בעסער.

— און שו־לעמ־קע איז אויך גוט.

אָרעמס האָבן זיך אַ דריק געטון, פּנימער האָבן זיך דערנעענטערט, מ׳האָט זיך צעקושט, זיך צעלאַכט, ווידער זיך צעקושט, דאָס מאָל אַ פּאָר־צוויגענער קוש, און מ׳איז אַנשוויגן געוואָרן, אָט ווי ביידע וואָלטן זיך איינגעהערט צו דעם וואָס איז נאָר וואָס געשען.

— לאָמיר אַריינגיין טרינקען אַ גלאָז טיי. — זי וואָלט אים גערופן צו זיך, אָבער וווהין? אַז זי וווינט אין אַ לעכל אינאיינעם מיט נאָך אַ מיידל. ער אויך, האָט נאָר אַ צונויפגעלייגט בעטל ערגעץ ווו ביי זיינס אַ שוועסטערקינד . . .

וואָרטנדיק אויף דער טיי, האָט זי אַ זאָג געטון: — קען איך זען, אַ קוק טון אויף דער . . . דיפּלאָמע?

שלום האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ, אַ שמייכל געטון. — די דיפּלאָמע? אַודאי.

אַלץ וואָס רחל האָט געקענט איבערלייענען איז אויך געווען די . . .

פאָטאָגראַפיע, אָבער זי האָט זי געלייענט אזוי גרינטלעך, אַז שלום איז אַזש געוואָרן אומגעדולדיק ; וואָס קוקט זי דאָרט אזוי לאַנג אויפן פּאַפּיר און וואָס פּיקט זי אים מיט די אויגן ? אַ קוק און אַ פּיק, אַ קוק און . . .

— דער אָריגינאַל געפעלט מיר בעסער. — זי האָט אים דערלאַנגט דעם פּאַפּיר און אירע אויגן, ברייט געעפנט, האָבן באַשטעטיקט : אוי, געפעלסטו מיר ! דערזעענדיק זיין שמייכל, האָט זי אַרונטערגעלאָזט די אויגן, די באַקן האָבן זיך אַ רויטל געטון. ניט געדאַרפט געווען זאָגן . . . וואָס דאַרף זי זיך שעמען ? ער ווייסט סיי ווי. זי . . .

— געפעלט דיר ניט די פאָטאָגראַפיע ?

אוי ווי קלוג ער איז ! — ווי זאָל איך דיר זאָגן ? — איצט האָבן שוין אירע אויגן, איר מויל, אפילו אירע ציין געשמייכלט. — דער פּנים איז אָלרייט, אָבער דאָס רעקל מיטן שטייענדיקן קאָלנער, עפּעס ווי אַ קאַ־טוילישער גלח.

— אַ גלח ! אַלע סטודענטן זיינען אזוי געגאַנגען.

— דאָ אין אַמעריקע גייען די סטודענטן אָנגעטון ווי אַלע, פּשוט, ווי דו גייסט איצט, אַמאָל אפילו אָן אַ שניפּסל. ווערסט אָנהייבן גיין אין אוניווערזיטעט וועסטו זען.

— ווי האַלט מען שוין דערביי. אין אָוונט־שול גייט ער מער ניט. דאָס איז זיכער.

זיינע ווערטער — אַ שטיין אַריינגעוואָרפן אין אַ שטילן טייך. רחל האָט געהערט דעם פּליעסק. דאָס איז ניט אַזוי גוט. אזוי איז זי געווען מיט אים דריי אָוונטן אַ וואָך. איצטער . . .

— ער ווייסט שוין וועגן אַ שול וווּ מ׳גרייט צו מענטשן אַריינגיין אין אוניווערזיטעט. אין דריי, פיר חדשים קען ער דאָרט זיך אויסלערנען גענוג ענגליש אויף אַריינצוגיין אין אוניווערזיטעט. די איינציקע צרה איז — אין ד ע ר שול דאַרף מען צאָלן.

— מישטיינס געזאָגט, וויפל קען דאָס כאַפּן ? אין פאַל פון אַ נויט קען זי . . .

— רחלע ! ביסט אַ ווויל מיידל, אַ ט י י ע ר ע מיידל, אָבער הענט האָב איך אזוי גוט ווי דו, און אויב איך קען ניט שטיין אויף מיינע אייגענע פיס . . .

— איך האָב ניט געמיינט חלילה . . . איך האָב בלויז געזאָגט אין פאַל פון אַ נויט . . .

— אַ דאַנק. אַ שיינעם דאַנק דיר. ביסט אַ ווויל מיידל. (זי וואָלט

אים איצט ארומגעכאַפּט, אים אויסגעקושט די אויגן און . . . זיך גוט אויסגעוויינט. זי האָט עס אפשר ניט געדאַרפט זאָגן. ער איז אזא שטאָל־צער און אזא . . . ערלעכער). איך וועל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. אויב איך וועל דאַרפן זייער נויטיק, וועל איך דיר זאָגן, אָבער איך גלויב איכ׳ל ווי עס איז אויסקומען. מאָרגן אויף דער נאכט וועל איך צוגיין אויסגעפינען.

— ניט מאָרגן.

— פאַרוואָס ניט מאָרגן?

— ווייל מאָרגן גייען מיר צו אַ יוניאָן מיטינג.

— וואָס איז מאָרגן? געדענקט. גאָר פאַרגעסן. איז איבערמאָרגן.

אין אָוונט־שול וועט ער שוין מער ניט גיין מיט איר, זי׳ט אפשר אויך אויפהערן גיין . . . וואָס מ׳לערנט זיך שוין דאָרטן אויס . . . דער פאַר אָבער אין דער יוניאָן, אין שאַפּ . . .

(4)

דאָרטן, אין רוסלאנד, איז אויך געווען אַ „שניידערישע שול". שניידער, שוסטער, זאָקן מאַכערקעס, אפילו פּריקאַזשטשיקעס, זיי האָבן אלע גע־אַרבעט, ווי מ׳וואָלט עס דאָ גערופן, אין שעפּער. דער שאַפּ איז אָבער געווען ניט מער ווי אַ פּאַליש, דאָס אמתע דאַווענען איז געווען אין שול, ביי דער געהיימער פאַרזאַמלונג, וווּ מ׳האָט גערעדט ניט אזוי וועגן דער אַרבעט, און אפילו ניט וועגן דעם אַרבעטער, נאָר וועגן דעם אַרבעטער קלאַס, וועגן דער רעוואָלוציע וואָס ער וועט מאַכן. אמת, ער, שלום גינצבורג, איז ניט געווען קיין אַרבעטער. דער טאַטע אַ מלמד, דער זיידע אַ סופר, דער עלטער־זיידע . . . זיין ספר היוחסין איז ניט געווען קיין פּראָלעטאַרישער, דאָס האָט אים אָבער ניט געשטערט צו זיין מיטן פּראָלעטאַריאַט. דאָ — אַ פּראָלעטאַריער, אַ שניידער, אַרבעט אין אַ שאַפּ, דאַוונט אין אַ שניידערישער שול, אָבער די שול איז אַ . . . פּאַליש.

— אויב אַ „באָס" קען רעכענען פאַר אַ נאָדל וואָס ווערט צעבראָכן ביי דער אַרבעט, רעכענען צוויי מאָל אזוי פיל ווי עס קאָסט אים, האָט מען אים אין דער׳ערד, דעם באָס . . .

— נאָר אַ נאָדל? און אז מ׳מאַכט קאַליע אַ שמאַטקע? אָט ווי איר הערט, א שמאַטקע, טוט זיך דאָך חושך . . .

איינע, אַ צווייטע, אַ דריטער, שלום האָט שוין מער נישט געקענט

אויסהאַלטן. ער האָט אפילו ניט געבעטן קיין וואָרט, ער איז אויפגעשפרונגען: שוועסטער און ברידער . . .

אַ גרויסע, פולע פלאַש וואַסער איבערגעקערט אויף אמאָל מיטן מויל אַרונטער — בול־בול־בול, אָבער עס גיסט זיך ניט פריי, ער האָט געהאַט אַזוי פיל צו זאָגן, אַז די ווערטער האָבן זיך פארטשעפעט איינס אָן אַנדערן, ערשט ווען די „פלאַש" איז עטוואָס אויסגעליידיקט געוואָרן האָט עס אַ שטראָם געטון, שלום האָט זיך צערעדט, די רייד האָבן זיך געטראָגן, געקלאַפט אין די אויערן. — . . . דער ארבעטער קלאַס קען זיך ניט צופרידנשטעלן מיט געווינען אַ . . . נאָדל אָדער אַ שמאַטקע, נאָך אַ פעני אויף אַ בגד, צי אפילו מיט אַ שעה ווינציקער ארבעט אויפן טאָג. דער פראָלעטאַריאַט . . .

— ווער איז ער? — פרעגט בעקי ביי רחלען.

— אָה, ער איז אַ געבילדעטער מענטש. ער ארבעט ביי מיר אין שאַפ. פון דער היים איז ער אַ סטודענט, געווען אַ רעוואָלוציאָנער, אַנטלאָפן אַהער.

— וואָס וואָס, אונטערן צונג דאַרף מען אים ניט פיקן, ריידן קען ער.

— ער לערנט אויף „לויער" . . .

— אָה! כ'זע שוין. — בעקיס געלע אויגן — צוויי רעפלעקטאָרס, אָנגעשטעלט גאַנץ נאָענט. — ביסט פארכליאָפעט אין אים. וועסט אויסהאָדעווען אַ לויער און ער'ט דיר אָנפייפן.

— ביסט אַ מרשעת.

— און דו ביסט אַ פארדאמטער נאַר.

— רעד נישט צו מיר. איך וויל הערן.

— הער! ווער לאָזט דיך נישט? וועט אַ סך ארויסקומען פון זיין ריידן.

שלום האָט פארענדיקט מיט אַ „עס לעבע דער פראָלעטאַריאַט", און אין זאַל האָט זיך אַ שאָט געטון אַ קלאַנגען־פאַל, אפילו בעקי האָט געקלאַפט ביז אירע הענט זיינען געוואָרן הייס. דער פאָרזיצער האָט אויך דערלאַנגט אַ פּאָר פּעטשלעך. ווען דער טומל האָט זיך איינגעשטילט האָט ער אַ קלאַפּ געטון מיטן האמער און מיט אַ פאַרעוווער שטימע גענומען ריידן: — איר האָט אלע געהערט דעם ברודערס פיינעם „ספּיטש", איצטער וואָס דיינקט איר צו טון מכוח די עקסטרא צאָלונגען וואָס די באָסעס לייגן ארויף פאַר נאָדלען און אנדערע „סופּלאַיעס"? קען איך הערן אַ פראַקטישן פאָרשלאָג?

דער פאָרזיצער — אַ משרת, זיין פאַרעווע שטימע, זיין „פּראַקטישן

פאָרשלאַג" — אַ בעזים מיט וועלכן ער האָט אויסגעקערט שלומס רעדע, די בראַוואָ פּאַטשעריי. קיינער האָט ניט געזאָגט קיין וואָרט, ניט געהייבן קיין האַנט.

רחל האָט די גאַנצע צייט פון שלומס רעדן ניט אַרונטערגענומען פון אים קיין אויג, האָט זי דאָך געזען אַז ער האָט גערעדט דער עיקר צו איר, אַפילו ווען ער האָט געענדיקט האָט זי געזען ווי זיינע אויגן האָבן געפרעגט ביי איר: גוט גערעדט? זי האָט ממש ניט געקענט איינזיצן, זי האָט געוואָלט... אָבער נאָכן פאָרזיצערס עטלעכע ווערטער האָט זי דערפילט ווי עמיצער וואָלט אַ לייג געטון אַ נאַסן, קאַלטן האַנטוך איר אויפן פנים. זי האָט זיך אַ צאַפּל געטון, אַ הייב געטון אַ האַנט.

— יע־ס, — האָט דער פאָרזיצער זי „אָנערקענט". — וואָס אַזוינס? איר ווילט מאַכן אַ פאָרשלאַג?

— איך ווייס נישט צי קען איך מאַכן אַ פאָרשלאַג, אָבער איך וואָלט געזאָגט: מע דאַרף רעדן מיט די באַלעבאַטים.

— אָה, ריידן מיט די באַלעבאַטים? ניט קיין שלעכטע אידייע, בתנאי עמיצער זאָל זיך אונטערנעמען פריער אַרויסנעמען די וואַטע פון זייערע אויערן. וויל עמיצער זיך אונטערנעמען דאָס צו טון?

וואָס שווייגן זיי אַלע? און די בעקי, מיט אירע קעצישע אויגן, וואָס שמייכלט זי אַזוי? ווען זי קען... רחל קען גאָרניט טון, סיידן זיך צעוויינען, און דאָס וועט זי ניט טון, זיי אויף צו להכעיס, אים צו־ליב... האָט זי זיך ראַש אַוועקגעזעצט.

— קיינער נעמט זיך ניט אונטער? — האָט דער פאָרזיצער, אָן קיין שמץ פון איראָניע, איבערגעפרעגט, — איז ניטאָ וועגן וואָס צו האַנדלען. גערעדט האָבן מיר שוין גענוג. דער מיטינג איז געשלאָסן. — אַ קלאַפּ מיטן האַמער האָט פאַטאַקעוועט.

ווען שלום קען אַ נעם טון דעם האַמער און דערלאַנגען דעם פאָר־זיצער איבערן קאָפּ! אַזאַ פלאַך־קאָפּ, אַזאַ...! אַ שטימע דאָס האָט. אַ פנים. אָנקוקן קען ער אים ניט! ער האָט אַ נעם געטון רחלען ביים אָרעם: לאָמיר גיין! און דערפילט אַ האַנט אויף זיין אַקסל. — העללאָ, ברודער! וואַרט אַ מינוט. לאָמיר זיך אַנידערזעצן אַ ווײַלע. אָט אַזוי. די פיס טוען מיר וויי. פון וואַנען איז אַ לאַנדסמאַן? אַ רוסישער? לאַנג אין לאַנד? אַ פּאָר חדשים? געדיינקט אַזוי. אייער „ספּיטש" האָט אויס־גענומען. ווי ספּיטשעס גייען, איז עס געווען אַ פיינער ספּיטש, דאָס מוז

איך צוגעבן, איך וויל אייך אָבער זאָגן, ברודער . . . גינצבורג, אַז אויפֿן רויטן פערדל וועט איר ווייט ניט פאַרפאָרן . . .

— וואָס מיינט איר ?

— רויכערט ? אזוי ווי איז צו אייך. איך קען אָן דעם ניט אויס־קומען. — ער האָט ארויסגענומען פון קאמזויל קעשענע אַ האַלבן, פאַר־לאָשענעם ציגאַרעט, פאַררויכערט און אַ בלאָז געטון דעם רויך. — אפילו ביי דער ארבעט מוז איך רויכערן. איז יאָ, וועגן רויטן פערדל. איר זייט אַ רעוואָלוציאָנער ? נו, מיר זיינען אלע רעוואָלוציאָנערן. אָט ווי איר קוקט מיך אָן בין איך אַ סאָציאַליסט שוין אַ היפשע פאָר יאָר, באלאנג צו דער פארטיי און ביי די קומענדיקע וואַלן, איך וועל שוין זיין אַ בירגער, וועט מיין שטימע קריגן ניט קיין אנדערער ווי זשין דעבס. יעס סיר, איך וויל איר זאָלט עס וויסן, אָבער איך ווייס אַז מ י ט מיין שטימע וועט דעבס ניט דערוויילט ווערן. אין אמעריקע, ווו אלץ איז „הארדי אפ״, וועט די רעוואָלוציע פונדעסטוועגן קומען ניט אזוי גיך און ביז זי וועט קומען איז אַ ריינער „טאילעט״ אין שאפ, — „יו׳ל עקסקיוז מי״, — האָט ער אַ זאָג געטון צו רחלען, — יאָ, אַ ריינער טאָילעט איז זייער אַ וויכטיקער עניין, אַז איר׳ט ניט קעמפן דערפאר וועט איר עס ניט קריגן. ס׳איז אָבער גוט צו זאָגן — קעמפן. דאַרף דאָך זיין מיט ווען, מיט וואָס. — ער האָט אַ וואָרף געטון דאָס ברעקל ציגארעט, עס צעריבן מיטן פוס, און מ׳האָט געקענט זען: דאָס צערייבט ער ניט דאָס ציגארעטל, נאָר די קעמפער.

— איר האָט געזאָגט: גיין רעדן מיט די באלעבאטים. דאָס איז פונקט אזוי גוט ווי אָפּשפּרעכן אַ גוט אויג. מיט די באלעבאטים דאַרף מען ק ע מ פ ן, אָן אַ סטרייק וועט מען גאָרניט אויספירן. אָבער גיי סטרייק! וויפל אַרבעטער זיינען דאָ אין פּאַך, ווייסט איר ? אין די טויזנ־טער! און וויפל אין דער יוניאָן ? אַ פאָר הונדערט. און וויפל קומען צו אַ מיטינג ? איר האָט דאָך געזען. און וויפל געלט איז דאָ אין קאַסע ? פיר דאלער. פ י ר דאלער! און גיי סטרייק מיט די פיר דאלער אין קאַסע. קודם דאַרף מען זען עס זאָל זיין אַ יוניאָן, דאָס איז די זאַך. יעס סיר, — ער האָט זיך אויפגעהייבן, ארויסגענומען פון קעשענע אַ דיק שטאָלן זייגערל. — שוין שפּעט. נו, ברודער גינצבורג, — האָט ער אים דערלאנגט די האנט, — איך בין זייער צופרידן זיך צו באקענען מיט אייך. איך האָף איר וועט ניט האָבן קיין פאַראיבל פאר דעם וואָס איך האָב אייך דאָ געזאָגט. טראכט עס איבער. איר זייט אַן אינטעליגענטער מענטש,

דאָס זעט מען, איר קענט אַ סך אויפטון פאר דער יוניאָן, און איך האָף אַז איר׳ט עס טאקע טון, אזעלכע מענטשן ווי איר דארפן מיר, איין זאך זאָלט איר אָבער האָבן אין זינען — דאָ איז נישט רוסלאַנד. מיר זיינען אין אַ מ ע ר י ק ע, און אין אמעריקע דארף מען טון זאכן אויפן אמעריקאנישן שטייגער. מיר׳ן זיך נאָך זען . . .

(5)

די שניידערישע שול, די ענגלישע שול, די אמעריקאנער שול. אין דער שניידערישער שול האָט שלום שוין פאַרנומען אַ בכבודיקן פלאַץ, ניט ביי דער מזרח וואנט, איז אויף דער שפיגל באַנק, ער האָט שוין פארדינט ארום זעקס דאלער אַ וואָך און האָט שוין געטראכט וועגן דער ענגלישער שול, דעם אוניווערזיטעט. אויך דאָס וועט ער שוין ווי עס איז אויסמארקירן, אָבער די א מ ע ר י ק א נ ע ר שול, דאָס פארשטייט ער אינגאַנצן ניט. „אַ קלאָג צו קאלאמבוסן. אמעריקע אַ מדינה״. אלע האָבן געשאָלטן קאלאמבוסן, קיינער האָט ניט געהאלטן פון דער מדינה. שלום האָט קאלאמבוסן ניט געשאָלטן, אָבער וואָס איז אמעריקע? ער האָט שוין געלערנט אמעריקאנער געשיכטע, געלייענט א ביסל אמעריקאנישע ליטעראטור, געלעבט האָט ער אין ניו יאָרק, געזען אימיגראנטן, דאָס רוב יידן. ער גופא איז אין ניו יאָרק געוואָרן מער ייִדיש ווי אין בערעזדיוו אָדער קיעוו. אין בערעזדיוו, גערדיינקט ער, איז געווען איין הויז ווו עס איז אַריינגעקומען די „הצפירה״, קיין יידישע צייטונג האָט ער ניט אָנגעזען ביז ער איז געקומען קיין קיעוו, דוקא דאָרטן האָט ער ווען עס איז געכאַפט אַ יידישע צייטונג, געלייענט האָט ער די „קיעווסקאיא מיסל״, חוץ, פארשטייט זיך, דער אומלעגאלער ליטעראטור אין רוסיש און אין יידיש. דאָ ווידער, כאפט ער אמאָל אַן ענגלישע צייטונג, צוליבן ענגליש, אזוי צו זאָגן, געלייענט האָט ער אָבער אַ יידישע צייטונג, ווייל דאָרטן האָט ער געזען וואָס עס טוט זיך אין ז י י ן וועלט, די וועלט פון אַרבעט, סאָציאליזם, יוניאָניזם, אָבער די ארבעטער וועלט איז על פי רוב געווען אַ שניידערשע און דער סאָציאליזם כמעט אזא סעזאָן ארבעט ווי די שניידעריי, די פּאָר חדשים, ווען מ׳האָט געפירט דעם „קאמפיין״. דאָ זיינען כלומרשט אויך דאָ טעאָרעטיקער פון סאָציאליזם, אָבער ווי קומט עס צו אַ פּלעכאנאָוו, אַ קאוטסקי? ס׳איז ניט דאָס. און די יוניאָנס, דאָס איז פאר אים גאָר אַ רעטעניש, אזוי פיל ארבעטער און קיין אַרבעטער פארטיי. ברויט מיט פוטער, דאָס איז אַלץ וואָס דער אמעריקאנער ארבעטער וויל. אזוי הייסט עס. אַ ליגן. לא על הלחם לבדו . . . זיי

געפעלט ניט דאָס רויטע פערדל? נו, דערויף זיינען זיי דאָך „לייבאָר ליוטענאַנטן". ער'ט זיך טון זיינס. און די „פיר דאָלער אין קאַסע"?

וויפל געלט עס איז געווען אין דער יוניאָן קאַסע האָט שלום ניט געוווּסט אויף זיכער, אַז עס זיינען אָבער דאָ מער ווי הונדערט מיטגלי־דער, דאָס האָט שלום געזען. הונדערט? הונדערטער! טויזנטער! קופּער יוניאָן — א ריזיק פעלד באזעצט מיט קעפּלעך . . . מענטשן, און די קעפּ, אויגן, אויערן זיינען געריכט צו דער בינע, שלינגען די רייד, די פּנימער פון די רעדנער. יידיש מיט אַ ליטווישן, פּוילישן אַק־צענט; ענגליש מיט אַ שטאַרקן יידישן אקצענט, אפילו גאָמפּערס, דער „גרויסער גאָמפּערס" האָט אויך גערעדט מיט אַן אויסלענדישן אקצענט. און וואָס האָבן זיי גערעדט? שלום האָט זיך געדרייט אויף זיין ביינקל. אַי, ווען מ'לאָזט אים ארויף אויף דער בינע! ער וואָלט . . . יעדן מאָל וואָס ער האָט זיך אַ דריי געטון, האָט רחל אומגעדרייט איר קאָפּ צו אים און ער האָט געזען אין אירע אויגן: ביסט עפּעס אַ מבין ווי זיי ריידן? ווען דו זאָלסט רעדן . . . ! דער רעדנער אויף דער בינע האָט קוים פארענדיקט, האָט רחל זיך אַ הייב געטון. שלום האָט שיר שיר זי נישט אַ שלעפּ געטון אויף צוריק. זי זאָל נאָר ניט פאַרלייגן מ'זאָל אים לאָזן ריידן . . .

— מיסטער טשערמאַן!

ניט נאָר דעם „מיסטער טשערמאַנס" קאָפּ, נאָר אַ סך אנדערע קעפּ האָבן זיך אַ דריי געטון אין דער ריכטונג פון וואנען דער רוף, דער געשריי איז געקומען.

— י־ע־ס? —

אין דעם פאָרזיצערס קורצן אָבער צעצויגענעם „י־ע־ס", — ביטול, חשד און אויך מורא.

— איך בין נישט קיין רעדנערן, איך בין אַן ארבעטער מיידל, אַ פּשוטע יידישע ארבעטער מיידל, און איך זיץ און איך הער ווי מע רעדט און מע רעדט, סתם אין דער וועלט אַריין, און צו קיין טאָלק קומט מען ניט. איין מאָל איבער אלע מאָל — מיר סטרייקן אָדער ניט? אין אייניקע שעפּער סטרייקט מען שוין סיי ווי, שלאָג איך פאָר אַז מיר דאָ, איצט, באשליסן ארויסגיין אין אן אלגעמיינעם סטרייק. אָבער טאקע איצט! גלייך! שוין!

אַי, די רחלע! ער וואָלט איר אויסגעקושט אַלע אירע אברים. קענ־טיק אַז ניט נאָר שלומען איז געפעלן געוואָרן די רעדע. דער זאַל איז

צעטרייסלט געוואָרן. אַ קלאַפּעריי פון הענט, אַ טופּעניש פון פיס, געשרייען: הו־ראה! זשענעראַל סטרייק! היטלען האָבן געפּאָכעט אין דער לופטן, איינער האָט גאָר הילכיק אַ פייף געטון, ניט ווייל ער האָט געוואָלט אויספייפן דעם סטרייק, אדרבה, מיטן פייף האָט ער אויפן שטאַרקסטן אופן געלאָזט וויסן אַז ער איז פאַרן סטרייק, אפילו דעם פאָרזיצערס קלאַפּן מיטן האַמער, באַצוועקט איינצושטילן דעם עולם, איז געווען אַ מין באַגלייטונג צו דעם אַלגעמיינעם טומל. איינשטילן דעם עולם האָט דער פאָרזיצער ניט געקענט, האָט ער אַריינגעשריען: אַלע וואָס זיינען פאַרן סטרייק זאָלן אויפהייבן די רעכטע האַנט! און דער דיל האָט ממש זיך אונטערגעהייבן, אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט, ווער עס האָט געהייבן נאָר איין האַנט, גאָר אַ סך האָבן געהייבן ביידע הענט: אין צווייען איז שטאַרקער. רחל האָט געוווּנען! באַשלאָסן אַ גענעראַל סטרייק.

(6)

רחל האָט גערופן דעם סטרייק, און רחל און שלום האָבן געפירט דעם סטרייק. נו יאָ, געווען אַ טשערמאַן פון סטרייק קאָמיטעט, נאָך טשערלייט פון נאָך קאָמיטעטן, אָבער ווער איז איבערגעליגן שיר ניט גאַנצע טעג ביז שפּעט אין דער נאַכט אין די סטרייק לאָקאַלן? ווער איז געווען דער ערשטער אויף דער „פּיקעט ליין"? ווער איז געשלאָגן און אַרעסטירט געוואָרן? רחל און שלום, שלום און רחל.

אַ יאַנואַר פרימאָרגן. די לופט ניט אַזוי קאַלט ווי רוי. ביינאַכט געווען אַ פראָסטל, איצט האָט געיאָגט אַ נאַסער ווינט, אַ בלאָז אין פּנים, האָט עס פאַרכאַפּט דעם אָטעם. דעם קאָפּ איינגענורעט אין די אַקסל, דער קאָלנער פון מאַנטל אויפגעשטעלט אַז ער האָט דערגרייכט ביזן ראַנד פון קאַפּעליוש, און דער קאַפּעליוש אָנגעבעט אינעווייניק מיט פּאַפּיר — אַ סגולה פאַרן פאָליציימאַנס בולאַווע — איז שלום אַרומגעגאַנגען איבערן טראָטואַר, די אויגן אויף דער וואַך ניט דורכצולאָזן קיין „סקעב" און דערבליקן דעם פּאָליציימאַן אין צייט, און . . . וווּ איז רחל? ווי פרי ער זאָל ניט האָבן געקומען האָט ער זי שוין געטראָפן אויפן פּאָסטן, היינט, פאַרשפּעטיקט?

די סקעבס, צוויי שיקסעס מיט אַ מאַן, קענטיק גאָרניט קיין אַרבעטער, זיינען ווי אַרונטערגעפאַלן פון הימל. שלום האָט קוים באַוויזן אַ טראָט טון צו זיי, איז אויסגעוואַקסן אַ פּאָליציימאַן. שלום האָט אַ נורע

געטון, דער פּאָליציימאַן האָט זיך אַ לאָז געטון, די בולאַווע אויפגעהייבן, אָבער עמיצער האָט זיך אָנגעהאנגען אָן זיין אָרעם, ציט אים . . . וואָס פאַר אַ . . . ? ער האָט אַ שאַר געטון מיטן אָרעם, אָפּגעשאַרט רחלען.

— דו האַלט זיך בעסער פון ווייטן, אַניט וועל איך . . . — אַ פאָטאָגראַ־פישע קאַמערא האָט אַ קליק געטון. דער פאָטאָגראַפער־רעפּאָרטער האָט אויף גיך פאַרהאַקט די קאַמערא. — הורא פאַר רחלען! — האָט ער אַ זאָג געטון, אַ וויג געטון מיט די פינגער צום פּאָליציימאַן און נעלם געוואָרן.

— דיך פּאַקן, — האָט דער פּאָליציימאַן נאָכגעשיקט זיין דראָונג דעם רעפּאָרטער און שלומען מיט רחלען געוואָרנט: שטייט ווו איר שטייט. איין ריר, שפּאַלט איך אייך די קעפּ. אָט קומט דער וואָגן. געגאַנגען זאָל ווערן! אריין! האָט ער אונטערגעשטורכעט מיט דער בולאַווע.

— דו שטופּ נאָר ניט אַזוי, — האָט רחל טראָציק געענטפערט. — איכ׳ל אריינגיין, זע אָבער דו זאָלסט ניט ארויסגיין, פליען פון דיין „דזשאָב״.

— אַ־ר־יין!

— גיי אין דר׳ערד! — האָט שוין רחל געשאָלטן. וואָס האָט זי מורא פאַר אים? דאָס ערשטע מאָל?

דער פּאָליציי וואָגן — אַ שטייג אָנגעפּאַקט מיט הינער, דער פּאָ־ליציי צירקל — מער אַ שפּיטאָל ווי אַ פּאָליציי קוואַרטיר. איינער איז געזעסן מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ. ביי אַ צווייטן האָט נאָך געבלוטיקט אַ יאַסלע פון אַן אויסגעקלאַפּטן צאָן, ווער עס האָט זיך געהאַלטן ביי אַ ן אָרעם, און ווער עס האָט באַין אופן ניט געקענט איינבייגן אַ פוס. מיט אַ פאַרלאָפן שוואַרץ־בלוי אויג האָט איינער זיך איבערגעשמייכלט מיט אַ צווייטן, וואָס האָט אויך געהאַט אַ „לאַמטערן״, און זייערע שמייכ־לען אַ מין ביטערע גרימאַסע: אוי, זעסטו אויס . . . ! קיינער האָט זיך ניט געקימערט וועגן די „פּאַציענטן״, בלויז ווען אַ נייער „וואָגן מיט משא״ איז אָנגעקומען, מ׳האָט אריינגעשטופּט נאָך מענטשן, האָבן די פּאָליציסטן זיך צעפירט די הענט, געמאַכט אָרדענונג . . . נאָכדעם איז געבליבן בלויז איינער אַ שומר. און ער, אויסגעצויגן אין דער פולער הויך, בולאַווע אין האַנט, רעוואָלווער ביי דער זייט — די מאַכט אַליין, און די מאכט האָט געשוויגן אָבער געוואַכט, געוואַכט און געדולדיק געוואַרט.

עס האָט גענומען אַ פיר שעה ביז אַלע אַרעסטירטע זיינען „פּראָ־צעסירט״ געוואָרן און ווי נאָר דער „פּראָצעס״ איז געווען פאַריבער האָבן אַלע אַרעסטירטע, אפילו די געניזוקטע און צעקלאַפּטע, זיך פריילעך אַ

לאָז געטון אויפֿן וועג צום סטרייק לאָקאַל. דאָרטן האָט מען זיי אויפגענומען מיט א פריילעכער קלאפעריי.

וואָס איז די שמחה? האָט שלום זיך געחידושט. אים איז ניט געווען אזוי פריילעך אויפן הארצן. דער גאנצער ענין — געשלעג, ארעסט, ניט דאָס ערשטע מאָל, דאָך איז עס אים געווען עפּעס פרעמד, פּשוט אומפאַר־שטענדלעך.

— קוק! זע!

ער האָט דערזען אַ בילד אין צייטונג. ער מיט אַן איינגענורעטן קאָפּ, אויסמיידנדיק דעם פּאָליציימאַנס שטעקן, דער פּאָליציסט, רחל, ווי זי כאפּט אים אַן פארן אָרעם און אַן אויפשריפט: רויטע רחל ראנגלט זיך מיטן „געזעץ״. ער האָט אויף גיך אַ לייען געטון די נייס אונטערן בילד און דערלאנגט די צייטונג רחלען. איר שמייכל ביים איבערנעמען די צייטונג: זעסטו שוין! שיר שיר האָט ער איר אַ פרעג געטון: וואָס אַזאַ גדולה אויף דיר? נאַרישע מיידל. ער האָט געזען אנדערע האָבן אויך געלייענט „זייערע״ נייס. די מערסטע צייטונגען האָבן פריער פאַר־שריען דעם סטרייק און די סטרייקער, אַז זיי זיינען אַ כאַפּטיע אסור לרחם, „פרעמדע״, אזוי ארום אונטערגעגעבן קוראזש די שלעגער אין און אַן מונדירן. נאָכדעם, ווען עס האָט זיך אויפגעהייבן אַ פּראָטעסט, האָבן זיי אינגאנצן פארשוויגן דעם סטרייק, ניטאָ גאָר אַזוינס. בלויז איין צייטונג האָט יאָ געשריבן, איין רעפּאָרטער האָט עס געמאכט פאר זיין „פעלד״ און טאָג איין טאָג אויס עס געדעקט מיט אַלע צען פינגער . . . אַ סך „פיקעטס״ האָט ער שוין געקענט, זיי גערופן ביי די ערשטע נעמען, דער־פון טאקע האָט געשטאַמט די אויפשריפט: רויטע רחל . . .

רחל האָט איבערגעלייענט די נייס, פאַרזיכטיק צונויפגעלייגט די צייטונג און זי אַריינגערוקט אין מאַנטל־קעשענע.

— דאָך ניט דיינע!

— נישקשה. דאָ נאָך. איך וויל עס האָבן.

אַ קינד וויל דוקא האָבן דאָס שפּילעכל. מילא. כאַטש . . . דער גאנצער ענין סטרייק עפּעס פאַרביליקט . . . סענסאַציע . . . אַ סטרייק איז אַ רעוואָלוציאָנערער אקט . . . ניט . . .

דער פאַרזיצער פון סטרייק קאָמיטעט איז צוגעקומען, דערלאנגט די האַנט — אַ גענעראל באגריסט אַ סאָלדאט, וואָס האָט זיך אויסגע־צייכנט אויפן שלאַכטפעלד, און ער וויל אז דער סאָלדאט זאָל זאָגן אַ פּאָר ווערטער די אנדערע סאָלדאטן, זיי אויפמונטערן, אניט וועלן זיי זיך באַלד

צעקריכן. — איר קענט עס. איך ווייס עס! — דער טאָן, דער קוק: מיינסט איך האָב פארגעסן וואָס מיר האָבן אמאָל גערעדט? איך געדיינק שוין גאָר! שלומס קוק: איך געדיינק אויך, און מיט אָפענער איראָניע גיט ער אַ זאָג: — איך קען זיך נאָך צעלאָזן אויפן רויטן פערדל . . .

— היינט מעגט איר פאָרן אויף דעם וויפל איר ווילט. די איינציקע גרעניץ איז די יוניאָן. ד ע ם באַריער גיט אריבערשפרינגען. איז אָפּגעמאַכט? איכ׳ל איינשטילן דעם עולם און איר קענט דערווייל עפּעס צוטראַכטן עס זאָל נעמען אַ צען פופצן מינוט. גייט עס?

שלום האָט זיך ניט פארגאלאָפּירט אויף זיין רויט פערדל. אים איז געווען אָנגעזאָלעט אויפן האַרצן און עס האָט זיך אים געוואָלט שטעכן, בייסן, דעם פאָרזיצער, רחלען, אַלעמען . . .

— שוועסטער און ברידער! ווי דער ברודער טשערמאַן פאַר מיר האָט געזאָגט, זיינען מיר נאָר וואָס צוריקגעקומען פון שלאַכטפעלד, און פון אַ שלאַכטפעלד איז נאטירלעך אז מ׳קומט בשן ועין . . . (דוקא די געניזוקטע האָבן צופרידן געשמייכלט). דאָס שלאכטפעלד איז אָבער די בעסטע שול פארן סאָלדאט. אונדזער שול, די געווייגלעכע, איז די יוניאָן, די „פיקעט ליין״ איז אונדזער אוניווערזיטעט. וואָס האָבן מיר געלערנט? איינעם האָט מען אויסגעקלאפּט אַ צאָן? דאָס איז פון זיין טובה וועגן: ער האָט סיי ווי ניט וואָס צו עסן. (שמייכלען און אפילו געלעכטערס). איינעם האָט מען אונטערגעקלאפּט אַן אויג? אַ מצוה אויף אים, זאָל ער ניט קוקן ווו מ׳דאַרף ניט. און אויב מ׳האָט עמיצן דערלאנגט איבערן קאָפּ האָט ער עס כשר פארדינט: זאָל ער ניט קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקער בעט, סטרייקן ווילט זיך אים. קראנק איז ער סקעבן? זאָגט מיר, איך בעט אייך, איר האָט שוין אמאָל געזען אַז אַ פּאָליציימאַן זאָל שלאָגן אַ באלעבאָס למאי ער לאָזט אריין סקעבס צו זיך אין שאָפּ? (געלעכטער). איר האָט ניט געזען. איך אויך ניט. און אפילו מיט, אָדער אפשר דוקא, מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ, האָט איר געמוזט אַ טראַכט טון: קאפּיטאל און רעגירונג, דאָס איז יד אחת, לייבלעכע ברידער, און ווען מיר קעמפן . . .

שלום האָט זיך אוועקגעלאָזט אין אַ העפטיקן, אָבער שנעלן קאַמף און פארענדיקט האָט ער מיט: מ י ר וועלן ארויס די זיגער! אלץ וואָס מיר דארפן איז שטיין פאראייניקט. אין אייניקייט איז קראפט!

די קראפט פון אייניקייט האָט ער ארויסגעוויזן אין זיין אויפגעהייבענעם פארקרעמפטן קולאק, וואָס האָט אזש געציטערט אין דער לופט,

און געקראָגן האָט ער אַן ענטפער פון אזא קלאפעריי, אז די לופט האָט געציטערט.

— דאָס איז גערעדט!

— גוט געזאָגט!

— וואונדערבאַר!

מיידלעך, בחורים, אפילו דער פּאָרזיצער, וואָס בעת שלום האָט גערעדט, האָט ער זיך געשושקעט מיטן אדוואָקאַט, האָט אים געדריקט די האַנט. — אייער „ספּיטש״ האָט אויפגעטון וואונדער. איר האָט ווירקלעך אויפגעמונטערט דעם עולם און, גלויבט מיר, זיי האָבן עס געדאַרפט. אַ גוטער „דזשאב״, גוט געמאכט!

— יאָ, געווען אַ גוטע רעדע, — האָט אַ זאָג געטון דער אדוואָקאַט, דערלאנגענדיק שלומען די האַנט. — אייך ניט געהערט קיינמאָל פריער. אַ נייער? ווי לאנג אין לאַנד? אה! איך וואָלט טאַקע געוואָלט מיט אייך כאַפּן אַ שטיקל שמועס, אָבער ניט דאָ. צו טומלדיק. לאָמיך נאָר זען . . . שוין באלד צייט צו עסן. ווי וואָלט געווען מיר זאָלן ארונטערגיין כאַפּן אַ בייס?

שלומס קוק איז געשפּרונגען פון אדוואָקאט צו רחלען, וואָס איז געשטאנען, געווארט, געוואָלט אים איבערגעבן אי ר באַגריסונג . . . און צוריק צום אדוואָקאַט. דער אדוואָקאט האָט אַ קער געטון דעם קאָפּ צו רחלען. — אָה! איר קענט גיין מיט אונדז. אודאי קען איך אייך! הער אַ מעשה! איר זייט דאָך עס די, וואָס האָט גערופן דעם סטרייק, ביים מיטינג, אין קופּער יוניאָן. איך געדיינק, אודאי געדיינק איך. איז געגאנגען זאָל ווערן!

(7)

נו, שיסט! — האָט דער אדוואָקאט אַ זאָג געטון, נאָכדעם ווי מ׳האָט באַשטעלט דאָס עסן.

שלום האָט זיך דערפילט אין אַ פאַרלעגנהייט. דער אדוואָקאט האָט דאָך געוואָלט כאפּן אַ שמועס מיט אי ם! האָט ער גענומען שטאַמלען: איך . . . איך בין געווען זייער צופרידן צו הערן אַז אייך איז געפעלן מיין רעדע.

— און איך וויל איר זאָלט וויסן אַז דאָס איז ניט געווען סתם אַ קאָמפּלימענט. — דער קאַלטער קוק פון זיינע גרויע אויגן, זיין דאַרער

אסקעטישער פנים האָט געזאָגט: איך בין ניט סתם אַ קאָמפּלימענטן זאָגער . . . — איר האָט גערעדט גוט, קורץ און קלאָר, און אַ ביסל הומאָר שאַדט קיינמאָל ניט.

— נו, דעם אמת געזאָגט, זיינען מיר גופא אַ סך זאַכן ניט קלאָר. אָט טאַקע היינט. געשלאָגן, אַרעסטירט, פריגעלאָזן. איך פאַרשטיי דאָס פשוט ניט.

— וואָס איז דאָ אַזוינס ניט פאַרשטענדלעך?

— אייך שוין געזאָגט, בין אין לאַנד ניט מער ווי אַ יאָר. קום פון רוסלאַנד. דאָרטן, ווען עס האָט פּאַסירט אַזאַ זאַך, אַרבעטער זיינען אַרויס אין סטרייק, איז עס געווען אַ רעוואָלוציאָנערער אַקט, מ'האָט אַרעסטירט די סטרייקער, איז געווען אַ משפט, ריכטער, אַ פּראָקוראָר, אַדוואָקאַטן־פאַרטיידיקער . . .

— און די אַדוואָקאַטן־פאַרטיידיקער האָבן געהאַלטן לאַנגע, פייער־דיקע דרשות, און די אָנגעקלאָגטע האָט מען . . . פאַרשיקט אין תפיסה . . .

— דער אַדוואָקאַט האָט אַפילו ניט געפּרוּווט באַהאַלטן זיין איראָניע.

— איר קענט זיך לאַכן . . .

— אָט האָסטו דיר! זיך שוין באַליידיקט. אוי, די איראָפּייער! איר ווילט מיך פאָלגן? וואַרפט אַוועק דעם רוסישן אַרשין. סטרייק אַ רעוואָלוציאָנערער אַקט. דרייצן פּריקאַזשטשיקעס, משרתים, וואָס האָבן געחלומט פון ווערן אַליין קרעמער, זיינען אַרויס אין סטרייק, האָט מען געשריען „דאָלאָי ניקאָלאַי", געשטעקט ניקאָלאַיען אַ פייג אין די קע־שענעס, געמאַכט אַ רעוואָלוציע. דאָ איז אַ סטרייק אַ סטרייק. א י ר מעגט סטרייקן און אַ צווייטער מעג „סקעבן", אַי יענער איז אַ פעַרד? איז ער. אַגב, איר האָט מסתם באַמערקט, די צייטונגען שרייבן ניט „סקעבס", דאָס הייסט, פּאַרכעס, אַפילו ניט סטרייק ברעכער, נאָר „ניט סטרייקנדיקע אַרבעטער". ביידע, הייסט עס, אַרבעטער, ביידע פרייע מענטשן. וואָס עס פּאַסירט ווען אָט די צוויי „פרייע" מענטשן קומען אין צוזאַמענשטויס ווייסט איר דאָך. קומט מען אין געריכט, דאָרטן משפט מען ניט פאַר סטרייקן, נאָר פאַר „בלאָקירן דעם טראַפיק", פאַר „ניט אָרדנטלעכער אויפפירונג", דער שופט טוט אַ בורטשע „פינף דאָלער", די יוניאָן באַ־צאָלט די שטראָף און איר זייט ווידער אַ פרייער מענטש.

— אָבער דאָס איז דאָך חוזק!

— חוזק? אייך דערציילן אַ שפּאַס. דאָ אַנומעלטן זיך אָנגעטראָפן אויף אַ שופט אַ טפש, איינער אַ מ'קלעין. צווישן די פאַרנומענע סטריי־

קער געווען איינער מיט אַ פארבאנדאזשירטן קאָפּ, אַ קלאָרע אָנצווזעעניש אויף אַ גלעט פון אַ פּאָליציימאַן. דער ריכטער האָט זיך דערפילט אומ־באקוועם, ער׳ט דאָך אָבער ניט גיין מוסרן „זיין״ פּאָליציי, האָט ער אויסגעלאָזט כל חמתו אויפן צעמזיקטן. — ווייסט איר אַז ווען איר גייט ארויס אין סטרייק באגייט איר ניט נאָר אן עוולה קעגן אייער באלעבאָס, בייסט די האנט וואָס שפּייזט אייך, נאָר איר זינדיקט אויך קעגן גאָט?

— קעגן גאָט?

— יאָ, גאָט! ווייל גאָט האָט געזאָגט צו אדמ׳ן: בזעת אפיך תאכל לחם. האָט איר גאָר ניט געלייענט די דאָזיקע גאָטס ווערטער?

— אָה! — רופט זיך אָן דער ארבעטער, מעשה חדר ייִנגל ביים רבין, — איצט פארשטיי איך שוין פארוואָס מיר האָבן שוויץ־שעפּער . . .

— דער ריכטער, כ׳האָב געמיינט ער׳ט פּלאַצן! — דרייסיק טעג תפיסה אָדער דרייסיק דאלער שטראָף! — האָט ער, גאָר ניט מעשה ריכטער, אויסגעשריען. האָב איך באַצאָלט די דרייסיק דאָלער. דער־ציילט עס אין דער יוניאָן, האָט מען געלאכט: דער קיבעץ אַ ביסל צו טייער, עס האָט אָבער די ווערט. אָט האָט איר עס. אַ קיבעץ בלויז, מיינע אַ רעדע וואָלט געקאָסט נאָך טייערער. פארשטייט איר מיך, עס איז ניט קיין פראַגע פון רעוואָלוציאָנער׳ע דרשות, נאָר פון פּראקטישע מעשים.

— זאָלט איר מיר מוחל זיין, שוין אַ ביסעלע צו פּראקטיש, אַזוי פּראקטיש אז איך חידוש זיך גאָר למאי מיר זייגען ארויס אין סטרייק. צוליב אַ צעבראָכענער נאָדל, צי אפילו צוליב אַ שעה ווינציקער ארבעטן שטייען מיר שוין אין סטרייק עטלעכע וואָכן און ווער ווייסט ווי לאַנג ער וועט זיך נאָך ציען. איז דאָס פּראקטיש? אויף ווי ווייט איך ווייס האָבן די פּראקטישע מענטשן טאַקע ניט געוואָלט רופן דעם סטרייק.

— דאָס איז שוין איר שולד, — האָט דער אדוואָקאט אַ שמייכל געטון צו רחלען, — אָבער קיין שטראף וועלן מיר אויף איר ניט אַרויפּ־לייגן. דער סטרייק האָט געדארפט גערופן ווערן, און טאקע צוליב דער „צעבראָכענער נאָדל״, צוליב א פופציק שעה׳קער ארבעט וואָך, צוליב דער יוניאָן און, אויב איר ווילט, צוליב דער רעוואָלוציע. איר פארשטייט, דער ארבעטער, און אפשר ניט נאָר דער ארבעטער אליין, וועט טאַקע מאַכן די רעוואָלוציע, אָבער מיר זייגען ניט פון יענע אנארכיסטן וואָס האלטן אַז וואָס ערגער אַלץ בעסער. אַ הונגעריקער ארבעטער קען זיך צעבונטעווען, רעבעלירן, אָבער ניט מאכן קיין רעוואָלוציע, קודם דאַרף

דער אַרבעטער מאַכן אַ ל ע ב ן און, איר האָט אַמאָל געלערנט? קשים מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף, מ׳מוז אפילו שפּאַלטן... קעפּ צוליב דעם...

— דאָס איז זיך אפשר אמת, אָבער אַ לעבן מאכן קען מען דאָך פון פּאַרקויפן... קנעפּלעך, זאָקן, צי כ׳ווייס וואָס. זאָלן מיר רופן דעם אַרבעטער ער זאָל ווערן אַ קרעמער אָדער וועקן זיין קלאַסנבאַוווסטזיין?

— מיין ליבער פריינד! רופן דעם אַרבעטער ער זאָל ווערן אַ קרעמער דאַרפט איר ניט. מ׳רופט אים אָן אייך. מיר האָבן גענוג אַרבעטער וואָס זיצן ביי דער מאַשין און חלומען וועגן עפּענען אַ „קענדי סטאָרקע״, ווערן אַ „מאַנופעקטשורער״, אָדער כאָטש אַ קאָנטראַקטאָר. אין די הונדערטער זיינען זיי דאָ. עס זיינען אָבער דאָ צענדליקער טויזנטער יידישע און מיליאָנען ניט יידישע אַרבעטער, וואָס, צי זיי ווילן יאָ, צי זיי ווילן ניט, מוזן זיי בלייבן אַרבעטער זייער גאַנצן לעבן, מיט זיי דאַרף מען אַרבעטן, און טאַקע פון זייערטוועגן, קריגן בעסערע שכירות, קורצערע אַרבעט שעהן, זיי זאָלן לעבן ווי מענטשן.

— „פּיור ענד סימפּל״, — די איראָניע האָט אַזש אויסגעקרימט שלומס ליפּן.

דאָס רעכטע אויג האָט כמעט ווי זיך צוגעמאַכט, דאָס לינקע אויג האָט שפּיציק געשטאָכן שלומען: אַזאַ פויגל ביסטו? דער אַדוואָקאַט האָט אַ לייג געטון דאָס סערוועטל אויפן טיש. — ווייס איך שוין ווו איך האַלט מיט אייך. נו, מיין פריינד, עס איז ניט אַזוי „פּיור״ און ניט אַזוי „סימפּל״ ווי איר דיינקט. איר קענט ניט אַמעריקע. גאַמפּערס געפעלט אייך ניט. איך האָב אים אויך קנאַפּ וואָס ליב, איך מוז אָבער צוגעבן, אַז דעם אַמעריקאַנעם אַרבעטער קען ער בעסער פון מיר מיט אייך. ער ווייסט אַז רייצן דעם אַרבעטערס אַפּעטיט איז גרינגער ווי דערוועקן ביי אים אַן אידעאַל, אפשר טאַקי דערפאַר איז ער געוואָרן ד ע ר אַרבעטער פירער, זיינע יוניאָנס האַלטן זיך. בויען אַנדערע? מ׳האָט עס געפּרוווט, דאָ איצט אויך, עס טויג ניט. צווייערליי יוניאָנס איז ערגער ווי גאָר קיין יוניאָן. מוז מען זיין אין ד ע ר יוניאָן, דאָרטן טון אַרבעט ווי מ י ר פאַרשטייען.

— נו יאָ, בויערן פון אינעווייניק...

— דאָס געפעלט אייך אויך ניט?

— געהערט אַ גוט וואָרט פון דניאל דע לעאָן: די טרייד יוניאָן

מאשין וועט דיר לאָזן בויערן פון אינעווייניק אַ לאָך גרויס גענוג דיך ארויסצוואַרפן . . .

— געהערט דאָס ווערטל. די צרה מיט אים, מיט אנדערע „רעוואָ־לוציאָנערן״, וואָס פאַר זיי זיינען די אַרבעטער, אַלע מענטשן, ניט מער ווי מאטעריאל אויף צו מאכן די רעוואָלוציע, גלייך, שוין! און אז דער אַר־בעטער שרייט: איך קען ניט! זאָל ער גיין צון אל די שווארצע יאָר, דער אַרבעטער. איז ער אַוועקגעגאַנגען צו גאָמפּערסן. אַרבעטער, מענטשן זיינען ניט קיין מאטעריאל פארן סאָציאליזם, דער סאָציאליזם איז פארן מ ע נ ט ש ן, און ער קען ניט געבראכט ווערן איינס און צוויי, אַלץ וואָס מ׳דארף איז ארויפזעצן אַ דע לעאָן אויפן סאָציאליסטישן טראָן, און עס לעבע דער סאָציאליזם! עס וועט ניט ארבעטן. דער וועג צום סאָציאליזם איז אַ לאנגער און אַ שווערער, ניטאָ קיין „קורץ־שניט״, מוזן מיר גיין אויף דעם וועג. קודם — אָרגאניזירן די ארבעטער, שאפן גרויסע, שטארקע יוניאָנס. דאָ קומען מיר, אייגנטלעך, צום ענין וועגן וועלכן איך האָב געוואָלט מיט אייך רעדן. איין מינוט. יאָ, גיט מיר די קאווע.

— און איר? — האָט דער סארווער געפרעגט.

— מיר טיי.

— איך וויל מילך, — האָט רחל, עטוואָס שעמעוודיק, אַ זאָג געטון.

— איז יאָ, וועגן די יוניאָנס. אונדזער סטרייק איז אזוי גוט ווי געווונען. כמעט אַ העלפט באַלעבאַטים האָבן שוין אונטערגעשריבן. פארשטייט זיך, דאָס זיינען על פּי רוב די פלאָטקעלעך, די גרויסע העכט האלטן זיך נאָך צוריק, אָבער זיי׳לן אויך מוזן נאָכגעבן, זייער אייניקייט איז געבראָכן. יאָ, דער סטרייק איז אזוי גוט ווי געווונען, דער געווינס איז אָבער דערווייל א פּאַפּירענער. די באלעבאטים שרייבן אונטער, אויב עס וועט אָבער ניט זיין די שטארקע יוניאָן, וואָס זאָל אכטונג געבן אויפן באלעבאָס וועט ער טון וואָס ע ר וויל. מיט די באלעבאטים דארף מען קעמפן טאָג איין טאָג אויס, ניט דוקא אויף באריקאדן . . . צי אפילו אויף דער „פּיקעט ליין״, נאָר אין שאפּ, דורך דער יוניאָן. דאָ קומען מיר אָבער צו אַ צרה. דער יידישער ארבעטער איז זייער אַ גוטער סטרייקער, דאָס דארף איך אייך ניט דערציילן, ער איז זיך ממש מוסר נפש טאקע פאַר אנערקענען די יוניאָן, אָבער נאָכן סטרייק, קומען אין דער יוניאָן, זי אויפהאלטן, דאָס ניט. שטעלט איצט אָן די יוניאָן מענטשן, אָרגאַ־ניזירער, אריינברייגען די ארבעטער אין דער יוניאָן, זיי האַלטן דאָרט. דאָ קענט איר זייער גוט צונוץ קומען. דעם שאפּ קענט איר, אַ חיתוך

הדיבור האָט איר, אַ סאָציאַליסט זייט איר, גלויב איך אַז איר וואָלט זיך זייער גוט אַריינגעפּאַסט. איך קען אַ רעד טון מכוח אייך.

— אַ שיינעם דאַנק. דאָס איזווירקלעך זייער פיין פון אייך, אָבער . . .

— אָבער וואָס ?

— איך האָב מורא אַז עס וועט ניט ארבעטן.

— פאַרוואָס ?

— צוליב דעם . . . רויטן פערדל.

— אָה ! — דעם אדוואָקאַטס אסקעטישער פּנים איז געמילדערט געוואָרן פון אַ גוטמוטיקן שמייכל. — געהערט וועגן דעם. ניט געפערלעך. אַז מ׳פאָרט ר יי ט נ ד י ק אויפן רויטן פערדל קען מען טאקע אַמאָל פארפאָרן אין אלף השׁשׁי, אָבער אַז מ׳עט עס איינשפּאַנען אין יוניאָן וואָגן וועט עס דעם וואָגן ניט איבערקערן. אַ צו שווערע משׂא. איר דאַרפט בלויז געדיינקען אַז איר ווערט ניט אָנגעשטעלט אויף צו ברייגגען די רעוואָלוציע איבעראכטאָג מאָנטיק דריי נאָכמיטיק. אייער ארבעט דארף זיין ברייגגען די ארבעטער אין דער יוניאָן און זיי האַלטן דאָרטן. דאָס, גלויב איך, קענט איר טון, דערפאר טאקע וואָלט איך געוואָלט איר זאָלט זיך . . . איינשפּאַנען.

— ביי מיר האָט איר געפועלט.

— ביי זיי אויך פועלן. איך בין כמעט ווי זיכער. זאָגט מיר אָבער, איך האָב געהערט אַז איר שטודירט יורי, ריכטיק ?

— איך שטודיר. איך וויל אַריין אין אוניווערזיטעט, געזאָלט זיך פאַר־שרייבן לעצטן הארבסט, אָבער . . .

— אָבער וואָס ?

— אַ פראַגע פון . . . מאַכן אַ לעבן. ארבעטן אין שאפּ און גיין לערנען אין אָוונט איז עפּעס ניט אַזוי . . . לערנען בייטאָג, איז אַ פראגע פון קריגן עפּעס צו טון.

— זעט איר שוין, מאַכן אַ לעבן איז אַ וויכטיקער ענין. לערנען דארפט איר בייטאָג. איך האָב דורכגעמאַכט דעם קורס אין צוויי יאָר, איר קענט עס אויך באוויזן. אויב איר זאָלט קריגן די שטעלע אין דער יוניאָן, און איך בין כמעט ווי זיכער אז יאָ, וועט איר קענען קאָאָרדינירן אייער ארבעט מיט די לערן שטונדן. גייט און רעגיסטרירט זיך פארן פרילינג סעמעסטער, נאָכדעם וועט איר זען. זאָגט מיר אָבער, פאַרוואָס נעמט איר דוקא יורי ?

— וואָס זשע ?

— יידישע בחורים לערנען געווײנלעך אויף דאָקטאָר.

— ווי זאָל איך אײַך זאָגן, עס איז גרינגער. נעמט ווינציקער צייט און קאָסט ווינציקער געלט.

— אפשר אויך אמת. כאָטש אַז איר׳ט מיך פרעגן וועל איך אײַך זאָגן — אויף „לויער" לערנט אײנער וואָס וויל מאכן אַ פּאָליטישע קאַר־יער׳ע, ווערן אַ ריכטער, אַ קאָנגרעסמאַן, אָדער אײנער וואָס איז בטבע אַ . . . פּיאַווקע, אויסזויגן יענעמס געלט. יאָ, מיין פריינד, דאָ געניג פּיאווקעס, אפילו ביי אונדז. רעכט אז אונדזערער אַ לויער, אַ ג ר ו י ס ע ר לויער, זאָל פאר פסקענען אַ שאלה דורכן טעלעפאָן אריינשיקן אַ חשבון אויף הונדערט דאלער.

— גייט שוין גייט.

דער אדוואָקאט האָט דערזען שלומס, דער עיקר רחלס דערשטויגטן קוק, און אים האָט שוין באַנג געטון וואָס ער האָט זיך פאררעדט. דער „גרויסער לויער" איז אים אָבער געליגן אין די ביינער, ניט נאָר איז ער געוועזן זיינער אַ קאָנקורענט, מ׳האָט נאָך געהאלטן פון אים מער, טאקע דערפאר ווייל ער האָט געריסן די הויט. די שטעכלקע איז אים געזעסן טיף אין לייב, האָט ער געמוזט, אויב ניט אַרויסנעמען, איז כאָטש אַ רודער טון.

— יאָ, קיין פּיאַווקעס פעלן ניט, — האָט ער געפּרוווט פאַרריכטן.

— עס זיינען אָבער אויך דאָ לויערס שלימזלס. דעם אָרימאַנס אדוואָ־קאַט, רופט מען אים, און דער נאָמען פּאַסט אים, ער און זיין קליענט ביידע אָרימע לייט, איז וועלכער לויער וועט איר זיין?

— שוין בעסער דער שלימזל. — האָט שלום גוטמוטיק געשמייכלט.

— אויב אזוי, איז גוט, זייט איר פון מיינע מענטשן. די שטעלע וועט איר קריגן. — ער האָט דערלאנגט די האנט שלומען, רחלען. דער־זעענדיק די צעטעלעך פאַרן עסן ביי שלומען, האָט ער זיי ממש אַרויס־געריסן ביי אים. — איך האָב א יי ך גערופן, צאָל איך. איר׳ט אויס־שטודירן וועט איר מיר פונדעוועגן אַ מיטיק. אַ גוטן.

— שו־לעם! — האָט רחל שיר ניט אויסגעשריען און תוך כדי דיבור אים ארומגעכאפּט, אים שטאַרק אַ קוש געטון. זי איז געוועזן אזוי שטאַרק אָנגעלאָדן אַז זי האָט געמוזט אויספּלאַצן אין אַ . . . קוש. דאָס פּיקעטן, דער געשלעג, ארעסט, די פאָטאָגראַפיע אין צייטונג, שלומס רעדע, ער ווערט אָנגעשטעלט אין דער יוניאָן (אין דעם איז זי געוועזן זיכער) און ער׳ט דאָך ווערן אינגיכן . . . אַ לויער!

— משוגענע! אינמיטן גאַס?

— ער געפעלט מיר, — האָט זי ארויסגעזאָגט, ווי איינער רעדט: דאָס האָב איך געטון פונזיינעטוועגן. — דיר?

— ער געפעלט מיר אויך, — האָט שלום געענטפערט ניט אָן אַ שמייכל. אויגן האָבן זיך באַגעגנט: אוי, געפעלסטו מיר! אָרעמס האָבן זיך אַ דריק געטון און שלום און רחל זיינען אוועקגעגאנגען, זייער גאַנג — אַ ריטמישער טאַנץ.

(8)

דער סטרייק האָט זיך געצויגן קנאַפּע דריי חדשים, גענוג קעפּ זיינען געשפּאָלטן געוואָרן, דער סטרייק איז אָבער געוווּנען געוואָרן, די באַ־לעבאטים האָבן נאָכגעגעבן אלע פּאָדערונגען, פון ניט צאָלן פאַר אַ צעבראָכענער נאָדל ביז אַ צוויי און פופציק שעהדיקער ארבעטס־וואָך און אפילו די אנערקענונג פון דער יוניאָן. די יוניאָן האָט געפייערט דעם זיג מיט א באל, און שלום האָט געטאנצט וויפל זיינע פיס האָבן געקענט פארטראָגן.

טאַנצן האָט שלום זיך אויסגעלערנט אין בערעזדיוו, ווען דאָרטן האָט אויסגעבראָכן אַ טאַנץ עפּידעמיע. אַ טאַנץ מייסטער איז ארונטער־געקומען און ווען א מיידל איז געגאנגען עפּעס קויפן, האָט זי אריינגע־טאנצט אין קרעמל; אַ בחורל איז געגאנגען צום ברונעם, איז דער עמער געווען זיין דאַמע, און ער איז ניט געגאנגען, נאָר געמאכט „די פּא״; פּא דע דיו, פּא דע טרוא, פּא דע בורי, פּא און פּא, ביז צוויי „פּא־פּאס״, טאַטעס פון צוויי טעכטער, זיינען אייניציקווייז, בשתיקה, געקומען צום טאַנץ מייסטער און אים געלאָזט וויסן אז ער מוז שטעלן א חופּה מיט זיין טאָכטער . . . און אויף מאָרגן איז פון דעם טאנץ מייסטער ניט געבליבן קיין שפור, אנטלאָפן, פארשוווּנדן. פון בערעזדיוו אָן האָט שלום נישט געטאנצט, ניט אויסגעקומען, איצטער . . . דעם סטרייק האָט גע־רופן . . . רחל, די יוניאָן האָט געזיגט, ער איז שוין אָנגעשטעלט אין דער יוניאָן, גייט שוין אין אוניווערזיטעט אויך, איז געטאַנצט זאָל עס ווערן!

ער האָט געטאנצט מיט רחלען, מיט אנדערע מיידלעך און, טאַנצנ־דיק, האָט ער דערזען ז י. זי איז ניט געווען העכער פון אלע אנדערע מיידלעך, אויך ניט שענער, דאָך האָט זי זיך אויסגעטיילט פון זיי, אַ זון־בלום אין אַ פעלד פון מאָן־בלומען.

— מעג איך האָבן דעם כבוד אייך איינצולאַדן פאַרן נעקסטן טאַנץ?

זיין אָפיציעלע איינלאַדונג, ארויסגעזאָגט מיט גוואַלדיקער אָנשטרענגונג עס זאָל זיך ניט פילן דער פרעמדער אַקצענט, זיין פאַרנייג, זיין מאַך מיט דער האַנט, וואָס האָט עדות געזאָגט אויף פרעמדקייט, אייראָפּעאישקייט, איז געווען אזוי גאַלאַנט־קאַוואַליעריש, אז זי און די פרוי לעבן וועמען זי איז געשטאַנען האָבן זיך איבערגעשמייכלט: קאָמיש אַ ביסל, אָבער ס׳מאַכט ניט, אדרבה, אינטערעסאַנט, און זי האָט זיך געלאָזט גיין מיט אים.

פריער, טאַנצנדיק מיט אַנדערע, האָט ער בלויז באַמערקט איר פּראָפיל. איצט, פּנים אל פּנים, איז איר פּנים ניט געווען אזוי שאַרף. פאַר זיינע אויגן האָט זיך געשפּרייט עפּעס אַ מין דינער גאָז, אַ פאַרפּום אזוי איידל אז ער האָט ניט געקענט כאַפּן מיט וואָס עס שמעקט. ער האָט זי געזען . . . ווי זי באָדט זיך אין אַ וואַנע מיט פּאַרפּומירטע וואַסער, איר לייב — דאָס לייב פון אַ קאַקאָ נוס, ער האָט נאָך קיינמאָל אזא ווייס לייב ניט געזען, און עס איז אזא קאָנטראַסט צו די סאַזשע שוואַרצע האָר, די צוויי צעפּ ארומגעדרייט — אַ קרוין, די אויגן — צוויי שוואַרצע דימענטן אין דער קרוין.

— ווער זייט איר?

זיין גאַנצע געשפּאַנטקייט פון די לעצטע עטלעכע מינוט איז ארויסגעזעצט געוואָרן דורך די דריי ווערטער, און דער שטויס איז געווען אזא שאַרפער, ממש אַ גראָבער, אז ער האָט דערפילט ווי איר אָרעם האָט זיך אַ רודער געטון, אין אירע אויגן דער גלאַנץ פון הארטע קוילן.

— איר זייט ניט קיין שוועסטער.

— שוועס־טער? — די „קוילן" עטוואָס ווייכער, זיי מיניען, חידושן זיך.

— שוועסטער, אַ יוניאָן מיידל, אַ סטרייקערן.

— אָה! — דער שמייכל פון די אויגן גליטשט זיך ארונטער צום ברייטלעכן מויל, פאַרשפּרייט זיך איבער די דינע ליפּן. — ניין, איך בין ניט קיין שוועסטער, וואָס איז דען?

— געדיינקט אזוי. איר זעט עס ניט אויס. טאָ ווי קומט איר אַהער?

— וואָס זשע, דער באַל איז נאָר פאַר שוועסטער און ברי־דער?

וויפל פּנימער די מיידל האָט עס! מיט יעדן טאַנץ־קער קריגט זי אַן אַנדער פּנים, אירע אויגן, ניט נאָר שמייכלען זיי, זיי לאַכן. לאַכן זיי דאָס פון אים? „ברי־דער".

— עס איז א באל פון סטרייקער, זייטיקע מענטשן . . .
— זייטיקע מענטשן זיינען ניט געוווּנטשן ?
— אדרבה, עס איז זייער אָנגעלייגט, אָבער . . .
— נו, איך בין, וואָס איר רופט, א זייטיקע, אָבער ניט אינגאנצן קיין פרעמדע. מיין פריינד מערי, די פרוי וואָס איר האָט געזען, זי האָט אַ סך ארויסגעהאָלפן אין צייט פון סטרייק, זי האָט אפילו באוועגט אונדזערע מיידלעך אין קאללעזש, וועלסלי קאללעזש, בייטראָגן אַ ביסל קליינגעלט פאַרן סטרייק. מיר זיינען געווען אויף אַ קאָנצערט, נאָכן קאָנצערט האָט זי אַ זאָג געטון: לאָמיר צוגיין זען וואָס אונדזערע סטרייקערס מאכן. און אָט בין איך דאָ! — אירע אויגן — איצט פארשטייסטו שוין, דו טפש איינער ?
— וועגן אייערע קאללעזש מיידלעך געהערט, און בין זייער צופרידן צו באַגעגענען איינע פון זיי. אגב, וואָס איז אייער נאָמען ? — זיין שמייכל דערבײַ: הער א מעשה! מ׳טאַנצט און מ׳ווייסט אפילו ניט מיט וועמען.
— גראַסיא מאנטעסינא.
— גראַ־סי־א מאנ־טע־סינא ? — זי האָט געקוקט זען ווי ער נעמט די ווערטער אויפן צונג, — זייט איר אַ שפאנישע ?
ס׳ארא נארישער בחור! ענטפערט אפילו ניט זיין נאָמען, אזוי געפּלעפּט איז ער, און דווקא דאָס געפעלט איר. — דער נאָמען איז אַ שפאנישער, מיינע עלטערן, בעסער געזאָגט, מיינע אור־אור־עלטערן שטאַמען פון שפאַניע, איך בין געבוירן געוואָרן דאָ אין ניו יאָרק און, איר האָט זיך שוין מסתּם אָנגעשטויסן, איך בין א יידישע.
— און אז איך בין אַ ייד דאַרף איך אייך ניט דערציילן. און אָה, ליימענער גולם וואָס איך בין, אייך אפילו ניט געזאָגט ווי איך הייס. מיין נאָמען איז גינצבורג, שלום גינצבורג.
— צופרידן אייך צו באגעגענען, מר. גינצבורג, — האָט זי עטוואָס קאָמיש זיך א נויג געטון. די כּלי זמר האָבן אויפגעהערט שפילן, האָט זי צוגעגעבן, — און עס איז געווען אנגענעם צו טאנצן מיט אייך.
— איר האָט גאָרניט קעגן איבערגיין נאָך איין מאָל . . .
אין משך פון צווייטן טאנץ האָט ער איר דערציילט אַז ער קומט פון רוסלאנד, געווען דאָרטן אַ סטודענט, דאָ גייט ער אין אוניווערזיטעט, האָט אַ שטעלע אין דער יוניאָן. ער האָט זיך געכאפּט אז ער האָט איר ניט דערציילט וועגן זיין ארבעטן ביי דער מאשין, זיך פאַרגעוואָרפן אַז

ער וויל זיך אויספיינען פאר איר און באלד עס בארעכטיקט: און אויב אפילו אזוי, טאָר ער ניט? ער וויל זי זען נאָכאמאָל. זי האָט גאָרניט געהאט קעגן דעם, אָבער ווען און ווו האָט זי ניט געוואָלט זאָגן. — קלינגט מיר אָן, — האָט זי ווי אומגעדולדיק צוגעוואָרפן, פארקוקנדיק אהין, ווו איר פריינד האָט זיך געדארפט געפינען. — פארצייכנט. מיין טעלעפאָן איז ... — דעם אדרעס האָט זי ניט געזאָגט און ער האָט ניט געפרעגט. ער האָט זי צוגעפירט צו איר פריינד און, געזעגענענדיק זיך, האָט ער ארויסגעזאָגט „אָ רעוווּאַר", דער פראנצויזיש, עפּעס אַ מין גרויסע טרינק־געלט מטבע איבערגעלאָזט דעם קעלנער אין רעסטאָראן, זאָל ער וויסן אז דער קליענט איז געווען ניט עפּעס אבי ווער.

טאנצנדיק האָט שלום כמעט קיינעם ניט געזען. נו יאָ, נאָך מענטשן האָבן געטאנצט, אָבער דאָס האָבן בלויז קערפּערס זיך געדרייט, קיין פּנימער האָט ער ניט געזען און אוודאי האָט ער ניט געזען ווי „עמיצער" האָט נאָכגעקוקט זיין יעדן טראָט, יעדע באוועגונג, ערשט איצט האָט ער דערזען איינצלנע מענטשן, פּנימער, און ער האָט זיך געכאַפּט אין פּנים פעלט אים — רחלעס. ער האָט שוין ניט סתם געקוקט, נאָר געזוכט זי און זי — ווי אין וואַסער אריין. שיקט זיך עס זי זאָל האָבן אוועקגע־גאנגען? אפשר ... אַ טונקעלע אנונג אז זי האָט געקענט טון אַזאַ זאַך האָט אים אַ שטויס געטון זי צו געפינען, און ווען ער האָט זי געפונען אין דער גארדעראָבע ביים ארויסנעמען די קליידער, האָט ער זי אַ צי געטון און שיר ניט אויסגעשריען: רחל! ווו ביסטו געווען? ניט גע־קראָגן קיין ענטפער, האָט ער ווידער אַ פרעג געטון: וואָס טוסטו?

— זעסט ניט? איך גיי אַהיים!

— אָבער ...

איר קוק האָט אים געזאָגט: דו בעסער רעד ניט, וועסט זאָגן נאָך אַ וואָרט ... ער האָט אויף גיך ארויסגעקראָגן זיין מאַנטל און היטל, זי אַ נעם געטון ביים אָרעם: דו ווילסט צי דו ווילסט ניט, איך גיי מיט דיר. אין דרויסן שוין האָט ער אַ פרעג געטון: וואָס איז דער מער? וואָס האָט פּאַסירט?

קיין ענטפער.

— איך פרעג דאָך דיך, וואָס איז דער מער?

— גאָרניט.

— גאָרניט איז גוט צו די אויגן.

— טאָ לייג עס צו און לאָז מיך צורו. — אָט אָט רייסט זי זיך

ארויס. ער האָט פאַרשטייפּט דעם אָרעם און פאַרטרוילעך, צערטלעך, געזאָגט, געבעטן: — רחלע, זאָג מיר . . .

— ניטאָ וואָס צו זאָגן. ווייסט עס גאַנץ גוט. דער דריי פון איר קערפּער: אוי, ווייסטו!

ער האָט שוין געוווסט, פאַרשטאַנען, פונדעסטוועגן האָט ער שאַרף אַ זאָג געטון: — איך ווייס נ י ט.

— נעבעך . . . ווער איז געווען די ד אַ מ ע?

די „דאַמע" האָט אַזוי דייטלעך אַ קלאַפּ געטון אַז ס'האָט ניט געקענט זיין קיין צווייפל וועמען זי מיינט. דערפאַר טאַקע האָט ער כלומרשט אַ פרעג געטון: וועלכע דאַמע?

— די דאַמע מיט וועמען דו האָסט געטאַנצט.

— געטאַנצט מיט אַ סך דאַמען.

— די דאַמע מיט די א ו י ר י נ ג ל ע ך.

— אָה, דו מיינסט די שפּאַנקע! — אין דער „שפּאַנקע" אַ היפּש ביסל שפּאַס, שיר ניט שפּאָט. — איר נאָמען איז גראַ־סי־א מאַנ־טע־סי־נאַ. — אין דער צעצויגנקייט פון דעם נאָמען האָט געדאַרפט זיין נאָך מער שפּאַס און שפּאָט, אַרויסגעקומען איז עס ווי ער וואָלט געקייקלט אַ צוקערקע איבערן צונג כדי צו פילן מער די זיסקייט. — איך האָב גאָרניט באַמערקט אַז זי האָט געטראָגן אוירינגלעך.

— אודאי האָסטו ניט באַמערקט. ווי האָסטו געקענט עפּעס באַמערקן, ווען דו האָסט זי געשלונגען מיט די אויגן?

ווי שאַרף דאָס ווייבערישע אויג, דער ווייבערישער חוש — הער, רחלע . . .

— ווער איז זי? — האָט רחל שוין באַפעלעריש געפרעגט. — זי איז ניט קיין אונדזעריקע.

— דאָס וואָס איך האָב איר געפרעגט, — האָט שלום, שוין מעשה אייגענער, זיכערער גערעדט. — האָט זי מיר דערציילט: זי, נאָך אַ פּאָר רייכע ווייבער האָבן ארויסגעהאָלפן מיט אַ ביסל געלט בעתן סטרייק, זיינען זיי געקומען אַ קוק טון ווי די סטרייקער זיינען זיך משמח.

— אהא, געגאַנגען „סלאַמינג". קען זיי, די גבירים, און איך האָס זיי. אַלעמען. און איר וואָלט איך אויסגעדראַפּעט די אויגן.

— גיי שוין גיי, אויסדראַפּען די אויגן. וואָס ביסטו, אַ קאַץ?

— איך האָב פיינט היגטישע שטיק.

ארויסגעזאָגט, האָט זי גלייך חרטה געקראָגן. ניט דאָס האָט זי

געוואַלט זאָגן. זי האָט גאָרניט געוואָלט רעדן אינגאנצן, זי האָט געוואָלט גיין אהיים, זיך גוט אויסוויינען, אָבער אז ער . . .

— הער, רחלע . . . — די פינגער פון דער לינקער האנט האָבן זיך אַ צי געטון צו איר קין. זי האָט שאַרף אַ דריי געטון דעם קאָפּ. — לאָז מיך צורו! — אין דעם אויסגעשריי האָט ער דערהערט אַ געוויין, אין איר דריי מיטן קערפּער האָט ער דערפילט אַ צאַפּל, אָט אָט רייסט זי זיך ארויס פון אים.

— רח־לע! — זיינע ביידע אָרעמס האָבן זיך אַ שטערק געטון, זי איינצאמען, איינקלעמען. זי האָט זיך שאַרף אַ ריס געטון, גענומען לויפן און איידער ער האָט זיך ארומגעקוקט איז זי שוין געלאָפן טרעפּ ארונ־טער אין סאָבוויי סטאנציע. ער האָט זיך געלאָזט נאָך איר. דער פיר־ציינערדיקער באריער האָט זיך אַ דריי געטון, זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ קנאַק. ער האָט זיך אַ שפּאר געטון. דער באריער האָט ניט געלאָזט. ער האָט זיך געכאפּט — אַ ניקל! מ׳דאַרף אריינוואַרפן א ניקל. ער האָט נאָך געהאלטן אין זוכן א ניקל, ווען אַ צוג איז אָנגעפאָרן, טירן האָבן זיך געעפנט, ארויסגעשפּיגן, איינגעשלונגען מענטשן, טירן האָבן זיך פארמאכט, דער צוג האָט זיך אַ ריס געטון, איבערלאָזנדיק א טומלדיקע פּוסטקייט. שלום האָט אַ מאך געטון מיט דער האנט, זיך געלאָזט טרעפּ ארויף.

די פרישע קאלטע לופט אינדרויסן האָט אים א קלאפּ געטון אין פּנים. הענט אין די קעשענעס, האָט ער פארלייגט איין פאָלע פון מאנטל איבער דער צווייטער. פארדאמט זאָל עס ווערן, אזוי קאלט געוואָרן. און ס׳איז געווען אַזוי וואַרעם . . . אַ יום טוב געווען, געקענט זיין אַ ליל טוב . . . און . . . שולדיק איז זי, רחל. און אַז ער האָט געטאַנצט מיט אן אנדער מיידל, איז מה בכן, טאָר ער ניט? די אנדערע מיידל איז גרא־סיא מאנ־טע־סי־נא . . . עזה כמות אהבה, קשה כשאול קנאה . . . ער׳ט מאָרגן גיין צו איר, זי איבערבעטן.

אויף מאָרגן האָט ער גענומען זיך ישובן: צוגיין צו רחלען? זי׳ט דאָך עס אָננעמען אַז ער פילט זיך שולדיק, און ער איז נ י ט שולדיק. ער׳ט גיין צו איר, נאָר ניט היינט. היינט וועט ער . . .

ער האָט אָנגעקלונגען גראסיאן און, דערהערט איר זינגענדיקן „העללאָ״, איר פריידיקן אויסרוף: אה, מיסטער שו־לעם גינצבורג! האָט ער שיר נישט אַ קוש געטון דאָס טעלעפאָן פּיסקל. ביים פאַרקעמען די

האָר, ביים אויסבינדן דאָס שניפּסל האָט ער זיך גוט גוט איינגעקוקט אין שפּיגל . . . ער גייט דאָך זען גראַסיאַ מאַנטעסינאַ!

(9)

שלומס „פּרויען קאַלענדאַר" איז ניט געווען מי יודע רייך אין בלעטלעך, פונדעסטוועגן האָט ער געוווסט — די מיידל וואָס מ׳זעט אין גאַס, צו גאַסט ביי עמיצן, אויסגעפּוצט אינם בעסטן וואָס זי פאַרמאָגט, איז ניט די זעלבע וואָס אין דערהיים ביי זיך. וואָס מער אויסגעסטראַצלט אין גאַס אַלץ מער צעכראַסטעט אין דערהיים, און די אמתע מיידל איז די צעכראַסטעטע. דערזען גראַסיאַן ביי זיך אין שטוב, האָט ער דאָס ערשטע דערזען — ניט צעכראַסטעט . . . האָט זי זיך אויסגעפּוצט צוליב אים? ניין, זי איז געגאַנגען אָנגעטון היימיש, די איינציקע אויספּוצעכץ — אוירינגלעך, איצט האָט ער שוין באַמערקט, אַנדערע ווי די וואָס זי האָט געטראָגן ביים באַל, אויך די האָר אַנדערש פאַרקעמט, אַנשטאָט צוויי צעפּ, אַ קובליק פאַרפלאָכטן ביים נאַקן, די גלאַט פאַרקעמטע האָר האָבן גרעסער געמאַכט דעם שטערן, געמאַכט זי אויסזען אַ סך נידעריקער, איר קוק איז געווען ניט אַזוי פון אויבן־אַראָפּ׳יק, דער שמייכל אין די אויגן פריינטלעך, חבריש.

גאָר ניט פריינטלעך און ווייט פון חבריש איז געווען גרשם מאַנטע־סינאַס קוק. ער איז געזעסן ביים פייער אין אַ גרויסן אָפענעם קאַמין. ווען שלום איז אַריינגעקומען האָט ער אַ קער געטון דעם קאָפּ פון הינטער דער צייטונג, וואָס האָט פאַרשטעלט ניט נאָר זיין פּנים, נאָר אויך דעם אויבערשטן האַלבן קערפּער, און זיין קוק: ווער איז דאָס דער שטערער? אויב עפּעס אַ אורחי פּרחי, איז ער גרייט אַ קער טון דעם קאָפּ אויף צוריק הינטער דעם צייטונגס פאָרהאַנג.

— מיין פאָטער, מר. גינצבורג.

דער פאָטער האָט פּאַמעלעך אַ לייג געטון די צייטונג אינם גרויסן, טיפן שטול, ווו עס איז געווען פּלאַץ פאַר נאָך אַ מענטשן, האָט אַ טיקע געטון מיטן פינגער אינם ברילן־בריקל, וואָס איז געהאַט אַרונטערגע־פאָרן שיר ניט ביזן שפּיץ נאָז און אָנגעשטעלט דעם קוק אויף שלומען. דער קוק האָט ממש געליימט שלומען, אָבער דער אַלטער יידישער געפיל פון: שלום עליכם אַ ייד, און אפשר די אוקראַאינישע צוגעלאָזנקייט, האָט

גובר געווען, ער האָט דערלאַנגט די האַנט. דער פּאַטער האָט זיך עטוואָס אונטערגעהייבן אין שטול און דערלאַנגט די . . . שפּיץ פינגער.

— צופרידן אייך צו קענען, — האָט שוין געזאָגט דער אַמעריקאַנער מר. גינצבורג און, ניט געקראָגן דעם אַמעריקאַנעם ענטפער, איז ער געבליבן אָן לשון. ער האָט אויך ניט געוווּסט ווי זיך אַהינצוטון, בלייבן שטיין, זיך אַוועקזעצן?

— זיצט! — האָט גראַסיאַ אַרויסגעהאָלפן. — איר'ט טרינקען קאַווע מיט אונדז. איר'ט מיר אַנטשולדיקן אויף איין מינוט, — האָט זי אַ שמייכל געטון און אַרויס פון צימער.

אויג אויף אויג מיטן „אַלטן", האָט שלום מיט די אויגן געפּרוווט דערגיין וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש. קודם די יאַרמעלקע און די באָרד. ישראל קאַהען מיט זיין האַרטן קאַפּעליוש האָט זיך אַ שטעל געטון. אויף יענעמס קאָפּ איז דער אַמעריקאַנער קאַפּעליוש געזעסן אַ פּרעמדער, קאָפּ לחוד, קאַפּעליוש לחוד, ד ע ר, זיין יאַרמעלקע, עפּעס ניט קיין פרומע יידישע יאַרמעלקע, אָבער ער וואָלט געמעגט שווערן דער מענטש איז געבוירן געוואָרן מיט דער יאַרמעלקע אויפן קאָפּ, זי איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך געעלטערט מיט אים. אויך די באָרד, ניט ישראל קאַהענס „ווילדע" באָרד מיט די צוויי שפּיצן. ד י באָרד, ביי די זייטן עפּעס אַ גרויע סטערנע פון אַ שלעכט אָפּגעשניטן פעלד, ביים קין — אַן אַלטער בעזים, אַ דראַפּיטש, אויסגעטראָגן ביזן סאַמע סוף, גרוי, האַרט, שטעכיק, דער גאַנצער מענטש — האַרט. אין אָט דעם האַרטן מענטשן האָט שלום געזוכט זיין טאָכטער און זי ניט געקענט געפינען. אפשר געראָטן אין דער מאַמע. די מאַמע, קענטיק ניטאָ. סיידן אפשר די אויגן, שוואַרצע, ווי ביי איר, אָבער דורך די ברילן שווער צו זען.

— נו, מיסטער . . . איר'ט מיר אַנטשולדיקן, ניט געכאַפּט אייער נאָמען.

— גינצבורג. שולעם גינצבורג.

— שו־לעם? שו־לעם? וואָס איז דאָס פאַר אַ נאָמען?

— אַ יידישער, העברעאישער נאָמען, שלום, פרידן.

— אָה! איר מיינט שאַ־לאָם! — דער נאָך־טאָן: טאָ רעד זשע אַזוי!

— נו יאָ, לויט דער ספרדישער הברה איז עס שאַ־לאָם, — האָט שלום, ניט אָן אַ שמייכל אַ זאָג געטון. דער שאַ־לאָם, ווי דער אַלטער האָט אים אַרויסגעבראַכט, האָט געקלונגען . . . טערקיש, אָבער זאָל זיין טערקיש, אַבי הערן אַ וואָרט. — איר זייט אַ ספרדי, ביי אונדז אשכנזים, אין וואָלין, רעדט מען עס אַרויס שו־לעם.

— ווו איז דאָס, וואָס איר האָט געזאָגט?
— וואָלין, רוסלאַנד.
— אה, רוס־לאנד! איר האָט דאָרטן אַ צאַר.
— יאָ, אַ צאַר, — האָט שלום באַשטעטיקט מיט אַ שמייכל: דעם יידנס ידיעות וועגן רוסלאַנד מוזן זיין גוואַלדיק. וואָס פאר א מענטש איז עס?
גראַסיא, נאָך איר אַן עלטערע פרוי, האָט אריינגעפירט אַ טיש־וועגעלע מיט קאווע, צובייסן. — לאָזט עס אזוי, — האָט גראַסיא אַ זאָג געטון און די אלטע איז ארויס אזוי שטום ווי זי איז אריינגעקומען, בלויז מיט די קליינע שווארצע אויגן אונטער דעם קורצן שטערן אַ פּיק געטון שלומען.
— מיר טרינקען, וואָס מ׳רופט, טערקישע קאווע. — גראַסיא האָט אוועקגעשטעלט פאר שלומען אַ קליין, דין, פאַרצעלייען טעפּעלע. — איר ווילט עס מיט צוקער? דער טאַטע טרינקט עס אָן צוקער, איך אָבער האָב אַ „זיסן צאָן״, טרינק עס מיט צוקער, און אַ היפּש ביסל.
— מיט צוקער! — זיין שמייכל דערביי: צווישן דיר און דיין טאַטן קלייב איך אויס . . .
מ׳האָט ניט געטרונקען די קאווע, נאָר געזויגן, צווישן איין זויג און צווייטן האָט גראַסיא גערעדט, דערציילט איר פאָטער ווי לאנג ער איז אין לאנד, אַז ער גייט שוין אין אוניווערזיטעט, לערנט יורי. ער האָט געזען זי וויל אים פאַרשטעלן פאר איר פאָטער אין בעסטן ליכט, און דאָס איז אים געפעלן געוואָרן, צו דער זעלבער צייט האָט ער זיך געפילט עפּעס פּריקרע, אָט ווי דעמלט ווען לייזער האָט גערעדט וועגן אים צו ישראל קאהען, נאָר מילא, זאָל זי רעדן וואָס זי וויל, ווייל ווען זי רעדט ניט, ער זאָל דארפן זיצן און ש ו ו ײ ג ן מיט איר פאָטער, וואָלט געווען גאָר שלעכט. דער פאָטער האָט אויסגעטרונקען זיין קאווע, אַ דריי געטון דעם קאָפּ, און מאָמענטאַן האָט די טאָכטער זיך אויפגעהייבן, אים דערלאנגט אַ קעסטל ציגאַרן. ער האָט איבערגענומען דאָס קעסטל, דאָס אַ שטרעק געטון צו שלומען. ווען שלום האָט, מיט אַ שולדיקן שמייכל, אַ זאָג געטון: אַ דאנק, איך רויכער ניט, האָט דער אלטער אַ קוק געטון אויף אים: אויך מיר אַ מענטש! רויכערט אפילו ניט. פּאַמעלעך, מע־טאָדיש האָט ער ארומגעשניטן דאָס קעפּל, פּונקט אזוי פּאַמעלעך לאַנג געצונדן דעם ציגאַר, ער זאָל זיך אָנצינדן ארום און ארום און, פאַררויכערט, איז ער פארשוונדן הינטערן רויך פאַרהאנג — ניטאָ אים!

— דו, פאָטער, רויכער דיין ציגאַר און איך, מיר וועלן ארויסגיין כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט.

— דו גיב בעסער אכטונג זאָלסט ניט כאַפּן קיין פאַרקילונג.

וויל ער ניט זי זאָל גיין מיט אים? וויל זי טאַקע גיין מיט אים שפּאַצירן, אָדער וויל זי דאָס אים וואָס גיכער ארויספּראַוואַדען? אויב אפילו אזוי, איז נאָך אלץ בעסער ווי זיצן דאָ מיט אים. ביים זעגענען זיך האָט שלום אפילו ניט אַ טראַכט געטון וועגן דערלאַנגען די האַנט אָדער איבערחזרן דעם אמעריקאַנעם פּזמון: צופרידן וואָס איך האָב זיך מיט אייך באַקענט, אַן אָפּגעריסענע „גוטע נאַכט", און ער איז נאָכגע־גאַנגען גראַסיאַן.

— איין מינוט, איכ'ל בלויז ארויפנעמען אויף זיך אַ מאַנטל.

אין דעם לייכטן, אָבער גוטן וואָלענעם מאַנטל, אין דער היטל מיט אַ ברייטן ראַנד האָט זי אויסגעזען אַנדערש. וויפל פּנימער די מיידל האָט עס! זי האָט אים ניט געלאָזט לאַנג טראַכטן. גלייך ווי זיי זיינען ארויס אין גאַס האָט זי אַ פרעג געטון: נו, ווי געפעלט אייך מיין פאָטער?

די פראַגע איז געקומען אזוי אומגעריכט אַז שלום האָט זיך שיר ניט אָפּגעשטעלט.

איר שטימע, אַ ווייכע, האָט ממש געבעטן: זאָג אַז ער געפעלט דיר. ביי זיין בעסטן ווילן האָט ער איר ניט געקענט צוליב טון. וועגנדיק זיינע רייד, האָט ער קוים ארויסגעבראַכט: דעם אמת געזאָגט, האָב איך נאָך ניט פאָרמירט קיין מיינונג. איז ער . . . רעליגיעז?

— רעליגיעז? וואָסי דען?

— זיין יאַרמעלקע, באָרד . . .

— אָה, דאָס! — זי האָט זיך צעלאַכט אזוי גוטמוטיק אַז שלום האָט געקענט הערן זי לאַכט ניט פון איר טאַטן, נאָר פון אַ געראָטן קינד, וואָס האָט אָפּגעטון אַ געלונגען שפּיצל. — דאָס איז פשוט אַן ענין פון צו־פּאַסן זיך צום געשעפט. עס איז אַ קאָלאָניאַל געשעפט, אַלערליי ווייַנען, פּישן, געווירצן, דאָס רוב אימפּאָרטירטע פּראָדוקטן. אזוי הייסט עס טאַקע: „מאַנטעסינא אימפּאָרטינג פּראָדוקטס". דאָס געשעפט האָט נאָך עטאַב־לירט זיין פאָטער מיט אַ יאָר . . . זיבעציק צוריק. די קונים, על פּי רוב גבירים, ביי וועמען דאָס וואָרט „אימפּאָרטירט" איז אַ גאַראַנטיע אויף גוטסקייט, פון אמעריקע קומט קיין גוטס ניט ארויס . . . און מאַנטעסינא איז ד ע ר אימפּאָרטער, פריער דער אַלטער, נאָכדעם דער יונגער, און דער יונגער האָט גענומען גיין אין טאַטנס דרכים. דער טאַטע האָט גע־

טראָגן אַ באָרד, האָט ער זיך אויך פאַרלאָזט אַ באָרד, דער טאַטע האָט געטראָגן אַ יארמעלקע, האָט ער עס אויך אָנגעטון. ער זאָגט דאָס פאַרהיט אים פון פארקילונגען, און, ווירקלעך, איך געדיינק ניט ער זאָל ווען עס איז האָבן א פארקילונג, אָבער עס איז ניט מער ווי א געוווינהייט, אַ רעזולטאַט פון צופאסן זיך, ער האָט אפילו באוויזן צו מאכן זיין אקצענט א ביסל אויסלענדיש, כאָטש ער איז געקומען אהער א קליין קינד, אויסגעוואקסן אויף ענגליש, ער קען אַ ביסל שפאניש, פון זיין פאָטער, אויך פאָרטוגעזיש און איז, פאר די רייכע, ד ע ר אימפאָרטירער, אָט ווי זיין פאָטער איז געווען, ער אליין איז . . . אימפאָרטירט, — האָט זי שוין נישט געלאַכט, נאָר געשמייכלט. וואָס איז שייך רעליגיע ? אויף אַ געוויסן אופן איז ער יאָ רעליגיעז. ראש השנה און יום כיפור גייט ער אין שול, אויך ווען ער האָט יאָרצייט נאָך זיין פאָטער גייט ער זאָגן קדיש און אין הויז צינדט ער אָן אַ ליכט אויף א גאנצן מעת לעת. איך צינד אויך ליכט. יעדן פרייטיק פארנאכט צינד איך אָן ליכט, אזוי זינט איך געדיינק, דאָס הייסט, זינט די מוטער איז געשטאָרבן. מרים, אונדזער קעכן, די פרוי וואָס האָט אריינגעבראכט די קאווע, זי האָט עס מיך אויסגעלערנט, איצט איז עס שוין אַ געוווינהייט. אָה יאָ, שבת גייט ער אין געשעפט, שבת איז דער בעסטער טאָג, אין אַ שבת קען מען אַמאָל אַריינלייזן אַ טויזנט דאלער, אויב ניט מער. יום טובים, חוץ ראש השנה און יום כיפור, גייט ער אויך אין געשעפט, פסח ריכט ער אָפּ אַ סדר, אין הויז טאָר ניט אריינקומען קיין חמץ, אין דרויסן אָבער, עסט ער ברויט, אַלע אַנדערע גויישע מאכלים, חוץ חזיר, דאָס קען ער נישט פאַרטראָגן. פאַקטיש, איך עס אויך ניט קיין חזיר, „בייקאָן" יאָ, „העם" ניט. עסט איר חזיר ?

— ניין, ער האָט קיינמאָל ניט געגעסן קיין חזיר, ווייסט אפילו ניט וואָס פאַר אַ טעם דאָס האָט. — ארויסגעזאָגט, האָט ער זיך אליין געחידושט : ווי קומט עס טאַקע ? ער האָט גאָר קיינמאָל ניט געטראכט וועגן דעם, איצטער גייענדיק מיט איר . . .

ביי אַ שעה צייט האָבן זיי שפאצירט. אין דער שעה האָט ער זיך דערוווסט שיר ניט איר גאנצע געשיכטע. די מאמע איז געשטאָרבן זייער יונג, זי איז אַ בת יחידה, לכתחילה האָט דער פאָטער ניט געוואָלט אפילו קוקן אויף איר, ער האָט געוואָלט אַ זון, און זיין גאנצן לעבן געטראָגן אַ פאַרדראָס אויף דער מאַמע למאי זי האָט אים געבוירן אַ טאָכטער, אָבער ווען זי איז געשטאָרבן, האָט זיין גאנצע ליבע זיך געווענדעט צו איר,

ער איז ממש פ אַ ר ל י ב ט אין איר, און זי האָט אים אויך ליב, אָה, זיי קריגן זיך, גאַנץ אָפט רייסט מען זיך ממש פאַר די נעז, אָבער מ׳האָט זיך ליב סיי ווי, האָט זי פאַרענדיקט מיט אַ שמייכל.

אירע ביאָגראַפישע פּרטים זיינען געווען שוין אַ ביסל צופיל פאַר אים. ער האָט אפילו אַ טראכט געטון אַז זי מוז זיין ניט איבעריק קלוג, ער האָט דערוואַרט זי זאָל זיין מער רעזערווירט, צו דער זעלבער צייט האָט ער זיך געכאַפּט אַז אויך ער האָט איר דערציילט אַ סך זאכן, וואָס ער האָט . . . רחלען ניט דערציילט. ביים סוף פונם שפּאַציר זיינען זיי שוין געווען אַלטע באַקאַנטע, פריינט, און עס איז שוין ניט געווען קיין פראַגע צי וועט מען זיך זען נאָכאַמאָל, נאָר ווען און ווו. דאָס מאָל האָט ע ר שוין געזאָגט אַז ער וועט אָנקלינגען. זי וויל ער טאַקע זען, אָבער פאַרברייינגען מיט איר פאָטער . . . ער וועט זי גאָר ארויסרייסן פון אָט דעם פאָטערס הויז . . . יאָ, דאָס וועט ער טון . . . אָבער דאָס האָט גאָרניט צו טון מיט רחלען . . . מיט איר וועט ער זיך איבערבעטן . . .

(10)

פון וואַנען נעמט זיך אַ ליבע ?
פון ריידן, און פון שמועסן, און פון לאַכן . . .

טעג, ווען שלום און רחל זיינען געזעסן אַקסל צו אַקסל, מאַשין ביי מאַשין, מ׳האָט זיך איבערגעביטן מיט אַ וואָרט, די מאַשינען האָבן אַריינגעשטעמפּט אַ שמייכל — יענע טעג זיינען געווען דער פונדאַמענט פון זייער ליבע בנין ; אָוונטן, ווען מ׳איז ביידע געגאַנגען אין און פון שול, אָרעם אין אָרעם, מ׳האָט גערעדט, געלאַכט און מיר ניט דיר ניט זיך צעקושט, יענע אָוונטן — וועגט ארויפגעצויגן אויף דעם פונדאַמענט ; די פרימאָרגנס, ווען מ׳איז געגאַנגען „פּיקעטן״, געקראָגן קלעפּ, ארעסטירט געוואָרן — דער דאַך ארויפגעצויגן אויפן בנין. דאָס אַלץ איז געווען פאַרביי, דער בנין איז געשטאַנען אַ ניט פאַרענדיקטער, שלום און רחל האָבן זיך ניט אריינגעקליבן אהין, יעדער איינער האָט אפילו מורא געהאַט צוגיין צו נאָענט, איין פאַלשער טראָט, און דער בנין וועט אינגאַנצן צעטרייסלט ווערן, איינפאַלן. מ׳האָט זיך געטראָפן, גערעדט ווי אַלטע גוטע פריינט, אָבער דער בנין־סקעלעט איז געשטאַנען פאַר די אויגן.

אין רחלס שאָפּ איז פאָרגעקומען אַ געשלעג. צוויי שטעפּער, דזשעק

און לואי, האָבן זיך צעשלאָגן צוליב אַ בינטל ארבעט. מ׳האָט גערופן אַ שאַפּ מיטינג, מ׳האָט זיך געהיצט, געקאָכט און באשלאָסן אויסקלייבן אַ נייעם שאַפּ טשערמאַן, ער זאָל טיילן ארבעט און זען אז עס זאָל ניט קומען צו קיין געשלעג. אויסגעקליבן האָט מען רחלען. שלום, ווי דער יוניאָן אָרגאניזירער, האָט עס באדארפט לאָזן וויסן קאהענען.

שלום איז געקומען אין שאַפּ אריין שפּעט פארנאכט ווען די ארבע־טער האָבן שוין באלד געדארפט גיין אהיים. ישראל קאהען האָט אים אויפגענומען גאנץ פריינטלעך, הגם ניט אָן איראָניע. — אָה, אַ גאַסט! געהערט ביסט געוואָרן אַ גאַנצער מאַכער אין דער יוניאָן. איז מה לכהן בבית הקברות?

— דער כהן זייט איר דאָך, מיין נאָמען איז גינצבורג, אויב איר געדיינקט.

— געדיינק, אודאי געדיינק איך. איך האָב אָבער געוווּסט אַז דו וועסט לאנג ניט זיצן און דרייען די קאַטערינקע. נו מילא, — האָט ער אַ שאַר געטון דעם קאפּעליוש אויף ארויף — איז וואָס וועסטו זאָגן גוטס?

— געהערט אז אין שאַפּ איז פאָרגעקומען אַ געשלעג.

— אַ געשלעג. זיך געריסן איבער אַ בינטל ארבעט. אַ נאָווינע ביי גאָט.

— דאָס איז די צרה, וואָס עס איז ניט קיין נאָווינע, טאקע דערפאר דארף מען עס אָפּשטעלן.

— ווען צוויי הינט זיך רייסן זאָל זיך אַ דריטער ניט מישן, — האָט קאהען עטוואָס שפּאָטיש אַ זאָג געטון. פון זיינע פארשמעלערטע אויגן איז ניט געווען קלאָר וועמען ער מיינט מיטן דריטן הונט.

שלום האָט ניט אָן אַ שמייכל אַ קוק געטון אויף אים. — ד ע ר פּסוק איז אַ גויישער, אַ רוסישער, דאָ אָבער, רב ישראל, א גמרא, אַ יידישע: שנים אוחזין בטלית . . . איז דער דין יחלוקו..

— אזוי. אַ גאַנצער רב געוואָרן. נו, אפשר וואָלסטו זיך אונטער־גענומען פּסקענען די שאלה פאַר זיי, — האָט ער אָנגעוויזן אויף די ארבעטער אין שאַפּ.

— קהל האָט שוין אויסגעקליבן אַ רב. די יוניאָן האָט באשלאָסן אַז דער שאַפּ טשערמאַן איז רחל, רחל סעגאַל, און זי דארף טיילן די ארבעט.

— אַזוי גאָר, אַ רביצין, הייסט עס. נו, מהיכא תיתי, איך האָב גאָר־ניט קעגן דעם, אָבער מיט איין תנאי, איידער זי טיילט אויס די ארבעט זאָל זי זיך שואל עצה זיין מיט מיר.

— הייסט עס, די רביצין איז אַ רביצין, נאָר פּסקענען זאָל דער רב.
— איך האָב ניט געזאָגט פּסקענען. אויב דו דיינקסט אַז מיר גייט עס אַזוי אין לעבן זיך רייסן מיט די אַרבעטער מאַכסטו אַ גרויסן טעות. עס זיינען אָבער דאָ זאַכן וואָס דער רב ווייסט און די רביצין ווייסט ניט.
— דהיינו?
— דהיינו? — קאַהען האָט ווידער אַ שאַר געטון דעם קאַפּעליוש.
— דו ווייסט'אַך, דאָ ביי מיר ביליקע ארבעט און בעסערע, דאָס זעלבע מיט די בעל מלאכות, דאָ שיסער אָבער קאַליקעס און דאָ אַ פּאָר בעל מלאכות, וואָס ווייסן יאָ וואָס אַ שטיקל אַרבעט איז. גיבן די קאַליקעס אַ גוט שטיקל ארבעט קען איך ניט, איינער וועט מיר איבערפּירן אַין בגד איז שוין אין דר'ערד מיין געלט. גיבן, ווידער, אַ גוטן בעל מלאכה אַ ביליק שטיקל ארבעט איז ווי אוועקזעצן אַ גמרא מלמד לערנען מיט דרדקי יינגלעך אלף בית. ניט פּאר אים, ער'ט גאַרניט מאכן. האָסטו דיר נומער איינס. נומער צוויי — טיילן אַרבעט, גלייך אויף גלייך, הייסט עס. ווי איז אָבער דער דין אַז איינער איז אַ בחור אָדער א מיידל און אַ צווייטער האָט אַ ווייב מיט דריי פּיצלעך קינדער? על פּי דין דארף ער ניט קריגן מער ווי אַן אנדערער, אָבער ווו איז יושר? — קאַהענס פינגער האָבן אַ קעם געטון די לאנגע באָרד, אַט ווי זיי וואָלטן דאָרטן געזוכט און געפונען דעם יושר.
— אייער טענה איז אַ גערעכטע טענה, איכ'ל אַ רעד טון מיט רחלען וועגן דעם. זי איז ניט קיין נאַר און זי'ט האנדלען על פּי שכל און על פּי יושר. דער עיקר איז, ברעכט אויס אַ סכסוך, וועלכער סכסוך ס'זאָל ניט זיין, דאַרפט איר רעדן מיט איר, זי איז דער שאַפּ טשערמאַן.
— ווי איך זע האלסטו פון איר אַן עולם ומלואה . . .
גיט ער עס אַנצוהערעניש אויף . . . ?
— מר. קאַהען! ניט א י ך האָב זי אויסגעקליבן פּאַר שאַפּ טשער־מאַן, די יוניאַן, די ארבעטער, זיי האָבן זי אויסגעקליבן. — „די יוניאָן, די אַרבעטער" איז ארויסגעקומען אַזוי שאַרף, אַ וואָרענונג ממש: מיט דער יוניאַן זאָלסטו זיך בעסער ניט אָנהייבן.
— אויסגעקליבן איז אויסגעקליבן. אז זיי איז ליב איז מיר ניחא.
שפּאַט ער? זאָל ער! רחל וועט אים שוין געבן די וועלט צו זען.
— איך וויל ארייַנגיין אין שאַפּ, איר זאָגן.
— אודאי, אודאי. וואָס ביסטו, אַ פרעמדער?
שלום איז אריינגעגאנגען אין שאַפּ. ווי לאנג אז מר. קאַהען האָט

אים צוגעפירט צו דער מאשין, מיט אים געלערנט „קמץ אַלף" און „דיר וועט עפּעס זיין קשה וועט זי דיר צווייזן"? ער האָט דערזען רחלען ביי איר מאַשין און אויף שנעל צוגעגאַנגען צו איר, איר איינגערוימט: גערעדט מיט אים. וועל וואַרטן אויף דיר אין דרויסן. אַ מאַך געטון מיט דער האַנט צו אַלע אַרבעטער און אויף גיך אַרויסגעגאַנגען.

זיצנדיק נאָכדעם מיט רחלען ביי אַ טישל אין רעסטאָראַן האָט ער איר איבערגעגעבן זיין געשפּרעך מיט קאהענען און צוגעגעבן אַז זיינע טענות זיינען גערעכטע. רחל האָט אַ הייב געטון דעם קאָפּ, אירע לעבעדיקע אויגלעך, אפילו דאָס פּאַרריסן נעזל, האָט אַ פּיק געטון שלומען. — פון ווען אָן איז ביי דיר דער באלעבאָס גערעכט?

אויף ד ע ם האָט ער זיך ניט געריכט. ער האָט אַזש אַ רייב געטון דעם קין. — ווייסט'אָך, אַז מ'ווערט אַ „לייבאר ליוטענאנט" האָט מען דעם „לייבאָרער" אין דער אדמה. — זיין מויל האָט זיך אַזש אויסגעקרימט פון דער איראָניע, די אויגן האָבן אָבער געקוקט מיט פאָרוואורף: דו זאָלסט מיר אַזוי ווי טון?

— ניט דאָס האָב איך געמיינט. — איר שפּיץ נעזל האָט זיך אַזש אַ דריי געטון. — ווען מר. קאהען וויל ניט געבן קיין גוטע ארבעט צו א קאליקע אַן ארבעטער, דאָס פארשטיי איך, עס איז קעגן זיינע אינטער־רעסן, ווען ער רעדט אָבער וועגן י ו ש ר! געפונען דאָס אָרט, ביי באַ־לעבאַטים יושר. ע ר וויל זיין באַלעבאָס, דאָס וואָס ער וויל.

— איך גלויב דו מאכסט אַ טעות. מיר קומט אויס צו האנדלען מיט אַ היפּש ביסל באַלעבאַטים. אייניקע פון זיי זיינען הינט. פשוטע הינט. ניט זיי ריידן צו דיר, נאָר זיי האַוקען ממש: די יוניאָן וועט מ י ר זאָגן אַ דעה אין מ י י ן שאַפּ! אויף זיין הויף איז דער הונט באַלעבאָס. אָבער דאָ אויך מענטשן. דער קאהען איז ניט קיין שלעכט מענטשל.

— ווי „באָסעס גייען" איז ער אפשר ניט דער ערגסטער, דיר אָבער זאָגן דעם אמת, מיר טוט שוין באַנג דער גאנצער עסק. שאפּ טשערליידי, טיילן ארבעט, זיך רייסן מיטן באלעבאָס, מיט די ארבעטער, אלעמען צופרידנשטעלן קען מען ניט, און צו וואָס דאַרף איך עס? געטראכט: איכ'ל גאָר אַוועקגיין.

— אַוועקגיין? וווהין?

— אין אַן אַנדער שאַפּ.

זינט זי איז צוריקגעקומען נאָכן סטרייק האָט זי, זיצנדיק ביי דער מאשין, ניט איינמאָל אַ קער געטון דעם קאָפּ און, ניט דערזעענדיק שלומען

ביי דער זייט, האָט זי מיט כעס גענומען שנעלער „טרייבן די קאַטערינקע", שטעפּן, אַז דער טיש פון דער מאַשין האָט זיך געטרייסלט. זי האָט געטראַכט וועגן אַוועקגיין אין אַן אַנדער שאַפּ ווי אַן אלמנה וויל זיך אַרויסקלייבן פון דעם הויז וווּ איר מאַן איז געשטאָרבן. זי איז אָבער ניט אַוועקגעגאַנגען, אַי ווייל זי האָט ניט געוואָלט אײַנגאַנצן זיך שיידן, אַי דערפאַר וואָס קאַהען איז טאַקע געווען אַ ביסל מער מענטש. איצט, ווען שלום האָט עס געזאָגט, האָט ער אויפגערירט אַ ווונד און זי האָט געקראַצט די ווונד זיך אויף צו להכעיס.

— אויסבייטן אַ שוך אויף אַ לאַפּטשע. דעם שאַפּ קענסטו שוין, קענסט אים פירן. דאָס וואָס די יוניאָן דאַרף. האָסט גאָר קיין באַגריף ניט אויף ווי ווייניק מענטשן די יוניאָן קען זיך פאַרלאָזן. האָסט מיך געפרעגט: פון ווען אָן איז ביי מיר אַ באַלעבאָס גערעכט? זינט איך האָב זיך אַ ביסל בעסער באַקענט מיט די אַרבעטער. ניט אויף דער „פּיקעט ליין", נאָר טאַקע אין די שעפּער, אין דער יוניאָן. איך האָב אַ היפּש ביסל געלערנט. ניט יעדער אַרבעטער איז אַ מלאך, ניט יעדער באַלעבאָס איז אַ גזלן, זיי זײַנען אַלע מענטשן און אַז מ'האָט צו טאָן מיט מענטשן מוז מען אין זינען האָבן איין כּלל — פאַר גאָרניט קריגט מען גאָרניט, ווילסט עפּעס קריגן, מוזסטו עפּעס געבן, און דאָס מיינט, סוף כּל סוף, גיין אויף קאָמפּראָמיסן. יאָ, איך האָב געלערנט אַ היפּש ביסל . . .

— ווי גייט עס דיר אין לערנען?

די שניידער מיידל . . . האָט געוואָלט וויסן ווי גייט עס דעם סטודענט . . . אָבער וועגן דעם לערנען אין אוניווערזיטעט האָט ער ניט געהאַט וואָס צו דערציילן. דערציילן איר וועגן רוימישן קאָדעקס, דעם נאַפּאָלעאָנישן? ער לערנט. גייט ניט שלעכט. די צרה איז — צייט! לערנען, אַרבעטן, דאָס מיינט גאַנץ אָפּט מיטינגען ביז שפּעט ביינאַכט. חוץ דעם שיקט מען אים, מ'רופט אים אַדרעסירן פאַרזאַמלונגען אין דרויסן, געוואָרן אַ „סטאָמפּ ספּיקער", האָט ער כּלומרשט זיך אַליין געקיבעצט, אין טאָן האָט זיך אָבער געהערט הנאה.

— דאָ ניט לאַנג געהערט דיך רעדן אויף יוניאָן סקווער.

— דו האָסט מיך געהערט רעדן! טאָ פאַרוואָס ביסטו ניט צוגעקומען? — זיין קוק: דו גייסט מיך הערן רעדן . . . דו . . . ער וואָלט אַרײַנגענומען אָט דאָס קליינע פּנימל אין זיינע הענט שיסעלעך, עס אויסגעקושט. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט. זי האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן און שטיל אַ זאָג געטאָן: — געווען צופיל מענטשן.

ביידע האָבן מיט אַמאָל דערזען דעם ניט פאַרענדיקטן בנין . . .
און ביידע האָבן זיך דערשראָקן — סחור סחור לביתא לא תקרב.
מער האָט מען ניט גערעדט. שטומערהייד האָט מען זיך צעשיידט.

(11)

— פארגעס נישט, דו ביסט אַ מאַנטעסינאַ, און ער . . .

— אַ גינצבורג.

— אַ גינצ־בורג! מאַנטעסינאַ, דאָס מיינט בראַזיל, פּאָרטוגאַל, שפּאַניע . . . און פון וואַנען קומט ד . . . (געוואָלט האָט ער זאָגן דיין, אַרויסגעקומען איז) ד . . . ער גינצבורג? פון רוסלאַנד! אַ גרויסער יחוס, ניטאָ וואָס צו זאָגן.

— זיין יחוס איז מיר ניט באַקאַנט, אַליין קומט ער פון רוסלאַנד, אָבער דער נאָמען, דער „בורג" מיינט אַז זיינע זיידעס זיינען מסתּם געקומען פון דייטשלאַנד. און ווען מען גייט עס אָן פון וואַנען ער קומט, ווער זיין עלטער־זיידע איז געווען?

— דו זאָלסט עס זאָגן! דו, אַ מאַנטעסינאַ! אַ נאָמען, דאָס איז אַ . . . עטיקעט, אַ פירמע. גיסט אַ קוק, זעסטו — אַן אַלטע פירמע, דאָס מיינט זי איז ראַיעל, ניט עפּעס אַן אָנגעלאָפענער, פון דער שוואַרץ יאָר ווייסט ווו, אַ כ'ווייס ווער . . .

— פון מייַנעטוועגן מעג ער קומען פון כינע. איך קען אים, ווייס ווער ער איז, ער איז אַ ווויילער בחור. — דער פאָטער האָט אַ קוק געטון אויף איר: אַזוי ווייט איז עס שוין פאַרגאַנגען? זי האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפן שטול ווענטל, צוגעלייגט איר באַק צו זיין שטערן. — יאָ, פּאַפּסי, איך האָב אים האָלט. איך וועל חתונה האָבן מיט אים און איך וועל אים, דיר, געבן אַ זון . . .

— ביסט אַ שלעכטע מיידל, גיי אַוועק פון מיר, שלעכטע מיידל וואָס דו ביסט. — ער האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ. גראַסיאַ האָט מיט ביידע הענט אַרומגענומען זיין קאָפּ, אים לייכט אַ טרייסל געטון און אַרונטער פון שטול ווענטל. זי האָט געוווּנען. דאָס מאָל וועט ער נאָכגעבן. ער האָט שוין נאָכגעגעבן. זי'ט עס דערציילן שלומען. דעם זעלבן אָוונט נאָך האָט זי עס דערציילט שלומען אויף אַ מאָדנעם אופן.

— זאָג מיר, שלום, דער נאָמען גינצבורג, פון וואַנען שטאַמט ער?
שלום האָט שאַרף אַ קער געטון דעם קאָפּ: — וואָסי?

— אינגיכן ווערסטו זיין אַן אדוואָקאַט, וואָלט שוין צייט געווען דו זאָלסט וויסן אַז אויף אַ פראגע ענטפערט מען ניט מיט קיין פראגע.

— און אַז די פראגע איז אַ נארישע?

— דאַרף מען אויך ענטפערן. און די פראגע איז גאָרניט אזא נאַרישע. נעם מיין נאָמען — מאנטעסינא, אַ שפאנישער, און, אויף ווי ווייט איך ווייס, פון דעם וואָס מיין פאָטער האָט מיר דערציילט, ציט ער זיך אויף צוריק ביזן פופצנטן יאָרהונדערט.

— אה . . . ! איצט פארשטיי איך שוין. (איר טאַטקעלע!) נו, וועל איך דיר זאָגן. אז איך קום פון רוסלאנד, ווייסטו דאָך. איז אין רוסלאַנד, אין פעטערבורג, געווען אַ באראָן גינצבורג, געהערט פון אים? ניט געהערט פון באראָן גינצבורג? גיי שוין גיי, ווער האָט עס ניט געהערט פון באראָן האָ־ראַ־צי גינצבורג? איז יאָ, מיט אָט דעם באראָן גינצבורג קער איך זיך גאָרניט אָן, אָבער טאקע גאָר־ניט, אפילו ניט קיין גליד־גליד־שוועסטערקינד.

— חכם מיינער!

דער „חכם מיינער” האָט אים אַ ביסל צעמישט. מיינט זי צו זאָגן אַז ער רעדט נארישקייטן? דאָס אפשר ניט, אָבער אָט דער „באראָן גינצבורג” איז דאָך אַ ציטאַטע, בעסער געזאָגט, אַן אימיטאַציע, פון דאָסטאָיעווסקיס אַ „העלד”, ווער ווייסט, אפשר האָט זי עס געכאַפּט?

— אין דעם זעלבן פעטערבורג האָט געוווינט איינער אַ ג ו י דאָסטאָיעווסקי, פיאָדאָר מיכאילאָוויטש דאָסטאָיעווסקי, געהערט פון אים?

— ניט געהערט, וואָסי דען?

— אה, גאָרניט. פשוט אַ געדאנקען פארבינדונג. באראן גינצבורג, פעטערבורג . . . איז, ווי איך האָב דיר געזאָגט, מיט דעם באראָן גינצבורג קער איך זיך גאָרניט אָן, אין פעטערבורג בין איך קיינמאָל נישט געווען און אפילו דעם קייסער קיינמאָל נישט געזען. אַן איינפאכער, פשוטער גינצבורג פון בערעזדיוו, וואָלינער גובערניע. ווי געפעלט עס דיר?

אַ קידער־ווידער רוח איז אין אים אַריין, אים האָט זיך געוואָלט לאַכן, שפעטן, גאָר זיך איבערדרייען, מאַכן אַ קאָזשעלקע. פון דאָסטאָיעווסקין ווייסט זי ניט, זי ווייסט מאנ־טע־סינא! דעם טאטן אירן, דעם יחסן . . . שטייט נישט אָן דער שידוך.

— ביסט אַ שלעכטער, שלעכטער יינגל . . .

— און די גוטע גובערנאנטקע ווייסט ניט וואָס צו טון מיטן שלעכטן יינגל, וואָס?

— די גוטע גובערנאַנטקע האָט זיך שוין ספּראַווּעט מיט ערגערע יינגלעך.

— וואָס האָט זי געטון, געשמיסן?

— איכ'ל עס דיר ווייזן. — נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט אַ קער טון דעם קאָפּ האָט ער דערפילט איר פּנים, אירע ליפּן, איר צונג . . .

דאָס איז ניט געווען דער ערשטער קוש, ער האָט אָבער דערפילט דאָס איז ד ע ר קוש, ער האָט געענטפערט, און בײדע צינגער, גלעטנדיק, רײבנדיק זיך, האָבן אויף שטום־לשון געשריען: והיו לבשר אחד . . .

נאָכדעם האָט מען שוין גערעדט פאַרטרוילעך. — און דער טאַטע?

— ער'ט נאָכגעבן.

— און דער יחוס?

— לאַך ניט פון אים. יחוס מײנט עפּעס.

— דו ביסט דאָך שוין געבאָרן געוואָרן אין אמעריקע, וואָס איז מכוח דעם אמעריקאַנעם מיט זײן יחוס עצמו, דעם „סעלף מעיד מען"?

— לאָמיך דיר זאָגן, אָט דער „סעלף מעיד מען" איז מער אָפּ־שטויסנדיק מיט זײן חוצפּה ווי דער אַריסטאָקראַט מיט זײן גאווה. און מ י ט זײן גאַנצער חוצפּה וואָלט איך נאָך געוואָלט זען דעם נײ אַרויפּ־געקומענער אמעריקאַנעם גביר וואָס זאָל ניט וועלן האָבן די זכיה זיך צו בוקן פאַרן אַריסטאָקראַט. דער אַריסטאָקראַט בוקט זיך כאָטש ניט.

— נײן, ער וויל מ'זאָל זיך בוקן פאַר אים. און איך, שלום גינצ־בורג מ'בערעזדיוו, פײף אויף דעם פּוסטן אַריסטאָקראַט, וואָס אַלײן איז ער אַ גאָרנישט, נאָר זײנער אַן עלטער־זײדע איז געווען עפּעס אַ לאָרד, אַ פּאַרשוין, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט שיסן האָזן אָדער גאָר מענטשן, און דעם אַרויפגעקומענעם אַלרייטניק קען איך סתם ניט אָנקוקן: ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט! אַרבעט אים אַרונטער, נעם בײ אים צו דעם בײטל, בלײבט ער אַ נאַקעטער. יחוס מײנט עפּעס. אודאי. מיר ייִדן האָבן זיך געיחוסט מיט רבנים, למדנים, אָבער ווען אַ ייִד אַן עם הארץ, וואָס אַלײן ווײסט ער ניט קיין צלם פאַר אַן אַלף, ווען ער יחוסט זיך מיט אַ זײדן אַ רב, איז ווי אַ ממזר וואָלט זיך געיחוסט מיט זײנער אַ פרומער באָבע. ווער, וואָס ביסט־ו? דאָס איז די פראַגע.

— פאַרשטייט זיך, אַ מענטש אַ קאַליקע, וואָס דאַרף האָבן קוליעס, קען ניט נוצן זײנע זײדעס פאַר שטאָלצן צו גײן אויף זײ, און נאָך שטאָל־צירן דערבײ. נאָר, ווי זאָל איך עס דיר זאָגן, אויף מײן ווײבערישן שטײגער קומט עס אויס אַזוי: דאָ לײבער וואָס קענען ניט פאַרטראָגן קיין וואָל, עס

באפאלט זיי אַ בייסעניש; צו אייניקע לייבער פאסט זיך ניט קיין זייד: דוקא אין זייד פילן זיי זיך נאַקעט, פאַר זיי איז באַוול ווי אָנגעמאָסטן, אָבער אפילו צו באַוול, אַז מ'גיט צו אַ זיידענעם פאָדעם, גיט עס פאָרט עפעס צו, עפעס . . . זיידנס.

זייד, וואָל, באַוול. שלום האָט מיט אמאָל דערזען רחלען. רחל — באַוול, וואָל, דערפאַר אזוי פשוט, אזוי וואַרעם, היימיש, גראַסיא — זייד. אָט דער זיידענער פאָדעם האָט אים צוגעצויגן, פאַרבונדן . . . דאָס וואָלענע העמדל האָט ער אָבער ניט אויסגעטון. ניין, ער האָט עס נאָך ניט אויסגעטון, ער האלט נאָך אַלץ אין איין פאַרגלייכן . . .

נאָך איין מאָל איז אים אויסגעקומען צו פאַרגלייכן זיי. גראַסיא האָט ליב געהאט מוזיק און איז אָפט געגאנגען צו קאָנצערטן. איין מאָל האָט זי אים מיטגענומען און ער איז געגאנגען. ווען זי האָט אים גערופן אַ צווייטן מאָל האָט ער געזאָגט אַז ער וועט גיין בתנאי ער זאָל באצאָלן פאר די בילעטן. זי האָט געוווסט וועגן זיין עשירות, האָט עס איר פאַר־דראָסן. — אַהאַ, דער קאוואַליער דארף אויסנעמען די דאַמע . . .

— קענסט זיך האלטן מיט דיין מיסטער איבסן, — האָט ער סאַר־קאַסטיש געשניטן אויף צוריק. — דו קענסט זיך זיין אַ דאַמע, איך בין ניט קיין קאוואַליער. ווען איך זע ווי דער אַמעריקאַנער זשענטלמאַן גייט אריין אין „עלעווייטאר" און כאפט ארונטער זיין היטל, באשר בכן דאָרטן שטייט אַ ליידי, ווערט מיר ניט גוט פון אים. איך נעם ניט ארונטער די היטל פאר דער ליידי, פאר קיינעם! ווילסט גיבן דארפסטו אויך קענען נעמען, אַניט באַליידיקסטו מיט דיין גיבן דעם נעמער, מאַכסט אים פאַר אַ מקבל . . .

— אָבער איך האָב געלט!

זי האָט אקצענטירט איר „האָבן", ער האָט דערהערט: און דו האָסט ניט, און ער האָט בייז געענטפערט — קענסטו גיין, זאָג איך דיר דו זאָלסט ניט גיין?

— גוט, — האָט זי כעסיק געענטפערט, — קומענדיקן זונטיק נאָכ־מיטיק איז אַ קאָנצערט, אַ גוטע פּראָגראַם. טשייקאָווסקי. איך האָב אים ליב, דעם . . . רוס. — איר קוק דערביי — דו . . . רוס, דו! — טאָ גיי קויף צוויי בילעטן און מיר'ן גיין.

ער האָט אזוי געטון. דערזעענדיק די פלעצער, האָט זי אַ קוק געטון אויף אים: אָרימער בחור! ער האָט זיך געמוזט אויסבייטלען. זי האָט אַ שמייכל געטון און, ניט זאָגנדיק אַ וואָרט, האָט זי פאַרנומען איר

פלאַץ לעבן אים. מ׳האָט געשפּילט די „פּאַטהעטיק״. שלום איז געזעסן אַ פרעמדער, ער האָט געהערט די מוזיק, אַ טאָן, אַ מוזיקאַלישע פראַזע האָט אים אפילו אַ ריר געטון, דער געדאַנק האָט אָבער אוועקגעוואנדערט. מיט רחלען איז ער געגאַנגען אין יידישן טעאַטער, אין ענגלישן וואָדעוויל, ער האָט געצאָלט, זי האָט געצאָלט, ביידע האָבן הנאה געהאַט, הנאה פון גיין, זיין צוזאַמען, פון זיינע באַמערקונגען, פון איר תּלמידישן זיך איינהערן צו דעם וואָס ער האָט געזאָגט . . . די אָוונטשול, וווהין ער איז געגאַנגען מיט רחלען, איר גרייטקייט צו געבן אים געלט ער זאָל קענען לערנען. דאָס איז ניט געווען קיין אָנבאָט פון אַ גבירנטע . . . דאָס איז געווען אָפּערווילליקייט, טאַקע ממש אַ קרבן. ער האָט דעם קרבן ניט אָנגענומען. און גוט האָט ער געטון. שטיין אויף די אייגענע פיס. רחל האָט זיך ניט באַליידיקט. זי, א קבצן ווי ער, האָט באַגריפן וואָס עס מיינט שטיין אויף די אייגענע פיס. גראַסיאַ, זי? ער האָט אַ פיר געטון מיט די אויגן, דערזען — זי האָט געוויינט, זיך באַגאָסן מיט טרערן, און ער האָט קוים זיך צוריקגעהאַלטן פון אויסקושן אירע טרערן גלייך דאָרטן אין קאָנצערט זאַל. ביים אַרויסגיין האָט ער, ניט אָן שפּאַס, א פרעג געטון: — נו, הנאה געהאַט?

— אויסערגעוויינלעך!

— האָסט געוויינט . . .

— און איך שעם זיך ניט. איך פאַרשטיי ניט קיין מוזיק, קען אפילו קיין נאָטן ניט לייענען, גאַנץ אָפט זעץ איך אויס אַ קאָנצערט ווי אַ טויבע, עס נעמט מיך ניט, דערפאַר אָבער ווען איך דערפיל די מוזיק, דאַן קען איך וויינען און אמת הנאה האָבן. היינט האָב איך אמת הנאה געהאַט און דאָ איז מיין דאַנק פאַר נעמען מיך צום קאָנצערט.

זי האָט אים אַ קוש געטון. אַ לייכטער קוש, אַ פּיק אין באַק, ניט מער, אָבער דאָ אָ, ביים אַרויסגאַנג, בפני כל עם ועדה! ער האָט זיך שטאַרק פאַרשעמט, זי האָט שטאָלץ געשמייכלט. זי האָט געפילט ווי אים אַ קוש טון, טאָ וואָס גייען איר אָן די אַלע מענטשן? זי איז . . . גראַסיאַ מאַנטעסינאַ! שלום האָט זיך געכאַפּט — נאָכן געשפּרעך מיטן אַדוואָקאַט, בעתן סטרייק, האָט רחל אים אויך אַ קוש געטון איינדרויסן. די פּאַטריציער גראַסיאַ, די פּלעבעיער רחל, און ער? דער מיטל־מענטש, ניין, דער אייזל, דער באַרימטער אייזל, צווישן די צוויי בינטלעך היי . . . ער׳ט מוזן אויסקלייבן. יאָ, ער׳ט מוזן אויסקלייבן . . .

(12)

דער אויסקלייב איז געמאַכט געוואָרן עפּעס ווי אָן זיין ווילן. ער האָט גראַדואירט פון אוניווערזיטעט. ער האָט ניט געהאַלטן פון צערעמאָניעס, געשפּאַסט פון דער טענדע־ווערענדע מיט דער שפּיציקער היטל, פונדעסטוועגן האָט ער, ווי אַלע אַנדערע סטודענטן, איינגעלאַדן אַ פּאָר נאָענטע מענטשן צו דער גראַדואירונג: לייזערן מיט דער ווייב, דעם אַדוואָקאַט לערנער, אַ פּאָר מענטשן פון דער יוניאָן, גראַסיאַן און . . . רחלען.

נאָך דער צערעמאָניע, ווען די סטודענטן זיינען שוין געווען אונטן אין זאַל, עס האָבן זיך אָנגעהייבן די באַגריסונגען, האַנט דריקענישן און קושענישן, האָט שלום זיך באַגריסט מיט די יוניאָן באַקאַנטע, מיטן אַדוואָקאַט לערנער, וואָס האָט אים ממש אַרומגעכאַפּט: דורכגעמאַכט! גוט! ער האָט זיך דערנענטערט צו רחלען. ער האָט געזען איר קליין פּנימל, איר מויל האָט זיך באַוועגט אָט ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן, אַרויסברענגען, דאָס מויל האָט זיך אָבער ניט געעפנט. ער האָט אָנגענומען איר קין, פאַרקוקט איר אין די אויגן: זכרתי לך חסד נעוריך . . . ער האָט דערזען טרערן האָבן אַ שפּאַר געטון, און זיינע ליפּן האָבן זיך אַ צי געטון צו אירע אויגן. ער האָט דערפילט אירע אָרעמס אַרום זיין האַלז, די טרערן אויף זיינע באַקן, איר קערפּער איז ממש געהאָנגען אויף אים — משכני אחריך, נרוצה. זיין רוקנביין האָט זיך פאַרשטייפט, דער נאַקן — אַ שטאָלענער. די הענט אַרום נאַקן זיינען לויז געוואָרן, זיי האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט — צוויי פליגל פון אַ הון, וואָס האָט געפּרווּט אַ פלי טון. אויך איר קאָפּ האָט זיך אַרונטערגעלאָזט, זי איז מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי קליין, ממש אַ קינד, דאָס היטעלע פון אַ דערוואַקסענער אויפן קינדס קאָפּ איז אַרונטערגעפאָרן אויף אַ זייט, און עס האָט אויסגעזען אַ ביסל קאָמיש און אַזוי רירנדיק, אַז שלום האָט דערפילט ווי זיינע אויגן גייען איבער. אירע הענט האָבן זיך אַ יאָג געטון צום פּנים. זי האָט זיך שאַרף אַ דריי געטון און, מיט די הענט נאָך אויפן פּנים, אָפּגעגאַנגען. ער האָט געזען אירע אַקסלען ציטערן . . . — זי איז אַוועקגעגאַנגען . . . אַוועקגעגאַנגען . . . — האָט אים געהאַמערט אין קאָפּ, — נאָכלויפן!— ער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, ערשט ווען עמיצער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אים, האָט ער זיך אַ דריי געטון, דערזען גראַסיאַן, אַ שמייכלענדיקע. האָט זי צוגעזען . . . ? זי האָט דערלאַנגט די האַנט, און איר אָרעם איז

אויסגעקומען עפּעס אזוי לאנג, ממש א באוואָרעניש — קום ניט צו צו נאָענט. שלום האָט אפילו ניט געהאט בדעה זיך דערנעענטערן צו איר. ניט איצט . . . אויף איר באגריסונג האָט ער צעמישט געענטפערט: אַ דאַנק, אַ דאַנק פאַר קומען, אָט ווי ער האָט עס געזאָגט צו די יוניאָן באַ־קאנטע, און ווען זי האָט אים געפרעגט וווהין ער גייט פון דאנען האָט ער געענטפערט: צו לייזערן, מיין שוועסטערקינד, — האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האנט, — זיי האָבן אראנזשירט אַ שטיקל שמחה, אַ משפחה ענין, — האָט ער אַ שמייכל געטון, און דער שמייכל האָט געזאָגט: נישט פאר דיר, ניט דיין משפחה. האָט זי זיך דערפילט געטראָפן? קען זיין. איר שמייכל . . . — איך וועל אַריבערקומען מאָרגן. — זיין קוק האָט צוגעגעבן: מאָרגן וועט אלץ קלאָר ווערן . . .

ווען ער איז אויף מאָרגן געקומען צו איר אין שטוב האָט ער קודם געקראָגן דעם קוש, וואָס ער האָט געזאָלט קריגן נעכטן, און דער קוש איז ניט געווען קיין נעכטיקער, אַן אַלט געבאַקענער, נאָר אַן אויסגע־שטאַנענער, אַן איינגעהאלטענער, וואָס האָט איצט זיך ארויסגעריסן מיט מער אימפּעט. נאָכדעם האָט זי אים אריינגעפירט צו איר פאָטער און גלייך ארויסגעגאנגען פון צימער. ער האָט דערפילט אַז זי האָט עס געטון בכיוון. דער אלטער, הייסט עס, וויל מיט אים ריידן, אפשר דאַרף ער גאָר ריידן צום אַלטן, און באשלאָסן — מילא . . .

דער אלטער איז, ווי זיין שטייגער, געזעסן אין זיין גרויסן, טיפן שטול, דאָס מאָל האָט ער אָבער זיך אונטערגעהייבן, דערלאנגט שלומען די גאנצע האנט און מיט זיין ספרדישער אויסשפּראַך אַ זאָג געטון: מזל טוב. שיר שיר האָט ער ניט געענטפערט: מיט מזל זאָלט איר לעבן, ער האָט זיך אָבער געכאפּט אז ער רעדט מיט מר. גרשם מאנטעסינא און ער האָט ארויסגעזאָגט א פּארעווען: אַ דאַנק.

— זייט איר שוין, הייסט עס, אַ „לויער”, און, אנטשולדיקט פאר מיין פרעגן, וואָס דיינקט איר צו טון?

— פּראַקטיצירן.

— פּראַקטיצירן. עפענען אַן אָפיס און ווארטן, א רייכער הולטיי, וואָס וויל זיך גטן מיט זיין פערטער ווייב זאָל קומען און באצאָלן דערפאר פינף טויזנט דאלער. דאָס וואָס איר מיינט?

— ניט געווי דאָס, — האָט שלום ניט אָן שפּאָט געענטפערט. — דער רייכער הולטיי, ווי איר זאָגט, וועט צו מיר ניט קומען און, דעם אמת געזאָגט, וואַרט איך גאָרנישט אויף אים. איך האָב בדעה צו זיין דעם אָ ר י מ אַ נ ס אדוואָקאט.

— אה . . . קלינגט גאנץ פיין. ווייסט איר אָבער, מיין ליבער מענטש, אז דער וואָס האנדלט מיט אַ נאָדל פאַרדינט ניט מער ווי א נאָדל ?

ווהין צילט ער ? אין זיין שניידעריי ? ער שטעכעלירט אים !

— חיונה קען מען ציען אפילו פון אַ נאָדל. דער פאקט איז, איך האָב בדעה צו ארבעטן טאקע פאר דער שניידער יוניאָן.

— דאָס וואָס איר האָט באשלאָסן ?

— ניט שייך באשליסן. איר ווייסט דאָך, אַ מסחר ווערט געשלאָסן פון צוויי צדדים . . .

— אויב אַזוי, דיינק איך אַז איך האָב פאַר איך אַן אַנדער מסחר.

— ער האָט זיך אַ דריי געטון אין שטול, אַנגעשטריינגט געקוקט אויף שלומען. — גראסיא האָט גערעדט מיט מיר וועגן אייך. ווי איך פארשטיי האָט איר שוין אָפּגעמאכט צווישן זיך . . .

— יאָ, איך און גראסיא, מיר . . .

— איך ווייס, איך ווייס, — האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האנט, ווי איינער רעדט: דארפסט מיר ניט דערציילן. — זי האָט אייך גאָרניט געזאָגט וועגן נדן ?

— נדן ! — שלום האָט שיר נישט אויסגעפלאצט אין אַ געלעכטער.

— מר. מאנטעסינא ! גראסיא דארף קיין נדן. זי אליין איז דער בעסטער נדן.

— דאָס איז אמת. גראסיא איז אַ וווּיל מיידל און אַ טייער קינד, מיין איינציק קינד, און ווען זי האָט חתונה דארף איך איר געבן נדן. האָב איך געטראכט אָט וואָס. — זיין אָנווייז פינגער האָט זיך אַ שטעל געטון: הער זיך גוט צו ! — איך האָב אַ געשעפט, ווייסט איר דאָך. אַ גוט געשעפט, מיין פאָטער האָט עס עטאבלירט מיט א יאָר זיבעציק צוריק. יעס, סיר, זיבעציק יאָר. אַ לאנגע צייט . . . איך געדיינק, ווען איך האָב געענדיקט „האַי־סקול", די מאמע מיינע האָט געגומען ריידן וועגן גיין אין קאָללעדזש, האָט דער טאטע, ער איז געווען אַ קלוגער ייד, געהאט אַ סך דערפארונג, האָט ער מיך אַ פרעג געטון: ווילסט לערנען ? וואָס ווילסטו לערנען ? אויב דו ווילסט לערנען אויף ראבײ, וועל איך דיך שיקן אין אוניווערזיטעט, סעמינאר און וועל דיך אויסהאלטן בכבוד, אויב אָבער דו האָסט בדעה צו לערנען אַ פראָפעסיע, מעדיצין, געזעץ, וואָס דאָס מיינט — מאַכן געלט, איז אַ שאָד מיין געלט און אַן עבירה דיין צייט, קענסט אַריין צו מיר אין געשעפט און פאַרדינען מער געלט ווי אין דיינע פּראָפעסיעס, וועסט דערלערנען דאָס געשעפט ווערסטו אַ גלייכער שותף און ווען איך וועל שטארבן איז דאָס געשעפט דיינס. אזוי האָט

ער געזאָגט, און ער איז געווען גערעכט. לערנען האָב איך ניט געהאַט קיין צו גרויסן חשק, ווער שמועסט נאָך אויף ראַביי, זיך קוים אויסגעלערנט דאווענען, בין איך אריין אין געשעפט און קיינמאָל קיין חרטה געהאט. עס איז אַ גוט געשעפט. איך האָב געמאכט געלט. איך האָב עס איבערגענומען נאָך מיין פאָטער און איך האָב געהאָפט איך וועל עס איבערגעבן מיינעם אַ זון. נו, קיין זון איז ניט געקומען. גראסיא, אַ ווויל קינד און האָט אַ גוטן קאָפּ אויף זיך, דורכגעגאנגען קאללעזש, אָבער געשעפט איז ניט פאר קיין פרוי, דאָס איז אַן ענין פאר מענער. האָב איך געטראכט, איצטער אָ, איר האָט חתונה, איר׳ט האָבן קינדער, אזוי האָף איך, נאָך וואָס זיצן אין אַן אָפיס, ווארטן אויף א קליענט, אָדער, ווי איר זאָגט, ארבעטן פאר א יוניאָן, ווען איר קענט אריין אין געשעפט מיט מיר, גלייכע שותפים, דאָס איז מיין נדן, און ווען מיין טאָג וועט קומען, איך וועל, ווי זאָגט מען עס, גיין צו מיינע עלטערן, וועט דאָס געשעפט בלייבן אין דער משפחה, ביי אייך מיט גראסיאן, נאָכדעם ביי א י ע ר ע קינדער . . . טראכט עס איבער!

דער אלטער — ניט קיין ייד אַ קרעמער מיט אַ יארמעלקע אויפן קאָפּ, אַ קעניג פון אַ מלוכה מיט אַ קרוין. און דער קעניג באָט אים אָן עד חצי המלכות, נאָכמער, ער רעדט וועגן איבערגעבן דעם טראָן, אויפהאַלטן די דינאַסטיע . . . קאָמיש אַ ביסל און . . . פּאטעטיש.

— מר. מאנטעסינא! אייער פּלאן איז זייער און זייער א פּראקטישער און אייער פאָרשלאג איז זיכער אַ גרויסמוטיקער. וואָלט איך געהאַט דעם מינדסטן חשק צו געשעפט וואָלט איך זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם מיט ביידע הענט. די מעשה איז אָבער אז געשעפט איז מיר אינגאנצן פרעמד, פּשוט ניט קיין געשעפטסמאן, איך בין אַ . . . סטודענט, לערנען איז ביי מיר אַ משפחה ענין, אָט ווי ביי אייך געשעפט. מיין פאָטער, מיין זיידע, קיינער ניט געווען קיין געשעפטס מענטש און איך וועל אויך זיך שוין דארפן האלטן ביי מיינע ביכער. שטארבן פון הונגער וועלן מיר ניט, אָבער געשעפט איז ניט פאר מיר. סיי ווי, אַ שיינעם דאנק אייך, עס איז זייער פיין פון אייער זייט, אָננעמען דעם פאָרשלאג קען איך אָבער ניט, און איך האָף איר וועט ניט האָבן קיין פאראיבל אויף מיר.

צי האָט דער אלטער געהאט פאראיבל אָדער ניט האָט ער ניט געזאָגט שלומען. ער איז ווי איינגעזונקען אין זיין שטול, אַ טשערעפּאכע האָט אריינגעצויגן איר קעפּל אונטער דער שאָלעכץ. אפילו ווען גראסיא איז אריינגעקומען האָט ער ניט אַ קער געטון דעם קאָפּ. זי האָט פארשטאנען.

— מיר גייען ארויס אַ ביסל, — האָט זי א זאָג געטון ניט אזוי צום פאַטער ווי צו שלומען. ער האָט זיך אויפגעהייבן, צוגעוואָרפן אַ „גוד באַי" צום שטול און ארויסגעגאנגען מיט גראסיאן. זי האָט געוווסט וועגן דעם געשפרעך, האָט נאָך צוגעגעבן אז דער פאַטער האָט מיט איר גערעדט וועגן ארייננקלייבן זיך צו אים אין הויז.

— און וואָס האָסטו געזאָגט?

— איך האָב געזאָגט: איכ'ל רעדן מיט דיר.

— מיר'ן לעבן פאר זיך! הערסט? פאר זיך. איך ווייס, דו האָסט ליב דיין פאַטער. ער דיך אודאי, אָבער איכ'ל דיך אוועקנעמען פון אים. יאָ, אוועקנעמען. אויב דו ווילסט וויסן האָב איך נאָך אַ טראכט געטון וועגן דעם ביים ערשטן מאָל ווען איך האָב דיך געזען דאָ אין שטוב. אָה, ער'ט קומען צו אונדז, דו, מיר וועלן קומען צו אים, דו ביסט זיין טאָכטער, אָבער מ יי ן ווייב! דו מיין ווייב, איך דיין מאַן, און מיט אַ מאַן, זאָגט מען ביי אונדז, איז מעבר לים. איך וויל זאָלסט עס וויסן.

גראסיא האָט מיט אַ שמייכל געקוקט אויף שלומען. דער האָן קרייעט גאנץ שטארק . . . און איר איז געפעלן געוואָרן דער האָן נאָך מער ווי ווען עס איז, כאָטש איר האָט ווי געטון דאָס האַרץ אויף איר פאַטער.

— איך וועל ריידן מיט אים, — האָט זי שטיל אַרויסגעזאָגט, — ער'ט עס פארשטיין.

זי האָט גערעדט מיטן פאַטער און ער האָט נאָכגעגעבן. אַ ברירה האָט ער געהאט? דערפאר האָט שלום געמוזט נאָכגעבן מ'זאָל שטעלן אַ חופה כדת וכדין. אַ ברירה האָט ער געהאט? טאקע אַ סאָציאַליסט, א ראדיקאל, אָבער גראסיא, איר פאַטער און . . . די פראקטישע אמעריקע: גיב און נעם.

(13)

אין שול איז מר. מאנטעסינא געגאנגען ראש השנה און יום כפור, אמאָל אויך אין אַן אַנדער יום טוב, אויב דער ערשטער טאָג איז אויסגעפאַלן אין אַ זונטיק, און ווען ער האָט געהאט יאָרצייט נאָך זיין פאַטער, דערפאר אָבער יעדן מאָל ווען ער איז געקומען אין שול האָט ער געכאפט אַ שמועס מיטן ראביי וועגן העכערע ענינים: יידן, יידישקייט, און אים אויך פארטרויט זיינע פערזענלעכע עסקים. נאָך אזא געשפרעך האָט מר. מאנ־טעסינא זיך געפילט עטוואָס דערהייבן. זיין ראביי, דר. דע סילווא —

אַן אמתער חכם. און ער האָט אין זינען געהאַט זיין ראַביי. חוץ זיין יאָרלעכן בייטראַג צו דער שול האָט ער יעדן פּאַר פּסח געשיקט דעם ראַביי אַ קעסטל וויין, פאַרשטייט זיך אימפּאָרטירטן, אָבער כשר לפּסח, ערב ראש השנה האָט ער אים געשיקט אַ „לשנה טובה", אַ סלאָי האָניק, זיסע פּרוכטן — לשנה טובה ומתוקה. איצט, ווען גראַסיא האָט זיך געקליבן חתונה האָבן, האָט ער זיך אָנגעטון אין זיינע יום טובדיקע מלבושים און אוועקגעגאַנגען צום ראַביי, אים איינלאַדן ער זאָל זיין דער מסדר קידושין און, דער עיקר, זיך דורכרעדן מיט אים, זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן.

ווען דער ראַביי האָט אַ פרעג געטון: ווער איז דער חתן? איז ווי ער וואָלט איבערגעדרייט אַ שליסל, געעפנט אַ טיר, אָדער גאָר אָפּגעדרייט אַ קראַן.

— ראַביי! טוט מיר לייד צו זאָגן, ער איז ניט קיין אונדזעריקער.

— איר מיינט ניט קיין ייד?

— אַ ייד איז ער, אָבער וואָס פאַר אַ ייד? א רו־סי־שער. גינצבורג איז זיין נאָמען. שו־לעם גינצבורג. קוים געכאַפּט אַז דאָס מיינט ער שאַ־לאָם.

דער ראַביי האָט אַ שמייכל געטון. — איר'ט זיין איבעראַשט וויפל שו־לעמס עס זיינען דאָ ביי אונדז אין שול. מיר דאַווענען, לייענען די תורה נוסח ספרד, איר האָט אָבער באַדאַרפט הערן ווי די מתפללים מאַכן די ברכה ווען מ'רופט זיי אויף צו דער תורה. „באָ־רוך אַ־טאָ, באָ־רעך אַ־טע און אפילו בו־ריך האַ־טע", אָבער זייער ווינציק באָ־רוך אַ־טאַ. ווייסט איר וויפל ספרדים, אמתע ספרדים, מיר האָבן אין שול? אפשר צוויי מנינים. מיט צוויי און צוואַנציק יאָר צוריק, ווען איך בין אָנגעקומען אין דער שול, געווען אַריבער אַ הונדערט, איצטער — ניטאָ!

— ווו זייגען זיי אַהינגעקומען?

— איך ווייס ניט, מר. מאַנטעסינאַ. באמת, איך ווייס ניט. איר ווייסט דאָך, איך בין פאַראינטערעסירט אין יעדן שול מיטגליד, געפּרווט נאָכזוכן, נאָכפאָרשן. איך האָב אויף צו פליסן אויסגעקליבן צען מענטשן, בין דורכגעגאַנגען זייערע רעקאָרדס און, מערקווירדיק, אויף צוריק, פון אַכצנטן, אפילו זיבעצנטן יאָרהונדערט איז דאָ אַ רעקאָרד . . .

— איך האָב אַ מגילת היוחסין, וואָס גייט צוריק ביזן פופצנטן יאָרהונדערט, — האָט מר. מאַנטעסינאַ זיך ניט געקענט איינהאַלטן און אַרויסגעזאָגט ניט אָן שטאָלץ.

— אָט אָט, אויף וויַיט צוריק האָב איך נאָך געפונען אַ רעקאָרד, ווען עס איז אָבער געקומען צום היינט, צום פריַען נעכטן, צוואַנציקסטן,

ניינצנטן יאָרהונדערט, איז ניטאָ קיין שפור, פאַרשווונדן ווי אין וואַסער אַריין.

— ניט געשמדט!

— שמד? חלילה! אונדזערע זיידעס האָבן אומגעבראַכט דעם גוף אויפֿן פייער אײדער די נשמה אין וואַסער . . . דאָ, גאָט צו דאַנקען, ניטאָ קיין פייער געפאַר. פאַרוואָס זאָלן זיי גיין אין וואַסער . . . ? פשוט ניט געבליבן, פאַרשווונדן. איינער איז אוועקגעפאָרן ערגעץ אָן אַ זיי געזונט, אַ צווייטער איז געשטאָרבן, ניט געלאָזט קיין קינדער, אַ דריטער האָט געלאָזט אַ טאָכטער, חתונה געהאַט, דער נאָמען געביטן . . . (מאַנטעסינא האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ), און ניטאָ. געזעסן און געטראַכט: עס וועט אזוי אָנגיין, וועט פון אונדז גאָרניט בלייבן. לכתחילה האָט עס ווײ געטון (מאַנטעסינא האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: אוי, ווי דאָס טוט ווײ!), הונדערטער יאָרן געצויגן דעם פאָדעם, מיט אמאָל אײַבערגעריסן. נאָכדעם האָב איך זיך מיישב געווען: אַ טעות. דער פאָדעם ווערט נ י ט איבערגעריסן, ער ווערט אויפגענומען פון אנדערע, ווערט איבערגעפאַרבט אויף אַ ביסל אַן אנדער קאָליר, אָבער דאָס איז דער זעלבער, גוטער, אלטער, יידישער פאָדעם. יאָ, אויף דעם ענין דאַרף מען קוקן א ביסל אַנדערש, געשיכטלעך. און, געשיכטלעך געזען, וואָס זיינען מיר ספרדים? דאָך אויך דער זעלבער פאָדעם, מער ניט, ספרדיש געפאַרבט. איך בין ניט אַזוי זיכער אַז יעקב אבינו וואָלט אים דערקענט, דעם פאָדעם, מיר זיינען אָבער גוטע בני ישראל, און אזוי זיינען אויך די אנדערע. אהער זיינען מיר געקומען די ערשטע, נאָך אונדז די אשכנזים, די דייטשישע יידן, איצט קומען די רוסישע יידן, נאָך זיי וועט קומען, אויסוואַקסן אַן אמעריקאַנער ייד, אַ נייער קאָליר, דער פאָדעם דער זעלבער, דער גוטער, אַלטער, יידישער, זיידענער פאָדעם. נעמט זיך ניט צום הארצן, אזוי גייט שוין דאָס לעבן.

זאָגן אַז דער ראַביי האָט ביי אים צוגענומען דעם וויטיק, האָט מר. מאַנטעסינא ניט געקענט, אים איז אָבער פאָרט אַ ביסל גרינגער געוואָרן אויפן הארצן. דער פאָדעם ווערט נ י ט איבערגעריסן. אַז גאָט וועט העלפן גראַסיא וועט האָבן אַ . . . זון . . .

גאָט האָט געהאָלפן. פיר חדשים נאָך דער חתונה האָט גראַסיא אים אָנגעזאָגט די בשורה אז זי איז פארגאַנגען אין טראָגן, און ער איז געוואָרן ממש אַן אַנדער מענטש. ביז דאַן האָט ער ניט אַריינגעשמעקט צו זיין טאָכטער אין הויז, ער האָט פשוט ניט געוואָלט זען זיין איידעם. דער

אײדעם האָט אויך ניט געהאַט קײן איבעריקן חשק צו זען זײן שווער, איז גראַסיאַ אַלײן געגאַנגען צװײ דרײ מאָל אַ װאָך זען איר פֿאָטער. נאָכן פֿאַרגײן אין טראָגן האָט זי ניט אױפֿגעהערט צו קומען, דער פֿאָטער האָט אָבער געהאַלטן אין אײן ציטערן: אפשר איז דאָס צופֿיל פֿאַר איר? זי דאַרף רוען, אַ סך רוען. דער דאָקטאָר זאָגט, אדרבה, זיך באַוועגן? ער האָט פֿײַנט דאָקטוירים. עספּעראַנזאַן האָט דער דאָקטאָר אויך געזאָגט — זיך באַוועגן און, װער, װער, ער װײסט, דער קימפּעט האָט זי אַוועקגעהרגעט. ניט געווען שטאַרק גענוג. גראַסיאַ, וועט זי אויסטראָגן, איבערטראָגן? ער האָט גענומען קומען צו איר אין הויז. בײַ יעדן באַזוך האָט ער פֿאָרשעריש געקוקט אויף זײַן טאָכטער, אויף איר בויך, און ווען דער בויך איז שוין געווען גאַנץ אָנזיכטיק, האָט ער מיט רוגזה געפֿרעגט שלומען פֿאַרוואָס ער נעמט ניט אַרײַן אַ מענטשן אין הויז.

שלום האָט ניט אָן רוגזה געענטפֿערט: אויב גראַסיאַ פֿילט אַז זי דאַרף אַ דינסט קען זי אָנשטעלן עמיצן, דאָס איז איר עסק, ניט זײַנער. די רוגזה איז געווען ניט נאָר אויפֿן אַלטן, וואָס איז אים דערגאַנגען די יאָר, נאָר אויך אויף גראַסיאַן. דעם טאַטן האָט זי דאָך אָנגעזאָגט אַז זי איז פֿאַרגאַנגען אין טראָגן נאָך אײדער זי האָט עס אים דערציילט, און איצט אויך, זי קוקט אויף איר טאַטן: באַלד וועל איך ד י ר געבוירן אַ . . . זון, דעם טאַטן אירן, ניט אים. סודעט זיך מיטן אַלטן. וואָס סודעט זי זיך אַזוי מיט אים? ער האָפֿט אַז זי וועט עס איבערקומען און זי וועט געבוירן אַ . . . מײדל, דעם אַלטן אויף צו להכעיס. דער אַלטער האָט, פֿונדעסטוועגן, אויסגעפֿירט, גראַסיאַ האָט אַרײַנגענומען אַ דינסט, אַ יונגע נאָרוועגישע פֿרוי, יוליאַ, זי זאָל אַכטונג געבן אויפֿן הויז ביזן קימפּעט, נאָכדעם זאָל זי אויך אויפֿפּאַסן אויפֿן קינד. צופֿיל פֿאַר גראַסיאַן. זי ווייסט אַפֿילו ניט צי זי וועט קענען זויגן דאָס קינד. ווי זי פֿילט איצטער . . .

וואָס אַ טאָג איז איר אַלץ געוואָרן שווערער. דעם דאָקטאָר איז גוט צו זאָגן — זיך באַוועגן! זי האָט ניט געקענט מאַכן אַ טראָט און, דער עיקר, זי האָט מורא געקראָגן. שרעקלעך מורא. מיר ניט, דיר ניט האָט זי זיך געקענט צעוויינען, וויינען פֿאַר זיך, קײנער זאָל ניט זען. די לעצטע טעג האָט זי שוין ניט געקענט זיך אײַנהאַלטן, געוויינט פֿאַר שלומען און וויפֿל ער האָט זי ניט אײַנגענומען: אַן ערשטלינג, אַלע האָבן מורא און אַלע קומען איבער, ער האָט זי ניט געקענט באַרויקן, זי האָט ממש געציטערט פֿון שרעק, און די שרעק האָט זיך איבערגעגעבן אים אויך. ווער ווייסט? אפשר ווייסט ז י . . .

געוווּסט האָט זי ניט, זי האָט אָבער געאָנט.

(14)

אַ פּאָר טעג נאָך גראַסיאַס טויט, אין קימפּעט, האָט שלום געפונען אַ בריוו:

שלום טייערער! מיינע טעג זיינען געציילט. דאָס האַרץ זאָגט מיר אַז אַזוי וועט עס זיין. פאַרפאַלן. איך האָב געוואָלט אַ קינד און איך האָף אַז דאָס קינד וועט בלייבן. בעט איך דיך — זיי אַ גוטער פאָטער.

איך ווייס אַז ד אָ ס דאַרף איך ניט בעטן, איך וויל דיר אָבער זאָגן: איך האָב פאַרלאָרן מיין מוטער ווען איך בין געווען זייער יונג. מיין פאָטער, אין זיין גרויסער ליבע צו מיר, האָט געפּרוווּט זיין אי אַ פאָטער, אי אַ מוטער, און טאַקע דאָס האָט ניט געטויגט. דאָס האָט איבערגעלאָזט שפּורן אויף מיין גאַנצן לעבן. בעט איך דיך — מאַך ניט דעם זעלבן טעות. אַ קינד דאַרף האָבן אַ מ ו ט ע ר. און ניט יוליא, ניט אַן אַנדער געדונגענע פרוי קען זיין אַ מוטער, ווי איך פאַרשטיי עס. געפין אַ מיידל, אַ פרוי, מעג זי ניט זיין קיין מאַנטעסינאַ . . . (דו ווייסט וואָס איך מיין), אַ פּשוטע מיידל, וואָס זאָל אָבער האָבן אין זיך „די מילך פון מוטערלעכער גוטסקייט", זי זאָל ליב האָבן דיך און דיין קינד. און טו עס אַזוי גיך ווי דו קענסט, איידער דאָס קינד הייבט אָן באַנעמען ווער איז ווער, דאַן וועט זי האָבן אַ מוטער. וועסט אַזוי טון, וועסטו אַ טובה טון דעם קינד, זיך און אויך מיר.

אונדזער צוזאַמענלעבן איז געווען קורץ. ס'איז אָבער געווען אַ גוט, גליקלעך צוזאַמענלעבן. טראַכטנדיק וועגן דעם גליק איז מיר אַ ביסל גרינגער צו גיין צו מיין ווייבערישן נסיון . . .

מיט ליבע ביזן קבר,

דיין גראַסיאַ.

איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל האָט ער איבערגעלייענט דאָס בריוול. „געפין אַ מיידל, ניט קיין מאַנטעסינאַ . . . דו ווייסט וואָס איך מיין". רחל. האָט זי דאָס געגעבן אַן אָנצוהערעניש? זי האָט קיינמאָל ניט דערמאָנט, ניט געפרעגט, אָבער, ער ווייסט, זי האָט געוווּסט. ביי דער גראַדואירונג האָט זי געזען . . .

די שטוב — אַ בינשטאָק, די קעניגין, די „מוטער" טויט און די בינען פליען אַרום הענדום־פּענדום, זשומען, זשוזשען, ניט אַ קער צו טון מיטן

קאָפּ, ניט אַ ריר צו טון מיט אַן אבר. דערטראכט האָט ער זיך צו גאָרניט. ער האָט זיך אויפגעהייבן, אריינגעגאנגען צום קינד. ער איז געשטאנען בײם בעטל, לאנג, דרינגלעך זיך איינגעקוקט. מיט אַ פּאָר טעג צוריק אַ רוי שטיקל לייב, האָט עס איצט שוין אָנגעהייבן אָנצונעמען אַ מענטשלעכע פאָרמע, אויגלעך, נעזל, מיילכל. וואָס איז גראסיאס, וואָס איז זיינס? יוליא האָט זיך אריינגעשטעלט ווי זי וואָלט אים, דעם גנב, געכאפּט ביי דער האנט. — אַ שיין קינד, — האָט ער דערהערט, דערזען אַ שמייכל. ניט זאָגנדיק אַ וואָרט, איז ער ארויסגעגאַנגען.

די יוליא קען ער ניט פאַרטראָגן. האָט כלומרשט ליב דאָם קינד. פּראָפעסיאָנעלע ליבע. און אים געפעלט ניט איר . . . היימישקייט מיט אים. געפעלט אים גאָרניט. אפשר גאָר זי אוועקשיקן. און אַן אנדערע וועט זיין בעסער? און דער אַלטער ווייזט זיך אפילו נישט. אין שפּיטאָל אפילו ניט געוואָלט אַ קוק טון אויפן קינד, ביי דער לויה — אַ צעבראָכענער מענטש. אפשר גאָר געדאַרפט צוגיין צו אים.

גרשם מאנטעסינא איז געקומען. שיר ניט אויפן שוועל נאָך האָט ער אַ זאָג געטון: — דאָס קינד! איך וויל עס זען!

שלום האָט ביטער אַ שמייכל געטון: דארפסט מיר ניט זאָגן, כ׳וויס ביסט ניט געקומען זען מיך, און אים אריינגעפירט אין קינדס צימער.

אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקן, איז ער געשטאנען איבערן בעטל, געקוקט, ממש פאָטאָגראפירט דאָס קינד, זיין קוק אזוי אָנגעשטריינגט, אַז שלום האָט מורא געקראָגן ער זאָל מיט דעם קוק ניט אויפוועקן, אויפרייסן עס פון שלאָף. דאָס קינד האָט זיך אַ דריי געטון, אויך דער אלטער האָט אַ קער געטון דעם קאָפּ און אימפּעטיק אַ פרעג געטון: — ווי האָט איר איר אַ נאָמען געגעבן?

— גראסיא.

— גראַ־סי־א! — האָט דער אַלטער ווי אויסגעקרעכצט, אַ קער געטון דעם קאָפּ צום קינד און זיינע אַקסל האָבן גענומען ציטערן. שלום האָט איבערגעצויגן זיין אָרעם איבער דעם אַלטנס פּלייצע — דאָס ערשטע מאָל אַז ער האָט אָנגערירט דעם מענטשן אזוי נאָענט — און פאַמעלעך אים ארויסגעפירט פון צימער. דער אלטער איז באלד אוועקגעגאנגען.

ער האָט אָנגעהייבן קומען אָפט. פריער, אין די אָוונטן, ווען שלום איז געווען אין דערהיים, דאָס קינד איז שוין מייסטנס געשלאָפן, נאָכדעם האָט ער גענומען זיך אריינכאַפּן ביי טאָג. יוליא האָט אָנגעהייבן זיך באַ־

קלאָגן: ער פירט איבער דאָס קינד. ער ברייגגט צאַצקעס, נו, דאָס שאדט ניט, אָבער ער נעמט זי אויף די הענט, קושט זי!

— אַ זיידע, — האָט שלום מלמד זכות געווען.

— אַ זיידע! ביי אים איז דאָך רעכט זי אויפוועקן פון שלאָף!

— גייט שוין גייט.

— דאָס וואָס ער טוט. ס׳איז פון אים ניט אויסצוהאַלטן.

— אַן אַלטער מענטש. אַ זיידע. וואָס קען מען טון?

— עס וועט קומען אַ טאָג, ווען איך וועל אים זאָגן: מיסטער! איר לאָזט דאָס קינד צורו. יעס סיר, איכ׳ל עס אים זאָגן! — איר קוק — ארויסרופעריש, חוצפּהדיק: דו, שוואכלינג וואָס דו ביסט. ווען איך בין די באלעבאָסטע, טאקע אויף אַן אמתן . . .

— איד וועל א רעד טון מיט אים, — האָט שלום שארף א זאג געטון, זיין קוק דערביי: דו מיש זיך ניט! דערמיט איז דער געשפּרעך געווען געענדיקט. געטראַכט האָט שלום: גיי ווייס אַז דער אַלטער וועט פּרעסירען זיין געשעפט — זיין ירושה געשעפט! — אינמיטן העלן טאָג און גיין זען דאָס קינד. שלום האָט ניט געוווסט אַז גלייך נאָך גראסיאס טויט האָט מר. מאנטעסינא פארקויפט דאָס געשעפט צו זיינע צוויי אָנ־געשטעלטע, ספרדים, וואָס האָבן אים געטריי געדינט דרייסיק יאָר. אַז די טאָכטער איז טויט, דער איידעם אַ . . . רוסישער, צו וואָס דאַרף ער אַ געשעפט? ער איז געבליבן ווי אן אָנגעשטעלטער, מער צוליב דעקאָ־ראציע . . . ווי נוצלעכקייט, און איז געווען פריי צו גיין און קומען ווען ער האָט געוואָלט. איז ער געגאנגען זען זיין אייניקל, זיין . . . יורש. די באַזוכן זיינען שלומען ניט געפעלן געוואָרן, נאָך מער איז אים ניט געפעלן יוליאס איינשטעלן זיך פארן קינד. אָט די פרוי . . . זי ווערט דאָך שוין אפילו ברוגז ווען ער עסט אין דרויסן. אַ מאַן דאַרף קומען עסן אין דערהיים . . . אירע מאכלים, איין גאָט ווייסט דעם אמת, ער קען זיי ניט פארטראָגן, נאָך שווערער איז אים געוואָרן צו פארטראָגן אירע . . . אויסשטעלונגען. קיין אנדער וואָרט האָט ער ניט געהאט פאַר איר לויז פארבונדענעם שלאָף־ראָק אינדערפרי ביים סערווירן אָנבייסן, אָדער גאָר איר נאַכט־העמד, ווען אין דער לעצטער מינוט פאַרן גיין שלאָפן האָט זי זיך ארויסגעלאָזט אויף אינספעקציע, זען צי דאָס קינד שלאָפט גוט. און זי האָט וואָס אויסצושטעלן . . . און ער איז הונגעריק . . .

איין פרימאָרגן, ביים אָנגיסן די קאווע, האָט זי זיך אזוי דערנעענ־טערט אַז אירע בריסט האָבן שיר ניט אָנגערירט זיין אַקסל, דער געֿרוד

פון איר קערפּער האָט פאַרשלאָגן דעם קאווע ריח. ער האָט קוים אויסגעטרונקען די קאווע. ער׳ט זי אוועקשיקן! ער מוז פּטור ווערן פון איר!

דעם זעלבן פרימאָרגן האָט ער אין קאָרידאָר פון דער יוניאָן געביידע אָנגעטראָפן רחלען. ביידע האָבן זיך אָפּגעשטעלט, ביידע זיינען געבליבן ווי אָן לשון. שלום האָט זיך אָנגענומען מיט כּח, אויסגעשטרעקט די האַנט: העללאָ, רחל!

— העללאָ, שלום.

— וואָס טוסטו דאָ?

— איך אַרבעט דאָ. אין דער יוניאָן.

— אין דער יוניאָן! פון ווען אָן?

— שוין אַ חדשים זעקס.

— ניט געוווּסט. איך האָב עס ניט געוווּסט, — האָט ער איבערגעחזרט, און הינטער די ווערטער האָט זיך ווי נאָכגעשלעפּט אַ פאַרביינקטער: ווען איך ווייס . . . — איך קום אהער גאַנץ אָפט, דיך ניט געזען . . .

— איך בין אַריין און אַרויס. אָרגאַניזיר אַרבעט . . . — איר קוק דערביי: דיר באַקאַנט, ניין? און מיך דערקענסטו . . . ? זי האָט געזען אַז ער האָט דערקענט . . . און, ווי אַ גוטע, אַלטע באַקאַנטע אַ פרעג געטון: — און דו?

ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — ניט גוט, רחלע!

רחלע האָט ער געזאָגט . . . — דאָס קען מען זען אויף דיין פּנים . . .

— דו ווייסט וואָס האָט פּאַסירט?

— יאָ, געהערט — האָט זי שטיל אַרויסגעזאָגט.

— פאַרשטייסטו דאָך שוין. איין שטיקל נחמה — דאָס קינד. עס איז אַ טייער קינד. ווירקלעך, אַזאַ ליב קינד אַז . . . און שיין איז זי!

די שיינקייט פונם קינד האָט אָפּגעשיינט אויף זיין פּנים. די בורשטינענע אויגן, אויסגעלאָשן, חרוב, האָבן מיט אַמאָל אויפגעפינקלט. — איך וואָלט זיך נאָר געוווּנטשן דו זאָלסט אַ קוק טון אויף איר! — די בורשטינענע אויגן האָבן געבעטן: קום, טו אַ קוק! און, ווען די בלויע אויגלעך האָבן זיך אַ זשמורע געטון, האָט זיין האַנט אָנגעכאַפּט איר אָרעם. — קום אַריבער! יאָ? קום . . . זונטיק. — אין דער פּאַוזע צווישן „קום״ און „זונטיק״ איז דורכגעלאָפן דער פּלאַן — אַרויספּראָוואָדען יוליאַן, איר געבן איר טאָג רו.

ער האָט געוואָרט אויף איר באַזוך, נאָך מער אויף דער באַגעגעניש צווישן איר און . . . דעם קינד.

דעם קינדס אויגלעך האָבן זיך אָן עפּן געטון. באַגעגנט אַ שמייכל אין רחלס בלויע אויגן, איר גאַנץ פּנימל אַ שמייכל, האָבן דעם קינדס בורשטינענע אויגלעך אויפגעלויכטן, דאָס קעפּל האָט זיך אַ הייב געטון, העַנטלעך און פיסלעך האָבן גענומען זיך ציען צו איר. זי האָט עס גע־נומען אויף די הענט. — ס'אַרא טייער מיידעלע! — שטערן צו שטערן, נעזל צו נעזל, און צוויי קינדער האָבן זיך געשפּילט, דאָס קליינס האָט ממש אונטערגעטאַנצט אויף אירע הענט. זיך אָנגעטאַנצט, האָט עס אַ לייג געטון דאָס קעפּל ביי רחלען אויפן האַלז, פאַרקוקט צום טאַטן, ווען ער האָט גערופן מיט די הענט: קום צו מיר! האָט עס אַ קער געטון דאָס קעפּל און איר שטערן האָט זיך שיר ניט אָנגעקלאַפּט אָן רחלס שטערן, אירע הענטלעך האָבן געפּאַטשט, געגלעט רחלס באַקן.

— וואָס, ווילסט גאָר ניט גיין צו דיין טאַטן?

רחלס האַלז — אַ בוים, אַרום אים שפּרינגט אַרום דאָס קינד, אַ שטרעק דאָס קעפּל און אַ צי אויף צוריק — כאַפּ מיך! וועסט מיך ניט כאַפּן! ווען שלום האָט סוף כל סוף זי „געכאַפּט״, געוואָלט אַריינלייגן צוריק אין בעטל, האָט דאָס קינד געמאַכט גוואַלדן, ניט געוואָלט אַרונ־טערגיין פון רחלס הענט, דאָ איז איר . . . פריילעכער.

— ס'אַרא ליב קינד!

— איך בין אַזוי צופרידן וואָס זי געפעלט דיר . . . דו ווייסט גאָרניט ווי צופרידן איך בין . . .

— וואָס זשע?

— אַה, איך האָב . . . מורא געהאַט . . . איך האָב זיך געשראָקן . . .

די בלויע אויגלעך האָבן אַ פּיק געטון שלומס פּנים: פאַרשפּאַרסט שטאַמלען. איך ווייס . . . די אויגן פאַרגרעסערט, פאַרטיפערט, האָבן אַריינגעקוקט, אַריינגעדרונגען אין זיינע. — שלום! שנאה גייט ניט ווייטער ווי ביזן קבר . . . און, אויב דו ווילסט וויסן, גייט ליבע אויך ניט ווייטער . . .

ווי טרעפלעך זי האָט עס געזאָגט. ער האָט עס ניט דערוואַרט פון איר. ער האָט זי געקענט און ניט געקענט. זי איז אויסגעוואַקסן, ניט די רחלע פון שאַפּ, אפילו ניט די וואָס ביי דער גראַדואירונג . . . ער וואָלט איר געוויזן גראַסיאַס בריוו . . . ניין, דאָס ניט. ער . . .

ביידע האָבן באַלייגט דאָס קינד שלאָפן און ווען זיי זיינען אָפּגע־

גאנגען פון בעטעלע האָבןביידע געפילט ווי זיי וואָלטן צוריקגעקומען פון אַ לאנגן, לאנגן שפּאַציר. שפּאַצירנדיק אין וואלד, האָט שלום זיך פארנומען אויף אַ זייטיקער סטעזשקע, פארבלאָנזעט, זי איז געווען בייז אויף אים, ער איז אָבער צוריקגעקומען, געבראַכט אַ זעלטן בליי־מעלע, עס איר דערלאנגט, זי האָט עס אָנגענומען, און ביידע קוקן דאַרויף, לייגן צו די נעזער: אזוי שיין! שמעקט אזוי גוט!

אין אַ פּאָר וואָכן ארום האָבן זיי זיך פארשריבן ווי מאַן און ווייב. אַ פּאָר טעג נאָכדעם האָבן מאן און ווייב זיך אריינגעקליבן אין אַ נייער דירה. רחל איז באשטאנען דאַרויף און שטילערהייט האָט שלום מסכים געווען: בעסער אַזוי . . .

דער אלטער איז געווען אויסער זיך. ער האָט זיך אזש געטרייסלט פון כעס. — איר האָט פאַרשוועכט מיין טאָכטערס נאָמען! ווען זי קען אויפשטיין פון קבר, אַ קוק טון, זי וואָלט נאָכאמאָל געשטאָרבן. און דאָס קינד! דאָס קינד וועט ער צונעמען! אַ מאַן, וואָס האנדלט אזוי, ווארט אפילו ניט קיין יאָר, ווי יעדער גוטער ייד און אנשטענדיקער מענטש טוט עס, אזא מענטשן קען מען ניט געטרויען דאָס קינד, ער'ט עס צונעמען ביי אים, ער'ט . . .

ארויסווארפן דעם אלטן. אים אָננעמען פארן קאָלנער — גיי! ער האַסט אים. פונם ערשטן טאָג אָן, און איצט נאָך מער ווי ווען עס איז. ער האַסט אים און . . . אַ רחמנות אויף אים. דער מענטש קען נאָך קריגן אן אפּאָפּלעקסיע. אים ווייזן גראסיאס בריוו . . . ער'ט עס ניט טון. דאָס וואָלט געמיינט אז ער פארענטפערט זיך און ער האָט ניט וואָס זיך צו פארענטפערן, ניט פאר אים . . .

— מיין טאָכטער, מיין טאָכטער . . . נאָך קיין מצבה ניט גע־שטעלט, און . . .

אָט אָט צעוויינט ער זיך, אָדער פאַלט גאָר אַוועק. — איך בעט אייך, מר. מאנטעסינא, זעצט זיך אוועק. — ניט ווארטנדיק דער אלטער זאָל עס טון, האָט ער אים אליין אוועקגעזעצט, אָנגעוויזן מיט דער האנט — איר זיצט! און ארויס פון צימער. אריינגעקומען צוריק, האָט ער אָן ווערטער דערלאַנגט דעם אַלטן גראַסיאס בריוו.

ער האָט לאַנג געלייענט, זייער לאנג און, איבערגעלייענט, האָט דער בריוו זיך ארויסגעגליטשט פון זיינע פינגער, דאָס שטיקל פּאַפּיר ביי זיינע פיס — אַ האַמער מיט וועלכן מ'האָט אים דערלאנגט איבערן קאָפּ. דער אלטער איז ווי איינגעזונקען, ער איז ממש קלענער געוואָרן.

מיט איין אויג אויפן אלטן, האָט שלום אַ בליק געטון צום שטיקל פּאַפּיר, זייטיק זיך אָנגעבויגן, עס אויפגעהייבן. דער אַלטער האָט זיך ווי אויפ־געכאַפּט פון שלאָף. ער האָט זיך געטון אַ שטעל אויף און, ניט אויסריידנ־דיק אַ וואָרט, ארויס פון צימער, פון הויז.

ער האָט זיך מער ניט געוויזן ביזן אייניקלס געבוירנטאָג.

ערב דעם געבוירנטאָג האָט ער אָפּגעשטאַט אַ באַזוך ביי ראַביי דר. דע סילוואַ, אים געבעטן ער זאָל קומען צום אויפדעקן די מצבה פאַר זיין טאָכטער. ער האָט געשטעלט די מצבה! אודאי ער! וואָס דען, איר מאַן? יענער איז פארנומען מיט זיין ווייב . . . ווענן אים איז ניטאָ וואָס צו רעדן. ווען ניט דאָס קינד . . . אים גייט אויס דאָס חיות זען דאָס קינד, אָבער . . .

גרשם מאַנטעסינאַ האָט זיך פארהאַקט. ער האָט ניט דערציילט דעם אמת פאַרוואָס ער האָט זיך צוגעאיילט מיט שטעלן די מצבה, ניט לאָזנדיק אפילו וויסן זיין איידעם, ער האָט אויך ניט געקענט דערציילן פאַרוואָס ער גייט ניט מער זען דאָס קינד, אנשטאָט דעם האָט ער גע־נומען רעדן וועגן דער צוואה וואָס ער האָט אויסגעשטעלט, איבער־לאָזנדיק כמעט זיין גאַנצן פאַרמעגן ירושה פאַרן קינד, בתנאי . . .

דער ראַביי האָט איבערגעקוקט די צוואה, די תנאים, וואָס זיינען, דער עיקר, געווען באַוואָרעניש קעגן איר פאָטער, זיין . . . רוסישן איידעם. ביסלעכווייז האָט דער ראַביי ביי אים אָפּגעדונגען עטלעכע תנאים און לסוף אים געראָטן, ווי אַ זיידע צו אַ זיידן, ער זאָל גיין זען דאָס קינד, זיין איינציק אייניקל, צום ערשטן געבוירן־טאָג.

גרשם מאַנטעסינאַ האָט באַדאַנקט דעם ראַביי פאַר דער עצה — אייגנטלעך, דעם הכשר — צו גיין זען דאָס קינד, פונדעסטוועגן איז דער גאַנג אים אָנגעקומען זייער שווער, נאָך שווערער דאָס אָנקלאַפּן אין טיר, דאָס אריינגיין. אריינגעקומען, האָט אים אַ קלאַפּ געטון אין פּנים די פריילעכע שטימונג אין שטוב, דער איידעם אזוי אויפגעלויכטן, אפילו זי, די שטיפמאַמע . . . אזוי אויפגערוימט פון שפּילן זיך מיטן קינד, און דאָס קינד — גראַסיאַ! — אַ פּאָר שיכעלעך! — האָט ער שיר ניט אויסגעשריען, אנשטאָט אַ באַגריסונג, און אַ שטרעק געטון דאָס פּעקעלע. רחל האָט עס צוגענומען. דער אַלטער האָט אַ גלעט געטון דעם קינדס קעפּל, עס אַ קוש געטון. דאָס קינד האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ, אַ שטרעק געטון די הענטלעך צום פּעקל. דער אַלטער, זי האָט אים דער־קענט. זיינע קושן קען זי טאַקע ניט ליידן, עס שמעקט פון אים עפּעס

אזוי . . . אָבער ער ברייגנגט אלע מאָל שיינע און זיסע זאכן, אין דעם פּעקל מסתּם אויך זיסע זאכן.

דער אלטער האָט זיך אוועקגעזעצט, רחל האָט געעפֿנט דאָס פּעקל.

— שיכעלעך פֿאַרן קינד. זיי אָנטון, יאָ?

— טשי־טשי! — האָט דאָס קינד נאָכגעזאָגט, געכאַפּט איין שיכעלע און עס אַ לייג געטון צו זיך אויפֿן קעפּל.

— נאַרישע מויד! — האָט רחל געלאכט. — דאָס איז שיכעלעך, שיכעלעך פֿאַר די פּיסעלעך. גיב אַ פּיסעלע. אָט אזוי.

רחל האָט אָנגעטון דעם קינד די שיכעלעך, זי אוועקגעשטעלט, אַליין האָט זי זיך אוועקגעזעצט אויפֿן דיל קעגנאיבער איר און גענומען רופֿן

— קום, קינדעלע, קום צו מיר!

דאָס קינד האָט געקוקט אויף די שיכעלעך, אויף רחלען, אויף שלומען: וואָס זאָגט איר? זאָל איך וואַגן?

— גיי! גיי צו דער מאמע!

דער אלטער האָט שאַרף אַ דריי געטון דעם קאָפּ.

— קום אהער, גרעיסי! קום, גרעי . . .

— איר נאָמען איז ניט גרעיסי! גראסיא! דאָס איז איר נאָמען. פֿארשטאנען? גרא־סי־א! — דער אלטער איז אויפֿגעשפּרונגען. דער שטעקן, אויפֿגעהייבן איבער רחלס קאָפּ, האָט זיך געטרייסלט, אָט אָט לאָזט ער זיך ארונטער.

דאָס קינד האָט זיך אַ לאָז געטון, מיט אַ געוויין ארייַנגעפֿאלן אין רחלס אָרעמס. שלום האָט אַ צי געטון דעם אלטן. רחל האָט זיך אויפֿגעהייבן, צוגעטוליעט דאָס קינד צו זיך און אויף גיך ארויסגעגאנגען. שלום האָט אַוועקגעזעצט דעם אַלטן. — באַרויקט זיך. ווילט אַ ביסל וואַסער?

— איך וויל גאָרניט. איך וויל . . . גראסיאן! מיין טאָכטער! מיין קינד!

וואָס פֿאַר אַ בייזער רוח האָט אים אָנגעטראָגן? און דאָך . . .

— גראסיא איז מ יי ן טאָכטער, און די קליינע גראסיא איז אויך מיינע. זי איז גראסיא, אַ מאָנטעסינא, ניט גרעי־סי . . . אָט דער . . . פּרויס . . .

— נו, מר. מאנטעסינא, לאָמיך אייך זאָגן, גראסיא איז ג ע ו ו ע ן א יי ע ר טאָכטער און מ יי ן ווייב. די קליינע גראסיא איז אייער אייניקל, אייניקל, און ניט טאָכטער, אַ טאָכטער איז זי מיינע. איך וויל איר זאָלט עס וויסן. אַ מאנטעסינא? טיילוויז, אַ העלפט, איר נאָמען איז

גינצבורג. אייך געפעלט ניט דער נאָמען, מיר געפעלט ער גאַנץ גוט, פונדעסטוועגן, אַז איכ׳ל דערלעבן, זי וועט חתונה האָבן און איר נאָמען וועט געביטן ווערן אויף . . . אויף . . . גרינפעלד, שיינבערג, אָדער . . . בעלמאַנט צי מאַנטעבעללא וועל איך זיך ניט זעצן וויינען און זיכער ניט מאַכן קיין סקאַנדאַלן . . . אייער כוונה — קומען צום קינדס געבוירנטאָג, ברייגנען איר אַ מתנה, איז זיכער געווען אַ גוטע, עס איז ביי מיר זייער אָנגעלייגט, אָבער אייער אויפפירונג — — — דאָס קינד איז געווען אויפגע־לייגט, פריילעך, האָט זיך געשפילט, געלאַכט, און דאָ נעמט איר און . . .

דער אלטער האָט זיך אַ הייב געטון, דער שטעקן אויף וועלכן ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט האָט זיך אַ גליטש געטון, ער האָט אים אָבער גיך פארכאפּט, פעסט צוגעדריקט צום באָדן.

— איך . . . איך . . .

דער ווייכער, ווייטיקדיקער קוק אין דעם אַלטנס אויגן איז ווי אויסגערונען, אַ טרוקענער האַרטער גלאַנץ האָט אַ שיין געטון און פון מויל איז ארויסגעקומען: — דאָס וועט מער ניט פּאסירן.

מיט אַ פעסטן טראָט, יעדער שטעל פון שטעקן — א קלאפּ: איך גיי אוועק! האָט ער פארלאָזט דאָס הויז.

— אוועקגעגאנגען? — האָט רחל א פרעג געטון, ארײנשטעקנדיק דעם קאָפּ.

— וואָס איז מיטן קינד?

— זי געלייגט שלאָפן. ניט געוואָלט אויסטון די שיכעלעך. באין אופן. זי ארײנגעלייגט מיט די שיכעלעך.

— וועט איינשלאָפן וועסטו זיי אויסטון.

— אַ כעס דאָס האָט! געמיינט אָט אָט שפּאַלט ער מיר דעם קאָפּ.

— שפּאַלטן דעם קאָפּ ניט, ער איז ניט קיין פּאָליציימאַן . . . —

שלומס קוק: געדיינקסט? דער פּאָליציימאַן האָט מיר געוואָלט שפּאַלטן דעם קאָפּ און דו האָסט מיך געראַטעוועט? נו, איצטער האָב איך דיך . . .

רחלס שמייכל: אודאי געדיינק איך! — אָבער ער איז אַן אָנשיקעניש. איך האָף אַז ער׳ט מער נישט קומען.

— איך האָף אויך אזוי.

(15)

גרשם מאַנטעסינא איז מער ניט געקומען. שלום איז געווען צופרידן, פונדעסטוועגן האָט עס אים געדופעט. ער האָט געזען דעם אלטן מיטן

שטעקן איבער רחלס קאָפּ. נו יאָ, ער איז ניט קיין פּאַליציימאַן, אָבער אַז אַ מענטש גייט ארויס פון די כלים קען מען גאָרניט וויסן וואָס ער איז קאפּאבל צו טון. אַזאַ כעס! מורא געהאַט אָט אָט קריגט ער אַן אפּאָפּלעקציע. און פּאַרוואָס! גרעיסי! ווי ווייט איז עס פון גראסיא ביז גרעיסי? נו יאָ, רחל האָט אמאָל אויך געזאָגט: איך האָב פיינט אַז מ׳רופט מיך רייטשל, און ער גופא: מיין נאָמען איז שלום גינצבורג. אַ נאָמען איז אַ סימן, מיינט עפּעס, אָבער זאָל ער גיין, דער מאנטעסינא . . . בעסער אַז ער קומט ניט.

ער איז טאקע ניט געקומען. אין עטלעכע וואָכן ארום האָט זיין ראביי, דר. דע סילוואַ, אָנגעקלונגען: מר. מאנטעסינא איז קראנק, זייער קראנק, אַ נוטה למות, און ער האָט געבעטן, זייער געבעטן מר. גינצבורג זאָל קומען אים זען און למען השם ברייגען דאָס קינד. דאָס וועט זיין אַ חסד של אמת, אויב מר. גינצבורג ווייסט וואָס דאָס מיינט. מר. גינצבורג האָט, ניט אָן אַ שמייכל אין טעלעפאָן טרייבל, געענטפערט אַז ער איז זיך משער . . . וואָס דאָס מיינט און צוגעזאָגט דאָס טון.

רחל האָט אפילו געפּרווט אים אָפּריידן דערפון. — דו גיי, אָבער דאָס קינד שלעפּ ניט. קיין גוטס וועט עס איר נישט טון. זי האָט אים סיי ווי נישט ליב און, אויב ער האלט אזוי שמאָל, איז גאָר א פראגע צי דארף מען עס גאָר טון. קינדער זיינען זייער סענסיטיוו.

— עס וועט איר ניט שאטן. און טון מוז איך עס. מיטגיין? ניין. זיך שוין אליין ספּראווען.

זיין ערשטער באזוך אין דעם הויז, ווען גראסיא האָט געעפנט די טיר פאר אים . . . איצט, די טיר האָט געעפנט מרים, די קעכין, אירע קליינע, שוואַרצע אויגן האָבן אים ווידער אַ פּיק געטון: דאָס ביסט־ו? געזאָגט האָט זי גאָרניט. אַן עלטערע וואַרטספּרוי, אָנגעטון אין ווייסן, האָט שטריינג אַ קוק געטון אויף אים, בסוד אים איינגערוימט אַז דער חולה האלט זייער שמאָל, לכן זאָל ער ניט פארברייגען צו לאנג און, דער עיקר, ניט אויפרעגן דעם חולה. אָפּגעזאָגט אירס, האָט זי זיך געלאָזט פאָרויס אָט ווי זי וואָלט געגאנגען אויף אַ זייער שמאָלער קלאַדקע איבער אַ טיפן שטראָם און ער מוז נאָכגיין אין אירע פיס־טריט.

וויפל מאָל שלום איז געווען אין דעם הויז, אָבער דעם אַלטנס שלאָף־צימער האָט ער ניט געזען, איצטער האָט ער דערזען די בעט. ניט קיין בעט — אַ געביידע אַ גאנצע! אזוי ברייט און אזוי הויך, און אַ . . . פאָרהאנג, בלויז האלב פארצויגן, אַ קימפּעטאָרן . . . אלץ וואָס פעלט

— שיר המעלותן . . . אויף גרויסע קישנס — ער האָט אזעלכע קישנס ניט געזען זינט ער איז אין אַמעריקע — איז געליגן, ניין, האַלב געזעסן דער אלטער.

— חרב, — האָט אַ קלאַפּ געטון אין קאָפּ שלומען, ווען ער האָט אים דערזען. אָן דער יאַרמעלקע, די שיטערע רויך־גרויע האָר אויפן קאָפּ, די שטאָל־גרויע באָרד, דער ערד־קאָליר פּנים — אַ פאָטאָגראַפישער נעגאַטיוו, דאָס איינציקע „פּאָזיטיווע" — די אויגן. נאַקעטע, אָן די ברילן, האָט ער זיי גוט געזען צום ערשטן מאָל, און ער האָט געזען — גראַ־סיאָס אויגן, נאָר אָן איר „סאַמעט" . . . — וואָס מאַכט איר?

דער אלטער האָט אפילו ניט געענטפערט. ער האָט אַ קער געטון דעם קאָפּ, אַנגעשטעלט די אויגן אויפן קינד. דאָס קינד האָט זיך אַ דריי געטון ביי שלומען אויף די הענט, פאַרלייגט דאָס קעפל אויף זיין האלז צו דער פּלייצע צו. דער אלטער האָט ניט אויפגעהערט קוקן. שלום האָט זיך צוגעזעצט, אַ דריי געטון דאָס קינד, גענומען רעדן צו דעם. — דאָס איז דער זיידע. זאָג: העללאָ, זיידע! גיב דאָס הענטעלע דעם זיידען. גיב דאָס הענטעלע און זאָג: העללאָ זיידע!

שלום האָט זיך אַנגעבויגן, געצויגן דעם קינדס הענטל צום אַלטן. דעם אלטנס ביידע הענט האָבן זיך אַ יאָג געטון, אַנגעכאַפּט דעם קינדס הענטל, האָט ער א בויג געטון דעם קאָפּ, זיינע ליפּן האָבן אָנגערירט דאָס הענטל. דאָס קינד האָט אַ ריס געטון דאָס הענטל, אויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין. שלום האָט געגלעט דעם קינדס פּלייצע, דאָס קעפּל, עס באַרויקט. דער אלטער האָט אַ קוק געטון אויף אים. — גיט אכטונג אויפן קינד, — האָט ער ארויסגעכריפּעט, פאַרמאַכט די אויגן, זיי ווידער געעפנט. — זעט דעם ראַביי, דר. דע סילוואַ. — ער האָט ווידער פאַרמאַכט די אויגן, און זיין גאַנצער פּנים איז צוגעמאַכט געוואָרן, לאָדן ארונטערגעלאָזט איבער באַלויכטענע פענסטער, אינעווייניק איז נאָך ליכטיק, אָבער פון דרויסן פינסטער, טויט. שלום האָט דערזען דעם אלטן אין ארון . . . צודריקנדיק שטאַרק דאָס קינד, איז ער אויף גיך אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

שלום האָט זיך געקליבן אָנקלינגען, אריבערגיין צו ראַביי דר. דע סילוואַ און עס אָפּגעלייגט פון היינט אויף מאָרגן. וואָס דאַרף ער עס אים זען? וועט ניט אנטלויפן. אין אַ פּאָר טעג ארום האָט אים דער ראַביי געלאָזט וויסן אז מר. מאַנטעסינאָ איז „אוועקגעגאנגען", די לויה וועט זיין פרייטיק עלף אינדערפרי, ער זאָל למען השם קומען.

— דער אלטער . . . — האָט שלום אַ זאָג געטון צו רחלען.

ברוך שפּטרני. ניט שלום, ניט רחל האָט עס אַרויסגעזאָגט. שלומען איז, פונדעסטוועגן, געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. ווען ער איז אָבער געקומען צו דער לויה האָט ער ווי פאַרגעסן ווער דער מת איז, ער איז געזעסן אַ נייגעריקער צוקוקער. דער רב מיט זיינע בגדי . . . גלח, אַ יאַרמעלקע, אָבער עפּעס ניט קיין יידישע, די פאָרמע — אַ לאַמטערן, שמאָל ביים שטערן, ברייט אויבן, מיט אַ טשוביקל אינמיטן. היינט די טענדע־ווערענדע. עפּעס נישט יידיש. איז עס נוסח ספרד, נוסח אמע־ריקע? דער ראַביי, ווען ער האָט גערעדט ענגליש — און אַ פיינעם ענגליש — איז ווי ער וואָלט אַדרעסירט אַ גרויסן עולם, כאָטש געווען זיינען געצוי זעכצן מענטשן, שלום האָט זיי איבערגעציילט, און ווען ער האָט געזאָגט די פּסוקים אין העברעאיש איז ווי ער וואָלט גערעדט צו גאָט אַליין. גוט וואָס ער האָט עס געמאכט בקיצור. דאָס זיין איינער פון די נושאי המיטה איז אויף אים ניט געפאַלן צו שווער, דערפאַר אָבער אויפן בית עולם, ביים אָפענעם קבר, האָט אים אַ שטאָך געטון אין די אויגן אַ שוואַרצער שטיין מיט גאָלדענע אותיות: גראַסיאַ מאַנטעסינאַ־גינצבורג.

שלומס אויגן האָבן גענומען שפּרינגען צווישן מצבה און אָרון. אויסגעכאַפּט ביי אים. געשטעלט אַ מצבה. זיך באַוואָרנט מיט אַ שטיקל קרקע לעבן איר און מיטן . . . מאַנטעסינאַ. נאָך גוט וואָס ער האָט צוגעשטעלט גינצבורג. ער האָסט אים! אַז מ׳האָט ליב די ווייב האָט מען ליב דער ווייבס משפּחה. גראַסיאַן האָט ער ליב געהאַט, ער האָט זי באמת ליב געהאַט און אים האָט ער פון אָנהייב אָן געהאַסט, האָסט אים אפילו איצט. אָבער ער איז טויט. ער איז טויט. יתגדל ויתקדש...

נאָך דער קבורה האָט דער ראַביי צערעמאָניאַל, דאָך פריינטלעך, זיך געזעגנט מיט יעדן איינעם פון די מלווים. שלומס האַנט האָט ער פאַרהאַלטן. — איך האָב געמיינט איר׳ט קומען מיך זען פ אַ ר דער לויה...

הייסט עס, זיי, דער ראַביי און דער אַלטער, האָבן זיך פאַרשטענדיקט וועגן עפּעס.

— זיך געקליבן אַריבערקומען, אָבער ער האָט . . . מיך איבערגעיאָגט.

— ער איז געווען קראַנק, זייער קראַנק, איך בין געווען דער איינ־ציקער וואָס האָט עס געוווסט. נו, ינוח בשלום על משכבו . . . און איר, וואָלט איר געוואָלט פאָרן מיט מיר? איין אויטאָמאָביל דעם באַגראַבערס איז געשטעלט געוואָרן אין מיין רשות.

דער אינעווייניק פון אַן אויטאָמאָביל — אַן אָפּגעשלאָסענע וועלט,

מ׳קען זיצן געמיטלעך און רעדן, די וועלט, פילט מען אָבער, באַוועגט זיך; אַ רשות היחיד, דאָך איז דאָ אַן עדות — דער שאופער. ראַביי דר. דע סילוואַ האָט ווי ניט געפילט די אָנוועזנהייט פון אַ דריטן מענטשן, ער האָט גערעדט שטיל, אָבער ניט ווייל דער דריטער הערט, נאָר ווייל אַזוי האָט ער גערעדט צו זיינע באַזוכער ביי זיך אין הויז, שטיל, פאַר־טרוילעך, מיט דער שטילקייט געצווונגען יענעם זיך צוהערן וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן, און ער האָט געהאַט וואָס צו זאָגן.

— איר ווייסט מסתם וועגן דער צוואה וואָס מר. מאַנטעסינאַ האָט געלאָזט.

— איך . . . בין זיך משער אַז ער האָט געלאָזט אַ צוואה, געווען אַ צו גוטער געשעפט מענטש ניט צו לאָזן קיין צוואה, געזען האָב איך זי ניט, ווייס ניט קיין פּרטים.

— איך האָב אַ קאָפּיע מיט זיך. געזען איר זייט ניט געקומען, האָב איך מיטגענומען די קאָפּיע מיט זיך. — ער האָט דערלאַנגט אַ לאַנגן, פאַר־חתמעטן קאָנווערט. קענט זי האָבן. מיין קאָפּיע האָב איך. מיר זיינען, וואָס מ׳קען אָנרופן, שותפים צו דעם געשעפט. איר׳ט איבערלייענען וועט איר זען. פאַרשטייט איר מיך, איידער ער האָט אויסגעשטעלט די צוואה האָט ער, ווי דער שטייגער, זיך שואל עצה געווען מיט מיר. ער האָט עס אויך געטון איידער ער האָט אויסגעגעבן זיין טאָכטער פאַר אייך . . . — זיין קוק אויף שלומען: איך ווייס אַ היפּש ביסל וועגן דיר, דיינע משפחה ענינים. — לכתחילה האָט ער געוואָלט איך זאָל זיין דער איינ־ציקער אַפּטרופּוס. דאָס האָב איך ניט געוואָלט, אים אָנגעוויזן אַז איך בין שוין אויך ניט קיין יינגעלע. האָט ער געוואָלט איך זאָל זיין צוזאַמען מיט זיין אַדוואָקאַט, האָב איך אים אָנגעוויזן אַז אויב אַן אַדוואָקאַט, האָט ער אַן אייגענעם . . . זיך לאַנג געאַמפּערט ביז ער איז איינגעגאַנגען. די צוואה האָט טאַקע אויסגעשטעלט זיין אַדוואָקאַט, ער האָט אַ קאָפּיע, אַפּטרופּסים — איך מיט אייך. ווי געזאָגט — שותפים.

— אַ דאַנק, אַ שיינעם דאַנק. כאָטש, דעם אמת געזאָגט, בין איך גאָר ניט אַזוי נייגעריק נאָך דער אַפּטרופּסות . . .

— נו, איר דאַרפט יאָ זיין פאַראינטערעסירט. חוץ זיין אָפּזאָג פאַר זיין קעכין מרים, פאַר דער שול, נאָך אַנדערע קליינעקייטן, האָט ער דאָס איבעריקע פאַרמעגן אָפּגעזאָגט אויף זיין אייניקל, אייער טאָכטער. אָבער, ווי איך פאַרשטיי, איז ניט געווען אַזאַ גוט לעבן צווישן אייך ביידן, איך מיין אייך און מר. מאַנטעסינאַ.

— מ׳קען ניט זאָגן אַז „צופיל ליבע איז פאַרגאָסן געוואָרן״ צווישן אונדזביידן, איך קען אייך אָבער פאַרזיכערן אַז די שולד איז ניט געווען אינגאַנצן מיינע. ער, זאָל ער מיר מוחל זיין, איז געווען אַ . . . האַרטער מענטש.

— הארט? איך ווייס ניט. איר האָט אים אפשר ניט געקענט אזוי גוט ווי איך. איך האָב אים געקענט אַ יאָר צוואנציק, גענויער — צוויי און צוואנציק יאָר. ער האָט געהאַט אַ האַרטע שאָלעכץ, דאָס אפשר יאָ, אָבער דאָס הארץ זיינס איז געווען אַ גוט יידיש הארץ. ער איז געווען אַ גוטער ייד און זייער אַ געטרייער פאָטער, זיין טאָכטער האָט ער ליב געהאט מיטן גאנצן הארצן.

— אז מ׳האָט ליב די טאָכטער דארף מען אויך ליב האָבן דעם איידעם...

— דארפן, דארף עס אזוי זיין, אָבער ניט אלע מאָל איז עס אזוי. איר ווייסט מסתם פון די פילע שנור און שוויגער וויצן, וועגן שווער און איידעם זיינען אויך דאָ אַ שפּאָר ביסל, און אין יעדן וויץ איז דאָ אַ קערנדל אמת. ער, מר. מאנטעסינא, האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט זיין טאָכטער אז ס׳איז פשוט אַ חידוש וואָס ער האָט איר געלאָזט חתונה האָבן גאָר אינגאנצן. ער וואָלט קיין איידעם ניט ליב געהאט. אין אייער פאל האָט ער גאָרניט געהאט קעגן אייך פערזענלעך. אדרבה, ער האָט מיר אליין געזאָגט: דער בחור איז אן ערלעכער און, קענטיק, אַ געלערנ־טער. אזוי האָט ער געזאָגט. צווישן אונדז גערעדט, זיין קוואַל פון למדנות איז ניט געווען קיין גוואלדיק טיפער . . . אָבער ער האָט געהאט א גוטן קאָפּ אויף זיך. און קעגן אייך איז זיין איינציקע אויסזעצונג געווען אייער . . . רוסישקייט.

— דאָס ווייס איך.

— אויב איר ווייסט עס, וועט איר אים פארשטיין אַ ביסל בעסער. ער איז, ווי זאָל איך אייך זאָגן, געווען קאָליר־בלינד, דעם איינציקן קאָליר וואָס ער האָט געזען איז געווען שפּאַניש־בלוי. יידן זיינען ביי אים געווען רק די שפּאנישע, די ספרדישע. די אשכנזים — דייטשישע, פוילישע, רוסישע יידן — זיי האָט ער ניט געזען, ניט געוואָלט זען. דאָס וואָס איך רוף אָן קאָליר בלינד, ווייל דאָס לעבן איז אַ רעגנבויגן, און דאָס יידישע לעבן אודאי. פאַרשטייט איר מיך, עס איז איין לאַנגער יידי־שער פאָדעם וואָס ציט זיך דורך לענדער און דורות עד סוף כל הדורות. אָט דער יידישער פאָדעם האָט אַלע רעגנבויגן קאָלירן, פונם טראַדי־ציאָנעלן וויס־בלוי ביזן אמעריקאנעם יונגן גרין. יעדער לאנד, יעדער

דור גיט צו זיין קאָליר. יאָ, איך קען זען דעם אמעריקאַנעם גרין, און לאָמיך אייך זאָגן, איך האָב גאָרניט קעגן אים. אַ ביסל ווילד, דערפאר אָבער אזוי יונג, זאַפטיק. ער געפעלט מיר. וואָס דיינקט איר?

— איך . . . אין דעם וואָס איר זאָגט איז דאָ אַ סך אמת.

— טוט אַ טראַכט וועגן דעם און קומט אמאָל אריבער, מיר'ן זיך דורכשמועסן. און די צוואה לייענט איבער. איך גלויב מיר וועלן אויס־קומען, — האָט ער פאמיליאר אַ לייג געטון זיין האנט פלאַך אויף שלומס קני. — איך גיי דאָ ארונטער. איר ווילט, וועט דער שאופער אייך צו־פירן אַהיים.

— אַ שיינעם דאנק, אָבער איך וועל בעסער גיין אַ ביסל. עס איז ניט ווייט. אַ דאנק, און אַ גוטן . . .

שלום האָט פריי אָפּגעאָטעמט. דער יונגער פרילינג טאָג האָט אַ בלענד געטון די אויגן. בית עולם, דער אלטער . . . געשטאָרבן, ניטאָ. דאָ אַ פרילינג טאָג, אַ זון . . . „לעבן איז אַ רעגנבויגן". רעדט מיט אזא אפלאָמב. נו, אַ רב, אַ ראַ־ביי! קענטיק אָבער ניט קיין נאַר. „יעדער לאנד, יעדער דור גיט צו זיין קאָליר . . " וואַרט נאַר, וויפל „לענדער" האָט ער גופא? ער — אוקראַינע; רחל — רומעניע; גראסיא . . . שפאניע? ניין! אמעריקע! דאָס איז גרשם מאנטעסינא (טאקע גרשם, מיט אַ מם) געווען אַ גר, אַ שפאַניער, גראסיא איז געווען אַן אַמערי־קאַנער, די גראסיא אודאי, און זיין זון . . . אויף וועמען ער האָט שוין אַן אָנזאָג וועט אויך זיין אַן אמעריקאנער. ווי וועט ער הייסן? יוסף וועט ער אים אַ נאָמען געבן, נאָכן זיידן. בן פורת יוסף. און אז מ'וועט אים רופן דזשאָו? איז מה בכך? דער נאָמען אַן אַמעריקאַנישער, דער פנים אַ יידישער. רחל. „איך האָב פיינט אַז מ'רופט מיך רייטשל"; ער גופא — מיין נאָמען איז שולעם גינצבורג, און דער אַלטער: „איר נאָמען איז גרא־סי־א! גרא־סי־א! ניט גרעי—סי!"

נו, דער אלטער האָט געזען שפּאַנישן בלוי . . . ער, שלום, האָט אויך געזען רוסישן רויט . . . צייט זיך צוגעווינען צום אמעריקאנעם גרין . . . אַ ביסל ווילד, דאָך . . .וויקטאָר בערגער דערווילט אין קאָנ־גרעס, עמיל זיידל — מעיאר; דער לעבנס שטייגער פונם אמעריקאנעם ארבעטער הלואי אויפן רוסישן געזאָגט געוואָרן; ער גופא — דעם אָרי־מאַנס אדוואָקאט, אָבער ער דערלייגט ניט צום עסק. ניין, דערווייל האָט ער צו אמעריקע גאָרניט דערלייגט . . . און וואָס שפּעטער וועט זיין, וועט מען זען . . .

אָפּגעשפּאָרט

מיט די צוויי טויזנט דאלער, אָפּגעשפּאָרט אין משך פון צוואנציק יאָר שטיין און פּרעסן הויזן, האָבן עזריאל און זלאטע פּערלמאַן געקויפט צוויי „לאטס״.

געקויפט האָט זלאטע. עזריאל האָט זיך געוועדט: נעמען שווער פאַר־האָרעוועטע געלט און באַגראָבן אין דר׳ערד.

— וואָס איז גאָר באגראָבן, מיינע שונאים? האָסטו געהערט אַ מעשה? באַגראָבן גאָר. די ליפּשיצעס האָבן אריינגעלייגט דריי טויזנט דאָלער, און אין דריי חדשים אַרום האָבן זיי אָפּגענומען פינף טויזנט; דער קצב ביי וועמען איך קויף פלייש איז געוואָרן אַן עושר איבער נאכט, געקויפט און פארקויפט; וואָס דארפסטו מער, אפילו דער שמש פון שול האָט געמאכט אַ טויזנט דאלער, פון האנט צו האנט. אלע קויפן, פאַר־קויפן, בויען, ווערן רייך, און ער׳ט שטיין און פּרעסן הויזן. נישקשה, איך בין נאָך אַזוי קלוג ווי די מרס. ליפּשיץ, אַז זי קען . . .

מרס. ליפּשיץ, מרס. דראבקין, מר. בלומענפעלד, דר. רובינשטיין, ריעווערענד שטיינבערג, מענער, פרויען, וואָס האָבן אויף זייער לעבן גאָר־נית געהאט צו טון מיט מסחר, לאנד, האָבן געהאלטן אין איין רעדן וועגן „לאטס, פאַרסעלס, מאָרטגייזשעס, טראסט דידס, אָפּשן, עסקראו״, זיי האָבן אפילו נית געוווסט דעם טייטש פון אָט די פרעמדע ווערטער, די ווערטער זיינען טאַקע אַרויסגעקומען צעקאַליעטשעטע, אויך אייניקע „סוחרים״ זיינען אַרויסגעקומען געניזוקטע, אָבער זיי האָט מען מבטל געווען — שלימזלס! געקוקט האָט מען אויף די וואָס האָבן געקויפט, פארקויפט, געמאכט געלט. בראנזוויל האָט „געבומט״, פאַרוואָס זאָל זלאַטע נית קויפן, נית געניסן פונם „בום״?

עזריאלן האָט אפילו פארדראָסן וואָס זלאטע רעדט אזוי שפּאָטעריש וועגן זיין פּרעסן הויזן, די צוויי טויזנט דאָלער האָט ע ר דאָך . . . אויס־געפּרעסט, אָבער, צוריקגערעדט, פארדינט דאָס געלט האָט ער טאַקע, אָ פּ ג ע ש פּ אָ ר ט האָט ז י. ער האָט יעדע וואָך אָפּגענומען זיינע שכירות, צוועלף, פופצן דאלער אַ וואָך, און זיי געבראכט זלאטען, אפילו

ניט געעפֿנט דאָס קאָנווערטל, זען צי האָט מען אים ריכטיק באַצאָלט, זלאטע, זי'ט שוין אכטונג געבן. זלאטע האָט צוגענומען די שכירות, אים האָט זי געגעבן אַ דאלער, אויף א קעסעלע ביר, אַ ציגאר טוטין, דאָס איבעריקע איז געווען אירס, זי האָט געצאָלט דירה געלט, געגעבן עסן, געפירט די באַלעבאַטישקייט, זי האָט דערצויגן די קינדער, איצטער שוין דערוואקסענע, אויסגעגעבענע צוויי זין, ער האָט זיך ניט געמישט. איצ־טער, זי וויל קויפן לאַטס, מע . . . זיינען זיי אין אַ שבת — שבת האָט ער ניט געארבעט — געפאָרן אַ קוק טון אויף די לאטס, און אין אָוונט, אין די שבתדיקע בגדים, זיינען זיי אוועקגעאנגען צום אגענט, געגעבן אן אדע־רויף און אונטערגעשריבן אַ פּאַפּיר. דאָס אונטערשרייבן איז עזריאלן אָנגעקומען אַ ביסל שווערלעך. ער האָט געקענט שרייבן, נאָך אין חדר געלערנט, אָבער ווען איז אים אויסגעקומען צו שרייבן? אפילו צו די זין, איינער האָט געווינט אין שיקאגא, דער צווייטער האָט אָנגעשפּארט אזש אין סיינט לואיס, האָט ער קיינמאָל ניט געשריבן. פֿונם ייִנגערן איז דאָך אָפּגערעדט, יענער האָט שוין ניט געקענט אָנשרייבן, אפילו איבערלייענען אַ יידיש וואָרט, נאָר אפילו חיימען, דעם עלטערן, האָט ער אויך ניט געשריבן.

— מעגסט אַמאָל אויך אָנשרייבן חיימען אַ פּאָר ווערטער.

— וואָס 'עליכ'ים שרייבן? שרייב אים אַ גרוס. אַן עסק — שרייבן.

עזריאל איז ניט געווען קיין שרייבער. ווען ער האָט אריינגענומען דאָס הענטל פּען אין האנט, אונטערצושרייבן „אָט דאָ אָ, אויף דער שורה", איז דאָס הענטל פּען אַרומגעשווומען צווישן די פֿינגער. הער אַ מעשה! אַ פּרעסל פֿון צוואנציק־דרייסיק פֿונט, אַז ער נעמט עס אריין אין האנט, איז עס אריינגענומען, ער איז דער באלעבאָס איבער דעם, דאָ, עפּעס אַ דין שטעקל, און רק עס גליטשט זיך ארויס. מילא, ער האָט עס ווי ס'ניט איז בייגעקומען, האָט אונטערגעשריבן ווו מ'האָט געדארפֿט, איז געוואָרן דער באלעבאָס פֿון צוויי לאטס, און אויף מאָרגן איז ער, ווי יעדן זונטיק, אוועקגעגאנגען אין שאַפּ, זיך געשטעלט פּרעסן הויזן. ער האָט שוין טאַקע צוויי לאַטס, אָבער וואָס 'טער טון מיט זיי? קייען די ערד? עסן דאַרף מען דאָך! און די לאטס? זלאטע . . . זי'ט שוין . . .

זלאַטע האָט ניט גערוט. זי האָט געקויפֿט צוויי לאַטס אויף זיך האַלטן מיט זיי? אַ לאט איז אן איידעם אויף קעסט. עזריאל וועט שטיין אין שאַפּ, פּרעסן הויזן און זי וועט צאָלן „טעקסעס" אויף די לאטס? איין אגענט, אַ צווייטער, אַ דריטער, זי האָט פֿארקויפֿט, געקויפֿט, געביטן,

אויסגעביטן, יעדער מאָל האָט עזריאל אונטערגעשריבן פּאַפּירן און אויף פּאַפּיר איז ער שוין געווען אַ גביר, ער איז אָבער נאָך אַלץ געשטאַנען און געפּרעסט הויזן ביז מ׳האָט סוף כּל סוף אויסגעביטן אַלץ וואָס מ׳האָט געהאַט אויף אַ גרויסער, הילצערנער געביידע, דריי שטאָק די הויך, צוועלף דירות. אויף דער געביידע איז געווען אַן ערשטער מאַרטגייזש, אויף וועלכן מ׳האָט געדאַרפט צאָלן פּראָצענט, אַ צווייטער, אויף וועלכן מ׳האָט געדאַרפט צאָלן אי פּראָצענט אי אויפן קערן, היינט טעקסעס, וואַסער, פאַרזיכערונג, פאַרריכטן, צום לעבן וועט בלייבן זייער ווייניק. ניט אַזאַ גוואַלדיקע מציאה, אָבער דער „בום" איז פאַראיבער, דאָס איז דאָס בעסטע וואָס מ׳האָט געקענט קריגן, איצטער איז — אויס האַנדלען. און אויך — אויס שאַפּ!

— דערויף האָב איך עס געפּאַדעט, געלאָפן, געדרייט, דו זאָלסט נאָך שטיין אין שאַפּ, מיט דיינע געשוואָלענע פיס, און פּרעסן הויזן? אַז ניט דעראַרן זאָלן דאָס מיינע שונאים. האָסטו געזען? אין שאַפּ וועט ער גיין!

— און וואָס וועל איך טון? זיך זעצן שרייבן ספרים?

— זאָלסט זיך נאָר ניט זאָרגן, וועסט האָבן גענוג וואָס צו טון. פאַרגעס ניט — צוועלף דירות, עלף שכנים, קיין אַרבעט וועט דיר ניט פעלן.

— ס׳וועט דאָך אָבער פעלן געלט, וועט פעלן! די אַלע צאָלונגען, ווו וועט מען עס נעמען, ווו?

— דאָס איז שוין מיין עסק. אין די זאכן מיש זיך נישט, איכ׳ל עס שוין אליין באַזאָרגן, דו גיב אַכטונג אויפן הויז.

און אַזוי איז איינגעטיילט געוואָרן די פאַראַכוויע. זלאַטע האָט פאַר־דונגען די דירות, איינגעמאָנט דירה געלט, און אויך געמאַכט אַלע צאָ־לונגען. זי האָט אויך אַריינגענומען צוויי שכנים צו זיך אין הויז, „באָר־דערס", אַ מיידל און אַ מאַן, ספק געשיידט, ספק געגט מיט דער ווייב. ערשטנס, וועט עס אַ ביסל אַרויסהעלפן און, צווייטנס, וואָס דאַרף זי און עזריאל פינף צימערן? זי האָט געפירט די באַלעבאַטישקייט און עזריאל איז פון פרי ביז נאַכט אַרומגעגאַנגען מיט אַ האַמער, אָפּצווייגע, שרויפן־ציער, אָדער גאָר אַ באַרשט. ביי דעם שכן רינט אַ קראַן, ביי אַ צווייטן איז פאַרשטאָפּט דער וואַשבעקן, דאָ דאַרף מען צוקלאַפּן אַ ברעטל און דאָרט דאַרף מען גאָר אויספאַרבן. גיין דינגען מענטשן וועט ניט סטייען די חלה אויף דער המוציא, און וואָס וועט ע ר טון, כאַפּן פליגן? די אַלע מלאכות קען ער אפילו ניט, אָבער אַז מ׳דאַרף לערנט מען זיך

אויס. אין משך פון אַ פּאָר חדשים איז עזריאל שוין געווען אַ מושלם בכל המלאכות, און די אלע מלאכות, ניט איבעריק ריין און גאָרניט אזוי גרינג אויך, זיינען אים בעסער געפעלן געוואָרן ווי שטיין אין שאַפּ, פּרעסן הויזן, פּאָרט אַ מענטש, א באלעבאָס פאר זיך, ניט א . . . פּרעס מאשין.

און עזריאל און זלאטע וואָלטן שוין אזוי אָפּגעלעבט זייערע יאָר אין . . . עושר און אין כבוד ווען זלאַטע . . .

(2)

אין אַ וואָך צייט איז זי פאַרברענט געוואָרן. זי האָט זיך אַנידערגעלייגט מיט אַ לייכטער פּארקילונג, געבראָכן די ביינער, אַ ביסל היץ.

— אפשר רופן אַ דאָקטאר ?

— אָט האָסטו דיר, דאָקטוירים! אַ נאָווינע אַ מענטש פּאַרקילט זיך ? גיי אריבער אין אפּטייק און נעם פאר צען סענט טרוקענע מאלינעס.

עזריאל איז נאָך קיינמאָל ניט געווען ביי קיין דאָקטאָר, האָט ער גערן איינגעשטימט מיט זלאטען, טרוקענע מאלינעס — אַן אויסגעפּרובירטער מיטל, אָבער . . .

— ווי זאָגט מען עס אין ענגליש ?

— וואָס׳ער ענגליש ? דער אפּטייקער איז אַ ייד, ׳עסט אים זאָגן געטריקנטע מאלינעס, צום שוויצן, וועט ער דיר געבן.

דער אפּטייקער האָט טאקע געגעבן טרוקענע מאלינעס, אין אַ קליין קאָנווערטל.

זלאַטע האָט זיך געבייזערט : אָט דאָס אָ, פּאַר צען סענט!

— מסתמא דארף מען ניט מער.

זלאטע האָט אויסגעטרונקען די הייסע וואסער מיט מאלינעס, האָט געשוויצט, די היץ איז אַ ביסל אַרונטער, געמיינט — פּטור, אויף מאָרגן איז די היץ ווידער געשטיגן. עזריאל האָט שוין, ניט פרעגנדיק זלאטען, גערופן אַ דאָקטאר און ער האָט געזאָגט ס׳איז לונגען אנטצינדונג, דאָס גלייכסטע וואָלט געווען זי נעמען אין שפּיטאָל.

זלאטע האָט פארוואָרפן מיט הענט און פיס : זי׳ט נ י ט גיין! געהערט אַ מעשה ? שפּיטאָלן! וואָסי, די בעט טויג ניט ? אַז דער אויבערשטער וועט וועלן וועט זי, מיט זיין הילף, דאָ אויך געזונט ווערן.

דער דאָקטאר האָט אַ קנייטש געטון מיט די אַקסלען, ער קען שוין

זיינע יידן, האָבן מורא פאר אַ שפּיטאָל. מילא, וואָס קען ער טון? האָט ער פארשריבן אַ רעצעפּט און אוועקגעגאנגען.

איין טאָג, צוויי, עזריאל האָט דערלאנגט די רפואה פּינקטלעך צו דער מינוט, און אויב ער האָט עס ניט געזאָגט אין דער הויך, האָט ער שטילערהייד, אין זיך, געבעטן: צו רפואה, צו געזונט, און געווען זיכער אַז אזוי וועט עס זיין. די היץ איז דאָך שוין אָפּגעטראָטן, זלאטע קען ניט האלטן די אויגן אָפן, אָבער דאָס איז דערפאר ווייל זי איז אָפּגעשוואכט, זי׳ט קומען אַ ביסל צו זיך . . .

דאָס איז געווען שפּעט ביינאַכט. ער איז געזעסן ביים בעט, איינגעדרימלט אַפּנים, האָט אים זלאַטע אויפגעוועקט מיט אַ געשריי: עזריאל! איך שטאַרב! ראַטעווע מיך! ער איז אויפגעשפּרונגען פון ביינקל. — זלאָטע! זלאַטעניו! גאָט איז מיט דיר! וואָס רעדסטו?

— עז־רי־אל!

עזריאל האָט ניט געוווּסט וואָס צו טון. איבערגעבויגן איבערן בעט, האָט ער געוואָלט זי נעמען אויף די הענט, זי אַרומטראָגן, אפשר גאָר זיך אַריינלייגן צו איר אין בעט, איר איבערגעבן אַ ביסל פון זיין געזונט, אפשר . . .

ער האָט אַרויסגענומען דעם דאָקטאר פון בעט. ער איז געקומען, אַ קוק געטון, אַ נעם געטון דעם פּולס און שטיל אַ זאָג געטון: מ׳קען גאָרניט טון.

אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט.

עזריאל, ווי עמיצער וואָלט אים דערלאַנגט מיט אַ דאָבניע איבערן קאָפּ. ער איז געזעסן ביים בעט, געקוקט אויף זלאטען, ג ע ו ו ו ס ט זי איז טויט, און ער האָט גערעדט צו איר, גערופן זי: זלאָטע! זלאַטע־ניו! נאָכדעם איז ער געגאַנגען, געפאָרן צו דער לויה, אָבער ער האָט ניט געפילט אַז דאָס גייט ער צו זלאַטעס לויה. ביים קבר האָט ער געזאָגט קדיש, אָבער דאָס האָט ניט געזאָגט עזריאל, נאָר עפּעס אַ גראַמאָפאָן האָט אַרויסגעבראַכט די ווערטער, די פּליטע — אַן אַלטע, אַן אָנגעשטשערבעטע, האָט אַ פּאָר מאָל אַ גרילץ, אַ קריץ געטון, געמיינט ווייטער וועט עס שוין ניט ריידן, ער האָט אָבער דערזאָגט ביזן סוף. ווי אין הינער פלעט איז ער געפאָרן צוריק אַהיים. ערשט אַריינקומענדיק אין שטוב האָט אים אַ קלאַפּ געטון אַ פּוסטקייט, אַ ליידיקייט, און ער האָט דערפילט

— ניטאָ זלאטע!

קיין שבעה איז ער ניט געזעסן, ער איז אָבער יעדן טאָג געגאַנגען

אין שול זאָגן קדיש. קיין פירוש המלות האָט ער ניט פאַרשטאַנען, האָט ער ניט מגדל און מקדש געווען גאָטס נאָמען, ער האָט זיך גאָר אויסגעטענהט מיט אים: ווי טוסטו עס אָפּ אַזאַ זאַך? נעמסט צו אַזאַ . . . זלאַטע? און וואָס האָסטו געהאַט צו מיר? איין און פערציק יאָר אָפּגעלעבט מיט איר, ניכאַיבי וואָלסטו זי געלאָזט נאָך אַ פּאָר יאָר, ביז . . . אַי, רבש"ע!

דער רבונו של עולם האָט אויף די טענות גאָרניט געענטפערט, עזריאלן איז אָבער פאָרט געוואָרן גרינגער. אין שול, אפילו גייענדיק פון שול איז אים געווען אַ ביסל גרינגער אויפן האַרצן, דערפאַר אָבער אַז ער איז געקומען אַהיים . . .

די היים האָט זיך גענומען צעפאַלן. די ערשטע איז אַוועקגעפאַלן די מיידל, די קוואַרטיראַנטין. שטאַמלענדיק, רויט ווערנדיק, האָט זי אים דערקלערט, אַז זי קלייבט זיך אַרויס מחמת זי קען ניט וווינען אין איין הויז מיט צוויי מענער, אָן איין פרוי . . .

ביים וואָרט „מענער" האָט עזריאל אַ קער געטון זיין שווערן מאַסיוון קאָפּ, אַ קוק געטון אויף איר און, צום ערשטן מאָל זינט זי האָט געוווינט ביי אים אין הויז, האָט ער זי דערזען אינגאַנצן אין איר „פרויענשאַפט", פון איר פלאַכן בוזעם ווו עס איז בלויז געווען אַן אָנצוזעעניש אויף בריסט, ביז די איינגעפאַלענע, אָנגעפאַרבטע באַקן, שפּיציקער נאָז, גרינע אויגן און זאַמד־קאָליר האָר. זי — אַ פרוי, ער — אַ מאַן . . . זי קען ניט וווינען מיט צוויי מענער . . . אים האָט זיך געוואָלט לאַכן, אַרויסגעזאָגט האָט ער: הייסט עס, דו קלייבסט זיך אַרויס? געזונטערהייד.

דער מאַן האָט עס געמאַכט פשוטער. — איך דאַרף אַ באַלעבאָסטע מיט קעסט. — עזריאל, ניט ער איז געווען אַ באַלעבאָסטע, ניט ער האָט געקענט געבן קעסט. פאַר זיך, וואָס ער מאַכט איז גוט, געבן עסן עמיצן אַנדערש?

ביידע קוואַרטיראַנטן האָבן זיך אַרויסגעקליבן, די שטוב איז געוואָרן גרויס, אַ מלבוש אויף אַן אויסגעצערטן גוף, ער האָט זיך פאַרלאָרן אין דעם מלבוש, און ניט ער האָט אים געקענט אויסטון, אָנטון אַן אַנדערן, ניט ער האָט אים געקענט פאַרריכטן. ווהין קען ער זיך קלייבן, און ווער וועט זיך אַריינקלייבן צו אים? איז ער אַרומגעגאַנגען אַ פאַרלאָרענער. די טעג זיינען נאָך געווען צו דערליידן, דאָ צוגעקלאַפּט אַ לייסטל, דאָרט אַריינגעקלאַפּט אַ טשוועקל, ביי איין שכן פאַרריכט אַ קראַן, ביי אַ צווייטן אַ פענסטער, ער האָט שוין געפונען אַרבעט, אָבער די אָוונטן,

די נעכט. שוין געווען אין שול, אָפּגעדאַוונט מעריב, שוין אָפּגעקאָכט די וועטשערע, מישטיינס געזאָגט, אָפּגעגעסן, צעוואַשן „דאָס געפעס" — אַ טעפל, אַ טעלער און אַ לעפל מיט אַ גאָפּל — און איצטער? אַ מענטש צו וועמען אויסריידן אַ וואָרט! די ערשטע פּאָר טעג נאָך זלאטעס טויט זיינען יאָ געקומען אַ פּאָר מענטשן, פריינט, שכנים, נאָכדעם . . . די טיר זאָל זיך עס עפענען, אָט ווי ער וואָלט גאָר ניט געווען אויף דער וועלט.

(3)

עמיצער איז יאָ געקומען. מרס. רעזניק, די שכנה פון קעגנאיבער, אַן אלמנה. ווען זלאטע האָט געלעבט איז ניט אַוועקגעגאַנגען אַ טאָג זי זאָל ניט אַריינקומען. נאָך זלאטעס טויט איז זי אַריינגעקומען איין מאָל מיט נאָך אַ שכן און מער זיך ניט געוויזן ביז . . .

אַ דאָנערשטיק אָוונט איז עס געווען. עזריאל איז געווען אין קיך, האָט „געקאָכט" וועטשערע, געפּרעגלט אַ סטייק. ער האָט יאָ געהערט אַ קלאַפּ אין טיר און ניט געהערט, און אויפן סטייק דאַרף מען אַכטונג געבן, האָט ער זיך ניט גערירט פון אָרט. ערשט ווען ער האָט דער־הערט אַז די טיר פון פאָדערשטן צימער האָט זיך פאַרמאַכט האָט ער אויף שנעל פאַרדרייט די גאַז פון אויוון און זיך געלאָזט צו דער טיר. די מרס. רעזניק איז געשטאַנען מיטן רוקן צו דער טיר אָט ווי זי וואָלט זיך געראַטעוועט פון עמיצן וואָס יאָגט איר נאָך, אונטערן פאַרטוך האָט זיך עפּעס געבערגלט, אָט ווי זי וואָלט געבראַכט געגנבעטע סחורה צו פאַרקויפן.

— איך האָב געקלאַפּט, — האָט זי אַרויסגעשטאַמלט.

— געווען אין קיך, ניט געהערט, — האָט ער ניט איבעריק פריינט־לעך אַרויסגערעדט. — נו, וואָס שטייט איר? קומט אַריין. — זיין טאָן — ניט געשיקט נאָך דיר, נאָר אַז דו ביסט שוין דאָ . . .

זי האָט געוואָלט אַ טראָט טון, אָבער איידער אַ פוס האָט זיך אַ ריר געטון האָט איין האַנט זיך אַ שאַר געטון פון הינטערן פאַרטוך, אַרויס־געבראַכט אַ קליין טעפּעלע. — איך האָב געמאַכט אַן עוף אויף שבת, אָפּגעקאָכט אַ יויך, האָב איך געטראַכט אפשר וואָלט איר . . .

— עסן האָב איך, אַ דאַנקען גאָט, גענוג, — האָט ער אַרויסגערעדט ברוגזלעך פאַרביינקט. עסן ברענגט מען אים. עסן פעלט אים? אים פעלט . . . זלאטע!

— עסן. אַ ביסל הינערשע יויך. פריש, ערשט אָפּגעקאָכט. — די אויסגעשטרעקטע האַנט מיטן טעפּעלע האָט געמאָנט: נעם צו! די אויגן האָבן שרעקעדיק געבעטן: זיי מיך ניט מבייש! ווען דו ווייסט . . .

עזריאל האָט קיין אַנונג ניט געהאַט וואָס איר האָט געקאָסט ברייגען דאָס ביסל יויך, דאָס אַרויפגיין צו אים, ער האָט אָבער צוגענומען דאָס טעפּל יויך. באַפרייט פון דער משא, איז איר גרינגער געוואָרן ניט נאָר אין האַנט . . .

— אַ שיינעם דאַנק אייך.

— ניטאָ פאַרוואָס. אַ ביסל געקעכץ. מ׳דאַרף עס בלויז אָנוואַרימען, אויב איר ווילט עסן באַלד, אויב ניט קענט איר עס לאָזן שטיין. אייז האָט איר?

עזריאל, מיטן טעפּל יויך איןביידע הענט, האָט זיך געלאָזט אין קיך אַריין, די מרס. רעזניק איז אים נאָכגעגאַנגען. מיט איר אשת־חילדיקן קוק האָט זי אַריינגענומען דעם שטויב וואָס איז געליגן אין פאָדערשטן און עס צימער, האָט דערזען די אָפּגעלאָזנקייט אין קיך, און די באַלעבאָסטע אין איר האָט געמאָנט: שטעל זיך גלייך אַנידער ביים אויוון, ביים וואַש־בעקן און מאַך אַ טאָלק.

— אַ סטייק איז בעסער אַז מ׳בראָט.

— בראָטן?

— בראָטן איז בעסער ווי פּרעגלען, גרינגער צו פאַרדייען.

— איך פאַרדייע, אַ דאַנקען גאָט, אַ געפּרעגלטן אויך, — האָט ער ניט אָן אַ שמייכל געענטפערט, — זאָגט מיר אָבער ווי בראָט מען דאָס?

די מרס. רעזניק האָט אים דערקלערט ווי מ׳בראָט אַ סטייק און אין איין וועג שוין אַרויפגעשטעלט איר טעפּל יויך אָנוואַרימען. — עס דאַרף בלויז אַ זיד טון. — זי איז שוין געווען פאַרטיק מיט איר קאָך לעקציע און געמאַכט אַ באַוועגונג אַרויסצוגיין.

— וואַרט, אייך געבן דאָס טעפּל.

— דאָס טעפּל? עס וואַרעמט זיך דאָך. פעלט מיר טעפּלעך? אַריינקומען אַן אַנדערש מאָל.

זי איז אַריינגעקומען נאָכן טעפּל, זי איז געקומען און געבראַכט אַ שטיקל פלאָדן, נאָר וואָס אויסגעבאַקן, זי איז געקומען סתם אַזוי זיך, כאַפּן אַ שמועס, זי האָט דערציילט וועגן איר מאַן עליו השלום, וועגן אירע קינדער, זיי האַלטן זי אויס, אָבער וווינען מיט זיי וויל זי ניט, בעסער אַזוי, ווי דיינקט ער?

עזריאל האָט מסכים געווען. קינדער, אייניקלעך, גוט, פיין, אָבער ווינען צוזאַמען? ניט דאָ אין אַמעריקע. דאָ איז אַן אַנדער וועלט. אָט האָט ער אויך קינדער, אייניקלעך, ער זעט זיי אפילו ניט. און ער האָט דערציילט וועגן זיינע קינדער, וועגן זלאַטען, וועגן זיין אַפּאַרטמענט הויז, וועגן זיין אייגענער שטוב, צו גרויס פאַר אים.

— געדאַרפט עמיצן אַריינגעמען.

— אַריינגעמען? ווער וועט זיך אַריינקלייבן צו אים?

די מרס. רעזניק האָט געוווסט פון עמעצן וואָס וואָלט זיך יאָ אַריינגעקליבן, זי האָט עס אים אָבער ניט געזאָגט, אדרבה, זי האָט נאָך פּאַטאַקעוועט: יאָ, אַז קיין באַלעבאָסטע איז ניטאָ . . .

אירע וויזיטן זיינען געוואָרן אָפטער, און עזריאל האָט שוין געוואַרט אויף זיי. די געשפּרעכן זיינען געוואָרן אינטימער, זי האָט אים שוין אפילו דערציילט אַז מ׳רעדט וועגן זיי לשון הרע.

— לשון הרע וועגן . . . אונדז?

פון אָט דעם „אונדז" — אמת, מיט אַן אָפּשטעל פאַר דעם — האָט די מרס. רעזניק אויפגעלויכטן. — איר ווייסט ניט, אָבער איך ווייס שוין גאָר. אין די אויגן זאָגט מען מיר גאָרניט. די מרס. חפץ, אַז זי דערזעט מיך, טראָגט זי מיר דעם גוט מאָרגן אַנטקעגן: וואָס מאַכט איר עפּעס, מרס. רעזניק? קוקט אויס זייער פיין, בעסער ווי ווען עס איז. און וואָס מאַכט עפּעס אונדזער שכן מר. פּערלמאַן? מיר האָט זיך געוואָלט איר אַ שפּיי טון אין פּנים אַריין, נאָר וואָס וועל איך גיין זיך פאַרהערן מיט אַזאַ . . . חפץ, זאָג איך: ער איז אָלרייט. — געהערט זאָגן, ער קלייבט זיך שטעלן אַ שטילע חופּה, ניט וואַרטן אפילו אויפן יאָר . . . און ווינקט אונטער מיט אירע קאַסאָקע אויגן. דאָ האָב איך זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטן. — אַז איר ווילט זייער שטאַרק וויסן עפּעס וועגן מר. פּערלמאַן וועט איר אַזוי גוט זיין אַריבערגיין און אים אַ פרעג טון. דאָס וואָס איך האָב געזאָגט. מיט די ווערטער. — איר קוק נאָכדעם: האָב איך גוט געזאָגט?

— אַזוי אַזוי, מאַכט מען . . . מיך שוין חתונה, — האָט עזריאל פאַרטראַכט אַ זאָג געטון, און די האַנט האָט זיך אַ צי געטון צום קין, אַ גלעט געטון אָט ווי דאָרט וואָלט געווען אַ באָרד.

ער האָט ניט געזאָגט „מאַכט מען *אונדז* שוין חתונה", פונדעסטוועגן איז די מרס. רעזניק געווען צופרידן. זאָל ער וויסן אַז עולם באַטראַכט זיי שוין ווי אַ פּאָר פאָלק, דאָס וואָס מ׳רעדט איז דער בעסטער

סימן אַז ס׳דאַרף אַזוי זיין, אַי, זיי רעדן צום שלעכטן? איז עס דערפֿאַר ווייל די פּאַרגינט איר ניט, יענע רעדט סתם אַזוי. און דאָס יאָר? זי האָט צייט. עזריאלן האָט זי געזאָגט: בייזע צינגער. איך ליג איר אויפֿן קאָפּ, ליג איך איר. סך הכל האָט זי זיך נאָך צוגעגרייט אַ מאַן ווען אירער איז נאָך געליגן קראַנק, אַלע וויסן עס, אַי, ער האָט איר נאָכדעם אָנגעפּייפּט, איז אַ מצוה אויף איר, נאָך ניט אויסגעראַמט דעם חמץ האָט זי שוין געגרייט די היסב בעט . . . די אמתע צנועה. נאָר גאָרניט, וועמען אַרט עס? נתפּעל ווערן פֿון די רייד?

מרס. רעזניק איז ניט נתפּעל געוואָרן פֿון יענעמס רייד, עזריאל אויך ניט, ער האָט נאָר אַ טראַכט געטון: ווילסט וויסן וואָס ביי דיר טוט זיך, פֿרעג דיינע שכנים. כאָטש וואָס וויסן זיי? נו יאָ, די מרס. רעזניק, זי קאָכט גאַנץ געשמאַק. איז אַ באַלעבאָסטע אַ צוכט, פֿאַרשטייט זיך, ניט זלאַטע . . . וועגן דעם איז אָפּגערעדט, נאָר . . . אויף דער עלטער . . . זי מוז שוין אויך זיין אַ יאָר זעכציק, אפשר נאָך אַריבער, כמעט אין איין עלטער ווי זלאַטע. זלאַטע געוועזן בלאָנד, אויף שוואַרצע האָר זעט זיך די גרויקייט מער אָן, און ניט קיין נאַר. מיט איר אַ רעד געטון וועגן דער הויז, די צרות וואָס ער האָט, פֿאַרשטייט, קענטיק, אַן עסק, זי וואָלט זיך אפשר מער אויסגעטויגט ווי ער. אַניט האָט ער געוואָלט אַ הויז? דאָס האָט זי, זלאַטע . . . אַי, האָט זי אים אָפּגעטון! האָט זי אים אָפּגעטון! אפשר ווען זי לעבט . . . אָבער וואָס? צוריק פֿון יענער וועלט קומט מען ניט, און ער דאָ, איינער אַליין . . . אפשר וויסן מענטשן וואָס זיי רײדן, אפשר טאַקע . . .

ער האָט געוואַרט אויף דער מרס. רעזניק, ניין, אויף חיהן, און אַז זי איז געקומען איז אים געוועזן היימלעכער, ער האָט אפילו הנאה געהאַט צו הערן די לשון הרע וועגן אים מיט איר, כאָטש וואָס זי האָט אים דערציילט איז שוין ניט געוועזן ניי.

— פֿונוואַנען וויסן זיי אַז ער׳ט ניט וואַרטן? וואָסי, אַניט דאַרפֿן זיי וויסן? מ׳רעדט. איז מילא, זאָלן זיי רײדן, וועמען אַרט עס? זעט ער, זי האָט יאָ געוואָלט אַ רעד טון מיט אים. ניט וועגן דעם יאָר. חס וחלילה! וואָס איז זי, אַ יונג מיידעלע? עס ברענט? און ווי ווייט איז עס? דאָס יאָר איז שוין סיי ווי באַלד אַריבער. ניין, וועגן דעם איז אָפּגערעדט. וואָס זי וואָלט יאָ געוואָלט אַ רעד טון, איז וועגן הויז.

— וואָסי וועגן הויז? — האָט עזריאל געוואָרנט אַ פֿרעג געטון.

— זי ווייסט ניט, ער האָט איר ניט דערציילט אַלע איינצלהייטן

וועגן הויז, וויפל איינגעצאָלט, וויפל מ׳קומט דאַרויף, דאָס איז אפשר נאָך צו פרי פאַר איר צו וויסן, זי וואָלט אָבער געוואָלט אַז פריער, איידער מ׳גייט שטעלן אַ חופה, אָן טאַרעראַם, פאַרשטייט זיך, אַ שטילע חופה, זאָל ער אָפשרייבן דאָס הויז אויף איר נאָמען.

— ה . . . ם . . . — האָט עזריאל אַרויסגעברומט מיט אַ פאַרמאַכט מויל, בלויז די ליפּן האָבן זיך אַ קרום געטון.

— זי מיינט חלילה ניט קיין שלעכטס. זי וויל בלויז וויסן אָז זי איז די באַלעבאָסטע, זי קען פירן דאָס הויז.

— אַ הויז קען זי פירן, דאָס ווייסט ער שוין, אָבער זלאטע האָט עס אויך געקענט, זי האָט געפירט דאָס הויז, פונדעסטוועגן איז איר קיינמאָל ניט איינגעפאַלן ער זאָל איבערשרייבן דאָס הויז אויף איר נאָמען.

— סאַ משל נו, זלאטע איז געווען די ע ר ש ט ע ווייב, זיי האָבן געהאַט קינדער צוזאַמען, און זי איז . . . די צווייטע ווייב, ער האָט קינדער . . . אַ מענטש דאַרף זיך באַוואָרענען . . .

— הם׳ יאָ, אַ מענטש דאַרף זיך באַוואָרענען, — האָט עזריאל ערנסט, זייער ערנסט נאָכגעזאָגט אירע ווערטער, און מיטן זעלבן ערנסט, נאָר ניט אָן שפּאָט צוגעגעבן, — נאָר ניט מיט אַ צווייטער ווייב.

— וואָס מיינט ער ?

— ס׳עט קיין צווייטע ווייב ניט זיין.

— אה . . . !

זי האָט אויף אים פאַרחידושט אַ קוק געטון, זיך אויפגעהייבן.

— יאָ, — האָט עזריאל לאקאָניש געענטפערט און זיך אויך אויפגעהייבן.

אָן אַ גוטע נאַכט האָט זי פאַרלאָזט די שטוב.

(4)

אויף מאָרגן איז עזריאל אַוועקגעפאָרן צום מצבה קריצער באַשטעלן אַ מצבה פאַר זלאטען. טאקע נאָך ניטאָ קיין יאָר, אָבער ווי אַ זאַך מאַכט זיך . . . קיינער ווייסט ניט וועמעס מאָרגן ס׳איז. ער האָט עס שוין לאַנג געוואָלט טון. זינט ער האָט איבערגעקוקט אַלע שאַפעס און שופלאדן און געפונען הונדערט מיט דריי און זעכציק דאלער, וואָס זלאטע האָט אַפּנים אָפּגעשפּאָרט אין דער שטיל, האָט עס אים ניט געלאָזט רוען. דאָס איז א י ר געלט. ווי אַזוי זי האָט נאָך געקענט אָפּשפּאָרן אַזוי פיל געלט הייבט ער ניט אָן צו פאַרשטיין, ער, אַז ער צאָלט אָפּ דעם פראָ־

צענט, אויפֿן קערן, טעקסעס, נאָך דאָרטן קליניקייטן, בלייבט אים קוים אויסצוקומען, און זי . . . סיי ווי, ס'איז איר געלט. נו יאָ, די קבורה האָט אים געקאָסט אַרום אַ הונדערטער, בלייבט נאָך אַלץ, וועט ער באַשטעלן אַ מצבה.

דער מצבה קריצער איז געווען טאַקע לעבן בית עולם האָט ער שויז, אַגב אורחא . . . זיך אַראָפּגעכאַפּט צו זלאַטעס קבר. ער האָט זיך אַרונ־טערגעבויגן צום ברעטל ביים קבר, האָט עס אָנגענומען מיט איין האַנט און פֿון מויל איז אַרויסגעפֿאַלן: זלאַטע! איך וועל עס ניט טון! ער האָט דערהערט זיינע ווערטער, האָט ער דערשראָקן זיך אַ הייב געטון. אַ פּאָר מצבות זיינען אונטערגעשפּרונגען, שטום געקוקט אים אין די אויגן: האָסט עפּעס געזאָגט? מיר האָבן גאָרניט געהערט. אַ באַרויק־טער האָט עזריאל פֿאַרלאָזט דעם בית עולם. ער האָט עס איר געדאַרפֿט זאָגן, ער האָט עס איר געזאָגט און אַזוי וועט זיין. איצטער . . .

גלייך ווי ער איז געקומען פֿון בית עולם איז ער אַרונטערגעגאַנגען אין קעלער. ער האָט באַטראַכט, געמאָסטן מיט די אויגן און גענומען אָפּראַמען איין ווינקל, די זייט וואָס צו די פֿענסטער.

צוויי טעג האָט ער געשלעפּט די באַלעבאַטישקייט פֿון זיין דירה אין קעלער אַריין. ווען עס איז געקומען צו די שווערע שטיקער מעבל האָט ער געכאַפּט אין גאַס אַ ליידיקגייער, אים געגעבן אַ פּערטעלע און צוזאַמען מיט אים אַרונטערגעטראָגן דעם אויוון, די קאַנאַפּע, דעם אייזן קאַסטן. די גאַנצע באַלעבאַטישקייט האָט זיך ניט אויסגעשטעלט אין קעלער ווינקל, אָבער ניט אַלץ האָט ער געדאַרפֿט. ער'ט עס פֿאַרקויפֿן, אודאי וועט ער פֿאַרקויפֿן, אָבער אַז ער וועט אַריינרופֿן אַ הענדלער וועט יענער אים אָפּשניידן דעם קאָפּ, טאָ זאָל עס שטיין ווו ס'ניט איז, דער קעלער איז גרויס גענוג, ביסלעכווייז וועט ער פֿאַרקויפֿן.

ער האָט פֿאַרקויפֿט איין בעט — וואָס דאַרף ער צ ו ו ײ בעטן? — דעם גרויסן קיילעכיקן טיש, עטלעכע שטולן — די געסט וואָס וועלן צו אים קומען? — דער קעלער איז אָבער ניט געוואָרן ליידיק, עזריאל האָט גענומען אַ ר ײ נ ב ר ײ נ ג ע ן זאַכן. אַ רעדל פֿון אַ קינדערישן ראָווער וואָס האָט זיך פֿאַרקייקלט ניט ווייט פֿון קעלער, אַ ברעטל, אַ שטיקל בלעך, אַ שרויף, אַ פּאָר אויסגעבויגענע פֿאַרזשאַווערטע טשוועקעס, שטריקלעך — אין אַ באַלעבאַטישקייט קומט אַלץ צונויף. אַ טשוועקל, דוכט זיך גאָרנישט, נאָר אַז מ'דאַרף עס, מ'גייט קויפֿן איז באַצאָל גוטע געלט און געלט . . .

קיין געלט איז ניט געווען. ער האָט פאַרדונגען זיין דירה. אים איז עס אָנגעקומען ניט אַזוי גרינג. געקומען מענטשן. „ניטאָ קיין עלעקטרע? איצטער האָבן שוין אַלע הייזער עלעקטרע”. פאַר אַכצן שמאָליאַרעס אַ חודש גיב זיי נאָך עלעקטרע. פריצים. ער קען אויסקומען אָן עלעקטרע. ביי זיך אין קעלער האָט ער אפילו ניט אָנגעטון קיין מענטעלע אויף דעם גאַז ברענער, ער׳ט ניט זען ציילן זיין געלט? אוי, דאָס געלט! נאָך אַ נס וואָס ער טוט אַלץ אַליין, ווען ער זאָל נאָך חלילה יעדעס מאָל דאַרפן רופן אַ בעל מלאכה וואָלט ער שיין אויסגעזען. טאָג איין טאָג אויס האָט ער געאַרבעט, פאַרריכט, און די שכנים האָבן שוין געוווסט, וואָס עפּעס, האָבן זיי גערופן דעם . . . „דזשעניטאָר”.

תחילת האָבן אים אַזוי גערופן בלויז די נייע שכנים. זיי האָבן געזען אַ מענטש וווינט אין קעלער, ראַמט, פאַרריכט, מוז ער דאָך זיין דער דזשעניטאָר. אים אין די אויגן האָט מען נאָך געזאָגט: מר. פערלמאַן, אָבער צווישן זיך — דזשעניטאָר. עזריאלן האָט עס ניט געאַרט. זיינען זיי דען אַזוי אויסערן וועג? יעדן חודש ווען ער האָט געמאַכט די צאָלונגען, פראָצענט, אויפן קערן, געזען וויפל אים איז געבליבן, האָט ער אַליין ביי זיך געטראַכט אַז ער איז ניט מער ווי אַ דזשעניטאָר, אַ משרת ביי דער באַנק, פאַרן צווייטן מאָרטגאַזשי, מער ניט, אַ משרת וואָלט געקראָגן מער באַצאָלט. ווען ער קען פטור ווערן פונם צווייטן מאָרטגייזש! איז ניט אינגאַנצן — אַכט טויזנט דאלער — איז כאָטש אַ העלפט, וואָלט אים ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. ער האָט אָנגעשריבן חיימען אַ בריוול, אים געפרעגט אפשר קען ער איינאיינעם מיט הערשלען אים לייען אַ פאָר טויזנט דאלער, אים געשריבן אויף וואָס ער דאַרף דאָס געלט, אַז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועט דאָס הויז סיי ווי זיין זייערס . . . האָט אים חיים געענטפערט אַז אויב דער טאַטע נויטיקט זיך אין אַ פאָר דאלער, איז ער גרייט אים צו געבן, ער און הערשל זיינען אפילו וויליק אים אויסהאַלטן, שיקן יעדן חודש, אָבער אין ריעל עסטייט איז ער ניט פאַראינטערעסירט, דאָ האָט ער אַ טשעק אויף הונדערט דאלער.

דעם טשעק האָט עזריאל צוריקגעשיקט מיט אַ קורץ בריוול, אַז ער האָט געבעטן געלט אויף מסחר, קיין נדבות דאַרף ער נישט, ער קאָן נאָך אַליין באַשטיין זיין שטעטל. מער האָט ער ניט געהערט פון חיימען, אים ניט געשריבן אויך, ביז . . .

אַ ווינטערדיקער פרימאָרגן איז עס געווען. איינדרויסן איז געפאַלן אַ נאַסער שניי. גרויסע שניי פליטערס, בלעטלעך ממש, האָבן פאַמעלעך

זיך אראָפּגעלאָזט צו דער ערד, און באַלד ווי זיי האָבן זיך אַנידערגעלייגט זיינען זיי זיך צעגאַנגען, צעקראָכן געוואָרן. ניט געווען קאַלט, נאָר די נעץ האָט דורכגענומען די ביינער. עזריאל האָט, ווי דער שטייגער, זיך אַרויסגעלאָזט אויף זיין טעגלעכער הויז אינספּעקציע. קריכנדיק אויפן דריטן גאָרן האָט ער דערפילט אַז די פיס, ניט זיי גייען, נאָר זיי שלעפּן זיך אים נאָך, דער קאָפּ איז שווערער פונם גאַנצן קערפּער, טוט ער זיך אַ בויג, גייט אים אַריין דאָס בלוט אין די אויגן, אין קאָפּ, אָט אָט קערט ער זיך איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף, זיין חוט השדרה איז אַן אויסגעהוילטער, אַ קעלט גיט דאָרט אַ יאָג, צעטרייסלט עס זיין גאַנצן קערפּער. — פּאַרקילט אַפּנים, — האָט ער אַ טראַכט געטון, און זיך געשלעפּט אויף נאָך אַ טרעפּ, נאָך אַ טרעפּ, ביז די טרעפּ האָבן זיך גענומען דרייען, ער האָט געמוזט זיך אָנכאַפּן אָן דער פּאַרענטשע, פאַר־מאַכן די אויגן, ביז די טרעפּ האָבן אויפגעהערט זיך דרייען . . .

— זיך גיין אַוועקלייגן. — איידער ער לייגט זיך אַוועק וויל ער עפּעס אָנגרייטן, נעמען עפּעס צום . . . שוויצן. — טרוקענע מאַלינעס.

זלאַטעס פּאַרקילונג, אירע טרוקענע מאַלינעס, לונגען אנטצינדונג. מיינט עס אַז . . . ? ער׳ט קיין טרוקענע מאַלינעס ניט נעמען. ער האָט זיך דערשלעפּט צום אַפּטייק, דאָרטן זיך געישובט וואָס צו בעטן און אַרויסגעפּלאַצט: טרוקענע מאַלינעס! ערשט נאָכדעם האָט ער צוגעגעבן — עפּעס צום שוויצן. — דער אַפּטייקער האָט אים דערלאַנגט די מאַלינעס, אים אויך פּאַרקויפט אַ קליין פּידעלע אַספּירין פּילן און געהייסן טרינקען אַ סך הייסע וואַסער, מיט לימענעס איז אוודאי גוט. עזריאל האָט דערפון געדרונגען אַז די גאַנצע מעשה מיט די מאַלינעס, אָט די פּילן איז אַ בלאָף, אַמעריקאַנער בלאָף, דער עיקר איז די הייסע וואַסער, גאָר געדאַרפט גיין אין אַ שוויץ באָד, נאָר גאָרניט, אַז ער האָט שוין געקויפט . . .

ער האָט געטרונקען די מאַלינעס, איינגעשלונגען צוויי פּילן, גע־טרונקען נאָך הייסע וואַסער און געליגן אין בעט מוכן ומזומן צום שוויצן, צום געזונט ווערן. וואַרטנדיק אויפן שוויצן, דעם „אמתן שוויצן", האָט זיך אים גענומען פּלאָנטערן אין קאָפּ — זלאַטע . . . זי האָט אויך גע־נומען מאַלינעס . . . ער האָט געקירעוועט דעם קאָפּ איבערן קישן — ניין, ניין, ער . . .

זיך אויפגעכאַפּט, דערזען דאָס רויט־בלוילעך גאַז פלעמל, האָט ער זיך געחידושט: אַנטלאָפן די נאַכט און ער האָט גאָרניט געפילט, געזען.

געשלאָפן. און יאָ, ער האָט געשוויצט. הייסט עס, ער איז שוין געזונט, קען שוין אויפשטיין, זיך איבערטון, זיך נעמען צו דער אַרבעט . . .

די פינגער האָבן ניט געקענט אָנטאַפּן דאָס לעכל, איינהאַלטן דאָס קנעפל, די קני האָבן געציטערט, די ביינער האָבן געבראָכן און די אויגן, רק זיי האָבן זיך פאַרמאַכט, ער האָט זיך אָבער דערשלעפּט צום וואַשבעקן, צום אויוון. די גלאָז קאווע האָט אים געעפנט די אויגן, דער ציגאַר טוטין נאָך דעם האָט אָבער ניט געהאַט קיין טעם, אין מויל אַזוי . . . פאַסקודנע, רייסט אין האַלדז, אפשר גאָר געדאַרפט נעמען אַן אָפּפיר מיטל, אַ ביסל הייסע מילך מיט האָניק צום הוסט, אָבער גיי נעם, אַז די פיס גייען ניט. איבערליגן. ליגן איז די בעסטע רפואה. אין די מלבושים האָט ער זיך אַריינגעלייגט אין בעט.

אַ שכנה האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. — אַריין! — האָט עזריאל אויסגערופן, געהערט ווי דאָס הענטל פון טיר האָט זיך אַ דריי געטון און זיך געכאַפּט אַז די טיר איז פאַרשלאָסן. קרעכצנדיק איז ער אַרונטער פון בעט, געעפנט די טיר. די שכנה האָט גענומען דערציילן אַז פון איין קראַן רינט און . . . זי האָט אָפּגעהאַקט אינמיטן: וואָס איז דער מער? פילט ניט גוט?

— העט . . . פאַרקילט אַ ביסל. ברעכן די ביינער, — האָט ער זיך אַ טרייסל געטון.

— טאָ גייט לייגט זיך, גייט. נישקשה, עס ברענט ניט.

עס האָט ניט געברענט, אָבער די נייס אַז „דער דזשעניטאָר" איז קראַנק האָט זיך פאַרשפּרייט ווי אַ פייער. ניט נאָר אַלע שכנים פון הויז, נאָר די זייטיקע שכנים, די מרס. רעזניק פון הויז קעגנאיבער האָט שוין אויך געוווּסט אַז עזריאל איז קראַנק. זי איז געזעסן ביים פענסטער, געזען איין שכנה, אַ צווייטע, אַ דריטע איז אַריינגעגאַנגען, אַרויסגעגאַנגען, ער איז ניט אַרויסגעגאַנגען. געדאַרפט אַריינגיין, אַ קוק טון, געוווירע ווערן, אַ מענטש איינער אַליין . . . אַ מצוה אויף אים, דעם קנור! זיך פאַררוקט אין אַ קעלער . . . זי'ט ניט גיין! ער האָט עס ניט פאַרדינט. ער . . . אויף מאָרגן, אַז די קעלער טיר האָט זיך אַלץ ניט געעפנט — זי האָט שוין געהאַלטן אַן אויג אויף איר — האָט זי אַרויפגענומען די שאַל אויף די אַקסל, צוגעגאַנגען צום קעלער, לייכט אַ קלאַפּ געטון אין טיר און, אַז זי האָט ניט געהערט קיין ענטפער, קיינע טריט, האָט זי אַ שטופּ געטון די טיר.

— אָה! — ער האָט אַ צי געטון די קאָלדרע צום האַלדז צו, גע־מאַכט אַ באַוועגונג זיך אויפזעצן און צוריקגעפאַלן צום קישן.

— וואָס איז דער מער? פילט ניט גוט?

— איך בין קראַנק! — דער „קראַנק" איז אַרויסגעקומען אַ צע־שפּאָלטענער, מיט אַ רוגז און אַ קרעכץ; איך וויל ניט זיין קראַנק, אָבער איך בין, האָב רחמנות!

די מרס. רעזניק האָט מיט איין קוק אַרומגענומען זיין גאַנצע „וווינונג", און ניט נאָר די האַלב פינסטערניש פון קעלער, אפילו דאָס ווייס־גרויע קישן ציכל, זיין פּנים האָט געזאָגט: חושך! איר האָט געאיבלט פונם קויטיקן ציכל, ער אַליין מוז אויך זיין קויטיק . . . זי האָט ניט געדאַרפט געווען קומען, אָבער זי איז שוין דאָ, און ער, אין איינע צוויי טעג — חרוב. — מ'דאַרף רופן אַ דאָקטאָר.

— אַ דאָקטאָר? — ער האָט אָן עפן געטון די אויגן, זיי צוריק פאַרמאַכט. ער האָט געזען זלאַטען, איר דאָקטאָר . . . — סע'ט איבער־גיין. מ'דאַרף ניט. — ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. דאָקטאָר, זלאַטע . . . ער וויל ניט קיין דאָקטאָר, ער . . . אויב זי וויל אַזוי גוט זיין אים דערלאַנגען אַ שוועבעלע, אַ פּאָר שוועבעלעך, דאָרט אויפן אויוון שטייט אַ קעסטל. אַ דאַנק, אַ שיינעם דאַנק.

ער האָט פאַררויכערט, זיך פאַרהוסט.

— זיך צוגעטשעפּעט אַ הוסט. טוט ווי אין זייט.

— ער דאַרף ניט רויכערן און מ'דאַרף רופן אַ דאָקטאָר. זי'ט רופן איר דאָקטאָר, דר. ביסקין, ער איז אַ גוטער דאָקטאָר, אַן ערלעכער מענטש און נעמט ניט מער ווי צוויי דאָלער.

עזריאל האָט ניט געזאָגט זי זאָל רופן דעם דאָקטאָר, ער האָט אויך ניט געזאָגט ניין, איז זי אוועקגעגאַנגען, און אין אַ דריי שעה אַרום איז זי געקומען מיטן דאָקטאָר.

— ער דאַרף גיין אין אַ שפּיטאָל.

— שפּי־טאָל!

עזריאל איז קיינמאָל ניט געווען קראַנק, האָט קיינמאָל ניט געזען דעם אינעווייניק פון אַ שפּיטאָל, ערגעץ ווו אין מוח האָט געשטעקט דאָס וואָרט „הקדש", און איצטער, דערהערנדיק דאָס וואָרט שפּיטאָל, האָט דער הקדש פון זיין שטעטל קיסילין זיך אַ ריר געטון, זיך גענומען ציען פאַר די אויגן: געדיינקסט? — וואָס זשע, אין שפּיטאָל איז דאָ אַ בעסערער דאָקטאָר?

דער דאָקטאָר האָט אַ קער געטון דעם קאָפּ, אַ שמייכל געטון — אַ דאָקטאָר ווייס איך נישט, לופט איז דאָרטן זיכער דאָ בעסערע.

— לופט? — האָט עזריאל פֿאַרחידושט איבערגעפֿרעגט, ווי איינער רעדט: אַ מענטש מאַכט עס אַ וועזן פֿון ... לופט.

— יאָ, לופט. דאָ קען מען דאָך דערשטיקט ווערן, און איר מיט אייער לונגען אנטצינדונג ...

— לונגען אַנטצינדונג? — זלאַטע ...

— דערווייל איז עס נאָר איין לונג, אָט די אָ ...

— יאָ, דאָ טוט וויי.

— דער ווייטיק איז גאָרניט. ער דאַרף פֿרישע לופט, גוטע באַ־האַנדלונג, אַרומוואַשן, אַרומווישן, עסן ...

— דאָס איז גאָרניט, — האָט עזריאל מבטל געווען די אַלע זאַכן, — איז דאָ אַ רפֿואה דערצו? ס'איז דאָ? טאָ גיט מיר די רפֿואה. אין שפּיטאָל גיי איך נישט. — ער האָט פֿאַרמאַכט די אויגן: מער האָב איך ניט וואָס צו ריידן.

דער דאָקטאָר האָט אַ קוק געטון אויף דער מרס. רעזניק, אַ קנייטש געטון מיט די פּלייצעס און גענומען פֿאַרשרייבן אַ רעצעפּט. — דאָ האָט איר עס.

— וויפֿל קום איך אייך?

— צוויי דאָלער, — האָט דער דאָקטאָר אַ וואָרף געטון און זיך אויפֿגעשטעלט.

עזריאל פּערלמאַן האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום וואַנט, אַרויסגעצויגן פֿון אונטערן קישן אַ לייוונטן בייטעלע, אַרויסגעשלעפּט פֿון דאָרט צוויי אַלטע, ברודיקע, ווייכע פּאַפּירלעך, זיך איבערגעדרייט מיטן פּנים צום דאָקטאָר און אים דערלאַנגט דאָס געלט. גיט אַ קוק טוענדיק אויף דעם האָט עס דער דאָקטאָר אַריינגעשפּאַרט אין קעשענע און זיך געווענדט צו דער מרס. רעזניק: — איר'ט מאַכן דעם רעצעפּט. יעדע צוויי שעה אַ לעפֿעלע. איר'ט מיך דאַרפֿן, רופֿט מיך. אַ גוטן.

דער דאָקטאָר האָט זיך געלאָזט צום טיר. די מרס. רעזניק, רעצעפּט אין האַנט, איז אים נאָכגעגאַנגען.

— מרס. רעזניק! אָה, מרס. רעזניק, זייט אַזוי גוט ...

זי האָט זיך אומגעקוקט. — באַלד. איך קום באַלד צוריק.

ווען זי איז צוריקגעקומען האָט עזריאל פֿאַרשעריש אַ פֿרעג געטון:

— וואָס האָט ער געזאָגט?

— גאָרניט. וואָס זאָל ער זאָגן? איר האָט דאָך געהערט — לונגען אַנטצינדונג. מ׳דאַרף גוט אַכטונג געבן. גיין מאַכן דעם רעצעפּט.

— וואַרט. געבן געלט. ווייסט ניט וויפל אַן ערך עס וועט קאָסטן? מילא. אָבער איידער זי גייט מאַכן דעם רעצעפּט, וויל זי אַזוי גוט זיין, אָן דאָרטן אָ, אין קאמאָד, אין אויבערשטן שופלאד, אין רעכטן ווינקל, יאָ יאָ, אָן דאָרטן ליגט אַ בריוו. דעם בריוו דאַרף מען ניט, נאָר דעם קאָנווערט. און אַז זי שטייט שוין דאָרט, זאָל זי נעמען דעם טינט און פּען, אַ בלעטל פּאַפּיר און אַ ריינעם קאָנווערט. אָט אַזוי. דאָס איז דעם זונס אַדרעס. חיים. אין שיקאגא. איידער זי גייט מאַכן דעם רעצעפּט זאָל זי געבן אַ טעלעגראַמע דעם זון. אַ פּאָר ווערטער. פּאָטער קראַנק. קום גלייך. דאָס אַלעס. זיי רעכענען דאָך פון וואָרט, ניין?

— ווי זיי רעכענען ווייסט זי ניט, וואָס מכוח אונטערשרייבן? ווער שיקט די טעלעגראַמע?

— אונטערשרייבן? — עזריאל האָט געהאַט אַ ווידערווילן צום אונ־טערשרייבן. די אַלע פּאַפּירן וואָס ער האָט אונטערגעשריבן . . . שרייבט א י ר אונטער. איר שרייבט אונטער. איז וואַרט זשע, טעלעגראַמע, רעצעפּט, ער האָט נאָך עפּעס אָנגעזאָגט, דער דאקטאר? אלקאָהאָל? זאָל זיין אלקאָהאָל. איז . . .

ער האָט אַרויסגעצויגן פון טאָרבעלע אַ צוזאַמענגעלייגט, אָבער שטייף פינפערל און עס דערלאנגט דער מרס. רעזניק. — נאָט, קויפט וואָס מ׳דאַרף, און אַ דאַנק . . . אַ שיינעם דאַנק . . . איך . . .

— איר ליגט רויק!

עזריאל איז ניט געווען רויק. די מרס. רעזניק. געקומען. זיך ניט געריכט . . . געדאַרפט זיך אַנטשולדיקן . . . אַ ווילע פרוי . . . אָבער וואָס, אַז . . . לונגען אנטצינדונג. אַזוי איז עס צוגעגאנגען מיט זלאטען אויך. רופט זי עס אים צו זיך? באַלד ווערט אַ יאָר . . . כאָטש דער־ציען ביז חיים וועט קומען, אויב ער׳ט קומען. און אַז ער׳ט ניט קומען? „מיין גאַנץ פאַרמעגן לאָז איך איבער מיינע צוויי זין, חיים און הערשל״.

אָנגעשריבן די צוואה, פאַרקלעפּט דעם קאָנווערט, האָט ער אים אַרונטערגערוקט אונטערן קישן און געפילט אַז ער האָט אָפּגעטון אַ וויכטיקע, זייער אַ וויכטיקע אַרבעט, איצטער קען ער שוין . . .

ער האָט געמוזט איינדרימלען, ווייל, ווען ער האָט אָן עפן געטין די אויגן, דערזען די מרס. רעזניק האָט ער פאַרחידושט אַ קוק געטין אויף איר: ווי קומט זי אַהער? זי האָט אים דערלאַנגט דאָס געלט־

רעשט, האָט ער געהייסן אַוועקלייגן אויפן טישל, זי האָט אים איינגעגעבן דעם רעצעפּט, האָט ער גענומען, ווען זי האָט אַ פרעג געטון מכוח עפּעס עסן, האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. די טעלעגראַמע אַוועקגעשיקט? איז גוט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן.

צוויי מעת לעת אין הין־הער פלעט. די מרס. רעזניק, דער דאָקטאר, ער האָט זיי יאָ געזען און ניט געזען, דייטלעך האָט ער געזען זלאטען. יאָ, דאָס איז עס, זי רופט אים צו זיך. ער גייט. ער גייט אַ גאַנג . . . חיים זאָל כאָטש קומען. אַ טעלעגראמע פון אים? אַזוי? ער קומט מאָרגן? ביז מאָרגן וועט ער דערציען. נאָך איין נאַכט.

עזריאל האָט זיך געטרונקען אין ים. הענט געקלאַמערט אַרום אַ קלאָץ, האָט ער זיך געטראָגן כוואַליע אַרויף, כוואַליע אַראָפּ, אַ כוואַליע האָט אים אַ זעץ געטון אין פּנים, וואַסער אין מויל, אין האַלז, ער האָט זיך געשטיקט, געוואָרגן, ער האָט געשפּיגן, געכראַקעט, געשריען, געשרי־ען מיט באַנומענע קולות. די הוסט ספּאַזמע האָט זיך איינגעשטילט. ער האָט שוין באַנומען אַז ער ליגט אויפן בעט, אָבער די בעט האָט זיך געוויגט, דאָס גאַז פלעמל האָט זיך געטוקט, און די שאָטנס, דער גאַנצער קעלער האָט זיך געוויגט. זיין קעלער, זיין בעט, אָבער ווו די בעט שטייט, ווו דער צוקאָפּנס, ווו איז די טיר, דעם פענסטער האָט ער ניט געקענט זען. נאַס. זיך אַרומווישן, אָבער דעם האַנטעך האָט ער ניט געקענט געפינען, ער האָט דערזען אַ גלאָז וואַסער אויפן טישל. ער האָט אַ טרונק געטון. אַ פּרעסטל איז דורכגעלאָפן איבערן לייב. ער האָט אַ וויש געטון די ברוסט מיטן צודעק, זיך איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט, זיך איינגענורעט און כהרף עין איז ער איינגעשלאָפן.

פעלד. קיין מענטשלעכער ישוב, קיין לעבעדיקע בריאה, קיין בוים, און די זון באַקט, ברענט, אונטער די פיס הייסער פּריסעק, אין די אויגן אָנגעגליטע זאַמד, דער האַלז איז מיט קאָרעק געזוימט, דער צונג לעדער, די פיס ברעכן זיך אונטער. ער ליגט. וואַסער! אַ טראָפּן וואַסער! ער וויל שוין קיין וואַסער אויך ניט, אויסגיין, שטאַרבן, ווי לאַנג וועט עס נעמען ביז ער׳ט אויס . . . טריקענען? עמיצער הייבט אויף זיין קאָפּ, האַלט אונטער זיין פּלייצע, דערלאַנגט אַ קופּערנע קוואָרט צו די ליפּן: טרינק! ער טרינקט, שלינגט דאָס וואַסער. די גאַנצע קוואָרט, דער לעצטער טראָפּן. — צום געזונט! צו לאַנגע יאָר! — און זי . . . איז פאַרשווונדן, ניט געבליבן.

— זלא־טע!

ער האָט אַן עפן געטון די אויגן און זיך געחידושט וואָס ער זעט זי ניט. זי איז דאָך אָט ערשט געווען, ער האָט זי געזען, געהערט „צום געזונט! צו לאַנגע יאָר!" ער האָט אַ ריר געטון אַ האַנט, אַ פוס, דער־פילט ער איז נאַס, דאָס גאַנצע לייב ווייקט זיך אין שוויס. ער האָט זיך אויפגעזעצט, אַראָפּגעצויגן דאָס העמדל, גענומען זיך ווישן מיטן האַנ־טעך. די הענט האָבן זיך אָפּגעשטעלט. „צום געזונט!" ער האָט גענומען רייבן די ברוסט, די פּלייצע, אַרומגעוויקלט דעם האַנטעך, אַרויפגעצויגן דאָס פייכטע העמדל, זיך אַוועקגעלייגט אויפן רוקן, פאַרמאַכט די אויגן און, אַנטקעגן דער שיין פון דעם זיך טוקנדיקן גאַז פלעמל, האָט זיך גענומען וויגן אַ גליקלעכער שמייכל — צום געזונט. זלאַטע. זי האָט אים געבראַכט די רפואה. איצט וועט ער געזונט ווערן. ער איז ש ו י ן געזונט, ער . . . איז איינגעזונקען אין אַ טיפן שלאָף.

ווען ער האָט געעפנט די אויגן, דערזען די מרס. רעזניק, דערהערט: ווי פילט איר? האָט ער האַפערדיק געענטפערט — פיין! איך בין שוין געזונט! — און זיינע אויגן האָבן שטיפעריש פּאָטאַקעוועט: יאָ יאָ, אָט ווי איר הערט.

— געשוויצט?

— אַלץ הייסט שוויצן! שיר נישט אַוועקגעגאַנגען מיטן בעט אינ־איינעם.

— אַרומוואַשן מיט אַלקאָהאָל.

זאָל זי. ער האָט אונטערגעשטעלט די פּלייצע, די ברוסט, געפילט דעם אַלקאָהאָל ברי, דעם האַנטעך ריב, דער מרס. רעזניקס פינגער, און געזען . . . זלאַטען, זלאַטע מיט דער קוואָרט וואַסער . . . און די מרס. רעזניק? — ׳ט זיין גענוג. ווייטער וועל איך שוין אַליין. אויב איר ווילט אַזוי גוט זיין, אין קאַמאָד, אין צווייטן שופלאָד ליגט אונ־טערוועש. אַ דאַנק. אַ שיינעם דאַנק. איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן? איך בין . . . הונגעריק, — האָט ער זיך שיר נישט צעלאַכט.

— אַז ער וויל שוין עסן, איז ער שוין געזונט, — האָט די מרס. רעזניק צוגעגעבן מיט אַ שמייכל.

זי שמייכלט אויך. ווייסט זי? זי ווייסט גאָרניט. זאָל ער איר אויס־זאָגן? ניין, דאָס איז אַ סוד, זיין סוד.

דער דאָקטאָר איז געקומען, און ער האָט אויך געשמייכלט: געווען גוט אין דער אַרבעט, איצטער איז ער שוין אַרויס פון געפאַר. ליגן, עסן, טרינקען, רוען, קומען צו זיך.

נאַרישער דאָקטאָר! ער מיינט אודאי אַז דאָס האָט ער, זיין רעצעפּט האָט געהאָלפן, זלאַטע! ז י האָט אים געבראַכט די רפואה. זאָל ער אים זאָגן? הם־הם. אַ שמייכלענדיקער דערלאַנגט ער דעם דאָקטאָר די צוויי דאָלער. ער האָט זיי אפילו ניט פאַרדינט דאָס מאָל, נאָר זאָל זיינס איבערגיין.

דער זון איז געקומען. — טאַט־טע! — ער האָט געקוקט אויף זיין פאָטער, אויפן קעלער. עזריאל האָט געשמייכלט, זיין האַנט האָט געגלעט דעם זונס האַנט. — וועסט מיר מוחל זיין וואָס איך האָב דיך מטריח געווען. געמיינט איך גיי שוין אַ גאַנג, אָבער . . . — זאָל ער א י ם אויסזאָגן? ניין, אים אויך ניט. — אָבער דער וואָס לעבט אייביק האָט קענטיק געוואָלט איך זאָל נאָך בלייבן דאָ . . .

— אָט אָ דאָ ליגסטו עס?

נאַרישער חיים. וואָס איז שלעכט דאָ? אַז זי . . .

— וואָס איז דאָ? אַז ס׳איז באַשערט צו לעבן . . . ביסט מסתמא מיד פון פאָרן, אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. טאָ גיי, מיין זון, געפין ערגעץ אַ צימער, שלאָף זיך אויס, רו זיך אויס, וועסט קומען וועלן מיר ריידן, איך וויל שוין אויך כאַפּן אַ דרימל, כ׳בין שוין געזונט, אָבער מיד, וויל שלאָפן . . . — ער׳ט דאָך אים ניט זאָגן אַז ער וויל פאַרמאַכן די אויגן, זען זלאַטען, זי מיט דער קוואָרט, „צום געזונט" . . .

אַ געזונטער איז עזריאל געזעסן, אין בעט נאָך, און גערעדט מיטן זון תכלית. — געמיינט איך גיי שוין אַ גאַנג, אפילו געמאַכט אַ צוואה. — ער האָט אַרויסגעצויגן אַ צעווייקטן, צעקנייטשטן קאָנווערט. — דאָס הויז דיר מיט הערשלען. — דערזען זיין זונס שמייכל, האָט ער שוין עטוואָס ברוגזלעך אַ זאָג געטון — מ׳דאַרף דאָך באַוואָרענען, ניין?

— אודאי דאַרף מען באַוואָרענען, אָבער באַוואָרן פריער זיך. צי איז דאָס אַ תכלית, ליגן דאָ, אין אַ קעלער, איינער אַליין. כאָטש געוועזן ווער עס זאָל אַכטונג געבן אויף דיר?

— די מרס. רעזניק. האָסט זי געזען. איר דאַרפן קויפן עפּעס אַ מתנה. זי . . . — דערזען דעם זונס קוק, האָט ער שמייכלענדיק אַ זאָג געטון, — מאַכסט אַ טעות, איך קלייב זיך ניט חתונה האָבן.

— הלואי האָסטו חתונה, ניט זיך וואַלגערן איינער אַליין.

— ניין, איך וועל ניט חתונה האָבן. — פעסט, אַנטשלאָסן.

— אויב ניט חתונה האָבן, פאַר זיך אַליין, וואָס דאַרפסטו דעם

גאַנצן עסק מיט אַ הויז, מיט צאָלונגען, זיין אַ משרת ביי די שכנים, אַרבעטן פאַרן שוואַרץ יאָר ?

— וואָס דען זאָל איך טון ? אדרבה, זאָג דו, ווייסט'אָך עפּעס מער פון מיר.

— ווילסט מיך פאָלגן ? טו אַ שפּיי אויפן גאַנצן עסק, גיב עס אויף און פאָר מיט מיר אַהיים. מיין ווייב איז ניט אַזוי אָפּגעהיט מיט כשרות, אָבער מ'עט זיך שוין ווי עס איז גיבן אַן עצה.

— אויפגעבן דאָס הויז ? און וואָס איז מיטן געלט וואָס איך האָב אַריינגעבראָקט ? דאָס איז דאָך מיין גאַנץ פאַרמעגן ! גרינג צו זאָגן, גיב אויף.

— טאַטע ! דיין גאַנץ פאַרמעגן האָט נישט די ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי. איך מוז עס דיר זאָגן. ביסט שולדיק אויפן הויז מער וויפל דאָס האָט די ווערט, זאָלסט אפילו אָפּפינסטערן נאָך צען יאָר און האַלטן אין איין צאָלן, וועסטו אויך ניט אויסצאָלן. און צוליב וואָס ? מיר לאָזן ירושה ? מוחל. כ'האָב געגוג קאָפּ ווייטיק אָן דעם, נאָך מאָרטגעזשעס פעלן מיר. פאָלג מיך, טו אַ שפּיי דערויף און . . .

— ביי דיר איז עס קיי און שפּיי, און וואָס איז מכוח מיין געלט ?

— וויפל האָסטו אַריינגעלייגט ?

— זאָל מיך אַזוי וויסן צרות.

— דו ווייסט גאָרניט וויפל דו האָסט איינגעצאָלט ?

— א י ך האָב איינגעצאָלט. דאָס האָט זי, די מאַמע, „אלעוואשאָלעם" איינגעהאַנדלט, זי האָט געקויפט, פאַרקויפט, געביטן, ביז זי האָט סוף סוף כל סוף אויסגעביטן אויף דער מציאה. אָנגעהייבן האָט זיך עס מיט צוויי לאַטס . . .

דער זון האָט געדולדיק אויסגעהערט די גאַנצע האַנדלס געשיכטע, און נאָך איידער דער פאָטער האָט פאַרענדיקט, האָט ער אַ זאָג געטון:

— בקיצור, ווילסטו דיינע צוויי טויזנט דאלער, ריכטיק ?

— נו יאָ . . .

— דאָס קענסטו אפשר קריגן.

— מיינסט פאַרקויפן ?

— אַי, טאַטע, טאַטע, ביסט אַזוי . . . ווער'ט ביי דיר קויפן די חורבה און דיר נאָך געבן צוויי טויזנט דאלער ? וועגן פאַרקויפן איז אָפּגערעדט. דער איינציקער וועג ווי אַזוי דו קענסט נאָך עפּעס אַרויסקריגן איז פּשוט ניט צאָלן.

— וועט מען דאָך צונעמען.

— מ׳נעמט נישט אַזוי גיך. וועסט אַרונטער פון בעט, גיי אַריבער צו אַן אַדוואָקאַט, ניט פון די רייכע, פון די קלענערע, אָבער אַזאַ וואָס פאַרשטייט „ריעל עסטייט” און, דער עיקר, אַן ערלעכער מענטש, אויב דו ווייסט פון אַזאַ, וויַיז אים אַלע פּאַפּירן, דערצייל אים וואָס איך האָב דיר געזאָגט, און ער׳ט דיר שוין געבן אַן עצה. וועסט אַרויסקריגן דיינע פּאָר סענט, וויפל דו וועסט דאָרט ניט קריגן, לאָז מיר וויסן, דאָס הייסט, קום גלייך צופאָרן.

— אפשר ביסטו גערעכט. כ׳וועל אפשר טון ווי דו זאָגסט, אָבער קומען צו דיר, זיין ביי דיר, דאָס ווייס איך ניט. זאָלסט קיין פאַראיבל ניט האָבן אויף מיר, איך און דיין . . . פאַרגעסן איר נאָמען, איך און דיין מעי זיינען ניט קיין פּאָר. מיינע פּאָר יאָר וואָס מיר איז נאָך באַשערט וועל איך שוין אויסלעבן דאָ. געפינען פּאַר זיך אַן אָרט. פאַר אַ נויט וועל איך גאָר אַוועקגיין אין מושב זקנים. זיי געבן עטלעכע הונדערט דאלער וועלן זיי מיך אַריינגעמען. אָבער וועגן דעם וועלן מיר נאָך זען. זאָג מיר, ווי לאַנג וועסטו דאָ שטיין?

— מאָרגן פאַר איך אַוועק. וואָס האָב איך דאָ וואָס צו טון? אַז דו ביסט שוין, אַ דאַנקען גאָט, געזונט.

— יאָ, גאָט צו דאַנקען.

ער האָט טאַקע ניט דערציילט דעם זון. פאַרשטייט זיך, פריער גאָט, אָבער נאָכדעם זלאַטע . . . און גאָט האָט ער שוין געדאַנקט, איצטער דאַרף ער דאַנקען זלאַטען . . .

(5)

געגאַנגען איז ער כלומרשט אַ קוק טון צי דער מצבה קריצער האָט אַוועקגעשטעלט דעם שטיין. ער האָט אַרונטערגענומען דאָס דעקטיכל פון דער מצבה, איז ווי ער וואָלט דערזען זלאַטען פּנים אל פּנים, זיינע פינגער זיינען געגאַנגען איבערן קריץ פון די אותיות, און זיי האָבן געפילט ניט קאַלטן שטיין, נאָר וואַרעם לייב, און פון זיינע פינגער, פון זיין גאַנצן לייב האָט זיך געריזלט: זלאַ־טע! זלאַ־טע־ניו!

פון דער מצבה איז ער אַריינגעגאַנגען אין בית עולם אָפיס גלייך דערביי. — דאָ אויפן בית עולם ליגט מיין ווייב.

— נאָמען? — האָט דער ייד, אַ פליכעוואַטער, מיט ברילן אין גרויסע ראַמען, אַ פרעג געטון.

— זלאַטע, זלאַטע פּערלמאַן.

דער ייד האָט אַ נעם געטון אַ דיקן בוך. — יאָ, שורה ניין, קבר זיבעצן. ווילט אַרויפגיין?

— קום ערשט פון דאָרט. לעבן דעם קבר איז דאָ אַ שטיקל קרקע.

— איין מינוט. — דער ייד האָט גענומען אַ צווייטן בוך, אַ בלעטער געטון. — יאָ, ס׳איז דאָ. ליידיק.

— קויף איך עס.

דער ייד האָט אַ קוק געטון אויף עזריאלן. — מיר׳ן עס אייך פאַר־קויפן, — און געזאָגט אַ פּרייז. אַז עזריאל האָט אַזש אַ דריי געטון מיטן קאָפּ. אַזעלכע . . . ! באשר ער וויל עס קויפן דאַרף יענער זיך אַזוי פאַררייסן? ער׳ט . . .

ער האָט זיך גענומען דינגען און סוף כל סוף אַראָפּגעדונגען גאַנצע פופצן דאָלער. ער האָט באַצאָלט, און דאָס פּאַפּירל אין האַנט איז ניט געווען אַ קבלה פאַר אַ שטיקל קרקע, נאָר אַ כתובה, דאָס האָט ער, עזריאל, מקבל קנין געווען, געשריבן תנאים מיט זלאַטען . . . די חתונה איז אָפּגעלייגט אויף אַן אומבאַשטימטער צייט, אָבער זיי זיינען פאַרקנסט געוואָרן, אָט היינט איז געווען דער קנסמאָל . . . און כחתן יוצא מחופּתו איז עזריאל אַוועקגעגאַנגען פון בית עולם צוריק אַהיים, צו זיך אין קעלער.

איצטער, אַז מיט זלאַטען איז ער זיכער, איינגעהאַנדלט דאָס אמתע שטיקל ערד, וועט ער שוין אויך מאַכן אַ טאָלק מיטן דעם אַנדערן „ריעל עסטייט״, מישטיינס געזאָגט, מיטן הויז.

דער אַדוואָקאַט האָט זיך צוגעהערט צו עזריאלס רייד, דערוויל געבלעטערט די פּאַפּירן וואָס עזריאל האָט געבראַכט, אַ קוק דאָ, אַ קוק דאָרט, אַוועקגעלייגט.

— איז וואָס זשע ווילט איר?

— אַן עצה. וואָס צו טון אַרויסצוקריגן מיין געלט.

— וויפל געלט האָט איר אַריינגעלייגט?

עזריאל האָט גענומען דערציילן די מעשה באריכות. — איך בין אַ פּרעסער . . .

דער אַדוואָקאַט האָט מער געקוקט ווי געהערט. זיי קומען צו אים: פּרעסער, שניידער, קרעמער, אַלע האָבן זיי געוואָלט ווערן רייך אויף איין פוס, איצט שטעקן זיי מיט ביידע פיס אין בלאָטע און ווילן ער זאָל זיי אַרויסשלעפּן. אַ מצוה אויף זיי. דער אָ, מוז שוין זיין אַ ייד אַ זקן, האָט אויך געוואָלט רייך ווערן. וואָס דאַרף אַזאַ ייד געלט? זאָל ער . . .

— איך וויל גאָרניט, נאָר מיינע צוויי טויזנט דאלער, — האָט עזריאל פאַרענדיקט.

— צוויי טויזנט דאלער, — האָט דער אדוואָקאַט אַ זאָג געטון מיט אַ פאַרעווער שטימע, ווי איינער רעדט: אויך מיר געלט.

— ווען איר ווייסט וויפל טויזנטער פאָר הויזן איך האָב באַדאַרפט אויספרעסן . . . — און עזריאל האָט אַ לייג געטון די הענט אויפן שרייב־טיש.

דער אדוואָקאַט האָט אַ קוק געטון אויף די ברייטע, שטאַרקע, אויס־געהאָרעוועט הענט, און ער האָט רחמנות געקראָגן אויפן יידן . . . — נו, ס'עט זיך ווי עס איז אויספרעסן. זאָגט מיר אָבער, אַז איר'ט שוין קריגן אייערע צוויי טויזנט דאלער, וואָס'ט איר טון מיט זיי?

— וואָס הייסט וואָס? מ'איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש, מ'דאַרף דאָך לעבן. אין שאַפּ קען איך שוין נישט גיין, מ'עט מיך ניט צונעמען, איז די פאָר יאָר וואָס מיר איז נאָך באַשערט צו לעבן . . .

— מיט צוויי טויזנט דאָלער, — האָט דער אַדוואָקאַט געשמייכלט, — קען מען ווייט ניט פאַרפאָרן.

— מ'קען אָבער פאַרגיין אין מושב זקנים. אַז מ'גיט זיי אַ ביסל געלט . . .

— זעט איר, דאָס איז שוין אפשר אַ פלאַן. איז אַזוי. די פאָר דאלער קען מען אפשר אַרויסקריגן, איך און איר וועלן אָבער דאַרפן ווערן „ציוניסטן".

— ציוניסטן ?!

דער אַדוואָקאַט, אַ געשוואָרענער סאָציאַליסט, אין בראָנזוויל האָט אַן אַדוואָקאַט, אַ דאָקטאָר, אויב ער האָט געוואָלט האָבן פּרנסה, געמוזט טראָגן אַ רויט קאַרטל, האָט געשמייכלט פון זיין אייגענעם וויץ. — איר'ט דאַרפן צ י ע ן, אָפּציען מיט די צאָלונגען, איין חודש גאָרניט צאָלן, אַ צווייטן אַריינוואַרפן אַ פּאָר דאלער, פאַרשטאָפּן דאָס מויל, דער עיקר אויפן צווייטן מאָרטגעדזש, פאַר די אַנדערע זאָלט איר גאָר קיין מורא ניט האָבן, די שטאָט וועט אייך ניט טשעפּען פאַר טעקסעס, די באַנק מיט איר ערשטן מאָרטגעדזש וועט אייך אויך ניט טשעפּען צופיל, אים, דעם צווייטן מאָרטגעדזש, ציט אַזוי לאַנג וויפל איר קענט, און אַז ער'ט שוין גאָר ווערן אין כעס, אָדער משוגע, און וועט אָנגעבן אין געריכט, דאַן וועט איר קומען צו מיר און א י כ ' ל ווערן דער ציעניסט.

— ווי לאַנג, דיינקט איר, קען מען אַזוי ציען?

— איר קענט ציען אַ פיר־פינף חדשים, אויב איר'ט זיך ניט איינ־

רייסן מיט אים, אים געבן אַ גוטע פייג, נאָר אַ זיסע, איר פאַרשטייט? איך, ווידער, וועגן דריי חדשים איז אָפּגערעדט, זיכער פיר, און גאַנץ מעגלעך פינף־זעקס. אַרום און אַרום אַ קנאַפּ יאָר, און אין דער צייט וועט איר האָבן אייערע צוויי טויזנט דאלער, אַ רענדל אַרויף אַ רענדל אַראָפּ.

— אַ דאַנק. אַ שיינעם דאַנק. איצט זאָגט מיר, וויפל קום איך אייך?

— צען דאלער.

— צע־ה־ן דאלער!

— וואָס זשע?

— ביי אונדז אין קיסילין, אַז מ׳איז געקומען צום רב פרעגן אַ שאלה האָט ער גענומען אַ זעקסער, דריי קאָפּיקעס.

דער אַדוואָקאַט האָט אַ שמייכל געטון. נו יאָ, זיינע יידן. שוין וויפל מאָל האָט ער באַשלאָסן אַז ס׳עט קומען צו אים אַ ייד זאָל ער מיט אים רעדן ענגליש, ווייל אַז ער רעדט יידיש איז ער דאָך ניט קיין „גרויסער לויער״, ממילא דאַרף מען אים געבן קליינגעלט, אַי דער ייד פאַרשטייט ניט, קען ניט רעדן, נאָך בעסער, וועט ער פאַרנעמען ווינציקער צייט. דערזעענדיק אָבער זיין קליענט, אַזאַ ייד, ווי אָט דער אַ אַשטייגער, האָט ער פאַרגעסן אָן זיין באַשלוס, און דער רעזולטאַט? נו יאָ, זיך דינגען. ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט די מלאכה. — איר זייט גערעכט, רב ייד. אָבער ערשטנס, איז בראָנזוויל, ניו יאָרק, ניט קיסילין, צווייטנס, האָב איך ניט געפּסקנט קיין שאלה, נאָר געגעבן אַן עצה; און דריטנס, וויפל טעג אין וואָך האָט געפּאַסט אייער רב אין קיסילין?

— בלויז מאָנטיק און דאָנערשטיק.

— זעט איר, און איך וויל עסן יעדן טאָג, און דוקא ברויט מיט פּוטער. איז אַזוי, פאַר היינט וועט איר מיר באַצאָלן צען דאלער, און אַז איר׳ט קריגן אַ מעלדונג פון געריכט, איר׳ט וועלן איך זאָל דורכפירן דעם גאַנצן עסק, וועט עס אייך קאָסטן אַ פופציקער, די צען דאלער וועלן גיין על חשבון, אַזוי אַז איר׳ט מיר דאַרפן געבן ניט מער ווי פערציק דאלער. איז וואָס שפּעטער וועט זיין וועלן מיר שפּעטער זען, היינט איז עס אַ צענערל . . . אַ דאַנק. ווילט אַ קבלה? איר גלויבט מיר אויפן וואָרט?

— מ׳האָט מיר געזאָגט איר זייט אַן ערלעכער מענטש, דערפאַר בין איך געקומען צו אייך.

— נאָך אויך נישקשה, — האָט דער אַדוואָקאַט לייכט געשמייכלט. זיין רעפּוטאַציע, הייסט עס, איז גאָרניט אַזאַ שלעכטע, כאָטש ער רעדט

יידיש . . . — איז גוט. נאָר איין זאַך, פאַרגעסן אייך זאָגן — די שכנים אייערע טאָרן גאָרניט וויסן. איר הערט? זײַ'ן זיך דערוויסן אַז איר האַלט ביים פאַרלירן די געבײדע וועלן זיי אויך ווערן ציִעניסטן, וועלן ניט צאָלן קיין דירה געלט, איז זאָגט קיינעם גאָרניט.

— וועמען וועל איך זאָגן, וועמען?

— איז גוט. גייט געזונטערהייד, און ציט וויפל איר קענט.

(6)

פולע זעקס חדשים האָט עזריאל געצויגן. מיט זיין קנאַפּן ריידן, מיט זיין שלעכטן ענגליש, וואָס ער האָט נאָך בכיוון פאַרערגערט, מיט זיין תמעוואַטן אויסזען, האָט ער געפּענטעט זיין בעל חוב, און ווען יענער האָט סוף כל סוף אָנגעגעבן אין געריכט, האָט עזריאל פאַרשווערעריש געשמייכלט: קענסט מיך קלאָגן צום ונתנה תוקף . . . אַ העלפט האָט ער שוין אַראָפּגעצויגן, איצט וועט דער אדוואָקאַט נעמען ציען, שוין דערציען . . .

ער איז שוין אפילו אַריבערגעגאַנגען אין מושב זקנים, גערעדט מיטן פארוואלטער דאָרט. לכתחילה האָט יענער פאַרוואָרפן מיט הענט און מיט פיס: ניטאָ קיין פלאַץ, פריערע פון אים וואַרטן. אַז ער האָט אים אָבער דערציילט וועגן הויז, וועגן דעם געלט, האָט יענער גענומען זינגען אַן אַנדער לידל — דריי טויזנט דאָלער. מילא, ער האָט זיך אויסגעדונגען פאַר פופצן הונדערט דאָלער. ניט ווייל ער האָט געוואָלט אַראָפּגנבענען ביי זיי, אָבער ערשטנס, ווייסט ער נאָך ניט צי וועט ער טאַקע אַראָפּציען די פולע צוויי טויזנט, און אויב אפילו יאָ, איז אויך קיין עוולה, ווי בלייבט מען עס אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה? אַ ציגאַר טוטין, אַ שוך, אַ מלבוש, מאַלע וואָס אַ מענטש דאַרף. היינט קבורה געלט. ער וויל ניט מ'זאָל אים מקבר זיין אויף קהלשע הוצאות. איצט איז ער אַ פרייער מענטש. נו יאָ, אין הויז איז דאָ אַרבעט, רופט אַ שכן עפּעס איז קאַליע, גייט ער גלייך פאַרריכטן: דער שכן צאָלט דאָך דירה געלט, און ער דאַרף גאָרניט וויסן. מיטן הויז גופא גיט ער זיך אָפּ ניט אַזוי פיל, ער קלאַפּט דאָרטן צו אַ ברעטל וואָס שטייט אָפּ, פאַרריכט אַ זאַוויעסע, שוין טאַקע ניט זיינס, אָבער מ'קען דאָך ניט לאָזן דאָס הויז צעפאַלן ווערן, פאָרעט ער זיך צו־ביסלעך. צופיל פאַרנומען איז ער ניט, בייטאָג פאַרגינט ער זיך אַרויס־נעמען דאָס ביינקל פון קעלער און זעצט זיך אַוועק וואַרימען אַנטקעגן

דער זון. ער זיצט, זשמורעט די אויגן, קעמט מיט די פינגער די באָרד. זינט ער איז אויפגעשטאַנען פון דער קרענק האָט ער זיך פאַרלאָזט אַ באָרד. די ערשטע פאָר וואָכן — אַ גרויע סטערנע, איצט איז עס שוין אַ באָרד, מער ניט זי וואַקסט מער אין דער ברייט, ווי אין דער לענג, און ער וואָלט דוקא געוואָלט אַ גרויסע, לאַנגע באָרד.

— די באָרד מאַכט אייך אויסזען אַלט.

דאָס זאָגט זי, די מרס. רעזניק. גאַנץ אָפּט גייט זי אין קרעמל פּונקט דאַן ווען ער זיצט אינדרויסן . . . און זי שטעלט זיך אָפּ. אין קעלער צו אים גייט זי ניט אַרונטער, זי וויל אויך ניט ער זאָל אַרויפברענגען אַ בענקל פאַר איר, אָבער אַז ער טרעט איר אָפּ זיין בענקל, זעצט זי זיך צו „אויף אַ פאָר מינוט", ער זיצט אויף די טרעפּ און מ'שמועסט אַ ביסל.

— וואָס האָט איר געמיינט, איך בין אַ חתן בחורל? חנוכה, צום דריטן ליכטל ווערט מיר זיבעציק יאָר.

— גייט שוין גייט. — זיין פּליצע, זיין ברוסט וואָס זי האָט אַרומגעוואַשן, אַרומגעווישט איז ניט געווען קיין לייב פון אַן אַלטן מענטשן, אָבער די באָרד, דער עיקר די האָר אין די אויערן, גרויער מאָך, מאַכט אים אויסזען אַלט.

— אָט ווי איר קוקט מיך אָן, זי־בע־ציק יאָר, אַן אַלטער ייד . . .

— פון זיין טאָן איז איר שווער צו כאַפּן צי באַדויערט ער זיין עלטער, איז שטאָלץ דערויף, אָדער ער וויל איר גאָר זאָגן: און דו האָסט געמיינט...

— און אַן אַלטער ייד אָן אַ באָרד איז עפּעס קיין ייד נישט.

— אויף דער עלטער ווערט מען פרום.

— וואָס האָט דאָס צו טון מיט פרומקייט? — זי קוקט אים אפּנים נאָך גאַנץ גוט, האָט מסתם געזען אַז ער גייט יעדן אָוונט אין שולכל דערביי. אודאי גייט ער אין שול, אָבער ניט אזוי צוליב דער קדושה וברכו, ער, נאָך אַ פאָר יידן אין זיינע יאָרן זיצן, ריידן, דערציילן מעשות. וואָס'ט ער זיצן איינער אַליין אין קעלער? — פשוט שענער, — גיט ער צו מיט אַ שאָטן פון אַ שמייכל, ווי ער וואָלט זיך געררייצט מיט איר. — אַן אַלטער פּנים אָן אַ באָרד איז, ווי זאָל איך אייך זאָגן, עפּעס . . . נאַקעט . . .

פאַר דער „נאַקעטקייט" פאַרשעמט זיך די מרס. רעזניק, זעגנט זיך אָפּ און גייט אַוועק. עזריאל בלייבט זיצן ווי פריער, מיט די אויגן, מיטן געדאַנק פאָלגט ער איר נאָך: איך בין שוין טאַקע באַלד זיבעציק, דו ביסט שוין אויך ניט קיין כלה מיידעלע, פונדעסטוועגן . . . ווען זי וואָלט זיך ניט געוואָלט באַוואָרענען . . . שיין וועט זיין ווען זי וועט זיך דער־

וויסן וועגן הויז . . . אַ שמייכל צעשפּילט זיך אויף עזריאלס פּנים: ער האָט איר אָפּגעטון אַ שפּיצל. אָט האָסטו דיר דיין באַוואָרעניש . . . גייט אַזוי סטאַטעטשנע, אַזוי גלייך. אַ שטאַלטנע פרוי. די פּלייצע, די קליבעס . . . דאָס ביינקל, אָנגעשפּאַרט אויף די הינטערשטע צוויי פּיס־לעך, טוט מיט אַמאָל אַ שפּרונג פאָרויס. אַלטער נואף! שעמען מעגסטו זיך . . . נאָך אין אלול דערצו . . .

עזריאל פאַררויכערט אַ ציגאַר טוטין און מיטן ערשטן בלאָז רויך בלאָזט ער אַוועק די שלעכטע מחשבות. מאַלע וואָס עס לויפט דורך ביי אַ מענטשן אין קאָפּ . . . ניין, ניט דאָס איז ער אויסן געווען. זי איז אַ ווילע פרוי. מילא פריער האָט זי אפשר געהאַט אירע חשבונות . . . אָבער נאָכדעם, ווען זי איז ברוגז געוואָרן, פונדעסטוועגן אַז ער איז געוואָרן קראַנק, ווען ניט זי . . .

זלאַ־טע!

אודאי זלאטע. אַניט טראַכט ער וועגן דער מרס. רעזניק? וועגן דעם איז אָפּגערעדט, אָבער פאַרן אַוועקגיין וועט ער איר מיט עפּעס אָפּדאַנקען. זי האָט עס כשר פאַרדינט.

ער האָט שוין געהאלטן ביים אַוועקגיין. דער אדוואָקאַט האָט אים געזאָגט אַז אַ ליאדע טאָג קען מען קומען און אים הייסן גיין. זאָלן זיי קומען. ער האָט שוין זיינס אָפּגעטון. דעם מושב זקנים האָט ער שוין געגעבן טויזנט דאלער און דאָס איבעריקע איז גוט באַהאַלטן, פאַרשטעקט, טאקע אין קעלער, אפילו די זאַכן זיינע, דאָס מעבל זיינס, מישטיינס גע־זאָגט, האָט ער שוין פארקויפט אויף להבא, דאָס הייסט, דעם טאָג ווען ער׳ט אַוועקגיין, וועט קומען דער מעבל הענדלער צונעמען די בעט, דאָס טישל, דאָס ביינקל און דעם אויוון. זיינע אונטערוועש, העמדער, אַ גארניטור, אַ ביסל בעט־צייג — דאָס, האָבן זיי אים געזאָגט אין מושב זקנים, קען ער ברייגנעז — דאָס קען ער צוזאַמענלייגן אין . . .

ער׳ט ניט גיין קויפן קיין רענצל צוליב דעם. משוגע זיינע שונאים. אויסגעבן געלט אויף אַריבערשלעפּן אַ פּאָר שמאַטעס. ער קען עס אַריינ־שפּאַרן אין אַ זעקל און . . . אַ זעקל אויף די פּלייצעס, אַ טאָרבע . . . בעטלער . . . עס געפעלט אים ניט. אויף דעם בערגל חפצים וואָס ער האָט געבראַכט צושלעפּן יעדן טאָג, דאָרטן דאַרף ערגעץ זיין אַ קינ־דעריש וויגעלע. ער געדיינקט, ער האָט עס געבראַכט, אַ ברייט וויגעלע, קענטיק פון אַ צווילינג. עס האָט מער ניט געהאַט ווי צוויי רעדלעך. אָבער אַ דאגה אַ פּאָר רעדלעך? דאָס האָט ער גענוג. אַ קוק טון.

דריי טעג האָט ער געמייסטרעוועט. ער האָט שוין פאַרגעסן אויף וואָס ער דאַרף דאָס וועגעלע, אים איז געגאַנגען אין לעבן צושטעלן צוויי רעדלעך פון אַ ראוער, העכער פון די אַנדערע צוויי, און דאָס וויגעלע זאָל גיין גלייך. ווען ער איז סוף כל סוף פאַרטיק געוואָרן דערמיט האָט ער אַ פּאָר מאָל זיך דורכגעשפּאַצירט מיטן וויגעלע איבערן קעלער און צופרידן געשמייכלט: ער האָט עס געמאַכט!

באַצייטנס האָט ער גענומען צונויפלייגן, איינפּאַקן זיינע זאַכן. ער האָט געלייגט, איבערגעלייגט, דאָס גייט אונטן, דאָס אויבן. ווען ער האָט גענומען אין האַנט אריין זלאָטעס זייגערל, אַ גאָלדן זייגערל, געקויפט מיט אַ יאָר צוואנציק צוריק, האָט ער עס לאנג געהאַלטן אין האנט, געוואויגן עס — גאָלד, אמתע גאָלד. ער האָט געעפנט די קאפּערטע, פאַרמאַכט, עס אָנגעצויגן, צוגעלייגט צו איין אויער, דעם צווייטן. עס גייט! הער אַ מעשה! דאָס מיטנעמען? וואָס דאַרף ער עס? ער האָט אַ זייגער, אַן אינגערסאָל, אָבער ער גייט. פאַרקויפן? ניין! ד אָ ס וועט ער ניט פאַרקויפן. ער'ט . . . אים איז אַזוי געפעלן געוואָרן זיין איינפאַל — דאָס אוועקגעבן דער מרס. רעזניק — אַז ער האָט פאַרשווערעריש געשמייכלט.

אין אָוונט האָט ער אויסגעקעמט די באָרד, אַראָפּגענומען די היטל און זי אָפּגעפּוצט מיטן אַרבל פון פידזשאַק, דעם פידזשאַק גופא האָט ער „אָפּגעבערשטלט" מיט די פינגער, ארויפגעצויגן דעם מאַנטל, האָט ער נאָכאמאָל אַ קעם געטון די באָרד מיט די פינגער, פאַרלאָשן דעם גאַז־ברענער, פאַרזיכטיק פאַרשלאָסן די קעלער־טיר, אַ דריי געטון דאָס הענטל, און זיך איבערצייגט אז די טיר איז גוט פארשלאָסן, האָט ער זיך געלאָזט אויף די טרעפּ ארויף, גיין צו דער מרס. רעזניק.

אָנגעקלאפּט האָט ער אין דער הינטערשטער, דער קיך־טיר און, דערהערט דעם „אריין", האָט ער פּאמעלעך געעפנט די טיר.

דער מרס. רעזניקס איבערשטע אויגן לעדלעך זיינען ווי צוגעבונדן געוואָרן צום שטערן, די מראה אין פּנים האָט זיך געביטן, פון איר גע־עפנטן מויל האָט זיך מיט אַ מין זיפץ אַרויסגעריסן: אה! די אויגן האָבן גענומען פינטלען, די הענט האָבן גענומען קנייטשן דעם פאַרטעך, אַט ווי זי וואָלט זיי געוואָלט גוט אָפּווישן. אויסטריקענען.

— אַ גוט נאָוונט.

— אַ גוט נאָוונט, אַ גוט יאָר. קומט אַריין, וואָס שטייט איר?

זי האָט אים געפירט פון קיך אין עס צימער, פון דאָרט אין פאָדערשטן

צימער, געמאַכט ליכטיק. דאָ האָט שוין עזריאל געגומען פינטלען מיט די אויגן. ער האָט כלומרשט באַטראַכט דעם צימער, דאָס מעבל, אין קאָפּ האָט געדודערט: וואָס זאָגט מען איר? ווי גיט מען דאָס איר?

— געקומען זיך זעגענען, — האָט ער אַרויסגעבראַכט.

— איר פאָרט אַוועק?

— אַוועקפאָרן? וווהין וועל איך פאָרן?

— צום זון.

— כ'האָב צוויי זין, זאָלן זיי מיר געזונט און שטאַרק זיין, אָבער פאָרן צו זיי, זיין ביי זיי . . . איך גיי אַוועק אין מושב זקנים.

— וואָס הייסט? און דאָס הויז?

זיין ביטערער שמייכל איז פאַרלוירן געגאַנגען אין די וואָנצעס, אין דער באָרד אין זיינער, בלויז אין די אויגן האָט זיך געזען אַ פונק פון איראָניע.

— אויס הויז. צוגענומען.

— וואָס מיינט איר?

— אָט ווי איר הערט, צוגענומען. דער מאָרטגעדזש. מאָרגן, אי־בערמאָרגן דאַרף מען עס קומען מיר געבן דעם דרך, גיי איך אַוועק.

— הער אַ מעשה!

— יאָ, אַ שיינע מעשה, — האָט ער פאַטאַקעוועט, און זיין קוק דערביי: זעסטו? און דו האָסט געמיינט איך בין אַ גביר, געוואָלט זיך באַוואָרענען . . . — אָפּגעפינסטערט זעקס יאָר, יאָ, זעקס יאָר, און איצ־טער . . . אפשר בעסער אַזוי. עפּעס גוט צו זיין אַ משרת ביי יענעם? און וואָס האָב איך געהאַט דערפון? קאָפּ ווייטיק. איז, ווען איך בין געלעגן קראַנק, איר געדיינקט דאָך . . . — זיין קוק: דו געדיינקסט, און איך געדיינק, וואָס דו האָסט געטון פאַר מיר — האָב איך איבערגע־טראַכט דעם גאַנצן עסק, איבערגערעדט מיט מיין זון, און אָפּגעמאַכט ביי זיך — האָדיע! און אָט גיי איך אַוועק.

— אָבער ווי גייט מען עס אַוועק אָט אַזוי אָ? מיר ניט דיר ניט אַוועקגעבן אַ הויז, דאָרט ליגט דאָך אַ פאַרמעגן!

זי קען זיך נאָך אַלץ ניט שיידן מיטן פאַרמעגן . . .

— מישטיינס געזאָגט, וואָס איך האָב דאָרטן אַריינגעלייגט, אַרבעט מער ווי וואָס עס איז, האָב איך אַרויסגעשלעפּט אַ פּאָר דאלער, איינגע־צאָלט אין מושב זקנים, אָן געלט נעמען זיי ניט אַריין, און דאָרטן, וואָס דאַרף איך געלט? עסן און טרינקען גיט מען, אַ בעט צום שלאָפן אויך,

וואָס נאָך דאַרף איך? די פּאָר יאָר וואָס מיר איז נאָך באַשערט צו לעבן אויף דער וועלט, כאָטש לעבן ווי אַ מענטש, האָבן מיט וועמען אויסרעדן אַ וואָרט, ניט ווי דאָ, אין אַ קעלער, האָרעווען אויף דער רוח ווייסט וועמען . . .

איר קוק — דאָס ביסטו פאַרקראָכן אין קעלער. ווען דו הערסט זיך צו צו מיר . . . פון מויל איז ארויסגעקומען — אפשר זייט איר גערעכט. איז ווען גייט איר?

— איבערמאָרגן מירצעשעם. שוין אפילו איינגעפּאַקט מיינע זאַכן. קען גיין מאָרגן, אָבער איך האָב אָפּגעלייגט — דינסטיק אַ גוטער טאָג.

— זאָל זיין אין אַ גוטער שעה.

— אַ דאַנק. אַ שיינעם דאַנק אייך. — עזריאל האָט שוין געפינגערט דאָס זייגערל אין דער קאמזויל קעשענקע, ער האָט אָבער נאָך ניט גע־וואַגט דאָס ארויסנעמען. ווי גיט מען דאָס איר? וואָס זאָגט מען איר?

— איז אָט, איינפּאַקנדיק די זאַכן, האָב איך געפונען אָט דאָס אַ . . . ער האָט איר דערלאנגט דאָס זייגערל. זי האָט עס אָנגענומען, געקוקט האָט זי אָבער ניט אויפן זייגערל, נאָר אויף אים. — אַ גוט זייגערל. גאָלד. אמתע גאָלד. טוט אַ קוק. און עס גייט.

זי האָט אַ לייג געטון דאָס זייגערל צום אויער.

— שוין אַ יאָר צוואַנציק אַז איך האָב עס געקויפט, און עס גייט. אַ גוט זייגערל. דאַן באַצאָלט צוויי און צוואַנציק און אַ האַלב דאָלער. האָב איך געטראַכט: וואָס טו איך דערמיט? וואָס דאַרף איך אַ ווייבעריש זייגערל? האָב איך געטראַכט אפשר וועט עס אייך צונוץ קומען.

— איך האָב אַ זייגערל, — האָט זי שטאָלץ־ברוגזלעך אַ זאָג געטון און געמאַכט אַ באַוועגונג אים אָפּצוגעבן דאָס זייגערל.

— און אַז איר האָט אַ זייגערל, איז וואָס? וועט איר האָבן נאָך איינס, וואָס וועט עס אייך אַרן? נעמט עס! איך בעט אייך . . .

זי האָט אַ לייג געטון דאָס זייגערל אויף אַ קליין טישעלע, ווי איינער רעדט: זאָל עס ליגן. עזריאל איז אויפגעריכט געוואָרן — איבערגע־קומען. ער האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, איר באַדאַנקען פאַר איר אַכטונג געבן אויף אים ווען ער איז געווען קראַנק און, דער עיקר, בעטן איר זי זאָל אים מוחל זיין וואָס ער האָט זי באַליידיקט דאַן, ווען ער האָט איר אַ זאָג געטון „עס וועט ניט זיין קיין צווייטע ווייב", אָבער דאָס איז שוין געווען צופיל פאַר אים. ער האָט זיך אויפגעהייבן, אויסגעשטרעקט די האַנט — איז זייט מיר געזונט און . . . דערמאַנט מיך נישט צום שלעכטן . . .

— צום שלעכטן? איר האָט מיר, חלילה, קיין שלעכטס ניט געטון. גייט איר, הייסט עס, איבערמאָרגן? נו, גייט געזונטערהייד און זייט געזונט.

— איר אויך. זייט מיר געזונט. און אַז איר׳ט אמאָל זיין אין יענע מקומות, ס׳איז דאָ ניט ווייט, קומט צו . . . — זיין קוק — וועסט קומען?

— מיר׳ן זען. אפשר. ווער ווייסט? קען זיין איך זאָל אויך אַמאָל מגולגל ווערן אַהין. מ׳קאָן גאָרניט וויסן.

דאָס האָט ער ניט דערוואַרט צו הערן פון איר. ער האָט אַ קוק געטון אויף איר: דיר אויך הפנים ניט אַזוי פריילעך, און אַ זאָג געטון — יאָ, וואָס ס׳וועט ברייגגען דער מאָרגן איז פאַרן מענטשן פאַרבאָרגן. — צו־געגעבן אַ לעצטן זייט געזונט און ארויסגעגאנגען דורך דער פאָדערשטער טיר.

צוריק ביי זיך אין קעלער, האָט עזריאל ארונטערגענומען דעם מאַנטל, צוויי פינגער זיינען ארייגעקראָכן אין קאמזויל קעשענע, געטאַפּט דאָס זייגערל וואָס איז פון דאָרט אַרויסגענומען געוואָרן, דאן האָבן די פינגער, די האַנט אַ טאַפּ געטון, אַ גלעט געטון די באָרד איין מאָל, צוויי מאָל . . . גוט וואָס ער האָט איר געגעבן דאָס זייגערל. ער האָט איר באדארפט עפּעס געבן, דאָס זייגערל איז אָבער געווען ניט נאָר אַ מתנה, דאָס האָט ער זיך איבערגעבעטן מיט איר, מיט דער מרס. רעזניק, און דאָס זייגערל איז זיינס און זלאַטעס, ניט נאָר האָט ער זיך איבערגעבעטן מיט חיהן, ער האָט שלום געמאַכט צווישן איר און זלאַטען. זלאַטע . . . חיה . . . זלאטע . . .

דאָס גאַז פלעמל האָט זיך געטוקט, די שאָטנס אין קעלער האָבן זיך געקוילערט, געוויגט. פאַרשטעלנדיק די באָרד מיט דער האַנט, האָט ער פאַררויכערט ביים גאַז פלעמל און, ארויסלאָזנדיק דעם רויך, האָט ער נאָכגעקוקט ווי דער רויך האָט זיך געקנוילט, געדרייט. זלאַטע . . . חיה . . . זלאטע . . .

— מ׳נא, גיין שלאָפן, — האָט ער אַ זאָג געטון אין דער הויך. ער האָט פאַרשטיקט דעם ציגאַרעט און דער רויך האָט זיך מער ניט גע־קנוילט, ער האָט פאַרדרייט דאָס גאַז רערל, און די שאָטנס זיינען מער ניט געשפּרונגען. שלאָפן!

אינדערפרי האָט ער גערדיינקט אַז אים האָט זיך ע פּ ע ס געחלומט, אָבער גענוי וואָס האָט ער ניט געדיינקט. אַ פאַרפּלאָנטערטער חלום . . . מאלע וואָס אַ מענטשן חלומט זיך, האָט ער מבטל געמאכט דעם גאַנצן עסק פון חלומען, ער האָט זיך אָבער געפילט ווי אַ נעכטיקער. ניט גע־

שלאָפֿן גוט, אָבער וואָס ? נאָך איין נאַכט. דאָרטן, אין מושב זקנים, וועט ער האָבן גענוג צייט צו שלאָפֿן, און נאָכדעם, לעבן זלאַטן . . . מ׳דאַרף בעסער נעמען איינפּאַקן טאַקע אויף אַן אמתן.

(7)

דינסטיק גאַנץ פֿרי איז געקומען דער מעבל הענדלער, צוגענומען דעם אויוון אויף וועלכן זלאַטע האָט געקאָכט אַ יאָר צוואַנציק, די בעט אין וועלכער עזריאל איז געשלאָפֿן אַ יאָר דרייסיק, דאָס איינציקע ביינקל וואָס איז געבליבן, און גלייך נאָכדעם ווי דער מעבל הענדלער האָט צו־גענומען די זאַכן האָט עזריאל ארויפגעצויגן זיין מאַנטל, אַ דריי געטון דעם קאָפּ, באַטראַכט דעם קעלער, האָט אַ גלעט געטון די באָרד, אַ נעם געטון דאָס קינדעריש וויגעלע מיט זיינע זאַכן, איינגעפּאַקט און פֿאַרבונדן מיט אַזוי פֿיל שטריק אַז מ׳האָט קיין זאַך אויסער שטריק ניט געזען, און עס אַרויפגעשלעפּט אויף די טרעפּ פֿון קעלער, אויף דער גאַס.

אויפֿן טראָטואַר האָט עזריאל אַ דריי געטון דעם קאָפּ אין ד ע ר זייט, יענער, זעט עמיצער ? בלויז מיט אַ פּאָר שכנים, די עלטערע, האָט ער זיך געזעגנט, די אַנדערע האָט ער אפֿילו ניט געלאָזט וויסן אַז ער גייט אַוועק. זיי גיין דערציילן מעשׂות ? שוין אַליין זיך דערוויסן. קוקן זיי נאָך ? ער האָט געמעגט שווערן ער האָט געזען די מרס. רעזניק ביים פֿענסטער. מע . . . וועמען אַרט עס ? זאָלן מענטשן קוקן . . .

מענטשן האָבן געזען אַן אַלטער ייד מיט אַ ברייטער ווייסער באָרד שטופּט אַ מאָדנע קינדער וויגעלע אָנגעפּאַקט מיט זאַכן, פֿאַרשטריקע־וועט, ווער עס האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ און ווער דאָס אויך ניט, בלויז איינער, רב גדליה, אַ באַקאַנטער פֿון שול, איז אָנגעגאַנגען אנטקעגן, זיך אָפּגעשטעלט. — וווהין גייט איר עס ?

— אַהיים !

— אַהיים ! איר וווינט דאָך אָן דאָרט אָ !

— האָב געוווינט. אַ היפּשע פּאָר יאָר דאָרט אָ פּ ג ע ו ו י י נ ט ,

— האָט עזריאל אַקצענטירט דאָס וואָרט.

— וואָס זשע ?

— גאָרניט. געוועזן מיין הויז. צוגענומען. אָט דאָס וואָס איר זעט,

— האָט ער אָנגעוויזן אויפֿן וויגעלע, — דאָס איז מיין גאַנץ פֿאַרמעגן.

— זייט איר דאָך אַ ייד אַ גביר, — האָט גדליה גוטמוטיק געשפּאַסט.

— אַזאַ גבירהשאַפֿט אויף ראַקעפּעלערן געזאָגט געוואָרן.

— און וואָס מיינט איר ראקעפעלער? — האָט רב גדליה אַ צופּ געטון זיין שיטער גרוי בערדל, — ער, דיינקט איר, האָט מער אָפּגעשפּאָרט? אַ מענטש ווערט געבוירן נאַקעט און מ׳איז אים מקבר אין תכריכים, מיינט עס אַז דעם גאנצן לעבן האָרעוועט מען אויף תכריכים. אפשר ניט אַזוי?

— יאָ, דאָס איז אויך אמת.

— איז וווהין זשע קלייבט איר זיך עס?

— איך קלייב זיך. סוף כל סוף זיך אַרויסקלייבן אַהין . . . דערווייל גיי איך אין מושב זקנים.

— נו, גייט געזונטערהייד און זייט דאָרטן געזונט, און אַז איר׳ט זיך אַמאָל ארויסכאַפּן פון דאָרט קומט אריין צו אונדז אין שול.

— איר אויך, אויב איך וועט אויסקומען זיין אין יענע מקומות, קומט אַריין.

— אם ירצה השם. אַ גוטן.

— אַ גוטן.

ביידע זקנים זיינען זיך צעגאַנגען יעדער אין זיין וועג. דער ווינט, אַ קאַלטער, אַן עסיקער איז געווען עזריאלן אין פּנים, אים האָט פאַר־שלאָגן דער אָטעם. ער האָט זיך אומגעקערט מיטן רוקן צום ווינט און דערווייל שוין געכאַפּט נאָכאמאָל אַ קוק צי זעט ער נאָך זיין הויז . . .

עמיצער איז שנעל אָנגעגאַנגען, זיך אָנגעשטויסן אָן עזריאלס וויגעלע און, בורטשענדיק עפּעס, פאַרבייגעגאנגען. דער קלאַפּ אָן וויגעלע האָט דערמאָנט עזריאלן: גיב אַכטונג אויף דיין פאַרמעגן! ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום וויגעלע, די זיבעציק יאָר הינטער אים האָבן זיך אַ רוק געטון, אים געשטופּט פאָרויס: וואָס קוקסטו זיך אום, וואָס? ניטאָ וואָס צו קוקן אויף צוריק. גיי!

עזריאל האָט אָנגענומען דאָס הענטל פון וויגעלע. זיין פאַרמעגן, אָפּגעשפּאָרט אין משך פון אַ לעבן, האָט זיך געבערגלט פאַר זיינע אויגן, דאָס הויז האָט אַ שפּרונג געטון, זיך אַוועקגעשטעלט צווישן אים און וויגעלע, דאָס פאַרשטעלט. עזריאל האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ: ניין, דאָס הויז איז קיינמאָל ניט געווען זיינס, דאָס איז געווען א י ר הויז. אפשר וועט זי לעבט, מיט איר, אַן אייגן ווינקל. אָן איר . . . ער גייט צו איר . . . ער׳ט קומען.

דאָס הויז איז פאַרשוווּנדן, עזריאל האָט ווידער דערזען זיין פאַר־מעגן, אַ טראַכט געטון: דאָס איז אויך צופיל . . . נאָר גאָרניט, שוין ניט ווייט . . . דערשטופּן ווי ס׳ניט איז, און ער האָט אַ שטופּ געטון דאָס וויגעלע אויפן וועג צום מושב זקנים, צו . . .

די פושקע

(וכל מי שעוסקים בצרכי צבור באמונה
הקב״ה ישלם להם שכרם.)

אַ דריי הונדערט־קעפּיקער עולם אין אַ טעאַטער ווו עס האָבן זיך געקענט אויסזעצן אַ טויזנט מענטשן. דריי הונדערט מענטשן זיינען געקומען הערן, אַ גרויסער טייל — זען, דעם „באַרימטן יידישן שריפטשטעלער״ . . . אַ נערוועזער, האָט ער ארומגעשפּאַנט איבער דער בינע און גערעדט, ניין, געשריען, געוויינט. „ . . . און ווען מ׳האָט אַרויסגעטריבן די יידן פון קאָוונע, מ׳האָט זיי געפירט, אָנגעפּאַקט ווי הערינג, אין וואגאָנעס פאַר בהמות, זיינען אַרויסגעקומען יידן פון שטעטלעך דערביי, געוואָלט זיי דערלאנגען ברויט, העגט האָבן זיך געצויגן צו נעמען דאָס ברויט, אָבער איין האַנט, אַן אכזריותדיקע האַנט, האָט ניט דערלאָזט, און הונגעריקע, קראַנקע, האָבן זיי זיך געצויגן ווייטער, ווייטער . . .״

אנטוישט זיינען די צוהערער און פאַרערער פון דעם „גרויסן וועלט באַרימטן יידישן שריפטשטעלער״, ניט דאָס האָבן זיי דערוואַרט, געוואָלט הערן פון אים.

דער גרויסער, וועלט בארימטער יידישער שרייבער האָט ווירקלעך ניט געהאַלטן קיין שיינע, ליטערארישע רעדע. פון זיין מויל האָבן זיך ניט געשאָטן קיין פּערל, אַ געדיכטער שוואַרצער רויך האָט געזעצט פון זיין מויל, ער האָט געמאָלן אַ בילד מיט סאַזשע, אָבער אין דער מיט פון רויך האָבן אויפגעבליצט פונקען און די פונקען האָבן געצונדן הערצער. ביי איינעם האָט גענומען ציטערן די אונטערשטע ליפּ, ביי איינער האָט זיך געריזלט אַ טרער איבער דער באַק און זי האָט, אַ ביסל פאַרשעמט, זי אָפּגעווישט; אַ צווייטער האָט אומפארשעמט געשנייצט די נאָז און אַ דריטע האָט זיך צעוויינט אויפן קול.

דער גרויסער וועלט בארימטער יידישער שרייבער האָט געענדיקט ריידן, האָט דער פאָרזיצער געבעטן געלט פאַר די מלחמה קרבנות און עס איז אַריינגעפאַלן קנאַפּע פינף הונדערט דאלער.

נאָך דער פאַרזאַמלונג זיינען פינף בחורים — דער גרעסטער טייל פונם ציטווייליקן הילפס קאָמיטעט, וואָס האָט פאַררופן די פאַרזאַמלונג — געזעסן אין אַ רעסטאָראַן, יעדער איינער פאַרטיפט . . . אין זיין קאַווע טעפל.

— וואָס אַזוי ארונטערגעלאָזט די נעז?

— אפשר גיין טאַנצן אין די גאַסן?

— אַ דורכפאַל! אַ גראַנדיעזער דורכפאַל. דריי הונדערט מענטשן...

— מילא אַז דער „בארימטער יידישער שרייבער" האָט ניט געוואָלט אַרויפגיין אויף דער בינע, ריידן צו די ליידיקע ביינקלעך, פאַרשטיי איך: דאָס גאַנצע יידישע פאָלק דק"ק קליוולאַנד האָט געדאַרפט קומען . . . אים אָפּגעבן כבוד, דיר גייט דאָך ניט אין כבוד.

— כבוד! ווער רעדט פון כבוד? דאָס געלט וואָס מ'האָט געזאַמלט וועט כאָטש דעקן די הוצאות?

— די הוצאות וועט עס דעקן, נאָך בלייבן אַ פּאָר דאָלער, אָבער דאָס איז ניט וויכטיק, דער עיקר איז — די אַרבעט האָט זיך אָנגעהייבן. דריי הונדערט מענטשן זיינען געווען, האָבן געהערט? דאַרף מען זיי, נאָך הונדערטער רופן, זיי זאָלן ווערן וואָלונטירן, ארויסגיין קלייבן געלט וואָך איין וואָך אויס, אָט ווי מיר האָבן אויסגעפּלאַנעוועט. דו'סט צוזאַמענשטעלן, אָפּדרוקן אַן אויפרוף.

— וואָס עפּעס איך? — האָט לערנער זיך אַ רוגז געטון.

גאַרדאַנס דינע ליפּן האָבן זיך אויסגעקרימט אין אַ שמייכל, — איך, פאַרשטייסטו מיך, האַלט אַ גאַנצן טאָג אַ נאָדל אין האַנט, איז אַ העגטל־פּען פאַר מיר צו שווער; ער, — האָט ער אַ וויז געטון אויף בערנשטיינען, — האַלט אַ גאַנצן טאָג א האַמער אין האַנט, איז פּאַר אים די פען צו גרינג; דו קיצלסט אַ גאַנצן טאָג ציגאַרן, וועסטו אַ קיצל טון די פען. דו'סט עס מאַכן בעסער ווי ווער פון אונדז, פאַרשטייסטו שוין?

אַי דער גאַרדאַן. ניט נאָר באַלעבאַטעוועט ער, נאָר ער מאַכט עס נאָך מיט אַ שמייכל, אַ שפּילקע, אַ נאָדל . . . אָבער גערעכט איז ער.

— גוט, איכ'ל אָנשרייבן.

אויף די לאַנגע פאַרביינקטע שליאַכן פון אוקראַינע איז לערנער געווען, אויף די ליטווישע זאַמדיקע וועגן, אויף די פּוילישע שפּעדיקע פעלדער. ער האָט געזען יידן איינגעפּאַקט אין וואַגאָנעס, אָבער קיין לאָקאָמאָטיוו; אַ רייע וואַגאָנעס ציען זיך, ציען זיך פּאַמעלעך, קעפּ סטאַרטשען ארויס, פיבערישע אויגן קוקן, טרוקענע ליפּן מורמלען, אָבער

קיין קלאַנג הערט מען ניט ; אַן אומענדלעכע שורה וואגאָנעס וואָס ציען זיך איבער פאַרכישופטע רעלסן צו וועלכע מ׳קען ניט צוטרעטן, צוגיין נאָענט. באַלד פאַרלירן זיך די וואגאָנעס, די רעלסן. ברייטע לאנגע וועגן, וואָס ציען זיך מ׳ווייסט ניט פון וואַנען און וווהין, איבער די וועגן גייען יידן מיט ספר תורות, קלומקעס, פעקלעך, יידענעס מיט שאַלן, פאַטשיילעס, קינדער, זויג קינדער. אָט טראָגט מען אַ קראַנקן יידן, אַ קימפעטאָרן, אַ מת . . . די נאַכט פאַלט צו, שטעלט אָפּ די אלע יידן אינמיטן וועג, מיט אַמאָל רייסט זיך אַריין אַ מחנה סאָלדאטן מיט פערד און שווערד, מ׳שניידט רעכטס און לינקס, מ׳טרעט, טאָפּטשעט מענטשן, אַ מענטש־לעכער יאָמער, און שאַ שטיל, די שטילקייט פון טויט. דאַן שטעטלעך, דערפער, גויים מיט העק און לאָמעס ברעכן טירן, לאָדן, פענסטער, אָט איז דער שכן ניטשיפאר יאקימטשוק מיט זיין שייגעץ כוועדקא, זיי רייסן זיך אַריין צו טאַטע מאַמע אין שטוב, דער טאטע, די מאמע, די שוועס־טער . . . לערנער האָט דאָס אַלץ געזען און אלץ האָט ער געוואָלט ארויפברייגנען אויף פּאַפּיר, יעדער וואָרט אַ שוואָם אָנגעזאפּט מיט ווייטיק, אויף יעדן אות אַ בלישטש פון אַ טרער. „אונדזערע טאטעס, מאמעס דערמאָרדעט, אונדזערע ברידער געקוילעט, אונדזערע שוועסטער גע־שענדעט״. די לעצטע צוויי ווערטער האָט ער אויסגעמעקט. דאָס . . . דאָס דאַרף מען ניט, דאָ זאַכן וואָס מ׳טאָר ניט דערמאָנען אפילו. אי־בערשרייבן !

ניט נאָר האָט לערנער אָנגעשריבן דעם אויפרוף, ער האָט אים אָפּגעדרוקט אין דער לאָקאַלער יידישער צייטונג און אויך ווי אַ צירקולאַר. דעם צירקולאַר האָט ער אַליין פאַרטיילט. איז פאַרבייגעגאַנגען אַ ייד, אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך דעם בלעטעל, האָט עס אים לערנער דער־לאַנגט מיט אַ דאַנקבאַרן שמייכל ; האָט אַ יונגערמאַן בייז אַ שאַר געטון מיט דער האַנט, ער וויל ניט, הייסט עס, דאָס בלעטל, איז לערנער געווען מלא חימה אויף דעם „גראָבן יונג״ ; האָט איינער גענומען דאָס בלעטל, אַ בליק געטון און אַוועקגעוואָרפן, האָט לערנער זיך אַ לאָז געטון נאָך דעם, עס אויפגעהייבן ווי אַ שיימע, קיין קוש געטון די שיימע האָט ער ניט, ער האָט זי אָבער געגעבן אַן אַנדער יידן, אַ בלעטל — אַ מענטש. אַי, ווען אָט די אַלע מענטשן זאָלן קומען ! ער האָט די צירקולאַרן אויך אַרויסגעשיקט אויף אַדרעסן, וואָס גארדאן האָט אים צוגעשטעלט, דערצו האָט ער טעלעפאָנירט, גערופן ווו נאָר אַ באקאנטן, ער אָדער זי זאָל קומען דעם זונטיק, אַרויסגיין קלייבן געלט. וועלן זיי קומען ?

זיי זיינען געקומען, איינציקווייז און אין צווייען, יונגע און עלטערע, דער זייגער האָט נאָך קיין ניין ניט געוויזן און זיי זיינען שוין געווען, אויסגעפּוצטע, גרייט צו גיין קלאַפּן אין די טירן, וועקן, העלפן. די באַקאַנטע, וואָס האָבן אים צוגעזאָגט און זיינען געקומען האָט ער אויפגענומען ווי זיינע פּערזענלעכע געסט און זיי מכבד געווען מיט . . . אַ גוטער גאַס, אַזאַ וואָס דאַרף אַריינברענגען לכל הפּחות צען דאָלער. פרעמדע האָט ער אויפגענומען ווי אַ פריינטלעכער מכניס אורח, באַקענט אַ בחור מיט אַ מיידל, האָט מזווג געווען זיווגים און אַרויסגעשיקט די פּאָרלעך. דערווייל איז ער געווען דער „אָפּיצער", אָבער ער האָט באַהאַלטן פאַר זיך אויך אַ גאַס, זאָל נאָר גאָרדאָן קומען פאַרנעמען זיין אָרט. קומט גאָרדאַן, גיט ער איבער די „שטאָט מאַפּע", דאָס צעטל ווו וועמען ער האָט אַרויסגעשיקט, און ער לאָזט זיך אַליין אַרויס קלאַפּן אין די טירן.

אַ שווערע, איינגעמאַרינירטע נאַכט לופט האָט אַ זעץ געטון לערנערן אין נאָז ביי דער ערשטער עטוואָס געעפנטער טיר. אַ מאַן אין שטעקשיך, די שלייקעס אַרונטערגעלאָזט, איין האַלבער פּנים אָנגעזייפט, האָט ברוגז אָנגעקוקט דעם פריען גאַסט. אויסגעהערט שווייגנדיק וואָס דער „גאַסט" וויל, האָט ער שווייגנדיק דערלאַנגט צען סענט, צוגענומען די קבלה און געוואָלט פאַרמאַכן די טיר. גאָרדאַן האָט ניט געלאָזט, ער וויל דעם נאָמען, ער'ט קומען איבעראַכטאָג, איבערצווייוואָכן . . .

— איר'ט קומען איבעראַכטאָג וועל איך אייך ווידער געבן, נאַדיר גאָר נעמען פאַרשרייבן!

— מענטש איינער! וואָס האָט איר מורא? איך וועל . . .

די טיר האָט זיך פאַרהאַקט, איבערגעהאַקט דעם זאַץ. אָט האָסטו דיר! מ'נא, ער'ט זיך שוין ניט אויסדרייען, דער ייד, דעם נאָמען וועט ער אויסגעפינען אויפן בריוו־קעסטל אָדער ביים שכן. דער שכן, אַ פרוי פון אַ יאָר פופציק, דאַר, אַז ווען ניט די הויט וואָלטן זיך די ביינער צעשאָטן, דער פּנים ערנסט, אָבער ניט בייז, אָרים אָבער טשעפּקע אָנגעטון, האָט אים אַריינגערופן אין שטוב. זי ווייסט, זי ווייסט וואָס ער וויל, זאָל ער אַזוי גוט זיין זיך צוזעצן אַ מינוט, זי'ט באַלד אַריינקומען. לערנער האָט גענומען באַטראַכטן דעם צימער. וואָס פאַר אַ אָרימקייט, און ס'אַרא זויבערקייט! די פענסטער אָן פאָרהאַנגען, אָבער ריין — שפּיגלען ממש, דער דיל . . . טריט האָבן זיך דערהערט . . .

— האָט קיין פאַראיבל ניט וואָס איך האָב אייך געלאָזט וואַרטן. גראַדע ניט געהאַט ביי זיך קיין קליינגעלט. דאָ האָט איר עס. מער קען

איך ניט. אַ קבלה? וואָס דאַרף איך עס? איר מוזט עס געבן? מהיכא תיתי. קומענדיקן זונטיק? קען זיין איך זאָל ניט זיין אין דערהיים, וועל איך איבערלאָזן ביי דער שכנה, מרס. דובין. מיין נאָמען איז . . .

אַ טייער פאָלק, דאָס יידישע פאָלק, רחמנים בני רחמנים, האָט אַנטליען פינף סענט, האָט געגעבן און וועט געבן. אַלע וועלן געבן.

— וואַ־ס זאַגען זי? — פון דעם אויסגעצויגענעם „וואַ־ס", פון דעם ניגון האָט לערנער פאַרשטאַנען — אַ אונגאַרישע יידענע. דייטש־מעריש ווי נאָר מעגלעך האָט ער איר דערקלערט וואָס ער וויל, גערעדט אפשר אַ צוויי מינוט. די פרוי האָט אים אויסגעהערט, קורץ געענטפערט: וויר גיבן אין טעמפל, און פאַרמאַכט די טיר. די מיינונג וועגן דעם יידישן פאָלק האָט ביי לערנערן זיך עטוואָס געביטן. עולים ויורדים, לערנער איז געלאָפן אויף און אַרונטער טרעפּ, זיין מיינונג וועגן יידישן פאָלק — קוועקזילבער אין אַ טערמאָמעטער, האָט זיך געהייבן און געפאַלן. אַ ייד אַ באַגרעבער זאָל זיך ממש וואַרפן שלאָגן, ניט וועלן געבן אַ ניקל! באַיקאָטירן אים דאַרף מען! דער אַפּטייקער האָט יאָ געגעבן, און טאַקע פינף און צוואַנציק סענט, און אַ צוזאָג אויף יעדער וואָך, אָט דאָס איז אַ ייד! די גאַנצע גאַס האָט ער אויסגעקלאפּט, ניט דורכגעלאָזט אַ טיר, איצט וועט ער שוין אויף דער גאַס קענען שיקן וועמען ס'ניט איז, אַלץ פאַרצייכנט. איבעראַכטאָג וועט ער „איינברעכן" אַ נייע גאַס, איצט דאַרף מען גיין, אונטערציען דעם סך הכל.

דעם ערשטן זונטיק האָט מען אַריינגענומען קנאַפּע דריי הונדערט דאלער. נישט שלעכט. צוויי און פופציק זונטיקס, דאָס מיינט אַריבער פופצן טויזנט דאלער, און הוצאות כמעט ווי גאָרניט. קיין דירה געלט קאָסט ניט, דער לייבאָר לייסעאום גיט דעם צימער אומזיסט, די חשבונות פירט ער און, פאַרשטייט זיך, ער נעמט ניט אַ סענט דערפאַר, פון די וואלונטירן איז דאָך אָפּגערעדט, בלייבט בלויז די קאַרטלעך, די אָרימ־בענדער — אַ קלייניקייט. אַ . . . גוט גייענדיק געשעפט . . .

איבעראַכטאָג זונטיק האָט גערעגנט. אויפגעכאַפּט זיך פון שלאָף, דערזען די בלייענע שנירלעך וואָס האָבן זיך געצויגן פונם קויטיק־גרויען הימל, האָט לערנער אַ טראַכט געטון: פאַרפאַלן דער זונטיק. עך, רבונו של עולם! שוין קיין אַנדער צייט ניט געהאַט צו שיקן אַ רעגן? פול מיט תרעומות איז ער אויפן רבונו של עולם און, אים אויף צו להכעיס, וועט ער דוקא גיין, בדאי אין רעגן.

לערנער איז ניט געווען דער איינציקער. עס זיינען געקומען נאָך בחורים און מיידלעך, אַ ביסל פאַרשפּעטיקט, אָבער געקומען.

— נו, טשערנין, אויף וואָס וואַרט איר? עס זעט זיך ניט דער רעגן זאָל אויפהערן.

— איך וואַרט אויף אַ רעגנשירם, — ענטפערט טשערנין מיט אַ שמייכל.

אַ מיידל מיט אַ רעגנשירם איז אַריינגעקומען, זי האָט אים פאַרמאַכט פּאַמעלעך, זיך אַרומגעקוקט.

— דאָ האָט איר אייער רעגנשירם, טשערנין, איר׳ט גיין אויף . . .

— דאָס איז ניט מ י י ן רעגנשירם, — ענטפערט טשערנין, — איכ׳ל נאָך וואַרטן אַ ביסל.

לערנער האָט אַ קוק געטון אויף טשערנינען, אויף דער מיידל, האָט זיך דערמאָנט מיט וועמען טשערנין איז געגאַנגען פאָריקן זונטיק און ער האָט שוין פאַרשטאַנען אויף וועלכן רעגנשירם טשערנין וואַרט. אַזוי אַזוי, מצוה ושכרה בצידה, אָבער וואָס קען ער טון, ער איז דאָך אַ מענטש מן הצד . . . טשערנין האָט זיך דערוואַרט אויף זיין רעגנשירם . . . און איז אַוועקגעגאַנגען מיט איר.

וואָס ווייטער אַ זונטיק אַלץ מער וואַרטנדיקע זיינען געזעסן, ער האָט געוואַרט אויף איר, זי האָט געוואַרט אויף אים, ער און זי, זי און ער, עס האָט ניט לאַנג גענומען און לערנער האָט גענומען קריגן פאַר־בעטונגען אויף תנאים. — מלחמה קרבנות, — האָט לערנער זיי גערופן, און אַזוי ווי ער איז אין אַ סך פאַלן געווען דער שדכן, ער האָט דער ערשטער פאָרגעשטעלט איינעם פאַר דער צווייטער, האָט ער געמאָנט שדכנות געלט, ביי יעדער קנסמאל האָט מען געמאַכט אַ זאַמלונג „פאַר די ברידער און שוועסטער אויף יענער זייט ים". דאָס פּדיון געלט האָט כלומרשט רייכער געמאַכט די קאַסע, האָט אָבער פאַראָרימט דעם „שטאַב"; נאָך די תנאים איז שוין זעלטן ווער געגאַנגען קלייבן געלט.

זונטיק איין זונטיק אויס, און די צאָל גייער זיינען געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער. פאַריתומט זיינען געבליבן די קאַרטלעך אויפן טיש, לערנער האָט געקוקט אויף זיי, גערעכנט וויפל געלט עס גייט פאַרלאָרן בלויז דערפאַר ווייל יידישע יונגע לייט און מיידלעך פוילן זיך אויפשטיין זונטיקס אַ ביסל פריער, ווילן ניט אַוועקגעבן אַ שעה. איין שעה! ער האָט געשריבן בריוו, געמינטערט, גערופן, ער האָט אָבער געזען אַז זיין „העלפט אייערע ברידער און שוועסטער אויף יענער זייט ים", וואָס האָט

פריער געוועקט אַ סטרונע, האָט איצט ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג, ווערטער, ווי ברויט, ווערן אַלט געבאַקן, קיינער, סיידן דער גאָר הונגעריקער, וויל זיי אין מויל ניט נעמען, און ער, די אַנדערע קאָמיטעט מענטשן, האָבן זיך געבראָכן די קעפּ, ווו נעמט מען אַ פריש וואָרט, אַ וואָרט, וואָס זאָל אויפוועקן, אויפרודערן . . .

פון אַ ווינקל, אומגעריכט, איז דאָס וואָרט געקומען.

(2)

Dער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט געהייסן. ער האָט געזאָגט, און אַ וואָכעדיקער דאָנערשטיק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יידישן „יום טוב", דער „יידישער טאָג". מאַן און פרוי, יונג און אַלט האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייער טעגלעכער אַרבעט און געקומען אַרבעטן פאַר די ברידער און שוועסטער אויף יענער זייט ים, אפילו קינדער זיינען געקומען. אויסגעפּוצט מיט ארמבענדער, באוואָפנט מיט פּושקעס, האָט די יידישע אַרמיי זיך אַרויסגעלאָזט אין גאַס.

לערנער איז אין גאַס ניט געגאַנגען. אַ גענעראַל גייט ניט אויפן שלאַכטפעלד. נהירין ליה שבילי דעירא, ער קען יעדע גאַס, ווייסט וועלכער ראָג איז אַ גוטער, וועלכער איז אַ שלעכטער, ווו מ'מוז האָבן אַ שיינע מיידל, און ווו מ'קען אַוועקשטעלן אַ סימפּאַטישע . . . און ער שיקט כל העורב למיניהו. ער האָט אויך עקס־טעריטאָריאלע סאָלדאַטן, איינער פון זיי איז דינציע וויינבערג.

זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַ שותף, — איך אַליין באַשטיי פאַר צווייען. — איר אויסזען האָט באַשטעטיקט אירע רייד. הויך, אַ מאַסיווער קאָפּ, אַ געוויקסיקע נאָז איבער אַ גרויס מויל, אויסגעפּראַצעוועטע הענט, געזונטע שווער טרעטנדיקע פיס, האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ חצי זכר — ברײנדעלע קאָזאַק. זי האָט אויך ניט געוואָלט קיין טעריטאָריע. — שוין געפינען ווו צו גיין, — האָט זי אַ זאָג געטון מיט איר הילכיקער שטימע, — מיט ליידיקן וועל איך ניט קומען. — כך הוה, אין קנאַפּע דריי שעה איז זי צוריקגעקומען מיט אַ פולער פּושקע קליינגעלט, צוויי און דרייסיק דאָלער מיט פינף און זעכציק סענט.

דער אַלטער ראָזענבערג, וועלכער איז געקומען באַגלייך מיט די ערשטע וואלונטירן, האָט דערלייגט פינף און דרייסיק סענט: זאָל זיין ריכטיק ל"ג. דאָס איז געווען זיין עובדא — גלייך מאַכן דעם חשבון פון יעדער פּושקע, פדיון געלט פאַר זיין ניט גיין קלייבן געלט.

— גיט מיר אַ נייע פּושקע.

— אָה, איר גייט ווידער ?

— נו, ווי דען ? ביי מיר אַ טאָג אַרבעט איז אַ טאָג אַרבעט. איך דאַרף אַריינברייגנען הונדערט דאלער.

— רוט זיך אָפּ אַ ביסל.

— זיך אָפּרוען ביים איבערבייסן. נאָך צוועלף מוז איך זיין ביי דער אַרבעט ; ווען מענטשן גייען אַרויס פון די רעסטאָראַנען, סאלונס, דעמלט איז די בעסטע צייט.

דינציע ווייבערג איז אַרויסגעגאַנגען. לערנער האָט איר נאָכגעקוקט, געטראַכט : ווי טוט זי דאָס ? ווו נעמט זי דאָס די אַלע פינף און צען סענטיקע ? אַזוי פיל מענטשן ! הונדערט דאלער מוז זי אַריינברייגנען, זי׳ט עס אַריינברייגנען אויך, אָבער פון וואַנען די אַמביציע . . . ? זיין די ערשטע אויפן צעטל ? ניין. „ביי מיר אַ טאָג אַרבעט איז אַ טאָג אַרבעט״. פשוט, אַ טאָג אַרבעט. גיט זי דאָס דעם טאָג ווייל דער פּרעזידענט האָט געהייסן ? דער פּרעזידענט האָט טאַקע פּראָקלאַמירט דעם טאָג, געלט גיבן אויך ניט יידן, די זאַמלער — קיין איינער אַ ניט יידישער, דינציע ווייבערג — אַ יידישע טאָכטער. ד אָ ס איז עס.

דינציע ווייבערג איז ניט די איינציקע. אָט איז אַריינגעקומען אסתר שוואַרץ מיט איר פּושקע. אַריינגעקומען ? קליין געוואקסן, מיט צוויי לאַנגע צעפּ, וואָס האָבן זיך געוויגט ביי איר יעדן טראָט, האָט זי ממש אַריינגעטענצלט אין צימער, אַ מיידעלע, אַ קינד, וואָס איז נאָר וואָס אַריינגעקומען פון שפּילן זיך אין דרויסן. די גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן אָבער געמסרט : שוין גאָרניט קיין קינד ! מער ווי איינער פון די בייזיצער, וואָס האָט צעעפנט די אויגן ביי איר אַריינקומען, האָט זיי געמוזט אַרונטערלאָזן ביים אָנטרעפן זיך מיט איר קוק. מיט איר טענצלדיקן טראָט איז זי צוגעגאַנגען צום טיש, אַ שטעל געטון די פּושקע. — דאָ האָט איר עס ! ציילט איבער, איך וויל וויסן וויפל איז דאָרט. — דאָס האָט זי געזאָגט צו לערנערן בלשון „איר״ און אין ענגליש, בעת אונטער פיר אויגן האָט זי גערעדט מיט אים פּער „דו״, אויף יידיש, אָדער גאָר אָן ווערטער . . .

לערנער האָט אויפגעשניטן די פּושקע. דאָס מינץ פון דאָרט האָט אַרויסגעשטופּט היפשע עטלעכע געלט פּאַפּירלעך, צווישן זיי איינס אַ פינפערל. דאָס פינפערל, אַ געוויינלעך צעקנייטשט געלט פּאַפּירל, איז מיט אַמאָל געוואָרן עפּעס אַן אויסטערלישע מטבע פון אַ פרעמד לאַנד,

יעדער איינער פון די בייזיצער האָט עס געוואָלט אָנקוקן, אַ טאַפּ טון, און איינער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן: ווי האָט איר עס געקראָגן אָט דאָס אָ? און טאַקע, קיין אויסגאַב האָט זי דאָך ניט געקענט געבן, זאָל עס מיינען אַז איינער האָט געגעבן אַ גאַנץ פינפערל? טאַקע נאָר א י ר קען מען געבן אַזאַ מטבע, און אפילו אי ר, ע פּ ע ס מוז דאָ זיין. איר שמייכלען, איר פאַררויטלען זיך, האָט נאָך פאַרשטאַרקט די השערה אַז עפּעס איז דאָ, און עטלעכע זיינען שוין צוגעשטאַנען: דערציילט! דערציילט! אַרויס מיט לשון! אָפּגעקוויינקלט זיך, האָט אסתר גענומען דערציילן:

— איך שטיי אַזוי אויף ניינטער און יוקליד, ערשט אַ פראַנט אַ בחור קומט אָן, אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, די הויזן אויסגע־פּרעסט צום שאַרף פון אַ מעסער, די שיך גלאַנצן כאָטש שפּיגל זיך אין זיי, אַ טיכעלע אין דער אויבערשטער קעשענע, די הערעלעך אויס־געלייגט, ממש צוגעקלעפּט, דאָס נעזל פאַררים און די זשוליקעוואַטע אויגן לאָזן ניט דורך קיין איין מיידל. ער האָט מיך דערזען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט: וואָס אַזוינס פאַרקויף איך? — איך פאַרקויף גאָרניט, — וויז איך אים אָן אויף מיין אַרמבאַנד, טראָג אים אונטער די פּושקע. — איר האָט מסתם געלייענט דעם פּרעזידענטס פּראָקלאַמאַציע . . . יידן טאָג . . . אָה, יאָ, ער ווייסט, אודאי ווייסט ער, און ער׳ט מיר געבן . . . אַ דאָלער, נאָר איך זאָל אים געבן אַ קוש. טו איך אַזוי גוט אַ קוק אויף אים און זאָג אים: יונגערמאַן! איך האָב אייך פריער געזאָגט אַז איך פאַרקויף גאָרניט, קיין קושן אודאי ניט, איר ווילט עפּעס געבן, גיט, ניט, איז . . . הייבט ער זיך אָן אַנטשולדיקן אַז ער האָט גאָרניט געמיינט קויפן, ער קויפט ניט זיינע קושן, דאָס קריגט ער אומזיסט, ער האָט פּשוט געמיינט . . . מע־בע, אַ ספּאָרט אַזאַ. זאָג איך אים, אַז אויב אפילו ספּאָרט, איז ער אַ ב י ל י ק ע ר ספּאָרט. דאָ איז מיין בחור שוין געוואָרן אויפגעקאָכט: ע ר אַ ביליקער ספּאָרט! דאָס האָט נאָך קיינער וועגן אים קיינמאָל ניט געזאָגט, און כדי צו באַווייזן אַז דאָס האָב איך אויס־געטראַכט אַ בלבול אויף אים, גיט ער מיר גלייך דאָ אַ פינפערל, אָט דאָס אָ, זעט זי? און ער גיט עס איר ניט אין האַנט אַריין, ער לייגט עס גלייך אַריין אין דער פּושקע, פאַר די מלחמה ליידנדיקע, ער ליידט אָבער אויך, ער חלשט אַ קוש, ער העלפט יענע, מוז זי אים העלפן, אים געבן אַ קוש. בטל איך אויס אויף אים אַלע מיינע בייזע חלומות. משוגע איז ער? אָט דאָ אָ, אינמיטן גאַס, זיך שטעלן קושן? אודאי איז ער משוגע. איך האָב

אים משוגע געמאַכט. און ווי ער רעדט אַזוי, טוט ער אַ כאַפּ די פּושקע, טוט אַ שפּאַר אַריין דאָס פינפערל. — איצטער — מאַכט ער — ביסטו ביי מיר אין די הענט. ווילסט די פּושקע? אַ קליינינקן, אַ פּיצעלע, בריקעלע קוש, אָט דאָ אָ, אין באַק, און ווי לאַנג ער איז, בויגט ער זיך אָן און טיקעט מיטן פינגער. מענטשן האָבן זיך שוין גענומען אומקוקן, האָב איך אים אַ קוש געטון. אַ קוש, אַ פּיק אין באַק, אַ בינע קוש, ערשט ער כאַפּט מיך אַרום, דערלאַנגט מיר אַ קוש, אָבער אַזוי, אַ ריכטיקן. „דזשי! יו אַר סוויט!" דערלאַנגט מיר די פּושקע, צעלאַכט זיך און גייט אַוועק. נו, פרעג איך אייך, ניט משוגע?

קיינער האָט ניט געענטפערט צי דער בחור איז געווען משוגע, אַ פּאָר האָבן זיך צעלאַכט, אייניקע האָבן געשמייכלט, לערנער, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו דער געשיכטע מיט די אויגן מער ווי מיט די אויערן, האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן, גענומען אויף גיך ציילן דאָס געלט. אסתר האָט עס באַמערקט. אַ ברוגזע האָט זי אַ פרעג געטון: וויפל?

— דאָ איז אייער קבלה, — האָט לערנער אַ ריס געטון דאָס קוויטל, אַ שאַר געטון אויפן טיש, ניט אַ קוק טוענדיק אויף איר. זי האָט זיך צוגעבויגן כלומרשט נעמען די קבלה, אים אַריינגעשיפּעט אין אויער — ביסט אַ לעקיש! — אַ קנייטש געטון דאָס פּאַפּירל און מיט דראָבנע גיכע טריט פאַרלאָזט דעם צימער.

— וויפל האָט זי אַריינגעבראַכט? — האָט איינער פון די ביזיצער אַ פרעג געטון.

— צוויי און זעכציק דאָלער, — האָט לערנער טרוקן, געשעפטמעסיק געענטפערט און זיין האַנט האָט זיך שוין געצויגן צו אַ צווייטער פּושקע.

ער האָט געציילט מערסטנס מינץ — ניקלס, דאַימס, קוואָטערס און האַלבע דאָלערס, גאַנץ אָפט אויך פּאַפּירלעך, איינצלנע דאָלערס, אסתרס פינפערל — אַ מוראַשקע, וואָס איז אַרומגעלאָפן ערגעץ אויף דער פליצע און ער האָט זי באין אופן ניט געקענט אַרונטערשאַרן, ערשט שפּעט אין אָוונט, ווען דינציע וויינבערג איז אַריינגעקומען מיט דער דריטער, לעצ־טער פּושקע, איז ער ווי עס איז פּטור געוואָרן פון דער מוראשקע. דינציע האָט זיך ניט אַוועקגעזעצט, נאָר ממש אַוועקגעפאַלן אויפן ביינקל.

— מיד? — האָט ער ברידערלעך אַ פרעג געטון.

— ניט אַזוי מיד, נאָר . . . מיין האַנט . . . איר ברייטע, גרויסע האַנט, וואָס האָט ביז אַהער גערוט אויף איר שויס, איז קוים אַרויפגע־קראָכן אויפן טיש, געבליבן ליגן דאָרט אַן אָנגעשוואָלענע.

— וואָס איז געשען? אַ קלאַפּ געטון?

— אַלץ הייסט אַ קלאַפּ געטון. איך האָב געמיינט ער׳ט קלייבן אַלע זיינע ציין. אַזאַ . . .

— ווער? וואָס? דערציילט! דערציילט!

— געשטאַנען אַזוי,ביים סאַלון דאָרט, אויף סופּיריאָר עוועניו און געטון גוטע געשעפטן. פון די מיטלמעסיקע סאַלונס, ניט פאַר צו אָרימע, ניט פאַר גאָר רייכע, פונקט ווי אָנגעמאָסטן פאַר מיר. אַן אָרימן דאַרף מען כאַפּן איידער ער גייט אַריין, ווייל נאָכדעם האָט ער שוין ניט וואָס צו געבן. די גאָר רייכע, צו זיי איז דאָך „ניע פּריסטופּי״, מיט די מיטעלע איז דאָס בעסטע: איינגאַנצן פאַרטרינקען, דאָס טוט ער ניט, און אַז ער האָט שוין געהאַט זיינס, אין די פּיס איז אים שוין וואַרים, איז די האַנט אויך אַ וואַרימערע . . . שטיי איך מיר אַזוי, ערשט איינער קומט אַרויס, פּלעכט קוילעטשן מיט די פּיס, קוים וואָס ער האַלט זיך אויף זיי. ער האָט מיך דערזען, גייט ער צו: וואָס איז דאָס? טראָגט איך אים אונטער די פּושקע: נאַ לייען! ער קען ניט לייענען, האָט ניט זיינע ברילן . . . איך זאָל אים זאָגן. זאָג איך אים . . . פאַר די „דזשוס״ קערט ער ניט, אָבער איך געפעל אים אין שלייער, ער׳ט אַריינלייגן אין פּושקע. וויפל? זאָג איך אים: וויפל דו ווילסט, ווילסט פינף דאָלער, וועל איך עס צו־נעמען. לויט זיין אויסזען האָט ער שוין קיין פינפערל ניט פאַרמאָגט, אַ זאָג געטון, אַזוי זיך, ערשט דער פאַרשוין שלעפּט אַרויס פון קעשענע אַ פּאַפּירל, ניט געזען צי ס׳איז אַ פינפערל אָדער אַ דאָלער, רוקט זיך צו צו מיר: דאָ האָסטו דיר דיין געלט, גיב מיר דיין פּושקע! טראָג איך אים אונטער די פּושקע, אַז דער פאַרשוין טוט זי אַ שאַר מיטן האַנט — ניט די פּושקע! קום מיט מיר! איך, נאַרישע מויד, האָב זיך גאָרניט געכאַפּט, ערשט ער נעמט קריכן צו מיר, וויל מיך אָנכאַפּן. האָב איך זיך אַ דריי געטון, געגעבן אַ שטופּ אַריין די פּושקע אין קעשענע און פון דער זייט, אָט אַזוי אָ, אים פאַרפאָרן אין מאָרדע, אַבער טאַקע ווי עס דאַרף צו זיין, מיט אַלע כוחות. געמיינט ער׳ט קלייבן אַלע זיינע ציין. אומגעפאַלן איז ער, ער האָט זיך אָבער גלייך אויפגעהייבן, זיך געלאָזט צו מיר. דאָ האָב איך זיך שוין דערשראָקן, פינסטער איז, האָב איך גענומען שטעלן פּיס, ער נאָך מיר, ערשט אַ פּאָליצמאַן איז אָנגעקומען, איך בין שיר נישט אַרויפגעלאָפן אויף אים. — וואָס פאַר אַ לויפעניש?

— ווייז איך אים: אָט דער אָ לויפט מיר נאָך, טשעפּעט זיך צו מיר. יענער האָט דערזען דעם פּאָליצמאַן, האָט ער גענומען טעלעפּען מיטן

צונג, וויינען ממש: איך האָב אים געשלאָגן! אַ קאָזאַק הנגזל. און דער פּאָליצמאַן פרעגט אים נאָך איבער: זי האָט דיך טאַקע געשלאָגן?

— ניט נאָר האָב איך אים געשלאָגן, אָט דאָ אָ . . . אים שיר ניט אויסגעהאַקט די ציין, נאָר איך האָב אים געוואָלט באַראַבעווען, פינף דאָלער האָט ער אין קעשענע, האָב איך עס געוואָלט ביי אים צונעמען.

— וויפל ציין האָסטו עס נאָך אין מויל? — פרעגט אים דער פּאָליצמאַן.

— זיבעצן, אויב איך האָב זיי ריכטיק געציילט.

— נו, אויב דו ווילסט זיי אַלע ברייגנען אַהיים, טאָ שטעל בעסער פיס, אויב דו קענסט, ווייל אַניט רוף איך דעם וואָגן און דיך איינפּאַקן איבער נאַכט.

— זי האָט מיך געשלאָגן!

— טראָג זיך אָפּ, אָדער . . .

מילא, וואָס פרעגט איר, ער האָט זיך שוין אָפּגעטראָגן. צו מיר מאַכט דער פּאָליצמאַן: — און דו, מיידעלע — שוין געוואָרן אַ מיידעלע ביי אים, — גיי אויך אַהיים. ניט קיין פּלאַץ פאַר דיר דאָ אַזוי שפּעט אין אָוונט. זאָג איך אים: יידן טאָג. דער פּרעזידענט . . . — יאָ יאָ, ער ווייסט, אָבער דער טאָג איז שוין פאַריבער, דו פאָלג מיך, גיי אַהיים.

— „אָ קעי”! — זאָג איך אים, — איכ’ל זיין אַ גוטע מיידל און גיין אַהיים, אָבער זיי דו אַ ווילער בחור און לייג עפּעס אַריין אין פושקע, ביסט מיין לעצטער קונה.

— מיינט איר ער האָט עס ניט געטון? — מיר געפעלט דיין נערוו, — רופט ער זיך אָן, — נאַ, דו האָסטו דיר מיין קוואָטער און גיי אַהיים, עס ווערט שפּעט. — האָב איך זיך מיט אים אָפּגעזעגנט און אַוועקגע־גאַנגען. איצט ציילט איבער, זעט וויפל איז דאָרטן דאָ, דעם פּאָליצמאַנס קוואָטער אַריינגערעכנט.

לערנער האָט אויסגעהערט דינציעס באַריכט, געקוקט אויף איר האַנט, שיר שיר איז ער ניט צוגעפאַלן מיט די ליפּן צו אָט דער האַנט אירער. דאָס האָט ער . . . זיך געשעמט, זיינע פינגער האָבן בלויז לייכט אָנגערירט די שלאָסביינדלעך. — טוט ווי? זעט אויס אָנגעשוואָלן. אירט קומען אַהיים, פאַרעט גוט אויס אין הייסער וואַסער, אפשר גאָר צולייגן אַ קאָמפּרעס, אָדער . . .

— ’ט זיך פאַרהיילן ביז דער חתונה, — האָט דינציע געפּרוווט אַ שמייכל טון, ווען זי האָט אָבער אַ ריר געטון די האַנט, זי אַרונטערנעמען

פון טיש, האָט זיך איר פּנים פאַרקרימט פון ווייטיק. — דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן. געכאַפּט קלעפּ האָב איך מער ווי איין מאָל, און עס האָט ווי געטון אויך, אָבער ס׳זאָל ווי טון פון דערלאַנגען אַ קלאַפּ . . .

—געמוזט זיין שוין איין מאָל אַ קלאַפּ, — האָט עמיצער פון די בייזיצער אַ זאָג געטון, — די ריכטיקע מתנת יד. מיסס וויינבערג! איר פאַרדינט אַ פּרייז!

— אַ פּרייז פאַר וואָס? פאַר שלאָגן? מוחל! אַ חזיר דאַרף מען דערלאַנגען אַ שטעקן.

— מיסס וויינבערג! איר פאַרדינט אַ פּרייז ווי דער ערשטער וואָלונטיר. אין דער פּושקע איז געווען אַכט און דרייסיק דאלער מיט פינף און צוואנציק סענט, דער קוואָטער, דאָס מוז זיין דעם פּאָליצמאַנס, צוזאַמען מיט די פריערדיקע צוויי האָט איר אַרום און אַריינגעבראַכט אַ הונדערט מיט דריי דאלער מיט פינף און צוואנציק סענט, די העכסטע סומע צווישן אַלע וואָלונטירן.

אַלע בייזיצער האָבן גענומען קלאַפּן בראַוואָ פאַרן „העכסטן וואָלונטיר”. דער אַלטער ראָזענבערג, וואָס איז נאָך מעריב און וועטשערע ווידער געקומען, האָט דערלייגט אַ דאלער מיט פינף און זיבעציק סענט, עס זאָל זיין גלייך אַ הונדערט מיט פינף. דינציע האָט עטוואָס פאַרשעמט אים געזאָגט אַ דאַנק, געזאָגט אַלעמען אַ גוטע נאַכט און אַוועקגעגאַנגען.

דינציע וויינבערג איז געוואָרן דער געשפּרעך פון די בייזיצער. לערנער איז געווען צו פאַרנומען מיט ציילן געלט ער זאָל עפּעס זאָגן, געטראַכט האָט ער אָבער אויך פון איר, דינציע וויינבערג מיט א י ר פינפערל און אסתר שוואַרץ מיט א י ר ס. אודאי האָט דינציע וויינבערג בעסער געהאַנדלט, אָבער מאָדנע, איר קלאַפּ דעם גוי דעם שכור האָט עפּעס אויף אַ פאַרפלאָנטערטן אופן מכפר געווען אויף אסתרס קוש, אלה ואלה, זי און אסתר — בײדע יידישע טעכטער . . . די מוראַשקע איז ניט געבליבן, ער האָט ממש דערפילט ווי זיין פּלייצע איז אָפּגעריי־ניקט געוואָרן, מער ניט אין קאָפּ עפּעס אַ מישעניש. ער האָט שוין גע־האַלטן אין אַרויפציען אַ פּאַפּירן העמדל איבער די פערציק ניקלס, ערשט אים האָט זיך גענומען דוכטן אַז ער האָט אַ טעות געמאַכט. ער האָט אַ לייג געטון דאָס סטויגעלע מטבעות און גענומען אויף גיך ציילן, שאַרנדיק מיט צוויי פינגער צוויי מטבעות אויף אַ מאָל.

— ווערסט שוין באַלד קענען אָננעמען אַ שטעלע אין אַ באַנק,

אַרבעטסט גאָרניט שלעכט, ווי איך בין אַ ייד. ווו האָסטו זיך עס אויס־געלערנט? טאַקע דאָ אָ? גיך געכאַפּט דעם שניט.

— ריכטיק! — האָט לערנער אַ צופרידענער פאַרענדיקט ציילן, אַרויפגעצויגן דאָס העמדל, אַ קלאַפּ געטון דאָס פּעקל אָן טיש איין מאָל און נאָכאַמאָל, און זיך אַ קער געטון צו פעלדמאַנען. — איבערציילן צוויי דאָלער ניקלס איז אַ קנאַפּע תורה, אַריינברייגען זיי, דאָס איז שוין עפּעס. האָסט געזען דינציע וויינבערג? זי! וואָס איז מכוח נעמען אַ פּושקע און אַרויסגיין? ניט צו שפּעט. מענטשן גייען אַרויס פון די טעאַטערע, די ריכטיקע צייט. וואָס זאָגסטו?

— איך זאָג ביסט אַ נאַר, לערנער. אַן אַרענדאַר איז אַמאָל געקומען צון אַ גוטן יידן און געבעטן אים ער זאָל אויסמוסרן דעם אַרענדאַרס זון פאַר ניט אָפּהיטן יידישקייט, מחלל שבת זיין. דער גוטער ייד, וואָס איז גראָדע אויך געווען אַ קלוגער ייד, האָט דערלאַנגט דעם אַרענדאַר אַ חומש און געזאָגט אים: נאַ, גיב עס דיין זון. — רבי! — האָט דער אַרענדאַר גענומען טענהן, — דעם חומש קען ער, אָבער ער וויל ניט טון וואָס אין חומש שטייט! — פרעג איך דיך, — האָט דער רבי געענטפערט, — אַז ער וויל ניט פאָלגן דעם רבש״ע וועט ער מיך יאָ פאָלגן? דעם פּרעזידענטס יידן טאָג מיינט פאַר מיר זייער ווינציק.

— מירן לאָזן דעם פּרעזידענט, וואָס איז מיטן חומש? שטייט דאָך נתון תתן לו.

— איך האָב מיינס געגעבן, אָבער אַרויסגיין מיט דער רויטער פּאַטשיילע, אָדער מיט דער פּושקע, שרייען צדקה תציל ממות, דאָס קען איך ניט און, דיר פאַרטרויען אַ סוד, איך וויל דאָס ניט אויך. דאָ גענוג יידישע געלט זעק, וואָס קענען אנפילן דיינע אַלע פּושקעס מיט אַ ווערד.

— די געלט זעק, ווי דו רופסט זיי, גיבן טאַקע, ס'איז אָבער אַ חילוק ווי איינער גיט. איינער גיט טאַקע, נאָר וואַרפט עס צו ווי אַ הונט אַ ביין; אַ צווייטער גיט אַ נדבה, דאָס וואָס די געלט זעק טוען, זיי גיבן אויף עסן, קיין אַנדער זאַך גייט זיי ניט אָן; מיר גיבן אויף קינדער היימען, קינדער שולן . . .

— אוי, לערנער, ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכן פון דיר. בעטלער בעטן ביי בעטלער פאַר . . . נגידים. די שטאָט, אין וועלכער דו און איך וווינען, וויפל שולן פאַרמאָגט זי? און אין דער איינציקער שול, וואָס איז

שוין יאָ דאָ, פּאַר וויפל וואָכן איז מען שולדיק דעם לערער, ווייסטו? פּאַר אַכט וואָכן! ברודערקע, עניי עירך קודמין.

— מיט אונדזער אָרימקייט וועלן מיר זיך שוין ווי ס׳ניט איז ספּראַווען, דאָרטן ברענט אַ פייער, און ווען אַ הויז ברענט, דאָס פייער האָט פאַרכאַפּט מענטשן אינעווייניק, טראַכט מען ניט, רעדט מען ניט צי דאָס הויז איז פאַרסטראַכירט, אָדער צי בין איך דער ריכטיקער פייערלעשער, מע פּרוווט ראַטעווען ווי מ׳קען נאָר. דו, רק דו רעדסט. האָסט געזען דינציע וויינבערג? זי רעזאָנירט ניט, זי טוט! אוי, טוט זי! אַ געזונט אין אירע הענט. אַזוי דאַרף זיין. רחמנא ליבא בעי. דו האָסט אַ גוטן קאָפּ און אַ גראַדן שכל אפשר אויך, נאָר דאָס האַרץ איז ביי דיר אויף דער . . . רעכטער זייט.

— טאָקע דערפאַר לייג איך נישט קיין תפילין. דו׳סט שוין דאַווענען פאַר מיר אויך. ווי לאַנג דיינקסטו דאָ נאָך זיצן?

— וואָס הייסט ווי לאַנג? ביז דער לעצטער וואָלונטיר וועט אַריינקומען.

— געמיינט מיר׳ן נאָך קענען אַריינגיין אין אַ קאַפע, כאַפּן אַ שמועס. אַריינגעקראָגן אַ ניי בוך, זייער גוט געשריבן, געוואָלט זיך דורכריידן, אָבער אַז דו ביסט אַזוי פאַרנומען . . . מ׳נא, האָב מיר אַ גוטע נאַכט און . . . גאָלדענע חלומות.

— אַ גוטע נאַכט. — לערנער איז געווען צופרידן וואָס פעלדמאַן איז אַוועקגעגאַנגען. אַן אינטעליגענטער בחור, ניט קיין נאַר, אָבער שוין צו קלוג . . . פון יענער חכמה . . . ניט געדאַכט זאָל זי ווערן. זאָל ער האָבן די ברכות וואָס דינציע וויינבערג איז קלוגער פון אים.

אויסגעמאַטערטע זיינען געזעסן די שפּעטע וואָלונטירן, צוגעקוקט ווי מ׳ציילט, פאַקט דאָס געלט, יעדער איינער האָט געפּרוווט טרעפן וויפל דער גאַנצער טאָג האָט אַריינגעבראַכט. — לערנער, וואָס איז די אונטערשטע שורה?

— באַלד, — האָט לערנער אַ זאָג געטון, צוהאַלטנדיק מיטן בלייפעדער דעם ציפער וואָס ער האָט געהאַלטן אין צורעכענען. — זיבן און צוואַנציק, איין און דרייסיק, איין און דרייסיק . . . — דער קאָפּ האָט שווער געאַר־בעט, דער רוקן האָט געבראָכן, אין די אויגן האָט געשווינדלט, ער האָט שוין געדאַרפט צוויי מאָל איבערחזרן אַ ציפער צו געדיינקען ווו ער האַלט.

— ה־וו־י שפּע־ט איז שוין? — האָט איינער געגעצנדיק אַ פרעג געטון.

— נאָך איינס.

— נאָך איינס!

— אַכצן טויזנט אַכט הונדערט צוויי און זיבעציק דאָלער מיט זעכציק סענט, — האָט לערנער טרוקן אנאָנסירט.

— וויפל? אַכצן טויזנט?

דער עולם האָט זיך אויפגעשטעלט. די שלעפערישקייט, פאַרמאַטערטקייט איז פאַרשוווּנדן. מ׳האָט גענומען רעדן וועגן מאַכן אַ גלייכן חשבון, ניינצן טויזנט. מ׳האָט זיך איבערגעקוקט. — איך האָב שוין אפילו מיין הונדערטער געגעבן, — האָט איזידאָר גראָסמאַן, דער קליידער קרעמער, מיט רחבות אַרויסגעזאָגט, — נאָר אויף צו מאַכן דעם חשבון גלייך, גיב איך נאָך אַ פינפאונצוואַנציקער.

— מיין פופציקער, — האָט סילווערמאַן, דער אייזן־ברוך הענדלער, גאוהדיק אַ זאָג געטון, ווי איינער רעדט: דו קענסט זיך אַרויסכאַפּן דעם ערשטער, אָבער צו מיר קומסטו ניט.

— מיין פינפאונצוואַנציקער, — האָט שטיל אַ זאָג געטון סיימאַן דער מעבל הענדלער, ווי ער וואָלט געזאָגט: קיין גוואַלדיקער גביר בין איך טאַקע ניט, אָבער זיך נאָך אויסגלייכן מיט אייך.

— איך גלויב, — האָט אַלפרעד סיגעל, דער רויכוואַרג הענדלער, גענומען ציען, — אַז מ׳דאַרף גאָר ניט מאַכן קיין קיילעכיקע סומע. עס וועט אויסקומען פאַרדעכטיק, מ׳קלייבט ניט צוזאַמען קיין גלייכע סומע.

— נו, זעסטו, דאָס איז שוין אַ קנאַפּע דאגה, — האָט אים גראָסמאַן געענטפערט מיט אַ טאָן פון אַ וועלטלעכן געשעפטסמאַן. — אין ציטונג וועט מען שוין לאָזן וויסן וויפל מ׳האָט צונויפגעקליבן און ווער מיט וויפל האָט די סומע אויסגעגליכן.

— אויב אַזוי, איז שוין עפּעס אַנדערש. נאַט אייך מיין פינפאונצוואַנציקער.

דער אַלטער ראָזענבערג האָט אַ ווונק געטון לערנערן: זייט אַזוי גוט! דאָרטן פעלט נאָך צוויי דאָלער מיט פערציק סענט. נאַט עס אייך. דערלייגט עס. שרייבט עס צו צו אַ פּושקע. איר פאַרשטייט?

לערנער האָט פאַרשטאַנען. ער האָט ניט געוואוסט גענוי, אָבער אויבנאויף וואָלט ער געזאָגט אַז דעם אַלטן ראָזנבערגס דערלייגן צו יעדער פּושקע האָט באַטראָפן אַ פּאָר הונדערט דאָלער, איצט האָט ער אויך דערלייגט, נאָר ניט צוליב דעם מ׳זאָל דערמאָנען אין ציטונג. צושרייבן צו אַ פּושקע . . . אַי, הונדערט יאָר זאָל ער לעבן, דער אַלטער ראָזענבערג.

— די סומע איז אויסגעגלייכט, — אנאָנסירט לערנער האָפערדיק, איצטער איינפּאַקן.

— אַ היפּש ביסל „דזשאַנק״, — האָט סילווערמאַן אַ זאָג געטון, לייגנדיק די פּעקלעך מינץ אין אַ הילצערן קעסטל. — ווו וועט מען זיך אַהינטון מיט דעם אַזוי שפּעט ביינאַכט?

— מ'האָט אָפּגעמאַכט מיט דער באַנק דאָ דערביי, מ'זאָל עפענען ווען מ'וועט ברענגען דאָס געלט. איר פּאַקט איין, דאָס איבעריקע וועל איך שוין באַזאָרגן.

— אפשר אַריינגיין עפּעס טרינקען? — האָט גאָרדאָן אַ פרעג געטון לערנערן ווען מ'איז פאַרטיק געוואָרן מיט באַשטאַטן דאָס געלט.

— איך בין מיד. טויט מיד. גיין אַהיים.

— גוט. גיי רו זיך אויס. ווי זאָגט מען עס: מאָרגן איז אויך אַ טאָג.

לערנער האָט זיך אויסגעצויגן אויף זיין בעט. ווי דורך אַ זיפּ האָבן זיך געזען די פּנימער פון וואָלונטירן. דינציע וויינבערג, אסתר . . . זיך דאַרפן דורכריידן מיט איר . . . דער אַלטער ראָזענבערג מיט זיין אויסגלייכן דעם חשבון פון יעדער פּושקע. פּושקע. צדקה תציל ממות. און אויב אפילו אַזוי, איז וואָס, איז שלעכט? ניינצן טויזנט דאלער! וויפל קינדער קענען אָפּעסן פאַר דעם געלט! דער פעלדמאַן — אַ טפּש. דינציע וויינבערג! יאָ, מיט אסתרן וועט ער אַ שמועס טון . . . ניינצן טויזנט דאלער. אַ גוט שטיקל אַרבעט. היינט איבערן גאַנצן לאַנד . . . געציילט, דוכט זיך, ריכטיק, מאָרגן איבעררעכענען די צעטלעך, די קבלות. די צעטלעך, נעמען און אַדרעסן פון וואָלונטירן וועלן צונוץ קומען. וואָס טון? מ'וועט שוין זען. איצט — שלאָפן, שלאָ־פן!

(3)

ווי זאַלץ אין וואַסער איז זיך צעגאַנגען די יידישע אַרמיי, געבליבן איז די אַמוניציע, צעקנייטשטע אויסגעטריפּעטע ארמבענדער, אויפגע־שניטענע בלעכענע פּושקעס און אַ זיס פאַרוויגנדיק לידעלע: מיר האָבן געטון אונדזער פליכט . . .

אָט די „פליכט״ איז דערגאַנגען לערנערן די יאָר, ער האָט ממש פיינט געקראָגן דאָס וואָרט. פונדעסטוועגן איז ער שעהן לאַנג געזעסן, געשריבן בריוולעך צו די וואָלונטירן וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין יידן־טאָג, זיי זאָלן קומען . . . טון זייער פליכט, אַרויסגיין יעדן זונטיק קלייבן געלט, מ'איז אָבער ניט געקומען.

זיינען ווידער אַמאָל געזעסן די פינף מענטשן פונם הילפס קאָמיטעט,

געקנייטשט די שטערנס: וואָס טוט מען? און עס איז געפאַלן דאָס וואָרט „באַזאַר".

— אַ באַזאַר קען אַרייַנברייַנגען אַ שפּאָר ביסל געלט, — האָט גאָרדאָן שוין אויסגעלייגט דעם פּלאַן. — אַלץ וואָס מ׳דאַרף איז אַרייַנקריגן גענוג אַרבעטער, און די ריכטיקע, דער עיקר די קרעמער פון דער יידישער גאַס, גראָסמאַנען, סיימאַנען, סילווערמאַנען, קורץ און גוט, אַלע שיינע יידן . . .

— אַז דער פּרעזידענט האָט גערופן זיינען זיי טאַקע געקומען, דו ביסט׳אָך אָבער דערוויַיל ניט דער פּרעזידענט פון די פּאַראייניקטע שטאַטן.

— ניין, ד ע ר װ ו י י ל בין איך נאָך ניט דער פּרעזידענט, — האָט גאָרדאָן רויק געענטפערט לערנערן, אָן קיין שמץ פון פּאַרדראָס, — און אַלע וועלן, פאַרשטייט זיך, ניט קומען צולויפן, אָבער עטלעכע מענטשן קען מען אַרייַנקריגן און . . . האָסט אַמאָל אַרייַנגעקוקט אין די געדערים פון אַ זייגערל? איין קליין רעדעלע פּאַרטשעפּעט אַ גרעסער רעדל, דאָס רעדל פּאַרטשעפּעט נאָך אַ גרעסערס און דער זייגער גייט. וואָס מ׳דאַרף איז אַ . . . זייגער־מאַכער. וואָס איז מכוח דיר?

— איך — אַ זייגערמאַכער!

— נו יאָ, דו. קענסט די אַלע יידן, זאָלסט זיך נעמען צו דער אַרבעט ווי עס דאַרף צו זיין, פּאַרשטייסט וואָס איך מיין?

— איך פּאַרשטיי נ י ט.

— הער, בחור, אַ באַזאַר איז אַ שווערע אַרבעט, איינשטעלן די אַרבעט ווי עס דאַרף צו זיין דאַרף נעמען אַ היפּשע פּאָר וואָכן, אויב ניט חדשים, קענסט זי ניט אָפּטון מניה וביה, נאָך דער אַרבעט, מ׳מוז האָבן אַן אָפּיס, אַ מענטשן. וויפל פּאַרדינסטו איצט אַ וואָך? אַכצן, צוואַנציק דאָלער? און וויפל טעג אַרבעטסטו, זעקס? נו, וועסטו האָבן אַ שטעלע אויף ז י ב ן טעג, אויף בייטאָג און ביינאַכט, און וועסט קריגן פינף און צוואַנציק דאלער אַ וואָך.

— דו׳סט גיין שנאָרן פינפסענטיקע און צוזאַמענלייגן פונמיינעט־וועגן פינף און צוואַנציקער? מוחל!

— לערנער! ביסט אַ טפש. דער שפּייז קרעמער וועט זיין קעסטל פּאַרלעגערטע סאַרדינען ניט אַוועקשיקן קיין אייראָפּע, ער׳ט עס אפילו ניט ברייַנגען צום באַזאַר, סיידן עמיצער וועט קומען דאָס נעמען ביי אים. דו׳סט דאַרפן קריגן אי דעם נעמער, אי די סאַרדינען, אי דעם

קויפער. דאָס איז אַרבעט, שווערע, מיאוסע אַרבעט, און פאַר אַרבעט דאַרף מען קריגן באַצאָלט.

— אַרבעטן דאָך מענטשן אָן געלט.

— ווער אַרבעט אָן געלט, ווער ?

— און וואָס איז מיט דיר ?

— איך וואָלט עס אָנגענומען בכבוד גדול, בין איך אָבער פאַרקנסט צו דער נאָדל, דיר שוין געזאָגט אַמאָל, מיר שווער צו האַלטן אַ פען אין האַנט. איך קען קומען אויף אַ שעה, צוויי, און דערפאַר קריג איך אויך באַצאָלט, ניט קיין געלט, האָב איך די צופרידנשטעלונג אַז איך טו עפּעס וואָס איך וויל, דו וועסט דאַרפן אַרבעטן דעם גאַנצן טאָג און טון זאַכן אפילו וואָס דו ווילסט נ י ט , זאָלסט עס וויסן, איצט פאַרשטייסטו שוין ? מאַך זיך ניט נאַריש.

— אָבער פאַרוואָס זאָל איך דוקא זיין דער שעיר לעזאזל ?

— ווייל דו קענסט שוין די אַרבעט, קענסט די יידן אויך, אָט די אַלע שיינע יידן וועלן מיר איינטיילן די שענסטע כיבודים, א פרעזידענט, וויצע פרעזידענטן, פאָרזיצער פון קאָמיטעטן, דער סעקרעטאַר אָבער וועסטו זיין, די אַרבעט מוז בלייבן אין אונדזערע הענט. דו מוזט אָננעמען.

אַי, דער גאָרדאָן, נאָר ער באַלעבאַטעוועט, אָבער גערעכט איז ער, עמיצער מוז דאָך טון די אַרבעט, און אַז אַן אַנדערער, אַ „זייעריקער", וועט זיין סעקרעטאַר, וועט זיין בעסער ? פונדעסטוועגן, אַז ער האָט גע־קראָגן דעם ערשטן טשעק, האָט ער געקוקט אויפן ציפער, אויפן נאָמען, און די פינגער האָבן געביסן — אַ קנייטש טון, אַ ריס טון . . . וכל מי שעוסקים בצרכי ציבור באמונה הקב"ה ישלם להם שכרם. שכר פונם רבונו של עולם און אַ טשעק . . . פאַרפאַלן, ער האָט זיך איינגעשפּאַנט, איצט,ביים גיין באַרג אַרויף, זיך איינשפּאַרן, נעמען קריכן פון די האלאָב־ליעס, וועט דער וואָגן גיין אויף צוריק. ער האָט אויסגעביטן זיין טשעק, אַראָפּגענומען פינף דאָלער און אויסגעשטעלט אַ קבלה: געקראָגן פון מר. עגאָ פינף דאָלער. מר. עגא האָט געצאָלט זיין וועכנטלעכן שטייער פאַר די מלחמה קרבנות פּינקטלעך ווי אַ זייגער.

ער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ גוטער „זייגערמאַכער". ער האָט אַריינגעקראָגן דעם קליידער־קרעמער איזידאָר גראָסמאַן, דעם מעבל־הענדלער סיימאַן און צוזאַמען מיט זיי אַריינגעשלעפּט אַ שפּאָר ביסל קרעמער פון דער יידישער גאַס. ער האָט צוגעצויגן דעם ברוך־הענדלער סילווערמאַן, מאַניפּולירט אַזוי, אַז ער איז געוואָרן פאָרזיצער פונם באַזאַר,

און ער האָט אויף זיך גענומען דעקן דעם גאַנצן „דזשאָנק טרייד״. און ער האָט אים גדעקט, געבראַכט אַ סך זאַכן, און דוקא ניט קיין „דזשאָנק״ (אָפּפאַל, שמאַטעס), נאָר גוטע אייזנוואַרג עובר לסוחר, אדער גאָר געלט, מזומן און אין צוזאָגן. מיט פאַרשיידענע שמד שטיק און אַ היפּש ביסל קאָמפּלימענטן האָט ער „פאַרנאַרט״ די „ענגליש שפּרעכנדע״ מרס. זיף, זי האָט שוין צוזאַמענגעשטעלט אַ גאַנצע פּרויען דיוויזיע, און זיי האָבן געאַרבעט ווי די בינען. דער זייגער איז געגאַנגען, מ׳האָט אים אָבער געמוזט אוילן, און דער אויל פאַר די רעדעלעך איז געווען . . . טינט, „פּובליסיטי״, — פּרסום.

דער רעדאקטאָר פון דער טעגלעכער יידישער צייטונג, אַ ייד אַ תלמיד חכם, האָט אויסגעהערט לערנערן, אַ גלעט געטון זיין ניקל קאָליר בולאנזשע בערדל און, מיט דער חשיבות פון אַ זקן און אַ ידען, גענומען רעדן פאַמעלעך. — פאַר שרייבן נייס צ אָ ל ן מיר געלט. ווען איר זאָלט אונדז ברייגען נ י י ס, ווי איר זאָגט, וואָלטן מיר א י י ך באַצאָלט, ווען איר ווילט אָבער אונדז פאַרקויפן פּובליסיטי פאַר נייס, קענען מיר ביי אייך די סחורה ניט קויפן, דאָס דאַרפט א י ר קויפן ביי אונדז.

לערנער האָט געוווסט אַז דער גאַנצער שרייבער־שטאַב פון דער צייטונג איז באַשטאַנען פון צוויי מענטשן, און די צוויי מענטשן זיינען חלילה ניט אַרויסגעגאַנגען זוכן נייס. אנשטאט זייערע פיס האָבן זיי גענוצט זייערע הענט, מיט דער שער אויסגעשניטן נייס פון די ענגלישע צייטונגען, בלויז יידישע נייס האָט די צייטונג געקויפט, און אויך דאָס אין זייער אַ באַגרענעצטער מאָס. די הויפּט נייס — פּאָגראָמען, און איינער פון די צוויי שרייבער איז געווען אַ ספּעציאַליסט אַ „פּאָגראָמשטשיק״, פון צען ווערטער, טעלעגראַפיש געקראָגן, האָט ער שוין געמאַכט אַ פּאָגראָם מיט אַלע פּיטשעווקעס. לערנער האָט דאָס אַלץ געוווסט, פונדעסטוועגן האָט ער תמעוואַטע אַ פרעג געטון: — וואָס רופט איר אָן נייס?

דעם רעדאַקטאָרס אַגרעס־גרויע אויגן האָבן אַ בלישטשע געטון.

— איר האָט דערמאָנט דעם מר. סילווערמאַן. איך קען אים, דעם יידן. איז אָט, ווען איר קומט צוגיין און דערציילט מיר אַז אָט דער מר. סילווערמאַן איז געקומען צו אייך אין אָפיס, האָט אייך געגעבן צוויי טויזנט דאלער פאַר די מלחמה קרבנות, נאָר מיט איין תנאי, איר זאָלט זיין נאָמען נ י ט דערמאנען, ניט נאָר אין אונדזער צייטונג, נאָר אפילו צו אייערן אַ מיטינג, סתם אַ ייד האָט זיך מרחם געווען, ד אָ ס וואָלט איך אָנגערופן נייס. אויב אָבער אָט דער מר. סילווערמאַן, צי אַ מר. קופּערמאַן, גיט אַ

הונדערטער, דאָס הייסט, מ׳האָט ביי אים אַרויסגעריסן אַ הונדערטער און ער וויל דערפאַר זיין נאָמען אין צייטונג, און פאַרוואָס טאַקע ניט זיין בילד אויך, דעמלט איז עס פובליסיטי, און דער מר. סילווערמאַן איז ניט חולה צו באַצאָלן דערפאַר. איצט פאַרשטייט איר שוין?

לערנער האָט ניט נאָר פאַרשטאַנען, ער האָט זיך אפילו איינפאַרשטאַנען מיטן רעדאקטאָר וואָס, וויפל און פאַר וויפל ער קען שרייבן, און דער רעדאַקטאָר האָט אים צוגעזאָגט זיין „פולע קאָאָפעראַציע", ווייל „מיר זיינען דאָך אויך פאַראינטערעסירט אין דער הייליקער אַרבעט".

און עס איז כמעט ניט אַוועקגעגאַנגען אַ טאָג אַז אין דער צייטונג זאָל ניט דערמאָנט ווערן וועגן דעם באַזאַר און די באַזאַר טוער, דער מר. סילווערמאַן, מר. גראָסמאַן, מר. .. . פון דער מרס. זיף, דער באַרימטער געזעלשאַפטלעכער טוערין, איז דאָך אָפגערעדט, איר בילד האָט מער ווי איין מאָל באַצירט די ערשטע זייט פון דער צייטונג. צו דער דערעפענונג פון באַזאַר האָבן אַלע בילדער פון דעם באַזאַר קאָמיטעט געדאַרפט זיין אין צייטונג, און טאַקע אויף דער ערשטער זייט. די צייטונג איז אַרויס, און איין בילד, ניין, צוויי בילדער, האָבן געפעלט, מר. בענדערס, פון דעם מעבל קאָמיטעט און מר. אַלפרעד סיגעלס, דעם פוטערוואַרג הענדלער. מר. בענדערס׳ בילד האָט געפעלט פשוט דערפאַר ווייל ער האָט ניט געגעבן קיין בילד. — דאָס לעצטע בילד, וואָס איך האָב גענומען איז געווען ווען איך האָב חתונה געהאַט, מיט צוויי און דרייסיק יאָר צוריק, און איך האָב ניט בדעה פאַרגרעסערן מיין בילדער קאָלעקציע. — אַזוי האָט ער געזאָגט לערנערן, דערביי האָבן זיינע טיף ברוינע אויגן קוים געשמייכלט. אַ מאָדנער ייד, דער מר. בענדער, זיין האַלטונג, אפילו זיין אויסזען עפעס ניט קיין יידישער, סיידן אפשר טאַקע די אויגן. גערעדט האָט ער זייער שטיל. — קומען צו אַ זיצונג? כ׳האָב מורא איכ׳ל זיך ניט אַריינפאַסן. פאַרשטייט איר מיך, די יידן „פון דער עוועניו", זיי זיינען ווילע יידן, אָבער זעלטן ווען איך באַגעגן זיך מיט זיי. דער סיימאָן קויפט ביי מיר אַמאָל, ניט צו אָפט. אויף מיין סחורה איז ניטאָ קיין נאָכפראַגע אויף דער יידישער גאַס. איך קום אַהין זייער זעלטן. איך רעד ניט קיין יידיש. אָה, פאַרשטיין פאַרשטיי איך, דער טאַטע, די מאַמע האָבן גערעדט יידיש, אָבער רעדן קען איך ניט. זיי רײדן, זאָגט איר, אויך ענגליש, נאָר אַ שלעכטן ענגליש? אפשר אויך אמת, איך דיינק אַז מיר יידן ריידן, אין אַלגעמיין, אַ ביסל צופיל. איכ׳ל טון וואָס איך קען.

ער האָט געטון. ער האָט אַריינגעבראַכט מעבל אויף אַריבער דריי הונדערט דאָלער, איז אפילו געקומען צו איין זיצונג אויך, צוגעזאָגט קומען צו דער דערעפענונג פון באַזאַר, קיין בילד האָט ער ניט געוואָלט געבן. דער מר. אַלפרעד סיגעל האָט צופיל פוטערוואַרג ניט אַריינגעבראַכט, אַ בילד האָט ער יאָ געבראַכט, אַ גרויס „קאַבינעט" בילד, און דוקא זיין בילד איז ניט אַריין. וועט שוין זיין צרות, האָט לערנער געטראַכט. לערנער האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט איבערצוקוקן די מעמאָראַנדומס אויף זיין טיש, ערשט מר. אַלפרעד סיגעל האָט זיך אַריינגעשטעלט.

— וואָס ברענגט איך אַזוי פרי? — האָט לערנער תמעוואַטע אַ פרעג געטון.

— געזען די היינטיקע צייטונג? — האָט מר. סיגעל געענטפערט מיט אַ פראַגע.

— נאָך קיין צייט ניט געהאַט אַ קוק טון, — האָט לערנער אומפאַרשעמט געזאָגט אַ ליגן.

— נאַט, זעט!

— גאַנץ שיין, — האָט לערנער לאַקאָניש אַ זאָג געטון.

— גאַנץ שיין? איך דיינק עס איז ניט ג אַ נ ץ שיין. גיט אַ קוק נאָכאַמאָל.

— אוי, אַ מיתה משונה אויף זיי! זעכצן מאָל האָב איך זיי אָנגעזאָגט, די זעצער, אַז אַ ל ע בילדער מוזן אַריין, און זיי, אַ ניכפּה זאָל זיי כאַפּן . . . וואָרט.

לערנער האָט זיך גענומען צום טעלעפאָן און נאָך אַ „היציקן" איבעררייד מיטן מעטראַנפּאַזש, איבערגעגעבן סיגעלן יענעמס ענטפער, אַז דאָס בילד האָט ניט געקענט אַריין, פּשוט ניט געווען קיין פּלאַץ מער.

— ניט געווען קיין פּלאַץ. דערציילט עס דער באָבע. ג ר א ד ע פאַר מיין בילד איז ניט געווען קיין פּלאַץ, פאַר אַלעמענס בילדער איז יאָ געווען פּלאַץ, נאָר פאַר מיין בילד האָט שוין קיין פּלאַץ ניט געסטאַיעט.

לערנער האָט געזען ווי מר. סיגעלס הענט האָבן געציטערט, האַלטנדיק די צייטונג, און ער האָט אויף אים פּשוט רחמנות געהאַט. — דאָס איז בלויז אַ צופאַל. איך פאַרזיכער איך, מר. סיגעל, בלויז אַ צופאַל.

— אַ צופאַל. איך ווייס שוין גאַנץ גוט אָט די צופאַלן. מיט גראָסמאַנס בילד האָט קיין צופאַל ניט פּאַסירט, מיט שפּיטאַלסקיס אויך ניט, פּעטער! מ'קען איך.

— וואָס קענט איר, וואָס?

— אוי, קען איך אייך! איר זייט אַלע אַ באַנדע „פּאָליטישנס”, דאָס וואָס איר זייט. אָבער, „גאַדעמיט”, איכ׳ל אייך ווייזן, דיינקט נאָר ניט אַז איך בין אַזאַ פאַרדאַמטער נאַר, איך ווייס אַלץ און וועל אַלץ דערציילן.

דער קליינגעוויקסיקער מר. אלפרעד סיגעל מיט זיין קוויטשיק שטי־מעלע, זיין נערוועזער זשעסטיקולאַציע, האָט דערמאָנט לערנערן צו אַ קליין הינטל וואָס צעהאַווקעט זיך, לויפט נאָך, פּלאָנטערט זיך פאַר די פיס, בייסן קען עס נישט, אָבער אַן אָנשיקעניש איז עס יאָ, און פאַרטרייבן עס קען ער ניט. גראָסמאַן דער קליידער קרעמער האָט זיך אַריינגעשטעלט. — וואָס איז דאָס פאַר קולות? מ׳הערט דאָך זיי אין דער צענטער גאַס. — מר. סיגעל איז אַנטשוויגן געוואָרן, לערנער האָט גאָרניט געזאָגט.

— וואָס שרייט איר אַזוי? — האָט גראָסמאַן שוין דירעקט געפרעגט סיגעלן ניט אָן אַ שמייכל.

— איך שריי ווייל עס טוט מיר וויי.

— וואָס טוט אייך וויי, אַ צאָן?

— איר זייט שוין לאַנג אַזאַ חכם?

— וואָס גייט דאָ אָן? — האָט שוין גראָסמאַן שטריינג אַ פרעג געטון.

— זיין בילד איז ניט אַריין אין צייטונג, — האָט לערנער געזאָגט — פּראָטאָקאָלירט.

— איז פון דעם מאַכט מען עס אַזאַ וועזן?

— ווער מאַכט אַ וועזן, ווער? אַ גרויסע מציאה זען מיין בילד אין צייטונג. עס גייט מיר אין לעבן, זעסטו? שוין געזען מיין בילד אין צייטונג מער ווי איין מאָל. וואָס מיך פאַרדריסט איז, פאַרוואָס האָט מען ג ר אָ ד ע מ י י ן בילד אויסגעלאָזן, ווו איז די פּאָליטיק דערפון, די געמיינע פּאָליטיק.

— וועגן וואָס רעדט איר?

— איר ווייסט פאַרדאַמט גוט וועגן וואָס איך רעד. לעמקין דער אינשורענס אַגענט, וואָס האָט קיין האַנט אין קאָלטע וואַסער ניט אַריינ־געטון, ז י י ן בילד איז יאָ דאָ, נאָר פאַר מיין בילד האָט שוין קיין פּלאַץ ניט געסטאַיעט.

— איז וואָס איז דער אומגליק? ניט אַריין היינט, וועט עס זיין מאָרגן.

— וואָס זאָגסטו ניט צו די שיינע באַלעבאַטים? זיך טיילן זיין אין ששי און גיבן יענעם שני.

— וואָס זשע, איר האָט עפּעס אַ סך באַצאָלט פאַר ששי ?

— מער פון אייך.

— ווער, איר ?

— יאָ, איך ! מיין איין קעלנערל, וואָס איך האָב געגעבן איז ווערט מער ווי אַלע אייערע דריי פאַרשימלטע גאַרניטערס, וואָס איר האָט געדאַרפט אַרויסוואַרפן נאָך פאַר דריי יאָרן און זיי קוים אַריינגעשטעקט אַהער. איך בין געווען אַ נאַר, געמיינט איך האָב צו טון מיט אנשטענדיקע מענטשן, איצט זע איך מיט וועמען איך האָב צו טון. איר זייט אַלע אַ באַנדע ביליקע פּאָליטישנס. איך האָב מיט אייך גאָרניט צו טון. אויס !

די טיר הינטער מר. אלפרעד סיגעל האָט דערלאַנגט אַזאַ קלאַפּ, אַז זי איז אַזש אָפּגעשפּרונגען אויף צוריק.

— אָן איין ייד וועט אויך זיין אַ יאַריד, — האָט גראָסמאַן אַ זאָג געטון און צוגעמאַכט די טיר.

עס איז געווען אַ יאַריד. — איר זעט דעם גאַרניטור ? ביי מיר אין קראָם איז ער געווען געפּרייזט דרייסיק דאלער, און גראָסמאַן באַרייסט חלילה ניט, דאָס ווייסט איר, דאָ קריגט איר אים בחצי חנם, די סחורה קאָסט קיין געלט, דאָס האָב איך אַוועקגעשיינקט, דער פאַרקויפער (שמייכל אַרבעט אומזיסט, איז לאָמיך הערן, וויפל גיט איר ? צען דאלער ? מענטש איינער ! דאָס איז דאָך שוין . . . פופצן דאלער ? אָלרייט ! — אַ פּאַטש אין האַנט. — פאַרקויפט !

ביי די שטעלן מיט חשובער סחורה האָט מען זיך געדונגען, געפּאַטשט אין די הענט, פאַרקויפט און געקויפט. ביי די קלענערע סחורות האָט מען געשריען, געליאַרעמט : חלה, ווייבער ! פרישע, ווייבער ! צען סענט אַ חלה. פופציק סענט אַ לעקאך. זיסע, ווייבער. זאָקן, אַ ניקל אַ פּאָר. שעקספּירס אַלע ווערק, צען סענט אַ פלעט ! טשעקס פאַר דער באַר ! אַ מענטשלעכע מיל האָט געמאָלן אויף אַלע ציינער, דער טומל האָט געלעכערט די אויערן, געשפּאָלטן דעם קאָפּ. אין דעם מענטשלעכן טומל האָט זיך אַריינגעריסן נאָך אַ שטאַרקערער טומל, אַן אָרקעסטער פון פינף קלעזמער האָט צעטרייסלט די לופט, דער סאקסאפאָן האָט געאַרבעט מעשים, בחורים, מיידלעך, און עלטערע פּאָרלעך, האָבן געכאַפּט אַ טענצל. דער אָרקעסטער איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אויף דער בינע זיך באַוויזן אַ בחור, געזונגען „אלי אלי" און דער עולם, וואָס האָט נאָר וואָס געטאַנצט אַ „דזשאז" טאַנץ, איז אַזוי צענומען געוואָרן פון דער „מאָראַלישקייט", אַז ער האָט געהאַלטן אין איין קלאפּן, געפּאָדערט דער בחור זאָל זינגען

נאָך עפּעס, און דער בחור האָט צוליב געטון. „שיינקט אַ נדבה, טייערע מענטשן! דערפאַר וועט גאָט אייך בענטשן". די טייערע מענטשן האָבן געוואָרפן מינץ אויף דער בינע, אַ בחור מיט אַ מיידל, היטלען אין די הענט, האָבן אויפגעקליבן די מטבעות. „שאַין, מיסטער! צען סענט אַ שאַין". אַ שוואַרצחנעוודיקע מיידל אין אַ ווייסן פאַרטוך, אַ ווייס טשיפּיקל האָט פאַרשטעלט לערנערן דעם וועג, ער מוז אָפּפּוצן זיינע שיך. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, די מיידל האָט אַ פּיר געטון מיטן בערשטל איבער איין שוך, דעם צווייטן, אויסגעשטעלט די האַנט. לערנער האָט באַצאָלט און מיט אַ שמייכל צוגעגעבן אַז זי, מיט איר פּנים, איר ווייסער ג אַ ר ד ע ר אָ ב ע וואָלט זיך בעסער געפּאַסט אין שפּיטאָל. — קאַראַול! פּאָליציי! — האָט די מיידל געגומען שרייען. שניידער דער סטאָליאַר און גאָלד דער מוליאַר, אין פּאָליציי אוניפאָרמען, האָבן אים אָנגענומען, אַוועקגעפירט אין געריכט.

— די באַשולדיקונג?

— ער האָט געשטערט אַן אַרבעטער אין דער אַרבעט.

— אַן אויפזעער זאָל שטערן די אַרבעטער! צען דאָלער שטראָף. קיינע „אָבערס". דער ריכטער האָט געפּסקנט און קיינע אַפּעלאַציעס.

— פאַרשטייט איר מיך, מר. לערנער, — האָט מר. סילווערמאַן גענומען ריידן מיט חשיבות ווי ע ר וואָלט געווען דער ריכטער, — אַז ריכטער קרעין גיט אַרויס אַן אורטייל, איז עס אַרויסגעגעבן. ער דינט שוין צוויי טערמינען, לויפט איצט פאַר אַ דריטן טערמין און וועט דערוויילט ווערן אויך, ווייל ריכטער קרעין שאַנעוועט ניט קיינעם. מער ניט, היות דער באַשולדיקטער איז אונדזער סעקרעטאַר, איך בין זיין פּרעזידענט, צאָל איך די שטראָף. דאָ האָט איר עס.

ריכטער קרעינס אויגן האָבן זיך פאַרזשמורעט, זיינע דינען ליפּן האָבן זיך עטוואָס אויסגעקרימט. — נו, איר דאַרפט דאַנקען מר. סילווערמאַנען, ווען ניט ער, וואָלט איר געמוזט גיין אין חד גדיא . . .

לערנער איז אַרויס פון געריכט, נאָך אים איז נאָכגעלאָפן דאָס וואָרט „באַלאַגאַן"! באַ־לאַ־גאַן! וואָס שרייען זיי אַזוי? האַנדל! האַנדל! און אוי, אָט דער „שיינקט אַ נדבה"! אַנטלויפן! ניט הערן, ניט זען. ער האָט זיך באַהאַלטן אין זיין מקום מקלט, אין ביוראָ, וווּ אויפן פענסטער איז געווען אָנגעשריבן „פּריוואַט". ער איז געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן, ערשט די טיר האָט שטיל זיך געעפנט, מר. בענדער איז אַריינגעקומען.

לערנערס מידקייט איז פאַרשוווּנדן. — אה, מר. בענדער! גוט האָט איר געטון וואָס איר זייט געקומען.

— איך געזאָגט איכ'ל קומען, בין איך געקומען און איך גיי שוין אַוועק.

— וואָס אַזוי גיך?

— אַ ביסל צופיל טומל פאַר מיר. — זיינע שטילע רייד האָבן אַקצענטירט דעם טומל דאָרטן . . . — איך בין אַריינגעקומען וועגן אַן עניַן. די פּרייזן, ווער האָט זיי געמאַכט?

— געווען אַ פּרייז קאָמיטעט, צוזאַמענגעשטעלט פון די פאָרזיצער פון אַלע קאָמיטעטן, וואָס איז דען?

— איך דיינק אַז די פּרייזן זיינען צו נידעריק. איך ווייס ניט וועגן די אַנדערע סחורות, נאָר דאָס מעבל איז זיכער צו ביליק.

— מר. סיימאָן איז דער פאָרזיצער פון מעבל קאָמיטעט.

— מר. סיימאָן וואָלט געדאַרפט וויסן אַז אַזעלכע פּרייזן זיינען לע־כערלעך.

— זעצט זיך צו אַ ווײַלע. אַזוי די מעשה. ווען מ'האָט גענומען שטעלן די פּרייזן האָב איך געטענהט מ'זאָל זיי מאַכן עטוואָס העכער ווי אין די קראָמען, די קונים דאַרפן דאָך זיין צופרידן צאָלן מיט אַ פּאָר סענט, צי אפילו אַ פּאָר דאלער, מער, דאָס גייט דאָך פאַר הילף. די סוחרים פונם קאָמיטעט האָבן אָבער געמאַכט פון מיר דאָס גרעסטע געלעכטער: יידן קומען העלפן? זיי קומען כאַפּן מציאות! דאָ האָט איר די מעשה מיט די פּרייזן.

— נו, קען זיין אַז די סוחרים, ווי איר רופט זיי, זיינען גערעכט, זיי קענען בעסער זייערע קונים און, סיי ווי, דיינק איך אַז בייטן די פּרייזן איז צו שפּעט. דאָרטן אָבער דאָ איין חפץ, מיינער אַ טיש, געפּרייזט איז ער צוואנציק דאלער, אין אַ מעבל געשעפט וועט איר אַזאַ טיש ניט קריגן פאַר ווינציקער ווי פופציק, מיר אַליין קאָסט פּראָדוצירן אַזאַ טיש אַן ערך דרייסיק דאלער. וויל איך פון אייך אָט וואָס. איך לאָז אייך דאָ אַ טשעק אויף דרייסיק דאלער. דאָס איז פאַרן טיש, און איר הײנגט אויף אַ צעטל „פאַרקויפט". איך קויף אים. עס קען אָבער געמאָלט זיין, אַז ווייל עס הײנגט אַ צעטל „פאַרקויפט" זאָל איינעם אָננעמען אַ חשק, ער וויל דווקא דעם טיש. איז אַזוי, וועט יענער געבן מער, פאַרקויפט אים, ניט, איז דער טיש מיינער. אָפּגעמאַכט? בלייבט עס אַזוי, און אַ גוטן.

לערנער האָט קוים באַוויזן אַרויפשטעלן דאָס צעטל אויפן טיש,

ערשט מר. סיימאן האָט זיך אַריינגעשטעלט, נייק, אַריינגעפּאַלן, און גלייך אויסגעשאָסן: — ווער האָט געקויפט דעם טיש? — לערנער האָט זיך געמאַכט תמעוואַטע: — וועלכן טיש?

— דעם טיש וואָס מר. בענדער האָט געגעבן.

— אָה, יענעם, — האָט לערנער אויסגעצויגן, — איר'ט זיין אי־בערראַשט ווער עס האָט אים געקויפט. — מיט בייזוויליקער הנאה האָט ער נאָך צוגעגעבן. — איר'ט קיינמאָל ניט טרעפן.

— איך וויל ניט טרעפן, איך וויל ו ו י ס ן! — דאָס האָט שוין גערעדט ניט סתם אַ מר. סיימאַן, נאָר מר. סיימאַן, דער פּאָרזיצער פֿון מעבל קאָמיטעט.

אָט דעם פּאָרזיצער האָט לערנער גוט אָנגעקוקט און אים אַריינגע־זאָגט ניט אַזוי אין די אויערן ווי אין די אויגן: — מר. בענדער.

— מר. בענדער! ער איז דאָ געווען?

— נאָר וואָס אַרויסגעגאַנגען.

— אַ שאָד וואָס איך האָב אים ניט געזען. וואָס האָט ער געזאָגט?

— אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט איז, אַז דער טיש קאָסט אים אַליין דרייסיק דאָלער, אויב קיינער גיט ניט מער, איז דער טיש זיינער. דאָ איז דער טשעק.

מר. סיימאָן האָט אַ קוק געטון אויפן טשעק, אים צוריקגעגעבן לער־נערן. — פּאַרהאַלט דעם טשעק, דעפּאָנירט אים ניט. איכ'ל אייך געבן מיינעם אַ טשעק אויף פינף און דרייסיק.

— דאַרפן צוריקשיקן דעם טשעק, דערקלערן.

— יאָ, שיקט אים צוריק. קיינע דערקלערונגען. אַ באַמערקונג, עמיצער האָט באַצאָלט מער, און פאַרטיק.

— גוט, וועל איך אַזוי טון, — האָט לערנער פּאָטאַקעוועט און גע־טראַכט אַז ער וועט שוין יאָ דערקלערן מר. בענדערן. און, צוריקגע־טראַכט, אַז ער'ט שוין דערקלערן בענדערן, וועט מר. סיימאַן העכערן די פּרייזן אויפן מעבל? ניט אויף דעם מעבל, וואָס ער אַליין האָט בדעה אָפּצוקויפן. מ'יאָ, וכל מי שעוסקים בצרכי ציבור באמונה . . . מר. סיימאָן איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זיך אַריינגעשטעלט מר. לעמקין. — איר זייט גאָר דאָ! מ'זוכט דאָך אייך אומעטום.

— ווער זוכט?

— וואָס הייסט ווער? דער, יענער. מילא, וועלן זיי זוכן. פּאַר־מאַטערט צום טויט. אַ קאַטאָרזשנע אַרבעט. דערפאַר אָבער אַ דערפּאָלג.

איך האָב אָבער געזאָגט אַז ס'וועט זיין אַ דערפאָלג. ס'אַראַ עולם! איר האָט גאָר קיין באַגריף ניט וויפל מענטשן עס וואַרפן זיך דורך און יעדער איינער מוז איבערלאָזן אַ פּאָר דאלער, איז ניט פאַר סחורה, איז אין שפּיטאָל, אין געריכט. דאָרט פאַלן שווערע געלטער. איך אַליין האָב דאָרטן איבערגעלאָזט אַ צענערל.

— מיך האָט מען אויך באַשטראָפט מיט צען דאלער.

— איר, דער סעקרעטאַר, האָט ניט געדאַרפט באַצאָלן.

— איך האָב טאַקע ניט געצאָלט, אונדזער פּרעזידענט, מר. סיל־ווערמאַן, האָט מיך אויסגעלייזט.

— אויף דער עלטער זיך גענומען צו דער מצווה פון פדיון שבוים. מ'נא, ווי זאָגט מען עס: ניע פּאַסטאַי אי ניע גאַנוואַי.

— וואָס זשע?

— ער פרעגט וואָס זשע. איר דיינקט אַז סילווערמאַן האָט אַזוי איינגעלייגט אַ וועלט אַריינצוקריגן דעם ריכטער קרעין צוליבן באַשיינען דעם באַזאַר? פּאָליטיק, מיין פריינט, פּאָליטיק. סילווערמאַן (בלחש), צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, האָט אויף זיך געהאַט אַ מיאוס פעקל, גאָר אַ מיאוס פעקל, געפּאַקט ביי אים הייסע סחורה, וואַגאָנעס גאַנצע, דער ריכטער קרעין האָט געדאַרפט זיין זיין מלאך המות, נו, איז דאָך אָבער פּאַר די וואַלן, אָנגעשטאָפּט איז ער ווי קורח, פאַרשטייט איר דאָך שוין, כסף וזהב מטהר ממזרים, איצט דאַרף ער עס וויזן דעם ריכטער, אַז ניט נאָר האָט ער פולע קעשענעס מיט געלט, נאָר זיי זיינען אויך אָנגעפּאַקט מיט יידישע שטימען, ער איז אַ „ביג דזשו", אַ וויכטיקער מענטש אויף דער יידישער גאַס. אָט אַזוי, מיין פריינט, ערלעך איז שווערלעך, איר זייט נאָך יונג, ווייסט נאָך ניט אַזוי פיל. אגב, פאַרוואָס האָט אַזאַ בחור ווי איר ניט חתונה?

— איר האָט דאָך אַליין געזאָגט אַז איך בין נאָך יונג.

— יאָ, אָבער אַ מענטש דאַרף טראַכטן וועגן אַ תכלית. מיינער אַ באקאנטער, אַ גאַנץ קלוגער מענטש געווען דוקא, אָבער אויך אַזוי ווי איר, ניט געוואָלט טראַכטן פון קיין תכלית, איין מאָל, צוויי מאָל, אים אָנגעמיט ער זאָל אַרויסנעמען אַ פּאַליסי, מאַלע וואָס מיט אַ מענטשן קען פּאַסירן, ניט געוואָלט, איצט נעמט ער פּלוצלונג און מאַכט אַ שטאַרב, איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט צוויי קינדער אָן אַ סענט געלט. האָט איר אַ פּאַליסי?

— איך האָב דאָך ניט קיין ווייב . . .

— דאָ מאַכט איר ווידער אַ טעות. מ׳דאַרף ניט די פּאליסי פאַר דער ווייב בלויז. מ׳דאַרף זי פאַר זיך. איר קלייבט געלט צוואנציק יאָר צייט, ביסלעכווייז, עס זעט זיך גאָר ניט אָן, און נאָך צוואנציק יאָר זייט איר אַ שטיקל גביר, בעת ווען איר האָט ניט קיין פּאליסי . . .

מר. לעמקין, וועמעס וויזיט קאַרטל האָט זיך געלייענט „מיין פּאליסי איז יעדן טאָג אַ נייע פּאליסי”, האָט דעם טאָג קיין נייע פּאליסי ניט געשריבן. לערך אַ שעה צייט האָט ער געהאָרעוועט, אָט האָט ער געמאָלן ווי דער מלאך המות שטייט הינטער לערנערס פּלייצעס און בלויז די פּאליסי קען אים ראַטעווען, און אָט האָט ער געמאָלן אַ גן עדן אויף דער וועלט, אויך אַ דאַנק דער פּאליסי. געזען אַז עס פּיקט ניט, האָט ער זיך פאַרקירעוועט אויף אַ זייטיק וועגעלע, דערציילט ווי אַזוי די מאַדאַם זיף, יאָ יאָ, אָט דער „באַבסקי גענעראַל”, האָט „אָפּגעשלעפּט” דאָס שיינע קישעלע, וואָס מ׳האָט לכתחילה גאָרניט געדאַרפט אַרויסשטעלן צום פאַרקויפן, געדאַרפט געווען פּלעטן, נו, אויף אַ פינפאונצוואנציקער איז ניט געווען קיין בעלן, האָט זי עס צוגעכאַפּט, באַצאָלט אַ . . . פינפערל, און זיך ווידער אַרויפגעכאַפּט אויף ז י י ן וועג, ווי אַזוי ער האָט פאַרזיכערט דעם באַזאַר אָן אַ פּעני געלט, פאַרשטייט זיך, ער צאָלט דערפאַר, נאָך אַ מין צאָלן, ער איז דאָך ניט מר. אלפרעד סיגעל, וואָס אַז סע קומט צום צאָלן איז קיינער ניטאָ אין דערהיים, שוין צ ו ו י י מאָל אָנגעזעצט, אַניט פון וואַנען איז ער געוואָרן אַזוי רייך? יאָ, ערלעך איז שווערלעך . . .

לערנער איז געזעסן, געהערט די הילצערנע שטימע, פאַר זיינע אויגן האָט ער געזען אַ בהמה מיט אַ הילצערנער קאלאקאָטקע גייט אין טשערעדע, דער זעלבער קלאַנג, נאָר דראָבנער, גיכער. וואָס דער ייד האָט אָנגערעדט! געבליבן שטעקן איז אָבער נאָר די נייס וועגן דעם קישעלע, דער מרס. זיף. דאָס קישעלע, דאָס איז געווען פאַר אים דאָס שטיקל גאָלד וואָס האָט אַרויסגעשיינט פון דער בלאָטע. ווען מ׳האָט עס געבראַכט האָט ער געזען ניט סתם אַ שיין קישעלע, נאָר אַ כלה־מיידל וואָס נייט אויס פאַרן חתן אַ טלית און תפילין זעקל, אַ מאַמע וואָס נייט אויס אַ פּרוכת פאַרן אָרון קודש לכבוד איר קינדס בר מצוה, און אָט דאָס קישעלע האָט מען דורך אַ קונציקן מאַנעוור אַוועקגעלקחנט, און ווער? אָט די מרס. זיף, וועלכע ער האָט קוים מיט צרות אַריינגעקראָגן צו דער אַרבעט. ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן, ער האָט עס דערציילט גאָרדאָנען, געסטראַשעט ער׳ט עס ניט פאַרשוייגן, ער׳ט מאָנען דין וחשבון.

גאָרדאָנס ליפּן האָבן זיך אַ קנייטש געטון. — דעם דין וחשבון קען איך דיר גלייך אָפּגעבן. דאָס האָב איך איר פאַרקויפט דאָס קישעלע, איצט ווייסטו שוין? — לערנער האָט אַזש געעפנט דאָס מויל — דו!

— יאָ, איך, וצדקתך מיינער. וויפל האָט די ווערט געהאַט דאָס קישעלע? פינף און צוואַנציק, פּופּציק דאָלער, ווייסטו וויפל די"י מרס. זיף מיט אירע ווייבער האָבן אַריינגעבראַכט? דרייסיק מאָל אַזוי פיל, טאָ וואָס איז דאָ דער גוואַלד, דערלייגט דער באָבעס ירושה?

— עס גייט ניט אין דערלייגן אָדער געווינען, אָבער ווי טוט מען עס אַזאַ זאַך? זי, דווקא זי, ווייל זי האָט אַזוי גוט געאַרבעט, האָט ניט געטאָרט נהנה זיין. ווי פאַרשטייסטו דאָס ניט?

— איך פאַרשטיי שוין גאָר, די צרה איז מיט דיר וואָס דו טראַכסט וועגן יושר, ניט וועגן מענטשן. דו טו אַ טראַכט וועגן דער מרס. זיף. זי דאַרף דאָס קישעלע? ווי אַ לאָך אין קאָפּ. איך בין ביי איר אין הויז ניט געווען, איך בין אָבער זיכער אַז דאָרטן געפינט זיך מער ווי איין „לאָך אין קאָפּ”, ווייסט'אָך די „לאָווינג קאָפּ”, וואָס מ'גיט עמיצן ווי אַן אויסצייכענונג. שלאָפן אויף דעם וועט זי ניט, דאָס פאַרזיכער איך דיך, זי'ט זיך צאַצקען דערמיט, זיך באַרימען, אָדער אַז זי האָט עס געקראָגן ווי אַן אויסצייכענונג פאַר איר אַרבעט ביים באַזאַר, אָדער אַז זי האָט באַצאָלט אַן אוצר מיט געלט דערפאַר. איך האָב עס איר טאַקע געוואָלט אַוועקגעבן ווי אַ סוווועניר פונם באַזאַר, דאָס האָט זי ניט געוואָלט. אַ סוווועניר, האָט זי געזאָגט, דאַרף דער באַזאַר קאָמיטעט באַשטימען, זי וויל דאָס קישעלע, און אויסגעבן קען זי ניט מער ווי אַ פינפערל, האָב איך עס איר געגעבן, און אויף מיר די עבירה.

— יאָ, מצוות הבאות בעבירה, — האָט לערנער אומעטיק אַ זאָג געטון.

— הער, צדיק מיינער, איך האָב קיין גמרא ניט געלערנט, איך ווייס ניט וואָס דו מיינסט אפילו, איך וויל דיר אָבער זאָגן אָט וואָס: יעדער מענטש, מעג ער זיין דער גרעסטער צדיק, האָט זיך זיינע שוואַכקייטן, ווילסטו אַרבעטן מיט מענטשן, עפּעס אויפטון מיט זיי, דאַרפסטו ניט וועלן רעפאָרמירן די מענטשן, זייערע שוואַכקייטן, נאָר זיי עקספּלואַטירן. די מרס. זיף האָט אַ שוואַכקייט פאַר אַ שיין קישעלע, מר. גראָסמאַן, מר. סילווערמאַן האָבן אַ שוואַכקייט צו זען זייערע נעמען, זייערע בילדער אין צייטונג, אָבער געאַרבעט האָבן זיי? דער באַזאַר וועט אַריינברייגען צען טויזנט דאָלער, אויב ניט מער, טאָ וואָס ווילסטו? און נאָך אַ זאַך, פאַרגעס ניט, אַז צו די זיבן־אַכט מענטשן, די מאַכערס, אַזוי צו זאָגן,

זיינען געווען זיבעציק אָדער אַכציק מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט ניט צוליבן בילד אין צייטונג, אפילו ניט צוליב אַ קישעלע, נאָר טאַקע געאַרבעט לשמה. יידן זיינען געקומען קויפן מציאות? אָבער געלט האָבן זיי איבערגעלאָזט? מיר האַלטן שוין ביי צען טויזנט, ניין? טאָ הער אויף זוכן עבירות, וועסט אונטערציען דעם סך הכל, וועסט זיך אויסטשוכען אַ ביסל פונם יאַריד, וועסטו קוקן דאַרויף אַ ביסל אַנדערש.

מ׳יאָ, גאָרדאָן איז גערעכט. ווי דער שטייגער. שקול מר. בענדער כנגד מר. סיימאַן, און די פרוי וואָס האָט אויסגעבייט דאָס קישעלע איז מכפר אויף דער מרס. זיף, פונדעסטוועגן, זאָל נאָר דער יאַריד זיין פאָריבער, זייערע פנימער וועט ער מען ניט אָנקוקן. גענוג!

(4)

דער יאַריד איז פאָריבער. פאָרנדיק פון יאַריד איז מען פאַרפאָרן אין אַ קרעטשמע, באַנעצן דאָס איינגעהאַנדלטע, פאַרהאַנדלטע. אַ באַנקעט מיט אַ פאָרזיצער, אַ טאָסטמייסטער, רעדנער. מר. לעמקין לויבט דעם פרעזידענט, מר. סילווערמאַן, פאַר זיין גלענצנדיקער פירערשאַפט און דער פרעזידענט גיט צו עניוותדיק אַז דער דערפאָלג איז ניט בלויז זיינער, דאָס האָט ער צו פאַרדאַנקען זיינע געטרייע מיטאַרבעטער ווי טאַקע מר. לעמקין און אַנדערע, דער רירעוודיקער מר. לעמקין, דער פייקער מר. גראָסמאַן, די קוועקזילבער מרס. זיף, זיי האָבן אַלע בייגעטראָגן צום דערפאָלג. פאַר איר „מערקורי" קריגט די מרס. זיף אַ זילבערנע „לאָווינג קאָפ", דער פרעזידענט — אַ גאָלדן פינגערל, מר. גראָסמאַן אַ שפריץפען, יעדנס נאָמען גראַווירט, אַ זכר לדורות.

לערנער איז געזעסן, געטראַכט: דער גאָרדאַן האָט אָבער געזאָגט: „אַ לאָך אין קאָפ". זי האָט עס געקראָגן. און ניט נאָר זי, אַ חתונה, מיט דרשה געשאַנק, בדחנים, ער גופא — עפּעס אַן אָרימער קרוב, צו דער זעלבער צייט אַ גאָר נאָענטער מחותן, די חתונה טאַקע ניט זיינע, אָבער זאָלן זיך נאָר די מחותנים צעגיין וועט ער דאַרפן אויפראַמען די שטוב . . .

די מחותנים זיינען זיך צעגאַנגען. ווידער זיינען געבליבן די פינף, און זיי האָבן געקנייטשט די שטערנס: וואָס טוט מען ווייטער?

— אפשר גאָר אויפגעבן דעם אָפיס? — האָט לערנער אַ זאָג געטון, און ער האָט עס יאָ געמיינט און ניט געמיינט. דער באַזאַר, דער יאַריד, איז אים געלעגן אין די ביינער, אָבער די פאָר שטילע וואָכן נאָכן באַזאַר

האָבן אַרויסגעטריבן דעם טומל פון קאָפּ, ער האָט מער ניט געזען די „חשובע באַלעבאַטים", און . . . ער האָט זיך שוין צוגעוווינט צו דער שטעלע, צום וועכנטלעכן טשעק. פון דעם טשעק האָט ער מען שוין ניט אַרונטערגענומען די פינף דאָלער. וו ע ן מר. עגא האָט אויפגעהערט צאָלן האָט ער ניט געגוי געדיינקט, ער האָט אָבער ניט געטראַכט פון באַנייען די צאָלונג, אדרבה, לויט דער אַרבעט וואָס ער האָט אַריינגעלייגט האָט ער געמעגט קריגן אַ הוספה.

— אויפגעבן! משוגע. וואָס מיינט ער, וואָס? קוים איינגעשטעלט די אַרבעט און אינמיטן דרינען אויפגעבן. נאָך דאָ גענוג אַרבעט. וואָס מ'דאַרף טון איז רופן אַ קאָנפערענץ.

— די אסיפה האָט באַשלאָסן צו רופן נאָך אַן אסיפה.

— אַ קאָנפערענץ פון אַלע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, — האָט גאָרדאן געזעדט זיינס, אָט ווי ער וואָלט גאָרניט געהערט די באַמערקונג. — דעם יחיד קענען מיר מער ניט דערגרייכן, ניט אין הויז, ניט אין גאַס, מ'מוז אים כאַפּן אין דער אָרגאַניזאַציע, און כאַפּן אים קענען מיר נאָר דאַן ווען מיר וועלן אַריינקריגן די פירער, מיטן פּאַסטוך קומט שוין די טשערעדע. איר פאַרשטייט וואָס איך מיין. און אַז מיר'ן שוין האָבן די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס וועלן מיר, פאַרשטייט זיך, ניט אויסלאָזן די קרעמער אויך. אויב מיר'ן צוגיין צו דער אַרבעט ווי עס באַדאַרף צו זיין קענען מיר שאַפן מער געלט ווי אין פינף באַזאַרן. וואָס דיינקסטו, לערנער?

לערנער האָט פלינק באַנומען דעם ענין. ניט נאָר האָט ער געזען די אַרבעט, נאָר אויך די מעטאָדן דערצו — שרויפן! ליפשיץ פון דער שניידער יוניאָן, לייבאָוויטש פון דער סטאָליאר יוניאָן, גרינשטיין פון דער בעקער יוניאָן, יוניאָנס, זייערע פירער.

— גוט, איכ'ל פּרוון, זען וואָס מ'קען טון.

לערנער האָט אָנגעהייבן עסן מיטיקן אין גוטע רעסטאָראַנען, האָ־טעלן, צו יעדן מיטיק האָט ער געהאַט אַן אורח — אַ פאָרשטייער פון אַ יוניאָן.

— איר זייט גערעכט, — זאָגט ליפשיץ פון דער שניידער יוניאָן, — דאָרט איז, ווי זאָגט איר, בורזשואַזע הילף, נדבות, דאָ איז פּראָלע־טאַרישע, ברידערלעכע הילף, אַלץ אמת, אָבער וויפל פּראָלעטאַריער האָט איר דאָ? אָבער די שניידער יוניאָן און ווידער די שניידער יוניאָן. ניטאָ מיט וועמען צו גיין צום טיש.

— וואָס הייסט! און וווּ זיינען די סטאָליארעס, די בעקער, די . . .

— וויפל האָט איר עס יידישע סטאָליארעס? אַ מנין.

— פאַרשטייט זיך, די סטאָליאר יוניאָן איז ניט די שניידער יוניאָן, אָבער זיי האָבן אַרום פינף הונדערט מיטגלידער.

— אויפן פּאַפּיר.

זעט איר, דוקא ניט. פינף הונדערט מיטגלידער, כמעט הונדערט פּראָצענט קאָנטראָלירט.

— כמ־עט.

— נו יאָ, צו דער שניידער יוניאָן קומט עס ניט, דערפאַר טאַקע ווענד איך זיך צו אייך דעם ערשטן, אַז איר׳ט זאָגן יאָ . . .

— וואָס דיינקט איר, איך בין די יוניאָן? די ברידער און שוועסטער, זיי דאַרפן באַשטימען.

— דאָס איז אמת, אָבער, איר ווייסט דאָך, „ל׳עטא סע מוא״.

— יאָ, וווּ וווינט ער?

לערנער האָט פריינטלעך געשמייכלט. — וווּ ער וווינט ווייס איך ניט, איך ווייס אָבער אַז ער זיצט דאָ לעבן מיר. אַז איר׳ט זאָגן גיין צו דער קאָנפערענץ, וועט זיין געגאַנגען.

— אויב איר דיינקט אַז ס׳איז פאַר מיר אַזאַ גרויסער פאַרגעניגן צו זיין ביי אַ קאָנפערענץ מיט מר. לייבאָוויטש פון די סטאָליארעס מאַכט איר אויך אַ טעות. שוין געווען אַמאָל צו אַ קאָנפערענץ, מר. לייבאָוויטש געווען פאָרזיצער. איז ער געזעסן. איך האָב געמוזט אַנטלויפן.

— נו, דאָס זאָל שוין אייך ניט אַרן. שרעקט זיך ניט, מיר ווייסן אויך ווער איז ווער און מיר ווייסן וואָס מיר האָבן צו טון. בלייבט עס אַזוי, מיר פאַרלאָזן זיך אויף אייך.

מר. לייבאָוויטש פון דער סטאָליאר יוניאָן האָט געהערט אַז ליפשיץ פון דער שניידער יוניאָן האָט איינגעשטימט צו זיין ביי דער קאָנפערענץ, האָט ער מיט אַ שמייכל אַ פרעג געטון: אַז איר האָט שוין די „שעווצי אי קראַווצי״ (שוסטער און שניידער), וואָס דאַרפט איר נאָך אונדז?

האָט לערנער צוריקגעשמייכלט. — שער און אייזן איז טאַקע עמך, אָבער דאָס פאָלק ישראל האַלט אין האַנט ניט נאָר שער און אייזן, נאָר אויך זעג און האַמער.

— איר זאָגט עס בעסער ליפשיצן. ער האַלט אַז דער יידישער אַרבעטער דאָס איז ער, ער איינער און ווייטער קיינער.

— און איך האַלט — יידישע אַרבעטער פון דער גאַנצער שטאָט

פאַראייניקט איך, אַלע אַרבעטער, שניידער, היטלמאַכער, סטאָליאַרעס, פאַרבער, מוליאַרעס, בעקער, אַלע וועלן זיין פאַרטראָטן, איז וואָס זאָגט איר?

— אין אונדז וועט קיין מניעה ניט זיין.

לערנער האָט לאַווירט, דער וועט זיין פרעזידענט, דער און די וויצע־פרעזידענטן, די מאַשין איז אָנגעשטעלט געוואָרן און אין איין פרימאָרגן האָבן אַלע אַרבעטער זיך דערוווסט אַז זיי וועלן שאַפן פופציק טויזנט דאָלער פאַר די מלחמה קרבנות, יעדער איינער וועט געבן אַ טאָג אַרבעט.

די רעדאַקציע פון דער ציַיטונג האָט געלויבט די אַרבעטער פאַר זייער „נאָבעלער טאַט, זייער אידעאַליזמוס״, און געפרעגט ווו זיינען די געשעפטסלייט, פאַרוואָס הערט מען ניט אַז זיי זאָלן עפּעס טון?

די ציַיטונג האָט עס געפרעגט בקול רם, לערנער איז שטילערהייט געגאַנגען קריגן דעם ענטפער. ער האָט געזען דעם מר. גראָסמאַן, מר. סילווערמאַן, נאָך עטלעכע פּ ר אָ מ י נ ע נ ט ע געשעפטסלייט אויף דער יידישער גאַס, אפילו מיט דער מרס. זיך געהאַט אַ פריינטלעכן געשפּרעך און, מיט זייער צושטימונג, גערופן נאָך חשובע באַלעבאַטים צון אַ צובייס אין דעם אַריסטאָקראַטישן האָטעל האַלענדען. אַ פּאָר טעג נאָך דעם צובייס איז אין דער זעלבער ציַיטונג געווען אַ פולער באַריכט פון דעם צובייס, אַז ריכטער קרעין, וואָס איז ניט לאַנג דערוויילט געוואָרן צום דריטן מאָל, האָט אַדרעסירט די פאַרזאַמלטע; אַז דער גוט באַקאַנטער געשעפטסמאַן מר. וויליאַם סילווערמאַן איז דערוויילט געוואָרן פרעזידענט פונם קאַמפּיין און ער האָט פאַרזיכערט אַז „זיין״ קאָמיטעט וועט שאַפן אַ הונדערט טויזנט דאָלער, דערביי האָט ער, דער ערשטער צוגעטראָגן זיינע טויזנט דאָלער; נאָכדעם זיינען אָנגעגעבן געוואָרן די נעמען פון אַלע וויצע־פּרעזידענטן מיט זייערע ביַיטראָגן, פאַרשטייט זיך, ניט קיין טויזנטער.

לערנער האָט געלייענט דעם באַריכט, וואָס ער אַליין האָט אַריינגעגעבן אין ציַיטונג און אים האָט זיך געוואָלט אָננעמען זיין אייגענעם אויער און אים גוט גוט אָנדרייען: אוי, לערנער, ביסטו אַ ליגנער! ביסטו אַ בלאָפער! הונדערט טויזנט, ניט מער און ניט ווינציקער, עמיצער זאָל דיר דערלאַנגען פופציק טויזנט מזומן וועסטו ניט נעמען. מ׳נאַ, אַזוי גייט עס שוין.

פאר מר. לעמקין, דעם פאַרזיכערונגס אַגענט, איז אַ באַריכט אין ציַיטונג געווען אַ טראָפּן אין ים. „פּובליסיטי״ און מער „פּובליסיטי״! — האָט ער געקלאַפּט מיט זיין הילצערנער שטימע ביי אַ זיצונג — מיר

מוזן פאַרפּלייצן די שטאָט מיט פּובליסיטי. די שטאָט דאַרף גיין כאָדאַראָם. טויזנטער בריוו דאַרף מען אַרויסשיקן. אין ענגליש, אודאי אין ענגליש! מיר ווילן גרייכן דעם ב ע ס ע ר ן קלאַס מענטשן. עס וועט קאָסטן אַ סך געלט? אוודאי וועט עס קאָסטן, אָבער אויב איר ווילט מ אַ כ ן געלט מוזט איר אַריינלייגן געלט. ווען עס קומט צו קאַמפּיינעווען — לאָזט מיך!

פּלאַקאַטן. פּלאַקאַטן אויף די ווענט, פּלאַקאַטן אין פענסטער. אַ ייד מיט פאַרריסענע אָרעמס — צוויי פליגל פון אַ ווינט־מיל, מיט אַ בעזים־באָרד אויף פאַרריסן, און פון די הענט, פון דער באָרד, פונם אויפגעריסענעם מויל רייסט זיך אַ געשריי: העלפט! אויסגעדאַרטע קינדער שטייען און זייערע ביינער שרייען: העלפט! שילדן מיט רויטע בוכשטאַבן מאָנען געלט, שילדן מיט שוואַרצע ראַמען דראָען: גיט די טויטע אויף תכריכים, און „ליטעראַטור”, זיס ווי האָניק, בעט: גיט די לעבעדיקע אויף ברויט.

מר. לעמקין — אַ לויתן אין ים הגדול. — אויף מאָרגן האָב איך אַ פיש — אַ העכט! דריי הונדערט דאָלער זיכער. קיינער קען אים ניט כאַפּן, אָבער איכ׳ל אים קריגן. מאָרגן קריג איך אים. איר׳ט זיין איבערראַשט ווען איר׳ט זען ווער דאָס איז.

מאָרגן, איבערמאָרגן, און לעמקין האָט זיך ניט געוויזן, דערפאַר אָבער, ווען ער האָט אין עטלעכע טעג אַרום געעפנט די טיר, האָט ער אַריינמאַרשירט ווי ער וואָלט געטראָגן אַ פאָן אין האַנט. — איך האָב אים געפּאַקט! דאָ האָט איר עס!

— פונם העכט איז געוואָרן אַ פלאָטקעלע, — האָט לערנער ניט אָן אַ שמייכל אַ זאָג געטון, איבערקוקנדיק דאָס צוזאָג קאַרטל. — אָבער אַ מעדאַל קומט אייך. ד ע ר חזיר זאָל געבן אַ הונדערטער.

— איר פאַרשטייט דאָך אַז קיין אַנדערער וואָלט עס ביי אים ניט געקראָגן.

— האָט ער געגעבן מזומן?

— זיין וואָרט איז גוט ווי גאָלד. ס׳איז נאָר שווער ביז מ׳קריגט עס ביי אים אַרויס, אָבער צוגעזאָגט, וועט ער אָפּגעבן. דער ייד קען שרייבן אַ טשעק אויף זעקס ציפערן, אָבער מ׳דאַרף וויסן ווי צו האַנדלען מיט אים. נעמען ביי אים גלייך געלט האָט מיר פּשוט ניט געפּאַסט. שיקט אים אַריין אַ בריוו וועט ער אַריינשיקן אַ טשעק.

איין בריוו, נאָך אַ בריוו און מר. לין — מר. לעמקינס העכט — האָט

זיין הונדערטער ניט אַריינגעשיקט. בכלל איז אַריינגעקומען זייער ווינציק מזומן. אַ פּאָר אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס — די קלענערע — האָבן אַריינגעגעבן זייער טאָג אַרבעט, די אַנדערע האָבן געוואַרט אויף לכשיריחיב, ווען עס וועט זיין מער אַרבעט, אַ פּאָר פאַראיינען האָבן שוין צוזאַמענגעקליבן אַ ביסל געלט, אָבער דערווייל איז עס געליגן ביים פאַראיין קאַסירער, און די יחידים, די וואָס האָבן ניט געגעבן באַלד אויפן אָרט, האָבן זיך ניט געאיילט מיט צאָלן זייער צוזאָג. דער קאַמפּיין האָט זיך געצויגן. לערנער האָט צום ווילפלטן מאָל קלאַסיפיצירט און איבערקלאַסיפיצירט די צוזאָג קאַרטלעך, זיי באַצייכנט מיט זיינעם אַן אייגענעם שיפר. די קאַרטלעך מיטן צייכן „גוג" — גוט ווי גאָלד — זיינען געוואָרן אַלץ ווינציקער; די קאַרטלעך מיט אַ „קמץ" — קוים מיט צרות — האָבן זיך ווינציק וואָס געמינערט, דערפאַר האָבן זיך פאַרמערט די קאַרטלעך מיט „פאפ" — פאַרפאַלן, און געווען אויך היפשע עטלעכע קאַרטלעך מיט דער באַצייכענונג „המן" — הונט מיט אויערן. כל חמתו האָט לערנער אויסגעלאָזט צו זיי, און פון אַלע „המנס" האָט ער אויסגעקליבן דעם מר. לין, ד ע ם הונט מוז מען אָנלערנען. פינף בריוו האָט ער אים געשיקט, צוויי מאָל געגאַנגען צו אים און, ווען ער איז געקומען אַ דריטן מאָל, האָט די סעקרעטאַרשע, נאָך אַ ישוב הדעת מיט דעם מר. לין, געלאָזט וויסן אַז מר. לין איז צו פאַרנומען צו זען עמיצן. לערנער האָט זיך דורכגערעדט מיט אַן אַדוואָקאַט, אים איבערגעגעבן מר. לינס צוזאָג קאַרטל און געהייסן אים אָנשרייבן אַ בריוו, אָבער אַזוי, אַ פעפערדיקן!

מר. לעמקין איז אַריינגעפאַלן אין ביורא מיטן אדוואָקאַטס בריוו אין האַנט, ניט געזאָגט אפילו קיין העללאָ, נאָר גלייך אויסגעפּלאַצט: ווער האָט געשריבן אָט דאָס אָ?

— וואָס הייסט ווער? איר זעט דאָך!

— דאָס זע איך, אָבער ווער האָט אים ג ע ה י י ס ן שרייבן דעם בריוו?

— דאָס האָב איך געהייסן.

— אה, א י ר האָט געהייסן. הייס א י ך אייך איר זאָלט אָנשרייבן אַ בריוו דעם מר. לין. זיך אַנטשולדיקן פאַר אים און אים דערקלערן אַז דאָס איז געווען אַ טעות. און טוט עס גלייך, איצט!

— דאָס אַלץ וואָס איר הייסט? זאָגט זשע מיר, איך בעט אייך, ווי הייסט איר?

— וואָס מיינט איר?

— נו יאָ, ווער זייט איר דאָס אַזוינס, וואָס הייסט מיר זיך אַנטשולדיקן פאַר דעם מר. לין?

— דאָ איז מיין קאַרטל, — האָט מר. לעמקין דערלאַנגט זיין געשעפטס קאַרטל מיטן דעוויז „מיין פּאָליסי איז יעדן טאָג אַ נייע פּאָליסי”, אָט ווי דאָס וואָלט געווען אַ שם המפורש.

— און דאָ איז מ י י ן קאַרטל, — האָט לערנער, ניט אָן שפּאָטישן פּאָמפּ אים דערלאַנגט זיין קאַרטל. — איך בין דער סעקרעטאַר פון דער פּאָלקס הילף, מיין אַרבעט איז איצט איינמאָנען די געלטער וואָס מ׳האָט צוגעזאָגט בעתן קאַמפּיין. שוין אַ היפּשע פּאָר חדשים זינט מר. לין האָט צוגעזאָגט אַ הונדערטער. איר אַליין האָט געבראַכט דעם צוזאָג, שוואַרץ אויף וויס.

— הלואי וואָלט איך געווען צעבראָכן אַ פּוס יענעם טאָג, — האָט מר. לעמקין אַ זאָג געטון אַזוי נידערשלאָגן, אַז לערנער האָט אַ קוק געטון אויף אים און דערזען אַ צעבראָכענעם מענטשן, דער מר. לעמקין איז ממש קלענער געוואָרן אין וווקס.

— ניט איר האָט געדאַרפט זיך צעברעכן אַ פּוס דעמלט און ניט מ׳דאַרף ברעכן שטולן היינט, עס איז קלאָר, דער ייד איז אַ חזיר, שטעלט זיך כלומרשט שיין, אַז אָך און ווי צו דער שיינקייט, קומט צום צאָלן וויל ער אָנזעצן זייער מיאוס. אַזאַ יידן דאַרף מען אָנלערנען.

— אייך איז גוט צו זאָגן. זעקס חדשים צייט בין איך אים נאָכגעלאָפן שרייבן אַ פּאָליסי. היינט האָט ער סוף כל סוף באַדאַרפט מיר געבן זיין חתימה, זיין טשעק, איך קום צוגיין, דערלאַנגט ער מיר אָט דעם בריוו און טוט מיר אַ זאָג: גוד־באַי, מר. לעמקין! צען טויזנט דאָלער! ניט יעדן טאָג שרייבט מען אַ צען טויזנט דאָלערדיקע פּאָליסי. איצט פאַרשטייט איר שוין? איר האָט מיר דערהרגעט אַ קליענט, האָט איר מיר דערהרגעט, און איר מוזט מיך ראַטעווען, מיר אָנשרייבן דעם בריוו.

מר. לעמקין — אַ מלחמה קרבן און ער, לערנער, דאַרף אים ראַטעווען . . . קענטיק אַז אים גייט עס ניט אַזוי גוט מיט זיין „העכערן קלאַס מענטשן”, שרייבט ניט יעדן טאָג קיין נייע פּאָליסי . . . — עס פאַרדריסט מיך באמת וואָס איר האָט געליטן היזק צוליב דעם בריוו, אָבער שרייבן אַ בריוו צו דעם מר. לין, זיך אַנטשולדיקן פאַר אים, דאָס קען איך ניט. איך קען עס נ י ט טון.

— איר מוזט עפּעס טון! אום גאָטעס ווילן, קענט איר גאָרניט טון? פאַרלירן אַזאַ קליענט.

— הערט, מר. לעמקין, אייער מר. לין האָב איך טיף טייער אין דר'ערד, אויב איר דיינקט אָבער אַז דאָס וועט פאַרריכטן אייער מערכה ביי דעם הונט מיט אויערן, קען איך אָנקלינגען דעם אַדוואָקאַט ער זאָל בטל מאַכן דעם גאַנצן עסק, ניט שרייבן מער דעם מר. לין, אָבער איך זאָל אים שרייבן אַ בריוו — קיינמאָל!

— אויב אַזוי, גיי איך זען דעם אַדוואָקאַט.

— איר קענט גיין צו וועמען איר ווילט. — דער הינטערטאָן: קענסט גיין צון אַלדי שוואַרצע יאָר מיט דיין מר. לין.

מר. לעמקין איז אַוועקגעגאַנגען אָן אַ גוטן טאָג. לערנער האָט אָנגעקלונגען דעם אַדוואָקאַט, אים דערקלערט דעם ענין. דער אַדוואָקאַט איז געווען צופרידן ניט צו שרייבן מער דעם מר. לין, אָט ווי ער האָט פיינט אַזעלכע בעל טובות איז ער גאָר ניט אַזוי גערן צו מאָנען אַזעלכע חובות, די פראַגע איז וועגן דעם צוזאָג, אויב דער מר., וואָס איז זיין נאָמען, מר. לעמקין? אויב דער מר. לעמקין וועט וועלן צוריק דעם צוזאָג, זאָל ער עס אים געבן? אויב דאָס קען העלפן דעם שלימזל ער זאָל שרייבן זיין פאָליסי, פאַרוואָס ניט? זיין חתימה דאַרף מען אויף כפרות.

— אה, כאַפּט אים אַ קלאָג. גיט עס אים. זאָל ער גיין צון אַל די גוטע יאָר. און אַנטשולדיקט פאַר דרייען אייך אַ קאָפּ. — לערנער האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס טרייבל, געזעסן, דער אויבערשטער האַלבער קערפּער האָט זיך געשאָקלט ווי ער וואָלט געזעסן איבער אַ גמרא. — אַזוי אַזוי, מר. לערנער. על פּי דין ביסטו גערעכט. ווי איז אָבער דער דין אַז דער באַרג איז ניט קיין שטיינערנער, נאָר אַ מענטשלעכער, און אַז דער דין איז ניט קיין שפּיז, נאָר אַ האָר נאָדל, טוסט אַ שטאָך איינעם מיט איין שפּיץ, שטעכסטו אַ צווייטן מיטן צווייטן שפּיץ? וואָס דעמלט? וועסטו דאָך זאָגן, על פּי יושר. פרעגט זיך: און וואָס איז יושר? לאָזן אַ מר. לין גיין, איז דאָס יושר? מר. לין, מר. לעמקין, מר. . . . אה, גייט עס צו אַל די שוואַרצע יאָר!

לערנער האָט אַ קוק געטון אויפן שרייב טיש, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און זיך אויפגעהייבן. ער האָט פאַרמאַכט דעם פענסטער און אויף גיך צוגעגאַנגען צו דער טיר. דאָס ערשטע מאָל אַז לערנער האָט פאַרלאָזט די ביורא אזוי פרי.

(5)

אַ רויטער רעגן האָט געגאָסן. פֿון דער ערד, אָנגעזאַפּט מיט מענטשלעך בלוט, האָט אַרויסגעשפּראָצט ווי אַ בלוט־רויטע רויז, ווי רויטע ווילדע גראָזן, אויף דער יידישער גאַס האָבן זיך באַוויזן שוועמלעך. יעדע חרוב געוואָרענע יידישע קהילה אויף יענער זייט ים האָט געפֿונען איר תּיקון אין אַ שוועמל אויף דער זייט. און יעדער שוועמל האָט פֿאַרריסן דאָס קעפּל און גערופֿן, געשריגן: קוקט אויף מיר, קומט צו מיר!

אַניקסטער, באָברויסקער, גירזשדאַנער, דווינסקער, הלוסקער, וואַרשעווער, זאַבלודאָווער, טעטיעווער, יאַמפּאָלער, כאַרעווצער, לינעצער, מאַרמאַראשער, נאָוואָראָדאָקער, סאָסנאָוויצער, עסטערפּאַליער, פּינסקער, פּילשטינער, צויזמערער, קאָוונער, ראָווּנער, שאַוולער . . . יעדער פֿאַראיין האָט זיך פֿאַראייניקט פֿאַר דער „הייליקער אַרבעט".

אַ גייענדיקער „סענדוויטש". אַ מאַסקע אויפֿן פּנים, „אינדיאַנער" קליידער, אויף דער ברוסט און פּלייצע צוויי שילדן מיט רויטע אותיות: „געוואַלד! געוואַלד! העלפֿט! ראַטעוועט! ראַטעוועט אונדזערע לאַנדסלייט! קומט שבת אָבענד צו אונזער באַלל. דער גאַנצער פּראָפֿיט גייט פֿאַר די מלחמה קרבנות. גוטער אָרקעסטער. פֿיינע רעפֿרעשמענטס".

נעכטן איז אויסגעוואָקסן אַ פֿאַראיין, היינט האָט ער געשריען גוואַלד, מאָרגן איז ער געגאַנגען טאַנצן. די געשרייען האָבן געלעכערט לערנערס אויערן. האָט אויסגעבראָכן אַ מגפֿה אין שטעטל, האָט מען געשטעלט אַ שוואַרצע חופּה אויפֿן בית עולם. ווילן זיי אָפּשטעלן די שריפֿה מיט זייער טאַנצן? האָט מען דאָרט געדאַרפֿט זאָגן שמע ישראל אין דער לעצטער מינוט כדי דאָ זאָל מען שרייען גוואַלד און . . . טאַנצן? זיין גאַנצן פֿאַרדראָס אויף די פֿאַראיינען האָט לערנער אויסגעלאָדן פֿאַר גאָרדאָנען. — זיי האָבן גענומען די יידישע טאָרבע, זי צעפּיצלט אויף טאָרבעלעך און יעדער איינער גייט און פֿעדלט מיט ז י י נ ע יידישע צרות, „סוואָי דאָ סוואָיעגאָ". און וואָס וועט זיין מיט די, וואָס האָבן ניט קיין „סוואָאי"?

— פֿאַר יענע וועלן מיר שאַפֿן געלט.

— מיר וועלן שאַפֿן! מ'וועט אונדז אַריינדערלאַנגען. אַז אַלע זיינען וואָלנאָ־פּאָזשאַרניקעס דאַרף מען די פֿייערלעשער אויף כּפּרות.

— ווייסט, לערנער, ווען איך קען דיך ניט, הער דיך בלויז ריידן, וואָלט איך געדיינקט דאָס רעדט דער פּראָפֿעסיאָנאַל וועגן אַמאַטאָרן, אָדער גאָר דער געשעפֿטסמאַן וועגן זיינע קאָנקורענטן. קען איך דיך

אָבער יאָ און ווייס אַז דאָס רעדט אין דיר דער אַלטער צדיק, וואָס וויל דוקא רעפאָרמירן די רשעים . . .

— און איך, רב גאָרדאָן, קען דיך אויך זייער גוט, איך קען דיר אויך עפּעס זאָגן . . .

לערנער האָט זיך פאַרהאַקט. עטלעכע פּנימער האָט געהאַט גאָרדאָן. זיין פינפקאַנטיקער פּנים מיטן ברייטן קין, דינע ליפּן, דאָס שפּיציקל פון דער אויבערשטער ליפּ איינגעשניטן אין דער אונטערשטער, און זיינע גרוי־בלויע קאַלטע אויגן האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ האַרטן, שלעכטן מענטשן. דער גרוי און בלוי פון זיינע אויגן האָט זיך אָבער אָפּט געמיניעט, איז אים עפּעס געפעלן, ער איז געווען גוט געשטימט, האָט דער בלוי פאַרפלייצט דעם גרוי, דער גאַנצער פּנים איז וואַרימער געוואָרן; אויך ווען ער איז געווען זייער טרויעריק האָט דער בלוי דאָמינירט, נאָר דער בלוי אַ טיפער, שיר נישט אַ חושכדיקער. איצט האָבן גרוי און בלוי שטיפעריש געטאַנצט, שפּאָטיש געשמייכלט. און אָט דער שמייכל האָט לערנערן געררייצט אָבער אויך געליימט.

— נו, זאָג שוין וואָס דו ווילסט זאָגן. אַרויס מיט לשון!

די פּאָר ווערטער האָבן אַ שטופּ געטון לערנערן. — איך וויל דיר זאָגן אַז דו . . . אַ שאָד וואָס דו ווערסט פאַרפאַלן אויף דער יידישער גאַס, דו, מיט דיין ווידערווילן צו רעפאָרמירן און דיין טאַלאַנט צו עקספּלואַטירן מענטשן, וואָלסט געקענט זיין זייער אַ גוטער פּאָליטישן ביי טאַמאַנין . . .

——אָהאָ! אַזש צו טאַמאַנין אָנגעשפּאַרט, — האָט גאָרדאָן שוין פריילעך געשפּאַסט. — אויב שוין יאָ אַ פּאָליטישן, וועל איך דיר דערמאָנען וואָס אַ גרויסער פּאָליטיקער האָט געזאָגט: פּאָליטיק, דיפּלאָמאַטיע איז די קונסט פון אַרויסקריגן דאָס מעגלעכע. די אַלע לאַנדסלייט קאָמיטעטן מיט זייער טאַנצן זייגען מיר פּונקט אַזוי צום האַרצן ווי דיר, אָבער אָפּשטעלן זיי, ניט מיר קענען, ניט מיר דאַרפן, זיי שאַפן פאָרט אַ ביסל געלט, זאָל זיין פאַר זייערקע. וואָס מיר קענען יאָ טון, איז קומען צו זיי און זאָגן: איר קלייבט געלט? זייער פיין. דאָס געלט דאַרף מען דאָך אָבער איבערשיקן, יושרדיק צעטיילן, דאָ אַ הילפס קאָמיטעט, אַ „דזשאָינט דיסטריבושאָן קאָמיטע", וואָס טוט עס בעסער ווי איר קענט עס טון, מיט ווינציקער הוצאות, שיקט עס דורך דעם קאָמיטעט, טאַקע פאַר אייער שטעטל.

— אָט אָ באַלד וועלן זעכצן קייסאָרימלעך אַרונטערנעמען זייערע קרוינדלעך, וואָס זיי האָבן זיך אַליין אָנגעטון און זיך פאַרנייגן פאַר דיין

אימפּעראַטאָרישער קרוין: זיי דו קעניג איבער אונדז אַלעמען. יעדער איינער פון זיי חלומט וועגן ווערן אַ דעלעגאַט, קומען צו זיך אין שטעטל און ווייזן אַז ער איז קייסער. זיי ווען עס דיר געבן דאָס געלט דו זאָלסט עס שיקן פאַר זיי. קענסט לאַנג וואַרטן.

— דאָס ביסט־ו אפשר גערעכט. איך ווייס ניט. סיי ווי, די אַלטע פאַראיינען מיט זייער הילפס אַרבעט זיינען ניט מער ווי שוועמלעך, אָדער גאָר שטרוי — פלאַקערט איבער און ניטאָ. וואָס איך האָב מיט דיר געוואָלט רעדן איז טאַקע וועגן ש י ק ן געלט. ש אַ פ ן געלט קענען מיר איצט נישט, ערשט געווען דער קאַמפּיין, נאָך דאָ אַ היפּש ביסל חובות, דאַרף מען זיי איינמאָנען, מיר קאָנען אָבער אָנהייבן ש י ק ן געלט.

— שיקן געלט?

— נו יאָ, שיקן. יידן שיקן שוין געלט צו זייערע קרובים. איז דאָס גוט. דאָס איז אפשר די בעסטע הילף. איז אָבער די צרה וואָס יידן טראָגן זיך שוין אַרום מיט קבלות פון היגע „באַנקירן", אָבער אַ קבלה פון דאָרטן, פון די קרובים, קריגן זיי ניט אַזוי אָפט. ליגט אַ הרוג, פעלן שוין ניט קיין פליגן, איין שווינדלער געשיקטער פון צווייטן, און אַלע שיקן געלט. האָב איך געזען אַז די „דזשאָינט" שטעלט איין אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַר איבערשיקן פּריוואַטע געלטער צו קרובים. דאַרף מען זיך דורכשרייבן מיט ניו יאָרק.

— מיינסט מיט דער „דזשאָינט"?

— על פּי שכל וואָלט מען אפשר געדאַרפט שרייבן דירעקט צו זיי, ס'איז אָבער דאָ אַזאַ זאַך ווי דיסציפּלין, איז אפשר בעסער זאָלסט פריער אָנפרעגן אין אונדזער הויפּט אָפיס. וואָס זאָגסטו?

— גוט, איך וועל שוין אויסגעפינען.

גאָרדאָן איז אַרויס פון דער ביוראָ, האָט לערנער, מעשה דיס־ציפּלין, טאַקע אָנגעשריבן אַ בריוו אין הויפּט ביורא פון דער פאָלקס הילף. גלייך נאָכדעם האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צו דער „דזשאָינט", און אין אַ פיר וואָכן אַרום איז לערנער שוין געווען פאַרנומען ניט אַזוי מיט איינמאָנען ווי מיט איבערשיקן געלט.

(6)

די שליוזן האָבן זיך געעפנט, אַ שטראָם מיט צרות בריוו האָט זיך אַ לאָז געטון פון יענער זייט ים און, צוקומענדיק צו דער זייט, האָט דער שטראָם

באַגעגנט אַ צווייטן, אַ שטראָם פון גאָלד, דער צווייטער נייטראַליזירנדיק דעם ערשטן.

שפּריצן פון שטראָם האָבן דערגרייכט לערנערן. ער האָט געלייענט בריוו פון קרובים דאָרטן, כמעט אַלע אין איין נוסח, יעדער איינער האָט געבעטן געלט אויף דערוויל צום לעבן און אַרויסראַטעווען פון גיהנום, גאַנץ אָפּט האָט דער היגער קרוב, ביים שיקן דאָס געלט, געבעטן לערנערן ער זאָל שוין אויך אָנשרייבן אַ בריוו און לערנער האָט עס גערן געטון. דער ייד האָט גענומען דעם בריוו, די קבלה פאַרן געלט און דערלאַנגט לערנערן אַ מטבע אָט ווי מע דערלאַנגט אַ סאַרווער טרינק געלט. ביי דער ערשטער „מתנה" האָט זיך לערנער פאַרשעמט, שיר ניט אין כעס געוואָרן, נאָכדעם איז עס ביי אים געוואָרן אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך, ער האָט גאַנץ גלייכגילטיק אָנגעוויזן דעם יידן אויף אַ פּושקע וואָס איז געשטאַנען אויפן שרייב טיש, זאָל ער די פּאָר סענט אַריינוואַרפן פאַר די וואָס האָבן ניט ווער עס זאָל זיי שיקן געלט. איין ייד האָט טאַקע אַזוי געטון, אַ צווייטער האָט אַריינגעלייגט די מטבע צוריק צו זיך אין קעשענע. לערנער איז שוין פון דעם אויך ניט נתפּעל געוואָרן. דעם ערשטן זונטיק, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען קלאַפּן אין די טירן, האָט ער זיך געכעסט: וואָס הייסט אַ ייד זאָל ניט געבן פאַר די מלחמה קרבנות! דאַן האָט ער געהאַט פאַר זיך אַ מאַפּע פון שטאָט, געשיקט וואָלונטירן, איצט האָט ער געהאַט פאַר זיך אַ צעטל דערגרייכבאַרע שטעט און שטעטלעך, יידן זיינען אַליין געקומען, געבראַכט געלט, און ער האָט עס פאַר זיי איבערגעשיקט. דער גאַנצער הילפס קאָמיטעט איז איינגעשרומפּן, ניט געווען וואָס צו טון, בלויז גאָרדאָן איז שיר ניט יעדן טאָג אַריינגעקומען, זען וואָס טוט זיך, האַלטן אַן אויג . . .

— ווייסט וויפל איך האָב אַריינגענומען אין דער וואָך? — האָט לערנער, אַ צופרידענער, כלומרשט געפרעגט גאָרדאָנען, — דריי טויזנט דאָלער! און פאַרגעס ניט, דאָס איז די ערשטע וואָך.

די געשעפטן זיינען זיך צעוואָקסן. לערנער — אַ באַנקיר אַ גאַנצער, אונטערציענדיק דעם סך הכל אין אָוונט, איבערציילנדיק דאָס געלט און זעענדיק אַז עס שטימט, ער האָט חלילה ניט געמאַכט קיין טעות, האָט ער אַ צופרידענער אַריינגעלייגט דאָס געלט אין דער מאַסיווער קאַסע און געגאַנגען אַהיים, טראַכטנדיק, אַז מאָרגן, ווען ער וועט אַוועקשיקן דאָס געלט מיט די בלאַנקן, זאָל ער בעטן נאָך בלאַנקן. ער האָט זיך גאָרניט געריכט אַז אַזוי פיל מענטשן זאָלן שיקן געלט. אַלץ הייסט שיקן! פון

אַ פינפערל ביז הונדערטער דאָלער, ער גופא האָט שוין אַ פּאָר מאָל גע־שיקט געלט דער מאַמע. עס זאָל אַזוי אָנהאַלטן . . .

מרבה נכסים, מרבה דאגה, און קיין דאגות האָבן לערנערן ניט געפעלט. יידן האָבן גענומען זיך באַקלאָגן.

— אַ הילפס קאָמיטעט ! — האָט געטענהט אַ ייד מיט אַ שיטער בערדל.

— אַ שיינער הילפס קאָמיטעט, צאָלט אויס הונדערט און צוואַנציק מאַרק פאַרן דאָלער, בעת די באַנק גיט אַ הונדערט און דרייסיק.

דערקלערט אים לערנער. — רב ייד ! מ י ר שיקן ניט קיין מאַרקן, מיר שיקן דאָלאַרן, גוטע אַמעריקאַנער דאָלאַרן, דאָרטן צאָלט מען אויס אין מאַרקן לויטן קורס פון טאָג. ווען מ׳האָט אייער קרוב אויסגעצאָלט הונדערט און צוואַנציק איז דאָס געווען דער קורס, די באַנק גיט א י צ ט הונדערט און דרייסיק מאַרק און זי שיקט מאַרקן, ביז עס וועט אָנקומען אַהין ווער ווייסט וואָס דער קורס וועט שוין זיין, אָבער מער ווי הונ־דערט און דרייסיק וועט אייער קרוב ניט קריגן. איצט פאַרשטייט איר שוין ?

— וואָס מיר קורס, ווער מיר קורס ? איך בין אויף קיין קורסן ניט געגאַנגען. ס׳איז „גרעפּט״, דאָס וואָס דאָס איז. אַלע איין שוואַרץ יאָר.

— דער ייד האָט צונויפגעלייגט די קבלה, פּאַמעלעך אַריינגעלייגט אין קעשענע און אַרויסגעגאַנגען אָן אַ גוטן טאָג.

וואַליוטא איז ניט געווען די איינציקע, אָדער ערגסטע קלאָגע.

— איז ווען קריג איך מיין געלט צוריק ? — די פראַגע האָט שוין מר. פינקוס געפרעגט אַ מאָל דריי, לערנער האָט אים שוין אַזוי פיל מאָל געענטפערט, אָבער ער פרעגט ווידער אַמאָל.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַזוי גיך ווי עס וועט אָנקומען צוריק וועל איך אייך לאָזן וויסן.

— נו יאָ, לאָזן וויסן. זוכנדיק אַרבעט, הערט מען אויך „אייך לאָזן וויסן״, וואָס דאָס מיינט ווייסט איר אַזוי גוט ווי איך, זאָגט אָפּן דאָס געלט איז ניטאָ, וועל איך וויסן וואָס איך האָב צו טון.

— דאָס געלט איז דאָ, מר. פינקוס.

— אַז ס׳איז דאָ טאָ גיט עס מיר.

— מר. פינקוס, איר ווייסט אַז איך האָב ניט אייער געלט, עס נעמט פשוט צייט ביז עס קירעוועט זיך צוריק, אַ פאַרשלעפּעניש, אָבער וואָס קען מען זיך העלפן ?

— אַז א י ר האָט ניט מיין געלט גלויב איך אייך, איר טוט אייער אַרבעט ערלעך, אָבער, פאַרשטייט איר מיך, געלט איז קלעפּיק, האָט זיך

עס צוגעקלעפּט צו עמיצנס פינגער. מיר ווייסן שוין ווי אַזוי מע באַגייט זיך מיט יענעמס געלטער. וואָס איז געוואָרן מיט די געלטער וואָס מ׳האָט געקליבן נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם? מ׳האָט זיי ניט אַוועקגע־גנבעט, מ׳האָט זיי נאָר אַראָפּגעלאָזט אין קעשענע. פון וואַנען, דיינקט איר, האָבן די קהלשע קליאַמקעס זייערע הייזער, באַנק ביכלעך, אויב ניט פון אַזעלכע געלטער? מע גנבעט, ניט דער, איז יענער.

לערנער איז גרייט אָנצוכאַפּן דעם מר. פּינקוס, אים פאַררייסן דעם קאָפּ און אים אַריינשטופּן אין מויל זיינע פינף דאלער: נאַ, וואַרג זיך מיט דיינע פינף שמאָליארעס! אָבער פּינקוס איז ניט דער איינציקער, דאָ נאָך פּינקוסעס און יעדער איינער רופט אים גנב, דירעקט אָדער אומדירעקט. „אַז מע גייט אַרויס פון אַ גאַרבאַרניע טראָגט מען מיט זיך אַ שלעכטן ריח״. לערנערן האָט באַגלייט אַ ריח נאָך ערגער ווי פון אַ גאַרבאַרניע. און אַז ער׳ט זיי דערציילן אַז צוליב אַ טעות האָט ער נאָך צוגעלייגט זיינע אַ פּאָר דאלער, וועט אים עפּעס העלפן? ער האָט ביי זיי גענומען געלט, עס איז ניט אָנגעקומען, האָט ער עס אַוועק־געגנבעט. וואָלט עס כאָטש אמת געווען, ער האָט שוין דעם נאָמען, זאָל ער כאָטש האָבן די מזומנים. אוי, ווי ער דאַרף געלט! ער האָט גע־וואָרנט דער מאַמע מיט דער שוועסטער זיי זאָלן זיך ניט רירן פון אָרט ביז ער וועט זיי צושיקן דאָס געלט אויף פאָרן, אָבער ווען אַ הויז ברענט וואָרט מען ניט ביז די פייערלעשער וועלן קומען, מע כאַפּט זיך אַרויס אויב מ׳קען נאָר, האָבן זיי אים שוין טעלעגראַפירט פון וואַרשע: שיק פינף הונדערט דאלער. קוים געקראָגן צוויי זשיראַנטן, אַנטליען דאָס געלט, איצט דאַרף ער צאָלן צען דאלער אַ וואָך. און גיי דערצייל עס זיי. מ׳נאַ, ער האָט די פּינקוסעס ערגעץ אַנדערש. ער האָט, ווי אַלע טאָג, אונטערגעפירט דעם סך הכל. אַריינגעלייגט דאָס געלט אין קאַסע און שוין געהאַלטן ביים פאַרשליסן, ערשט דובין דער קאָנטראַקטאָר איז אַריינגעפאַלן אין אָפיס.

— געכאַפּט! — האָט ער אויסגעשריען אַריינקומענדיק, — געדיינקט איר זייט שוין אַוועקגעגאַנגען.

לערנער האָט אַ קוק געטון אויפן זייגערל. — פאַרגעסן צושליסן די טיר, שוין נאָך ניין.

— וואָס מיר טיר, ווער מיר ניין, — האָט דובין, אַ ייִד אַ האָרע־פּאַשניק, גערעדט. — ער רעדט פון פאַרשליסן די טיר ווען איך בין שיר ניט איבערגעפאָרן אַ פּאָליצמאָן זיך יאָגנדיק אַהער. אַ נס וואָס איך

קען דעם ערל, אַניט וואָלט איך שוין איצט געזעסן אין חד גדיא. דאָס איז דאָך ניט אויסצוהאַלטן! ניט איבערצוטראָגן!

— וואָס אַזוינס? וואָס איז געשען?

— נאַט, לייענט אומישנע!

לערנער האָט געלייענט, דובין האָט דערווייל גערעדט — האָסטו געזען אַזעלכעס! אַ מענטש איז געשטראָפט מיט אַ משפּחה. פריער זיי איבערגעשיקט אַ מטמון מיט גאָלד, ביז גאָט האָט געהאָלפן זיי האָבן גע־קראָגן די פּאַפּירן, זיי קענען שוין פאָרן. זאַלבעפערט זיינען זיי, האָב איך זיי געשיקט טויזנט דאָלער, שאַט, איר ווייסט דאָך, איז, דאַכט זיך גוט, האַ? נעמט און קומט, נו זעט איר דאָך, פאַרגלוסט זיך די מיידלעך ווערן כלות, דאַרף מען שוין ברייגגען די חתנים אויך. נו גוט, איכ׳ל ניט גיין געבראָכן אַז איכ׳ל זיי שיקן נאָך פינף הונדערט דאלער פאַר די חתנים. אָבער וואָס טו איך אַז די חתנים, צי די מענער שוין, וועלן נאָך וועלן ברייגגען זייערע טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער?

לערנער האָט געשמייכלט. אים איז געפעלן געוואָרן די עובדא פון די מיידלעך דאָרטן ווערן כלות על חשבון פונם רייכן אַמעריקאַנעם פעטער, זעענדיק אָבער דעם גוטמוטיקן דובין אַזוי אויפגערעגט, האָט ער אָנגענומען אַן ערנסט פּנים. — פאַרפאַלן. וואָס קענט איר טון? אָן די חתנים וועלן זיי דאָך ניט קומען. האָט געקאָסט אַזוי פיל, וועט קאָסטן נאָך פינף הונדערט.

— עס איז ניט אַזוי דאָס געלט, ווי זאָגט איר, עס האָט געקאָסט אַזוי פיל, וועט קאָסטן נאָך פינף הונדערט, אָבער אַז איך בין נאָך ניט אַזוי זיכער אַז זיי קומען שוין. איך ווייס ניט וואָס זיי טראַכטן זיך דאָרטן, זיי מוזן אפּנים דיינקען אַז געלט וואַקסט דאָ אויף די בוימער. נאַט, פילט אויס דעם טשעק, אָבער זייט אַן עדות, זאָל איך קראַפּירן דאָ אויפן אָרט, אויב דאָס איז ניט דער לעצטער. אויב זיי בעטן נאָך אַ ניקל, איר הערט? נאָך אַ ניקל! מעגן זיי זיצן דאָרט.

מאָדנע געדאַנקען האָט ביי אים אַרויסגערופן דובין מיט זיין גע־שיכטע וועגן די חתנים. „זיי דיינקען אפּנים אַז געלט וואַקסט דאָ אויף די בוימער”. ער האָט שוין אויך אַמאָל אַזוי געטראַכט. די בריוו פון דער מאַמע, וואָס די שוועסטער האָט געשריבן, פול מיט תחנונים און דער סוף דער זעלבער: — הב־הב! זיי האָבן אים אויסגעביטלט, אָבער מילא, אַבי זיי זאָלן שוין קומען. שיין וואָלט געווען ווען זיין שוועסטער פאַרווילט זיך אויך ווערן אַ כלה ... ער זאָל נאָך דאַרפן ברייגגען איר חתן.

חתנים, כלות, דאָס איז געווען זייער ווייט פון „מלחמה קרבנות״, ווי ער האָט עס געזען ביים אָנהייב פון דער אַרבעט, און דאָס איצטיקע שיקן געלט אויך זייער ווייט פון גיין קלייבן פינף און צען סענטיקע, צי אפילו הונדערטער דאלער. די שריפה אויסגעלאָשן און אויך אויסגע־לאָשן דאָס פייער פון זיין אַרבעט. איז אַ ייד אַריינגעקומען זיך נאָכ־פרעגן אויף זיין געלט וואָס ער האָט געשיקט, צי איז עס אָנגעקומען, איז דער ייד געווען אַן אָנשיקעניש, און איז דער ייד נאָך צוגעשטאַנען, געפאָדערט זיין געלט צוריק, און טאַקע שוין, גלייך, האָט אים לערנער משלח געווען. — רב ייד, גיין מיט אייך זיך אויסטענהן וועל איך קומען צו גאָט אַ באַרוויסער. אייך שוין געזאָגט זעכצן מאָל, מיר׳ן קריגן צוריק אייער פינפערל, וועלן מיר אייך לאָזן וויסן. טאָ גייט געזונטערהייט אַהיים. — און אַז דער ייד האָט ניט געוואָלט אַוועקגיין, האָט ווידער גענומען איבערחזרן זיינע טענות, האָט לערנער אים געלאָזט שטיין און אַליין זיך אַוועקגעזעצט ביים שרייב טיש, אָט ווי קיין מענטש וואָלט ניט געשטאַנען דערביי.

געווען דערביי ניט נאָר דער ייד, נאָר אויך גאָרדאָן. ער איז צוגע־גאַנגען צום יידן, גענומען מיט אים איינטענהן און, ווען יענער איז סוף כל סוף אַוועקגעגאַנגען, האָט ער אַ זאָג געטון לערנען אַז אַזוי אָפּפּטרן אַ קלעגער איז גאָרניט שיין, דאָס פּאַסט פאַר אַ טשינאָווניק.

לערנער האָט שאַרף אַ קוק געטון אויף גאָרדאָנען, זיין מויל האָט זיך אויסגעקרימט, אָט אָט וואַרפט ער אַרויס אַ שאַרף וואָרט. דער קנאָפּ פון גאָרגל האָט זיך אַ באַוועג געטון, דאָס שאַרפע וואָרט איז אַרונטער־געשלונגען געוואָרן, פון מויל איז אַרויסגעקומען: איך גלויב אַז דו ביסט גערעכט. זיינע אויגן האָבן מאָדנע אַ שמייכל געטון. גאָרדאָנען איז דער שמייכל ניט געפעלן געוואָרן, ער האָט אָבער גאָרניט געזאָגט און גלייך אַרויסגעגאַנגען.

לערנער האָט גערופן אַן עקסטרא זיצונג פון דעם קאָמיטעט און גלייך ביים אָנהייב אַריינגעגעבן זיין רעזיגנאַציע. גאָרדאָן האָט זיך געשטעלט קעגן. די רעזיגנאַציע דאַרף ניט אָנגענומען ווערן. לערנער האָט עקשנותדיק געענטפערט אַז אים אַרט ניט צי מע וועט די רעזיג־נאַציע אָננעמען אָדער ניט, ער קומט ניט מער אין אָפיס.

— ווי לאָזט מען דאָס איבער אַרבעט אויף הפקר?

— ניט הפקר. ער האָט שוין געזען אַ מענטשן, זיי קענען אים, מר. נעמענאוו, אַן ערלעכער מענטש, אַ גוטער בוכהאַלטער, אַ פּייאיקער

ביורא מענטש, מער ניט, עס וועט אפשר קאָסטן מיט אַ פינף דאָלער אַ וואָך מער, אַזוי פיל קען נאָך די אָרגאַניזאַציע באַווייזן. סיי ווי, ער וועט מער אין אָפיס ניט זיין, ער האָט אויך ניט בדעה צו קומען צו די זיצונגען, ער רעזיגנירט, און אויף אַן אמתן.

(7)

אָנגעטון היימיש, אין שטעק־שיך, אַ העמד מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, איז לערנער געזעסן אויף דעם ביליקן וויג שטול, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט ביים אויסמעבלירן דאָס הויז פאַר דער מאַמע און דער שוועסטער, און געלייענט אַ בוך. שוין געוועזן נאָך עלף אין אָוונט. ער האָט דערהערט ווי זיין שוועסטער האָט זיך געזעגנט מיט עמיצן ביי דער טיר, געבעטן עמיצן אַריינקומען אַמאָל, געזאָגט אין ענגליש מיט דעם ספּעציפישן, פאַרשייטן אַמעריקאַנער טאָן, האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס בוך, געוואַרט שוין אויף דער שוועסטערס אַריינקומען.

— שלאָפסט נאָך ניט ? — האָט זי אַ פרעג געטון ביים אַריינקומען. לערנער האָט ניט געכאַפּט געענוי דעם הינטערטאָן פון דער פראַגע : האָט זי דאָס געוואָלט פאַררעדן וואָס ער האָט אפשר אונטערגעהערט, אָדער זי האָט דאָס גאָר געשפּעט פון אים, וואָס ער זיצט נאָך אַזוי שפּעט. ער האָט גאָרניט געענטפערט, זי איז אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין צימער.

לערנער איז געבליבן זיצן, געטראַכט וועגן דער שוועסטער, וועגן זיך. זיינע פאַרדינסטן קלעקן ניט אויפצוהאַלטן דאָס הויז, צאָלן חובות. ער האָט אַ רעד געטון מיט דער שוועסטער וועגן גיין אַרבעטן, האָט זי אים געענטפערט : ווי קען איך גיין זוכן אַרבעט, אַז איך קען ניט רעדן ? לערנער האָט פאַרדעכטיקט אַז דאָס איז ניט די איינציקע סיבה, פונדעסטוועגן האָט ער גענומען זוכן אַרבעט פאַר איר. ער האָט געפונען פאַר איר אַ שטעלע, איצט האָט ער איר געוואָלט זאָגן וועגן דעם און פאַרשעמט געפילט אַז ער האָט עפּעס מורא צו רעדן מיט איר וועגן דעם.

פון דעם ערשטן טאָג וואָס זיין שוועסטער איז געקומען האָט ער געפילט אַ פרעמדקייט צו איר. ניין יאָר האָט ער זי ניט געזען. ער האָט זי איבערגעלאָזט אַ קליין מיידעלע. ווען עס האָבן אָנגעהייבן קומען די בריוו, בריוו פול מיט צער, האָט ער זיך געשאַפן אַ בילד פון איר, אַן אויסגעצערטע, אַ בלאַסע, שרעק און ווייטיק אין די אויגן. דערזען האָט ער אַ שיינע מיידל מיט אויסגעפילטע רויטלעכע באַקן, פריילעכע

אויגן, גאַנץ שיין אָנגעטון, און דאָס האָט ווייט ניט האַרמאָנירט מיט די תחנונים בריוו. זי האָט געקוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ, זי די פּריצטע, ער איר באַדינער, משרת, דאַרף איר אַלץ צושטעלן. זי'ט ביי אים גיין אַרבעטן!

די שוועסטער איז אַריינגעקומען אַן איבערגעקליידעטע, האָט לערנער ממש אויסגעשאָסן. — לאה, איך האָב פאַר דיר אַ שטעלע!

— וואָס פאַר אַ שטעלע? — דער טאָן: אַלץ וואָס דו האָסט אין זינען איז שטעלעס.

— אַרויסהעלפן אין אַ שפּייז קרעמל. דאָרטן קומען בלויז יידישע קונים און מ'קען אויסקומען אָן ענגליש.

— און וואָס וועל איך דאָרטן טון?

— אַרויסהעלפן.

— פאַרקויפן הערינג?

— און אַז הערינג איז וואָס? שטייט דיר ניט אָן?

— האָסט שוין קיין בעסערע שטעלע ניט געקענט געפינען?

— פאַר אַ גרינעם איז דאָס גאָרניט אַזאַ שלעכטע שטעלע.

— הם, פאַר אַ ג ר י נ ע ם. אַ גרינער איז קיין מענטש ניט.

— ווער זאָגט דען קיין מענטש ניט. ווּעסט געפינען אַ סך „געלע" וואָס האָבן ניט קיין בעסערע אַרבעט. ווען איך זאָג פאַר אַ גרינעם, מיין איך ביז דו ווּעסט זיך אויסלערנען ענגליש.

— און דאָרטן וועל איך זיך אויסלערנען ענגליש, פאַרקויפנדיק הערינג צו די יידישע יאַכנעס?

— ניין, ניט דאָרטן. ענגליש ווּעסטו זיך אויסלערנען אין שול. בייטאָג ווּעסטו אַרבעטן, אין אָונט ווּעסטו גיין אין שול.

— אויף דער נאַכט דאַרף מען גיין אין קינאָ, אין טעאַטער, ניט זיצן און לערנען.

— ביסט אַנדערש ניט געווּוינט, מיין שוועסטער?

— אודאי. וואָס דען, ווי איר געלע . . . אָפּגעאַרבעט דעם טאָג, געקומען אַהיים און מ'זיצט דאָרט ביזן שלאָפן גיין? אין וואַרשע זיינען מיר צוויי דריי מאָל אַ וואָך געגאַנגען אין אילוזיאָן, אין טעאַטער . . .

לערנער איז אַזש אויפגעשפּרונגען פון שטול. — דאָ, מיין שוועסטער, איז ניט וואַרשע, דאָ איז אַמעריקע, און אין אמעריקע, שוועסטער מיינע, אַז מ'וויל עסן דאַרף מען אַרבעטן, פאַרשטייסט? מאָנטיק ווּעסטו גיין צו דער אַרבעט.

לאה איז, ניט זאָגנדיק אַ וואָרט, אַוועק צו זיך אין שלאָפצימער, לערנער האָט גענומען אַרומשפּאַנען הין און צוריק.

פון דער שוועסטער האָט לערנער קיין נחת ניט געהאַט, דערפאַר אָבער אין דער מאַמע האָט ער זיך גאָרניט געקענט זאַט אָנקוקן. די קנייטשן אויף איר פרי פאַרעלטערטן פּנים — ריטשקעלעך, וואָס האָבן געשטראָמט מיט פרייד. זי האָט הנאה געהאַט פון דער באַלעבאַטישקייט און מיט אירע הענט פאַרטריבן דעם דלות פון שטוב. די פאָרהאַנגלעך, וואָס זי האָט אויפגעגנייט, אָנגעטון אויף די פענסטער, האָבן געפלאַטערט מיט פרייד; די נאַקעטע דילן, אָפּגעוואַקסט, אָפּגעפּאָלירט, האָבן געשיינט ווי די שפּיגלען; די גראַמע קיך — איר קיניגרייך, ווו זי האָט, מיט דער הילף פון איר געטרייען דינער, דעם אויוון, אַרויסגעכשופט די געשמאַק־סטע געריכטן, די פיינסטע געבעקסן, און זי האָט הנאה געהאַט אי פונם צוגרייטן דאָס עסן, אי פון „אוגאָדען” איר זון.

— עסיק פלייש האָסטו דאָך ליב, טאָ נעם נאָך אַ שטיקל. נעם, נעם, אָסור מיר אויב ס׳וועט דיר שאַטן.

ווי זי געדיינקט עס זיינע באַליבטע מאכלים. — מאַמע! דיין עסיק פלייש איז טעם גן עדן, אָבער כ׳קען ניט מער, אויף מיין וואָרט ,איך קען ניט, זעסט׳אָך, נאָך איבערגעלאָזט.

— איך זע, איך זע. אוי, מיין קינד, וואָלסט באַדאַרפט זען ווי מענטשן עסן. אויסגעווישט דעם טעלער, אַז מ׳האָט אים פאַרשפּאָרט שוין וואַשן.

— ווי אָפט האָט מען עס געווישט דעם טעלער?

— דאָס, זעסטו, איז שוין געווען ווי גאָט האָט געגעבן. געווען טעג, וואָס טעג? וואָכן גאַנצע, ווען מ׳האָט געדאַנקט גאָט אַז מ׳האָט געקראָגן אַ פּיסנע שטיקל ברויט. ווער האָט עס געחלומט פון אַזוינע מאכלים ווי דאָ? אַ טייערע מדינה אַמעריקע, אָבער אַן אויסבריינגערישע, מיט דעם וואָס מען וואַרפט דאָ אַרויס וואָלט מען געקענט שפּייזן אַ וועלט, אַ וועלט אַ גאַנצע וואָלט מען געקענט שפּייזן. ווילסטו טאַקע ניט מער? אָבער אַ גלאָז טיי? אָפּגעבאַקן מאָן קאָרזשיקלעך . . . — איר שמייכל דערביי: נאַשער מיינער, ד ע ם יצר הרע וועסטו שוין ניט ביישטיין.

אפילו דאָס געדיינקט זי. צוליב דעם אַליין וואָלט ער איר באַדאַרפט „אַ טובה טון”, טרינקען, עסן אַ קאָרזשיקל, ער קען אָבער ניט. — לאָזן די טיי מיט די קאָרזשיקלעך אויף שפּעטער. זיך אָנגעגעסן ביז אַהער אָ, — האָט ער אָנגעוויזן מיטן פינגער אונטערן נאָז.

גלייך נאָכן עסן האָט די שוועסטער זיך אויפגעהייבן, אַרויסגעגאַנגען.

די מאַמע האָט צוגענומען פון טיש, האָט ער פאָרגעלייגט איר העלפן ביים וואַשן די כלים, איז ניט וואַשן, אָבער ווישן!

זי האָט אים שיר ניט אַרויסגעטריבן פון קיך. — וואָס זאָגסטו ניט אויף אים, ער'ט מיר העלפן. מ'שטיינס געזאָגט, דאָס גרויסע געפּעס. גיי, גיי! לייג זיך צו, רו זיך אָפּ.

לערנער איז געזעסן אויפן וויג־שטול, געלייענט, געהערט ווי די מאַמע פּאָרעט זיך אין קיך. ער האָט שוין געוווּסט, ניט נאָר צעוואַשט זי דאָס געפּעס, זי שייערט און פּוצט דעם אויוון, אַזוי יעדן טאָג, אַ באַלעבאָסטע אַ צוכט, אפילו דעם דלות . . . ראַמט זי אויס. ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן, אַריינגעקומען, האָט ער אַ פרעג געטון: — זיך שוין אופּאָרעט מיט דער גאַנצער אַרבעט?

— דאָס רופסטו אַרבעט? אַזאַ אַרבעט אויף אַלע מיינע ליבע געזאָגט געוואָרן. ווען איך דערמאָן זיך אָן דעם וואָס דאָרטן איז געווען . . .

— געווען שווער?

— מיינסט די אַרבעט? די אַרבעט האָט מיך ניט געאַרט. קיינמאָל ניט געווען קיין פּאַניענקע. דער טאַטע, אַ ליכטיקן גן עדן זאָל ער האָבן, ווייסטו דאָך, איז קיינמאָל ניט געווען קיין גוואַלדיקער פאַרדינער, אַז מער ווי זיבן אַכט יינגלעך האָט ער ניט געוואָלט נעמען, מלחמה צייט האָט ער פון די אַכט יינגלעך געהאַט נאָך ווינציקער, דער האָט ניט געקענט צאָלן דעם שכר לימוד, דער האָט ניט געוואָלט צאָלן, אָבער כל זמן ער האָט געלעבט איז נאָך געווען סיאַק טאַק, זיך ווי ס'ניט איז אַן עצה געגעבן, געניית אַ ביסל וועש פאַר די פּאָר גבירנטעס, נאָך געווען אַזעלכע, געהאַט זאָנעס אָן אַ שיעור, געאַרבעט זאָקן, וואָס האָב איך ניט געטון?

— און לאה'קע, זי האָט גאָרניט געטון?

— מיר אַרויסגעהאָלפן צו ביסלעך . . .

לערנער האָט געהערט, די מאַמע האָט ניט אַזוי געענטפערט ווי פאַרענטפערט די שוועסטער. דאָרט אויך מסתמא ניט געוואָלט עפּעס טון, ניט אומזיסט האָבן זיך אַלע צרות אויסגעלייגט אויף דער מאַמעס פּנים. די מאַמע, אָט ווי זי וואָלט געכאַפּט זיינע מחשבות, האָט אים אַ צי געטון צוריק. — אַז דער טאַטע איז געשטאָרבן, געבליבן אַליין מיט לאה'קען, זי אַ מיידל צו לייטן, קיין מאַנסביל אין שטוב איז נישטאָ, און דאָ האַלט מען יעדן טאָג די נשמה אין האַנט, אַז היינט איז איין מלוכה, מאָרגן אַן אַנדערע, יעדן טאָג האָט מען ממש געשפּילט מיטן לעבן, מ'האָט געראַ־בעוועט, געהרגעט, וואָס ניט? . . . ווען די שטאָט איז אַוועק מיטן פייער,

האָבן יידן גענומען לויפן, דער קיין זשיטאָמיר, צו די גדולים, די באַל־שעוויקעס, ביי זיי איז געווען שטילער, מ׳האָט כאָטש ניט געהרגעט אין די גאַסן, דער איז געלאָפן קיין ראָוונע, ווייטער צו די פּאָליאַקן, אַז אָך און וויי ווי ס׳איז געווען ביי זיי, אָבער פון דאָרטן, האָט מען געשמועסט, קען מען שוין ווי ס׳ניט איז זיך דערלאַנגען קיין וואַרשע, אויפן וועג קיין אַמעריקע . . . האָב איך זיך אויפגעהייבן, גענומען לאה׳קען און זיך געלאָזט אויף גאָטס באַראָט. און גאָט האָט געהאָלפן, מיר האָבן ווי עס איז זיך דערשלעפּט ביז ראָוונע. געקומען אַהין, זיך דערשלאָגן צום קאָמיטעט, האָט מען מיך די ערשטע זאַך געפרעגט: צי האָב איך קרובים? קרובים. אַ זון! נו, ווייסטו דאָך, האָבן מיר דיר אָנגעשריבן דעם ערשטן בריוו. אָבער דאָרטן זיצן האָט מען ניט געקענט. גיי זיך אויף אַ פרעמדער פור. געקראָגן די ערשטע ידיעה פון דיר, די פּאָר דאלער, האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזט קיין וואַרשע. דאָ איז שוין געווען נישקשה, מיטן לעבן איז מען געווען זיכער, דו האָסט צוגעשיקט געלט, אָבער איך האָב זיך געפילט ווי אויף אַ וואָקזאַל, מיר ניט איינגעגאַנגען דאָס לעבן דאָרט, מיר איז אויסגעגאַנגען דאָס חיות נאָך אַ שטיקל היים, איז טאַקע אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען אַז איך קען זיצן דאָ אין מיין אייגענער היים און דאָס אַלץ דערציילן אין אַ גוטן אופן. מיר איז, דוכט זיך, נאָך קיינמאָל אַזוי גוט ניט געווען. זאָג מיר אָבער, פאַרוואָס ביסט־ו אַלע מאָל אַזוי פאַרטראַכט, אָדער דו לייענסט, אָדער דו שוויגסט סתם אַזוי, וואָס איז דיר, מיין קינד?

— גאָרניט, מאַמע, וואָס זאָל זיין?

— וואָס זשע זיצסטו אַלע מאָל איינער אַליין, האָסט גאָר ניט קיין פריינט, באַקאַנטע, בחורים, מיידלעך?

די מאַמע וויל שוין זען נחת אין מיר, האָט לערנער אַ טראַכט געטון און געשמייכלט.

— כ׳האָב גענוג באַקאַנטע, פריינט, האָסט׳אָך געזען, אַ פּאָר זיינען דאָ געווען.

— טאָ פאַרוואָס גייסטו ניט אין ערגעץ, זיצסט אַלע מאָל אין שטוב און לייענסט, ווי ווערט עס דיר ניט נמאס? מ׳גייט זיך ערגעץ דורך . . .

— ניטאָ וווהין צו גיין, מאַמע.

— נאַדיר גאָר ניטאָ. ביסט׳אָך אַ יונגער מענטש, מ׳גייט אין גאַס, אין טעאַטער, צי ווו. איך בין שוין אַן אַלטע יידענע און בין אויך געווען אין טעאַטער.

— ווו ?

— ניט דאָ. אין וואַרשע. דאָרט האָט מען געשפּילט אַ דיבוק. וואָס זאָל איך דיר זאָגן, קינד און קייט איז געגאַנגען, אַ דיבוק האָט זיך אַרייַנגעכאַפּט, האָט לאה זיך צוגעטשעפּעט צו מיר איך זאָל נאָר גיין, אָט ווי אַ קלעק האָט זי זיך צוגעטשעפּעט, בין איך געגאַנגען.

לערנער האָט אַ שמייכל געטון. — טאָ ווי איז דיר געפעלן געוואָרן „דער דיבוק״ ?

— כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת, די מעשות וועגן אַ דיבוק, אַ גלגול, האָב איך נאָך געהערט ווען איך בין געווען אַ קינד, אָבער די מעשה מיטן ישיבה בחור, מיט דער חתונה . . . הייַנטיקע צייטן הערט מען שוין ניט פון אַזעלכע זאַכן, אָבער דער עולם האָט געלעקט די פינגער, האָב איך מיר געטראַכט: וואָס ווייס איך ? איך בין דאָך שוין אַן אַלטע יידענע. מער בין איך שוין אין טעאַטער ניט געווען. איך קען דיר נאָר זאָגן, אַז פון גיין אין שול אַריין שבת האָב איך דאָ מער הנאה, אַ גוטער חזן און אַ פיינער רב, און ס׳איז דאָ דערבײַ, דאַרף ווייט ניט גיין, ווען איך שעם זיך ניט וואָלט איך געגאַנגען יעדן טאָג . . . — מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל האָט זי צוגעגעבן — מענער איז נאָך, ווי עס איז, דאָ אַ מנין, ווייבער, וואָלט איך אפשר געווען די איינציקע. דאַוון איך אין דערהיים.

— האָט זי עטוואָס טראָציק פאַרענדיקט און, ווי אַוועקצוגיין פונם דאַווענען, אַ פרעג געטון — נו, וועסט אפשר איצטער טרינקען דיין גלאָז טיי ?

— נו גוט, גיי שטעל אַרויף וואַסער.

די מאַמע איז אַרויסגעגאַנגען, לערנער איז געזעסן און געטראַכט וועגן „דיבוק״, דער מאַמע אין טעאַטער, די שול, ווי ער האָט דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. ער איז געגאַנגען עפענען.

— אה! העללאָ.

— העללאָ, לערנער!

צוויי יינגלעך, חברים, האָבן ביים שפּילן זיך צעריסן. חלילה זיך ניט געשלאָגן, אפילו ניט געקריגט זיך, אָבער זיך צעגאַנגען אָנגעדרודלט איינער אויפן צווייטן און נאָכדעם האָט יעדער איינער געטראַכט אַז איבערבעטן דאַרף ער מ י ך, ביידע שטאָלצע עקשנים, האָט איינער ניט געוואָלט קומען צום צווייטן, ביידע האָבן אָבער געבענקט זיך טרעפן צופעליק, דער צופאַל איז אָבער ניט צוגעפאַלן. לערנער מיט גאָרדאָנען — די נאָענטסטע חברים, פריינט טאַקע, אָבער ביידע — בחורים, איז איינער קיינמאָל ניט געגאַנגען צום צווייטן אין צימער, מ׳האָט זיך גע־

טראָפן כמעט יעדן טאָג ביי דער הילפס אַרבעט, אין רעסטאָראַן. זינט לערנער איז אַוועקגעגאַנגען פון דער אַרבעט, אַרויסגעגאַנגען מיט אַ „קלאַפּ אין טיר", טיילוויז טאַקע צוליב גאָרדאַנען, האָבן זיי זיך מער ניט געזען, לערנער האָט ניט אַריינגעשמעקט אין ביורא פון דעם הילפס קאָמיטעט און אין רעסטאָראַן, ווו מ'פלעגט פריער עסן צוזאַמען, האָט ער אויפגעהערט גיין, פריער ווייל ער האָט טאַקע ניט געוואָלט טרעפן גאָרדאַנען, נאָכדעם ווייל די מאַמע איז געקומען. מיט בערנשטיינען, נאָך אַ פּאָר חברים האָט ער זיך יאָ געטראָפן, זיי האָבן אים איבערגעגעבן וואָס עס טוט זיך . . . זיי זיינען אויך געקומען „זען די גרינע", געבראַכט אפילו אַ פּאָר שמאָכטעס אין הויז אַריין, אַ וואַזאָנע, אַ וואַזעלע, גאָרדאַן האָט זיך ניט געוויזן. דאָס האָט שוין לערנערן פאַרדראָסן: ע ר איז נאָך ברוגז? און אַ ז ו י ברוגז! איצט, ווען גאָרדאַן איז שוין יאָ געקומען, איז ער געווען צופרידן, אי וואָס ער איז געקומען, אי וואָס געקומען איז ע ר, דער פאַרדראָס איז אָבער ניט פאַרשוווּנדן אינגאַנצן, איז אַרויסגעקומען דער צופרידענער אויסרוף „אה"! און אַ פאַרעוועער „העללאָ", ניט געזאָגט דעם נאָמען, אויך ניט דערלאַנגט די האַנט. גאָרדאַן האָט אפילו געזאָגט: העללאָ, לערנער, אָבער די האַנט אויך ניט דערלאַנגט.

— געהערט, האָסט געסט.

— יאָ, די מאַמע מיט דער שוועסטער געקומען.

ביי די ווערטער איז די מאַמע אָנגעקומען פון קיך. זי האָט געהאַט בדעה זאָגן: באַלד זיין טיי, דערזעענדיק אַ פרעמדן, האָט זי שוין גאָרניט געזאָגט. — מיין מאַמע, — האָט לערנער פאָרגעשטעלט. — דאָס איז מיינער אַ פריינט, מר. גאָרדאַן.

די מאַמע האָט אַ נייג געטון דעם קאָפּ, גאָרדאַן האָט זיך אַ ישוב געטון: דערלאַנגען די האַנט אָדער ניט, און אויך אָפּגעקומען מיט אַ נייג פון קאָפּ. אָט די שטומע פאָרשטעלונג האָט געשאַפן עפּעס אַ שווייגנדיקן עיגול אַרום די דריי מענשן, ער האָט זיי איינגעשלאָסן, אָבער ניט דערנעענטערט, אַלע דריי האָבן זיך דערפילט ענג. די מאַמע האָט דורכגעבראָכן דעם עיגול, אַ זאָג געטון: באַלד זיין טיי, און אַוועקגעגאַנגען צוריק אין קיך.

— געזען בערנשטיינען, האָט ער מיר דערציילט . . .

— יאָ, ער איז דאָ געווען.

— ניט געוווּסט. ער האָט עס מיר געזאָגט . . . — גאָרדאַן האָט עפּעס ניט געפונען קיין ווערטער. לערנער האָט געזען זיין פאַרלעגנהייט

און מיט בייזער הנאה אַ פרעג געטון: — איז וואָס פאַר אַ דיפּלאָמאַטישע מיסיע האָט עס דיך געבראַכט אַהער?

— וואָס אַזאַ פריינטלעכער קבלת פּנים? — דער גרוי אין גאַרדאַנס אויגן האָט האַרט אַ בלישטשע געטון.

— ביסט'אָך ניט געקומען זען מיינע געסט? — האָט לערנער ווייטער געשטאָכן.

— איך בין געקומען . . . מעג איך זיך צוזעצן?

— אָה, אַנטשולדיק, אַנטשולדיק! — לערנער איז אַזש רויט געוואָרן.

— איך . . .

— דאַרפסט זיך ניט פאַרענטפערן, — האָט גאַרדאַן אַ זאָג געטון מיט אַ שמייכל. — איך וועל דיך לאַנג ניט האַלטן. איך בין געקומען . . . מיר הייבן אָן אַ נייע אַרבעט, וויל איך דו זאָלסט זי איבערנעמען.

לערנער האָט אפילו ניט געפרעגט וואָס פאַר אַן אַרבעט. — וואָס איז מיט נעמענאַוון?

— ער איז, ווי דו האָסט געזאָגט, אַ גוטער בוכהאַלטער, אַ פּייאיקער קלערק, אָבער צו ד ע ר אַרבעט דאַרף מען אַ מ ע נ ט ש ן.

— אַ טשינאָווניק . . .

— דיר, קענטיק, גוט אַריין אין נאָז.

— דער שנאַל איז געווען אַ גאַנץ שאַרפער, אָבער ער איז מיר זייער גוט צונויץ געקומען.

— וואָס מיינסטו מיטן צונויץ געקומען?

— דער פּולווער איז שוין געליגן, דער שנאַל איז געווען דאָס שוועבעלע.

— הער, לערנער! אפשר קענען מיר אויסקומען אָן משלים?

— גערעכט. אָן משלים מיינט עס אָט וואָס: אַז איך האָב לכתחילה ניט געוואָלט אָננעמען די אַרבעט ווייסטו. דו האָסט מיך צוגערעדט, איך האָב אויך געטראַכט אַז אפשר דאַרף מען טאַקע, עס האָט אָבער לאַנג ניט גענומען און איך האָב אויסגעפונען אַז . . . אין דאַווענען איז ערגעץ דאָ „וכל מי שעוסקים בצרכי ציבור באמונה הקב"ה ישלם להם שכרם". איז אַזוי, פאַרלאָזט מען זיך אויפן הקב"ה, ע ר זאָל באַצאָלן, קען מען נאָך טון די אַרבעט באמונה, ווען מ'הייבט אָבער אָן קריגן יעדע וואָך אַ טשעק דערפאַר, גייט די אמונה אַוועק, עס ווערט אַן אמנות, אַ מלאכה, אָדער גאָר אַן עסק, ווי אַלע עסקים. איז וואָלט איך געווען אַן אמן, אַ

קינסטלער, וואָס האָט הנאה פון דער אַרבעט גופא, וואָלט נאָך געווען צו דערליידן, בין איך דאָס אָבער ניט געווען . . .

— וועגן דעם קען איך אויך עפּעס זאָגן.

— אודאי קענסטו. האָסטו דאָך מיך געפּרוווט לערנען: ניט רעפּאַרמירן, נאָר עקספּלואַטירן . . . איך געדיינקט עס גאַנץ גוט, אפשר געטון אויך, ס'איז אָבער ניט געגאַנגען. איך רעד שוין ניט וועגן קינסטלער, נאָר אפילו דער גוטער בעל מלאכה, דער „סאָשל וואָרקער", ער ווייסט אַז ער דאַרף אַלע מאָל שמייכלען, זאָגן יאָ, טון קען ער פּונקט פאַרקערט, זאָגן זאָגט ער יאָ, ווייל דער קונה . . . איז אַלע מאָל גערעכט. איך האָב אפילו דאָס ניט געקענט. מיך האָט פאַרדראָסן דער מרס. זיפּס קישעלע, דעם מר. סיימאַנס טיש; מר. סיגעלס בילד און מר. לעמקינס קאַלאַקאַטקע; איך האָב ניט געקענט קוקן אויף זיי, איך בין אָבער ניט אַוועקגעגאַנגען. ווייסטו פאַרוואָס? איצט קען איך עס זאָגן — זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו דער שטעלע. פאַרשטייסט, אַ ש ט ע ל ע. נו, ביסטו געקומען מיט דיין „טשינאָווניק" און איך האָב זיך געכאַפּט אַז דו ביסט גערעכט. אַז קיין אמונה ניט, קיין אמנות אויך ניט, וואָס בלייבט, אויב ניט אַ טשינאָווניק? אָבער בלייבן אַ טשינאָווניק, דאָס איז שוין געווען אַ ביסעלע צופיל פאַר מיר. בין איך אַוועקגעגאַנגען, און גיין צוריק, דאָס ניט! זיין אַ פּראָפעסיאָנעלער רחמנות האָבער איז ווי זיין אַ פּראָפעסיאָנעלער ליבהאָבער . . .

— אַ פּראָפעסיאָנעלער רחמנות האָבער. דאָס ערשטע מאָל אַז איך הער עס. אַלץ וואָס דו האָסט געזען אין דער אַרבעט איז רחמנות?

— ווי זאָל איך דיר זאָגן? געטראַכט וועגן דעם אַ היפּש ביסל. מיר — איך, דו, אונדזערע יידן — האָבן געקוקט מיט ביטול אויף די יאַהודים מיט זייער פילאַנטראָפּיע . . . מיר טוען דאָך נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע אַרבעט. אַ שמץ אמת איז דאָ אין דעם, בעסער געזאָגט, איז געווען אין דעם, לכתחילה איז אונדזער צוגאַנג געווען אַן אַנדערער פון זייערן, איך האָב אָבער אויסגעפונען אַז וואָס די יאַהודים האָבן געטון נעכטן טוען מיר היינט אָדער וועלן טון מאָרגן. זייער פילאַנטראָפּיע — רחמנות מיט אַ שמייכל, דער שמייכל פונם גביר צום קבצן, פון אויבן אַראָפּ; אונדזער הילפס אַרבעט — רחמנות מיט אַ קרעכץ; זייער פילאַנטראָפּיע — אַ געמיש פון מאה און דעה, אונדזער פאָלקס הילף — אַ געמיש פון גראָשן און לשון. זיי גיבן די גרויסע געלטער און ווילן זיין די באַלעבאַטים איבערן יידישן לעבן; מיר גיבן אַ גראָשן און גייען אַרויס מיט לשון, אויב

ניט זיין קיין באַלעבאַטים, דאָס לאָזן זיי ניט, איז כאָטש זיך לאָזן הערן אויף דער יידישער גאַס. געדיינקסט, ווען איך האָב זיך געקאָכט וועגן די לאַנדסלייט פאַראייגען מיט זייער הילף, האָסטו מיר אַ זאָג געטון „ווען איך קען דיך ניט וואָלט איך געטראַכט אַז דאָס רעדט אַ געשעפטסמאַן וועגן זיינע קאָנקורענטן״. געדיינקסט? איז אַזוי, אָדער דו האָסט מיך טאַקע ניט געקענט, אָדער האָסט היינטאַרום מיר געוואָלט אַ שטאָך טון און, איך מוז דיר זאָגן, איך האָב דעם שטאָך כשר פאַרדינט, ג ע וו ע ן אָט דער קאָנקורענץ געפיל, געוואָלט זיין דער איינציקער ייד אויפן יאַריד. עס אַרבעט זיך שוין אויס אַזאַ געדאַנקען גאַנג, ביי די יידן אַזוי גוט ווי ביי די יאהודים, מער ניט, זיי, חוץ דעם וואָס זיי האָבן דאָס געלט, קענען זיי אויך בעסער די מלאכה, זיי זיינען לכתחילה צוגעגאַנגען צו דעם עסק אָן אמונה, דערפאַר אָבער מיט אמנות, זיי האָבן די ריכטיקע פּראָפעסיאָ־נאַלן, און ווילסטו אַ פּראָפעסיאָנאַל, אַן אמתן, אָט דעם מיטן שמייכל, ווענד זיך צו זיי. אַ פּראָפעסיאָנעלער קרעכצער, דאָס טויג ניט, עס גראַמט זיך ניט . . . ניט אומזיסט זאָגן יידן אַ קהלשע קליאמקע . . . דאָס קלינגט בעסער, אמתדיקער.

— לערנער! פאַרדריסט מיך באמת צו הערן ווי דו רעדסט. איך האָב זיך משער געווען אַז ביי דיר האָט זיך אָנגעקליבן אַ היפּש ביסל פאַרדראָס, אָבער אַזוי פאַרביטערט . . . איך בין געווען אונטערן איינ־דרוק אַז מ י ט דעם אַלעמען האָסטו פאָרט ליב מענטשן. איצטער אָ . . .

— „האָסט ליב מענטשן״. נו יאָ, פיל־אַנטראָפּיע. וויל איך דיר זאָגן אַז אָט די פיל־אנטראָפּיע, די ליבע צו מענטשן, וואָס מענטשן מעלה גירהן אַזוי געשמאַק, איז במחילה אַ גרויסער ליגן. הערסט? אַ ליגן! יאָ, איך האָב ליב מענטשן . . . פון דער וויטן. פון דער נאָענט? צוויי, דריי, אפשר פינעף. — שיר שיר האָט ער ניט אַרויסגעזאָגט: אפילו מיין שוועסטער האָב איך ניט ליב. — די איבעריקע צוויי ביליאָן לאָז איך פאַר די פילאַנטראָפּן.

— און וואָס דיינקסטו אויפטון מיט דיין מיזאַנטראָפּיע?

— מיזאַנטראָפּיע איז פונקט אַזאַ פאַלש וואָרט ווי פילאַנטראָפּיע, איינער קען רחמנות האָבן אויף אַ מענטשן, ניט ווייל ער האָט אים ליב און איינער קען ניט רחמנות האָבן, ניט ווייל ער האָט אים פיינט. ביי מיר, ווידער, איז נתון תתן — דאָס יאָ, אָבער ואהבת? זאָגן איז דאָס זייער גרינג, פּראַקטיצירן, איין מענטש ווייסט דעם אמת, איז זייער שווער.

— איז וואָס דיינקסטו יאָ פּראַקטיצירן?

— „אַכטונג געבן אויף מיין אייגענעם ווייננאַרטן".
— טוסט עפּעס?
— דערווייל אַרבעט איך. טראַכט וועגן אַנדערע זאַכן, אָבער די הוצאה איז פאַרגרעסערט געוואָרן, פאַרבאָדן אין חוב, אַזוי, אַז איך ווייס ניט . . .
די מאַמע איז אַריינגעקומען. — די טיי איז פאַרטיק. קומט, מר. גאָרדאָן, וועט איר טרינקען מיט אונדז.
— איר׳ט מיר אַנטשולדיקן, אָבער איך קען ניט.
— גייט שוין גייט, אַ גלאָז טיי קענט איר ניט טרינקען?
— אויף מיין וואָרט, איך קען ניט. וואָלט זייער געוואָלט, אָבער . . .
— מאַך זיך ניט נאַריש, קום טרינקען אַ גלאָז טיי! — דער חברישער רוף אָן אָנצוהערעניש: „פּאָליטיק" קען זיך זיין פּאָליטיק, מיר זיינען דאָך אָבער ח ב ר י ם, פ ר ײ נ ט . . .
— איך קען ניט, לערנער. פאַרשטייסטו מיך, מיר האָבן היינט אַ זיצונג, פאַר דער זיצונג האָב איך נאָך אַ קאָמיטעט מיטינג, דאָס האָב איך עס געדאַרפט צוגיין צו דיר, ברייננען אַ באַריכט. בריינגען וועל איך, ווייסטו דאָך שוין וואָס, אָבער גיין מוז איך. — צו דער מאַמע. — האָט קיין פאַריבל. אַריינקומען אַן אַנדערש מאָל.
גאָרדאָן איז אַוועקגעגאַנגען, לערנער האָט זיך געזעצט טרינקען טיי מיט דער מאַמע. זי האָט אים געפרעגט וועגן גאָרדאָנען. — ער איז מיינער אַ גוטער פריינט, שוין פון יאָרן און יאָרן.
— טאָ וואָס אַזאַ איילעניש אויף אים? געקומען און אַנטלאָפן.
— האָסט׳אַך געהערט, ער האָט געדאַרפט אַוועקגיין.
— איז וואָס איז ער געקומען? ער האָט עפּעס געוואָלט?
— ער האָט געוואָלט איך זאָל גיין מיט אים . . .
— טאָ פאַרוואָס ביסטו ניט געגאַנגען? ניט צוליב מיר, חלילה? האָסט מורא מיך לאָזן אַליין?
— צוליב דיר? — לערנער האָט אַ קוק געטון אויף איר, אַ שמייכל געטון. — ניין, מאַמע, דאָס האָט גאָרניט צו טון מיט דיר. איך אַליין . . . דו דאַוונסט דאָך יעדן טאָג, איך האָב שוין לאַנג ניט געדאַוונט, אָבער כמעט יעדן טאָג זאָג איך אַשרי יושבי ביתך . . . אַזוי ווויל איז צו דעים, וואָס זיצט אין דר׳היים . . .
— אַי, מיין זון, אַמאָל זיצט מען אַזוי לאַנג ביז מע ווערט פאַרזעסן...
די מאַמע האָט זיך אירס אינזינען . . . ער האָט אַ שמייכל געטון.

— מאַמע! דאָס זאָל זיין דיין לעצטע דאגה. מיר יידן האָבן, אַ דאַנקען גאָט, ניט קיין מאָנאַסטיר.

— מאָנאַסטיר! גאָט באַהיט! ווער רעדט פון מאָנאַסטיר?

— איך מיין, איך האָב זיך נאָך ניט אויסגעטון פון דער וועלט.

— ער האָט גענומען מישן די טיי מיטן לעפעלע, געקוועטשט מיט דעם דאָס ריפטל לימענע, דערביי גערעדט. — עס קומט אָבער אַ צייט . . . ווען אַ מענטש דאַרף זיך אַוועקזעצן איינער אַליין אַ טראַכט טון: ווו בין איך, ווו האַלט איך אין דער וועלט? וווהין זאָל איך גיין, נאָך וואָס, צוליב וואָס? — אַ שטאַרקערן קוועטש דאָס שטיקל לימענע, אַרויסגענומען דאָס לעפעלע, אַ זופּ געטון טיי און אַ זאָג געטון — זיך אַרומקוקן, וועלן מיר זען.

די מאַמע האָט נאָכגעפאָלגט מיט די אויגן זיין דרייען מיטן לעפעלע אין גלאָז און איר האָט זיך געדוכט אַז איר זון רעדט ניט צו איר, דאָס רעדט ער גאָר צו דער גלאָז טיי, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, ער „וואָראָזשעט" איבער דעם.

— הם! די קאָרזשיקלעך . . . טעם גן עדן!

דער „קאָמפּלימענט" איז איר געפעלן געוואָרן. זי האָט געזען זיין שמייכל. איצט האָט ער שוין טאַקע גערעדט צו איר, האָט זי אויך אַ שמייכל געטון, איר פאַרזאָרגטער קוק האָט אָבער געזאָגט: רעדסט מיר עפּעס פאַרשטעלטע רייד. עפּעס קוועטשט דיר. וואָס אַזוינס? זי האָט אָבער גאָרניט געפרעגט.

און לערנער האָט מער גאָרניט געזאָגט.

שטילע וואַסער

אַמעריקע — אַ גאָלדענע מדינה, אין דער גאָלדענער מדינה — אַ גאָלדענער שטאַט, און וויל ווערן שאַרן גאָלד, טאַקע שאַרן גאָלד, זהב טמא, גלייך פון דער ערד, זאָל ער גיין, זאָל ער לויפן אין יענעם גאָלדענעם שטאַט — קאַליפאָרניע. איז מען געלאָפן. ווער מיט פערד און וואָגן, ווער מיט אָקסן פּאָטשט, יונג און אַלט, גוי און אויך ייד — גאָלד!

ניט יעדער איינער, וואָס איז געלאָפן האָט טאַקע געפונען אַ גאָלדענעם אוצר אין די שטיינערנע בערג אָדער שטראָמיקע וואַסערן, מער ווי איינער האָט געפונען אַ קאַלטן קבר אין די זאַמדיקע טאָלן, עס איז אָבער אַנטדעקט געוואָרן די צווייטע אַמעריקע — קאַליפאָרניע.

„לאָז זיך צום מערבֿ, מיין זון״! האָבן געראָטן די ניו יאָרקער שטאָטטאַטעס, און די זין האָבן געפאָלגט, גענומען זיך ציען צום גאָלדענעם מערבֿ. דער „גאָלדענער טויער״ איז געווען סאַן פראַנציסקאָ. דורך יענעם טויער זיינען אַריינגעפאָרן און אַרויסגעפאָרן שיפן פון דער גאָרער וועלט, מיט די שיפן זיינען געקומען מענטשן אַזש פון כינע און יאַפּאַן, סאַן פראַנציסקאָ איז געוואָרן ד י שטאָט. עס האָבן אָבער אויך אָנגעהייבן פאָרן באַנען, מיט די באַנען זיינען געקומען מענטשן, פון ניו יאָרק, פון שיקאַגאָ, אַנדערע שטעט, און ז י י האָבן זיך אויך געצויגן צום מערבֿ, נאָר צו דרום מערבֿ, קיין לאָס אַנגעלעס. קיין גאָלד איז דאָרטן נישט געווען, דערפאַר אָבער זיינען דאָרטן געוואָקסן די „גאָלדענע עפּל״ — מאַראַנצן, אַזוי גוט ווי גאָלד. יענע האָבן ג ע ג ר אָ ב ן גאָלד, מ י ר וועלן ר י י ס ן גאָלד.

די קליינע צאָל יידן האָבן קיין גאָלד ניט געריסן, קיין מאַראַנצן פּלאַנטאַציעס האָבן זיי ניט געפלאַנצט, געציילטע מענטשן האָבן גענומען האַנדלען מיט די גאָלדענע עפּל, שיקן זיי אין גאַנצע וואַגאָנעס צום „מזרח״, די מערסטע יידן האָבן געפעדלט מיט זיי, ווער עס האָט געקויפט, ווער עס האָט געדונגען אַ פערד און וואָגן און: „אָראַנזשעס! אָראַנזשעס! אַ ניקל אַן עמער!״

צענדליקער יאָרן אַזוי. די גאָלדענע עפּל זיינען נאָך אַלץ געווען

עובר לסוחר, זייער גאָלדיקער גלאַנץ איז אָבער פאַרטונקלט געוואָרן: מ'האָט אין דער ערד געפונען פליסיק גאָלד — אויל, און אויל! אָהאָ!

„לריח שמניך טובים" — וויל צום גערוך זיינען דיינע איילן, אַזוי זינגט זיך אין שיר השירים. דער אויל פון דער ערד שמעקט ניט אַזוי גוט, אָבער דער ריח לאָזט זיך הערן גאַנץ ווייט, און בעת דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען אָט דער אויל ריח האָט זיך געלאָזט הערן, האָבן מענטשן, ניט דוקא פיינשמעקער, זיך ערשט אַ לאָז געטון שוואַליאַם, און דוקא קיין לאָס אַנגעלעס. אין דעם גרויסן שוואל זיינען אויך געווען אַ היפּש ביסל יידן. יידישע כוואַליעס האָבן געגומען שלאָגן, אַ כוואַליע פון דעטראָיט, אַ כוואַליע פון שיקאגא, ניו יאָרק, און אפילו פון קאנאדע.

האָט זיי פאַרשמעקט דער אויל? האָט זיי געלאָקט דער גאָלדענער עפּל? אָדער האָט זיי גאָר פאַרבלענדט דאָס ליכט פונם זילבערנעם לייוונט — די לעבעדיקע בילדער?

„קיין לאָס אַנגעלעס קומט מען אָדער מיט איין לונג אָדער מיט צוויי ווייבער". אַזוי איז געגאַנגען דאָס ווערטל אויף דער יידישער גאַס, און אין יעדן שפּאַס איז דאָ אַ שמץ אמת. לאָס אנגעלעס איז געווען אַ מקום מנוחה פאַר קראַנקע און אַ מקום מקלט פאַר אַנטלאָפענע, אָבער בלויז פאַר געציילטע, די מערסטע יידן זיינען געקומען ווייל כמה מעלות טובות למקום . . . לאָס אַנגעלעס. קודם — קלימאַט. אין לאָס אַנגעלעס שיינט די זון דריי הונדערט פינף און זעכציק טעג אַ יאָר. נו יאָ, אין לאָס אַנגעלעס פּאַסירט אויך אַ טאָג, אָדער ניט אויסגערעדט זאָל זיין, אַ וואָך אַ גאַנצע, ווען מ'קוקט זיך אויס די אויגן נאָך דער זון און מ'זעט בלויז אַ הימל פון גרויער קלאַטשע, אָבער דאָס איז „אומגעוויינלעכער וועטער", געוויינלעך איז עס — זוניקע קאַליפאָרניע.

די מעלה פון דער זוניקער קאַליפאָרניע איז, וואָס דאָ איז גרינג צו זיין אַ קבצן. אַז קיין קליידער דאַרף מען כמעט ניט, וואַרעם אין דרויסן, אַי, אין שטוב איז קאַלט, די פיס פרירן ממש אָפּ, און קיין באַהייצונג איז ניטאָ, אָבער אַ קיך אויוון איז דאָ, זיצט מען אין קיך. ניטאָ וואָס צו קאָכן? פּרוכט און גרינס איז דאָ? טאָ עס אַ פייג און שווייג. און ווער הייסט דיר זיין אַ קבצן? לאָס אַנגעלעס האָט די מעלה, וואָס מ'קען דאָ ווערן אַ גביר איבער נאַכט, היינט קויפט מען אַ שטיקל באָדן, מאָרגן פאַרקויפט מען עס און מע מאַכט דערביי אַ פאַרמעגן. נו יאָ, אין לאָס אַנגעלעס פאַרקויפט מען מענטשן „לאַטס" אויפן ים . . . אויל קוואַלן, וואָס שפּריצן מיט בלאָף . . . אָבער קיין פריצן פעלן אין ערגעץ נישט,

אויב מ׳האָט י ע נ ע ם אָפּגעפּריצעוועט איז אַ מצוה אויף אים, מ י ך וועט מען ניט אָפּפּריצעווען.

— ווער ביסט־ו?

די בעסטע מעלה — אין לאָס אַנגעלעס פרעגט מען דיך ניט ווער דו ביסט, פאַרוואָס דו ביסט געקומען. ביסט געקומען, ביסט דאָ, זיי דיר געזונטערהייד.

געפרעגט האָט מען טאַקע ניט, געוווסט האָט מען סיי ווי. די מערסטע ניי־געקומענע יידן האָבן זיך באַזעצט אין צפון מזרח טייל פון שטאָט, אין „באָיל הייטס", די גאַנצע געגנט אַ יידיש שטעטל פון לויטער לאַנדסלייט. האָט אַ שיקאַגאר ייד געהערט פון אַ דעטראָיטער יידן אַז ער איז געקומען קיין לאָס אַנגעלעס ווייל דאָ איז אַ בעסערע געלעגנהייט צו טון געשעפט, האָט ער עס נאָר באַדאַרפט איבערדערציילן פאַר נאָך אַ דעטראָיטער, האָט דער צווייטער שוין דערציילט וואָס פאַר אַ געשעפטן יענער האָט געדרייט ... אין דעטראָיט; האָט אַ דעטראָיטער ייד געהערט אַ שיקאַגאר יידן זאָגן אַז ער האָט שוין מער ניט געקענט פאַרטראָגן די שיקאַגאר ווינטן, האָט אַ צווייטער שיקאַגאר מגלה סוד געווען: די ו ו י נ ט ן האָט ער ניט געקענט פאַרטראָגן ... ער קען ניט כאַפּן דעם אָטעם! לונגען! וואָס דען? אַז אַ ניו יאָרקער ייד האָט געזאָגט אים איז נמאס געוואָרן ניו יאָרק, האָט אַ צווייטער ניו יאָרקער גלייך געגעבן זיין פירוש: אים איז נמאס געוואָרן די ווייב, געקומען אַהער אַ בחור ... און אַז אַ קליוו־לאַנדער האָט געזאָגט אַז אים האָט געצויגן קיין לאָס אַנגעלעס, האָט מען שוין פאַרשטאַנען אַז ער האָט אָפּגעצויגן פון קליוולאַנד מיט עמיצנס אַ ווייב. דער, וואָס האָט גאָרניט געזאָגט, מיינט דאָך עס אודאי אַז ס׳איז גלייכער ניט צו זאָגן, אַ נעלם, הייסט עס ...

אַזעלכע נעלמים־שוויגער זיינען געווען דער עיקר צווישן די יונגע לייט, בחורים אין מיליטער עלטער. די מיידלעך האָבן געקוקט אויף זיי מיט חשד, נייגיריקייט: נעלם געוואָרן, צי עפּעס אַ חסרון? אָבער אויך מיט גיריקייט: מלחמה צייט וואַלגערן זיך עפּעס בחורים, קלייב דיר אויס וועמען דו ווילסט? דו נעם בעסער וועמען דו קענסט.

געווען אַ כאָפּטיע בחורים און מיידלעך, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען, אַרויסגעפאָרן, פאַרבראַכט און זיך געהאַלטן צוזאַמען. לכתחילה איז עס געווען אַ לויזער מנין, וואָס האָט געדאַווענט בציבור, אַלע פינף־זעקס בחורים זיינען אַרומגעגאַנגען מיט אַלע פינף־זעקס מיידלעך, אינגיכן האָבן זיך גענומען אויספּיקן פּאָרלעך, דערביי האָט ניט געפעלט קיין פּיקעניש,

שטעכווערטלעך און סתם רכילות. אַזוי, למשל, האָט ציפּע איין מאָל אַ זאָג געטון צו מירלען: ווי האַלט עס מיט דיין קאַוואַליער?

— וועמען מיינסטו?

— וועמען איך מיין. מנשה!

— אָט דער אויסגעוויקטער הערינג!

מירלס ציגל איז געווען שאַרפער ווי אירע ציין. מיט דעם „אויס־געוויקטן הערינג" איז זי גאַנץ אָפּט אַרויסגעגאַנגען, האָט אפילו אָנגענומען קליינע מתנות פון אים און „די כאַפּטיע" איז ניט געווען אויסערן וועג ווען זי האָט זיי שוין באַטראַכט ווי אַ פּאָרל, זי אַליין האָט שוין אויך געטראַכט וועגן דעם. ער איז גאָר ניט אַזאַ אויסגעוויקטער הערינג, אינגאַנצן איז ער אפשר מיט צוויי צאָל העכער פון איר, מער ניט, זי איז ברייט־ביינערדיק, דער פּנים קיילעכיק, ער איז שמאָל אויפן ביין, דער פּנים, דער קאָפּ אַ לענגלעכער, קוקט ער אויס לאַנג און דאַר, אָבער ער איז ווייט פון צו זיין אַ מיאוסער, שטאַמט, קענטיק, פון אַן איידעלער משפּחה, האַלט זיך אַזוי פיין, סטאַטעטשנע, שוין צו סטאַטעטשנע . . . ציפּעס מוליע, ער איז אַ יונג מיט ביינער! יענער אַז ער לאָזט זיך אַוועק טאַנצן, טוט זי אַ דריי, פאַרדרייט זיך איר דער קאָפּ, דער קאָפּ פאַרדרייט זיך איר! איז דוקא ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף ציפּען. וואָס ער האָט אין איר דערזען, ווייסט זי ניט. אַ שיין פּנימל. און זי איז עס אַ פאַרזעעניש? נאָך אַזוי שיין ווי ציפּע, און ביי ציפּען ליגט דאָך דער נאַר אויסגעצויגן אויפן פּנים, אָבער מענער, דער גוטער יאָר ווייסט זיי, שׂכל גייט זיי ווינציק וואָס אָן ביי פרויען, זיי זוכן עפּעס אַנדערש . . . נו, אין דעם . . . קען זי זיך אויך פאַרמעסטן מיט ציפּען . . .

— מנשה איז אַ גאַנץ שיינער בחור, גייט שיין אָנגעטון . . .

— אָנגעטון איז ער גאַנץ שיין, ווי שיין איז ער אויסגעטון?

— דאָס האָב איך ניט געזען, — האָט ציפּע אַ לאַך געטון. — ער איז אַ ביסל דאַר. אַזוי שטעל איך מיר פאָר, — האָט זי אַ לייג געטון אַ דעקטוך אויפן נאַקעטן מנשה, וואָס זי האָט דערזען, — אָבער ער איז ניט קראַנק?

— זיין איינציקע קרייגק — ער ליידט פון קעלט. אַן אייז קאַסטן אויף צוויי פיס.

— נו, דו קענסט, דוכט מיר, צעשמעלצן אַן אייז־באַרג, זאָלסט נאָר וועלן.

— וויל איך טאַקע ניט, — האָט מירל טראַציק געענטפערט. אַ נייע

שדכנטע. דאָס וויל זי זיך באַוואָרענען זי זאָל ניט אויסכאַפּן איר מוליען. האָט אים אַריינגעכאַפּט, אים אפילו אַריינגעשלעפּט ער זאָל ווינען מיט איר אין איין הויז, כלומרשט אין באַזונדערע צימערן, מ'ווייסט שוין די מעשה. און ער, דוכט זיך אַ בחור אַ ברען, און לאָזט זיך. די מענער, ווייסט זיי דער גוטער יאָר, געדאַרפט געווען אים אַריינעמען אין די הענט פריער, דאָס ערשטע מאָל ווען זיי זיינען זיך צוזאַמענגעקומען ביי שיינדלען, מ'האָט געזונגען, געטאַנצט. אַ יידישער בחור זאָל אַזוי טאַנצן! האָט זיך אַוועקגעלאָזט אַ קאַזאַטשקע, האָט די שטוב געציטערט. אמת, ער האָט געהאַט אויסגעטרונקען אַ פּאָר גלעזלעך, זי האָט עס געשפּירט ווען ער האָט געטאַנצט מיט איר, דערפאַר טאַקע האָט זי אים אָפּגעשטופּט, אים ניט אַריינגעלאָזט צו זיך אין צימער ווען ער האָט זי אָפּגעפירט אַהיים, כאָטש ער האָט זיך ממש געריסן אַריינצוגיין. אפשר געווען אַ נאַרישקייט. דעמלט האָט ער עס אָנגעהייבן גיין מיט ציפּען. זי קען שווערן אַז דאָס האָט ער געטון איר אויף צו להכעיס, אָבער אפילו איצט, ווען זי זאָל נאָר ווען, טאַקע שטאַרק וועלן, קען זי אים אָפּציען. און זי'ט עס טון אויך, איר ווייזן . . .

— וואָס איז מיט דיר? ווען שטעלסטו אַ חופּה?

— שטעלן אַ חופּה. עס רעדט זיך אַזוי. דער ווינט וועט זי אַוועקבלאָזן.

— וואָס'ער ווינט?

— אַ ווינט אין פעלד, דאָס וואָס ער איז. היינט קומט ער צוגיין מיט איין פּלאַן, מאָרגן מיט אַ צווייטן, ער זאָל נאָר האָבן טויזנט דאלער, די ע ר ש ט ע טויזנט דאלער, ווערט ער אַ גביר, אַ מיליאָנשטשיק, און איבערמאָרגן ליגט ער אַ גאַנצן טאָג אין שטוב, האָט ניט אַ ניקל אויף פּאָר־געלט.

— אפשר, ווען דו גיסט אים, ניט קיין טויזנט, איז עטלעכע הונדערט דאלער . . .

— איך עטלעכע הונדערט דאלער! געהאַט אָפּגעשפּאָרט צוויי הונדערט דאלער האָב איך זיי אַוועקגעגעבן דער שוועסטער ווען זי האָט געקויפט די פאַרם אין פּעטאלומא. און, דיר זאָגן דעם אמת, ווען איך האָב ווייס איך אויך ניט צי איך וואָלט אים געגעבן, אַז ס'איז ניט קיין געשטעלטער מענטש. נעם דיין מנשהן, געקומען מיט אים צוזאַמען, האָט ניט גענומען קיין צוויי וואָכן האָט ער געקראָגן וואָס צו טון, אַזאַ שטעלע, אַן אַנדערע, ער טוט עפּעס, גייט ניט אַרום ליידיק, דער גייט אַמאָל אַוועק אַרבעטן צוזאַמען מיט די מעקסיקאַנער, שוואַרצע אַרבעט,

אַ קוואָטער אַ שעה, אַרבעט אָפּ צוויי דריי טעג, העכסטנס אַ וואָך, פאַר־דינט אויף ציגאַרעטן, אָדער גאָר אַ ביסל בראַנפן, נאָך דעם גייט ער אַרום וואָכן לאַנג, טוט גאָרניט, שווענגערט מיט פלענער, שווענגערט ער.

— אַזאַ בחור דאַרף מען אַריינגעמען אין די הענט . . .

— גרינג צו זאָגן. הייבסט מיט אים אָן רעדן, ווערט ער גאָר אין כעס, לויפט אַוועק, ניטאָ! אַ טאָג, צוויי, אַ וואָך, קומט צוריק, פאַרברענט, פאַרסמאַליעט, די הויט שיילט זיך אַזש, האָט אַ ווייסע הויט, קען קיין זון ניט פאַרטראָגן. „וואָס פאַר אַ שריפה אויף דיר?" „געריסן מאַראַנצן!" און לאַכט. און גיי מאַך מיט אים עפּעס.

— זיך צעריסן?

— ניט צעריסן, אָבער . . . וואָס דיינקסטו צו טון דעם שבת?

מירל האָט פאַרשטאַנען: זיך צעריסן מיט אים, איצט וויל זי דאָס מ׳זאָל זיך טרעפן שבת, פאַרלאַטען דעם ריס. געטראָפן די לאַטוטניצע . . . זי׳ט עס ניט טון. — מיינסט ערגעץ אַרויספאָרן?

— שיינדל מיט חיימען רעדן וועגן גיין אויפן באַרג ווילסאָן.

— מיר שוין נמאס דאָס קריכן אויף די בערג.

— אפשר אַרויספאָרן ערגעץ?

— וואָס איז היינט, מיטוואָך? ביז שבת וועט מען נאָך זען.

מירל און ציפּע חברטעס, צוזאַמען געקומען פון קאַנאַדע, ווי גוטע פריינט האָט מען זיך דורכגערעדט וועגן אינטימע ענינים, די רייד אָבער ניט מער ווי פּאַרע, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון זידנדיקע הערצער. מירלס האַרץ האָט געזאָטן פון כעס אויף זיך, אויף מנשהן, אויף מוליען און דער עיקר אויף ציפּען — גיי ריכט זיך אַז זי וועט אויסכאַפּן מוליען. „אַ ווינט אין פעלד". זי וואָלט אים שוין געצאַמט, די ציפּע האָט פּשוט קיין שכל ניט, אַ בהמהלע, אַ שיינע בהמהלע, און אין איר דאַרף זיך עס פאַרליבן אַזאַ בחור ווי מוליע. זי ווייסט גאָרניט צי איז ער אַזוי פאַרליבט אין איר. דאָס דאַרף זי נאָך אויסגעפינען. און זי׳ט עס טון אויך! ניט ווייל זי וויל אים אויסכאַפּן ביי איר, סוף כל סוף ווייסט זי ניט צי וואָלט זי גאָר חתונה געהאַט מיט אים, אַ מאַן וואָלט מנשה זיכער געווען אַ בעסערער, אָבער חתונה האָבן איז איין זאַך און . . . ביז דער חתונה איז אַ צווייטע.

ציפּעס האַרץ האָט געזאָטן פון ווייטיק, פאַרדרוס. פון אַלע בחורים דאַרף זי זיך פאַרליבן דוקא אין מוליען. וואָס האָט זי אַזוינס דערזען אין אים? דער מנשה אַזוי שיין ווי מוליע און זיכער מער מענטש פון אים,

אַרבעט, פֿאַרדינט, גייט שיין אָנגעטון, ניט צעכראַסטעט ווי מוליע און נעמט ניט ביי מירלען אַ ניקל אויף פֿאָר־געלט, דאָס איז זיכער. געטראָפֿן דאָס אָרט. זי וואָלט אים משלח געווען איינס און צוויי. דער מנשה וועט גאָרניט טראַכטן פֿון אַזאַ זאַך. אָט ווי שטיל און געלאַסן ער איז, איז ער, קענטיק, אַ שטאָלצער בחור, למאי לייקענען, ער איז איר געפֿעלן געוואָרן. אפֿשר ווען ער הייבט איר אָן נאָכגיין גלייך פֿון אָנהייב . . . האָט ער אָבער דווקא אויסגעקליבן מירלען. מאָלט׳יך, זי׳ט אים געבן די וועלט צו זען. „אַזאַ בחור דאַרף מען אַריינגעמען אין די הענט”. זי׳ט שוין מנשהן אַריינגעמען אין די הענט ווי עס דאַרף צו זיין. האָט אפֿילו געפּרוווט אַריינגעמען מוליען, אַניט ווייסט זי ניט אַז זי האָט געשאַרפֿט די ציין אויף אים? אַ ל ע זיינען געווען די כפּרה פֿאַר אים, און דאָס כפּרה־הינדל איז זי . . . אָבער וואָס זאָל זי טון אַז זי האָט אים פֿאָרט ליב. אפֿשר, ווען זי שטעלט אַ חופּה, ווערט זיין ווייב טאַקע פֿאַר גאָט און פֿאַר לייט, הערט אויף גיין אַרבעטן אין שאַפּ, וואָלט ער געוווסט אַז ער דאַרף, מוז עפּעס טון. צו דער חופּה דאַרף אָבער גיין ניט נאָר די כּלה, דער חתן דאַרף אויך גיין, און גיי ברייננג אים צו דער חופּה . . . זי׳ט מוזן אַ טראַכט טון וועגן דעם, עס קען נאָך אַמאָל ווערן צו שפּעט . . . זי האָט מורא אַז עס איז שוין . . . נאָך דאָס פֿעלט איר. און אפֿשר וואָלט גאָר בעסער געווען. אַזוי הפקר איז ער דאָך ניט. דערווייל ווייסט זי ניט, זי ווייסט נאָר עס איז ניט גוט. ניט גוט.

(2)

שבת אָוונט. מירל איז אַרויסגעגאַנגען אויף ברוקלין עוועניו כאַפּן אַ שפּאַציר. זי האָט געהאַט בדעה צוגיין צו ציפּען, זען זי, אָנטאַפּן ווי האַלט עס דאָרט ביי זיי, זי האָט זיך אָבער מישב געווען: גלייכער אַז נישט. זיי האָבן זיך צעריסן? ווען זיי זיך איבערבעטן, און אַז נישט, מאַכט אויך ניט אויס, ווו צוויי שלאָפֿן אויף איין קישן זאָל אַ דריטע זיך ניט מישן. האָט זי שפּאַצירט פּאַמעלעך, די שלאַנקע שיינקלען, די דינע פֿיס האָבן זיך באַוועגט ווי פֿון זיך, זי האָט גאָרניט געפֿילט אַז זי גייט, דערפֿאַר האָבן די מאַנדל־שניט ברוינע אויגן שאַרף געקוקט, אַריינגענומען יעדע טיר, יעדן פֿענסטער פֿון אַ קרעמל, זיי האָבן אויך געזופּט די פּנימער פֿון די פֿאַרבייגייער, זאָלסט עס זאָגן איין באַקאַנטער! אירע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּאַפּירענער שילד: „באָלל און דענס פֿון די

ווילקאווישקערליידיעס אייד סאָסייעטי היינט אבנד אום אַכט אוהר היער אין דזשאָנק פּעדלערס האָלל. גוטע מיוזיק, רעפרעשמענטס. איינטריט 35 סענט. דער גאַנצער פּראָפיט געהט פאַר די מילחומע קאָרבונעס אין יוראָפּ״.

מירל האָט אַ הייב געטון די אויגן צום „איינטריט״, דעם אַריינגאַנג אין זאַל, און מיט אַ ווינקל פון אויג דערבליקט אַז מוליע קומט אָן. זי האָט שוין ווידער געקוקט אויף דער שילד, דאָך געזען מוליעס גאַנג — אַ ווינט טראָגט זיך און ער יאָגט אים נאָך, דער ווינט האָט איר אַ פּאָכע געטון אין פּנים, מוליע האָט זיך געטון אַ שטעל אָפּ. — מירל! וואָס טוט איר דאָ? אויף וואָס קוקט איר עס?

— אה! מוליע? איך קוק אויף אָט דעם אָ! טאָמער איז נאָך קאַרג אַ „באָלל״, גיט מען אַ צולאָג אַ „דענס״. — די קליינע ציינדלעך האָבן געשמייכלט. — וואָס איז מכוח אַרויפגיין? — די אויגן האָבן אַ פינקל געטון: ווען מיר דאָס פאַרברייגגען!

— ניט קיין שלעכטער געדאַנק, — האָט מוליע פּאָטאַקעוועט און זיינע אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטון: וואָס וואָס, פאַרברייגגען מיט אַ שיינער מיידל בין איך אַלע מאָל גרייט. — איך בין אָבער הונגעריק. — ביים וואָרט „הונגעריק״ האָט זי שיר נישט דערזען ווי ער שלינגט איין אַן אָקס אַ גאַנצן. — וואָס איז מכוח אַריינגיין פריער אין אַ רעסטאָראַן?

— זיין האַנט האָט זיך אַ לאָז געטון צו דער הויזן קעשענע און אין קאָפּ איז איר דורכגעלאָפן: דאָס ציילט ער זיין פאַרמעגן, צי האָט ער גענוג אויף אָפּצועסן.

— איך בין אַ געגעסענע, און דאָ זאָגט זיך דאָך „רעפרעשמענטס״. זיי מוזן האָבן סענדוויטשעס, פּאַפּ . . .

— פּאַ—פּ! איר שטייט דאָ. ס׳וועט מיר נעמען אַ פּאָר מינוט.

פון דעם אופן ווי זיינע ליפּן האָבן אויסגעקלאַפּט דעם „פּאַ—פּ!״ האָט זי פאַרשטאַנען דאָס איז ער געגאַנגען איינהאַנדלען אַ ביסל בראַנפן און דאָס האָט איר ניט געאַרט, אדרבה, מיט אַ ביסל בראַנפן וועט ער שוין טאַנצן ווי ער קען נאָר, אָבער אַ בעלנות, האָט קוים אויף אַ מאָלצייט און אויפן פלעשל איז דאָ. דערפאַר וועט זי קויפן די בילעטן. ביז ער׳ט זיך ספּראַווען וועט זי עס באַוויזן צו טון. ביים אַריינגיין, ווען ער האָט געוואָלט קויפן בילעטן, האָט זי אים אַ שאַר געטון מיטן אָרעם: איך האָב בילעטן.

— וואָס איז דער שכל? — דער „קאַוואַליער״ האָט זיך באַליידיקט.

— איך האָב זיי ניט געקויפט, — האָט די דאַמע זיך פאַרענטפערט, — אַ מיידל אין שאַפּ האָט זיי מיר געגעבן נאָך מיט צוויי וואָכן צוריק, דאָס איז דאָך אַ בענעפיט.

— אָלרייט, — האָט ער צעשטרייט געענטפערט, און דער „אָלרייט" האָט צעשטרייט איר ליגן געפיל. — לאָמיר אַריינגיין, איך בין הונגעריק.

ער האָט גענומען אַ שנעפּסל. נו ווי דען, אַניט האָט זי ניט געוווּסט? ער האָט איר אויך פאָרגעשלאָגן און זי האָט זיך אָפּגעזאָגט. זי האָט זיך צוגעקוקט ווי זיינע געזונטע ברייטע ציין האָבן זיך איינגעביסן אין דעם סענדוויטש און זי האָט דערזען אַ וואָלף, עפּעס ניט געגעסן, ממש געריסן שטיקער. ווען ער האָט זי גענומען טאַנצן האָט זי פאַרגעסן אינם וואָלף. פון אים האָט געשמעקט בראַנפן, אָבער נאָכן ערשטן טאַנץ האָט זי שוין ניט געפילט דעם בראַנפן טשאַד, אָט האָט ער זי געהאַלטן פון וויטן, זיין גראָבער פינגער האָט בלויז „שפּאַצירט" איבער איר רוקן־ביין, און זי האָט געפילט ווי גרייפּעלעך שיטן זיך דאָרט. ער האָט זי אַ ציי געטון צו זיך, זיין ברוסט האָט אָנגערירט אירע, און אין די בריסט האָבן אַ שטאָך געטון שפּילקעס, פון דאָרט זיך צעלאָפן איבערן גאַנצן קערפּער. זיי האָבן געטאַנצט אָן אַן אויפהער ביז זי האָט געפילט אַז אָט אָט פאַלט זי אַוועק.

— מיד?

— איך ב י ן מיד.

— וואָס איז מכוח זיך אָפּפרישן אַ ביסל?

— וואָלט נישט געשאדט.

זי האָט געדיינקט זיך אַוועקזעצן, אפשר גאָר אַרויסגיין אין דרויסן, ער האָט פאַרשטאַנען — אַ בייס, אַ טרונק. ער האָט איר דערלאַנגט אַ סענדוויטש מיט אַ גלעזל בראַנפן. זי האָט אַ קוק געטון אויף אים: גזלן! קוילעסט מיך אַוועק. זיינע גרוי־בלויע אויגן, זיינע ברייטע ציין האָבן געשמייכלט. — טרינקט! עס וועט אייך אָפּפרישן. — זי האָט גענומען דאָס גלעזל, אַ זופּ געטון און עס צוגעכאַפּט פון מויל, אָט גיסט זי עס אויס, וואַרפט עס אַוועק. ער האָט אַ כאַפּ געטון דאָס גלעזל, שמייכלענדיק עס איבערגעקערט צו זיך אין מויל און אין דער עובדא — טרינקען פון איר גלעזל — האָט זי דערזען חתן כלה אונטער דער חופּה, באַלד וועט ער צעשמעטערן דאָס גלעזל אויף פּיץ פּיצלעך . . .

ער האָט דאָס גלעזל ניט צעבראָכן. אויסגעטרונקען, פאַרביסן, האָבן זיי ווידער זיך אַוועקגעלאָזט טאַנצן.

זי האָט זיך געטראָגן אין אַ ווירבל ווינט. די סטעליע, די פּאָדלאָגע,

אַלץ האָט זיך געדרייט, געוויגט, די קלעזמער, אַ כאָליערע אויף זיי, זיי שפּילן אַזוי שטיל, די אַנדערע טענצער — עפּעס קריכער ניט קיין טענצער, טאַנצן טאַנצט זי און ער. זי האָט שוין געטאַנצט מיט פאַרמאַכטע אויגן, בלויז ווען זי האָט דערפילט זיינע פינגער לעבן איר ברוסט האָט זי אַן עפן געטון די אויגן, זי האָט דערזען זיין גיריקן קוק און זי האָט זיי צוריק פאַרמאַכט. אין קאָפּ האָט געזשומעט, אַ וועלט מיט פליגן, זי האָט זיי אָבער פאַרטריבן מיט אַ „מיך אַרט עס ניט", זי האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — מיך אַרט גאָר־ניט!

— מיד?

דאָס האָט ניט קיין פליג געזשומעט. זי האָט אַן עפן געטון די אויגן. ניט קיין וואָלף, אַ קאַץ וואָס האַלט איר לאַפּקע אויפן מייזל, אָט אָט בייסט זי זיך איין אין האַלז. אַ ציטער איז דורכגעלאָפן איבער איר לייב.

— ווילט גיין אַהיים?

— יאָ, נעמט מיך אַהיים.

די קילע פייכטע לופט האָט אָפּגעפרישט דעם פּנים, די הענט, פיס, דער גאַנצער קערפּער אָנגעגאָסן, כאָטש לייג זיך אַוועק דאָ אינמיטן גאַס.

— אין אַ פּאָר מינוט וועלן מיר זיין אינדערהיים. — דעם „מיר" האָט זי יאָ געהערט און ניט געהערט, קומען אַהיים, זיך אַוועקלייגן.

דער שליסל האָט ניט געשלאָסן. וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר?

— לאָמ'יך.

ווען ער האָט אָפּגעשלאָסן האָט ער איר דערלאַנגט דעם שליסל. אָבער ניט מיט זיינע פינגער צו אירע, נאָר אַ לייג געטון אין איר דלאָניע און זיין האַנט האָט פאַרקלעמט אירע, דער שליסל האָט געריבן און געריצט. זי האָט אַ צי געטון די האַנט. האָט זי געוואָלט איר האַנט אַרויסציען אָדער אים אַריינציען? סיי ווי, ער האָט זיך נאָכגעצויגן.

שוין געווען גאָר שפּעט ווען מוליע איז געגאַנגען אַהיים. אויך ביי אים אין קאָפּ האָבן פליגן געזשומעט. מירל — אַ מויד אַ ברען. שוין לאַנג חושד געווען. פון אָנהייב אָן. איר פאַררייסן דעם נאָז — אַן אָנשטעל. און דער מנשה — אַ יאָלד. קאָמיש, מירל און ציפּע חברטעס. זי'ט אים שוין געבן דעם ריכטיקן ברוך הבא. זי'ט זיך אפשר ניט אָנשטויסן אויף מירלען, און אַז ניט מירל? אָפּגערעדט זיך טרעפן נאָך דער אַרבעט, איז ער, ווי אויף צו להכעיס, זיך פאַרזעסן ביי אַ קערטל, פריער געווען אַ געוווינער האָט ניט געפּאַסט אַוועקגיין, נאָכדעם שוין געוואָלט אָפּ־געווינען, צוגענומען ביי איר דאָס לעצטע פינפערל, אַ נס וואָס זי קריגט

היינט שכירות, פֿאַרלאָרן אַ דריי דאָלער, דאַרף ער זיך אָנטרעפֿן מיט מירלען. אַ ברען אַ מויד . . . ציפּע? זיך איבערבעטן. זען מאָרגן. ער איז מיד, טויט מיד. שלאָפֿן!

ער האָט נאָר וואָס אַרונטערגעצויגן דאָס רעקל, ערשט ער האָט דערהערט דאָס הענטל פֿון טיר האָט זיך אַ דריי געטון. — ווער איז דאָרט? — האָט ער בייז אַ פֿרעג געטון, כאָטש ער האָט שוין געוווּסט ווער דאָס איז. דערזען ציפּען אין טיר, האָט ער אַ זאָג געטון: דאָס ביסטו? ער האָט אַ כאַפּ געטון דאָס פּעקל ציגאַרעטן, שאַרף אַ רייב געטון אַ שוועבעלע, געצונדן דעם ציגאַרעט און געקוקט אויף ציפּען. ער האָט געזען דעם שלאָף ראָק, די שטעק שיך, ער האָט אויך געזען זי איז נאָך ניט געשלאָפֿן. הייסט עס, געוואַרט אויף אים. ער האָט אַ טרייסל געטון די האַנט, פֿאַרלאָשן דאָס שוועבעלע, שאַרף אַ זאָג געטון: שיס שוין אויס! אַ פּאָר מאָל אַ פּיפּקע געטון דעם ציגאַרעט און אַרויסגעלאָזט אַ געדיכטן רויך. ציפּע האָט געשוויגן, דאָס האָט אים שוין דענערווירט.

— נו, וואָס שטייסטו ווי אַ ליימענער גולם? האָט דיר אָפּגענומען דאָס לשון?

— שריי ניט אַזוי. מענטשן שלאָפֿן.

— אה, מאַניערן. געקומען מיך לערנען דרך ארץ?

— מאַניערן שאַדט ניט. אַז מ׳זאָגט זיין אינדערהיים אין אָוונט אין מ׳קומט פֿאַרטאָג איז עס . . . נו, שלעכטע מאַניערן. האָסטו שוין אַ פֿאַרטיקן תּירוץ?

— דאַרף ניט קיינע תּירוצים. פֿאַרבייגעגאַנגען דעם דזשאַנק פּעד־לערס האָל, געווען דאָרט אַ באַל פֿון די . . . ווילקאָווישקער, אַזוי דוכט מיר, געשטאַנען באַקאַנטע, מיך אַריינגעשלעפּט, געטאַנצט.

— גאָרניט געוווּסט אַז דו ביסט אַ ליטוואַק. פֿון ווען אָן?

— פֿון היינט אויף דער נאַכט.

— מיינסט פֿון נעכטן.

— זאָל זיין נעכטן.

— און געטאַנצט האָסטו מיט אַ . . . בעזים.

— נו אודאי, מיט וועמען דען?

— און נאָכן טאַנצן האָסטו דעם בעזים אַוועקגעשטעלט אין זיין ווינקעלע.

— געענוי אַזוי, ווי דו וואָלסט געשטאַנען דערביי.

— ניין, איך בין ג ע ז ע ס ן, דאָס ביסטו ג ע ש ט אַ נ ע ן די גאַנצע צייט .. . — אירע אויגן — צוויי שיין וואַרפֿער, ווי ער זאָל ניט

זשמורען די אויגן קען ער די שיין ניט פאַרטראָגן.

— הער, ציפּע, אפשר קענסטו עס אָפּלייגן אויף מאָרגן ?

— איין קליין פּראָגעלע און איך וועל דיך לאָזן צורו. קענסטו איינעם אַ בחור מיט נאָמען סעמיועל מייקלסאָן ?

פון זיין ראַשיקן קער מיטן קאָפּ, פון זיין פאַרלעשן דעם ציגאַרעט מיט די הוילע פינגער, צעדריבלענדיק דאָס אָפּשניצל, האָט זי באַגריפן אַז זי האָט געטראָפן אין ציל.

— ווו האָסטו עס דערטאַפּט ?

— דערטאַפּט וואָס ?

— דעם . . . סעמיועל מייקלסאָן.

— וואָס זשע ? — זי האָט געהאַט די אויבערהאַנט און האָט ניט געהאַט בדעה זי אַרונטערלאָזן.

— שפּיל נישט קיין טעאַטער. איך האָב דאָך דיך עפּעס געפרעגט, פאַרוואָס ענטפערסטו ניט ?

— איך האָב דיך פריער געפרעגט צי קענסטו אים און דו האָסט נישט געענטפערט.

— אָבער דו ווייסט שוין דעם ענטפער, ווייסטו ניט ?

— יאָ, איך הייב שוין אָן פאַרשטיין.

— איז אַז דו פאַרשטייסט שוין יאָ, טאָ שטיי ניט ביים טיר, קום אַהער, דערצייל. ווער האָט עס דיר געזאָגט, דערציילט ?

זי האָט אַ טראָט געטון. פאַרשטייפט דעם גאַרטל פון שלאָף ראָק, זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער פאַרענטשע פון בעט. — קיינער האָט מיר ניט דערציילט. איך בין געווען אַליין אין הויז, די באַלעבאָסטע אַוועקגע־גאַנגען אין אַ „מוווי”, ערשט מ׳קלינגט. געמיינט ס׳איז דו, פאַרגעסן דעם שליסל, ווי דער שטייגער, האָב איך אָן עפן געטון די טיר, ערשט אַ פאַרשוין שטעלט זיך אַריין. גלייך דערקענט — אַ שמש . . . ער האָט גענומען טעלעפאָן מיטן צונג, בע מע, ער זוכט זיינעם אַ פריינט סעמיועל מייקלסאָן, סוף כל סוף איז ער אַרויס מיט לשון, מיר געוויזן זיין בלעכל, ער איז פון דער פעדעראַלער רעגירונג, זוכט מיליטער נעלמים, לויט זיינע ידיעות וווינט עס דאָ דער מייקלסאָן. האָב איך אים געזאָגט אַז ער מאַכט אַ טעות, דאָ וווינט אַ מאַן, איינער אַ מיטשעל, דעם ערשטן נאָמען ווייס איך ניט, ער זעט אויס שוין אַריבער דרייסיק, ער איז אַ „קאָסטימער פעדלער”, פאַרקויפט צירונג, פאָרט אַרויס יעדן שבת אין די שטעטלעך אַרום, אַזוי ווייט ווי סאַן בערנאַרדינאַ און קומט צוריק

געוויינלעך דינסטיק. ווי עס איז צו מיר געקומען דער „קאָסטימער פּעדלער" הייב איך ניט אָן צו וויסן. געוואָלט געווינען צייט. האָט ער אַלץ פאַרצייכנט, מיר באַדאַנקט און צוגעזאָגט, מיט אַ שמייכל, אַז ער׳ט מיך זען די וואָך. ער איז אַרויסגעגאַנגען, בין איך אַרויס אין דרויסן, אַרומגעגאַנגען דעם בלאָק, געוואָלט זען צי שטייט ער שמירה, געזען ער איז טאַקע אַוועקגעגאַנגען, בין איך אַריין אין שטוב, זיך געזעצט וואַרטן. האָב איך געוואַרט . . .

— גאָרניט פאַרשפּעטיקט. — דער שאַרפער רייב פון שוועבעלע אָנצוציינדן אַ נייעם ציגאַרעט, האָט געזאָגט: וועגן דעם וואָס איך בין געקומען אַזוי שפּעט איז ניטאָ וואָס צו ריידן.

— וואָס דיינקסטו טון? — אינם דערציילן איז אויסגעוועפּט געוואָרן איר כעס, פאַרדראָס, עס האָט שוין געפרעגט ניט קיין געקריוודעטע געליבטע, נאָר אַ געטרייע ווייב, אָדער גאָר אַ פאַרזאָרגטע מאַמע.

— שטעלן פיס! — זיין קוק אויף איר: אַ מענטש פרעגט עס אַ פראַגע!

— פיס אַליין איז ניט גענוג. האָסט׳אָך אַ פּנים אויך, וועסט אַרויסשטעקן די נאָז . . .

— זיי האָבן ניט מיין בילד. אַלץ וואָס זיי האָבן איז מיין נאָמען. שמואל מיכעלסאָן האָט זיך אָפּגעזאָגט פונם כבוד צו ראַטעווען די וועלט פאַר דעמאָקראַטיע, און אַזוי לאַנג ווי ער האָט נאָך הענט און פיס וועט ער ניט קומען צו זיי, זאָגן: אָט אָ בין איך. אָפּציען! גלייך! — זיין פיר מיט די אויגן איבערן צימער — די מינוט איז ער גרייט אַוועקגיין.

— און ווי ווייט וועסטו אָנציען? וויפל געלט האָסטו?

ער האָט אַרויסגענומען דאָס ביסל מינץ פון קעשענע — דריי און זיבעציק סענט.

— און מיט דריי און זיבעציק סענט וועסטו זיך אַרויסלאָזן אויף דער וועלט?

— דו האָסט דאָך עפּעס געלט. היינט געקראָגן שכירות, ניין?

— נאָך גוט וואָס דו האָסט זיך דערמאָנט אָן מיינע ש כ י ר ו ת.

ער האָט געהערט דאָס וואָרט „שכירות", דערפילט דעם פאָרוואורף.

— דו קענסט מיט מיר ניט גיין. ניט איצט. איך מוז אָפּציען, און אַליין. שפּעטער, איך וועל זיך ערגעץ באַשטאַטן . . .

— שפּעטער וועט זיין אַ ביסעלע צו שפּעט . . .

— וואָס מיינסטו?

קיין וואָרט. זי האָט נאָר אַרונטערגעלאָזט די אויגן צום בויך צו. ער האָט אַ בלאָז געטון רויק, אַ וואָרף געטון — פון דעם קענסטו פּטור ווערן, ניין? — זי האָט אַ הייב געטון דעם קאָפּ און ווידער האָט ער דערפילט צוויי שיין וואַרפּער שניידן אים אין די אויגן.

— יאָ, איך קען, איך זאָל וועלן. איצטער אָ וויל איך ניט. וווהין דיינקסטו זיך לאָזן?

— כ׳ווייס ניט. אַלץ וואָס איך ווייס, פונדאַנען דאַרף איך אָפּציען, און טאַקע גלייך.

— הער, מוליע. אָפּציען איז ניט גענוג. ווּעסט זיך לאָזן „טרעמ־פּעווען” וועט מען דיך פאַרנעמען ווי אַ „טרעמפּ”, און פאַלסטו אַריין צו זיי אין די הענט ביסטו אַ פאַרפאַלענער. איך האָב אַ שוועסטער אין פּעטאלומא, ווייסטו. זי האָט אַ הינער פאַרם, מיר קענען אַוועקפאָרן צו איר, די שכירות וועלן קלעקן אויף דער נסיעה, און דו ביסט אירער אַן אַרבעטער, קענסט הייסן מוליע מיטשעל, חיים קאהן אָדער דזשעק גאָלדבערג, זי׳ט ביי דיר אויף קיין פּאַספּאָרט ניט פרעגן, זי׳ט אָבער יאָ פרעגן אויף אַ כתובה, אַ חתונה קוויטל, אַזאַ איז זי שוין, פאַרשטייסטו?

— איך פאַרשטיי. אַ „ביקס־חתונה”, אַ גוואַלד־חופּה, דאָס וואָס דו ווילסט? — ער האָט שוין אָנגעהייבן צווייפלען, אפשר איז גאָר די גאַנצע מעשה אַן אויסגעטראַכטע?

— מוליע, נעבעך, אַ רחמנות אויף אים, אַזאַ געזונטער בחור און עפּעס אַ מיידל וויל אים פאַרגוואַלדעווען. נו, מיין ליבער מוליע, זיי רויק, איך וועל דיך ניט פאַרגוואַלדעווען. ביסט אַ פרייער פויגל, איך וואָרן דיך אָבער, פון דאַנען ווּעסטו אַרויספליען, ווּעסט אָבער אַריינפליען אין אַ שטייגל. איך פיל עס, אַז אַזוי וועט זיין. ווען מיר פליען אַרויס אינאיינעם קענען מיר אפשר בויען אַ נעסט . . . — איר קערפּער האָט זיך ווי איבערגעבראָכן איבער דער פאַרענטשע פון בעט, איין האַנט האָט זיך אַ יאָג געטון צום פּנים, צום מויל — שטילן, האַ־מעווען דאָס געוויין.

— צי־פּע! — מיט איין האַנט האָט ער זי אַ ריס געטון פון בעט, אַ צי געטון צו זיך. זי האָט זיך אַ ריס געטון פון אים. — לאָז! לאָז מיך אָפּ! עס שטינקט פון דיר, איך קען שפּירן איר גערוך. — ער האָט זי אָפּגעלאָזט. — נו אַ פרוי! און אַ נאָז.

— מיין נאָז לאָז מיר. ווען ס׳איז ניט אַזוי שפּעט וואָלט איך דיר געזאָגט: נעם אַ באָד . . . שוין אָבער שפּעט, גיי אין בעט אַריין און,

ווי זאָגט דער אַמעריקאַנער, „שלאָף זיך איבער” מיט דעם וואָס איך האָב דיר געזאָגט. טו אַ טראַכט. זיך זען אינדערפרי. — איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט זיך אַ ריר טון איז זי שוין געווען אַרויס פון צימער.

אינדערפרי, די באַלעבאָסטע האָט, ווי איר שטייגער איז געווען, זיך געקליבן איבערדערציילן אירע קוואַרטיראַנטן דאָס גאַנצע בילד וואָס זי האָט געזען (צוויי מאָל), ערשט זי האָט דערזען מוליע און ציפּע אַרויס־קומען פון זייערע צימערן מיט צוויי רענצלעך אין די הענט. ציפּע האָט פאַרכאַפּט דעם וועג. — מיר פאָרן אַוועק!

— איר פאָרט אַוועק?!

— מיר אַ נ ט ל ו י פ ן! מיר אַנטלויפן קיין רינא, נעוואדא.

— רי־נאַ! איר פאָרט זיך ניט גטן?

— צום גט ג י י ט מען, מיר אַ נ ט ל ו י פ ן. חתונה האָבן!

— איר שמייכל אַזאַ קאָקעטישער, ניין, אַזאַ גליקלעכער, אַז מוליע מוז אויך אַ שמייכל טון: ס'אַראַ אַן אַקטריסע זי איז!

— זאָל זיין מיט מזל, — זאָגט פרום די באַלעבאָסטע, נעמט אָן מוליעס האַנט און מיט ציפּען צעקושט זי זיך. שטילערהייד פרעגט זי:

— ווען דיינקט איר זיין צוריק?

ציפּע האָט זי אָפּגעפירט אַ ביסל אָן אַ זייט, מיט די אויגן אַ ווייז געטון מוליען ער זאָל נעמען די רענצלעך, אַרויסגיין, און דער באַלע־באָסטע רוימט זי איין אַ סוד: זי ווייסט ניט צי וועלן זיי צוריקקומען. זיי'ן אפשר גאָר פאָרן „איסט”. און יאָ, טאָמער קומט עמיצער, פרעגט אויף איר, אויף אים, זאָגט טאַקע אַז מיר זיינען אַוועקגעפאָרן איסט, מער ווייסט איר ג אָ ר נ י ט. איר פאַרשטייט? בעסער אַזוי. נאָך איידער די באַלעבאָסטע האָט צייט געהאַט באַנעמען וואָס מ'האָט איר געזאָגט איז ציפּע שוין געווען ביי דער טיר. אַ מאַך מיט דער האַנט, אַ שמייכל, און זי איז פאַרשוווּנדן.

(3)

מירל איז געשלאָפן ביז אין גרויסן טאָג אַריין, פונדעסטוועגן אַז זי איז געליגן אין דער וואַנע הייסע וואַסער האָט זי שיר ניט איינגעדרימלט. זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון דעם וואַרימען חלום־דרימל, אויפּסניי זיך גענומען וואַשן, רייבן דעם קערפּער מיט אַ האַרט בערשטל, און ערשט ווען זי האָט דערפילט אַז זי האָט אָפּגעוואַשן, אָפּגערייניקט די פאָריקע

נאַכט, האָט זי זיך אויפגעשטעלט, געגומען ווישן, רייבן דעם קערפער מיט אַ גראָבן האַנטעך. אַרויס פון וואַנע, האָט זי זיך באַטראַכט אין דעם לאַנגן שפיגל און דער שמייכל דאָרט האָט געזאָגט־געפרעגט: געפעלט דיר? ניט דאָס ערשטע מאָל אַז זי האָט באַטראַכט איר קערפער מיט צופרידנקייט, דאָס מאָל איז ער איר געפעלן געוואָרן מער ווי ווען עס איז: זי האָט אַ פיינעם קערפער און ער האָט אַ מעלה, ער . . . שווייגט. האָט זי זיך פון ס׳ניי צעשמייכלט, ערשט ביים אָנטון זיך האָט זי פאַר־שטייפט די ליפן, דאָס מויל וועט אויך שווייגן. מיט א י ם וואָלט זי יאָ געוואָלט אַ רעד טון. היינט וועט ער, פאַרשטייט זיך, ניט קומען, ציפע האָט אים שוין געמוזט געבן דעם ריכטיקן פסק, אפשר גאָר צו־גיין? ניין, דאָס וואָלט שוין געווען צופיל, מאָרגן, איבערמאָרגן. היינט וועט מסתם זיך אַריינשטעלן מנשה. אים וויל זי ניט זען. ניט היינט. זי׳ט גאָר אַרויסגיין, שוין אָפעסן אָנבייסן און מיטיק אינאיינעם, נאָכדעם צוגיין אין פאַרק, אפשר גאָר זיך אַריינכאַפן אין אַ „מוווי", היינט וועט זי ניט זען ק י י נ ע ם.

מנשה איז טאַקע געווען, אַזוי האָט איר איבערגעגעבן די באַלע־באָסטע, און זי איז געווען צופרידן סיי פון דעם וואָס ער איז געקומען, סיי פון דעם וואָס ער האָט זי ניט געטראָפן. מאָנטיק אָוונט איז אויך קיינער . . . ניט געקומען, האָט זי ביי דער אַרבעט אין שאַפ באַשלאָסן אַז אויב מולי קומט ניט ביז . . . נו, זיבן אַזייגער, גייט זי צו צו אים, צו . . . זיי. און זי האָט אַזוי געטון. דערהערט פון דער באַלעבאָסטע אַז „זיי זיינען אַנטלאָפן קיין רינא חתונה האָבן", איז מירל געבליבן שטיין מיט אַן אָפענעם מויל. — עס קען ניט זיין!

— אַזוי האָט זי מיר געזאָגט, — האָט די באַלעבאָסטע ווי זיך פאַר־ענטפערט. זעענדיק אַז מירל גלייבט עפעס ניט, האָט זי אַ קנייטש געטון די פלייצע, — און ווידער, ווער קען וויסן?

— וואָס מיינט איר?

— איך מיין גאָרניט. איך בין דאָך ניט מער ווי אַ „לענדליידי", איר זייט דאָך איר בעסטע חברטע, אייך האָט זי גאָרניט געזאָגט? כ׳מיין פאַרן אַוועקפאָרן?

— דאָס הער איך ערשט פון אייך, ביז איצט אפילו נישט געוווסט אַז זיי זיינען אַוועקגעפאָרן אָדער, ווי זאָגט איר, אַנטלאָפן קיין רינא.

— אַנטלאָפן איז ריכטיק.

אויף דער באַלעבאָסטעס פנים האָט זיך פאַרשפרייט אַ שאָטן. מירל

האָט עס באַמערקט. זי ווייסט עפּעס, עפּעס מער ווי . . . רינא — זאָגט מיר, איך בעט אייך, מיר מעגט איר עס זאָגן, וואָס איז געשען ?

— זאָל מיך אַזוי וויסן צרות מיט אייך אינאיינעם ווי איך ווייס וואָס דאָ טוט זיך. זיי האָבן זיך ביידע געזעגנט מיט מיר, איך האָב זיי געווונטשן מזל טוב, מיט ציפּען זיך צעקושט, כמעט ווי אַן אייגענע געווען, טו איך זי אַ פרעג ווען קומען זיי צוריק, מאַכט זי צו מיר: זיי׳לן אפשר גאָר צוריק ניט קומען און אויב עמיצער, אַ זייטיקער, וועט פרעגן, זאָל איך בלויז זאָגן אַוועקגעפאָרן, מער ווייס איך גאָרניט. איר זייט דאָך אירע אַ חברטע, וויל איך אייך זאָגן, אָבער ס׳זאָל ווייטער פון דאַנען ניט אַוועקגיין, מ׳איז געקומען אים זוכן, פון דער רעגירונג. וואָס, ווער, ווען ווייס איך ניט. איך האָב נישט געפרעגט. דער פאַרשוין, פון דער רעגירונג, ער האָט שוין גאָר געפרעגט. וואָס האָט ער נ י ש ט געפרעגט ? אפילו אַריינגעקוקט אין די צימערן, מילא דאָרטן האָט ער געקענט קוקן פון היינט ביז מאָרגן, באַלד ווי זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען האָב איך אויסגעראמט, אפילו קיין שטיקל פּאַפּיר ניט געבליבן, דאָס וואָס זי האָט מיר אָנגעזאָגט איז מיר גוט אַריין אין נאָז, האָט ער באַ־קוקט, באַטראַכט און אַוועקגעגאַנגען. פון מיר האָט ער זיך גאָרניט דערוווסט. איך ווייס ניט און פּטור. איצט זאָגט מיר: ווייסט איר עפּעס ?

— איך ווייס גאָר־ניט. איך הייב ניט אָן צו וויסן, ווען איר זאָגט מיר ניט . . .

— האָב איך אייך גאָרניט געזאָגט. איר פאַרשטייט ? א י ר ווייסט גאָרניט, א י ך ווייס גאָרניט, ווי זאָגט מען עס „זאַ ניעט סודאַ ניעט“ — פאַר ניין וועט מען אין געריכט ניט גיין. איר ווייסט אפשר פון אַ לייטישן קוואַרטיראַנט ? בעסער אַ מיידל. אויב איר׳ט הערן פון עמיצן לאָזט מיר וויסן.

מירל האָט צוגעזאָגט, געווונטשן אַ גוטע נאַכט, אָבער דאָס האָט גערעדט עפּעס אַ זייטיקער מענטש, די „בייס“ האָט זיך נאָך אַלץ ניט פּאַטויפּעט ביי איר אין קאָפּ. „אַנטלאָפן קיין רינא“. אַזוי אַנטלאָפן קיין רינא ווי זי קיין וואַרשע, אָבער הער אַ מעשה ! פון איר איז ער אַוועק־געגאַנגען שבת ביינאַכט, וואָס שבת ביינאַכט ! זונטיק פאַרטאָג ! און זונטיק אינדערפרי אַנטלאָפן. האָט ער דאָך שוין געוווסט, דער הונט. און געקומען צו איר . . . ווער ווייסט, אפשר נאָך איבערגעלאָזט אַן „אָטיעזדנע“ . . . מער פעלט איר נישט. געהאַט געגוג. יענער איז מיט אַמאָל געוואָרן אַ יידישער פּאַטריאָט, ער מוז גיין אין יידישן לעגיאָן,

קוים פטור געוואָרן פונם פעקל, צוליב דעם זיך געלאָזט אַהער, און דאָ נאַדיר! אַ מצוה! טאַנצן האָט זיך דיר פאַרוואָלט. זיך פיין אויסגעטאַנצט. מירל! ס׳וועט שוין פון דיר קיין לייט ניט זיין. אָבער אויס. די זאַכן גייען מער ניט. ווילסט גיין אין בעט? גיי פריער צו דער חופה. און יאָ, וואָס גיכער אַלץ בעסער, די חופה קען נאָך אַמאָל אויסקומען צו שפּעט . . . מנשה! יאָ, מיט אים איז זי זיכער. און אפשר גאָר ניט אַזוי זיכער. און ווי אַז ער׳ט זיך דערוויסן? אַ פייג וועט ער זיך דערוויסן. אים ווייזן דעם ליילעך . . . ? אַ דאַנקען גאָט ניטאָ קיין שוויגער און זי דאַרף ניט קיין אונטערפירער. געדאַרפט געוועזן וואַרטן אויף אים זונטיק. וועט מסתם קומען מיטוואָך. זי׳ט אים אַ פרעג טון וועגן מוליען, ער מוז דאָך וויסן, דאָך געקומען מיט אים אינאיינעם. ווער ווייסט, אפשר דאַרף ער אויך אַנטלויפן? ניין, וועגן מוליען וועט זי אים ניט פרעגן, רעדן מיט אים, דאָס יאָ.

ווען מנשה האָט זיך אַריינגעשטעלט צו איר אין צימער מיטוואָך אָוונט מיט אַ בינטל בלומען אין האַנט, האָט זי פאַרשייט־פריילעך אויסגעזונגען דאָס פּאָפּולערע לידל:

מיטוואָך נאַכט, איך בין איינע אַליין,
חוץ מיר קיינער אין דער היים . . .

— אָה! סאַראַ שיינע רויזן! ווו האָט איר זיי גענומען?
— געגנבעט.

זיין תמימותדיקער ענטפער, דער אומשולדיקער שמייכל, זיינע . . . כשרע אויגן. „אַ כשר בהמהלע”, האָט זי געזאָגט צו זיך, אים האָט זי כלומרשט געזאָגט מוסר: — ווי גנבעט עס אַ ייד בלומען?

— גאַנץ פּשוט. איר זעט דאָס אָ? — ער האָט איר געוויזן אַ קליין שערעלע. — ווען איך גיי אַרויס נעם איך עס מיט. בלומען ביי יעדער שטיבל, קריכן אַריבער די פּאַרקאַנעס, שנייד איך. שאַדט ניט, וואַקסן נאָך מער.

— הם . . . — די נאָז האָט געשמעקט די בלומען, די אויגן האָבן פאַרקוקט צו אים. קיין בעסערן דאַנק ווי אָט דעם קוק האָט מנשה זיך ניט געווונטשן. זי האָט אַריינגעשטעלט די בלומען אין אַ וואַזע, זיך אַ שפּיגל געטון אין זיי און זיך אַ קער געטון צו מנשהן — געגנבעטע וואַסער איז זיס, געגנבעטע בלומען זיינען שיין. נו, וואָס שטייט איר? זיצט. שוין לאַנג ניט געווען.

— געוועזן דאָ זונטיק, זייט איר ניט געווען.

— זונטיק? וואַרט, ווו בין איך געווען זונטיק? אַה יאָ, געפּילט עפּעס אַזוי אַ, ווי זאָגט מען עס, ניט דאַסיק, זיך ניט געזעסן אין הויז, בין איך אַרויס אין דרויסן, אַ ביסל געזעסן אין פּאַרק, אַרומגעשפּאַצירט, ביז איך האָב זיך אַרומגעקוקט, געוואָרן נאַכט, בין איך אַריין אין אַ „מוווי״. און איר? ווו זייט איר אויסן געווען?

— אין ערגעץ ניט. געזעסן אין שטוב, געלייענט אַ ביסל.

— אפשר געזען אייער פריינט מיטשעל?

— מיטשעל?

— מוליע מיטשעל!

— אַה, מוליע! ניין, וואָס איז דען?

— גאָרניט, איך פרעג עס, שוין לאַנג ניט געזען אים, ציפּען, געמיינט איר, גוטע פריינט, אפשר האָט איר אים געזען.

ווי אַזוי האָט זיך עס גאָר ביי איר אַרויסגעריסן? זי האָט ־אָך באַשלאָסן פאַר מנשהן זיין נאָמען ניט דערמאָנען. פאַרפאַלן. און אפשר ווייסט ער עפּעס? ניט נאָר האָט מנשה גאָרניט געוווסט, ער האָט אפילו אָפּגעוואָרפן די פריינטשאַפט וואָס זי האָט אים אָנגעהאונגען. — גוטע פריינט. קען אים זייער ווינציק. אינאיינעם געפאָרן אַהער אין מיין „אַנ־טיסעמיטל״, דעם פאַרדל, דאָ אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען עטלעכע מאָל, אָבער גוטע פריינט? ניין, איך מיט אים קענען קיין גוטע פריינט ניט זיין.

— וואָס זשע? — אַנט ער עפּעס? איז ער סתם אייפערזיכטיק?

— מיר זיינען זייער וויט איינער פונם צווייטן. ער, פאַרשטייט איר מיך, שטאַמט, ווי זאָגט מען עס ביי אונדז, פון געמיינעם גראַד. זיין טאַטע איז געווען אַ באַלעגאָלע וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדער קרעטשמע נעמען אַ גלעזל, דאָס האָט ער מיר אַליין דערציילט, טאָקע ביים נעמען אַ גלעזל; מיין טאַטע, ווידער, איז געווען . . .

— אַ רב! — האָט מירל אומגעריכט זיך אַריינגעריסן. איר איז ניט געפעלן געוואָרן וואָס ער יחוסט זיך אַזוי, דער עיקר וואָס ער רייסט אַרונטער מוליען, כאָטש די מעשה מיטן גלעזל איז אמת, אוי ווי אמת . . .

— קיין רב ניט . . . — זי האָט געזען אַ שאָטנדל האָט זיך אַ שפּרייט געטון, פאַרטונקלט זיינע ברוינע אויגן. איר האָט שוין באַנג געטון, האָבן אירע אויגן שטיפעריש אַ שמייכל געטון: איך שפּאַס, דערצייל! דערצייל! — גראָדע איז ער געזעסן אין אַ שניט קרעמל, ער און די מאַמע, קיין צופיל מחיה איז אָבער אין קרעמל ניט געווען, האָט ער

אַריינגעקוקט אין אַ ספר און דעם אַרשין ציך אָדער מולטע האָט די מאַמע אָפּגעמאָסטן.

— דאָ אין אַמעריקע גייט עס צו אַ ביסל אַנדערש, דעם אַרשין ציך מעסט דער טאַטע און די מאַמע קוקט אַריין אין אַ ביכל, און, לאָמיך איך זאָגן, דער אַמעריקאַנער שטייגער געפעלט מיר בעסער.

— אין דעם בין איך מיט אייך מסכּים. מיין ווייב וועט ניט מעסטן דעם אַרשין ציך, וועט, חלילה, ניט גיין אַרבעטן, פּרנסה וועל א י ך באַזאָרגן.

— עס ווענדט זיך וואָס איינער רופט אָן פּרנסה.

— נו, איך האָב אַ גוטע שטעלע. שכירות קריג איך טאַקע ניט מער ווי אַכצן דאָלער אַ וואָך, דערפאַר קריג איך אָבער אַ באָנוס, פינף פּראָצענט פון דער גראָס הכנסה, און אין די דריי חדשים וואָס איך שטיי אין געשעפט איז נאָך ניט געווען קיין חודש ווינציקער ווי טויזנט דאָלער, מאַכט עס אויס צוזאַמען אַ דרייסיק דאָלער אַ וואָך. ניט שלעכט, מ׳קען שוין לעבן דערויף.

— מיין מאַן וועט פאַרדינען ניט קיין אַכצן, נאָר אַכציק דאָלער אַ וואָך.

הער אַ מעשה! ער דערציילט איר וועגן אַכצן דאָלער מיט אַ באָנוס פון צוועלף, מאַכט זי דעם באָנוס צונישט, זיינע גאַנצע פאַרדינסטן מבטל, דרייסיק דאָלער איז ביי איר גאָרנישט. — אדרבה, זאָגט מיר אויך ווי אַזוי פאַרדינט מען עס אַכציק דאָלער אַ וואָך. — אַ שאָטן פון אַ שמייכל האָט נאָך צוגעגעבן: ביסט אַ בריה, מיטן מויל . . .

— לעת עתה זייט איר דאָך ניט מיין מאַן. — א י ר שמייכל, אַן אָפּענער, אַ פאַרשייטער, האָט געשפּאָט פון ז י י ן שמייכל.

— קען איך ו ו ע ר ן אייער מאַן! — זיין איצטיקער שמייכל: זעסט? אַז מ׳דאַרף קען איך אפילו אַ שפּרונג טון.

— צוליב די אַכציק דאָלער?

— מירל! דאָס זאָלט איר נישט זאָגן. איך . . .

— איך האָב עס ניט געמיינט. בנאמנות, איך האָב עס ניט געמיינט, — האָט זי אים אַ גלעט געטון איבערן קאָפּ, אַ מאַמע שטילט איין אַ קינד: נו שאַ, וויין ניט, דיר גיבן אַ קיכעלע, און „דאָס קינד" האָט שוין פאַרטרויט געקוקט אויף „דער מאַמע", געוואַרט אויפן קיכעלע. — וואָס איך מיין, איז אָט וואָס. איר זייט אַ פאַרקויפער און, ווי איך פאַרשטיי, אַ גוטער פאַרקויפער, טויזנט דאָלער אַ חודש פון אַזעלכע ביליקע שיך איז זייער גוט, אָבער, ווי זאָגט מען עס, פון האַנדלען מיט פאָדים האָט

מען ניט קיין בגדים, אויב שוין יאָ פאַרקויפן, איז פאַרוואָס ניט עפּעס אַ בעסערן אַרטיקל, וואָס זאָל אַריינברענגען מער?

— דהיינו?

— דהיינו? — זי האָט זיך אַ רוק געטון נעענטער צו אים. — אַן אויטאָמאָביל טרייבט איר?

— געטריבן. געקומען אַהער מיט מיין „אַנטיסעמיטל", אַ פאַרד, דאָ האָט ער אויסגעצויגן די פיס, פאַרקויפט אויף ברוך, קיין אַנדערן ניט געקויפט. אַנטקעגן וואָס פרעגט איר עס?

— אָט אָט. קיין פאַרד וועט איר מער ניט קויפן, קיין ייד וויל ניט קויפן, אָבער אַן אויטאָמאָביל דאַרף ער, לאָמיר זאָגן אַ שעווראָלעי, אָבער ווו צו קויפן, ביי וועמען, ווייסט ער ניט. פאַרוואָס זאָלט איר ניט ווערן אַ שעווראָלעי פאַרקויפער? איר'ט פאַרקויפן איין אויטאָמאָביל וועט איר האָבן מער ווי פון הונדערט פאָר שיך, ניט אַזוי?

— אַ גוטע אידייע. — זיין קוק: ווי קומט עס צו דיר? — אָבער אַ פראַגע צי קען מען קריגן אַ שטעלע? אויף ווי ווייט איך ווייס איז ניטאָ קיין איין יידישער אויטאָמאָביל אַגענט, דאָס מיינט אַז מלאָזט ניט צו, ווייל וואָלט מען צוגעלאָזט וואָלט זיך שוין געפינען עמיצער, פריער, פאַר מיר.

— האָט איר געפרווט? — זי האָט געקוקט אויף מנשהן, אים פאַרגליכן מיט מוליען. דער פלאַן, דאָס איז געווען איינער פון מוליעס פלענער ווי צו ווערן רייך אויף גיך, יענער האָט גערעדט מיט אַזאַ זיכער־קייט, דער, רק ער ישובט זיך. — איר האָט ניט געפרווט, און פאַרוואָס ניט? מ'גייט אַריין צון אַ קאָמפּאַני, קלייבט אויס דוקא די גרעסטע, בעט ביי זיי ניט קיין שכירות, זיי זאָלן אייך נאָר לאָזן פאַרקויפן זייער קאָר אויף פּראָצענטן, און אירט זען. איך קען זיך מיט אייך וועטן אין וואָס איר ווילט אַליין, אַז אירט עס קריגן.

— אין אַ . . . קוש.

— גייט עס! איר האָט דאָך נאָך ניט געווונען! — האָט זי לאַכנדיק זיך כלומרשט געווערט, זיך געלאָזט אַ קוש טון און געענטפערט אויך.

— פאַרשטייט איר מיך, — האָט ער זיך כלומרשט פאַרענטפערט. — ס'איז אָדער איך געווין אָדער איר פאַרלירט, אַזוי אַז אַ קוש קומט סיי ווי.

— איך פאַרליר שוין גאָרניט. איר פרווט נאָר, איך בין זיכער איר'ט עס קריגן.

— מירעלע, ניט געוווסט אַז איר זייט אַזאַ פּראַקטישע מיידל. —

פון איר קוק האָט ער געזען אַז זי האָט געהערט זיין „מירעלע״ און ער איז געווען צופרידן.

— דאָ נאָך זאַכן וואָס איר ווייסט נישט.

ווי שנעל דער מענטשלעכער קוק בייט זיך! ממש זאַמד בערגלעך אַנטקעגן דער זון. מנשה האָט געפילט אַז אויך זיין קוק בייט זיך, ער האָט שוין געקוקט ניט אויף אירע אויגן, ער האָט געזען אירע בריסט, איר מויל. — אַ מיידל מוז זיין פּראַקטיש, — איז אַרויסגעפאַלן פון דעם מויל און ער האָט דערזען אַ נייעם קוק. וואָס וויל זי אים זאָגן, מיט אירע רייד, אירע אויגן, אירע באַוועגונגען?

ווען זי איז שוין געזעסן ביי אים אויף די קני האָט ער זיך דערוווּסט אַז וואָס אַ בחור קען זיך פאַרגינען קען אַ מיידל זיך ניט דערלויבן, אַ בחור איז אַ גלאָז — אַ שווינק און ווידער ריידן, אַ מיידל איז אָבער אַ זיידן טיכל, אַ ריר — בלייבט אַ פלעק. אַ מיידל וואָס גלויבט אַ בחור אויפן וואָרט שפּילט אויף אַ פאַלשער קאָרט.

— זי האָט געמוזט האָבן שלעכטע דערפאַרונג.

ער האָט זי קוים איינגעהאַלטן, אַזאַ ריס האָט זי זיך געטון. — צו מיר רעדט מען ניט אַזוי.

— זי האָט אים שלעכט פאַרשטאַנען. וואָס ער האָט געמיינט צו זאָגן איז: טאַקע דאָ בחורים, וואָס זיינען אויסן ניט מער ווי זיך אַ שפּיל טון, יענע זיינען שאַלטיקעס, ער איז ניט קיין שאַלטיק, ער מיינט עס ערנסט, ער איז גרייט צו שטעלן אַ חופּה אפילו מאָרגן.

— איז ער?

— נו, ניט מאָרגן . . .

— אָה, ש ו י ן חרטה געקראָגן.

— זי מאַכט אַ טעות. ניט דאָס. מאָרגן מוז ער דאָך גיין צו דער אַרבעט, ער האַלט דאָך אַ פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלע.

— מ׳האָט דאָך גערעדט אַז ער גיט אויף די שטעלע.

ביי איר איז עס שוין אַ זיכערע זאַך, ער איז נאָך ניט אַזוי זיכער. — וועגן דעם דאַרף מען זיך נאָך מישב זיין, מ׳גיסט ניט אויס די אומ־ריינע וואַסער ביז מ׳האָט ניט קיין קלאָרע וואַסער, אָבער אפילו אַז יאָ, דאַרף מען דאָך לאָזן וויסן דעם באַלעבאָס, ניט גלאַט אַזוי אַוועקגיין, אַ מענטש מוז זיין פאַראַנטוואָרטלעך.

— יאָ, פאַראַנטוואָרטלעך, — האָט זי אַ זיפץ געטון על חשבון מוליע. מנשה האָט אין דעם זיפץ דערהערט צווייפל, חשד.

— מיר קענען עס טון פרייטיק. שוין אַריינכאַפּן דעם שבת און זונטיק, וועט עס זיין אַ גאַנצער יום טוב.

— פריי־טיק?

איצט ישובט זי זיך שוין. און גיי פאַרשטיי די ווייבער, אַט וויל זי שוין, בדאי אויף דער מינוט, און אַז מיט אַ טאָג שפּעטער, איז . . .

מירל האָט זיך ניט געישובט. אַ געדאַנק איז דורכגעלאָפן: נאָר ניט דאָ, אין דעם צימער, אין דער בעט. — דאָס איז איבערמאָרגן, גוט. אינדערפרי גייען מיר אַרויסנעמען „לייסענס" און גלייך פון „סיטי האָל" גייען מיר אַוועק אויפן באַרג ווילסאָן. איך מיין ניט גיין צופוס, מיר'ן אַרויפפאָרן מיטן באַס. שבת גייען מיר פון דאָרטן אויפן באַרג לאו און זונטיק צוריק, אַ „האָניק חודש" בקיצור . . . — האָט זי פאַרענדיקט מיט אַ שמייכל.

און אַט אַזוי, אין אַ פרייטיק נאַכט, ערגעץ אויף אַ באַרג, האָבן ליפן זיך איינגעזאַפּט אין ליפן, לייב האָט געקלעפּט צו לייב, והיו לבשר אחד, מנשה און מירל זיינען געוואָרן מאַן און ווייב. קיין חופה האָט מען ניט געשטעלט, קיין מחותנים האָט מען ניט גערופן, אַ חתונה ניט פאַר גאָט און לייט, נאָר פאַר זיי צווייען, אַן אוצר, געפונען און באַהאַלטן אין די בערג, נאָר זיי צווייען ווייסן ווו דער אוצר געפינט זיך.

און אַט אַזוי איז אין טאָל פון זייער פאַרגאַנגענהייט אויך פאַרלייגט געוואָרן אַ מינע. איין פאַלשער טראָט, פון איר אָדער פון אים, איז רעכט אַז די מינע זאָל אויפרייסן, און מירל האָט זיך שטאַרק געהיט, אַז ניט זי, ניט מנשה זאָל אויף דער מינע אַרויפטרעטן.

(4)

מנשה האָט פאַרקויפט יעדע וואָך אַן אויטאָמאָביל. דער באַלעבאָס פון דער „וועסטערן שעווראָלעי קאָ.", מר. ראַמזי גמליאל היואיט, האָט זיך גאָר ניט געקענט אָפּלויבן פון זיין נייעם, איינציקן יידישן אַגענט.

— ווי טוט איר דאָס?

— פאַרשטייט איר מיך, מר. היואיט, איך האָב אַ גוטן באַהעלפער.

— אַ באַהעלפער? דאָס האָב איך ניט געוווסט. ווער איז ער?

— ניט קיין אַנדערער ווי מר. הענרי פאָרד.

— אָה! . . .

אין דעם טאָן פון דעם „אָה!" האָט מנשה דערהערט: דערפון

לאָמיר בעסער ניט רעדן, און טאַקע דערפאַר האָט ער יאָ געוואָלט רעדן, זאָל מר. ראמזי גמליאל היואיט, וואָס איז, קענטיק, אויך געכאַפּט אין דער מעשה . . . טאַקע וויסן. — אַזוי די מעשה. יידן קומען אַהער אין שטאָט, זיי קומען פון ניו יאָרק, שיקאגא, אַנדערע שטעט, אָבער זייער ווייניק קומען מיט אויטאָמאָבילן, אפילו פון דעטראָיט, וויסן ניט אַפּנים אַז טראַנספּאָרטירן אַן אויטאָמאָביל קאָסט געלט, זיי דערוויסן זיך אָבער באַלד וואָס טראַנספּאָרטאַציע מיינט דאָ אין שטאָט. קען, לאָמיר זאָגן, אַ סטאָליאַר דאָ אויסקומען אָן אַן אויטאָמאָביל? ער מוז אים קויפן. געוויינלעך וואָלט ער געקויפט אַ פערד, ביליקער, איז אָבער פערד אַריין אין די אַנטיסעמיטישע געשעפטן, נו פאַרקויף איך אים אַ שעווי, וואָס ווייזט אַז אַנטיסעמיטיזם באַצאָלט זיך ניט. איך רעד שוין נישט פון אַנדערע קוק ווינקלען, נאָר טאַקע פון געשעפטס קוק, פשוט, עס באַצאָלט זיך ניט.

צי אַנטיסעמיטיזם באַצאָלט זיך אָדער ניט האָט מר. היואיט קיינ־מאָל ניט אַ טראַכט געטון, איצטער האָט ער יאָ אַ טראַכט געטון, אַן אַלטע מחשבה זיינע, אַז יידן זיינען טאַקע אַ שבט פאַר זיך און מ׳מוז זיין איינער פון יענעם שבט צו טון מיט זיי געשעפט, והראיה, ביז איצט האָט ער פאַרקויפט זייער ווינציק אויטאָמאָבילן צו יידן, ערשט ווען ער האָט אַריינ־געקראָגן דעם פאַרקויפער, דעם יידן . . . — נו, מר. שטערן, לאָמיך אייך זאָגן, העברי פערד איז אפשר אַ גוטער אַרויסהעלפער, אָבער איך דיינק, ניין, איך האָב זיך איבערצייגט, אַז פאַרקויפן אַ יידן אַן אויטאָמאָביל איז פאַר אַ יידן אַ סך גרינגער ווי פאַר אַ ניט יידן. די יידן, אויב איך מעג זיך אַזוי אויסדריקן, זיינען אַ ביסל צו קלאַניש, זיי׳לן אַלע מאָל בעסער פּאַטראָניזירן אַן אייגענעם, דיינקט איר ניט אַזוי?

נו ווי דען. גיב אַ קראַץ אַ גוי, וועלכן ס׳איז גוי, שפּרינגט אַרויס דער שונא ישראל. — וואָס איר זאָגט, מר. היואיט, איז טיילווייז אמת, אָבער טאַקע נאָר טיילווייז. אַ ייד וועט גיכער קויפן ביי אַן אייגענעם, אָבער ניט ווייל ער פּאַטראָניזירט אים, נאָר דערפאַר ווייל דער אייגענער פאַרשטייט אים בעסער, ווייסט ווי צו האַנדלען מיט אים. איך ברייננג אַריין אַ קונה, ער באַקוקט, באַטראַכט, דעם אויטאָמאָביל, יענעם, זיי זיינען אַלע גלייך, אָבער ער וויל האָבן דעם פאַרגעניגן פון אויסקלייבן, זאָל ער הנאה האָבן. דער דרויסן אַליין איז ניט גענוג, ער וויל זען וואָס אינעווייניק טוט זיך. מיט פאַרגעניגן! איך הייב אויף אַ פליגל, ווייז אים דעם מאָטאָר, ער ווייסט אַזוי וועגן מאָטאָרס ווי . . . איך.

— איר מעגט זאָגן ווי איך אויך. אַלץ וואָס איך ווייס וועגן אַן אויטאָמאָביל איז וויפל ער קאָסט מיר און פאַר וויפל איך דאַרף אים פאַרקויפן.

— אָט אָט, ער ווייסט טאַקע ניט, טאַקע דערפאַר ווייז איך אים, טו אפילו אַ בלאָז דעם האָרן, און דאָס געפעלט אים, ער איז וויליק צו קויפן, די פראַגע איז נאָר — די פרייז. די פרייז, ווייסט ער, איז אַ באַשטימטע, אָבער אפשר קען מען פאָרט עפּעס אָפּדינגען. — מנשה האָט דערזען אַ שאָטן פון אַ שמייכל אויף מר. היואיטס פּנים — איר, אַן אַנדער ניט־ייד קען דיינקען אַז דינגען זיך איז אַ יידישער שטריך, נו, מוז איך אייך זאָגן, עס איז ניט דוקא יידיש. דער גריך, דער איטאַ־ליענער, דער פראַנצויז האָט אויך ליב זיך דינגען, דאָס איז אַ טייל פונם פאַרגעניגן וואָס ער האָט אינם קויפן עפּעס. דער רוס האָט גאָר אַ ווערטל: וועסט ניט אָפּנאַרן וועסטו ניט פאַרקויפן, לאָזט ער זיך ניט אָפּנאַרן. איך ווייס אַז דאָס דינגען זיך מיינט גאָרניט, אַלץ וואָס ער קען פועלן איז עפּעס אַן עקסטרא.

— אוי, די עקסטראס!

— זעט איר, איך האָב גאָרניט קעגן די עקסטראַס, אדרבה, איך מאַך נאָך דערביי אַן עקסטרא פאָר דאָלער. איר׳ט נאָכקוקן, וועט איר זען אַז איך פאַרקויף מער עקסטראַס ווי עמיצער אַנדערש. ווי אַזוי? גאַנץ פשוט. איך זאָל אים פּרווון פ אַ ר ק ו י פ ן עפּעס אַן עקסטראַ גלייך, וועט ער ניט ווערלן, ער דאַרף ק י י נ ע עקסטראַס, ווען איך גיב אים אָבער צו איין עקסטראַ אומזיסט, אַ קלייניקייט — אַ דאַשעק פאַר דער זון, קען איך אים שוין זייער גרינג איינרעדן אַז ער דאַרף אַ ווישער פאַר אַ רעגן, אַ שלאָס פאַר דער ראָד, און טאַקע אַ פינפטע ראָד, צי אַנדערע זאַכן. איר דאַרפט נאָר וויסן ווי צוצוגיין. אָדער נעמט אַזאַ זאַך ווי באַדינונג. מיר גיבן באַדינונג יעדן קונה, דער יידישער קונה איז אָבער זייער סענסיטיוו ווי אַזוי ער קריגט די באַדינונג. וועגן דעם פונקט האָבן איך טאַקע שוין געוואָלט אַ רעד טון מיט אייך. איין מעכאַניקער, בטבע אַ גוטער, טוט די אַרבעט מיט אַ שמייכל, יענער מעכאַניקער איז מיין בעסטער אַרויסהעלפער, דאָ אָבער אַזעלכע, וואָס טוען די אַרבעט אפשר פונקט אַזוי גוט, נאָר זיי טוען עס מיט אַ זויערן פּנים, בעט מען אים עפּעס אַ קלייניקייט, אַ פראַגע פון אַ צוויי מינוט, הייבט ער זיך אָן וואַרפן: דאָס באַלאַנגט ניט צו אים, קומט ניט לויטן קאָנטראַקט, ד ע ר מעכאַניקער פירט מיר איבער די געשעפטן.

— ווייסט איר ווער דאָס איז?

— איך רעד ניט וועגן באַשטימטע מענטשן, אין אַלגעמיין האָט איר אַ גוטע חברה אַרבעטער, איך זאָג עס אייך צוליב דעם איר זאָלט פאַרשטיין ווי אַזוי קלייניקייטן ווירקן, אַז ס'איז ניט קיין פראַגע פון „קלאַנישקייט". דאָ, מיט עטלעכע וואָכן צוריק, האָב איך פאַרקויפט אַן אויטאָמאָביל איינער אַ פרוי. טרייבן האָט זי ניט געקענט, האָב איך איר געזאָגט זי זאָל אָנקלינגען צו די „יאָנג מענס קריסטשיאַן אַסאָסיאיישאָן", זיי'לן איר צושיקן אַ גוטן לערער און זיי רעכענען זייער ביליק. ניין, זי וויל אי ך זאָל איר געבן לעקציעס. דעם אמת געזאָגט, האָב איך ניט געוואָלט . . .

— אויב זי איז געווען אַ שיינע, פאַרוואָס ניט?

— איך מיש ניט מיינע געשעפטן מיט פאַרגעניגן. — זיין רוגזה־טאָן האָט פאַרדעקט דעם פאַרגעניגן וואָס ער האָט יאָ געהאַט, ער האָט אויך געדאַרפט זאָגן דעם מר. היואיט: וואָס קריכסטו אַריין מיט דיינע פוילע באַמערקונגען? — זי זעט אויס גאַנץ נישקשה, אָבער געגעבן האָב איך איר די לעקציעס ניט צוליב דעם. זי איז אַ ביסל אַ שעמעוודיקע, ווען זי נעמט יענעם לערער, זי וואָלט געמאַכט אַ טעות — און ווער מאַכט עס ניט קיין טעותביים לערנען זיך טרייבן? — וואָלט זי געוואָרן נערוועז און עס וואָלט ניט געטויגט. איך, אַז איך האָב געזען דעם טעות, האָב איך איר פאַרזיכערט אַז דעם זעלבן טעות האָב איך אויך געמאַכט און האָב גלייך געלערנט אַז ד ע ם טעות זאָל איך מער ניט מאַכן, אַן אַנדער טעות יאָ, נאָר דעם ניט. האָט זי זיך צעלאַכט, צוגעזאָגט אַז צוויי מאָל דעם זעלבן טעות וועט זי ניט מאַכן, און, לאָמיך אייך זאָגן, זי האָט גע־האַלטן וואָרט. צען לעקציעס האָב איך איר געגעבן און איך גלויב, זי'ט זיין אַ גוטע טרייבערן. דאָ פרויען גוטע טרייבער. זי האָט מיר געוואָלט באַצאָלן, האָב איך איר געזאָגט, קיין געלט נעם איך ניט, דאָס האָב איך פשוט געטון אַ געפעליקייט מיינעם אַ קונה. זי האָט מיר אָנגע־דאַנקט אַ פולן קאָפּ און, דער עיקר, זי האָט מיר רעקאָמענדירט אַ צווייטע פרוי, ערשט לעצטע וואָך איר פאַרקויפט אַ קאַר. איר האָב איך שוין קיין לעקציעס ניט געגעבן. זי איז שוין גאָרניט קיין שעמעוודיקע. לויט אַלע סימנים וועט זי זיין פון די טרייבער, וואָס דיינקען אַז דער גאַנצער וועג באַלאַנגט צו זיי. ווי איר זעט זיינען ניט אַלע יידן פון איין שניט.

— יאָ, דאָס זע איך שוין. איר אַליין זייט אויך עפּעס אַן אַנדער ייד . . . אפילו אייער נאָמען איז ניט קיין יידישער. אַ ייד רופט זיך

געוויינלעך איזי, היימי, מאָרריס, און איר — מע־נאַ־שע! ווו האָט איר גענומען דעם נאָמען?

— אין דעם זעלבן פּלאַץ ווו איר האָט געקראָגן אייערן, אין דעם גוטן אַלטן ספר, דער ביבל. לויט דעם בוך זיינען מירביידע געווען אין מצרים, פון דאָרט קומט עס אייער ראמזי (רעמסס) און אַז איר׳ט אַ קוק טון אינם ספר במדבר וועט איר זען מיין נאָמען זייט ביי זייט מיט אייערן, איך מיין דעם גמליאל, און ניט נאָר דאָס, מר. גמליאל, דער זון פון פדהצור איז געווען דער הויפּט פון שבט מנשה. איז אָט האָט איר עס, מיר זיינען פון איין שבט, איר זייט נאָך געווען דער „טשיף" פון דעם שבט, אַזוי, על כל פּנים, זאָגט זיך עס אין דעם בוך.

— יאָ, דער גוטער אַלטער ספר, — האָט מר. ראמזי גמליאל היואיט פּאַטאַקעוועט מיט אַ פאַרחלומטן טאָן, — ווי עס זעט אויס קענט איר אים גאַנץ גוט.

מנשה איז ניט געווען אַזוי זיכער צי מר. ראמזי גמליאל היואיט קוקט אָפּט אַריין אין דעם גוטן אַלטן ספר, ער האָט אויך שטאַרק גע־צווייפלט צי איז ער אַזוי צופרידן וואָס לויטן ספר איז ער גאָר אַ „טשיף" פון דעם שבט משנה, און טאַקע דערפאַר האָט ער געוואָלט זיך אַ רייץ טון מיט אים. — פאַרוואָס זאָל איך אים ניט קענען? עס איז ד ע ר יידישער ספר!

— יאָ, דאָס איז אמת. נו, איר זייט אַ גוטער ייד און אַ פאַרדאַמט גוטער פאַרקויפער. יאָ, איר האָט כמעט ווי פאַרקויפט מיר אייער יידישן צוגאַנג צום יידישן קונה. אין דעם וואָס איר האָט מיר געזאָגט איז דאָ אַ סך שכל הישר, וואָס מ׳רופט „געוויינלעכער שכל", וואָס איז אָבער ניט אַזוי געוויינלעך, ניט יעדער איינער פאַרמאָגט אים. איר זאָלט ניט זיין איבערראַשט אויב מיין קומענדיקע וועכנטלעכע רעדע צו אונדזערע פאַרקויפער וועט גיין אונטערן נאָמען „סייקאָלאָדזשי ענד סיילס". אָ־קעי, מר. מע־נאַ־שע!

דער געשפּרעך צווישן באַלעבאָס און פאַרקויפער איז געווען גע־ענדיקט, פאַרענדיקט אויף דער נאָטע פון אָ־קעי, בכי טוב, הייסט עס. מנשה האָט געוווסט אַז עס איז נישט כולו טוב, מר. ראמזי גמליאל באַ־לאַנגט ניט צום שבט מנשה, אָבער זיין „נשיא" איז ער סיי ווי; פון יידן בכלל האַלט ער ניט אַזוי שטאַרק, די לעקציע וואָס ער האָט אים געגעבן איז אַרויסגעוואָרפן. ניין, ניט אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן, ער׳ט זיך באַנוצן מיט איר: „סייקאָלאָדזשי ענד סיילס". נו יאָ, ער האָט זיך זיינס אין

זינען — „סיילס״, און מע־נאָ־שע, מעג ער זיין אַ ייד, פֿאַרקויפֿן קען ער, איז ער אַ גוטער ייד . . . כאַפּט אים אַ קלאָג. ער׳ט אַרויסווייזן הינטישע שטיק ,גייט ער אַוועק צו אַן אַנדער פירמע, ער האָט עס חתונה געהאַט מיט דעם מר. היואיט?

מירל, מיט וועמען מנשה האָט יאָ חתונה געהאַט, איז אויך געווען צופֿרידן פֿון זיין דערפֿאָלג ווי אַן אויטאָמאָביל פֿאַרקויפֿער: איז דאָך עס געווען איר . . . אידייע, פֿונדעסטוועגן, אָדער אפֿשר טאַקע דערפֿאַר, האָט זי זיך גענומען דאָס רעכט אים לערנען ווי צו פֿאַרגרעסערן זיין קליענטעל. ווען ער גייט אַ ביסל מער צווישן באַקאַנטע . . .

— באַקאַנטע!

— אָט האָט יאָסל לעווין געקויפֿט אַ שעווי און ניט דורך אים. ווען ער גייט צו צו אים . . .

— אה, דער מיסטער לעווין!

— וואָס זשע?

— ער וואָלט מיר אַ טובה געטון, געקויפֿט דורך מיר, ווען איך גיב אים צוריק מיין קאָמיסיע, אויב ניט אינגאַנצן, איז כאָטש אַ העלפֿט. מוחל די טובות פֿון ב אַ ק א נ ט ע.

— ניט אַלע זיינען דאָך אַזעלכע חזירים ווי דער לעווין, וואָס איז מכוח די שטיינבערגס, די געלפֿאַנדס, די . . .

— הער, מירל, דער פּלאַן צו פֿאַרקויפֿן אויטאָמאָבילן איז טאַקע דיינער, אָבער די תורה פֿון פֿאַרקויפֿן קען איך אַזוי גוט ווי דו, אפֿשר נאָך אַ ביסל בעסער, איך לייען אַ סדרה יעדע וואָך.

— מ׳טאָר שוין גאָרניט זאָגן?

— מירעלע! זאָגן מעגסטו, וועסט זאָגן עפּעס וואָס לייגט זיך אויפֿן שכל וועל איך זיך צוהערן אויך, ל ע ר נ ע ן מיך דאַרפֿסטו ניט. שוין אויסגעלערנט.

מאַן און ווייב האָבן זיך אָנגעקוקט. אירע מאַנדל־שניט אויגן האָבן פֿאַרחידושט געקוקט: זע נאָר! דאַכט זיך אַ יונקע און . . . אים אָנגעריט דעם האָנאָר. די שטילינקע זיינען גאָר ניט אַזעלכע ווייכינקע ווי זי האָט געמיינט, נאָך מיט אַ „מירעלע״ דערצו. ביז אַהער איז „מירעלע״ געווען אַ גלעט, אַ צערטל, דאָס איצטיקע „מירעלע״ — אַ שטאָך, אַ דין קניפּעלע מיט די שפּיץ נעגל. אַזוי די מעשה? זיינע קיילעכיקע אויגן האָבן געוואָרנט: דאָס מאָל האָב איך דיר געענטפֿערט, ווייטער וויל איך גאָר אַזוינס ניט הערן.

— אַז אַ סוחר, דין אַ מוכר! — דער טאָן, דער קנייטש פון די ליפּן האָט מבטל געמאַכט זיין גרויסקייט און אויך אָפּגעשניטן דעם געשפּרעך. ניין, זיך ניט געקריגט, אַז מ׳וויל, האָט זי מער ניט ווי גע־שפּאַסט. קריגן זיך מיט אים וועט זי ניט, אָבער טון וועט ער וואָס ז י וויל. מער ניט, מ׳דאַרף וויסן ווי אַנצוגיין מיט אים. זי׳ט שוין געפינען אַ וועג.

זי האָט געוואָלט אַן אַנדער דירה. באַלד נאָך דער חתונה, מ׳איז נאָך ניט געווען זיכער צי וועט ער טאַקע זיך אויסטויגן ביים פּאַרקויפן אויטאָמאָבילן, האָט מען גענדונגען אַ פּיצל שטיבל, אַכצן דאלער אַ חודש דירה געלט, איצטער אָבער, אַז ער איז שוין יאָ אַזאַ גרויסער סוחר, קען זי זיך פאַרגינען אַ שענערע דירה, זי האָט אָבער ניט געמאָנט קיין דירה סתם אַזוי זיך. — ווייסט, מנשה? שוין צייט אַ טראַכט טון וועגן אַ צימער פאַרן קינד.

מנשה האָט אַ הייב געטון די אויגן: וואָס די פרוי האָט צו טון מיטן קינד! שוין טאַקע אין זעקסטן חודש, זי האָט שוין אָנגעשטריקט אפשר פּאָר דריי קינדער, איצטער — אַ צימער! — נאָך דאָ צייט.

— אַי גיי שוין גיי, נאָך דאָ צייט. ביז מ׳געפינט עפּעס לייטישס, ביז מ׳קלייבט זיך איבער, שטעלט זיך איין, נעמט אַ היפּש ביסל. מ׳דאַרף אַ קוק טון באַצייטנס.

— גוט, ווען דו׳סט ווילן.

— אויף סאָטאָ „סטריט״ געזען אַ שילד, אַ הויז מיט צוויי שלאָף־צימערן.

— אויף סאָטאָ „סטריט״? — ער האָט כלומרשט איבערגעפרעגט די גאַס, די פראַגע איז אָבער געווען אַ זייטיקער אַרויסגאַנג פון דער מחשבה אין קאָפּ: הייסט עס, זי טוט זיך אירס, פרעגט אים אפילו ניט. — האָסט אָנגעקוקט?

— ווי אָנגעקוקט! געזען די שילד. געטראַכט, דיר זאָגן, ווייל איצט, ביז מ׳טוט זיך אַ קער בלייבט ניט, אַן אויסכאַפּעניש אויף דירות.

— ניט אויסכאַפּן, זאָרג זיך ניט.

— ער הייבט שוין אָן . . .

— עס הייבט זיך ניט אָן און עס לאָזט זיך ניט אויס. ווילסט צוגיין אַ קוק טון, קענען מיר גיין אפילו די מינוט.

די גויע וואָס האָט געעפנט די טיר פּאַר זיי האָט ניט געשמייכלט ווי אַ באַלעבאָסטע צו פּראָספּעקטיווע שכנים, אירע אַגרעס־גרינע אויגן

האָבן מיט חשד געפֿאָרשט די פּנימער, אומגערן געענטפֿערט אַז יאָ, דאָס הויז איז צום פֿאַרדינגען און ווי באַונס צוגעגעבן: יאָ, זי׳ט ווייזן די צימערן. גייענדיק פֿון דעם הינטערשטן שטיבל אין הויף צו דעם פֿאָדערשטן, האָט מירל איר קאָמפּלימענטירט, אַז זי האָט אַ שיינעם הויף, גראָז, בלומען, און די גויע האָט ביי־זלעך געענטפֿערט: מ׳לייגט אַריין געניג אַרבעט אין דעם. אָפּגעשלאָסן די טיר, אַריינגעלאָזט דאָס פּאָר פֿאָלק, האָט זי גענומען אַרויפֿציען די רולעטן. די זון האָט זיך אַריינגעריסן, באַלויכטן אַ גרויס צימער. ניט לאָזנדיק אפילו גוט באַטראַכטן דעם צימער, האָט זי אַ שפּאַן געטון און אָנגעוויזן — דאָ איז דער עס צימער, און גלייך געשפּאַנט ווייטער. — דאָ זיינען די שלאָף צימערן. דער איז דער גרעסערער און יענער . . . — זי האָט געמאַכט אַ טראָט צום צווייטן צימער, מירל איז אָבער ניט נאָכגעגאַנגען, זי האָט גוט באַטראַכט דעם צימער, איר זיינען געפֿעלן די פֿענסטער פֿון צוויי זייטן און זי האָט שטיל אַ זאָג געטון צו מנשהן: דער צימער וועט זיין פֿאַר אים . . . מנשה האָט אַ שמייכל געטון פֿון דעם „אים”, די גויע האָט שאַרף אַ דריי געטון דעם קאָפּ. — איר האָט עפּעס געזאָגט?

— יאָ, איך האָב געזאָגט דער שלאָף צימער וועט זיין פֿאַרן קינד . . .

— די מאַמע פֿונם קינד האָט אַ שמייכל געטון, די גויע האָט אַ שטאָך געטון מיט די אויגן דער מאַמעס בויך, אַ שניט געטון די פּנימער פֿוןביידן און מיט אַמאָל אַ פֿרעג געטון: — איר׳ט מיר אַנטשולדיקן, זייט איר יידן?

— אוודאי, וואָס איז דען?

— געדיינקט אַזוי. האָט ניט קיין זין צו ווייזן מער. מיר פֿאַרדינגען ניט צו קיין יידן.

— אַזוי גאָר? — מירלס נאָז וועגטלעך האָבן זיך אַ באַוועג געטון.

— איר זייט אַ קריסטן, ניין? גלויבט אין יעזוסן? ווייסט איר פֿאַרוואָס יעזוס איז געבוירן געוואָרן אין אַ שטאַל?

— איך . . . איך . . . — דער גויעס אויגן האָבן זיך פֿאַרגרעסערט, דער שפּיץ פֿון איר זאָטל־נאָז האָט זיך אַ באַוועג געטון אָט ווי זי וואָלט דערשמעקט עפּעס שאַרפֿס. — וואָס אַזוינס ווילט איר מיר זאָגן?

— איך וויל אייך זאָגן, אַז ווען יעזוסעס מוטער איז געווען אויף דער צייט, אָט ווי איך, — האָט מירל אַ ווייז געטון אויפֿן בויך, — איז זי אַרומגעגאַנגען זוכן אַ דירה, אָבער די דירה אייגנטימער האָבן נישט געוואָלט אַריינלאָזן קיין יידן, נו האָט זי אים געבוירן אין אַ שטאַל. איצט ווייסט איר שוין?

ניט קיין צווי פרויען, צוויי הענער זיינען געשטאַנען איינער קעגן צווייטן, גרייט זיך דורסן.

— איר גאָט פאַרדאַמטע יידן! אַרויס פון מיין הויז!

— מירל האָט זיך אַ צי געטון אויף צוריק, מיט אַמאָל אַ שפּאַן געטון פאָרויס: דו . . . ! — מנשה האָט זי אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם, זי אַ צי געטון מיט אַזאַ כוח, אַז אירע פיס האָבן זיך ממש אַ גליטש געטון איבערן דיל. נאָך איידער זי האָט צייט געהאַט אַרויסרעדן אַ וואָרט זיינען זיי שוין געווען אין דרויסן, דערהערט דעם קלאַפּ פון דער טיר וואָס האָט זיך צוגעמאַכט פון אינעווייניק.

— פאַרוואָס האָסטו מיך ניט געלאָזט?

— ניט געלאָזט וואָס?

— איר דערלאַנגען!

— האָסט איר גענוג דערלאַנגט.

— מיינסט די מעשה? אין פּנים וואָלט איך איר דערלאַנגט!

— אַ סך וואָלסטו אויפגעטון דערמיט.

— ניין, ווי דו. אַ מאַן! מע באַליידיקט זיין ווייב, און ער . . .

— מיין טייערע ווייב, באַליידיקט האָט מען ניט די מרס. שטערן, נאָר אַלע יידן.

— און אַז אַלע יידן, דאַרף מען שווייגן?

— דו האָסט שוין גערעדט פאַר מיר אויך. די מעשה וואָס דו האָסט איר דערציילט, אפילו ניט קיין נייע, איז געווען ווי אָנגעמאָסטן, נאָר צי האָסטו עפּעס אויפגעטון דערמיט, ווייס איך ניט.

— דו האָסט מער אויפגעטון. געשטאַנען ווי אַ ליימענער גולם.

— מירל! — ער האָט אַ נעם געטון איר אָרעם, ניט געלאָזט איר אַנטלויפן. — איך האָב מיר מ י י ן וועג ווי צו טון זאַכן. — ער האָט אָפּגעלאָזט איר אָרעם, אָט ווי ער וואָלט געזאָגט: איצט קענסטו דיר לויפן. זי איז ניט אַנטלאָפן. שווייגנדיק איז מען געגאַנגען אַהיים.

מער איז מען ניט אַרויסגעגאַנגען זוכן קיין דירה. אויף מאָרגן איז מנשה אַוועקגעגאַנגען צו איינער פון די גרעסטע „ריעל עסטייט" פירמעס, געזאָגט אַז ער וויל קויפן אַ הויז אויף סאָטאָ סטריט, אין באָיל הייטס און דערהערט: איר'ט דאַרפן זען מר. אוירל. איכ'ל זען צי ער איז דאָ. געכאַפּט אים אויפן טעלעפאָן, האָט די מיידל אויסגעזונגען: — דזשעק? אַ קונה פאַר אייך. באָיל הייטס!

דער מיידלס שמייכל, איר אויסגעזונגענער „באָיל הייטס" איז אים

ניט געפעלן געוואָרן, דער דזשעק אוירל איז אים יאָ געפעלן געוואָרן. הויך געוואָקסן, בלאָנד, בלויע, לאַכנדיקע אויגן, אַן אָפענער פּנים, האָט ער גלייך געוואונען זיין צוטרוי.

— מיין נאָמען איז מנשה שטערן.

— שאָלעם אַלעכעם, מר. שטערן.

מנשה האָט אַזש אַ הייב געטון דעם קאָפּ. — איר זייט אַ ייד? איך וואָלט עס קיינמאָל ניט געזאָגט. — אין געדאַנק איז דורכגעלאָפן: אפשר טאַקע אַ גוי, זיין שאָלעם אַלעכעם...

דער האַנט דרוק איז געווען זייער אַ וואַרימער, אויך דער געלעכטער.

— איר זייט ניט דער איינציקער. אַ סך גוים מאַכן דעם טעות, דער פּנים אַ גויישער, דער נאָמען אויך ניט קיין יידישער, זיי וויסן דאָך ניט אַז דאָס איז אַ גלגול פון יאנקל ערלאנגער, און ביידע זאַכן קומען צונויף ווען מע האַנדלט מיט גוים אַנטיסעמיטן. איך קען שווערן אַז איר האָט איצט אויך אַ גוי אַן אַנטיסעמיט. געטראָפן?

— אַלץ הייסט געטראָפן! אָבער, זאָגט מיר, ווי האָט איר עס געוווסט?

— ווען איך האָב דערהערט דער מיידלס „באַיל הייטס” האָב איך שוין פאַרשטאַנען. פאַרשטייט איר מיך, דאָ אין אָפיס בין איך דער שבת־גוי, אָדער זונטיק־ייד. זיי, די גוים, פאַרנעמען זיך ניט צופיל מיט יידישע קונים, סיידן ס'איז אַ גאָר גרויסער מסחר, ניט אין יידישן געגנט, די טעריטאָריע האָט מען איבערגעגעבן מיר. איז דערציילט.

מנשה האָט איבערגעגעבן בקיצור וואָס האָט פּאַסירט און געזאָגט ער וויל קויפן דאָס הויז.

— געלט האָט איר?

— אין געלט וועט קיין מניעה ניט זיין, אָבער איך וויל דוקא ד אָ ס הויז, איר פאַרשטייט? קיין אַנדער הויז וויל איך ניט.

— איר'ט עס קריגן. פאַרלאָזט זיך אויף מיר. אַ טעלעפאָן האָט איר? אין אַ וואָך אַרום וועל איך אייך אָנקלינגען.

צו דער וואָך האָט ער אָנגעקלונגען, גערופן מנשהן צו זיך, געהייסן מיטברענגען אַן אַדעוואָקאַט, אַ הונדערטער וועט אויך זיין געווען.

דזשעק אוירל האָט אים אויפגענומען מיט אַ שמייכל. — געבראַכט דעם הונדערטער? פיין! אין אַ פיר וואָכן אַרום וועט דאָס הויז זיין אייערס. און די פּרייז אַ צוגיינגלעכע, איר האָט ניט דערוואַרט קויפן ביליקער?

— ניין, האָב גאָרניט אויסצוזעצן קעגן דער פּרייז, זאָגט מיר אָבער ווי האָט איר עס געמאַכט אַזוי גיך? איך בין אויך אַ פאַרקויפער, אוי־

טאָמאָבילן, וויל איך ווי אַ פּאַך מענטש, פּשוט וויסן די טעכניק.

— יעדער פּאַרקויפער האָט זיך זיינע פּאַרטלען. ווען דער מסחר וועט זיין פּאַרענדיקט וועל איך אייך דערציילן. איר זאָגט מיר בעסער, וואָס איז מכוח געלט? איר קענט קריגן אַ מאָרטגייזש אין אייער באַנק? אויב ניט, קען איך אייך אַרויסהעלפן. און יאָ, וואָס איז אייער ווייבס נאָמען? גוט, איך וועל שוין אַלץ באַזאָרגן. וועט נעמען אַ דריי פיר וואָכן.

— אַ דאַנק. אַ שיינעם דאַנק.

— דאַרפט מיר ניט דאַנקען, איך קריג מיין קאָמיסיע.

— ניט אין דעם גייט עס. געקענט קריגן אַן אַנדער הויז, אָבער איך האָב געוואָלט ד אָ ס הויז. איר האָט עס געקראָגן פאַר מיר, קומט אייך אַ דאַנק און, אייך געזאָגט, איך פאַרקויף אויטאָמאָבילן, אויב איר׳ט האַלטן ביים קויפן אַ שעווי, קלינגט מיר אָן, איר׳ט זי קריגן פאַר דער רעגולערער פּרייז מינוס מיין קאָמיסיע. געדיינקט זשע.

— וועסט אונטערשרייבן אָט דאָ אָ, אויף דער שורה, — האָט מנשה אָנגעוויזן מירלען.

— וואָס דאַרף איך אונטערשרייבן?

— דיין נאָמען.

— מיין נאָמען ווייס איך. וואָס אַזוינס? וואָס איז דאָס פאַר פּאַפּירן?

— לייען וועסטו זען.

מירל האָט אַ נעם געטון דעם פּאַפּיר, געפּרווט לייענען און גלייך אַ לייג געטון. — איך קען לייענען ענגליש, אָבער ניט די פּאַפּירן. זאָג מיר, וואָס איז עס?

— ווייסט ניט וואָס דאָס איז? זעסט אָט דאָס אָ? לאָט נומער . . . טרעקט נומער . . . דאָס איז דאָס הויז אויף סאָטאָ סטריט. יאָ יאָ, יענע הויז!

— האָסט זי געדונגען! ווינען מיט דער אַנטיסעמיטקע הינטן! איך וועל זיך ניט קלייבן אַהין!

— נאַרעלע, געקויפט!

— גע־קויפט?

— אָט ווי דו זעסט, געקויפט. אין אַ פיר וואָכן אַרום גייט די גויע פ־ו־ט, אַרויס פון מיין הויז!

אירע אויגן האָבן אַ בליץ געטון. זי האָט דערהערט „איך האָב מיר מ י י ן וועג ווי צו טון זאַכן". איז דאָס, הייסט עס, זיין וועג. אַזאַ חברה מאַן! זי האָט אַרומגעכאַפּט דעם חברה מאַנס נאַקן, אים שטאַרק אַ קוש געטון. — ווייסט? אין דעם נייעם הויז וועלן מיר פּראַוועז דעם ברית.

מנשה האָט געשמייכלט. מירל מיט איר . . . ברית. שיין וועט זיין אַז ס׳וועט גאָר זיין אַ מיידל. מילא, דאָס וועט מען זען שפּעטער, דער־ווייל איז ער צופרידן פון דעם קוש, דאָס האָט מכפּר געווען פאַרן „גע־שטאַנען ווי אַ ליימענער גולם״. אַ שוועבעלע, פלאַקערט אויף, אין תוך איז זי אָבער אַ גוטע. איצט זעט זי שוין אַז זיין וועג איז אַ בעסערער. זי׳ט גיין ז י י ן וועג. מירל האָט אַנטקעגנגעשמייכלט: ער גייט זיך זיין וועג? זאָל ער, אָבער ער׳ט גיין וווהין זי וויל.

(5)

מנשה, דער גליקלעכער פאָטער, — אַ פאַטאַלאָג מיט אַ מיקראָסקאָפּ, אַזוי אינטענסיוו האָט ער געקוקט אויף דעם ניי־געבוירענעם נפשל, געזוכט וואָס אין דעם איז זיינס, וואָס איז אירס. די אויגלעך — זיינע, כאָטש וואָס איז שייך קאָליר קענען זיי אויך זיין אירע — ברוין, דער שניט פון די אויגן זיכער זיינער; דאָס קעפּל — אירס, קיילעכיק, אָבער דאָס נעזל! ניט זיין נאָז — דין און שאַרף, ניט איר נאָז, זי האָט דאָך אַ פּיצל נעזל, אַן אַרבעסל, און דאָ נאַדיר — אַ קארפּאַטע נאָז!

— ווי קומט צו אים אַזאַ נאָז? — האָט ער מיט אַ שמייכל אַ פרעג געטון ביי מירלען.

— ס׳נעזל? — איר פראַגע, אָט ווי זי וואָלט גאָר ביז אַהער ניט געזען, ניט באַמערקט אַז איר קינד האָט אפילו אַ נאָז און איצט האָט זי געזוכט אָט די נאָז ערגעץ ווער ווייסט וווּ. — אויב דו ווילסט וויסן אין וועמען ער איז געראָטן, איז ער מיין ברודער שלמה מיט די ביינדלעך.

— איר קוק איז צוריקגעקומען פון איר ברודער . . . צו איר מאַן, די אויגן האָבן געשמייכלט: איצט ווייסטו שוין?

ער האָט ניט געוווּסט. ברודער. שלמה. קיינמאָל ניט געהערט פון איר אַז זי האָט אַ ברודער שלמה. — גאָרניט געוווּסט אַז דו האָסט אַ ברודער. — אין קאָפּ האָט זיך אַ יאָג געטון: און וואָס ווייסט ער יאָ וועגן איר? אַמאָליקע יאָרן איז געווען אַזאַ ענין ווי אָנקוקן אַ כלה, חתן כלה האָבן „זיך אָנגעקוקט״, מחותנים האָבן זיך דורכגערעדט, מ׳האָט געוווּסט איינער דעם צווייטנס שטאַנד, יחוס, די יונגע, די אויפגעקלערטע, האָבן געלאַכט פון אַזעלכע שידוכים, מ׳האָט חתונה געהאַט „פּאָ ליובווי״.

נו יאָ, ער האָט זי ליב, אָבער וואָס ווייסט ער וועגן איר, איר משפּחה?

אירע מאַנדל־אויגן האָבן אַ שניט געטון זיין פּנים. ער טרעט אויף

געמינעוועטן באַדן, זי מוז אים אָפּשטעלן. — דאָ אַ סך זאַכן וואָס דו ווייסט ניט, — האָט זי ממש געכאַפּט זיינע געדאַנקען. זי האָט געזען אַ שאָטן זיך שפּרייטן אויף זיין פּנים, זיך געכאַפּט אַז ד ע ר אופן פון אָפּשטעלן טויג ניט, האָט זי פריידיק אַ זאָג געטון: — ער האָט דאָך שוין געוווּנען אַן אונץ! די „בוירס״ האָט אים היינט אָפּגעוואויגן. — פון איר שמייכל האָט מנשה געזען אַז איר גופא איז צוגעקומען אַ שטיק געזונט.

— און ווי פילט די מאַמע? — האָט ער שוין אויך געשמייכלט.

— די מאַמע? די מאַמע פילט אַז זי וואָלט שוין געקענט גיין אַהיים.

— אַהיים האָסטו נאָך צייט. קודם מאַכן דעם ברית.

— מיר האָבן דאָך גערעדט וועגן פראַוועןן דעם ברית אינדערהיים, צוזאַמען מיטן חנוכת הבית.

— פ ר אַ ו ו ע ן דעם ברית וועלן מיר טאַקע אינדערהיים, שפּעטער, מאַכן דעם ברית וועלן מיר דאָ, אין שפּיטאָל. דאַרפן אים אַ נאָמען געבן.

אַ נאָמען האָט זי שוין געהאַט פאַר אים, מאַרווין, נאָך איר טאַטן.

— גאָרניט געוווּסט אַז דיין טאַטע האָט געהייסן מאַרווין. — דער פריערדיקער פאַרדראָס וועגן ניט וויסן . . . וועגן איר ברודער, אויס־געמישט מיט דעם איצטיקן שפּאָט אויפן חשבון פון איר פאָטער, איז געווען אַזוי דייטלעך אַז זי האָט זיך שיר נישט פאַרשעמט.

— דער טאַטע מיינער האָט געהייסן משה. משה אהרון שמואלס, אויב דו ווילסט וויסן, אָבער ווער וויל עס האָבן אַ מוישעלע?

— משה רבנו איז געווען אַ גאַנץ פיינער ייד.

— אָט האָסטו דיר! אפשר אים אַ נאָמען געבן מאָזעס? מער פעלט מיר ניט. מאַרווין איז אַ שיינער נאָמען.

— מיין פאָטער האָט געהייסן חיים.

אַז ער קען וועלן אַ נאָמען געבן נאָך זיין פאָטער איז איר גאָרניט איינגעפאַלן.

— מיינסט דאָך ניט צו זאָגן מיר זאָלן אים אַ נאָמען געבן חיים?

— פאַרוואָס נישט?

אין דעם שטילן „פאַרוואָס נישט?״ האָט זי דערהערט, אויף זיין פּנים האָט זי דערזען איר מאַן דעם „ביונקע״, וואָס קען אָבער דערלאַנגען אַ שטאָך אין דער זיבעטער ריפּ, דעם „ליימענעם גולם״, וואָס גייט זיך אָבער זיין אייגענעם וועג, אַז ד ע ר אייזל שפּאַרט זיך איין . . . זי׳ט מוזן עפּעס נאָכגעבן.

— פונמיינעטוועגן קען ער הייסן משה חיים.

דער „רעווערענד״, דער מוהל, האָט טאַקע אויסגעזונגען ויקרא שמו בישראל משה חיים. מירל האָט אָבער געוווּסט און אויך מנשה האָט פאַרשטאַנען אַז הייסן וועט דער זון מאַרווין ה. שטערן, און ער האָט זיך געטרייסט, וואָס זיין שטערן וועט נאָך שיינען, כאָטש אפילו ד ע ם נאָמען צעדרייט זי אויך — מרס. סטוירן.

שטערן צי סטוירן, טאַטע מאַמע האָבן געשיינט פאַר פרייד ביי דער „פּאַרטי״, וואָס מ׳האָט מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער געמאַכט לכבוד דעם קינד און דער נייער דירה. פאַררופן האָבן זיי כמעט אַלעמען פון דער „כאָפּטיע״, וואָס זיינען שוין אויך געווען אויסגעפּאָרט, אויך אַ פּאָר נייע פריינט, אַ צוויי מנינים מענטשן, אָבער דער פּאָדערשטער צימער, דער „פּאַרלאָר״ איז געווען גרויס גענוג, דער טיש — בופעט סטיל — איז געווען אַ רייכער, פיש און פלייש, שאר ירקות דערצו, דאָס אַלץ האָט מירל אַליין צוגעגרייט, חוץ בראָנפן און וויין, דאָס האָט מנשה איינגעהאַנדלט, און דער עולם האָט זיך געלאָזט ווױלגיין.

אַלע ווייבער און אויך אַ פּאָר מענער האָבן געפונען פאַר נויטיק אַ קוק טון אויפן קינד. די מענער זיינען אָפּגעקומען מיט אַ פאַרעווען קאָמפּלימענט: אַ פיין יאַטל. די ווייבער, דער עיקר פון די אַלטע באַקאַנטע, האָבן שוין באַטראַכט דאָס קינד גאָר גרינטלעך, אָט טאַקע נאָר ווי ווייבער קענען, און מער ווי איינע פון זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן נעזל: ווי קומט צו אים די קאַרפּאַטע נאָז? איינע האָט אפילו אַ שפּאָס געטון אַז מ׳דאַרף גוט אַ קוק טון אויפן מילך מאַן און אַלע האָבן זיך צעלאַכט. אויך זיי האָט מירל געזאָגט אַז דאָס קינד איז אינגאַנצן געראָטן אין איר ברודער שלמה. זי האָט צוויי ברידער און אַ שוועסטער אין האָשטש. ווער ווייסט צי זיי זענען נאָך דאָ, די גאַנצע צייט פון דער מלחמה ניט געהערט פון זיי, די ווייבער זיינען אָפּגעקומען מיט אַ „אה! אַזוי די מעשה?״, בלויז איינע, שיינדל, איצטער שוין דזשעני, אָדער גאָר מרס. שלייען, האָט שטילערהייט אַ פרעג געטון מירלען: געהערט עפּעס פון ציפּען?

— ניין, — האָט מירל פונקט אַזוי שטיל געענטפערט. — דו? — מיט דער פראַגע איז שוין געקומען אַ פאָרשערישער קוק: פאַרוואָס האָסטו עס מיך געפרעגט און וואָס ווייסטו?

— געהערט זי האָט געהאַט אַ מיידל.

— ווען?

— דאָ ניט לאַנג, מיט אַ צוויי חדשים צוריק. איינע אַ מרס. סודאק, דו קענסט זי ניט, געווען אין פעטאלומא, האָט זי זיי געזען.

— אה, זיי זענען אין פעטאַלומאַ!

— האָסט ניט געוווסט? מוליע האָט זיך פאַרלאָזט אַ באָרד . . .

— אוי, איך שטאַרב אַוועק! מוליע מיט אַ באָרד. — מירל האָט זיך צעלאַכט. זי האָט געפּרווט אים דערזען מיט אַ באָרד און ניט געקענט.

— און דו גלויבסט עס?

— אַזוי האָט זי מיר געזאָגט. און ער הייסט שוין ניט מוליע מיטשעל, איצט רופט ער זיך טעד בראון. — דזשעניס קוק — איצט פאַרשטייסטו שוין פון וואַנען די באָרד וואַקסט?

— אַזוי גאָר . . . — מירלס קוק האָט זיך באַגעגנט מיט דזשעניס. איצט האָט זי שוין פאַרשטאַנען, ניט נאָר פאַרוואָס מוליע האָט זיך פאַרלאָזט אַ באָרד, נאָר אויך צוליב וואָס דזשעני האָט עס איר איצטער דערציילט, ביידנס אויגן — מילשטיינער צווישן וועלכע עס איז צעריבן געוואָרן די מיידלשע חברשאַפט פון אַמאָל. זי האָסט די דזשעני! און וואָס ווייסט זי? גאָרניט! זי האָט זי אין דער אדמה, זי פייפט אויף דער גאַנצער כאָפּטיע. זי האָט אַ קינד! היינט איז ביי איר יום טוב און קיין דזשעני וועט אים ניט פאַרשטערן. זי האָט אַ שפּאַן געטון צום זאַל, צווינגענדיק אַזוי אַרום דזשעניין מיטצוגיין און, אַריינגעקומען צו די געסט, האָט זי פריילעך אויסגערופן: וואָס איז מכוח אַ ליד? פריידל! אַנו ווייז וואָס דו קענסט.

— וואָס איז מיט ד י ר? — האָט פריידל געענטפערט און מ'האָט געקענט הערן אַז דאָס לאָזט זי זיך בעטן.

— איכ'ל זינגען שפּעטער. דו הייב אָן. „אויפן גאָס ווייעט אַ ווינטעלע, ווייעט אַ ווינטעלע . . .” נו, פריידל, הייב אָן! שטיל זאָל זיין! פריידל גייט זינגען.

פריידל, די אַמאָליקע „זאַפּיעוואלע” פון דער „כאָפּטיע”, האָט געזונגען איין לידל, אַ צווייטס, אַ דריטס, זי האָט ליב געהאַט זינגען און האָט הנאה געהאַט צו זען אַז דעם עולם געפעלט איר געזאַנג, מ'האָט הילכיק געפּאַטשט, פונדעסטוועגן האָט זי נאָכן דריטן ליד איבערגעגעבן דעם עמוד מירלען. מירל האָט זיך ניט געלאָזט בעטן, זי איז געווען גרייט ניט נאָר זינגען, אפילו גיין אַ טענצל. זי האָט פאַרצויגן: „אוי ווײ, מאַמע, דער קאָפּ טוט מיר ווײ, שיק נאָך אַ דאָקטאָר, אָדער נאָך צוויי”, און די געסט האָבן הנאהדיק געשמייכלט: זיי האָבן שוין געהערט דאָס לידל,

אודאי האָבן זיי עס געהערט, ניט נאָר ווען מירל האָט עס געזונגען מיידל־וויז, נאָר ווען זייערע מאַמעס האָבן עס געזונגען, אָבער טאַקע דערפֿאַר קענען זיי עס הערן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און זי זינגט עס גאַנץ געשמאַק, איר שטימעלע — אַ דין שטראָמעלע האָניק, טאַקע גאָר דין, אָבער זיס פֿאַרן אויער.

מ'האָט שוין געהאַט אויסגעזונגען אַ היפּש ביסל יידישע, רוסישע און אוקראַאינישע לידער, ערשט דאָס טיר גלעקל האָט זיך אַריינגעריסן אין כאָר. אַלע האָבן עטוואָס דערשראָקן אַ קער געטון די קעפּ: ווער קען עס זיין אַזוי שפּעט? ווען מנשה האָט פֿאָרזיכטיק געעפֿנט די טיר, אַריינגעלאָזט דזשעק אוירל מיט אַ בינטל בלומען אין האַנט, האָבן אַלע דערשטוינט געקוקט: ווי קומט דער ג ו י אַהער? מנשה האָט אים קודם פֿאָרגעשטעלט פֿאַר מירלען און דזשעק האָט זיך קאַוואַליעריש פֿאַרנייגט, איר איבערגעגעבן די בלומען, נאָכדעם אים פֿאָרגעשטעלט פֿאַרן גאַנצן עולם — דאָס איז דזשעק אוירל, דער יעניקער וואָס האָט בייגעטראָגן זיין חלק צו איין טייל פֿון דער היינטיקער שמחה — דעם חנוכת הבית — ער האָט עס געקויפֿט דאָס הויז פֿאַר מיר. אַלע זיינען געווען „צופֿרידן צו קענען אים", כאָטש מ'איז ניט געווען אַזוי צופֿרידן — ער האָט צעשטערט די היימישקייט. ווען מנשה האָט אים אַרויסגעפֿירט פֿון זאַל אין עס צימער איז די היימישקייט כוואַליע צוריקגעקומען, אָבער לא ברעש. איינער האָט שטיל אַ פֿרעג געטון: ווער איז דער פֿאַרשוין? אַ צווייטער האָט שטיל געענטפֿערט: האָסט'אָך געהערט — ער האָט בייגעטראָגן צו איין טייל פֿון דער שמחה, אַ דריטער האָט אויפֿגעכאַפּט דעם שמייכל אין די רייד און שטיל צוגעגעבן: נאָך גוט וואָס ניט צום צווייטן טייל, צום ברית . . . און דער עולם האָט זיך צעלאַכט שוין גאָר ניט אַזוי שטיל.

דזשעק האָט זיך אַנטשולדיקט וואָס ער איז געקומען אַזוי שפּעט. ווען ער ווייסט אַז ס'איז דאָ אַזאַ צובייס, אַזוי פֿיל פֿלייש און פֿיש, די פֿיש זיינען דאָך גאָר אַ מחיה, זיי צעגייען זיך אין מויל . . . מירלס רעכטע אויג האָט זיך שיר נישט צוגעמאַכט, דאָס לינקע אויג האָט זיך שאַרף אַ קער געטון, עס האָט אָבער געשמייכלט: קענסט די מלאכה, האַ?

— זי איז אַ מאַדים אויף פֿיש.

אין דזשעק אוירלס בלויע אויגן האָט אויפֿגעבליצט אַ פֿריילעך פֿייערל, אַ שקאָצעוואַטער קוק: די מענער וואָס שטאָלצירן מיט זייערע ווייבער, זייערע גוטע קעכינס! אָבער וואָס גייט עס אים אָן? די פֿיש זיינען

געשמאַק און דאָס ביסל בראַנפן . . . — דער איינציקער חסרון פון די פיש — זיי האָבן ליב וואַסער, אָט די אָ הייסע וואַסער. — מנשה האָט אויף גיך אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך.ביים אויפהייבן זיין גלעזל האָט ער שיר ניט מעשה מלך ביים סדר אַרויסגעזאָגט־אויסגעזונגען: פריער האָבן מיר געטרונקען פאַרן הויז, איצטער טרינקען מיר פאַר אונדזער זון, האָט ער מיטן קאָפּ אַ וויין געטון אויף מירלען.

— אייער זון! וועגן דעם האָט איר מיר גאָרניט געזאָגט.

— פאַר צוויי וואָכן געווען דער ברית.

— הער אַ מעשה! אויב אַזוי, איז לחיים! וואַרט! וואַרט! — האָט ער אָפּגעהאַלטן מנשהן. — זי מוז אויך טרינקען. יאָ, זי מוז. זאָל זיין אַ ביסעלע, אָבער נעמען מוז זי. אָט אַזוי. איצטער, אַלע דריי! לחיים! — אַוועקגעשטעלט דאָס גלעזל, האָט דזשעק שטאַרק געדריקט מירלס האַנט, אָט כאַפּט ער זי אַרום און גיט איר אַ קוש. מירלס קוק אויף אים — דער אמתער חברה מאַן! — דער אמתער חברה מאַן האָט זי ניט אַרומגעכאַפּט, זי האָט אָבער דערפילט אַ צוגעלאָזנקייט, און דזשעק אוירל איז שוין ניט געווען עפּעס אַ פרעמדער „גוי", נאָר אַ היימישער בחור, וואָס זי קען שוין פון גאָט ווייסט ווען. — לאָמיר אַריינגיין צו די געסט, — האָט זי גערופן ניט אַזוי מנשהן ווי דזשעקן און, אַריינגעקומען צוריק אין זאַל, האָט זי שוין אַריינגעפירט אַן אייגענעם מענטשן און, ווי פאַר אַן אייגענעם גוטן ברודער, אויפגעזונגען: לאָמיר אַלע אינאיינעם דזשעקן מקבל פנים זיין . . . ! און דזשעקס פנים איז איינס און צוויי מקובל געוואָרן. איינער האָט אים אַ פרעג געטון צי האָט ער פאַרשטאַנען וואָס מ'האָט געזונגען, האָט ער מיט אַ שמייכל געענטפערט: „שור. איט'ס סאַמטינג לאַיק 'ענד הי'ז עי דזשאָללי גוד פעללאָו', איזנ'יט?"

— דער ערל איז דאָך מבין כל דיבור, — האָט איינער אַ לאַך געטון.

דזשעק האָט זיך אויך פריילעך צעלאַכט. — וואָס די לעצטע ווערטער מיינען ווייס איך ניט, אָבער עס איז ניט ערל, עס איז אוירל, און דער אוירל איז פונקט אַזוי יידיש ווי איר.

— וו־אָ־ס!

— וואָס דען, איך אַ גוי? — האָט ער שוין גערעדט אַ געבראָכענעם יידיש. — שור, אַ ייד, איך אפילו קען זינגען אַ יידיש סאָנג.

— לאָמיר הערן! לאָמיר הערן! — האָבן שוין אַלע געפאָדערט, געמאָנט, און דזשעק האָט זיך ניט געלאָזט בעטן. ער האָט אַ שאַר געטון די האָר, אַ קוק געטון אויפן עולם. — ער ווייסט ניט צי עס איז אַ פּאַסיק

ליד פאַר היינט אָוונט, אָבער ער׳ט עס סיי ווי זינגען, ווייל עס איז דאָס איינציקע וואָס ער קען, געהערט אין יידישן טעאַטער און אויף אַ גראַמאָפאָן. עס איז „אַ ברי־ווע־לע דער מאַ־מען״ . . .

דער עולם האָט זיך איבערגעשמייכלט. זיין שטימע, אַ לירישער טענאָר, האָט אָבער אַרויסגעבראַכט דאָס „בריוועלע״ מיטן עכטן יידישן קנייטש און, ווען ער האָט געענדיקט, האָט ער געקראָגן אַזאַ אָוואַציע, אַז קאַרוזאָ אין די „פערל־פישער״ וואָלט זיך ניט געוואונטשן קיין בעסערע. מ׳האָט אים געבעטן זינגען נאָך, אָבער מער קיין יידישע האָט ער ניט געקענט, און ער׳ט בעסער הערן אַנדערע זינגען, טאַקע יידישע לידער, אפשר וועט ער זיך עפּעס אויסלערנען.

מ׳האָט ווידער געזונגען יידישע, רוסישע און אויך ענגלישע לידער און מ׳האָט פאַרבראַכט ביז שפּעט.

ביים וואַשן די כלים — מירל האָט געוואַשן, מנשה האָט געווישט — האָבן מאַן און ווייב זיך דורכגעשמועסט וועגן דער שמחה.

— געווען אַ פיינער אָוונט, ניין? די גאַנצע אַלטע כאָפּטיע געקומען.

— יאָ, כמעט אַלע. די איינציקע וואָס האָבן געפעלט איז דיין ציפּע מיט דעם . . . מולי.

— ציפּע האָט געהאַט אַ מיידעלע!

ווען זי קען זיך אָפּבייסן די צונג! דעם גאַנצע אָוונט, זינט אָט די . . . דזשעני האָט איר דערציילט וועגן מוליען האָט זי זיך באַמיט אפילו ניט צו טראַכטן דערפון און דאָ נאַדיר, מיט אַמאָל אַרויסגעשפּרונגען.

— אפילו קיינעם ניט געלאָזט וויסן. כ׳מיין פון וואַנען ווייסטו עס?

— אַ פרוי, איינע אַ מרס. סודאַק, דו קענסט זי נישט, געווען אין פּעטאַלומע, זי האָט עס געבראַכט די נייס.

— אה, זיי זיינען אין פּעטאַלומע!

— ציפּע האָט דאָרטן אַ שוועסטער. זי האָט אַ הינער פאַרם, זיינען זיי אויפן פאַרם. מוליע אַ פאַרמער. זיך פאַרלאָזט אַ באָרד, און, הערסט׳אָך, — האָט זי שוין שיר נישט פאַרטרויט אַ סוד, — ער הייסט שוין גאָרניט מוליע מיטשעל, טעד בראַון רופט ער זיך.

— אַזוי גאָר? איצט פאַרשטיי איך שוין. — מירלס אויגן האָבן געפרעגט: וואָס פאַרשטייסטו, וואָס? מנשה האָט אָבער געקוקט אויף צוריק. — ווען מיר זיינען געפאָרן אַהער פון דעטראָיט האָט ער געיאָגט די פאַרע — וואָס גיכער! געווען איז מען זאַלבעפינפט אין מיין פאָרד, פאַרשטייסטו דאָך שוין ווי גראם עס איז געווען, יעדער איינער איז גערן

געווען אַרויסגיין, אויסגלייכן אַ ביסל די ביינער, ער, ווען איך לאָז אים, וואָלט ער געטריבן גאַנצענע נעכט. אים טאַקע איין מאָל אַ פרעג געטון: וואָס איילט איר זיך אַזוי? קאַליפאָרניע וועט ניט אַנטלויפן. איצט פאַרשטיי איך שוין, אין דעטראָיט האָבן אים געברענט די טריט און דאָ איז, ווייזט אויס, פאַר אים אויך געוואָרן צו הייס . . . אַנטלאָפן אָן אַ זיי געזונט. מע, זאָל אים גאָט העלפן. אַ פאַרמער געוואָרן. כ'האָב מורא ס'וועט שוין פון אים קיין לייט ניט זיין. פון אַלע בחורים איז ער, דוכט מיר, דער ערגסטער.

— פריידלס מאַן איז בעסער?

— לואי מיינסטו? ניט קיין גרויסער פאַרדינער, אָבער . . .

— ניט קיין גרויסער פאַרדינער. און אַז ער'ט פאַרדינען מער? וועט ער מער פאַרשפּילן אין קאָרטן.

— אויך אמת. פון איר, נעבעך, געוואָרן אַ תל, זעט אויס חושך. אפילו איר שטימע האָט זיך געביטן. מיר דוכט זי קריגט גאָר אַ באַס.

— זי זינגט נאָך אַלץ גאַנץ געשמאַק. זעסטו, די דזשעני, זי אַז זי עפנט דאָס מויל, וואָלט איך אַנטלאָפן כ'ווייס אַליין ניט ווו. ניט נאָר ווען זי זינגט, אפילו ווען זי רעדט. איך קען זי פשוט ניט פאַרטראָגן.

— געמיינט איר זייט געווען חברטעס.

— קיינמאָל ניט געווען קיין חברטאָרנס. מיידלוויז איז זי געווען אַ זויערע מויד און איצטער איז זי אַ פאַרביטערטע יידענע. פאַרגינט ניט יענעם אויף אָט אַזוי פיל. האָסט באַדאַרפט זען ווי זי האָט ממש איבערגעטאַפּט יעדער שטיקל מעבל, געמעגט שווערן געקויפט פאַר איר געלט. מאָלט'יך, דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, מער רוף איך זי ניט. און אַז מ'רעדט שוין וועגן רופן, ווייטער אַז דו ווילסט עמיצן רופן צו זיך אַהיים, לאָז מיר אויך וויסן.

— וואָס זשע?

— דעם דזשעק מיין איך.

— אה, ער געפעלט דיר ניט?

— גראָדע איז ער מיר יאָ געפעלן. אַ לעבעדיקער יונג און, קענטיק, ניט קיין שלעכטער, אַ צוגעלאָזענער, גלייך געוואָרן היימיש מיט אַלעמען, אָבער ביים אַריינקומען אַזוי אומגעריכט איז עס געווען אַריינגעפאַלן ווי אַ יון אין סוכה. ווען דו זאָגסט מיר פריער . . .

— דיר זאָגן דעם אמת, איך ווייס גאָרניט צי האָב איך אים געבעטן. זיך געטראָפן מיט אים, ער האָט מיך אַ פרעג געטון: ווי איז דאָס הויז?

האָב איך אים געזאָגט מיר מאַכן אַ חנוכת הבית, אויב ער האָט ניט עפּעס בעסערס צו טון זאָל ער אַריינקומען. האָסט'אָך געהערט, וועגן ברית האָט ער אפילו ניט געוווסט.

— טאַקע דער ריכטיקער ייד צון אַ ברית. איך וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געזאָגט אַז דאָס איז אַ ייד. אַ פּאָלנער שייגעץ, די האָר, די אויגן, די נאָז . . . — עפּעס איז מיט איר היינט אויף דער נאַכט, האָט זיך שוין קוים אָפּגעריסן פון דער דזשעניק, ציפּען, מוליען, און איצט איז זי שוין ווידער ביי דער נאָז . . . אַלע ווילן וויסן ווי קומט צום קינד אַזאַ נאָז . . . מ'האָט זיי . . .

— יאָ, ער זעט אויס ווי אַ גוי . . . ער איז טאַקע אַ ביסל פאַרגויישט . . .

— און זינגט „אַ בריוועלע דער מאַמען” . . .

— מ'קען ניט זאָגן אַז ס'איז אַ ניי לידל, די שטימע אָבער אַ גאַנץ אַנגענעמע.

— יאָ, די שטימע אַ גאַנץ אנגענעמע, ער אַליין אויך — אַן אנגע־נעמער מענטש. ווער איז ער ?

— אַ ריעל עסטייט אַגענט.

— דאָס ווייס איך. כ'מיין אַזוי. פון וואַנען קומט ער, ווער איז ער ? האָט אַ ווייב, קינדער ?

— פרעג מיך גרינגערע זאַכן. קענטיק אַ בחור, אַניט וואָלט ער דאָך ניט געקומען אַליין.

— אַ ראיה אַ גוטע . . .

— עה, מיין ווייב, רעדסטו דאָך שוין רכילות . . .

— און וואָס האָבן מיר געטון די גאַנצע צייט ? — האָט זי צוריק־געשמייכלט. — נו גוט, דאָס געפּעס שוין צעוואַשן, אויסגעוואַשן די ביינער פון אונדזערע געסט אויך, קענען מיר שוין גיין שלאָפן. ווי שפּעט איז ?

— אַ פערטל צו צוועלף.

— פונקט גוט. צוועלף אַזייגער וועט דאָס קדישל זיך אויפכאַפּן, אים אָנזייגן און איכ'ל אויך קענען איינשלאָפן.

— ער שלאָפט ביי דיר אויפן זייגער ?

— ער שלאָפט אויפן מעגעלע, שלאָפט ער. יעדע פיר שעה, צו דער מינוט, איז — מאַמע, גיב עסן ! אַ טייער קינד. וויינט גאָרניט.

— מאָלט'יך, גייט ניט אַוועק אַ נאַכט ער זאָל מיך ניט אויפוועקן.

— ס'אַ משל נו, קומט די צייט פון עסן לאָזט ער וויסן. וואָס האָסטו געוואָלט, ער זאָל מיך שטילערהייט אַ טאָרע טון : איך בין הונגעריק ?

ער וויל עסן, אָדער, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, ער באַנעצט זיך, טוט ער אַ וויין, ווייטער אַזוי . . . אַ טייער קינד. מיר פאַר זיין קעפעלע. די טיר האָסטו פאַרשלאָסן? טאָ גיי שלאָפן.

לייגנדיק זיך אין בעט אַריין, האָט ביי מנשהן אין קאָפּ זיך געדרייט די גאַנצע שמחה, די געסט, אַלע אינאיינעם און יעדער איינער מיט זיין פנים, זיינע תנועות, פריידל, לואי און, ער ווייסט ניט פאַרוואָס . . . אויך דער מוליע . . . אַנטלאָפן . . . בעסער אַזוי. און מירל, אַ טייערע באַלעבאָסטע! אַלץ צוגעגרייט אַזוי פיין, האָט זיך אָנגעהאָרעוועט גאַנץ נישקשה. ער, דוכט זיך גאָרניט געטון, און אַזוי מיד אַז . . . המפיל שינה על עיני. מנשה האָט זיך איבערגעדרייט אויף דער רעכטער זייט און גלייך איינגעשלאָפן.

(6)

— צי אַזוי האַלט מען אַ קינד? און דאָס איז אַ טאַטע! ווער האַלט דאָס אַ קינד אונטער די פּאַכוועלעך, ווי אַן . . . אבדיריק? לייג אַרונטער די האַנט אונטערן טעכעסל, אָט אַזוי אָ, — האָט זי מאַניפּולירט מיט זיין פאָראָרעם, — איצט קען ער זיך אויסציען, האַלטן דאָס קעפעלע ביי דיר אויפן אַקסל און מיט דער צווייטער האַנט גלעט אים דאָס פּלייטשקעלע. דאָס האָט ער ליב, — האָט זי געשמייכלט על חשבון הליבהאָבער.

זי ווייסט וואָס ער האָט ליב, וואָס ער האָט פיינט, עס גייט ניט אַוועק אַן אָוונט זי זאָל אים ניט דערציילן חידושים פונם קינד, עס הערט שוין, עס זעט שוין קאָלירן, עס שמייכלט, עס . . . רעדט שוין. מנשה האָט אויך געקוקט אויפן קינד, האָט אָבער די אַלע זאַכן ניט געזען, אַ קינד, ווי אַלע קינדער, זיין קינד, ער האָט עס ליב, צי אָבער אַזוי ווי זי? רק קינד און קינד, אַ מאַמע און פאַרטיק, גאָר פאַרגעסן אַז זי איז אַ ווייב, ווען ער האָט איר דערמאָנט וועגן דעם, האָט זי אים אַ טובה געטון, געשיינקט אַ נדבה, אפילו דאָס אויך ניט, צוגעוואָרפן אַ ביינדל . . . ער האָט אין שפּאַס אַ זאָג געטון: דאָס מאָל וועט עס זיין אַ מיידעלע, האָט זי זיך ממש אָפּגעטרייסלט פון אים. די מאַמע אירע האָט געהאַט עלף „שטיקלעך קינדער” און פון די עלף זיינען געבליבן פיר, דאָ אין אַמעריקע האָט מען ניט קיין קינדער אויף זאַפּאַס, איינס איז גענוג, ער זאָל איר נאָר אויסוואַקסן געזונט. זי איז געווען אַזוי פאַרנומען מיטן קינד אַז זי האָט פאַרגעסן אים צו פרעגן ווי גייען די געשעפטן, אויפגעהערט אפילו אים געבן עצות. נאָך אירע עצות האָט ער, דעם אמת

געזאָגט, ניט געביינקט, וועגן די געשעפטן האָט אים אַ ביסל געדרייט דער קאָפּ. ער האָט פאַרקויפט אויטאָמאָבילן, אפשר נאָך מער ווי פריער, אָבער יעדע מכירה איז אים אָנגעקומען אַ סך שווערער ווי פריער, די סיבה דערפאַר — געניצטע אויטאָמאָבילן.

די יידן אין שטאָט האָבן זיך געמערט, אויטאָמאָבילן האָבן זיי געדאַרפט, אַ סך פון זיי האָבן שוין אָבער געהאַט אַלטע אויטאָמאָבילן, ביים אויסבייטן זיי אויף נייע האָבן זיי געוואָלט וואָס מער פאַר די אַלטע און מר. ראמזי גמליאל היואיט, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געהאַלטן פונם גוטן אַלטן ספר — די ביבל, האָט ניט אַרויסגעלאָזט פון האַנט דאָס נייע אויטאָמאָביל ביכל, ווו די פרייזן פון אויטאָמאָבילן זיינען אָנגעגעבן געוואָרן לויט די יאָרן און פון דעם ביכל האָט ער ניט געוואָלט אָפּווייכן. נעמען אַ העכערע פרייז ביים איבערפאַרקויפן דעם אַלטן אויטאָמאָביל, דאָס יאָ: ער האָט דאָך אַריינגעלייגט אַרבעט, הוצאות, און ער דאַרף דאָך פאַרדינען, ער אַרבעט עס אויף עולם הבא? אָבער ג ע ב ן אַ העכערע פרייז! פאַרוואָס קומט עס זיי, די מציאות זוכער, די „שלייפערוקעס״? מר. היואיט האָט באַנוצט אָט דאָס וואָרט פאַר יעדן איינעם וואָס האָט „געהאַט די העזה״ בעטן אַ העכערע פרייז, מנשהס קונים זיינען אָבער געווען דורכויס יידן און אים האָט זיך געדוכט אַז בנוגע זיינע קונים באַנוצט מר. היואיט דאָס וואָרט מיט אַ באַזונדער הנאה. ער האָט אים טיף טייער אין דער אדמה, איצטער אָ, מיט זיין דערפאַרונג, קען ער אַוועקגיין צו דעם איטאַליענער, דזשיאָוואַני, און יענער וואָלט אים אויפגעכאַפּט מיט ביידע הענט, עס האָט זיך אָבער ניט געוואָלט דאָס טון, שוין פאָרט צוגעוווינט, און ווידער, פון וואַנען ווייסט ער אַז דער דזשיאָוואַני איז בעסער? ווען עס קומט צו אהבת ישראל קענען זיי זיך אויסגלייכן, דער פראָטעסטאַנט, קאַטאָליק, אַזוי גוט ווי דער ישמעאל . . . און אפשר זיינען יידן טאַקע די שאַרפסטע אָפּדינגער, ווילן רק אַרונטערשלייפן . . . ווער ווייסט ווי לאַנג ער וואָלט נאָך געאַרבעט ביי דעם מר. היואיט ווען דזשעק אוירל מישט זיך ניט אַריין. ער איז געקומען אויסבייטן זיין אויטאָמאָביל, געקומען, הייסט עס, צו מנשהן, ווייל ער האָט נאָך געדיינקט מנשהס צוזאָג אַז ער גיט אים אַוועק זיין קאָמיסיע. ווען עס איז געקומען צו דער פרייז פאַרן אַלטן אויטאָמאָביל האָט מר. היואיט, ווי דער שטייגער, אויפגעמישט זיין ספר היוחסין, אָבער דזשעק איז ניט נתפעל געוואָרן. אַ בוך איז אַ בוך, אָבער דזשיאָוואַני וויל אים געבן מער מיט אַ פּופציקער.

דער נאָמען דזשיאַוואַני — אַן עלעקטרישער שטראָם. דער קאַלטער, געלאַסענער, העפלעכער מר. היואיט איז שיר נישט אויפגעשפּרונגען פֿון זיין ביינקל. — יענער „וואָפּ״! (אַ זידל וואָרט פֿאַר איטאַליענער) איך וואָלט ביי אים ניט געקויפט אפילו ווען ער גיט אים מיר אומזיסט. — דערזען דזשעקס שמייכל, האָט ער שוין גענומען רעדן רויקער. — מיר זיינען פּאַר פרייער קאָנקורענץ, אָבער דאָס איז ניט קאָנקורענץ, דאָס איז גאָרגל שניידעריי, מיר טוען געשעפט אויף אַן אנשטענדיקן אופן.

— דאָס ווייס איך, — האָט דזשעק געמאַכט אַן ערנסטן אָנשטעל.

— איך בין אַליין אַ פאַרקויפער, אַרבעט פאַר אַ רעפּוטאַבלער פירמע,

— ער האָט דערלאַנגט זיין געשעפטס קאַרטל, — דערפאַר טאַקע בין איך געקומען אַהער און אויך צוליב אים, מיין פריינט מנשה.

— אַה, איר זייט מע־נאַ־שעס אַ פריינט! — מר. היואיט האָט אי־בערגעטראָגן זיין קוק פון דזשעקן אויף מנשהן, אַט ווי ער וואָלט געזוכט אַן ענלעכקייט צווישן זיין יידן מנשה און אַט דעם גוי. שיקט זיך עס אַז דער אַ איז אויך אַ ייד? ווייזט אויס אַזוי. ווער ווייסט זיי, די יידן? —אויב אַזוי, איז עפּעס אַנדערש. ווייסט איר וואָס איכ׳ל טון? איך לאָז אייךביידן שליסן דעם מסחר און ווי איר זאָלט ניט דורכקומען האָט איר מיין צושטימונג. צופרידן? איז דער ענין דערליידיקט.

דזשעק האָט געקויפט דעם אויטאָמאָביל. מיט מנשהס קאָמיסיע אַרונטער האָט עס אים נאָך אַלץ אויסגעטראָגן ביליקער ווי ביי דעם דזשיאָוואַני. די חודשלעכע צאָלונגען זיינען אויך געווען באַקוועמערע, האָט ער אַ צופרידענער פאַרבעטן מנשהן באַנעצן דעם נייעם אויטאָמאָביל.

— סיידן מיט אַ טעפל קאַווע.

— דזשעק איז איינגעגאַנגען אויף קאַווע. ביים טרינקען האָט דזשעק אַ פרעג געטון: — ווי לאַנג אַז איר אַרבעט ביי דעם מר. היואיט?

— באַלד אַנדערהאַלבן יאָר. וואָס איז דען?

— מיר אַ חידוש. אַ גרויסער חידוש. איך וואָלט ניט אויסגעהאַלטן אַזוי לאַנג ביי אַזאַ אַנטיסעמיט.

— איך ווייס אַז ער איז ניט קיין גוואַלדיקער אוהב ישראל, אָבער צי איז ער טאַקע אַן אַנטיסעמיט . . . פון וואַנען נעמט איר עס?

— הערט! איך אַרבעט שוין לאַנג גענוג מיט גוים צו דערקענען אַן אַנטיסעמיט ווען איך זע אים. ווען ער האָט נאָר אַ זאָג געטון „יענער וואָפּ״ האָב איך שוין געוווסט מיט וועמען איך האָב דאָ צו טון. אויב אַן איטאַליענער איז אַ „וואָפּ״, איז אַ ייד ביי אים אַ „שיני״. און האָט

איר באַמערקט זיין קוקעלע ווען איך האָב געזאָגט אַז איך בין אייערער אַ פריינט? דער אייזל האָט דאָך געדיינקט אַז איך בין אַ גוי. דערהערט אַז איך בין אַ ייד, איז דינג זיך מיט דיין יידן, איך קען זיך וועטן אַז ער וייסט וועגן דער קאָמיסיע. ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס?

מנשה האָט זיך פאַרטיפט... אינם טעפל קאווע. — איר מאַכט אַ טעות. בכלל גיב איך ניט צוריק קיין קאָמיסיע, אַמאָל מאַך איך אַן אויסנאַם, אָט ווי מיט אייך...

— דאָס איז ביי מיר זייער אָנגעלייגט, כאָטש איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, ווען איך וייס פריער וואָלט איך צו אים ניט געקומען. באמת, איך חידוש זיך אויף אייך, איר זייט, קענטיק, אַ גוטער פאַרקויפער, פאַר־וואָס ניט גיין פאַר זיך?

— איר מיינט אַן אייגענע אַגענטור? אַ טראַכט געטון וועגן דעם, אָבער דערצו דאַרף מען אַ סך געלט און נאָך אַ זאַך, דאָרט אין מישיגען זיינען זיי, קענטיק, אויך ניט פאַרליבט אין יידן, דאָ אין שטאָט פיר אַגענטורן, קיין איינע ניט קיין יידישע, איך בין געווען דער ערשטער יידישער אַגענט און דאָס אויך, קיינע שכירות, שטריינג קאָמיסיע.

— האָב איך עס צוגענומען ביי אייך אפשר אַ וואָך שכירות...

— דאָס האָט איר ניט געדאַרפט געווען זאָגן.

— איך וויל אייך זאָגן עפּעס אַנדערש. הערט זיך צו. איר זייט אַ פאַרקויפער, איך בין אַ פאַרקויפער, איר אַרבעט פאַר אַ גוי אַן אַנטי־סעמיט, מיינע גוים זיינען ניט קיין סך בעסער. דעם אמת געזאָגט איז מיר דערעסן דער עסק צו זיין ביי זיי דער „זונטיק ייד", אָדער שבת גוי, די קליינע יידישע מסחרים, וואָס זיי ווילן אין האַנט ניט נעמען גיט מען מיר, האָב איך געטראַכט אַז איידער זיין ביי זיי אַ זונטיק ייד שוין בעסער זיין פאַר זיך אַ שבת גוי. די מלחמה איז אַריבער, יידן קומען אַהער יעדן טאָג, זיי דאַרפן הייזער, די הייזער מוז מען אָפּקויפן ביי גוים, אָדער בויען נייע, און דאָס מיינט אויך קויפן דאָס לאַנד ביי די גוים, איז וואָס דיינקט איר מיר זאָלן זיך קאָמבינירן, איך אַרבעט אויף דעם גויישן ווינקל, קריג די פאַרקויפער, איר קריגט די קונים, די יידן? איך בין זיכער מיר וואָלטן געמאַכט געלט. וואָס דיינקט איר וועגן דעם?

— איר מיינט איר'ט אויפגעבן אייער אָפּיס ביי די...

— פאַרוואָס ניט? איך האָב ניט חתונה געהאַט מיט זיי. און אַ מענטש קען זיך גטן אויך.

— איך מיט מר. היואיט האָב אויך ניט חתונה געהאַט, אָבער ווי־

זאָגט מען עס: גיס ניט אויס די אומריינע וואַסער אײדער דו האָסט ריינע, דאָ מאַך איך אַ פיין לעבן, נעמען און אַוועקגיין איז אַ ביסל ריזי־קאַליש, איך קען פאַרקויפן אַן אויטאָמאָביל, צי וועל איך קענען פאַרקויפן הייזער ווייס איך ניט.

— אַ פאַרקויפער זייט איר? קענט איר פאַרקויפן אַ הויז פּונקט אַזוי גוט ווי אַן אויטאָמאָביל, נאָך בעסער: אָן אַן אויטאָמאָביל קען מען אויסקומען, אַ דאַך איבערן קאָפּ מוז מען האָבן, און אין יידישן געגנט קען מען קיין דירה ניט קריגן צום דינגען, ס'איז אָדער קויף אָדער בוי, און אין איין הויז קענען מיר מאַכן מער ווי אין צוויי אָדער אפילו דריי אויטאָמאָבילן.

— דאָס איז אמת. וואָס איר זאָגט לייגט זיך אויפן שכל, פונדעסט־וועגן לאָזט מיר זיך מיישב זיין.

— קיין רעגן גייט ניט. אדרבה, זייט זיך מיישב. וואָס מאַכט זי ווייב? און דער זון?

— פיין! — האָט מנשה אויסגערופן, דערביי מאָדנע אַ קוק געטון אויף דזשעקן. — איר ווייסט, מר. אוירל, איר זייט אַ גוטער פאַרקויפער, איך דיינק איר האָט מיר פאַרקויפט די אידייע . . .

דאָס איז אַרויסגעקומען אַזוי אומגעריכט פאַר דזשעקן, אַז ער האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן אויף מנשהן. מנשהס שמייכל: האָסט זיך ניט געריכט, האַ? ער האָט אָבער גאָרניט געזאָגט, ער האָט זיך אויפ־געהייבן, גרייט צו גיין. דזשעק האָט זיך אויך אויפגעהייבן, זיי האָבן זיך דערלאַנגט די הענט. — אייך אָנקלינגען מאָרגן. ווען זייט איר געוויינלעך אין אָפיס? גוט, וואַרט אויף מיין טעלעפאָן. איז, אַ גוטן טאָג, שותף!

(7)

מנשה האָט אַ קירעווע געטון דאָס רעדל רעכטס — אפשר טאַקע זיך געדאַרפט מיישב זיין, איבעררײדן מיט מירלען? די פוס האָט אַ קוועטש געטון דעם גאַז פּעדאַל — בעסער אַזוי. דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַ יאָג געטון, אויך אין קאָפּ אַ געיעג, אַ כאַאָטישער קריץ־קרייץ געלאַף . . . ביז אַהער געזעסן ביי דער . . . שוויגער אויף קעסט. נו יאָ, געמסחרט האָט ע ר, פאַרדינט גאַנץ פיין אויך, אָבער דאָס געשעפט א י ר ס, איצ־טער באַלעבאָס פאַר זיך. גוט וואָס ער האָט באַשלאָסן גלייך. אָפּגעטין. פאַרפאַלן. אודאי וועט עס איר ניט געפעלן, זי'ט אפשר גאָר מאַכן אַ

גוואַלד. זאָל זי! די פּוס האָט אַ שפּרונג געטון צו דער האַלמע, אַזאַ קוועטש געטון אַז די מאַשין האָט אַזש אַ ריטשע געטון. „העל . . . טשו . . . לוי . . . דרייוו״? פונם טרייבערס פּנים, מער ווי פון זיינע אָפּגעריסענע ווערטער האָט מנשה געכאַפּט אַז מ׳איז דאָס אים מכבד מיט אַ קאָמ־פּלימענט פאַר זיין פלוצלונגדיקן אָפּשטעל. — ברעך דעם קאָפּ, — האָט ער געזאָגט כלומרשט צום טרייבער, זיינע הענט האָבן זיך פאַרשטייפט אַרום רעדל, די פּוס אויפן גאַז פּעדאַל האָט רויק, רעגלמעסיק, „געשפּייזט דעם מאָטאָר״. ניטאָ וואָס צו ישובן זיך, און אַרגומענטירן אודאי ניט. ער׳ט איר אפילו ניט דערציילן. ניט היינט.

ערשט ווען דער אָפּיס איז שוין געווען אָפּן, ער האָט שוין אפילו געהאַט אָפּגעדרוקט געשעפטס קאַרטלעך — ברוקלין ריעלטי קאָ. — האָט ער דערציילט מירלען וועגן זיינע נייע געשעפטן, און אויך ניט דירעקט, נאָר אגב אורחאדיק. נאָך וועטשערע, נאָכן צעווישן די כלים, ווען ער האָט געוויינלעך זיך אַנידערגעזעצט לייענען אַ צייטונג האָט ער גאָר גענומען אָנטון דאָס רעקל. מירל האָט פאַרחידושט אַ קוק געטון: וווהין גייסטו עס? און מנשה האָט כלומרשט פאַרעוו אַ זאָג געטון: גיי צו אין אָ־פּיס.

— אין אָ־פּיס!

— נו יאָ, אין אָפּיס. — זיין האַנט האָט זיך אַ צי געטון צו דער אויבערשטער קעשענע, אַרויסגעצויגן אַ קאַרטל און דערלאַנגט מירלען. מיט די שפּיץ פינגער האָט זי געהאַלטן דאָס קאַרטל, די אויגן האָבן זיך אָנגעשפּיצט אָן זיינע. דער שמייכל אויף זיין פּנים איז איר ניט גע־פעלן געוואָרן. זי האָט אַ בליק געטון אויפן קאַרטל. וואָס איז עס?

— איך בין אין די „ריעל עסטייט ביזנעס״.

— האָסט אויפגעגעבן די אויטאָמאָבילן?

מנשה האָט בלויז אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— און האָסט מיך ניט געפרעגט, מיר גאָרניט געזאָגט, ניט דערציילט.

— וואָס איז דאָ צו דערציילן? אויפגעגעבן און פאַרטיק. ביז אַהער פאַרקויפט אויטאָמאָבילן, איצטער פאַרקויפן הייזער.

— אָבער ווי טוט מען עס אָפּ אַזאַ זאַך און מ׳זאָגט גאָרניט? האָסט זיך צעקריגט מיטן באַלעבאָס?

— גאָר! איך און מר. היואיט זיינען געבליבן די בעסטע גוטע פריינט . . . איך קען נאָך איצט אויך אַריינברייגען אַ קונה און קריגן

מיין קאָמיסיע, אָבער אויף צוויי יאָרידן פאָר איך ניט, אויב שוין יאָ פאַרקויפן, איז הייזער, מער געלט אין דעם.

— וואָס ווייסטו וועגן הייזער?

— פונקט אַזוי פיל ווי וועגן אויטאָמאָבילן. איינער וויל קויפן, אַ צווייטער פאַרקויפן, פיר איך צוזאַמען אַ וואַנט מיט אַ וואַנט און איך קריג עפּעס אין האַנט.

— איצט גראַמט זיך עס ביי דיר זייער גרינג, כ׳האָב אָבער מורא אַז אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועסטו זינגען אַן אַנדער לידל. מנשה דער ריעל עסטייט מאַן! ניטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן.

— און ווו ביסט־ו?

— ס׳איז טאַטע דו לאַכסט? אַז אַך און ווי צו דיין געלעכטער. ווי איז עס דיר גאָר איינגעפאַלן צו טון אַזאַ זאַך?

— זיך געטראָפן מיט דזשעקן . . . דזשעק אוירל, דער אַגענט דורך וועמען איך האָב געקויפט דאָס הויז, זיך דורכגערעדט און . . .

— אה, דאָס האָט ער דיר פאַרהאַנדלט די מציאה?

— צו דעם מוכר מוז נאָך זיין אַ סוחר. ער האָט מיר גאָרניט פאַר־האַנדלט. מיר זיינען שותּפים.

— מיט איִם אַ שותּף! מיט אָט דעם אָ . . .

אַרויסגעזאָגט: „מיט אָט דעם אָ״, האָט זי מיט אַמאָל דערזען אי דזשעקן, אי . . . מוליען, עפּעס אַ מין פאָטאָגראַפישע קאָמפּאָזיציע פון ביידע פּנימער.

— אויב מיין זכרון דינט מיר ריכטיק, האָסטו אַמאָל געהאַלטן פון אים זייער שטאַרק.

— איך? קיינמאָל ניט!

מנשה האָט פאַרחידושט געקוקט אויף זיין ווייב: האָט זי טאַקע אַ קעצישן זכרון, אָדער זי געדיינקט גאַנץ גוט, נאָר איצט, ווען איר געפעלט ניט די עובדא פון זיין אויפגעבן „אירע״ אויטאָמאָביל געשעפטן, לאָזט זי עס אויס צו דזשעקן. מירל האָט אויסגעהאַלטן זיין קוק. — איך האָב צו אים גאָרניט. ער איז אַ לעבעדיקער בחור, שוין צו לעבעדיק, אָבער ניט קיין געשטעלטער מענטש צו גיין מיט אים אין געשעפט.

— ער איז אין די געשעפטן שוין עטלעכע יאָר, ווייסט ווו איין יוו אויס, איך קען אַ היפּשע צאָל יידן, מיר ביידע . . .

— איר ביידע וועט עקזיסטירן פון אסתּר תּענית ביז פּורים. דער

סוף וועט זיין ער׳ט דיך באַנעמען פונם קאָפּ ביז די פיס און וועסט אים קענען קלאָגן פאַרן ונתנה תוקף . . .

— מיין טייערע וויב, האָסט נאָר מורא מ׳וועט מיך באַשווינדלען. דערווייל האָט מיך נאָך קיינער ניט אָפּגענאַרט אויף אָט אַזוי פיל אָ, — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ שפּיץ פינגער. דערזען איר שפּאָטישן קוק: — אַזוי דיינקסטו! — האָט ער נאָכגעבעריש אַרויסגעזאָגט — זאָל זיך אַרויסווייזן אַז מיר ביידע שטימען ניט, צי וואָס, איז אויס שידוך. כ׳האָב עס חתונה מיט אים? און אפילו אַז מ׳האָט חתונה איז אויך דאָ אַזאַ זאַך ווי אַ גט. — מנשה האָט זיך געכאַפּט: דאָס זיינען דזשעקס ווערטער. דערזען אַ רוגז שאָטן אויף מירלס פּנים, האָט אים שוין באַנג געטון די חתונה, דער גט . . . אָבער אַז זי הייבט אָן מיט „ניט געזאָגט, ניט געפרעגט״, ד אָ ס וואָס איר פאַרדריסט, טאָ זאָל איר פאַרדריסן. אַניט האָט ער ניט געוואוסט אַז אַזוי וועט זיין? ער׳ט זיך טון זיינס. ער האָט אַ קוק געטון אויפן זייגערל: — נו, איך גיי.

— גיי, גיי, ווער האַלט דיך? — די ווערטער אַרויסגעזאָגט כלומרשט נאַכלעסיק, הינטער זיי האָבן זיך נאָכגעשלעפּט געדאַנקן־צויטן: ביסט אַרונטער פון מיין וועג, זיך געלאָזט אויף אַנדערע דרכים, רעדסט שוין אפילו פון גטן זיך . . . איז גיי, גיי דיר אינגאַנצן . . .

— כ׳וועל זיין צוריק אין אַ צוויי שעה. — דאָס האָט שוין מנשה געזאָגט אַזוי זיך, אָט ווי דער אמעריקאנער טוט זיך אַ זאָג: זיך זען שפּעטער, אויב דער שפּעטער קען אפילו זיין שפּעטער מיט אַ יאָר אָדער גאָר קיינמאָל. — איבערגעקומען! — האָט ער צו זיך אַליין אַ זאָג געטון, ער האָט זיך געריכט אויף ערגערס. דער שטיין איז אַרונטער פון זיינע פּלייצעס, ער איז געגאַנגען אין אָפיס מיט אַ גרינגער געמיט.

מנשה האָט אַ דריק געטון דאָס עלעקטרישע קנעפּל און ניט נאָר די פינסטערניש, אויך די שטילקייט פון אָפיס איז אַנטלאָפן. ער האָט דערזען די צוויי גרויסע שרייב טישן וואָס האָבן פאַרנומען כמעט די גאַנצע ברייט פון דעם קרעמל, איבערלאָזנדיק בלויז אַ שמאָלן דורכגאַנג, דעם טעלעפאָן, די פיר פּשוטע שטולן ביי די ווענט פאַר די קליענטן און די צוויי דריי־שטולן פאַר אים מיט דזשעקן. זיין שטול האָט געזאָגט־געפרעגט: ביסטו טאַקע געקומען? צוליב וואָס ווייס איך ניט, נאָר אַז דו ביסט שוין דאָ זעץ זיך אַנידער. דזשעק האָט פון ערשטן טאָג אָן געלאָזט וויסן — פיר אַזייגער גייט ער אַהיים. קיינער גייט ניט אָנקוקן אַ הויז אין אָוונט. דעם טאָג אַרבעט ער, אין אָוונט פ אַ ר ב ר יי נ ג ט

ער. מנשהן האָט עס ניט געאַרט, דזשעק קען טון אין די אָוונטן וואָס ער וויל, ער וועט אַריינקומען אין אָפּיס אויף אַ פּאָר שעה. קיינער גייט טאַקע ניט אָנקוקן אַ הויז אין אָוונט, אָבער אַ „טאַפּ טון״, אַ פרעג טון... ער קען זיינע יידן בעסער ווי דזשעק. און מנשה האָט ניט געמאַכט קיין טעות, יידן זיינען אַריינגעקומען, איינער האָט טאַקע געוואָלט ניט מער ווי אַ טאַפּ טון, אַ צווייטער האָט שוין גערעדט מער תוך זאַכן, אַ דריטער איז אַריינגעקומען סתם כאַפּן אַ שמועס וועגן געשעפט כדי ער זאָל מאָרגן קענען באַווייזן אַ צווייטן אַז געשעפטן גייען גוט, והא ראיה, ער האָט גערעדט מיט אייניקע ריעל עסטייט לייט און אַז זיי זאָגן אַז געשעפט איז גוט מעג מען זיך פאַרלאָזן אויף זיי, זיי קומען דאָך אין באַריר מיט באַנקירן... מנשה האָט גערן גערעדט אפילו מיט אַזאַ יידן. אַ באַקאַנט־שאַפט מיט אַ מענטשן קומט צונוץ. וואָס לייגער ער איז געזעסן אין אָפיס, אַלץ מער האָט ער געלערנט אַז ניט יעדער איינער וואָס קומט אַריין מוז דוקא זיין אַ קונה, אפילו די וואָס ער פירט שוין אַרום וויזן הייזער, איז דריי־פיר זיינען מציאות־זוכער, מענטשן וואָס ווייסן ניט וואָס זיי ווילן, קענען ניט באַשליסן, אָדער סתם קאָפּ דרייער, דערפאַר אָבער דער פינפטער, אָדער ער איז שוין מיד געוואָרן זוכנדיק, אָדער ער איז פון די יידן וואָס גייען אַריין קויפן אַ פּאָר שיך, מעסטן אָן און הייסן פאַרפּאַקן די אַלטע, אים האָט מנשה פאַרקויפט אַ הויז איינס און צוויי, און ער האָט ניט דערלייגט דערצו. די הייזער צום פאַרקויפן האָט מערסטנס געקראָגן דזשעק.

אין די פערציק יידישע גאַסן פון דער נייער יידישער געגנט „באָיל האיטס״ האָבן זיך נאָך פאַרוואַלגערט אַן ערך פיר הונדערט גוים. אייניקע האָבן באַשלאָסן אַז — פאַרפאַלן, שוין מוזן אויסלעבן די יאָרן מיט יידישע שכנים. סוף כל סוף זיינען זיי דאָך אויך מענטשן. אָט האָט זיך אַריינגעקליבן אַ ייד, און ניט געפערלעך. אַדרבה ,גאַנץ ווילע מענטשן, מאַכן ניט קיין טומל, דעם הויף, דאָס ביסל גראָז פון פאָרנט האַלטן זיי גאַנץ ריין, ציכטיק, חוץ דעם, צווישן זיין הויז און דעם יידנס איז דאָ אַ הויכע צאַם און „הויכע צאַמען שאַפן גוטע שכנים״... אַמאָל איז מען אָפּגעקומען מיט אַ גוט מאָרגן און אַמאָל האָט דער גוי פון איין זייט פלויט זיך דורכגערעדט מיטן יידן פון דער צווייטער זייט וועגן דעם גויישן שכן פון דריטן הויז, אַז ער האַלט זיין הויף זייער שלעכט. — ביז דאָ ניט לאַנג האָט ער געהאַלטן דעם הויף גאַנץ ריין, איצטער, איך ווייס ניט וואָס פון אים איז געוואָרן. — דער ייד האָט געשמייכלט: ער האָט

שוין יאָ געוווסט, ס'איז פון די גוים וואָס קען ניט פאַרטראָגן קיין יידן, כאַפּט אים דער גוטער יאָר. צו אַט אַזאַ גוי איז שוין דזשעק אוירל געקומען און אים אויסגעלייזט פון יידישער שכנהשאַפט. געווען אויך אַזוינע, וואָס האָבן טאַקע געוואָלט אַנטלויפן, נאָר אויב שוין יאָ אַריינלאָזן די יידן, זאָלן זיי גוט באַצאָלן דערפאַר. מיט זיי האָט דזשעק זיך אויך גאַנץ גוט ספּראַוועט. געווען אויך פאַרביסענע עקשנים, פאַר וועמען דאָס לעבן צווישן יידן איז געווען אַן אָפּקומעניש, טאָג און נאַכט זיינען זיי געזעסן מיט אַרונטערגעלאָזטע שטאָרן, ניט צו זען די יידישע שכנים. גיין אין גאַס, דער עיקר אויף ברוקלין עוועניו, איז געווען גיין אויפן „וועג פון פּיין". „ירושלים!" זיי זיינען אָבער געגאַנגען קיין „ירושלים", געקויפט ביי די יידן — אַז זיי פאַרקויפן פאָרט ביליקער — און געשאָלטן די יידן פון ירושלים, פון דער גאַנצער וועלט, פון אַלע צייטן, ביז יעזוסן. דעם יידן האָבן זיי ניט געשאָלטן, דורך ירושלים־ברוקלין עוועניו זיינען זיי געגאַנגען אין „קריסטוסעס ערשטער קירך" און געבעטן ביים קריסט יעזוס ער זאָל זיי געבן כוח אויסצוהאַלטן דאָס לעבן צווישן יידן, טאַקע די יידן אויף צעפּיקעניש. מיט די עקשנים האָט דזשעק געאַרבעט זייער שווער. — איך וועל ניט פאַרקויפן. פאַר קיין פּרייז. איך בין ניט קיין אַנטלויפער, זאָלן זיי לויפן. — דזשעק האָט גרויסמוטיק צוגעגעבן אַז די ברירה איז ביי אים, כאָטש אויף ווי ווייט ער קען זען, זיינען די יידן געקומען אַהער צו בלייבן, לכן, אויב ער'ט בייטן זיין מיינונג, באַשליסן צו פאַרקויפן, איז ער גרייט אַרויסהעלפן, דאָ איז זיין קאַרטל, און ער האָט פאַרלאָזט דאָס הויז מיט אַ שמייכל: דאָס עפּעלע וועט צייטיק ווערן וועט עס אַליין אַרונטערפאַלן, וועט זיי נמאס ווערן . . .

ברייגנענדיק איינע אָדער צוויי הייזער צום פאַרקויפן, האָט דזשעק איבערדערציילט זיינע המצאות וואָס ער האָט אָנגעווענדט ביים איינריידן די גוים, פאָזירנדיק פאַר אַ גוי, געלאַכט פון די גוים, פון זיך אַליין.

— נו, מעני, ווי געפעלט אייך אייער שבת גוי?

מנשהן איז דער שבת גוי יאָ געפעלן און ניט געפעלן. אים איז געפעלן געוואָרן די גוטמוטיקייט, די לייכטקייט מיט וועלכער ער איז צוגעגאַנגען צום עסק, דער גאַנצער ענין — אַ שפּאַס, אין דעם שפּאַס האָט ער אָבער געפילט אַ ביליקייט, עפּעס אַ „יידישער קאָמעדיאַנט", וואָס ניט נאָר אויף דער בינע, נאָר אויך אין לעבן איז ער אַ ביליקער ייד, אַ ביליקער מענטש. — איך וואָלט עס ניט געקענט טון, — האָט

מנשה זיך אַרויסגעדרייט פון געבן אַ דירעקטן ענטפער.

— אודאי וואָלט איר ניט געקענט. איר זייט צו פאַרדאַמט ערנסט. ווי די מערסטע יידן. אַ ייד זאָגט זיך דאָך אפילו אָפּ פון אַ טרונק בראַנפן. איר געדיינקט, ווען איר האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען אַ פלעשל בראַנפן ביי מיר אין שופלאַד, האָט איר מיר געזאָגט: ניט קיין גאַנגבאַרע סחורה ביי יידישע קונים. געמיינט איר מאַכט אַ טעות, ווער זאָגט זיך עס אָפּ פון אַ גלעזל בראַנפן? איין מאָל געפּרוווט מכבד זיין אַ יידן, ווייסט איר וואָס ער האָט מיר געזאָגט? — איך טרינק בלויז ווען איך מאַך קידוש, און קידוש מאַך איך נאָר אויף וויין. — מיט די ווערטער. מער האָב איך שוין ניט געפּרוווט, איינגעזען אַז גערעכט זייט איר. מיט די גוים איז שוין עפּעס אַנדערש. איר זעט אָט דעם אָ? אָנגעהייבן מיט אים רעדן, האָט ער פאַרוואָרפן הענט און פיס — ער׳ט נ י ט פאַרקויפן! פאַר קיין געלט. גענומען איין גלעזל, אַ צווייטס, האָט ער שוין אָנגעהייבן ריידן אַנדערע דיבורים, נאָכן דריטן גלעזל האָט ער אונטערגעשריבן אויף דער אָנגעצייכנטער שורה. אַגב, די גוים ווערן שיטערער, מיר האָבן שוין געמוזט פאַרקויפן אַן ערך אַ הונדערט הייזער, ניין? באַלד וועט ניט זיין וואָס צו פאַרקויפן, זיך דאַרפן אַריבערפּעקלען אויף דער מעריב זייט.

מנשה האָט אַ קוק געטון אויף דזשעקן: האָט ער גענומען אַן איבעריק גלעזל, אָדער גיט ער עס אָנצוהערעניש אַז ער גייט אַוועק? געזאָגט האָט ער: מיט אַ פּאָר טעג צוריק אונטערגעפירט אַ סך הכל פון די צוויי יאָר. אַרום און אַרום האָבן מיר געמאַכט צוויי און נײַנציק מכירהס און, ווי די ציפערן ווייזן, האָבן מיר אויסגעמאַכט ניט שלעכט.

— וויפיל?

— וואָס זשע, איר ווייסט גאָרניט?

— ניט געננוי. איר ווייסט דאָך, אין די ביכער קוק איך ניט אַריין, דאָס איז א י י ע ר פאַראַכוויע, איך פאַרלאָז זיך אויף אייך, איך האָב אַן אנונג. אַרום פינף טויזנט דאלער אַ יאָר אויף אַ חלק.

— כמעט. איך האָב עס אַלץ פאַרשריבן, ביז דער לעצטער פּעני. איר ווילט עס זען? אויסנווייניק קען איך אייך זאָגן, דאָס ערשטע יאָר האָבן מיר געצויגן צו פיר טויזנט דאלער, דאָס צווייטע יאָר צו זעקס און פערציק הונדערט; אין באַנק איז דאָ אַן ערך דריי הונדערט דאלער, און דער „לאַט״.

— דעם „לאַט״ קען איך פאַרקויפן אפילו מאָרגן מיט אַ דריי הונדערט

דאָלער ריווח. דאָס הייסט, אויב איר ווילט. איר קענט אים אפשר ווענלן האַלטן.

— וואָס זשע, איר טראַכט טאַקע וועגן . . . דער „וועסט סייד״ ?

— אַ טראַכט געטון. ניט באַשטימט. וואָס איז מכוח אייך ?

— איך בלייב דאָ. — מנשהס טאָן זיכער, אַנטשלאָסן.

— נו, מיר'ן נאָך זען. ווי זאָגט דער טראַפּיק פּאָליצמאַן : עס ברענט ניט. אגב, אייערנעכטן געקראָגן אַ צעטל פאַר פאָרן צו שנעל. שוין געווען שפּעט ביינאַכט, געפאָרן גאַנץ שנעל, אָבער ניט צו שנעל. דעם אמת געזאָגט, ווייס איך ניט. דאָס שיקסל מיט מיר אין „קאַר״ געווען צו שיין איך זאָל קוקן אויפן שנעלקייט מעטער. אַ שיקסל אַ פערשקע ! דער פּאָליצמאַן ווייסט אָבער פון קיינע חכמות, אָנגעיאָגט מיך, מאַכט ער : וואָס איז די איילעניש ? ווו ברענט עס ? — עס ברענט דאָ אָ ! — האָט די שיקסע אַ זאָג געטון און מיך אַ כאַפּ געטון אַר:ם האַלז. — איך חלש זיין מיט אים אין דערהיים. — האָט שוין געהאַט אַ גלעזל צופיל . . . דאָס זיינען מיר געפאָרן פון אַ נאַכט קלוב. דער פּאָליצ־מאַן, אַ קאַלטער גזלן, דערלאַנגט מיר דאָס צעטל : דאָ האָט איר עס, דאָס וועט אייך אָפּקילן אַ ביסל און, איר ווילט מיך פאָלגן, יאָגט זיך ניט אַזוי שטאַרק, איר קענט נאָך אַריינפאָרן אין אַ צרה . . . געמוזט האָבן שלעכטע דערפאַרונג מיט ווייבער. נו, האָב איך צוגענומען דאָס צעטל. אַ ברירה ? דאָס אַוועקגעגעבן איינעם אַ מאַכער, וואָס איז אויס־געבונדן מיט די „קנעפּלעך״, אַזוי זאָגט ער. וועט מסתם קאָסטן אַ צענערל. ניט דאָס ערשטע מאָל, — האָט ער אַ שמייכל געטון, — און מסתם ניט דאָס לעצטע מאָל אויך. איצטער גיי איך.

— גייט ניט אַזוי גיך, — האָט מנשה אים צוגעוואָרפן אַ קיבעץ, וואָס האָט זיך באַצויגן ניט נאָר אויפן פאָרן נאָר אויך אויף זיין ווענלן אַוועקגיין.

— ניין, איילן זיך איז ניטאָ וואָס. זיך זען שפּעטער, — דזשעקס קוק : וועגן געשעפט ווענלן מיר נאָך רעדן.

(8)

ביי דזשעקן אין שופּלאַד איז אַלע מאָל געשטאַנען אַ פלעשל בראַנפן, ביי מנשהן אין שופּלאַד איז געליגן אַ יידיש ביכל. געקומען איז עס אַהין אויף אַזאַ'ן אופן. איינעם אַ נאָכמיטיק האָט זיך אַריינגעשטעלט אַ יונ־

גערמאַן פון אומבאַשטימטן עלטער, ער האָט געקענט זיין אַ דרייסיקער אַזוי גוט ווי אַ פערציקער, מיט זאַמד קאָליר האָר, אַ היי קאָליר פּנים און גרוי־בלויע ליפּן, קלאָר, ניט קיין צו געזונטער מענטש.

— מיין נאָמען איז מר. ראָזען, — האָט ער זיך פאָרגעשטעלט און אַ הייב געטון די גרוי מיט ברוין געפלעקטע אויגן, אַזוי אַרום פרעגנדיק מנשהן וואָס זיין נאָמען איז. מנשה האָט אָן איבעריקן חשק אָנגעגעבן זיין נאָמען און מר. ראָזען האָט אָן איבעריקע הקדמות געפרעגט צי איז ער אַ בעלן אויפן „בוך פון וויסן". מנשהס קאָפּ — אַן אומרו פון אַ זייגער — ניין, הייסט עס, דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעהאַלטן מר. ראָזענען אַרויסצונעמען פון אַ גרויסן פּאָרטפעל דאָס „בוך פון וויסן", דערלאַנגען מנשהן. — ניט פאַראינטערעסירט, — האָט מנשה געענטפערט, ניט אָנ־געמענדיק אפילו דאָס בוך.

— איר האָט קינדער?

— מיין זון איז צו יונג צו לייענען ביכער. ער איז נאָך קיין דריי יאָר ניט.

— ער איז שוין אַלט גענוג צו שטעלן פראַגן. דאָ געפינט איר די ענטפערס.

— זיינע פראַגן קען איך דערווייל אַליין פאָרענטפערן. דאַרף עס ניט.

— וואָס איז מכוח אַ בוך פאַר אייך גופא, אַ יידיש בוך? — דאָס האָט ער שוין געפרעגט אויף יידיש.

— יידישע ביכער! ווער לייענט יידישע ביכער?

— וואָס הייסט ווער? יידן לייענען יידישע ביכער. איך קען אייך פאַרקויפן אַ גאַנג פרץ, אַ גאַנג שלום עליכם, אַ . . .

— פאָלג מיך אַ גאַנג, זיך אַנידערזעצן לייענען אַ גאַנצן גאַנג ביכער.

— איז ניט קיין גאַנצער גאַנג. דאָ האָב איך: שלום אַש'ס מאָטקע גנב, אָנקל מאָזעס; אָפּאטאָשוס אַ ראָמאַן פון אַ פערד גנב . . .

— אָפּאטאָשו? קיינמאָל ניט געהערט. סיי ווי, גנבים האָב איך גענוג לעבעדיקע, דאַרף ניט קיין פּאַפּירענע, טאָ גיט מיר שוין דעם אָנקל סעם, מיין איך, מאָזעס. וויפל?

ווען מר. ראָזען איז אַרויסגעגאַנגען האָט מנשה זיך ניט צוגעכאַפּט גלייך צום לייענען. ער האָט אַ פיר געטון מיט דער האַנט איבערן שער בלעטל, נאָכאַמאָל באַטראַכט דאָס בוך פון דרויסן און די אויגן האָבן זיך פאַרקוקט אין צייט: ווי לאַנג איז שוין אַז ער האָט ניט גענומען קיין יידיש בוך אין האַנט? זינט ער האָט חתונה געהאַט . . . מאָדנע,

ביז איצטער ניט אַ טראַכט געטון וועגן דעם, איצט האָט ער זיך אַליין געחידושט: ווי קומט עס? ביי אים אין הויז ניטאָ אַ בוך אפילו אויף אַ רפואה . . . אַמאָל האָט ער דאָך יאָ געלייענט ביכער. דזשעק האָט אים אַמאָל דערציילט, ער איז זיך צעגאַנגען מיט זיין פרוי ווייל זי איז געוועזן פאַר אים צופיל „קאָפּ מענטש", זי האָט געקענט אַריינגראָבן איר נאָז אין אַ בוך און אַזוי זיצן דעם גאַנצן אָוונט, ניט אויסריידן צו אים אַ וואָרט. מירל, זי לייענט גאָרניט, אפילו קיין צייטונג ניט, ער ברענגט אַמאָל אַ יידישע, יעדן טאָג אַן ענגלישע צייטונג, אין דער יידישער קוקט זי אפילו ניט אַריין, אין דער ענגלישער שטודירט זי אויס ווו נאָר ס'איז דאָ אַן אויספאַרקויף און גייט נאָכדעם כאַפּן מציאות . . . ניין, קיין לייענערן איז זי ניט, ווייזט אויס קיינמאָל ניט געווען . . . ער, אָבער, האָט דאָך יאָ געלייענט. מהיום והלאה ל יי ע נ ט ער, און ער הייבט אָן היינט, גלייך איצט.

אין אָוונט, ווען מירל האָט, ווי דער שטייגער, דערציילט אַלץ וועגן קינד, האָט ער אויסגעהערט, אפילו אַ שמייכל געטון וועגן דער לעצטער חכמה זיינער, טאַקע אַ קלוג קינד, און אַ וווּיל ייִנגל, ווען זי האָט אָבער גענומען ריידן וועגן די שכנים, דערציילן „נייס" פון באַקאַנטע — אַ געמיש פון נישטיקע פּאַסירונגען און קליינע רכילותלעך — האָט זיין מוח אַוועקגעוואַנדערט צו אָנקל מאָזעס. דער „אָנקל מאָזעס" האָט אַ פרעג געטון: פאַרוואָס האָסטו מיך ניט מיטגענומען אַהיים? מנשה האָט פאַר־חידושט אַ קוק געטון: טאַקע, פאַרוואָס ניט? און תוך כדי מחשבה געפּסקנט: בעסער אַזוי. דאָרטן אין אָפיס, ווען דזשעק איז ניטאָ, קיין קונים קומען ניט אַריין, קען ער זיין מיטן בוך ביחידות. גוט האָט ער געטון וואָס ער האָט עס געקויפט. פונדעסטוועגן, ווען מר. ראָזען האָט אין אַ וואָך אַרום זיך ווידער אַריינגעשטעלט מיט זיין דיקן פּאָרטפעל, דזשעק איז געזעסן ביים צווייטן שרייב טיש, האָט ער, ניט אָן שפּאָט, אַ זאָג געטון אויף ענגליש: — אה, מר. ראָזען! איך האָף איר זייט ניט געקומען פאַרקויפן מיר נאָך אַ בוך.

— ניין, — האָט מר. ראָזען געענטפערט אויך אויף ענגליש, — דאָס מאָל בין איך געקומען ניט צו פאַרקויפן קיין ביכער, איך בין געקומען קויפן אַ הויז.

דאָס „קויפן אַ הויז" האָט אַ קער געטון דזשעקס קאָפּ, זיינע אויגן האָבן זיך איבערגעשמייכלט מיט מנשהס: דער אמתער קונה! ראָזען האָט אָנגעגעבן דעם נומער און מנשה האָט אַ פרעג געטון דזשעקן צי

האָט ער עס אויף זיין צעטל. דזשעק האָט אַ פינגער געטון זיין קאַרטאָטעק און, מיט די אויגן אויפן קאַרטל געגומען לייענען ווי גרויס דער „לאָט״, וויפל צימערן אויבן, וויפל אונטן, אַ הויז פאַר אַ גרויסער פאַמיליע, מיט אַ סך קינדער.

— אה, קינדער האָבן מיר גענוג, — האָט ראזען גרויסמוטיק גע־שמייכלט.

— וויפל? — דזשעק, שפּאָטיש.

— אה, אַרום פופציק.

— פופ־ציק קינ־דער!

— נו, שרעקט זיך ניט, — האָט ראָזען, אַ צופרידענער פון דעם עפעקט וואָס די פופציק קינדער האָבן געמאַכט, געשמייכלט. — דאָס זיינען שול קינדער, מיר ווילן קויפן דאָס הויז פאַר אַ שול.

— אָה! — אין דעם אויסגעצויגענעם „אָה!״ האָט זיך געהערט: פון דער מעל וועט שוין קיין ברויט ניט זיין, דער סוחר אין דזשעקן האָט אָבער גובר געווען, ער האָט ווידער אַ קוק געטון אויפן קאַרטל, נאָכדעם אויף ראָזענען. — איר קענט עס קויפן. פינף און פופציק הונדערט דאלער, און עס האָט די ווערט.

— אַ סך געלט. פאַר אונדז, מיין איך.

— וויפל געלט האָט איר?

— איצט האָבן מיר גאָרניט. — ראָזענס שמייכל אָט ווי עמיצער וואָלט אים געכאַפּט אַ נאַקעטן, ער ציט אויף זיך אַרויף אַ ליילעך און זאָגט: אָט טו איך זיך גלייך אָן.

— און מיט דעם ווילט איר קויפן אַ הויז? — אַ קוק אויף דעם „נאַקעטן״ ראָזען און אויף מנשהן: וואָס פאַר אַ פויגל איז דאָס?

מנשה האָט אויך געקוקט אויף ראָזענען: ווילסט טאַקע קויפן, צי גלאָט געקומען דרייען אַ היטל? דזשעקן האָט ער אַ פרעג געטון:

— דער אייגנטימער איז וויליק צו נעמען אַ „מאָרטגעזש״?

— דריי טויזנט. — די צוויי ווערטער אָפּגעשניטן, אָפּגעהאַקט מיט אַ האַק: ניטאָ וואָס צו ריידן.

— נו, מר. ראזען, — האָט שוין מנשה איבערגענומען דעם געשפּרעך, — דריי טויזנט וועט זיין אַ מאָרטגעדזש, קענט איר קריגן דאָס איבעריקע?

— פינף און צוואנציק הונדערט? ניין, אַזוי פיל קענען מיר ניט קריגן. מיר קענען צוזאַמענקלייבן . . . אָה . . . אַן ערך טויזנט דאָלער.

— אויב אַזוי, גלויב איך אַז מיט אַ ביסל אָנשטרייננגונג קענט איר

איינבייסן דעם עסק. דער אייגנטימער נעמט אַ מאָרטגעזש אויף דריי טויזנט, אַ טויזנט דאָלער קענען מיר פֿאַר אייך קריגן אַ צווייטן מאָרטגייזש. דער פּראָצענט, פֿאַרשטייט זיך, וועט זיין אַ ביסל העכער, ווען איר קריגט נאָך פופצן הונדערט . . .

— זעט, אפשר קען מען אַראָפּדינגען די פינף הונדערט, — האָט ראָזען ממש געבעטן.

גערעדט האָט ער צו מנשהן, געענטפערט האָט דזשעק. — מיר קענען אפשר אַרונטערקוועטשן אַ הונדערטער, העכסטנס צוויי, אָבער ניט מער. איר ווילט קויפן אַ הויז מוזט איר האָבן געלט. פֿאַר גאָרניט קריגט מען גאָרניט. — דזשעקס ווערטער אַ פסק דין, זיין קוק — ניטאָ מיט וועמען צו ריידן. וועט אַזוי קויפן ווי . . .

— מיר'ן זען, — האָט ראָזען ווי געענטפערט דזשעקן: דו קענסט זיך טאַקע פסקענען, אָבער לפועל רחמיו בדין, אפשר וועט זיך גאָט מרחם זיין. מנשהן האָט ער געזאָגט אַ גוטן טאָג, צו דזשעקן האָט ער בלויז אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

די שותפים האָבן זיך איבערגעקוקט. — וויל קויפן אַ הויז מיט . . . גאָרנישט, — האָט דזשעק ממש אויסגעשפיגן די ווערטער.

— נו, ער איז דאָך ניט קיין פּריוואַטער קונה, אַ געזעלשאַפט אַזאַ, מסתמא אַלע אַזעלכע גבירים ווי ער, די זאַך — אַ שול פֿאַר יידישע קינ־דער — איז אַ גוטע זאַך, מ'וואָלט זיי באַדאַרפט אַרויסהעלפן. דער מר. לארימער, פֿאַרשטיי איך, וויל פינף טויזנט נעט, ריכטיק? ווי וואָלט געווען ווען מיר גיבן זיי אַוועק אונדזער קאָמיסיע? דאָס וואָלט זיי אַרויסגעהאָלפן און, נאָך אַלעמען, אַ שול . . .

— מע־ני! זייער שול גייט מיר אָן ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. איר ווילט זיי אַוועקשיינקען אייער קאָמיסיע, געזונטערהייט, איך וועל זיי ניט געבן אַ ניקל. פון אָט די יידישע געשעפטן האַלט איך ניט.

— אויב איך מאַך ניט קיין טעות זייט איר אויך אַ ייד.

— אודאי בין איך אַ ייד און, אויב איר ווילט וויסן, אפשר אַזאַ גוטער ייד ווי איר אָדער ווער עס איז, אָבער אָט די יידישע געשעפטן פון צוריקגעבן קאָמיסיע קען איך ניט פֿאַרטראָגן. אַ גוי ווייסט ניט פון קיין חכמות, דער פֿאַרקויפער ווייסט אַז ער דאַרף צאָלן, אַניט וועט ער צאָלן אין געריכט, דער אַגענט ווייסט ניט פון צוריקגעבן; דער ייד, ווען עס קומט צום אַגענט, וויל נאָר אַראָפּקוועטשן, דער אַגענט זאָל

בדאַי אַרבעטן פאַר אים אומזיסט, און דער אַגענט איז גרייט מוותּר זיין אויף זיין קאָמיסיע. איך האַס אָט די יידישע געשעפטן!

מנשה האָט געהערט ניט נאָר „איך האַס די יידישע געשעפטן", נאָר אויך „איך האַס די יידן". דער דזשעק, אפשר ניט קיין יידישער אַנטיסעמיט, איז אַ ביליקער ייד. ער האָט אויך געהאַט אַן אַנונג אַז אָט דער האַס אויסברוך איז אַ מין אָנזאָג, אַז דזשעק קלייבט זיך טאַקע אַוועקצוגיין פון די . . . יידן. אים האָט עס ניט געאַרט, ער קען אויסקומען אָן אים, פונדעסטוועגן האָט ער געוואָלט אים עפּעס זאָגן. — אויף צוריקגעבן קאָמיסיע בין איך אויך ניט אַזאַ בעלן, קיינמאָל ניט געווען, אָבער אַמאָל מאַכט מען אַן אויסנאַם . . . — דער קוק דערביי: געדיינקסטו ווי איך האָב דיר צוריקגעגעבן מיין קאָמיסיע ביים קויפן דעם אויטאָמאָביל? האָסט זי גענומען אויך! — און דאָס האָט גאָרניט צו טון מיט יידישקייט . . . אַ גוי ווייסט טאַקע אַז ער דאַרף צאָלן, נאָר אויב ער דיינקט אַז ער דאַרף צאָלן מיט אַ פינפערל ווינציקער, וועט ער בדאַי אויסגעבן פופציק דאָלער, גיין אין געריכט אַבי ניט באַצאָלן די פינף שמאָליאַרעס, בעת אַ ייד שטאָלצירט דערמיט וואָס ער האָט אָפּגעלעבט אַ לעבן לאַנג און קיינמאָל אין געריכט ניט געווען. אייך געפעלט אפשר בעסער דער גוישער וועג, איך קען גאַנץ גוט אויסקומען מיט די יידן.

— פונמיינעטוועגן קענט איר זיך האַלטן מיט זיי.

די שותפים האָבן זיך אָנגעקוקט. — פאַרשטיי איך שוין, — האָט מנשה אַרויסגעזאָגט, און צו זיין זיכער אַז ער האָט ריכטיק פאַרשטאַנען, האָט ער אַ פרעג געטון — וואָס איז מכוחן לאַט?

— אייך געזאָגט שוין, דעם לאַט קען איך פאַרקויפן אפילו מאָרגן, סיידן איר ווילט אים איבערנעמען.

— ניין, דאָס וויל איך ניט.

— איר'ט אים האַלטן נאָך אַ שטיקל צייט קענט איר קריגן מיט אַ פאָר הונדערט דאָלער מער.

— טאַקע דערפאַר וויל איך ניט. איך וויל ניט איר זאָלט דיינקען אַז איר האָט מיר איבערגעלאָזט אַ גאָלד גרובן. גאָלד, צי בליי, איר קענט אים פאַרקויפן, פאַרקויפט, וואָס מ'וועט מאַכן דערביי איז חצי־חצי, אָט טאַקע ווי צוויי גוטע שותפים.

— איך האָב גאָרניט קעגן אייך. מיר זיינען אויסגעקומען גאַנץ גוט, אָבער, דעם אמת געזאָגט, די געגנט, די אַרבעט, איז מיר דערעסן. איך דאַרף אַן איבערבייט.

— יעדער איינער טוט ווי ער פֿאַרשטייט.

— קיינע בייזע געפילן?

— ניין, איך האָב גאָרניט קעגן אייך, אונדזערע וועגן צעשיידן זיך, דאָס אַלץ.

און אָט אַזוי איז די שותּפות פון דער „ברוקלין ריאַלטי קאָ.״ אויפגעלייזט געוואָרן. דער מסחר פון דער שול הויז איז פונדעסטוועגן דורכגעפירט .געוואָרן.

(9)

דער לערער פון דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול, אַ יונגערמאַן נאָר וואָס אַריבערגעבראַכט פון „דער איסט״ מיט אַ צוגעזאָגטן געהאַלט פון זיבעציק דאלער אַ חודש, איז געשטאַנען און גערעדט צו דעם מנין פאַר־וואַלטער מיט אַזאַ ברען, אָט ווי ער וואָלט אַדרעסירט אַ גרויסן עולם. „. . . אַ שבת און זונטיק שול איז גוט פאַר די גענאָסן, וועמעס סאָציאַליזם קען זיך באַהאַלטן אין אַ שאָלעכץ פון אַ ניסל, אָדער פאַר די יאַהודים, וועמעס יידישקייט אַ פייגעלע קען אַוועקטראָגן אויפן עק. מיר, יידישע יידן, מוזן האָבן אַ שול יעדן טאָג, דאַרפן דאַרפן מיר טאַקע אַ טאָג־שול, וואו מ׳זאָל לערנען דעם גאַנצן טאָג, אָבער אויב דאָס איז ניט מעגלעך, איז כאָטש אַ שול וו מ׳זאָל לערנען יעדן טאָג, און ניט קיין נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול, ערגעץ „דאַון טאַון״ אין אַן אָפיס געביידע, מיט אַ וועלכע ס׳איז פערציק קינדער, נאָר אַ פאָלק־שול, טאַקע דאָ אין יידישן געגנט, מיט הונדערט קינדער אָדער מער. דאָס מוזן מיר!״ זיין האַנט האָט אַ שאַר געטון די פאַסמע האָר וואָס איז אַרונטערגעפאַלן אים אויפן שטערן אין היץ פון זיין ריידן, זשעסטיקולירן.

דער פאָרזיצער האָט אויסגענוצט די פאוזע אָפצושטעלן די היציקע רעדע. — חבר קאַפּלאַן! מיר זיינען מיט אייך איינשטימיק הונדערט פּראָ־צענט, אָבער קענט איר אונדז זאָגן ווי מיר קענען עפענען אַ שול דאָ. פון דינגען אַ דירה איז אָפגערעדט, אפילו מ׳זאָל שוין קריגן עפעס אַ דירה, דאַרף מען זי דאָך רעמאָנטירן, און וועלכער בעל הבית וועט ז׳ס לאָזן ברעכן ווענט? בלייבט נאָר איין וועג — קויפן, איז ווי קענען מיר רעדן וועגן קויפן אַ דירה אַז מיר האָבן אפילו ניט מיט וואָס צו צאָלן . . . — שיר שיר האָט ער ניט אַרויסגערעדט „אייך קיין שכירות״, ער האָט זיך פאַרכאַפּט און אַרויסגעזאָגט . . . — קיין דירה געלט.

— וועגן דעם קען איך חבר ראָזען עפּעס זאָגן. ער האָט אַ פּלאַן.

עטוואָס פאַרשעמט, שיר ניט שטאַמלענדיק, האָט חבר ראָזען דערציילט וועגן דער דירה וואָס ער האָט אָנגעקוקט. אַ דירה אַן אַנטיק, טאַקע אַן אַלט הויז, אָבער גרויסע צימערן, איין צימער, גאָר אַ גרויסער, קען אַרייננעמען אפשר הונדערט מענטשן, און געלט? אינגאַנצן פינף טויזנט דאָלער. איז דריי טויזנט נעמט דער אייגנטימער אַן ערשטן מאָרטגייזש, אויף טויזנט דאָלער קען מען נעמען אַ צווייטן מאָרטגייזש, און אַ טויזנט דאָלער קענען מיר גרינג שאַפן. — אַז עס קען אַריינטרייבען אין נאָך אַ פּאָר הונדערט דאָלער האָט ער פאַרגעסן . . .

— חבר ראָזען דערמאָנט מיר אַן יענעם יידן וואָס גייט אַרום לייען אַ פּופציקער חתונה מאַכן אַ טאָכטער. דאַרפן דאַרף ער טאַקע ק״ן קערבלעך, אָבער אַ פּופציקער האָט מען אים צוגעזאָגט לייען, אַ פּופציקער וועט ער בלייבן אַ בעל חוב, זוכט ער איין פּופציקער. מיט אַזאַ נדן קען מען אפשר אויסגעבן אַ טאָכטער, אָבער קויפן אַ הויז . . .

חבר ראָזען האָט זיך שוין שיר נישט באַליידיקט: ער מיינט אַזוי ערנסט, לייגט פאָר אַ פּלאַן, און דאָ מאַכט מען גאָר חוזק פון אים. — די זין און טעכטער פון דער שול האָט מען שוין אויסגעגעבן, קיין נדן דאַרף מען ניט, זיי דאַרפן אַ דאַך איבערן קאָפּ, און דעם דאַך קען מען אַרויפציען איינס און צוויי, מ׳דאַרף נאָר זיך נעמען צו דער אַרבעט, טאַקע גלייך איצט. מיר דאַרפן פינף הונדערט דאָלער אַן אַדערויף, גוט, איך גיב דעם ערשטן פינף און צוואַנציקער.

— חבר ראָזען! גאָט איז מיט אייך! איר האָט באַגנבעט אַ קלויסטער, אָפּגעהאַלטן אַ באַנק, אָדער אַ פּריץ האָט פאַרלוירן?

— ניט קיין קלויסטער, ניט קיין באַנק און ניט קיין פּריץ. איך האָב באַדאַרפט אַ ביסל געלט, זייער נויטיק געדאַרפט, בין איך געגאַנגען און געליען ביי די מאָרריס פּלאַן אַ הונדערט און פופציק דאָלער. פון דעם געלט איז מיר געבליבן אַן ערך פינף און צוואַנציק דאָלער, גיב איך עס אַוועק פאַר דעם בנין. דעם מאָרריס פּלאַן דאַרף איך צאָלן דריי דאָלער אַ וואָך? וועל איך זיך אַליין אויסצאָלן פופציק סענט אַ וואָך.

— חבר ראָזען! אַ שאָד וואָס דער פּרעזידענט ווייסט ניט פון אייך, ווען ער ווייסט וואָלט ער אייך געמאַכט פאַר זיין פינאַנץ מיניסטער.

— דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן וועט זיך שוין יאַקאָס באַגיין אָן מיר, וואָס זאָגט ד ע ר פּרעזידענט?

— ד ע ר פּרעזידענט? מה נאמר ומה נדבר? אַז חבר ראָזען,

מיט דער הילף פון מאָרריס פלאַן, גיט אַ כ״ה׳ער, מוז איך דאָך געבן כאָטש אַ פופציקער.

און פון די צען מענטשן האָבן דריי געגעבן צו פופציקער, פינף צו פינף און צוואַנציק, איינער פופצן און איינער צען דאָלער. עס האָט נאָך טאַקע געפעלט צוויי הונדערט דאָלער, אָבער וועגן דעם וועט מען נאָך ריידן, דער עיקר — מ׳האָט באַשלאָסן אַז מ׳קויפט דאָס הויז. לכבוד דעם דאַרף מען טאַקע טרינקען . . . אַ גלעזל טיי. די באַלעבאָסטע פון הויז, אַ יונגע אלמנה, האָט דערלאַנגט ניט נאָר אַ גלעזל טיי נאָר אויך אַ גע־שמאַקן צובייס, אַליין געבאַקן, כאָטש זי האָט אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט אין שאַפּ, און טרינקענדיק, צובייסנדיק האָט מען גענומען פּלאַנעווען צו וועמען גיין, וויפל ביי וועמען מ׳קען קריגן.

— ביים לאַנגן לעווין טאָר מען ווינציקער ווי אַ הונדערטער ניט נעמען.

— וועט איך אַריינדערלאַנגען.

— און ווען ער גיט מיר טויזנט דאָלער גיי איך צו אים? ער גיט עטלעכע דאָלער, אָבער ווער וויל עס אַריינפאַלן אין זיין פּה קדוש? אַ מענטש האָט אַ טריפענעם פּיסק.

— ניט אַזוי געפערלעך, — האָט חבר ראָזען אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— נו, אדרבה, גייט איר צו אים.

— האָט מיך ניט פאַרסטראַשעט, איך קען גיין, נאָר ניט אַליין. גיט מיר נאָך עמעצן.

איינער האָט געקוקט אויפן צווייטן ביז עטלעכע פּאָר אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן לערער: אפשר גאָר חבר קאַפּלאַן! — האָט איינער שיר ניט אויסגעשריען.

— איך! איך קען דאָך אים אפילו ניט!

— בעסער אַזוי, פאַר אַ נייעם מענטשן, אַ לערער, וועט ער אפשר האָבן מער דרך ארץ. בלייבט עס אַזוי — חבר ראָזען און חבר קאַפּלאַן.

אויפן וועג צום לאַנגן לעווין האָט ראָזען דערקלערט חבר קאַפּלאַנען, אַז מ׳רופט אים דער לאַנגער לעווין ווייל ער איז אפשר זיבן פוס הויך, איז אַ רייכער ייד, מ׳שאַצט אים אין אַ מיליאָן דאָלער, ער איז אין די פּרוכט געשעפטן, ניט קיין שלעכטער מענטש, מ׳קומט צו אים נאָך אַ טובה, אַ פּאָר דאָלער, זאָגט ער ניט אָפּ, נאָר האָט אַ מיאוס מויל, ווייצלט זיך, רעדט גראָבע רייד, כאָטש ער איז ניט קיין גראָבער יונג, האָט אפילו

אַמאָל געלערנט אַ בלאַט גמרא, קען גוט רוסיש, ענגליש אודאי, נאָר האָט ליב רעדן ניבול פה.

— דאָס איז גאָר! — האָט קאַפּלאַן מבטל געמאַכט. — אַז עס וועט קומען דערצו דאַרף מען מיר אויך ניט פּיקן אונטערן צונג. אָבער איך בין דאָך אַ פרעמדער, איז איר הייבט אָן, נאָכדעם וועלן מיר שוין זען.

דער לאַנגער לעווין האָט געטורעמט איבער די צוויי משולחים. דער לערער קאַפּלאַן, קורץ געוואָקסן, האָט געפילט אַז דער הויכער ייד שטייט אומישנע, בעט ניט זיצן, כדי ער זאָל קענען אַרונטערקוקן אויף די צוויי משולחים־שלעפּער. — נו, וואָס וועט איר זאָגן גוטס? — זיין קוק: וואָס איר קענט שוין זאָגן גוטס. געקומען . . . שנאָרן.

— אָט אַזוי אָ, על רגל אחת? — האָט קאַפּלאַן שוין ניט געקענט זיך איינהאַלטן. — קודם לאָמיר זיך צוזעצן. — זיין קוק האָט כלומרשט געפרעגט: מעג מען? די האַנט האָט זיך אַ יאָג געטון, אָנגענומען דעם רוקן פון אַ בייִנקל.

דער לאַנגער לעווין האָט מיטן פוס אַ שאַר געטון אַ בייִנקל, זיך אויך אַוועקגעזעצט און ניט אָן רוגזה אַ זאָג געטון — אייער חוצפה געפעלט מיר.

— אַמאָל געלערנט גמרא? חוצפה אפילו כלפי שמיא מהני. (חוצפה העלפט אפילו קעגן גאָט). איך מוז אייך אָבער זאָגן, דאָס איז ניט סתם חוצפה. עס דערציילט זיך: רב הערש אָליקער האָט זיך געקליבן גיין צו רב ברוך מעזשיבוזשער. דער מעזשיבוזשער האָט פון זיך געהאַלטן אַ וועלט, איין קליינינקייט, דעם בעל שם טובס אַן אייניקל! האָט ער געהייסן מ׳זאָל אַרויסנעמען פון זיין חדר אַלע בייִנקלעך, אַז רב הערש וועט קומען, זאָל ניט זיין אויף וואָס צו זעצן זיך. רב הערש האָט זיך דערוווסט דערפון, האָט ער געהייסן זיין משמש, וואָס איז געגאַנגען מיט אים, ער זאָל מיטנעמען אַ בייִנקל און ער זאָל דאָס אַריינברענגען ניט גלייך ווי זיי׳לן קומען, נאָר אַ פּאָר רגעס שפּעטער. אַריינגעקומען צו רב ברוכן, האָט אים רב ברוך געגעבן שלום און אים געלאָזט שטיין. באותו הרגע האָט דער משמש אַריינגעבראַכט דאָס בייִנקל און רב הערש האָט זיך אַוועקגעזעצט. איז דער מעזשיבוזשער געוואָרן אין כעס: זיך זעצן אין מיין חדר אָן מיין רשות! ווייסט איר ניט אַז איך בין אַ חד בדרא? האָט אים רב הערש געענטפערט: איך בין אויך אַ חד בדרא. איז רב ברוך געוואָרן נאָך מער אין כעס: צוויי חד בדראס? האָט רב הערש זיך צעלאַכט: צוויי חד גדיאס קענען זיין? קענען אויך זיין צוויי חד בדראס. דאָס איז די

מעשה. איז אַזוי, איך בין ניט קיין „גוטער ייד" און איר האַלט זיך דאָך ניט פאַר קיין חד בדרא, אָבער אַ חד בגבה זייט איר יאָ, דאָס ערשטע מאָל אַז איך זע אַזאַ הויכן יידן. ווי הויך זייט איר טאַקע?

— זעקס (פוס) צען (צאָל).

— איז אָט, אַז לעבן אייך מיט אייערע זעקס צען, שטעלט זיך אַוועק אַזאַ ריז ווי איך מיט מיינע פינף (פוס) צוויי (צאָל), איז עס פונקט שבת הגדול און דער קורצער פרייטיק. צי איר ווילט, צי איר ווילט ניט, זעט איר אויס גדולדיק, קוקט אויף יענעם פון אויבן אַרונטער, און דאָס טויג ניט. אַזוי, אַז מיר זיצן אַלע, קענען מיר טאַקע זאָגן: מה טוב ומה נעים שבת אחים . . .

— איר שיט מיט פסוקים ווי אַ ציג מיט באָבקעס. ווי קומט צון אַ מלמד אַזוי פיל תורה?

— דאָך אַ בפירושער פסוק: תנו רבנן, די רבנים האָבן געלערנט.

— ביי אונדז האָט מען געזאָגט אַן אַנדער פסוק: קענסט ניט לייענען, קענסט ניט שרייבן, ווער אַ מלמד.

— דאָס איז אויך אמת. לייענען די בערזע פרייזן קען איך ניט, קוק אַריין אַהין ווי אַ האָן אין בני אדם, שרייבן טשעקס קען איך אויך ניט, דאָס לאָז איך צו די גבירים, אָט טאַקע, ווידער, ווי אין פסוק שטייט: דער מלמד מיטן טייטל, דער גביר מיטן בייטל.

— הם . . . פאַרשטיי איך שוין, דער מלמד מיטן טייטל איז גע־קומען צום גביר מיטן בייטל, איר ווילט, הייסט עס, געלט, טאָ זאָגט זשע אַזוי, וואָס דאַרפט איר נאָך טעלעפען מיטן צונג. וואָס זאָגט איר, ראָזען?

דאָס ווענדן זיך צו אים האָט ראָזענען הנאה געטון. אַ מצוה אויף אים, דעם . . . מלמד. פריער רעדט ער אַליין אָפּ אַז ער'ט ניט אָנהייבן און באַלד ווי ער איז אַריינגעקומען געבומען . . . שיטן מיט פסוקים. ראזען האָט אין קורצן דערציילט די מעשה מיטן הויז, דעם גאַנצן פּלאַן און פאַרענדיקט מיט: — פאַרשטייט איר דאָך שוין, מ'דאַרף געלט.

— וויפל געלט האָט איר שוין? מזומן! — דער מזומן — אַ קאפּוליער אָנצוהערעניש: מיך בלאָפט מען ניט.

ראזען האָט אים דערלאַנגט דאָס צעטל. לעווין האָט אָנגעזאָטלט אַ פּאָר ברילן, גענומען שטודירן דאָס צעטל. די ברילן זיינען באַלד אַריב־טערגעפאָרן צום סאַמע שפּיץ נאָז. דער קורצער שטערן, דער לאַנגער קאָפּ, די קליינע ביר קאָליר אויגן, די פלאַטשיקע נאָז מיט די ברילן אויפן סאַמע שפּיץ, האָבן מיט אַמאָל דערמאָנט קאפּלאנען אן דער אילוסטראַציע

צו קרילאָווס פּאַבל „די מאַלפּע און די ברילן". ער האָט זיך שיר נישט צעלאַכט. לעווינס האַנט האָט אַ שאַר געטון די ברילן אויף אַרויף. — א י ר האָט געגעבן אַ פּינפאונצוואַנציקער! — האָט ער ממש געשריען אויף ראזענען.

— נו יאָ, טאַקע פון דער הלואה וואָס איר האָט פאַר מיר אונטער־געשריבןביים „פּעטער משה" (מאָרריס פּלאַן) — האָט ראזען זיך שיר נישט פאַרענטפערט.

— איר האָט קיין רעכט ניט צו געבן אַ פינפאונצוואַנציקער. אַז אַזאַ עושר ווי איר גיט אַ פינפאונצוואַנציקער, וויפל דאַרף איך שוין גיבן?

— אַ טויזנטער! — האָט קאַפּלאַן אויסגעכאַפּט דעם ענטפער. ער האָט געוווסט אַז קיין טויזנטער וועט ער ניט קריגן, אָבער זאָל ער וויסן דער גביר, דער . . .

— מילא פון זיין גבירהשאַפט ווייסט איר אפשר, אָבער וואָס ווייסט איר פון מיין עשירות? אפשר נאַרט איר זיך גאָר אָפּ? — לעווינס קוק — דו . . . מלמד דו . . .

קאַפּלאַן איז ניט נתפעל געוואָרן, ניט פון דעם גבירס רוגז טאָן, ניט פון זיין קוק. — ווייסן ווייס איך ניט, געהערט האָב איך אַז איר זייט אַ מיליאָנער, האָב איך איין נול אַרונטערגעוואָרפן, טראַכט איך אַז אַ ייד האָט הונדערט טויזנט, ווי פאַרדינט ער ניט צען טויזנט? צען פּראָ־צענט. און אַז ער פאַרדינט צען טויזנט דאַרף ער גיבן טויזנט — מעשר.

— אַ שאָד וואָס איר האָט זיך גענומען צו מלמדות, פון אייך וואָלט געקענט אויסוואַקסן אַ גוטער פּראַצענטניק. ווי קומט צו אַ מלמד אַזוי פיל שכל?

— אַ בפירושער פסוק: מכל מלמדי השכלתי, ווו אַ מלמד דאָרט איז שכל.

— ווידער מיט אייערע פסוקים. ביי אונדז האָט מען געזאָגט אַן אַנדער פסוק: שוואַנץ מלמד, ווייל וואָלט ער געהאַט שכל וואָלט ער דאָך קיין מלמד ניט געוועזן.

— פאַרשטייט איר מיך, דאָ אַלערליי שכלען, סוחרישער שכל אַ שטייגער, דעם שכל האָב איך טאַקע ניט, און, דעם אמת געזאָגט, בין איך אים אייך מוחל.

— דעם סוחרישן שכל זייט איר מ י ר מוחל, נאָר די צען פּראָ־צענט ווילט א י ר.

— פאַרוואָס ניט? דאָ אַזעלכע גוים, סובאָטניקעס רופט מען זיי, גיבן זיי מעשר.

— איר מיינט די „סעווענט דעי אַדוועגטיסטס". איך קען זיי. מיט אַ פּאָר פון זיי טו איך געשעפט. זיי גיבן טאַקע מעשר, אָבער אויף וואָס זיי גיבן ווייסט איר? אויף זייער קירך. פּרוווט אָבער ביי זיי קריגן, ניט צען פּראָצענט, נאָר צען סענט, מחוץ זייער קירך וועלן זיי אייך גיבן אַ גוטע פייג.

— זיי גיבן אויף זייער קירך, גיט איר אויף אייער שול.

— און חוץ אויף מ י י ן שול דאַרף מען שוין אויף קיין זאַך ניט געבן, וואָס? דער ייד וואָס דאַוונט ניט פון מיין סידור איז קיין ייד ניט. און וואָס איז מכוח סאַניטאַריום? מ'דאַרף אים אויפהאַלטן, צי ניין? און אַ יידישן שפּיטאָל דאַרף מען שטיצן? און ווו איז אַ מושב זקנים, דער הכנסת אורחים?

— נו נו, גייט שוין ווייטער — הכנסת כלה, מלבוש ערומים. איך זאָג ניט אַז מע דאַרף דאָס אַלץ ניט שטיצן, אָבער דערויף גיבן דאָך אַלערליי יידן, דאָ יידן בני רחמנים, בעת פּאַר דער יידישער שול זיינען זיי ניטאָ, דאַרפן אַזעלכע יידישע יידן ווי איר קודם אינזינען האָבן די יידישע שול.

— אַהאַ! יידישע יידן דאַרפן זיך פאַרשפּאַרן אין זייער שול, זיצן דאָרט יומם ולילה און זינגען: יאַק יידיש, טאָ פּאָידעש, דאָ זאַידעש, יידיש, יידיש, יידיש! טאָ לאָמיך אייך זאָגן — מיט אָט דעם „אידעש" וועט איר ווייט ניט פאַרפאָרן. יידן בני רחמנים. אודאי זיינען זיי דאָ, נאָר אַז עס מאַכט זיך אַ „יידישער ייד" דאַרף אַריין אין סאַניטאַריום, איז צו וועמען גייט מען? צום לאַנגן לעווין. מ'דאַרף פּאַר עמיצן אַ בעט אין שפּיטאָל — ווידער צו לעווינען: איר קענט פּועלן. איז אַזוי, איך פּועל טאַקע, אָבער ניט ווייל איך בעט ביי עמיצן אַ טובה, רחמנות, נאָר ווייל איך פאָדער, עס קומט מיר, איך גיב, דאַרף איך עפּעס קריגן. איר קענט זיך טאַקע זיין אַ ייד אַ למדן, נאָר איר ווייסט אַפּנים ניט פונם כלל: פּאַר גאָרניט קריגט מען גאָרניט, איר ווילט עפּעס קריגן, דאַרפט איר קודם גיבן, און איך גיב איבעראַל, צרכי עמך ישראל מרובים.

— יאָ, עמך ישראל. אויפן כל ישראל וואָגן פאָרן אַלערליי פאַר־שוינעץ. שוין געזען אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אָט דעם כל ישראל וואָגן און פאַרפאָרן אַזש ביזן טעמפּל, איך האָב אָבער נאָך ניט געזען אַז אַ טעמפּל ייד זאָל פאַרפאָרן צו אַ יידישער פאָלק שול.

דער וועג, ווייזט אויס, גייט נאָר אין איין ריכטונג.

— וווהין דער יידישער וואָגן פאָרט ווייס איך ניט. איך ווייס אָבער יאָ אַז גאָר אַ סך יידן פאָרן אינגאַנצן ניט, אפילו ניט אין טעמפּל. איך האָב צוויי בנים, האָב איך, איז ניט זיי דאַרפן אַ טעמפּל, קיין שול אודאי ניט, זיי ווייסן ניט און ווילן ניט וויסן פון ק י י ן יידישקייט. די עטלעכע דאָלער, וואָס איך גיב, דאָס איז כּפּרה געלט, פּדיון . . . ווי גרויס זאָל זיין דער פּדיון? — האָט ער מיט אַמאָל זיך אַ קער געטון צו ראָזענען, און דער שאַרפער קער האָט געזאָגט: בעסער ניט רעדן דערפון, אין מיט דיר, מלמד, אודאי ניט.

— גיט אונדז דערווייל אַ הונדערטער, — האָט ראָזען צוגעשמייכלט.

— וואָס מיינט דערווייל?

— דערווייל מיינט מזומן געלט, איצטער. מיט אייער הונדערטער קענען מיר שוין באַלד געבן אַן אַדערויף, מיר דאַרפן אָבער נאָך פינף הונדערט ביז איבערן חנוכת הבית, ווילן מיר איר זאָלט אונטערשרייבן אַ וועקסל אויף דער סומע, טאַקע נאָר ביז איבערן חנוכת הבית, לאָמיר זאָגן זעכציק טעג, ניינציק איז נאָך בעסער.

— כאַטע נאַ כאַטע און לאַטע נאַ לאַטע, די אמתע געשעפטן. נו גוט, איכ'ל אונטערשרייבן, אָבער ניט אַליין. אַנו, גיט מיר דאָס צעטל. זאָלן אָט די צוויי שוואָגעריקעס אונטערשרייבן די ערשטע, וועל איך אונ־טערשרייבן דער דריטער, און באָרגן דאָס געלט ניט אין מיין באַנק, נאָר אין זייערער.

— איר האָט אויסגעקליבן די אמתע גבירים.

— וועגן זייער גבירהשקייט ווייס איך בעסער פון אייך. אַז מ'וועט לייען געלט אין מיין באַנק אויף מיין חתימה אַליין, די ניינציק טעג וועלן אַריבערגיין און איר'ט, ווי דער שטייגער, ניט האָבן מיט וואָס צו צאָלן, וועלן אייערע יידן זיך ווינציק וואָס נעמען צום האַרצן: נישקשה, דער לאַנגער לעווין קען באַצאָלן, די כאַליערע וועט אים ניט כאַפּן. קאַרג האָט ער? יאָ יאָ, אַזוי וועט עס זיין. איך בין ניט נעכטן געבוירן גע־וואָרן. אַז ז י י וועלן נעמען, אין ז י י ע ר באַנק, טאַקע אויפן סמך פון מיין חתימה, וועט זיי אָבער ניט אָנשטיין דער עסק, קבצנים האָבן שטאַרק דרך ארץ פאַר אַ באַנקיר, וועלן זיי קומען צו די זיצונגען, מאַכן אַ גוואַלד, דעמלט וועט איר אפשר טאַקע באַצאָלן. איר'ט קריגן זייערע חתימות וועט איר קומען צו מיר. ווי זאָל איך אויסשטעלן דעם טשעק?

— פיין. אַ שיינעם דאַנק. איצט נאָך אַ זאַך.

— וואָס שוין ווידער ?

— אַ קלייניקייט. קענט איר אפשר אָנקלינגען אַ פּאָר יידן, פון אייערע מיין איך, זיי דערציילן די מעשה . . . וועלן מיר צוגיין צו זיי.

— אַ שיינע מעשה ווי איך בין אַ ייד. גיב אַ יידן אַ פינגער, וויל ער די גאַנצע האַנט. וועמען קען איך קלינגען ?

— מאָשקאָוויטשן אַשטייגער.

— מאָשקאָוויטשן דאַרף איך קלינגען ? אָט דעם דבר אחר ! ער'ט מיר געבן אַ פינפערל און אירט' עס ביי אים אויך אויסרייסן. ניין, צו אים גייט אַליין. זעט איר, איין יידן וועל איך יאָ אָנקלינגען, דאָס איז דער, באָקסער. אַ ייד אַ גביר, אָבער טאַקע אַ גביר, ניט אַ מיליאָנער . . . ווי איך, און אַ קמצן, איין גאָט זאָל זיך אויף אים מרחם זיין, אַז ער פאַרלירט אַ צענערל אין פינאָקל גייט אים שוין ניט איין זיין מאָלצייט, ער גיט פונדעסטוועגן געלט, האָט זייער ליב כבוד, איז אַ פּרעזידענט פון אַ שול, האָט ער ביי מיר אויסגעריסן אַ פופציקער פאַר זיין תלמוד תורה, וועל איך ביי אים אַרויסרייסן פאַר דער שול, איך ווייס ניט צי אַ פופציקער, אָבער עפּעס וועט ער מוזן געבן. וואַרט צו, איך קלינג אים גלייך אָן. העללאָ, טייערינקע ! זייט איר נאָך אַזוי שיין ווי נעכטן ? שענער ? גייט שוין גייט, שענער קען שוין ניט זיין. און אַזוי גוט אויך ? איז גוט. זייט זשע אַזוי גוט און זאָגט מיר, דער גרויסער באקסער איז דאָ ? אין סעסיע ? שוין געענדיקט ? אַזוי פרי. און ווי קוקט עס אויס, געוווּנען צי פאַרשפּילט ? געוווּנען ? איז גוט. וועט איר אַזוי גוט זיין מיך לאָזן ריידן צו אים. וואַרט, איידער איך רעד צו אים, איך שיק צו אים צוויי יונגע לייט, איר מעגט אַ קוק טון אויף זיי . . . פון דעם באַפעל ניט צוצולאָזן ווייס איך, טאַקע דערפאַר זאָג איך אייך פריער, זיי'לן קומען, זאָגט אים אַז זיי זיינען דאָ, איך האָב זיי געשיקט. איצט פאַרבינדט מיך מיט אים. העללאָ, שמשון ! דיר איבערגעשלאָגן אינמיטן דאַווענען ? שוין נאָך עלינו ? וויפל אויסגעשפּיגן ? געווינען אַכט און דרייסיק דאָלער איז ביי דיר גאָרניט ? און וואָס, קלייבסט זיך שוין גיין אַהיים ? איידער דו גייסט וויל איך דיר צושאַרן אַ מצוה. געפעלן דיר ניט מיינע מצוות ? קיין עבירה וועל איך דיר ניט נאַראַיען, אַ שיינע שיקסע קען איך אַליין פאַרדייען. דאָ זיצן ביי מיר צוויי שיינע יידן. זייער ביידנס באַנק ביכל, אויף איינעם פון אונדז געזאָגט געוואָרן, וואָלט ער שוין געקענט גאַנץ פיין גיין איבער די הייזער, אָבער וואָס איינער פון זיי האָט שכל אין מינדסטן נאָגל פאַרמאָגן מיר ביידע ניט

אין קאָפּ. זיינען זיי געקומען צו מיר, זיי ווילן קויפן אַ הויז פאַר אַ שול... דאַוועגען וועסטו שוין פאַר זיי אויך, אַ שול, אַ „סקול" צו לערנען קינדער יידיש, העברעאיש, געשיכטע . . . גוישער קאָפּ, ווייסט ניט וואָס געשיכטע איז? „היסטאָרי". וועגן אברהם, יצחק, יעקב, משה רבנו, דוד המלך, די גאַנצע „געננג" . . . יאָ, אַלץ אויף יידיש . . . דאַוועגען אויף יידיש? משוגענער קאָפּ. כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, דאַוועגען וועסטו שוין . . . הער, הער, גאָטס גנב וואָס דו ביסט, ווען דו האָסט געדאַרפט געלט פאַר דיין תלמוד תורה האָסטו ניט בודק געווען מיינע ציצית, האָסט צוגענומען מיין פופציקער, אויב אַזוי איז דיין גראָשן אויך כשר, כאָטש דו ביסט אַ טריפהנער ביין, אַ איוואַן פאָפּערילע . . . איך בין ניט זייער פרעזידענט, ביי זיי אַ פרעזידענט דאַרף קענען לייענען און שרייבן, און ניט דוקא טשעקס, זיי זיינען געקומען צו מיר, האָב איך זיי געגעבן... און אַז איכ'ל דיר זאָגן וויפל? וואָס גלייכסטו זיך צו מיר? איך בין דאָך ניט ווערט דיין מיסט . . . נו גוט, איך האָב זיי געגעבן אַ הונדערטער, וועסטו זיי געבן צוויי? . . . שאַ, שאַ, שריי ניט אַזוי, היץ זיך ניט אַזוי, וועסט נאָך פאַרברענען דעם „ווייער", גיב וויפל דו ווילסט, ווילסט גאָרניט געבן, אַרט מיך אויך ניט, אָבער וויסן זאָלסטו, גרויסער באָקסער מיינער, אַז ביי מיר וועסטו שוין פאַר דיין תלמוד תורה קריגן אַ גוטע פייג, קיין רויטן סענט ניט. ווילסט עפּעס קריגן, דאַרפסטו געבן אויך . . . אָט אַזוי זשע רעד. קיין באַלעבאָס איבער דיין קעשענע בין איך ניט, זאָגסט אַ פופציקער, איז אַ פופציקער, נאָר דערצייל מיר ניט קיין מעשות מיט קיין כשרן גראָשן, טרייפניאַק איינער. זייל'ן זיין ביי דיר אין אַ צען מינוט . . . זיך אפשר זען אין קלוב מאָרגן. אַ גוטן. — ער האָט אַ לייג געטון דאָס טרייבל אויפן פאָסטאמענט. — דאָס וויל ער שוין איך זאָל קומען אין קלוב שפּילן מיט אים אַ פּינאקל, ער מיינט ער'ט אָפּגעווינען ביי מיר די פופציק דאלער. ער'ט דאַרפן לאַנג וואַרטן. דער קלוב איז טאַקע דאָ אין מאַרק. זיין טאָג הייבט זיך אָן זעקס אינדערפרי. צען אַזייגער ווערט ער פאַרטיק מיט דער אַרבעט, בייסט איבער און זעצט זיך זאָגן תהילים. אַ סעסיע געדויערט געוויינלעך אַ דריי שעה, נאָכדעם גייט ער אַהיים, לייגט זיך שלאָפן. טאָ גייט גלייך, כאַפּט דעם באקסער, וועט איר קריגן חמש(ים) עשר.

מ'האָט זיך געזעגנט גאַנץ פריינטלעך. דער לאַנגער לעווין האָט געזאָגט: מכל מלמדי השכלתי, איך האָב פון אייך אַ סך געלערנט, כאָטש איר זייט אַ מלמד. דער מלמד קאפלאן האָט געענטפערט אַז ער האָט

מער געלערנט, און ער האָט עס באמת געמיינט, אים איז אַ ביסל קלאָרער געוואָרן ווי אַזוי און פאַרוואָס יידן גיבן געלט אויף שולן, תלמוד תורהס . . . מ׳וואָלט זיך אפשר איבערגעביטן מיט נאָך „פריינטלעכקייטן״, אָבער ראָזען האָט געיאָגט — ניט אָנווערן דעם מר. באקסער.

דאָס יאָגן זיך איז געווען אומזיסט. אריינגעקומען צו מר. באקסער אין אָפיס, האָט די מיידל, ווייט פון אַ יפת תואר, נאָר אַ קוק געטון אויף זיי. — דאָס קומט איר עס פון מר. לעווין? וואָס מאַכט ער, דער לץ? ער איז אַ ווילער חברה מאַן, ניין? — ראָזען און קאפלאַן האָבן צוגעשטימט. — מר. באקסער איז שוין אַוועקגעגאַנגען, ער האָט געלאָזט אַ טשעק פאַר אייך. אויף וועמעס נאָמען זאָל איך אים אויסשטעלן? אי־די די־שע פאָל־ק שול. ריכטיק? גוט, דאָ איז דער טשעק. איר האָט אַ קבלה? נו, מאַכט ניט אויס, דער טשעק איז אַ קבלה. אַ גוטן. אַ גוטן.

ראָזען און קאפלאַן האָבן זיך ניט געריכט אַז עס וועט צוגיין אַזוי גרינג. דעם טאָג איז מען שוין מער ניט געגאַנגען. קאפלאַן האָט שוין אפילו באַשלאָסן אַז מער גייט ער ניט. ער איז דאָס מי שמחויב גיין שנאָרן? זיין אַרבעט איז לערנען. ראזען האָט אים אָבער ניט אָפּגעלאָזט. — אַז איכ׳ל ניט גיין, איר׳ט ניט גיין, טאָ ווער דען? די פאַרוואַלטונג מיטגלידער זיינען אַלע פאַרנומענע מענטשן, דאַרפן מאַכן אַ לעבן.

— און וואָס איז מיט אייך?

— מיינע געשעפטן וועלן ניט אַנטלויפן. — דער שמייכל דערביי: ניטאָ פון וואָס צו רעדן.

אַ מאָדנער ייד דער ראָזען. מוז גיין מיט אים. אַ ברירה? עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט מיט „דער רויטער פאַטשיילע״. קיין הונדערטער אָדער פופציקער האָבן זיי מער ניט געקראָגן. צענערלעך, פינפערלעך און אפילו אַ דרייערל איז ביי ראָזענען געוואָרן אַ קרן. קאפלאַן האָט זיך געכעסט: אַ דרייערל! איך וואָלט עס אים געוואָרפן אין פנים אַריין, דעם חזיר! ראָזען איז ניט נתפעל געוואָרן. — איך האַלט אַז לעולם תקח. ער איז טאַקע אַ ייד אַ חזיר, אָבער גוט איז פון אַ חזיר אַ האָר. איכ׳ל עס אים וואַרפן, ווי איר זאָגט, אין פנים אַריין וועט ער זיך פאַרשעמען און גיבן מער? גאָר! ער׳ט זיך מחיה זיין, אַז אַ דרייערל איינגעשפּאָרט, אַז ער׳ט פטור ווערן פון מיר . . .

— און אַזוי, וועט איר גיין צו אים נאָכאַמאָל?

— פאַרוואָס ניט? גראָדע אַזעלכע יידן האָב איך ליב דערגיין די יאָר. — ראָזענס שמייכל דערביי: יאָ יאָ, אָט ווי די קוקסט מיך אָן האָב

איך ליב דערגיין די יאָר . . . קאפּלאַן האָט מער ניט גערעדט, געטראַכט האָט ער: ביים לאַנגן לעווין געלערנט ווי אַזוי, פאַרוואָס יידן ג י ב ן געלט, איצט האָט ער געלערנט פאַרוואָס מענטשן גייען ק ל י י ב ן געלט, דער ראָזען . . . גאָרניט אַזאַ לעמעלע . . .

חבר ראָזען האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וויפל ער מיט קאַפּלאַנען האָבן געזאַמלט. די פאַרוואַלטער האָבן אויך געשאַפן אַ ביסל געלט, פונדעסטוועגן האָבן זיי געהאַט תרעומות אויף ראָזענען הלמאי ער האָט זיי פאַרפירט, געזאָגט אַז מ׳דאַרף טויזנט דאָלער לסוף לאָזט זיך אויס מ׳דאַרף צוועלף פופציק. ראָזען האָט מבטל געמאַכט זייערע טענות. — איז נאָך אַ פּאָר הונדערט, קהל וועט ניט ווערן בדלות. דאָס הויז קען מען שוין קויפן? דאָס איז דער עיקר, אַריינגעקראָכן אין חוב? מ׳וועט מאַכן דעם חנוכת הבית וועט מען אַרויסקריכן.

ראָזען און קאפּלאַן האָבן זיך גענומען גרייטן צום חנוכת הבית. ראָזען האָט געבראַכט צושלעפּן לאַנגע ברעטער, קאָזלעס, נאָך געהילץ, גענומען מייסטרעווען טישן און ביינק, דער עולם זאָל האָבן ווו צו זיצן, קאפּלאַן האָט אײנזינגען געהאַט די קינדער, זיי וועלן דאָך דאַרפן „אויפ־טרעטן״, מוז מען דאָך מאַכן עפּעס אַ שטיקל בינע. בינע! אַ פּלאַטפאָרמע.

— גאָרניט געוווסט אַז איר זייט אַ סטאָליאר אויך, — האָט ראָזען אים געקיבעצט, צוזעענדיק ווי די זעג דרייט זיך ביי קאַפּלאַנען, וויל ניט גיין גלייך.

— ווער זאָגט עס אַז איך בין אַ סטאָליאר? דאָס בין איך אַ . . . בינע מייסטער.

דער בינע מייסטער האָט מיט דער זעג זיך ווי ס׳ניט איז ספּראַוועט, ווען ער האָט אָבער גענומען דעם האַמער אין האַנט, האָט ניט גענומען לאַנג און ער האָט דערלאַנגט מיטן האַמער אין אַ פינגער. דער וויטיק איז געווען אַזוי שאַרף אַז ער האָט אַ שמיץ געטון דעם האַמער, דעם פינגער אַריינגעכאַפּט אין מויל.

— לאָזט זען! — האָט ראָזען געבעטען, באַפוילן. — פאַרלאָפן מיט בלוט, דאָס אַלעס. קומט. — ער האָט אַריינגעפירט קאפּלאַנען אין קיך, געלאָזט דעם קראַן קאַלטע וואַסער, געהייסן קאפּלאַנען האַלטן דעם פינגער אונטערן שטראָם, דערביי אונטערגעקיבעצט. — אָט דאָס איז אַז מ׳איז אַ בינע מייסטער . . . אַ סטאָליאר ווייסט שוין אַז מ׳דאַרף קלאפּן דעם אייזערנעם נאָגל אין קאָפּ, ניט דעם ביינערנעם נאָגל אין פינגער. נו, איבערגעגאַנגען אַ ביסל?

— זיך פֿאַרהיילן ביז דער חתונה, — האָט קאַפּלאַן זיך שוין גע־ווינצלט, און מיטן צעקלאַפּטן פֿינגער זיך גענומען ווידער צו דער פּלאַט־פֿאָרמע.

די ברייטע טישטוכער האָבן ניט פֿאַרדעקט די „ציגענע פֿיס" פֿון ראָזענס טישן, די צוויי ליילעכער, וואָס האָבן געדאַרפֿט דינען ווי אַ פֿאָרהאַנג צו דער בינע, האָבן גיכער אויסגעזען ווי אַ פֿאָרהאַנג ביי דער בעט פֿון אַ קימפּעטאָרן, ווען צוויי יינגלעך האָבן ווי עס איז פֿאַרשאַרט די ליילעכער, אויף דער פּלאַטפֿאָרמע האָט מען דערזען אַן ערך צוואַנציק קינדער, פֿון פּיצלעך, זעקס־יאָריקע, ביז בר מצוה בחורימלעך, דער לערער קאַפּלאַן, מיט אַ בלייפֿעז אין דער אויפֿגעהויבענער האַנט, גרייט דיריגיר'ן דעם כאָר, אויב אפֿילו אָן אַ פּיאַנאָ, האָט דער עולם פֿון קנאַפּע ניינציק מענטשן הילכיק אַפּלאָדירט.

צווישן דעם עולם איז אויך געזעסן מנשה שטערן. ער איז געקומען צום חנוכּת הבית ערשטנס, ווייל דאָס איז געווען זיין אָוונט. ער און מירל האָבן איינגעטיילט די אָוונטן צווישן זיך, איין אָוונט אינמיטן און איין אָוונט סוף וואָך איז זי אַרויסגעגאַנגען און אויך ער אַזוי. עמיצער דאַרף דאָך בלייבן מיטן קינד. דעם זונטיק איז געווען זיין אָוונט. געוויינלעך איז ער געגאַנגען אין אַ קינאָ, צו אַ קאָנצערט, דאָס מאָל איז ער גע־גאַנגען אין שול, ווייל . . . ווייל ראָזען האָט אים זייער געבעטן קומען און, דער עיקר, אים האָט גערופֿעט דער ענין קאָמיסיע. „דער אָפּיס" האָט געקראָגן די פֿולע קאָמיסיע, אַזוי איז דזשעק באַשטאַנען. „איר ווילט זיי אומקערן אייער חלק, געזונטערהייט, איך קריג מיינעם ביז אַ פּעני". האָט דזשעק געקראָגן זיינס, די שותּפֿות איז שוין געוואָרן אויס, זיין חלק מעקלעריי האָט אים געבריט אין קעשענע, ער'ט עס זיי אָפּגעבן, טאַקע ביים חנוכּת הבית. סיי ווי, ער'ט גיין, ער'ט זען . . .

דאָס געזאַנג פֿון די קינדער איז אים ניט געפֿעלן געוואָרן. קולות, ניט קיין געזאַנג, דער רעדנער נאָכדעם — מ'נע . . . ער האָט פֿיינט „ספּיטשעס", דערפֿאַר אָבער ווען ער האָט דערזען אויף דער בינע אַ . . . שוסטער, דערהערט: אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ! האָט ער ניט געזען אַ יינגל פֿון אַ יאָר צוועלף מיט צוגעקלעפּטע וואָנצעס, וואָס האָט גע־קלאַפּט שטיפֿטלעך ווי טשוועקעס, ער האָט דערזען בערל דעם שוסטער מיט דער רויטער באָרד, מיטן פֿולן מויל הילצערנע פּלעקלעך, בערל האָט „געשפּיגן" מיט פּלעקלעך, זיין האַנט מיטן האַמער האָט זיי אָפּגע־ווישט, אַריינגעריבן אין זויל. דאָס בילד איז געווען אַזוי בולט אַז ער

האָט אפילו געזען דאָס לאַנגע פּאַפּירענע זעקל, קויטיק גרוי מיט שוואַרצע אותיות.

אַ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
ניט גליטש פֿון מיין האַנט זיך אַרויס!
מיין איינציקער שפּייזער ביסט דו,
פֿון הונגער אַן דיר גיי איך אויס . . .

דאָס קלאַפּעריי פֿון עולם האָט צוריקגעבראַכט מנשהן פֿון זדאלבונאוו. אַ ביסל פּאַרשפּעטיקט, האָט ער געקלאַפּט הילכיקער, לייזגער פֿון אַלע־מען. יאָ, פֿונם שוסטער האָט ער הנאה געהאַט. ער'ט זיי געבן זיין מעקלעריי . . . דער רעדנער נאָכדעם? וואָס רעדן זיי אַזוי פֿיל? אויב זיי'לן אַרויסשטעלן נאָך אַ רעדנער גייט ער אינגאַנצן אַוועק. נאָכן רעדנער האָט אויף דער בינע זיך באַוויזן אַ מיידעלע. אַ פּיצל, אפשר נאָך קיין זעקס יאָר ניט, אָבער אַזאַ לעבעדיקע, אַ פּנימ'ל — אַן אפריקאז . . . אַ נעזל — אַ פּאַסאָלקעלע, אַ מיילעכל — אַן אויפגעשניטענער קאַרש, און פֿון דעם מיילעכל קומט אַרויס:

אַ געזינד זאַלבע אַכט
און בעטן נאָר צוויי,
און קומט אָן די נאַכט,
ווו שלאָפן דאַן זיי?

דריי מיטן טאַטן
און דריי מיט דיע מאַמען —
הענטלעך און פֿיסלעך
געפֿלאָכטן צוזאַמען.

אַ טייער מיידעלע! ס'אַראַ ליב קינד! אָט אַזאַ אַ מיידעלע וואָלט ער געוואָלט האָבן . . . אַ געזונט אין איר קעפּעלע. ער'ט זיי געבן זיין קאָמיסיע! זיי האָבן עס פֿאַרדינט. זיינע הענט זיינען הייס געוואָרן קלאַפּנדיק.

— אַ חנעוודיק מיידעלע, — האָט מנשה דערהערט, ווען דאָס קלאַפּן האָט זיך איינגעשטילט.

— חנ'עוודיק! זי איז . . . וווּנדערפֿול! — האָט מנשה קוים געפֿונען דאָס וואָרט, און דאָס איז אויך געווען ניט מער ווי אַ שוואַכער אויסדריק פֿון דעם וואָס ער האָט געפֿילט. אָט אַזאַ מיידעלע האָבן. אַי, ווען מירל

איז דאָ! ניין, בעסער אַז ניט. אָט רעדט שוין ווידער איינער. וואָס וויל ע ר? ער רעדט וועגן הויז, דאָס מיינט שוין אַפּנים געלט. ער׳ט זען ווער וויפל גיט. ער האָט אַרויסגעצויגן פון בוזעם קעשענע אַ קאָנ־ווערט, פון דער אויבערשטער קעשענע אַ בלייפעז, גרייט צו פירן זיין פּריוואַטע בוכהאַלטעריע.

לשם סטראַטעגיע האָט דער „אַפּיל־מאַכער" גענומען אויסרעכענען אַלע געלטער וואָס מ׳האָט שוין געהאַט געזאַמלט און, פאַרשטייט זיך, די גרעסטע נדבה קומט די ערשטע.

— דעם ערשטן הונדערטער גיט ישראל לעווין. ווער גיט דעם צווייטן?

מנשה האָט געהערט אַ פּאַטשעריי על חשבון ההונדערטער, פאַר־צייכנט די סומע און אַ טראַכט געטון: זיי האָבן, קענטיק, רייכע יידן. אויב אַזוי, וועט ער ניט געבן, אָפּקומען מיט ווינציקער. דער ערשטער הונדערטער איז אויך געווען דער לעצטער, דער געלט מאָנער איז גלייך אַריבער צו פופציקער, איינעם פון די יידן האָט מנשה געקענט, ווייט פון אַ גביר, אויב ער האָט געגעבן אַ פופציקער, מעג ער אַוועקגעבן זיין מעקלעריי. דער געלט מאָנער איז אַריבער צו פינפאונצוואַנציקער. צווישן די האָט מנשה דערקענט איינעם אַ גביר. אויב יענער גיט ניט מער ווי אַ פינפאונצוואַנציקער, דאַרף ער גאָרניט געבן, העכסטנס אַ צענערל, אָבער אָט הערט ער: חבר נתן ראָזען אַ פינפאונצוואַנציקער. אויב ע ר גיט אַ פינפאונצוואַנציקער מוז ער זיי געבן די גאַנצע מעק־לעריי. דער חבר ראָזען, ניט נאָר האָט ער געגעבן געלט, ער איז אַ . . . טרעגער, אָט ווי די מיט די רויטע היטעלעך ביי דער באַן, ווי נאָר ער האָט באַמערקט אַ האַנט, אַ באַוועגונג אויף צו געבן געלט איז ער גלייך אויס־געוואָקסן. עס האָט שוין געהאַלטן ביי דרייערלעך, צווייערלעך, דער געלט־מאָנער איז שוין געווען הייזעריק, ער האָט אָבער נאָך אַלץ גע־האַלטן אין רופן: ווער נאָך? מר. גרינבערג צוויי דאָלער, מר. לעמקין איין דאָלער. ווער נאָך? מיר מוזן האָבן כאָטש נאָך . . . הונדערט דאָלער. מנשה האָט אויף גיך אונטערגעצויגן אַ סך הכל, געזען זיי פעלט טאַקע נאָך אַ הונדערט און צוועלף דאָלער. — קיינער גיט ניט מער? — האָט דער געלט־מאָנער שיר ניט פאַרצווייפלט אויסגערופן. מנשה האָט געכאַפּט ראָזענס אויג, מיט אַ פינגער אַ רוף געטון. — דאָ האָט איר מיין טשעק אויף הונדערט און צוועלף דאָלער און זאָגט דעם געלט־מאָנער ער זאָל פאַרענדיקן. — ראָזען איז ממש צוגעלאָפן צום פאָרזיצער, אַ פאָכע געטון מיטן טשעק און אַ הייב געטון די צווייטע

האַנט, אַזוי אַרום באַפעלנדיק: שטיל זאָל זיין! דער פאָרזיצער האָט ליותר כוח עטלעכע מאָל אַ קלאַפּ געטון מיטן האַמער און מיט אַ נצחון־קול אויסגערופן: איך האָב דעם גרויסן פאַרגעניגן צו לאָזן אייך וויסן אַז מיר האָבן נאָר וואָס אַריינגעקראָגן אַ טשעק אויף הונדערט און צוועלף דאָלער פון איינעם אַ פריינט, אַ חבר מנשה שטערן! — דעם פאָרזיצערס אַפּלאָדיסמענטן — אַ קלאַפּ אויפן צינגל פון אַ גנבים אליאַרם, דער גאַנצער צימער איין געפּילדער און אין דעם געפּילדער האָבן קעפּ זיך געקירעוועט, געוואָלט זען דעם . . . הונדערט און צוועלף. ווען דער געפּילדער האָט זיך אַ ביסל איינגעלייגט האָט ראָזען געקראָגן די געלעגנהייט צו דערציילן ווער דער מנשה שטערן פון די הונדערט און צוועלף איז, מיט דער הילף פון זיין אָפּיס, דער ברוקלין ריאַלטי קאָ., איז דאָס הויז געקויפט געוואָרן, ער בעט דעריבער דעם פריינט שטערן ער זאָל זיך אויפשטעלן, זאָל דער עולם זען ווער ער איז.

מנשה האָט געפילט זיינע אויערן ווערן אַזש רויט, ער האָט אָבער זיך אויפגעשטעלט. ווידער אַ קלאַפּעריי. האָט מנשה זיך באַנוצט מיט דעם טומל ניט צו עפענען דאָס מויל אפילו, ער האָט זיך פאַרנייגט און זיך אַוועקגעזעצט.

— „יו סטאָל די שאָו" — האָט אַ דערבייזיצער אים אַ זאָג געטון, און מנשה האָט אים געענטפערט מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל. ער האָט זיך טאַקע געשעמט אַ ביסל, ער איז אָבער אויך געווען צופרידן, ניט אַזוי וואָס ער איז „אַוועקגעגאַנגען מיט דער פּיעסע", נאָר וואָס ער האָט זיי אָפּגעגעבן די מעקלעריי. ביז דער לעצטער מינוט איז ער ניט געווען זיכער צי וועט ער עס טאַקע טון, איצט, אַז ער האָט עס אָפּגעטון, איז איבערגעקומען, איז אים אַרונטער אַ האָרב פון די פּלייצעס, ער קען מיט אַ גרינגן געמיט גיין אַהיים, דערציילן מירלען. ניין, ער'ט איר ניט דערציילן, זי קען נאָך איבערפּירן זיין געמיט . . . און אַז זי'ט פרעגן ווו איז ער געווען? קינא? טויג ניט. ער'ט גאָרניט זאָגן. ערט שוין זען . . .

מירל האָט אים פאַרלייכטערט דעם עסק, זי איז שוין געשלאָפן. אויף מאָרגן אינדערפרי איז זי געווען אַזוי פאַרנומען מיטן קינד אַז מנשה איז איר גאָרניט געליגן אין זינען. אַ ביסל האָט עס אים פאַרדראָסן — זי, מיט איר קינד! ער האָט אָבער אַ טראַכט געטון: בעסער אַזוי, און זיך צוגעאיילט אַרויסגיין פון הויז. ווען ער איז פאַרנאַכט געקומען אַהיים האָט מירל שוין אים „דערציילט" וועגן נעכטיקן אָוונט.

— געהערט, האָסט נעכטן געכאַפּט קלעפּ.

— איך, קלעפּ ?

— מ׳האָט דיר געקלאַפּט בראַוואָ.

— אָה, דאָס ? פון וואַנען ווייסטו ?

— פון וואַנען איך ווייס. די גאַנצע שטאָט רעדט. אַ נייער מיליאָנשטשיק זיך באַוויזן.

— ניט מער און ניט ווינציקער, אַ מיליאָנער.

— אַז אַ מענטש וואַרפט זיך מיט הונדערטער. וואָס זשע, די הונדערטער וואַלגערן זיך עס ביי דיר, האָסט זיי שוין ניט ווו אַהינצוטון, נאָר זיי אַוועקגעבן די שול יידן דאָרט ?

— דער הונדערטער איז געווען זייערער, ניט מיינער.

— וואָס מיינסטו זייערער ? ווער וועמען האָט געגעבן, דו זיי, צי זיי דיר ?

— זיי האָבן מיר געגעבן קאָמיסיע, דאָס הייסט, ניט זיי, דער פאַרקויפער האָט געגעבן, האָב איך עס זיי צוריקגעגעבן.

— די קאָמיסיע איז דאָך אָבער געווען דיינע. שאַ, וואָס איז מיט דיין שותּף, וויפל האָט ער צוריקגעגעבן ?

— ער האָט, פאַרשטייט זיך, ניט צוריקגעגעבן. ערשטנס, האַלט ער ניט פון יידישע זאַכן . . . פון יידן בכלל . . . צווייטנס, איז ער שוין ניט מיין שותּף.

— וו־אָ־ס ! דאָס הער איך ערשט. פון ווען אָן ?

— דאָ ניט לאַנג, אַ וואָך, צוויי.

— נו האַ, וואָס האָב איך געזאָגט. זיך צעריסן ?

— וואָס איז גאָר צעריסן ? געבליבן די בעסטע גוטע פריינט. אים דערעסן געוואָרן די יידישע געגנט דאָ, די יידן, איז ער אַוועק צו זיינע גוים.

— לאָמיך דיר זאָגן : גוט האָט ער געטון.

— וואָס זשע ?

— ברוקלין עוועניו קריכט מיר שוין אויך פון האַלז.

— אַזוי גאָר ? פון ווען אָן ?

— פון ווען אָן. אין איינע צוויי דריי יאָר גענומען אַ גאַס, וואָס אַ גאַס, די גאַנצע געגנט און געמאַכט פון איר אַ תּל. אַ קרעמל אויף אַ קרעמל, שמוציק, אָפּגעלאָזט, זאָלסט עס זאָגן אַ ביימל, אַ גרעזל.

— אויף בראָדוויי האָסטו אַ סך גראָז ? אַ געשעפטס גאַס איז אַ געשעפטס גאַס ?

— איז ווער ווינט אויף בראָדוויי ?

— און דו וווינסט אויף ברוקלין ?

— סאָטאָ איז בעסער ? זאָג דיר וואָס דו ווילסט, די גאַנצע געגנט טויג אויף כפּרות. איך וועל דאָ ניט בלייבן וווינען אפילו ווען מ'גילט מיך אָפּ. יעס סיר, מירן זיך אַרויסקלייבן.

— יאַקאָס וווינען דאָ אַ היפּש ביסל יידן.

— ווער וווינט ? שמאַנטיע־דראַנטיע. דער בעסערער עולם, דער וואָס פאַרמאָגט נאָר עפּעס, קלייבט זיך אויף דער „וועסט סאַיד".

— די גבירים מיינסטו. איז ווי קום איך צו די גבירים ?

— אַז מ'קען געבן הונדערטער אויף דער רוח ווייסט וואָס, קען מען אויסגעבן אַ פּאָר טויזנט דאָלער אויף אַ הויז אויך, און אין אַ לייטישן געגנט, ניט שטעקן דאָ אין שטינקעכץ. מיין ליבער מאַן, מיר'ן זיך אַריבערקלייבן, יעס סיר !

(10)

אַיינצלנע טראָפּנס וואַסער, אויב זיי קאַפּען אָן אויפהער, וועלן זיי דורכלעכערן אַ שטיין. טאָג איין טאָג אויס האָט מירל, מיט אָפענע דיבורים און נאָכמער מיט אָנצוהערענישן, שטעכווערטלעך, געפּיקט מנשהן אין קאָפּ — זיך אַרויסקלייבן. לכתחילה האָט ער אַרגומענטירט, געזען אַז דאָס העלפט ניט, האָט ער אויפגעהערט רעדן, ער האָט זי פּשוט איגנאָרירט, זאָל זי רעדן . . . לאַנג האָט עס אַזוי ניט געקענט אָנהאַלטן. איין פאַרנאַכט, ער איז געקומען אַהיים, האָט ער געטראָפן דאָס קינד אָנגעכמורעט, מיט סימנים פון געוויין. ער האָט קוים ביי אים אַרויסגעקראָגן אַז די מאַמע האָט אים געשלאָגן. דאָס איז פאַר מנשהן ניט געווען קיין נייס. ער האָט ניט איין מאָל זיך געחידושט אויף איר, האָט ליב דאָס קינד ביז משוגעת און איז אים גאַנץ אָפט מקיים פּסק. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געהייבן אַ האַנט אויפן קינד, פונדעסטוועגן פאָלגט עס אים בעסער ווי איר. — די מאַמע האָט דיך ניט געשלאָגן סתם אַזוי זיך, האָסט געמוזט עפּעס טון.

— איך האָב גאָרניט געטון.

— האָט גאָרניט געטון, — האָט מירל ווי זיך אויסגעטענהט מיטן קינד, ניט גערעדט צו מנשהן, — ער איז נאָר שיר ניט דערהרגעט געוואָרן. קריכט אונטער די רעדער, קריכט ער.

— איך בין געלאָפן נאָכן באַלעם, דאָס אַלץ וואָס איך האָב געטון, און פאַר דעם דאַרף זי מיך ניט שמייסן.

— די מאַמע האָט דיך נישט געשמיסן, זי האָט דיר מסתּם געגעבן אַ פּאָר פּעטשעלעך.

— זי האָט מיך י אָ געשמיסן.

מירל האָט געזען מנשהס אומצופרידענעם קוק. — געשמיסן. אים אַריינגעפּיצקעט אַ ביסל. ניקשה, ס׳וועט אים ניט שאַטן, אַז מ׳שמייסט אין הינטן גייט אין קאָפּ. ער׳ט ווייטער וויסן ניט צו לויפן גלייך אונטערן אויטאָמאָביל. גיי וואַש אָפּ דאָס פּנים, די הענט, וועלן מיר גיין עסן. — ווען דאָס קינד איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זי זיך ערשט געווענדט צו מנשהן. — ס׳איז דאָך אַ מורא אַרויסצולאָזן דאָס קינד אין גאַס. אויטאָמאָבילן לויפן ממש ווי די מחבלים. זאָג דיר וואָס דו ווילסט, דאָ קענען מיר נ י ט וווינען. דו וועסט ניט געפינען עפּעס, וועל איך אַליין געפינען. האָט זיך איינגעשפּאַרט . . .

— הייבסט שוין ווידער אָן? גענוג! ווילסט זיך קלייבן? פונ־מיינעטוועגן אפילו מאָרגן.

אויף מאָרגן, פאָרנדיק עפּעס אָנקוקן, האָט מנשה אַ זאָג געטון: דאַרפן אַריינגיין אין אַ ריעל עסטייט אָפיס, זען וואָס מ׳קען קריגן צום דינגען, קויפן . . . און ער איז איבעררראַשט געוואָרן צו הערן אַז פון דינגען איז אָפּגערעדט, אפילו קויפן עמיצנס אַ הויז וויל זי ניט, זי וויל ב ו י ע ן אַ הויז, אָט אַזאַ ווי ז י וויל.

— דאַרף מען דאָך געפינען אַ גאַס, אַ בוי־פּלאַץ.

מירל האָט זיך געלאָזט פירן איבער אַ פּאָר גאַסן, סוף כּל סוף האָט זי שוין ניט געקענט זיך איינהאַלטן: זי האָט געזען אַ „לאָט" אויף . . . און מנשה איז געוואָרע געוואָרן אַז ניט נאָר האָט זיין ווייב שוין אָנגעקוקט אַ בוי־פּלאַץ, זי האָט שוין געוווסט פאַר וויפל מ׳קען אים קריגן, זי האָט שוין אפילו גערעדט מיט אַ בויער, איינער אַ מר. מ׳קדערמאָט, וואָס קען אויפבויען אַ הויז אין גלייכן געלט.

דעם בוי־פּלאַץ האָט מנשה געקויפט, פונם בויער, דעם מר. מ׳קדער־מאט, האָט ער אפילו ניט געוואָלט הערן. אַ יידישער בויער קען אויך אויפשטעלן אַ גוט הויז און עס זאָל נאָך קאָסטן ביליקער.

— דו מיט דיינע יידן. און אַז ביליקער מיט אַ הונדערטער צי מיט צוויי, אַז ס׳וועט זיין אַ שטאַל? דער מר. מ׳קדערמאט האָט אויסגעבויט אַ הויז פאַר די דזשענקינס, איז טאַקע נאָר צו קוקן אויף דעם.

— די יידן, זע איך, זיינען דיר גרויס אין די אויגן. איז, קודם, וויל איך דיר זאָגן, אַז דאָרט ווו דו קלייבסט זיך בויען דיין הויז וועט שוין קיין גוי ניט בלייבן אויף אַ רפואה, דו אַנטלויפסט פון יידן צו יידן...

— ווער אַנטלויפט, ווער? איך בין נאָך יאַקאָס אַזאַ ייד ווי דו, אָבער וואָס האָט עס צו טון מיט יידישקייט? דער מ׳קדערמאַט...

— הער מיר אויף מיט דיין מ׳קדערמאַט! אַ בוי־פּלאַץ געקויפט? בויען דאָס הויז לאָז מיך.

— בוי! ווער לאָזט דיך ניט?

מירל האָט כלומרשט נאָכגעגעבן, ביי זיך האָט זי געטראַכט: דו קענסט זיך דיינקען אַז ד ו בויסט דאָס הויז, אָבער בויען וועל א י ך, דעם יידישן בויער דיינעם וועל איך שוין געבן די וועלט צו זען.

מנשה האָט זיך דורכגערעדט מיט זיינעם אַ באַקאַנטן יידישן בויער, איינער אַ מר. בראַווערמאַן?

— בויען אַ הויז? ווו סאַמע? אויף דער „וועסט סאיד", ווו אַלע יידן, הייסט עס. ווי גרויס? דאָס מיינט צוועלף הונדערט פוס, וועט עס קאָסטן פינף טויזנט דאלער.

— אַזוי גיך באַרעכנט?

— וואָס איז דאָ צו רעכענען? אַן אויסגעשריענע פּרייז ווי אַ גראָשן אַ בייגל, פיר דאלער אַ סקווער פוס. צוועלף מאָל פיר איז אַכט און פערציק, צו מאַכן אַ גלייכן חשבון, איז פינף טויזנט. אַלע מאָל קומט צו עפּעס עקסטראַ.

מנשה האָט ניט געהאַלטן פון דינגען זיך, אָבער לויט מירלס רייד איז דעם מר. מ׳קדערמאַטס פּרייז כמעט די זעלבע, ער מוז קריגן ביליקער. האָט ער אָנגעהייבן מיט דריי דאלער אַ פוס, אַהער אַהין, מ׳איז מושוה געוואָרן אויף דריי און אַ האַלב, צוועלף הונדערט פוס איז צוויי און פערציק הונדערט, כדי אָבער עס זאָל זיין אַ גלייכער חשבון . . . איז פיר טויזנט, בתנאי — גוטער מאַטעריאַל און גוטע אַרבעט.

— וועגן מאַטעריאַל איז אָפּגערעדט, פונם בעסטן וואָס איז דאָ. פאַרשטייט זיך, אויב איינער וויל אַריינלייגן אין אַ הויז דעם טאַטן מיט דער מאַמע, כ׳ווייס דאָרט, טירן פון פּימסנהאָלץ, קרישטאָלענע הייננ־לייכטער, דעמלט איז דער חשבון אַן אַנדערער. איך רעד פון אַ סטאַנ־דאַרד הויז. און בנוגע אַרבעט איז אַזוי, איך באַמי זיך אַלע מאָל צו קריגן די בעסטע בעל מלאכות, יוניאָן לייט, און מערסטנס יידן. ניט ווייל איך האָב עפּעס קעגן גוייִשע אַרבעטער, די „פּלאָמבערס", די

עלעקטריקער, זיינען מייסטנס גוישע, ניטאָ פּשוט קיין יידישע, און סיי ווי, דאָס גיב איך אַרויס סוב קאָנטראַקט, אָבער אַזוי איז יידישע, ווייל ווער זאָל געבן אַ יידישן בעל מלאכה אַ טאָג אַרבעט אויב ניט אַ יידישער בויער? איך געדיינק ווען איך בין אָנגעקומען אַהער. געבראַכט האָב איך מיט זיך מיין גאַנצן פאַרמעגן — אַ ווייב מיט צוויי קינדער, זיי זאָלן מיר געזונט זיין — די ווייב האָט געליטן פון אַ ביסל היי פיבער, אַסטמאַ, טאַקע צוליב איר געקומען — מיין קעסטל געצייג און דאָס יוניאָן ביכל. געקומען אין דער יוניאָן, האָבן זיי אָנגענומען מיין טראַנספער, מיך אַרויפגעשטעלט אויף דער אַרבעט ליסטע, אָבער אַרבעט, אַ נעכטיקער טאָג! ערשטנס, אַ סקעב שטאָט, געווען באַלד נאָך דער מק׳נאמאַראַ געשיכטע, צווייטנס, אַ גוישער בויער וועט אָנשטעלן אַ יידן? קען לאַנג וואַרטן. קיין יידישער בויער ניט געווען, בין איך געגאַנגען פאַר זיך. איצט זיינען שוין דאָ יידישע סטאָליארעס, מוליארעס, פאַרבערס, אפילו אַ יידישער לאָקאַל, איז אַז איך נעם אַן אַרבעטער, זאָג איך אים: יוניאָן שכירות? מיטן שענסטן כבוד, נאָר וויסן זאָלסטו איך וויל אַ טאָג אַרבעט, און אַ גוטן. און, גלויבט מיר, איך קריג אים. צו די אַרבעטער דערלייג איך ניט. און איך בין דאָך אויך אַן אַרבעטער, איך שטיי ניט אַ גאַנצן טאָג און קלאַפּ מיטן האַמער, אָבער אַז מ׳וויל אַז אַלץ זאָל קלאַפּן, עס זאָל געמאַכט ווערן אין צייט און ווי עס דאַרף צו זיין, דאַרף מען זיך גענוג אָנלויפן. לויף איך טאַקע פון איין „דזשאַב" צום צווייטן און, גלויבט מיר, איך לייג אַריין אַ שווערן טאָג אַרבעט. אַזוי, אַז אויב איך מאַך פיר־פינף הונדערט דאלער אין אַ דזשאַב האָב איך עס כשר פאַרדינט. איר מעגט מיר הייליק גלויבן.

— איך גלויב אייך. פאַרוואָס זאָל איך אייך ניט גלויבן? — דער מר. בראַווערמאַן איז אים געפעלן געוואָרן. קענטיק אַן ערלעכער ייד.

— וואָס איז מכוח אַ פלאַן?

— אַ פלאַן, אוודאי, אַ פלאַן, ספּעציפיקאַציעס . . .

מנשה האָט געלייענט דעם פלאַן, די ספּעציפיקאַציעס, מירל האָט אפילו ניט געוואָלט אַ קוק טון אויפן פלאַן. — אָט אָ באַלד וועל איך זיך אַנידערזעצן לייענען פּלענער . . . איך האָב שוין מער גאָרניט וואָס צו טון.

— אָבער אַ קוק טון מעגסטו דאָך!

— וואָס׳ל איך קוקן? קוק ווי אַ האָן אין בני אדם . . . מ׳וועט זיך שטעלן בויען וועל איך זען.

און מירל האָט שוין געזען . . .

— ווער מאַכט עס אַן עס צימער מיט פיר טירן? דאָס איז גוט אויף צו שפּילן זיך אין כאַפּערלעך, ניט זיצן און עסן. און אין זאַל איין גרויסער קוואַדראַט פענסטער. וואָס מיינט ער איז עס, אַ „דעפּאַרטמענט סטאָר"? דער פענסטער דאַרף זיין האַלב קיילעכיק פון אויבן און ניט איין גרויסע גלאָז, נאָר קליינע שייבעלעך און קאָלירטע.

— קאָלירטע גלעזלעך, דאָס איז גוט פאַר אַ קלויסטער, ניט פאַר קיין הויז, — האָט מר. בראַוווערמאַן געפּרווווט מבטל זיין מירלען.

— אין קלויסטער קענט איר אַליין גיין, אויב איר ווילט, איך וויל אַ הויז אָבער אַ הויז ניט קיין קראָם מיט אַ שוי־פענסטער.

— אָבער דער פּלאַן זאָגט בפירוש איין גרויסער פענסטער, נאַט זעט, דאָ אָ!

— וואָס טויג מיר דער פּלאַן? אַ פּלאַן ווייזט ער מיר, איכ'ל עס ווינען אויפן פּלאַן? איך וויל ווינען אין אַ הויז, און אַ הויז מיט אַ פענס־טער צוגעשניטן ווי מיט אַ ווירע זעט אויס חלשות, מיר ווערט ניט גוט קוקן דאַרויף. דעם פענסטער וועל איך ניט לאָזן מאַכן.

— ער איז דאָך שוין געמאַכט.

— וועט איר איבערמאַכן! האָסטו געזען אַזעלכעס, ער האָט שוין געמאַכט. איך זאָג אייך איצטער, איר מאַכט בעסער איבער דעם פענסטער גלייך, אַניט וועט זיין צרות.

— איך זע שוין, קיין צרות וועלן מיר ניט פעלן, — האָט מר. בראַווערמאַן יאושדיק געענטפערט. — אָלרייט, מיר'ן זען, — האָט ער צוגעגעבן. דאָס איז ניט געווען קיין צוזאָג, נאָר אַ מיטל פטור צו ווערן פון מירלען. שפּעטער וועט ער רעדן מיט איר מאַן, ווען זי'ט ניט זיין דערביי.

אין אָוונט, ביי מנשהן אין אָפיס, האָט מר. בראַוווערמאַן גענומען טענהן אַז די ענדערונגען קענען ניט געמאַכט ווערן, אַרויסנעמען די טירן פונם עס צימער מיינט איבערדרייען דעם גאַנצן פּלאַן, דערביי האָט ער אויפגעוויקלט דעם פּלאַן, געוויזן. מנשה האָט זיך אַ ביסל אונטערגע־שעמט למאי ער האָט גאָר ניט באַמערקט די פיר טירן דאָרט ווען ער האָט „געלייענט" דעם פּלאַן. נו יאָ, פון וואַנען קומט צו אים לייענען פּלענער? ער'ט אָבער ניט צוגעבן דעם מר. בראַוווערמאַן אַז ער האָט פּשוט ניט געוווסט ווי צו לייענען. — אויב עס האַלט שוין ביים איבער־דרייען, דאַרפט איר קודם אויסדרייען אייער אַרכיטעקט די פינגער. מ'מאַכט ניט קיין עס צימער מיט פיר טירן. דאָס איז מיין ווייב גערעכט. און

איר דאַרפט ניט איבערדרייען דעם פלאַן אויך, — האָט ער מעשה געני־טער בויער, אַ שטעל געטון דעם פינגער אויפן פלאַן, — אָט דאָ אָ, ביים אַרויסגאַנג פון דער טיר, מאַכט אַ קליין אָפן קאָרידאָרל און פון דאָרט וועט מען שוין קענען אַריינגיין אין קיך, אין באָדצימער, אין שלאָפצימער. איר האָט גענוג פלאַץ. — זיין קוק אויף דעם מר. בראַוערמאַן: זעסטו שוין? איך קען בעסער פון דיר. — זעט איר, די מעשה מיטן פענסטער, דאָ זייט איר גערעכט, אָבער איר ווילט דאָך ניט איך זאָל זיך גיין הרגענען מיט מיין ווייב צוליב דעם.

— חס וחלילה, אָבער דאָס מיינט דאָך עקסטראַ אַרבעט, וועט קאָסטן עקסטרא געלט.

— וועט קאָסטן. אַ ברירה האָב איך?

— אַז אייך איז ליב, איז מיר ניחא.

דער עס־צימער, דער פענסטער איז איבערגעמאַכט געוואָרן ווי מירל האָט געפאָדערט, און מר. בראַוערמאַן האָט פאַרצייכנט: פענסטער עקסטרא אַזוי פיל און אַזוי פיל. ווען די עלעקטריקער זיינען שוין פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט האָט מירל אויסגעפונען אַז זיי האָבן ניט געמאַכט גענוג שטעפּסלעך פאַר שטייענדיקע לאָמפּן, זי דאַרף האָבן דריי און ניט קיין צוויי. מר. בראַוערמאַן האָט אפילו ניט געפּרוווט אַרגומענטירן מיט איר, ער האָט בלויז געלאָזט וויסן מבשהן אַז עס וועט קאָסטן כך וכך. ווען די פאַרבער זיינען אָבער אַריין אין הויז, גענומען אַרויפלייגן דעם צווייטן לאַג פאַרב און מירל האָט געמאַכט אַ גוואַלד, אַז זי האָט אויסגעקליבן אַן אַנדער קאָליר גרין, ניט דעם, האָט מר. בראַוערמאַן איר גאָרניט געזאָגט, נאָר צו די פאַרבער אַ זאָג געטון: — חברה! לייגט אַוועק די בערשטלעך.

— וואָס מיינט איר? — האָט זיך שוין מירל אַ ביסל דערשראָקן.

— דאָס וואָס איר הערט. די בעל מלאכות וועלן זיך ניט צורירן צו דער אַרבעט ביז איר'ט ניט באַשליסן וואָס פאַר אַ קאָליר איר ווילט. איר האָט אויסגעקליבן דעם קאָליר, ניט אַזוי? איך האָב געקויפט די פאַרב, די פאַרבער האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט, איצט קומט איר צוגיין . . .

— אָבער אויפן וואַנט קוקט עס אויס אַנדערש.

— איך האָב אייך געוויזן אַ העלערן גרין, אַ טונקעלערן, איר האָט אויסגעקליבן דעם, איצט ווילט איר אַ העלערן, מאָרגן וועט איר וועלן

גאַר אַ ראַזעווען, איז לאָמיר בעסער וואַרטן, אַז איר׳ט באַשליסן וואָס איר ווילט, וועט איר מיר לאָזן וויסן. — אָפּגעזאָגט און אַוועקגעגאַנגען.

דאָס האָט שוין מירל ניט געקענט פאַרטראָגן. מיט דעם גראָביאַן וועט זי שוין מער ניט רעדן. אָבער מיט מנשהן וועט זי זיך שוין אָפּרע־כענען: אַ יידישן בויער האָט ער געוואָלט.

דער „יידישער בויער" האָט באַוויזן צו זען מנשהן בייטאָג אין אָפיס, נאָך איידער ער איז געגאַנגען אַהיים. ער האָט אים דערציילט וואָס איז פאָרגעקומען און מנשה האָט קורץ אַ זאָג געטון: — הייסט די פאַרבער אַריינקומען מאָרגן. ווו קויפט איר די פאַרב? גוט, איכ׳ל צופאָרן מיט איר אַהין, דאָרט אויסקלייבן דעם קאָליר פאַר מיר אין די אויגן, און יענער קאָליר וועט בלייבן. גוט?

— געדיינקט זשע, איך וויל ניט צערייבן קיין צייט אומזיסט.

— פאַרלאָז זיך אויף מיר.

מר. בראַווערמאַן איז ניט געווען אַזוי זיכער צי קען ער זיך פאַר־לאָזן אויף דעם מר. שטערן, זי, ווייזט אויס, גייט אין די הויזן, ביז אַהער האָט זי אויסגעפירט. אוי, די ווייבער! ער האָט אויך אַ ווייב . . . אָבער אַזאַ ווי די . . . אָ, מ׳נאַ, מ׳עט זיין.

„די אָ" האָט גענומען רעדן צו מנשהן וועגן זיין „יידישן בויער", וואָס הייבט ניט אָן צו וויסן פון זיין חיות, זי האָט אויסגעקליבן איין פאַרב און ער גיט איר אַן אַנדערע, דאָס טוט ער איר פשוט אויף צו להכעיס, האָט מנשה זי אָפּגעשטעלט. — הער, מירל, דערצייל מיר ניט קיין מעשות מיט צו להכעיסן. דער בויער טוט איר אויף צו להכעיס. אים אַ חילוק די פאַרב צי יענע. ער האָט דיר געגעבן די פאַרב וואָס דו האָסט אויס־געקליבן, מער ניט, דו ביסט געוווינט קויפן אַ קלײדל, נאָכדעם עס אָפּשיקן צוריק, איבערבייטן, שוין צייט זאָלסט וויסן אַז פאַרב, נאָכדעם ווי מ׳לייגט זי אַרויף אויפן וואַנט, קען מען ניט איבערבייטן.

— אָבער איך האָב אויסגעקליבן אַן אַנדערע!

— גוט. מיר׳ן צופאָרן אין פאַרב געשעפט, וועסט אויסקלייבן דעם קאָליר וואָס דו ווילסט, האָסט געוואָלט פריער, און דער קאָליר וועט בלייבן. פאַרשטייסט? מע דרייט ניט אַ קאָפּ אַ מענטשן סתם אין דער וועלט אַריין.

— אַי, פאַרדריי זיך דיר דיין קאָפּ!

מירלען איז שוין ניט געגאַנגען אין קאָליר, איר האָט פאַרדראָסן וואָס איר מאַן נעמט דעם בויערס צד. איר מאַן מיט זיין בויער. מילא,

דאָס הויז וועט מען שוין פאַרענדיקן, דערפאַר אָבער איבערן מעבל וועט ער ביי איר קיין דעה נ י ט האָבן. זי וועט אויסמעבלירן ווי ז י וויל.

מנשה האָט גאַרניט געוווּסט אַז ער דאַרף נייע מעבל, ווען ער האָט אָבער דערהערט: אָט די שמאַטעס וועל איך שלעפּן אין נייעם הויז? האָט ער שוין פאַרשטאַנען אַז מ׳מוז קויפן און ער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך: זאָל זי קויפן וואָס זי וויל, מער ניט, זי קען זיך אַמאָל פאַררייסן צו הויך, איז מילא, וועט מען זען.

זי האָט געקויפט פון אַ קיךביינקל ביז אַ טעפּיך. מ׳האָט געבראַכט, זי האָט צוריקגעשיקט און מ׳האָט ווידער געבראַכט, סוף כל סוף, ווען אַלץ איז געווען איינגעשטעלט, האָט ער אויך הנאה געהאַט דערפון, טאַקע אַריינגעטריבן אין אַ סך געלט, אָבער באַקוועם און שיין. זי האָט אַ גוטן געשמאַק. ער האָט עס איר געזאָגט, און ניט סתם ווי אַ קאָמפּלי־מענט, נאָר טאַקע געמיינט, פון טיפן האַרצן, און האַרץ פילט האַרץ, זי האָט עס אויפגענומען אַזוי האַרציק, אַז פּאָר זיינע אויגן האָט אַ שוועב געטון דער אוצר אין די בערג, באַהאַלטן מיט אַ יאָר . . . שוין באַלד פינף יאָר! ווי די צייט לויפט. ווען זיי האָבן נאָר וואָס חתונה געהאַט . . . ווען זיי האָבן זיך אַריינגעקליבן אין יענעם הויז . . . דער ברית, דער חנוכת הבית . . .

— דאַרפן מאַכן אַ חנוכת הבית, — האָט זי ווי געעכאָט זיינע מחשבות.

— אַ ח־נו־כת ה־ב־ית?

— מ׳מוז, — האָט זי צוזאַמענגעקוועטשט זיין ישובן זיך. — מ׳דאַרף רופן די שכנים, זיך באַקענען.

— וואָס איז מכוח דער אַלטער גוואַרדיע?

— די אַלטע גוואַרדיע? איך גאָרניט צי ס׳איז שוין דאָ וועמען צו רופן. דער ווינט „או ליסיע, דער או סטריסיע״, סיי ווי, דאָס פאַרלאָז זיך שוין אויף מיר.

— רוף וועמען דו ווילסט. — דאָס האָט ער גערן איבערגעגעבן אין אירע הענט. זי וויל טאַקע באַלעבאַטעווען אַ ביסל צופיל, אין תוך איז זי אָבער אַ גוטע. מצא אשה מצא טוב . . .

מירל האָט געמאַכט דעם חנוכת הבית, זי האָט פאַררופן די געסט און פון דער אַלטער גוואַרדיע האָט זי גערופן דוקא נאָר דזשענין מיט איר מאַן. אַז זי ווינט דאָ דערביי, איז געקומען באַלד ווי מ׳האָט זיך אַריינגעקליבן, געבראַכט אַ מתנה אויך, איז אַ ברירה האָט זי געהאַט? זי' אַנדערע אַכט מענטשן זיינען שוין געווען די שכנים און אַ פּאָר נייע באַקאַנטע.

נאָכדעם ווי מ׳האָט באַקוקט דאָס הויז, געגומען צו ביסעלעך, זיך צוגע־ווינטשעוועט, האָט מירל צעשטעלט דריי טישלעך און מ׳האָט זיך געזעצט שפּילן „ברידזש״.

נאָכן שפּילן האָט מירל געמאַכט קאַווע. דזשעני, ווי אַ היימישער מענטש, איז אַריין אין קיך אַרויסהעלפן און אַזוי, מיר ניט דיר ניט, דערציילט מירלען בסוד אַז מולי איז זיך צעגאַנגען מיט ציפּען. מירל האָט שאַרף אַ דריי געטון דעם גאַז ברענער, פאַרלאָשן דאָס פייער. האָט זי באַדאַרפט רופן אָט די אַ . . . ? וואָס קומט זי אַלע מאָל מיט אירע סודות ? וואָס, צון אַלדי שוואַרצע יאָר, איז זי אויסן ? איבערן שוועל וועט זי איר מער ניט אַריבערלאָזן. דערזען אַ שמייכל אויף דזשענים פּנים, האָבן איר די הענט געגומען בייסן — פאַרפאַרן איר אין דעם זויערן פּנים אין אירן, פון מויל איז אַרויסגעפאַלן — איז ווו געפינען זיי זיך איצט ?

— ציפּע מיטן קינד איז אין פּעטאַלומאַ. ער איז ערגעץ אין סאַן פראַנציסקאָ, צי אָוקלאַנד.

— אָה. זיי אַזוי גוט, נעם דעם לעקאָך, וואַרט. דאָ איז אַ טאַץ. שטעל אַרויף אַלץ, פאַרשפּאַרן גיין.

ביים טרינקען די קאַווע אינם עסצימער, וואָס מ׳האָט טאַקע ערשט דעם אָוונט באַנייט, — זיי צווייען מיטן קינד האָבן געגעסן אין קיך־ווינקל — האָט זיך יעדער איינער באַמיט צו פירן, אונטערהאַלטן אַ געשפּרעך, דאָס האָט ניט געשטערט די שכנות באַטאַפּן די ווענט מיט די אויגן, דעם טישטוך האָבן זיי שוין געטאַפּט טאַקע מיט די פינגער, צי איז ער טאַקע אמתע איירישע לייוונט . . . איינער, אַ מבין אויף געפעס, האָט אַ שנאַל געטון אין זיין טעפּל פון קאַווע, דאָס האָט ער אַזוי אַרום געוואָלט דערגיין צי איז עס טאַקע גוטע פאַרצעליי, פון דער פירמע לע־נאָקס. ליותר בטחון האָט ער עטוואָס אַ קער געטון דאָס טעפּל, געכאַפּט אַ קוק אויפן דעק, וווילזונגעריש פאַרקנייטשט אין אויג צו זיין ווייב און שטיל אַ זאָג געטון — „קאַטאַלינאַ״. זיין ווייבס שמייכל : נו, ווי דען, די שלעפּער וועלן האָבן אַ „לענאָקס״ ? דאָס פּאָר פאָלק האָט זיך פונדעסטוועגן געזעגנט גאַנץ פריינטלעך מיט די „שלעפּער״, זיי אפילו געבעטן קומען. די אַנדערע האָבן אויך געווונטשן די באַלעבאַטים אַלדאָס גוטס און אויסגעדריקט די האָפענונג אַז מ׳וועט זיין גוטע שכנים.

ביים וואַשן דאָס געפעס האָט מירל, ווי דער שטייגער, אַ ביסל גע־

וואַשן אויך די ביינער פון די געסט. — די מרס. פרומקין, די קליינינקע, מיטן „ביוטי פאַרלאָר" חן פינטל אויף דער באַק, זי איז די אמתע שפּי־לערן! מ'האָט אויסגעטיילט די קאָרטן, כ'האָב נאָך קיין צייט ניט געהאַט אויסצושטעלן מיינע, ערשט פּוץ — ווי געפעלט אייך מיין נייע צירונג? — און זי ווייזט דעם שותף אירן אַ בראַסלעט פון מלך סאָבעצקיס צייטן. וואָס איז די מעשה? זי האָט געהאַט אַכציק אין דימענטן! נו, פרעג איך דיך? וואָס טוט גאָט, דאַרף איך האָבן אירע פינף דימענטן און זאָלסט עס זאָגן איין צלם, האָב איך איר גלייך „געדאָבלט" און זי האָט פאַרלאָרן מיט אַ קניאַק! מירל האָט אַזוי הנאה געהאַט פון דעם וואָס די מרס. פרומקין האָט פאַרלאָרן, אַז זי האָט איר שוין מוחל געווען למאי יענע האָט „געוויזן איר צירונג"; די מרס. שלעזינגער האָט זיך אַרויס־געוויזן ווי זייער אַ פיינע פרוי, די מרס. . . . און דער מר. . . . גאַנץ פיינע מענטשן, וועגן דזשעניין האָט זי געלאָזט פאַלן: פע! אַ מיאוסע רכילותניצע. זי'ט זי מער ניט רופן צו זיך אפילו ווען זי ווייסט וואָס . . .

— וואָס זשע?

— מיר אָנגעקלאפּט אַ קאָפּ וועגן פריידלען. הערסט'אָך, איר טייערער מאַן האָט שוין יאקבי גענומען פאַרדינען, איז דאָך גוט, האַ? האָט ער זיך גענומען אַרומשלעפּן מיט אַנדערע ווייבלעך און זי גייט ממש אויס.

— איז זי אַ נאַר. זי קען דאָך פּונקט אַזוי גוט געפינען אַן אַנדער מאַן.

— קענען וואָלט זי געקענט, איז זי דאָך אָבער, ווי זאָגסטו, אַ נאַר, נאָך אַלץ פאַרליבט אין אים, און אַז מ'איז פאַרליבט העלפט ניט קיין חכמה, ווי זאָגט מען עס: ליבע איז בלינד. יאָ, ליבע איז בלינד . . . — האָט זי איבערגעחזרט מיט אַ זיפץ. — נו, מיין מאַן, פאַרטיק? צעשטעלן וועל איך אַליין.

אין בעט האָט מען נאָך גערעדט אַ ביסל וועגן די געסט, דער שמחה. שיר שיר האָט מנשה ניט אַרויסגעזאָגט וואָס האָט אים געפּיקט אין קאָפּ דעם גאַנצן אָוונט — ביי יענער חנוכת הבית האָט מען געזונגען, דאָ האָט מען באַנייט דאָס הויז מיט קאָרטן שפּיל, ער האָט עס אָבער ניט אַרויסגעזאָגט, די ביינקעניש נאָך יענעם הויז, יענער צייט האָט שטאַרק גענאָגט, זי איז אָבער געווען אַזוי טיף אין אים אַז ער האָט זיך גאָר ניט געוואָלט שיידן מיט איר, זי אַרויסזאָגן מיט ווערטער, זיינע הענט, זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך געצויגן צו מירלען, צו דער מירלען פון . . . פאַר פינף יאָר.

(11)

פון ברוקלין עוועניו און סאָטאָ גאַס, דער יידישער געגנט אין מזרח טייל פון שטאָט, ביז בעווערלי בולוואַר און פעירפאַקס עוועניו, דער נייער יידישער געגנט אין מערב טייל, איז אינגאַנצן אַ צוועלף־פופצן מייל, אָבער אין לאָס אַנגעלעס, ווו עס קען פּאַסירן אַז אויף איין זייט גאַס זאָל רעגענען און אויף דער צווייטער ניט — אַזוי גייט די לעגענדע — האָט זיך יעדע געגנט איר קלימאַט, און דער קלימאַט פון בעווערלי איז זיכער ניט געווען קיין יידישער. אַריבערציענדיק פון מזרח צום מערב איז מען אַריבערגעפאָרן די בריק איבערן לאָס אַנגעלעסער טייך און, כאָטש אין דעם טייך האָט מען געדאַרפט קוקן מיט אַ שפּאַקטיוו צו זען דאָרטן וואַסער, סיידן אין רעגנדיקן סעזאָן, האָבן יידן מקיים געווען די מצוה פון תשליך, אַריבערפאָרנדיק די בריק האָבן זיי אַריינגעוואָרפן אַהין זייער יידישקייט. מנשהס שכנים — יידן, ער האָט געקענט שווערן אַז ער האָט זיי געזען אויף ברוקלין עוועניו, ווילע מענטשן, מ׳האָט זיך באַגריסט, זיך דורכגעוואָרפן מיט אַ פּאָר ווערטער, אָבער אַלץ אין ענגליש, און מנשהן איז אויסגעקומען אַז ער און אויך זיין שכן האָבן זיך עפּעס פאַרשטעלט פאַר אַקטיאָרן, זייערע רייד — ראָלעס אַזעלכע, און אים האָט זיך זייער געוואָלט אַוועקוואַרפן „דאָס ביכל״ — די אויסגעשטודירטע ראָלע „גוד מאָרנינג, נייס מאָרנינג״ — אַ רעד טון פון „אַרבל״ און זאָגן: גוט מאָרגן, גוט יאָר, וואָס מאַכט אַ ייד? מיטן שכן האָט ער עס ניט געטון, ווען מירל האָט אָבער גענומען רעדן צו אים ענגליש, האָט ער איר ניט געענטפערט גלייך, נאָר געשטאַנען און געקוקט. — „וואָטס די מעטער?״ — האָט זי אַ פרעג געטון.

— איך שטיי און קוק פון ווען אָן ביסטו עס געוואָרן אַן „אינגליש ליידי״. איך פאַרשטיי נאָך יידיש.

— און וואָס רייד איך, טערקיש? — דאָס האָט זי שוין געזאָגט „אין איר זאַפטיקן וואָלינער יידיש, ניט כאַפּנדיק זיך אפילו אַז זי האָט אָקאָרשט גערעדט ענגליש. מיטן קינד האָט זי פריער אויך געהאַט אונטערגעזינדיקט, גערעדט צו אים אָט יידיש, אָט ענגליש, זינט מ׳האָט זיך אַריבערגעקליבן האָט זי אינגאַנצן אויפגעהערט רעדן יידיש מיט אים. זי האָט בכלל זיך געביטן. בטבע ניט קיין צעוואָרפענע, דער עיקר פאַר יענעם, האָט זי דאָ גענומען אויסגעבן געלט מיט דער ברייטער האַנט. דאָס הויז איז געווען פיין אויסגעמעבלירט, פונדעסטוועגן איז ניט אַוועק־

געגאַנגען אַ וואָך זי זאָל ניט קויפן עפּעס אַ נייע שמאָכטע און מיט פאַר־געניגן ווייזן: שיין? ווען ער האָט באַשטעטיקט, האָט זי מיט אַ באַזונדער הנאה צוגעגעבן: דאָס האָב איך געקראָגן אַ מציאה: צוועלף זיבן און ניינציק. זאָגן איר אַז די מציאה איז אַן אבידה, ער קען פּשוט ניט באַ־ווייזן אויסצוגעבן איצט אַזוי פיל געלט, האָט ער עפּעס ניט געוואָלט, זיך געשעמט, ער איז דאָך עפּעס אַ „ריעל עסטייט" מענטש . . . זי האָט גענומען זיך פּוצן מער, קויפן טייערע קליידער, גיין אָפטער אין שיינ־קייט סאלאָן, אויך האָט זי גענומען אָפטער אַרויסגיין אין די אָוונטן. פון זיינע צוויי אָוונטן אַ וואָך האָט זי אַנעקסירט איינעם. ער האָט איר ניט געזשאַלעוועט דעם אָוונט, דאָס האָט אים אָבער געשטערט פון זיין ביי זיך אין אָפיס, וואָס ער האָט נאָך אָנגעהאַלטן אויף „זיין" ברוקלין עוועניו. דערפאַר אָבער אין ז יי ן אָוונט, איז ער שוין ניט געקומען אַהיים אויף וועטשערע, ער האָט געגעסן אין יידישן רעסטאָראַן, נאָכדעם געזעסן אין אָפיס, געלייענט אַ יידישע צייטונג, אַמאָל אפילו אַריינגעקוקט אין אַ יידיש בוך וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט ביי דעם מר. ראָזען. מיט אים האָט זיך אויספאָרמירט אַ מין פריינטשאַפט. — נו, ווי גייט עס עפּעס אין אייער שול? דאָ אַ סך קינדער?

— קיין קינדער פעלן ניט, דאָ קיין עין הרע, אַריבער הונדערט, אָבער עס פעלט געלט.

— נו, דאָס איז דאָך ביי אייך ניט קיין נייס.

— יאָ, קיין נייס איז עס ניט, אָבער אַלט געבאַקענער ברויט, וואָס לייגנער ער ליגט אַלץ שווערער ווערט איינצובייסן. מיר מאַכן איצט אַ באַזאַר, אפשר קענט איר אונדז געבן אַ . . . „לאַט" צום פאַרקויפן?

— מיין פריינט! אַ „לאַט איז אַ האָל לאַט".

— איך שפּאַס, — האָט ראָזען געשמייכלט, — איך ווייס אַז צום פאַרקויפן קענט איר אונדז גאָרניט געבן, צוזאַמען מיטן באַזאַר מאַכן מיר אויך אַ פּראָגראַם, אַ ביכל מיט באַגריסונגען, אַנאָנסן, איר'ט אונדז געבן אַ פּאָר דאָלער וועלן מיר אַריינשטעלן אייער נאָמען, אייער פירמע, אַדווערטייזן אייערע געשעפטן . . .

מנשה האָט אים געגעבן דריי דאָלער, געהייסן אַריינשטעלן נאָר דעם נאָמען, זיינע געשעפטן דאַרף ער ניט אַנאָנסירן. די געשעפטן זיינען געגאַנגען ניט אַזוי גוט, ער האָט פאַרקויפט הייזער, נאָר עס איז אים אָנגעקומען אַ סך שווערער ווי פריער. די פאַרקויפער זיינען איצט געווען יידן, אָדער זיי האָבן געוואָלט זיך אַרויסקלייבן, אָדער סתם אַזוי

צוליב ריווח, איין הויז האָט געקענט איבערגיין צוויי דריי מאָל מיד ליד און יעדער איינער האָט געוואָלט פאַרדינען כאָטש אַ . . . טויזנט דאָלער, ווען עס איז אָבער געקומען צום צאָלן מעקלעריי האָט דער פאַרקויפער גענומען זיך דינגען: איר מוזט עס טאַקע קריגן פינף פראָצענט? און אַז איר׳ט מאַכן צוויי איז אייך קאַרג? די שווערע אַרבעט וואָס איר האָט אַריינגעלייגט אין דעם? דאָס האָט אים דערמאָנט אָן דזשעקן ווי ער האָט געדרייט מיטן נאָז אויף די „יידישע געשעפטן". ער האָט זיך אַן עצה געגעבן — איידער ער האָט זיך גענומען פאַרקויפן אַ הויז האָט ער דערלאַנגט דעם יידן אַ פּאַפּיר יענער זאָל אונטערשרייבן אַז ער איז מחויב צו צאָלן פינף פּראָצענט. דער ייד האָט זיך געקווייקלט געבן אַ חתימה. — וואָס זשע, איר גלויבט מיר ניט אויפן וואָרט? איר׳ט פאַרקויפן וועלן מיר זען, מיר׳ן צום רב ניט גיין. — דאַרויף האָט מנשה געענטפערט: אַז מ׳פאַרלאָזט זיך אויפן וואָרט קען נאָך אויסקומען גיין אין „קאָורט", שוואַרץ אויף ווייס איז דער בעסטער באַוויז. ער האָט אויסגעפירט זיינס, ס׳איז אָבער צוגעגאַנגען זייער שווער, און ער האָט אָנגעהייבן טראַכטן וועגן אַריבערקלייבן זיך מיטן געשעפט אויך. אודאי, ווען מירל וואָלט זיך ניט איינגעעקשנט, זיי וואָלטן נאָך געוווינט דאָ, משהלע וואָלט באַלד אָנגעהייבן גיין אין שול לערנען, וואָלט ער מיט זיינע יידן זיך שוין ווי עס איז אַן עצה געגעבן, ער דערלייגט ניט צו זיי, אָבער דאָס איז דאָך שוין פאַרפאַלן, און זיין אויף צוויי סטרוזשן טויג טאַקע ניט. האָט ער איין פאַרנאַכט צוגעמאַכט די טיר פון דער „ברוקלין ריאַלטי קאָמפּאַניע" אויף ברוקלין עוועניו און איינגיכן איז אויף אַ טיר פון אַ קרעמל אויף בעווערלי בולוואַר אויפגעשריבן געוואָרן מיט גאָלדענע אותיות: „די בעווערלי ריאַלטי קאָ., מנשה שטערן, ריאַלטאָר". דער נאָמען מנשה אין פול: מע־נאַ־שע, אָט ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: אויפן הימל זיינען דאָ אַ סך שטערן, אָבער דאָ אויף בעווערלי בולוואַר, איז דאָ איין שטערן — מנשה. און מנשה האָט צוגעצויגן אפרימען.

איין פרימאָרגן, מנשה איז געזעסן ביי זיך אין אָפיס, געטראַכט אַז ס׳איז קיין תכלית אַזוי צו זיצן, וואַרטן אויפן נעכטיקן טאָג, עמיצער זאָל קומען אים פאָרלייגן אַ הויז, אַ געביידע, אַ בוי־פּלאַץ צום פאַרקויפן, מ׳דאַרף עפּעס טון, קריגן וואָס צו פאַרקויפן און טאַקע קונים אויך, האָט זיך אַריינגעשטעלט אַ ייד אין אַ שוואַרצן ברייטן קאַפּעליוש, מיט אַ פיינער שוואַרצער באָרד, וואָס האָט שוין גענומען זיך גרויען און אַ פּאָר טיפע ברוינע פרומע יידישע אויגן. — דאָס זייט איר דער מנשה

שטערן? איז שלום עליכם! אחי אתה. מיין נאָמען איז אפרים, רב אפרים הורוויטש, דער רב פון דער בני ישורין שול, אפשר ווייסט איר פון דער שול, אין באָיל האַיטס. ניט קיין גרויסע שול, אָבער אַ שול. נו, האָבן עטלעכע באַלעבאַטים פון דער שול, גראדע די אָנגעזעענערע, זיך אַריבערגעקליבן אַהערצו, אין דער געגנט, קומען אַהין דאַווענען קענען זיי ניט, זיי׳ן דאָך ניט מחלל שבת זיין צוליב קבלת שבת, זוכן מיר איצט אַ פּלאַץ וווּ צו בויען אַ שול דאָ, איז אפשר ווייסט איר פון אַזאַ פּלאַץ וואָס זאָל זיין פּאַסיק פאַר אַ מקום קדוש?

מנשה האָט זיך געחידושט: באָיל האַיטס האָט ער, דוכט זיך, געקענט אויסגעבונדן, טאָ ווי קומט עס וואָס ער געדיינקט ניט די שול? מסתם די אמתע גרויסע שול, דעם רב׳ס פּנים איז אים יאָ קאָנטיק, אַ הדרת פּנים טאַקע, ער איז אים געפעלן געוואָרן, אים האָט אויך הנאה געטון צו הערן אַז מ׳וויל דאָ בויען אַ שול. ער גייט טאַקע ניט אין שול, אָבער גוט צו וויסן אַז יידן, אפילו אויף דער מערב זייט, זיינען אויך יידן, פונדעסטוועגן האָט ער אַ פרעג געטון: שוין דאָ גענוג יידן פאַר אַ שול דאָ?

— אַי, זאָלט איר מיר געזונט זיין, פאַר איין שול? שוין דאָ, קיין עין הרע, גענוג יידן פאַר צען שולן, כן ירבו.

— אַזוי פיל יידן שוין דאָ?

— וואָס הייסט אַזוי פיל? וויפל יידן דאַרף מען פאַר אַ שול? אַ מנין יידן דאַרפן אַ בית תפילה און, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, איין ייד דאַרף אַ בית עולם. איז מיט אַ בית עולם קען מען וואַרטן, שטאַרבט אַ ייד דאָ, קען מען אים פירן אויפן בית עולם דאָרטן, אָבער אין שול פירט מען דאָך ניט, אין שול דאַרף מען גיין, איז אפשר ווייסט איר פון אַ פלאַץ, טאַקע דאָ דערביי, ניט ווייטער פון אַ תחום שבת, מיר מוזן זיך שטעלן בויען, שוין באַלד ימים נוראים.

— איצטער אָ, אויף דער מינוט, ווייסט ער ניט פון אַזאַ פּאַסיקן פּלאַץ, אָבער ער׳ט זען, אין אַ פּאָר טעג אַרום, ער׳ט לאָזן וויסן, אודאי.

דעם רב אפרים׳ס באַזוך האָט ממש אַ שטויס געטון מנשהן. וואָס זיצט ער און וואַרט? יידן טוען, פאַרוואָס זאָל ער ניט טון? ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ „געאָגראַפישער עקספּעדיציע” און געזען אַז דער ייד וואָס האָט „דער ערשטער” זיך אַריבערגעקליבן אין דער געגנט, מיינענדיק אַז ער אַנטלויפט פון יידן, האָט נעבעך געמאַכט אַ טעות, פאַר אים האָט עס שוין געטון אַן אַנדער ייד. גוים זיינען אין דער געגנט

געווען זייער ווינציק, בכלל דאָרט געווען ווינציק הייזער, געווען פעלדער צעשניטן אויף גאַסן, אויף אייניקע פון די פעלדער האָט מען שוין „פאַרזעצט" און עס האָבן געהאַלטן אין אויפגיין צווײשטאָקיקע פיר־דירהדיקע געביידעס, יידן האָבן געבויט הייזער ניט דווקא פאַר זיך אַליין, נאָר צום פאַרדינגען, דער עיקר, מ'האָט געמייסטרעוועט, געבויט, אפשר גאָר זיך גענומען בויען. וואָס ווייסט ער וועגן בויען? און די וואָס בויען, ווייסן יאָ? סיי ווי, אויף צו בויען דאַרף מען דאָך האָבן פּלאַץ, האָט ער קודם איינגעקויפט צוויי בוי־פּלעצער, איינעם פאַר דער שול און איינעם פאַר זיך. און אַז די שול וועט ניט וועלן? וועט עס זיין גוט פאַר אים אויך.

דער פּרעזידענט פון דער שול — שוין ניט דער רב — האָט זיך גענומען מיט אים דינגען, כאָטש אַ פּופּציקער אַרונטערלאָזן, ער מעג דאָך אויך עפּעס געבן צושטייער אויף דער שול. מנשה האָט טרוקן געענטפערט: איר באַצאָלט קודם וויפל עס באַטרעפט, ניט ווינציקער אַ פּעני, איכ'ל וועלן מנדב זיין פאַר דער שול, וועל איך עס טון. ווען דער פּרעזידענט איז איינגעגאַנגען אויפן מסחר האָט אים מנשה דערלאַנגט אַ טשעק אויף פופציק דאָלער. אַ מחשבה איז דורכגעלאָפן: דאָרטן געהאָלפן קויפן אַ שול צום לערנען, צוריקגעגעבן כמעט די גאַנצע קאָמיסיע, דאָ אַ שול צום דאַווענען און צוריקגעגעבן אַ פופציקער, נו יאָ, אלה תולדות יעקב, אַזוי גייען שוין די „יידישע געשעפטן" און . . . מע דערלייגט ניט צו זיי, געמאַכט אַ גאַנץ פיינעם ריוח אין דעם בוי־פּלאַץ און אויפן צווייטן וועט ער טאַקע בויען. ער האָט גערופן מר. בראַווערמאַנען.

מר. בראַווערמאַן האָט געקענט בויען אַפּאַרטמענט הייזער אַזוי נוט ווי איינצלנע שטיבלעך, די פּרייז? אַן אויסגעשריענע פּרייז, אַ גראָשן אַ בייגל; וועגן מאַטעריאַל דאַרף ער זיך ניט זאָרגן, פונם בעסטן, סיידן איינער וויל אַריינלייגן דעם טאַטן מיט דער מאַמע . . . ער רעדט פון אַ סטאַנדאַרד אַפּאַרטמענט הויז; וועגן אַרבעט איז דאָך אָפּגערעדט, ער ווייסט דאָך שוין, די בעסטע בעל מלאכות. און וועגן אויסלייגן די צימערן? מאַכן אַ פּלאַן, פאַרשטייט זיך, נאָר איין זאַך, געמאַכט אַ פּלאַן, איז געמאַכט, ניט נאָכדעם זאָל עמיצער קומען און זאָגן: דאָס ענדערן אַזוי, דאָרטן בייטן עפּעס אַנדערש. אין אַן אַפּאַרטמענט הויז, אַז מ'הייבט אָן בייטן קען מען זיך אויסבייטלען.

מנשה האָט געהערט, ממש געזען, ווי דער מר. בראַווערמאַן ניט נאָר בויט ער „סטאַנדאַרד", נאָר ער רעדט, טראַכט סטאַנדאַרד. דער ייד האָט, ווייזט אויס, אַ גוטן זכרון, זיך איינגעחזרט אַ פּסוק געדיינקט

ער אים און ער געדיינקט אַפּנים אויך זייער גוט מירלס בייטעגישן... וויל ער זיך עס באַוואָרענען. האָט מנשה זיך אויך גענומען מיט אים דינגען „על פּי סטאַנדאַרד", אָט ווי ביים בויען זיין הויז, און ווען ער האָט זיך שוין אויסגעדונגען האָט ער אים, אגב אורחא, דערמאָנט איגם עסצימער מיט די פיר טירן, ווי ער וואָלט אים געזאָגט: זעסטו? איך געדיינק אויך . . .

דאַרויף האָט אים מר. בראַווערמאַן געענטפערט אַז יענעם אַרכי־טעקט האָט ער שוין לאַנג משלח געווען און, אויב ער וויל, זאָל ער צוגיין טאַקע אויף דער גאַס, די צווייטע געביידע פון ראָג, דאָרטן „גייט אויף" זיינע אַ געביידע, אויך אַ „פיר־פלעט", ווועט ער זען. וואָס וואָס, בויען אַן אַפּאַרטמענט הויז דאַרף מען אים נישט לערנען, קען שוין די תורה.

— נו גוט, איז נעמט זיך אל התורה ואל העבודה.

מר. בראַווערמאַן האָט זיך גענומען צו זיין אַרבעט, מנשה האָט זיך גענומען צו זיינער, קודם זיך באַוואָרענען מיט געלט, קריגן אַ הלוואה.

ביים אונטערשרייבן די פּאַפּירן האָט מירל, ווי דער שטייגער, אַ פרעג געטון: וואָס שוין ווידער? זי האָט ממש מורא געהאַט פאַר אַ חתימה. מנשה האָט איר דערקלערט: אַ הלוואה, ער שטעלט זיך בויען. — שוין געוואָרן אַ בויער? — זיין אויער האָט געכאַפּט דעם שפּאָטישן הינטערטאָן און ער האָט ניט אָן שפּאָט אַ זאָג געטון: — בויען וועט מר. בראַווערמאַן . . .

— אה, ער! וועט שוין זיין דער ריכטיקער בנין . . .

— דאָס איז שוין מיין עסק, דו שרייב אונטער.

איר קוק: און וואָס וועסטו מיר טון אַז איכ׳ל ניט אונטערשרייבן? זי האָט דאָך אונטערגעשריבן. דער „באַנקיר", אַ לאַנגער דראָנג, מיט אַ פערדישן קאָפּ און אַ האַלז פון אַ גאָנער, האָט כלומרשט שטודירט די פּאַפּירן, און ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן דערמיט, האָט ער אָנגעשטעלט אויף מנשהן זיינע קיילעכיקע, קאַלטע מירמעלעך־אויגן, זיין פּאָדקאָווע מויל האָט זיך קוים געעפנט, און דורך די לאַנגע ציין האָבן זיך גענומען דורכזייען ווערטער אַז אַ באַנק איז ניט עפּעס אַבי וואָס אַן אינסטיטוציע וואָס גיט געלט סתם אין דער וועלט אַריין, אַ באַנק האָט זיך אירע געזעצן, רעגולאַציעס . . .

מנשה האָט געקוקט אויפן פאַרשוין, געטראַכט: יידן האָבן אַ שם פון פּראָצענטניקעס, און וואָס פאַר אַ שם! דאָ זיצט אַ . . . פּראָצענטניק און רעדט מיט אַזאַ חשיבות, געמעגט שווערן ער טוט עס אַ טובה, לייט

אַ גמילת חסד. ניין, דאָס וואָלט אים גאָר ניט איינגעפאַלן צו טון, ער איז ד י ב אַ נ ק, און מי לנו גדול כבאַנקיר? כאַפּט אים אַ קלאָג. ער דאַרף עס אַ שידוך טון מיט אים? דער עיקר איז קריגן אַ הלואה און זי זאָל קלעקן אויף אויסבויען דעם בנין.

די הלואה האָט פּונקט געסטאַיעט צו פאַרענדיקן דעם בנין און נאָך איידער מ׳האָט אָפּגעשאָבן די דילן, זיי אָפּגעפּאָלירט, האָט ער אים פאַר־קויפט מיט צוויי טויזנט דאָלער ריוח. אַזעלכע געביידעס פינף־זעקס אַ יאָר...

(12)

מנשה איז געוואָרן אַ בויער אויף אַן אמתן. ער האָט אויסגעפונען אַז מר. בראַוערמאַן איז ניט דער איינציקער בויער־קאָנטראַקטאָר, דאָ אַנדערע אויך, און ניט נאָר קען מען נעמען אַן אַנדערן, מ׳קען אויך אויסשפּילן איינעם קעגן צווייטן און אַרונטערקוועטשן עטלעכע הונדערט דאָלער; מ׳קען אויך אַליין באַשטעלן די נויטיקע מאַטעריאַלן, קריגן די פּאַסיקע בעל מלאכות און אַליין אויפפּאַסן, איצט קען ער שוין לייענען אַ פּלאַן אַזוי גוט ווי מר. בראַוערמאַן, אויב ניט בעסער . . . און יאָ, געלט קען מען קריגן ניט דוקא אין אַ באַנק, מיט אַ טובה, נאָר אין די ליי־געזעל־שאַפטן, איינציקע זיינען טאַקע ניט מער ווי הינטערקרעמלעך פון די זעלבע באַנקען, אַנדערע זיינען פּשוטע פּראָצענטניקעס, וואָס גיבן געלט פרייער און אַז מ׳גיט דעם אָפּשאַצער אין דער יד קריגט מען נאָך מיט אַ טויזנט דאָלער מער. ניט קיין כאַבאַר. חס וחלילה! איינער האָט ליב אַ ביסל בראַנפן, היות אָבער בראַנפן איז פאַרבאָטן, איז אַז מ׳שיקט אים אַריין אַ קעסטל בראַנפן, דאַנקט ער פּשוט אָפּ דערפאַר ביי זיין אָפּשאַצונג. דער ממונה איבער קרעדיט איז פאַרקאָכט אין פערדלעך, ניט צו האָדעווען זיי, נאָר זען ווי זיי לויפן, זיך וועטן אויף דעם ז י כ ע ר ן געווינער, אַזאַ איינעם, אַז מ׳נעמט אים אַרויס קיין אקווא קאַליענטע, אַריבער דער מעקסיקאַנישער גרענעץ, מ׳לאָזט אים פאַרשפּילן עטלעכע דאלער על חשבון הגביר, טאַקע אויף זיין „זיכערן געווינער", גיט ער דערנאָך זיין הסכמה אויף אַ הלואה. מנשה האָט דאָס אַלץ געלערנט. אַ פּאָר מאָל האָט ער אפילו באַצאָלט רבי געלט, פאַרלאָרן אַ פּאָר טויזנט דאלער, אָבער אַזוי איז שוין אין געשעפט, עולים ויורדים, דאָס רעדל האָט זיך געדרייט, ער האָט פאַרדינט גענוג, נאָך מער ווי גענוג, כאָטש מירל האָט געהאַלטן אין איין אויסגעבן געלט, מער ניט שלעכט, וואָס ניט אַלע מאָל

האָט ער געהאַט געגנוג מזומן געלט. אַי, ווען ער האָט געגנוג געלט! ער וואָלט . . .

מנשה איז געווען פאַרענגט אין געלט. דאָס לעצטע ביסל מזומן האָט ער אַריינגעבראָקט אין דריי בוי־פּלעצער, געקויפט אַ מציאה, טאַקע אַ ווילדע מציאה, אָבער וואָס קומט אַרויס אַז זיך שטעלן בויען קען ער ניט, צוויי געביידעס שטייען פּאַרטיקע און זיי רירן זיך ניט. ער איז שוין געווינט צו „יאַלאָווע" פּעריאָדן, דעם בין הזמנים צווישן בויען און פאַרקויפן, אָבער דאָ איז שוין אַ מעשה פון צוויי חדשים. דאָס רעדל האָט זיך פאַרהאַקט. כלו כל הקונים? ניין, ערשט היינט האָט ער געהאַט דריי „קונים", זיי געוויזן די בנינים, גערעדט, שוין אפשר צופיל איינגערעדט, אָבער ער צווייפלט זייער שטאַרק צי אפילו איינער פון זיי וועט קויפן. — ניין, זייל'ן נ י ט קויפן, — האָט זיין פוס אַ זעץ געטון דעם טאָרמאָז פּעדאַל, ווען דער סיגנאַל אויפן ראָג האָט זיך געביטן אויף רויט. ווי פאַרחידושט למאי דער סיגנאַל האָט זיך געביטן אַזוי פּלוצלונג האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, אַ קוק טון, און ער האָט דערזען אַ באַקאַנט פּנים. זאָל עס טאַקע זיין . . . ער? ער האָט אַ בלאָז געטון דעם האָרן, יענער האָט אַ קוק געטון. יאָ, דאָס איז ער — מולי. דער סיגנאַל האָט זיך געביטן, האָט ער אַ וויַיז געטון מיטן האַנט: וואַרט דאָ צו, איכ'ל בלויז אָפּציען, זיך פאַרקירעווען אין דער זייטיקער גאַס. קירעווענדיק דעם אויטאָמאָביל, האָט זיך אויך געקירעוועט זיין געדאַנק: ווי קומט ער אַהער? דאָ, ביי זיין גאַס? שיקט זיך עס אַז ער . . .

— אָה, העללאָ, מנשה! איך הער עמיצער פייפט . . .

— העללאָ, העללאָ! ווי קומט איר אַהער?

— דאָס קום איך ערשט פון אייער הויז. איך בין דאָ פאַרביי־פאָרנדיק. געטראַכט: אַריינגיין זען אַלטע פריינט. טוט מיר לייד וואָס איר זייט ניט געווען. מירל זעט אויס וווּנדערלעך און דאָס יינגל אַ פיינער בחורעץ. איז וואָס מאַכט איר?

מנשה האָט אַ הייב געטון די אויגן. פריער האָט ער געזען מוליס פעט געוואָרענעם פּנים, איצט האָט ער דערזען זיין קאַרפּאַטן נאָז. ער האָט ווידער דערהערט „דאָס יינגל אַ פיינער בחורעץ", און אַ פאָדעם האָט זיך גענומען פלאָנטערן צווישן דעם פעטן פּנים, דער נאָז און זיין יינגל . . . אָט דער פאָדעם האָט אַרומגענומען זיין צונג, ניט געלאָזט אים ענטפערן וואָס ער מאַכט. האָט מולי ווייטער געפרעגט־געזאָגט: איך הער איר זייט אין די „ריעל עסטייט ביזנעס", איז ווי גייט עס?

— ניט שלעכט. אָבער פאַרוואָס שטייען מיר דאָ? קומט מיט מיר, מיר'ן עסן וועטשערע, זיך דורכשמועסן. — אויב מנשה האָט עס לכתחילה געזאָגט צוליב העפלעכקייט, אָדער גאָר כדי צו באַפרייען זיין צונג פונם פלאָנטער . . . האָט ער עס איצט שוין געמיינט ערנסט. ער האָט געוואָלט, זייער שטאַרק געוואָלט זיצן ביי איין טיש מיט אים, מיט מירלען, מיטן קינד. . . . — קומט! — האָט ער ממש געבעטן.

— איך קען ניט. איך וואָלט זייער געוואָלט. אייער ווייב האָט מיך געבעטן בלייבן אויף וועטשערע, זען אייך, אָבער איך קען ניט. מיין באַן גייט אָפּ זעקס פופצן. ווי שפּעט איז איצט? זי נאָך כאַפּן. אָט קומט אָן די „קאַר". איז אַ גוטן. — ער האָט אַ שטרעק געטון די האַנט. — זייער צופרידן וואָס איך האָב אייך געזען. — נאָך איידער מנשה האָט צייט געהאַט ענטפערן איז שוין מוליע אונטערגעלאָפן, זיך אָנגעכאַפּט אָן טראַמוויי הענטל און, שטייענדיק שוין אינעווייניק, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

מנשה איז שוין געזעסן אין אויטאָמאָביל, די הענט אויפן רעדל, די פוס האָט אָבער ניט געדריקט דאָס גאַז קנעפּל. איז ער, הייסט עס, געווען אין הויז. פונוואַנען האָט ער געוווּסט ווו ער וווינט? פון וואַנען האָט ער גאָר געוווּסט אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט מירלען? „מירל זעט אויס ווונדערלעך און דאָס ייִנגל אַ פיינער בחורעץ". זיין שמייכל . . . דער גאַנצער פּנים עפּעס איין גלאַנציקער שמייכל. פּע! ער האָט אים קיינמאָל ניט האָלד געהאַט און איצטער אָ . . . „דאַרף כאַפּן די באַן". כאַפּט אים אַ קלאָג. מירל וועט אים שוין מסתם דערציילן . . .

מירל האָט דערציילט . . . קודם וועגן מאַרווינען, עפּעס מייסטרע־וועט ער דאָרט אין הויף; נאָכדעם וועגן דער מרס. פרומקין, דער מרס. שלעזינגער, וועגן מולין — אַ וואָרט ניט. שיר שיר האָט ער ניט אַ פרעג געטון: געהאַט אַ גאַסט? די ליפּן האָבן ניט אַרויסגעבראַכט די ווערטער, די אויגן האָב געקוקט, געפרעגט: פאַרוואָס דערציילסטו ניט וועגן מוליען? באַהאַלטסט? וו אָ ס באַהאַלטסטו?

— וועט נאָך נעמען אַ צוואַנציק מינוט. ביסט שטאַרק הונגעריק?

— קען וואַרטן.

מנשה איז אַריינגעגאַנגען אין וואַשצימער צעוואַשן די הענט, ווי ער האָט עס געטון אַלע טאָג, נאָר די נאָז האָט געצויגן, געשנאַפּט. גאָר־ניט דערשמעקט, איז ער אַריין אין שלאָפצימער, אויסגעטון דאָס רעקל, עס אויפגעהאַנגען און, פאַרמאַכנדיק די טיר פון קליידער אַלמער, האָבן

די אויגן אַ בלאָנזע געטון איבער די בעטן. ניין, ער האָט ניט געזוכט, סתם אַ קוק געטון . . . ער האָט אויך, סתם אַזוי זיך, אַריינגעקוקט אין קינדס שלאָפצימער, פון דאָרט האָט ער זיך געלאָזט אין פאָדערשטן צימער, זיך אַריינגעזעצט אין אַ שטול, גענומען בלעטערן אַ צייטונג. צווישן די אויגן און שריפט האָט זיך געשפרייט אַ גאַז, זיך געדרייט: זי האָט ניט דערמאָנט מולין, אַ וואָרט ניט געזאָגט, זי באַהאַלט . . . וואָס?

— מאַר־ווין! מיר גייען עסן. קום שוין אַריין! — האָט ער געהערט איר זינגעוודיקן רוף און ער האָט אַ לייג געטון די צייטונג. ער וועט אַ קוק טון אויף מאַרווינען. גוט אַ קוק טון . . .

— העללאָ, פּאַ! — האָט דאָס קינד האָפּערדיק אַ זאָג געטון.

— קוק עס אָן. ווי פאַרשמייעט דאָס איז. גיי צעוואַש די הענט!

מנשהן איז איינגעפאַלן אַז זי שטופּט עס אים ער זאָל גיין אין וואַשצימער כדי ער, מנשה, זאָל ניט קענען גוט אַ קוק טון אויף אים. ער האָט זיך גלייך געכאַפּט ווי לעכערלעך דאָס איז, זי ווייסט דאָך אפילו ניט אַז ער האָט נאָר וואָס געזען מולין און, אַ ברוגזער אויף זיך אַליין, זיך געזעצט צום טיש, שווייגנדיק גענומען עסן.

— וואָס דרייסטו זיך? קענסט ניט איינזיצן? זיץ און עס!

— מיר מאַכן אַ ווינטמיל, — האָט דאָס קינד ווי געענטפערט אויף דער מאַמעס דרך ארץ לעקציע.

— דריי ניט קיין קאָפּ מיט דיין ווינטמיל. וועסט דערציילן שפּעטער. עס!

דאָס קינד האָט געכאַפּט איין ביסן, אַ צווייטן, ברויט, פליייש, דאָס האָט ער צעקייט, אַרונטערגעשלונגען, אין מויל האָבן זיך אָבער אויך אָנגעקליבן רייד, ווערטער, זיי האָט ער ניט געקענט אַרונטערשלינגען, ער האָט זיי געמוזט אַרויסברענגען. — דאָס מעסערל וואָס דער מאַן האָט מיר געגעבן, שוין איינמאָל אַ מעסערל! — די מאַמע האָט מיט די אויגן אים געשטראָפט: רעדסט נאָך אַלץ? ווי אויף צו להכעיס איר האָט ער מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטון צום פאָטער: — איך האָב געקראָגן אַ גוט מעסערל!

— עס אַז דו עסט! — האָט שוין מירל שיר נישט אַ געשריי געטון. מנשה האָט אַ קוק געטון אויף איר: וואָס גייט עס איר אַזוי אין לעבן דאָס קינד זאָל . . . ניט רעדן? נאָכדעם אַ קוק געטון אויפן קינד און שטיל אַ זאָג געטון: לאָמיך עס זען. ער האָט נאָך געכאַפּט מירלס ברוגזן קוק, אַ געדאַנק איז דורכגעלאָפן: ניט געדאַרפט געווען זיך אַריינמישן

ווען זי לערנט דעם קינד דרך ארץ, און דאָך געווען צופרידן וואָס ער האָט עס געטון. דאָס קינד האָט דערלאַנגט דאָס מעסערל, האָט ער עס גרינטלעך באַטראַכט. — אַ גוט מעסערל. ווער האָט עס דיר געגעבן?

— אַ מאַן.

— וואָס פאַר אַ מאַן?

— דער מאַן וואָס איז דאָ געווען. פאַרגעסן זיין נאָמען. די מאַמע ווייסט. מאַ! וואָס איז דעם מאַנס נאָמען?

— מולי, — האָט זי שטיל אַרויסגעבראַכט.

— אָה . . . — מנשה האָט געזען ווי מירל האָט אַ קנייטש געטון די פּאַפּירענע סאלפעטקע.

— ריכטיק, — האָט דאָס ייִנגל באַשטעטיקט. — אָנקל מולי, ער האָט עס מיר געגעבן.

דער „אָנקל מולי" האָט אַ קלאַפּ געטון מנשהן אין אויער. ער האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ. — ווי קומט ער אַהער?

— „ראסקאזשו פּאָסליע".

— וואָס איז „שקאזשע פּאשלא"? — האָט דאָס קינד קאָמיש אַרויס־געבראַכט מיטן מויל און די אויגן זיינע האָבן געמוסרט: איר, דער־וואַקסענע, טוט גאַנץ אָפּט אַזוי, רעדט אין עפּעס אַ פאַרשטעלטער שפּראַך איך זאָל ניט פאַרשטיין. איר האָט עס געפּרווט מיט ייִדיש, אָבער ייִדיש פאַרשטיי איך, דאָס אָ, וואָס איז עס?

— עס מיינט אַ קורצער וויזיט, — האָט מירל אַ זאָג געטון דאָס ערשטע וואָס איז איר געקומען אויפן צונג. דאָס קינד האָט פאַרדעכטיקט אַז זי האָט אים געגעבן ניט די „ריכטיקע איבערזעצונג", האָט ער אויף זיין אופן קאָרעגירט. — עס איז נ י ט געווען קיין קורצער וויזיט, ער איז דאָ געווען אפשר אַ . . . שעה.

— פון וואַנען ווייסטו? — האָט מנשה געפרעגט ניט אָן אַ שמייכל, אי פונם קינדס צייט מעסטן, אי פון זיין מסרן . . .

— אודאי ווייס איך. ווען איך בין געקומען אַהיים פון סקול איז ער שוין דאָ געווען און ער האָט פאַרלאָזט דאָס הויז בלויז אַ פּאָר מינוט איידער דו ביסט געקומען.

— אה. נו, אַ וויזיט, אַ שעה, צי אפילו אַ טאָג, ווערט אָנגערופן אַ קורצער, ווען איינער קומט אויף אַ וואָך, אַ חודש, דעמלט איז עפּעס אַנדערש. דאָס וואָס די מאַמע האָט געמיינט, — איז מנשה כלומרשט

געקומען מירלען צו הילף און בייז הנאה געהאַט פונם קינדס געפּעכט מיט דער מאַמע. — אָבער זאָג מיר, ווי קומסטו נעמען ביי אים אַ מעסערל?

— אַזוי געווען, — האָט דאָס קינד, שוין מעשה דערוואַקסענער גערעדט צום פאָטער ווי צו זיינס גלייכן. — מיר, איך און סעמי, מאַכן אַ ווינטמיל. ער מאַכט דאָס שטיבעלע, איך די פליגל. האָב איך געדאַרפט האָבן אַ מעסער, אַ גוטן שאַרפן מעסער, האָב איך געבעטן דער מאַמע זי זאָל מיר געבן דעם גרויסן מעסער, אָבער זי האָט ניט געלאָזט אים נעמען, האָט דער מאַן, דער מולי, אַרויסגענומען דאָס מעסערל פון קע־שענע, ער האָט עס געהאַלטן אויף אַ שטאָלן קייטל, עס אָפּגעטשעפּעט און געגעבן מיר.

— דאָס איז זייער פיין פון אים. ער געפעלט דיר?

דאָס קינד האָט קאָמיש פאַרקרימט דעם פּנים.

— ער האָט דיר געגעבן אַ מעסערל!

— יאָ, אָבער ער איז אַזוי פעט! — דאָס קינד האָט געטון אַ בלאָז אָן די באַקן, אויפגעשטעלט ביידע הענטלעך, און עס איז אַרויסגעקומען אַזוי קאָמיש, אַז אפילו אויף מירלס פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל.

— האָסט באַדאַרפט דאָס אים אָפּגעבן צוריק.

— ער האָט געזאָגט איך קען עס האַלטן, ווי אַ מתּנה!

— אויב אַזוי, האַלט עס, נאָר זע דו זאָלסט ניט צעשניידן די פינגער.

— וועגן דעם זאָלסטו זיך ניט זאָרגן. איך דאַרף נאָך פאַרענדיקן איין פליגל.

— דו ענדיק פריער דיין עסן, נאָכדעם וועסטו זיך פאַרנעמען מיט דיין ווינטמיל.

דאָס קינד האָט אויף גיך פאַרענדיקט דאָס עסן, אַרויסגעלאָפן אין דרויסן, מירל האָט זיך אויך אויפגעהייבן, אָנגעהייבן צונעמען פון טיש, ניט זאָגנדיק אַ וואָרט, ערשט ביים וואַשן־ווישן דאָס געפעס, אויגן און הענט אויף די כלים, זיינען פון די מיילער געפאַלן ווערטער. — איך שטיי אַזוי אין דרויסן, קוק אַרויס אויף מאַרווינען, קינדער זיינען שוין געגאַנגען פון „סקול", ערשט ווער קומט אָן — מולי! תּחילת האָב איך אים קוים דערקענט, פעט געוואָרן ווי אַ חזיר. זיך אַרומגעכאַפּט . . .

— ווי האָט ער געוווּסט צו קומען?

— וואָס הייסט ווי? דזשעני!

— זי? ווי קומט זי, איך מיין ווי קומט ער צו איר?

— זי ווייסט פון אַלע שווערע הערצער. געווען ביי איר אויף מיטיק, איז ער שוין געקומען אַהער, זען וואָס מע מאַכט.

— וואָס טוט ער דאָ? כ׳מיין, ער איז אַליין? און ווו איז ציפּע?

— וואָסער ציפּע! שוין לאַנג ניטאָ קיין ציפּע.

— וואָס מיינסטו ניטאָ?

— זיך צעגאַנגען.

— געגט?

— וואָס איז דער חילוק, צעגאַנגען געגט?

— ס׳איז שוין גאָר אַ חילוק, מע צעגייט זיך, קען מען זיך צו־נויפקומען, אַז מ׳גט זיך . . .

— אַניט בין איך אַזוי זיכער אַז זיי האָבן חתונה געהאַט?

— זיי האָבן אַ קינד!

— זעסטו, טאַקע אַ סימן בלוי. אַ קינד קען מען האָבן אָן אַ חתונה אויך. געזען אַ מעשה? מ׳מוז עס האָבן אַ קוויטל דערצו? — מנשהס אויער האָט אויפגעכאַפּט דעם פאַרשייטן טאָן אינם „קען מען האָבן אויך אָן אַ חתונה“, צו דער זעלבער צייט האָט ער אויך דערהערט איר מאָנונג מיט אַ יאָר ניין צוריק, „קודם גייען מיר אַרויסנעמען לייסענס“. הייסט עס, יאָ אַ קוויטל. ער האָט אָבער גאָרניט געזאָגט. — סיי ווי, זיי זיינען זיך צעגאַנגען. ציפּע איז געבליבן מיטן קינד, שוין אפילו חתונה געהאַט מיט אַ צווייטן, טאַקע מיט אַ פאַרמער אין פּעטאַלומא, ער האָט ניט געוואָלט בלייבן קיין פאַרמער.

— איז וואָס טוט ער?

— פרעג מיך אַ גרינגערע זאַך. אים געפרעגט, האָט ער געענט־פערט: אָה, פאַרשיידענע געשעפטן. געשעפטן. אויב דו ווילסט וויסן, איז ער אין די בראָנפן געשעפטן, פּראָסט און פּשוט אַ „בוטלעגער“, דאָס וואָס ער איז. אַזוי דיינק איך.

— פון וואַנען נעמסטו עס?

— מיר דאַרף מען קיין פינגער אין מויל ניט לייגן. הערסט׳אָך, איך זאָג אים, בלייב דאָ (מנשהס אויער האָט אויפגעכאַפּט דעם „בלייב“, ניט „בלייבט“), מנשה וועט קומען וועלן מיר עסן וועטשערע, פאַרברייננגען אַ ביסל, ערשט ער האָט קיין צייט ניט, דאַרף באַלד כאַפּן די באַן, ער פאָרט „איסט“. דערביי טוט ער מיך אַ פרעג, איך בין דאָך פון קאַנאַדע, צי האָב איך דאָרט געקענט איינעם אַ יידן וויינמאַן? איך קען אַזוי אַ וויינמאַן ווי דו, האָב איך שוין פאַרשטאַנען ער דאַרף אַ שנאַפּס מאַן. „אַ

בוטלעגער״! מ׳זעט עס אויף זיין פנים, זעט מען עס. אַזאַ פעטער פנים, ניט נאָר פעט, נאָר עפעס צעגאָסן, שמאַלציק, װולגאַר . . . — ביי די לעצטע װערטער האָט זי זיך אַזש אַ צאַפּל געטון און אַנשװיגן געװאָרן. ביים אַריינקומען האָבן זיי זיך אַרומגעכאַפּט, זיך צעקושט. דאָס קינד איז אָנגעקומען, האָט זי זיי פאָרגעשטעלט: דאָס איז מיין זון און דאָס איז אָנקל מולי, און זי און מולי האָבן זיך אָנגעקוקט מיט אַ קוק װאָס איז געװען ניין יאָר טיף, נאָכדעם איז זי געגאַנגען, אים געװיזן די צימערן, פלוצלונג האָט זי דערפילט װי זיין האַנט האָט אָנגענומען, אַ קלעם געטון דאָס לייב אויף איר . . . הינטן. עס האָט ניט װיי געטון, נאָר עפעס האָט זי מיט אַמאָל דערזען די טאַרהאװיצע אין איר שטעטל האָשטש, װו די פערד־הענדלער האָבן געטאַפּט די בהמות. זי האָט זיך אַ דריי געטון, דערזען זיין שמאַלציקן שמייכל, האָט זי אים אַ שניט געטון מיט אירע מאַנדל־אויגן. מער האָט ער זי שוין ניט אָנגערירט. ביים אַװעקגיין זיך אפילו ניט צעקושט, דערלאַנגט די האַנט און ניט מער. איצטער אָ, האָט זי װידער אָפּגעטרייסלט זיין האַנט פון איר הינטן . . . — ניט דער מולי װאָס געװען, — האָט זי אַרויסגעבראַכט ניט אָן באַדויער.

— ער איז קיינמאָל ניט געװען אַזאַ . . . — דער מאַך מיט דער האַנט האָט באַדאַרפט זאָגן: אַזאַ ציאַציע.

— אַמאָל איז ער פאָרט געװען אַנדערש. איצטער אָ — פע!

דער „פע״, דער מאַך מיט דער האַנט, האָט אַװעקגעשאַרט מוליקן, אויך אָפּגעשניטן דעם געשפּרעך. דאָס געפּעס איז שוין געװען צעװאַשן. מנשה האָט זיך װידער אַװעקגעזעצט „שטודירן״ די צייטונג, אָבער סיי װען ער האָט געלייענט די צייטונג, סיי שפּעטער װען ער איז שוין געלעגן אין בעט, האָט אין קאָפּ געפּיקט: זי האָט ניט געװאָלט דערציילן, זי האָט געװאָלט באַהאַלטן, װען ניט דאָס קינד . . . אַ קינד איז אַ מסור . . . נאָר מיט רייד? מנשה האָט זיך געפּלאָנטערט. פּנימער, נעז, רייד, אָנצוהערענישן, שפּאַסן, בליקן, דאַטן — דאָס אַלץ איין געדיכטער פּלאָנטער, ביז דער שלאָף האָט זיך אויך גענומען פּלאָנטערן אַרום די אויגן, אין קאָפּ, און ער איז סוף כל סוף איינגעשלאָפן.

אַ דריי טעג צייט איז מנשה געװען װי אין היגער פלעט. ער איז געזעסן אין אָפיס, געקוקט אויפן טויבן טעלעפאָן און געטראַכט: גוט װאָס קיינער קלינגט ניט, די טיר פון אָפיס — אַ קרעמל נאָר אָן סחורה — געװיינלעך אָפן, האָט ער געהאַלטן פאַרמאַכט און ער איז געװען צופרידן װאָס קיינער איז ניט אַריינגעקומען, װען ער קען דאָ איבערזיין

אויך די נעכט וואָלט געווען גאָר גוט, אָבער אויף דער נאַכט האָט ער געמוזט זיין אין דערהיים, זען זיין ווייב, זיין קינד, זיי הערן ריידן, ענטפערן זיי. ער האָט געמאַכט פרי נאַכט, אָבער דאָס האָט געמיינט נאָך לייגער זיך וואַלגערן אין בעט, ניט איינשלאָפן. אויך די נאַכט איז ער שלעכט געשלאָפן, און דער טאָג האָט זיך אויך געשטעלט אַ שלעכטער. געקומען כלומרשט אַ קונה, ער האָט אים געפירט וויזן די בנינים, ער האָט אפילו ניט געפּרווט איינרעדן: וועט סיווי ניט קויפן. פאַרהאַקט דאָס רעדל. און ניט נאָר פון געשעפט, אויך אין קאָפּ, אין זיינעם, האָט זיך פאַרהאַקט אַ רעדל . . .

דאָס רעדל האָט זיך אַ וואַקל געטון. גענומען זיך דרייען. אין אָפּיס האָט זיך אַריינגעשטעלט אַ פרוי. — אודאי איז עס דער! איר דערקענט מיך?

— דער פּנים איז מיר באַקאַנט, אָבער, איר׳ט מיר אַנטשולדיקן, דעם נאָמען געדיינקט איך ניט.

— מרס. שפּיגל. אייער תלמידה אין טרייבן אַן אויטאָמאָביל. געדיינקט?

מיט אַמאָל האָט אַ שוועב געטון פאַר זיינע אויגן אָט דער אָוואַל פּנים פון פאַר אַכט יאָרן, די ברוינע, שיר ניט שוואַרצע, אויגן, די באַקן צוויי האַלבע פלוימען. דער לענגלעכער גלייכער נאָז, דער „סמך" מויל מיט די עטוואָס דיקלעכע סענסועלע ליפּן, און ניט נאָר האָט ער דערזען דעם פּנים, ער האָט דערפילט ווי זיין האַנט לייגט זיך אַרויף אויף איר׳ער, טוט אַ קירעווע דאָס רעדל, און אין אים טוט זיך אויך עפּעס אַ קירעווע, ער נעמט צו די האַנט, וויזט איר אָן אויפן פּוס, זאָגט איר: די פּוס אויפן גאַז קנעפּל דאַרף רוען זייער איידל, מ׳דאַרף האָ־דעווען דעם מאָטאָר אָבער אים ניט איבערשטאָפּן, דערביי רירט זיין ליטקע אָן איר׳ע און דורך דער קליידער מחיצה לויפט דורך אַן עלעקט־רישער שטראָם. נאָך די ערשטע צוויי לעקציעס האָט ער שוין געוואַרט אויף דער דריטער, דער פערטער . . . פונדעסטוועגן, ווען די צען לעקציעס זיינען געווען אַריבער, איז ער געווען צופרידן, מער קיין פרויען האָט ער ניט געלערנט טרייבן. ניט צוליב די סיבות וואָס ער האָט אָנגעגעבן זיין באַלעבאָס ראַמזי גמליאל היואיט, ער האָט פּשוט מורא געקראָגן: מירל איז געווען זיין ווייב, זיין איינציקע ווייב די אַלע יאָרן. איצטער אָ . . . — אודאי געדיינק איך, און איך בין אמת צופרידן אייך זען. זיצט. זאָגט זשע מיר, איך בעט אייך, וואָס האָט אייך געבראַכט אַהער? — שיר שיר האָט ער ניט אַרויסגעזאָגט „צו מיר". — ניט צו קויפן

אַן אויטאָמאָביל! שוין אַ געשיכטע פון אַ יאָר . . . אַכט, ניין? איך מוז אייך זאָגן, איר האָט זיך ווינציק וואָס געענדערט.

— אָה יאָ, מיר ענדערן זיך אַלע. געוואָרן עלטער.

— אויפן קאַלענדאַר יאָ, ניט אויפן פּנים.

— איך האָב ניט געדיינקט וועגן אייך ווי אַ קאָמפּלימענטן געבער.

— ניט קיין קאָמפּלימענט, איך מיין עס באמת.

— נו, סיי ווי, גוט צו הערן. איז וואָס מאַכט איר? אַרויס פון די אויטאָמאָביל געשעפטן, געוואָרן אַ ריעל עסטייט מאַן?

— אָה, שוין לאַנג. טאַקע, ווי האָט איר מיך אויסגעפונען?

— דורך אַ ריעל עסטייט מאַן. איר קענט דזשעק אוירל, ניין?

— צי איך קען דזשעק אוירל? — דער שמייכל זיינער: איך קען אים שוין גאָר, נאָר ווי קומסט־ו אים קענען? — ער האָט עס מיך אַריינ־געפירט אין די געשעפטן, געוועזן מיין שותף, אָבער שוין יאָרן אַז איך האָב אים ניט געזען. ווען האָט איר אים געזען?

— דאָ ניט לאַנג. — זי האָט דערזען זיין פאַרחידושטן קוק, האָט זי גלייך צוגעגעבן, — איך און ביטריס, זיין געוועזענע פרוי, זיינען גוטע פריינט.

— מיינט עס אַז זיי האָבן זיך געגט?

— יאָ, סוף כל סוף האָט זי אים אָפּגעגט.

— האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ צווייטער?

— איר קענט דזשעק אוירל . . .

— שלעפּט זיך אַרום מיט שיקסעס?

— קענט איר דאָך אים טאַקע. אָבער איר׳ט זיין איבערראַשט, פון צייט צו צייט פאַלט ער אַריין צו מיר, און זיין ערשטע פראַגע איז: וואָס מאַכט ביטריס? אַזוי איז ער שוין. ביי זיין לעצטן באַזוך האָב איך מיט אים אַ רעד געטון וועגן געשעפט. איר ווייסט מסתם ניט, מיין געוועזענער מאַן, שוין באַלד צוויי יאָר אַז ער איז געשטאָרבן, האָט מיר איי־בערגעלאָזט אַ ביסל געלט, פאַר אַנדערע איז עס אפשר אַ גרויסע סומע, אַן ערך צוואַנציק טויזנט, אָבער פאַר מיר איז עס ניט גענוג. איך קען עס אויפעסן, אָבער וואָס נאָכדעם? איך וויל עס אַריינלייגן אין עפּעס ראַיעלעס איך זאָל קענען ציען דערפון חיונה. איר פאַרשטייט וואָס איך מיין?

— איך האָב אַ באַגריף, אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי קומט אַזאַ פרוי ווי איר גאָר צו טראַכטן וועגן געשעפט?

— אָקעגן וואָס פרעגט איר עס?

— איר׳ט מיר אַנטשולדיקן פֿאַר מײַן אָפֿנהאַרציקייט, אַזאַ פֿרוי ווי איר, מיט אײַער פּנים, אײַער פֿיזיק, מיט אַ ביסל געלט דערצו, איר האָט שוין לאַנג געקענט קריגן אַ מאַן, און זאָל ע ר זיך זאָרגן וועגן געשעפֿט.

— אָפֿנהאַרציקייט רופֿט אַרויס אָפֿנהאַרציקייט, און איכ׳ל אײַך דערציילן דעם גאַנצן אמת. געווען, נאָך היינט דאָ אַ פּאָר מענער, און דווקא ניט קיין אָרימע, וואָס וואָלטן זייער געוואָלט ווערן בעלעבאָס איבער מײַנע פּאָר סענט און ממילא איבער מיר אויך, אָבער טאַקע אָט דאָס אַ וויל איך ניט, און שולדיק אין דעם זײַט איר . . . איר קוקט מיך אָן? געדיינקט איר, ווען איר האָט מיך געלערנט טרייבן, האָט איר מיר געזאָגט: איר קענט מאַכן אַ טעות, אָבער ניט דעם זעלבן טעות נאָכאַמאָל. אָט דער כּלל איז מיר גוט אַרײַן אין קאָפּ, ניט איין מאָל געטראַכט וועגן אײַך, און איצט אַז איך זע אײַך, קען איך רעדן צון אײַך ווי צו אַן אייגענעם, אַ פֿרײַנט. איך וויל זיך קודם פֿאַרזאָרגן, זײַן זעלבסטשטענדיק, נאָכדעם, אַז איינער וועט קומען, צי ער׳ט האָבן געלט צי ניט, וועט מיך ניט אַרן, דער עיקר איז — ער זאָל ניט זײַן קיין בעלעבאָס איבער מיר. געהאַט געניג . . .

— נאָר איר זאָלט זײַן בעלעבאָס איבער אים? — מנשהן האָט גלײַך פֿאַרדראָסן וואָס ער האָט עס געזאָגט, אָבער פֿאַרפֿאַלן.

— זאָגט עס ניט. — ער האָט געזען, אירע לייגעלעכע טיף ברוינע אויגן זײַנען נאָך טונקעלער געוואָרן, ממש שוואַרץ, שוואַרצער ווייטיק. קענטיק ביי איר אַן אָנגעווייטיקטער פּונקט.

— איר׳ט מיר אַנטשולדיקן. איך האָב ניט געזאָגט איר ווי ל ט זײַן בעלעבאָס, איר׳ט מיר אָבער צוגעבן אַז עס זײַנען דאָ אַ סך פֿרויען וואָס ווילן, ווי זאָגט מען עס, גיין אין די הויזן, בעלעבאַטעווען איבער זייערע מענער, ניט אַזוי?

— דאָס איז אמת. ס׳איז אויך אמת אַז צווישן מאַן און פֿרוי גייט אָן אַ שטענדיקער געראַנגל ווער זאָל הערשן איבער וועמען, דאָס ווייס איך, אוי, ווייס איך עס! דערפֿאַר טאַקע וויל איך עס מער ניט, פֿאַר־וואָס ניט זײַן ש ו ת פֿ י ם? אָט האָט איר מיך, מײַן מאַן איז געווען אין געשעפֿט, מיך האָט ער אָבער צו זײַנע געשעפֿטן קיינמאָל ניט צוגעלאָזט, ער האָט געהאַלטן אַז דער פּרוים פּלאַץ איז אין קיך, איצט האָב איך אַ ביסל געלט אָבער וואָס צו טון דערמיט ווייס איך ניט, סיידן אַרײַנלייגן אין קיך, דאָס אויפֿעסן. איז אַ ביסל האָב איך שוין טאַקע אויפֿגעגעסן, אָבער וואָס איז דער תּכלית? האָב איך גענומען נאָכפֿרעגן. קיין עצות

האָבן ניט געפּעלט. וואָס וואָס, עצות וועלן מענטשן אייך געבן וועגן אַלץ אין דער וועלט, כאָטש זיי אַליין ווייסן וועגן דעם ענין פּונקט אַזוי פּיל ווי איך. האָב איך אַ פֿרעג געטון דזשעקן, ער איז דאָך עפּעס אַ געשעפּטס מענטש. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט. איך זאָל אים גאָר געבן דאָס ביסל געלט, בלויז אויף זיך צו . . . שפּילן מיט דעם אויף דער בירזשע און אין אַ קורץ שטיקל צייט, אויב ער פֿאַרדאָפּלט עס ניט, זאָל איך . . . אים רופֿן קנאַקניסל.

— ווי קומט ער צו דער בירזשע?

— דאָס וואָס ער טוט איצט. אויב איר ווילט זען דזשעקן, גייט אַרויס יעדן פֿרימאָרגן אויף ספּרינג „סטריט" און איר׳ט אים דאָרטן זיכער טרעפֿן. דאָס אַלץ וואָס ער טוט — „געמבלט", אָדער, ווי ער זאָגט עס: שפּילט. איך זאָל אים נאָר לאָזן זיך אַ שפּיל טון מיט מיין ביסל געלט.

— זייט איר זיכער אַז ער האָט געוואָלט זיך אַ שפּיל טון נאָר מיט אייער געלט?

— וועגן אַנדערע שפּילערייען ווייסט ער שוין פֿון לאַנג אַז ער האָט ניט געטראָפֿן דאָס אָרט. — דער שטיפֿערישער שמייכל איז פֿאַרשוווּנדן.

— ניין, ניט דאָס. ער האָט טאַקע פּשוט געמיינט ספּעקולירן. האָב איך אים געזאָגט: געמבלען, ניט איך קען, ניט איך וויל, אויב ער קען פֿאַר מיר געפֿינען עפּעס זיכערס בין איך גרייט אפֿילו אים באַצאָלן פֿאַר זיין טרחה. ער האָט זיך כלומרשט באַליידיקט, מעקלעריי צאָלט דער פֿאַרקויפֿער, ניט דער קויפֿער, סיי ווי, ער איז שוין לאַנג אַרויס פֿון די געשעפֿטן, ער ווייסט אָבער פֿון איינעם, אַ ריעל עסטייט אַגענט, זייער אַ קאָנסערוואַטיווער, און ערלעך! אַ מיליאָן דאלער וואָלט ער אים גע־טרויט אָן אַ חתימה, בלויז אויפֿן וואָרט, אַז ער וועט עפּעס נאַראַיען מעג איך קויפֿן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן. און ער האָט דערמאָנט אייער נאָמען, דערציילט ווי ער האָט אייך אַוועקגענומען פֿון די אויטאָמאָבילן, דעם גוי דעם אַנטיסעמיט, האָב איך זיך גלייך געכאַפּט דאָס מוז זיין מיין „רבי". ער האָט מיר געזאָגט אַז איר דאַרפֿט זיך געפֿינען אָדער אויף ברוקלין עוועניו אָדער דאָ אין דער נייער יידישער געגנט אויף בעוורלי, ווייל „ער קען אָן יידן ניט אויסקומען". אַזוי האָט ער געזאָגט.

— דאָס איז ער גערעכט. ווער ווער, ער ווייסט עס. נו, איך בין צופֿרידן צו הערן אַז ער, אַ געוועזענער שותּף, האָט נאָך אַזאַ גוטע מיינונג וועגן מיר, און אודאי בין איך צופֿרידן וואָס איר האַלט פֿון מיין

ערלעכקייט, אָבער טאַקע דערפאַר ווייס איך ניט צו איך וועל קענען עפּעס טון פאַר אייך.

— פאַרוואָס ?

אַ געדאַנק איז אים דורכגעלאָפן — אפשר גאָר פאַרקויפן איר איינעם פון זיינע בנינים ? ער האָט אים גלייך פאַרטריבן : פאַרך איינער ! דו ווייסט עס איז ניט פאַר איר. — איכ׳ל אייך זאָגן פאַרוואָס. קומט אַריין אַ ייד, וואָס מאַכט זיך פאַר אַ גאַנצן ידען, אים קען קיינער ניט אָפּנאַרן, ווייל אויב אָפּנאַרן, וועט ער יענעם, אַזאַ יידן וואָלט איך גערן פאַרקויפט אַ לימענע פאַר אַן אתרוג, און זאָל ער וויסן. קומט אָבער אַזאַ מענטש ווי איר, וואָס פאַרלאָזט זיך אינגאַנצן אויף מיר, איז שוין אַ ביסל שווער־לעך, איך קען דאָך אויך מאַכן אַ טעות, איך קען טאַקע דיינקען אַז וואָס איך פאַרקויף אייך איז מילך און אויסלאָזן זאָל זיך זויערמילך, און דאָס איז שוין צופיל פאַראַנטוואָרטלעכקייט . . .

— און דאָס ווילט איר אויף זיך ניט נעמען, וואָס ?

ס׳אַראַ אויגן די פרוי האָט עס ! זיי בעטן, מאָנען, גלעטן, ער קען איר ניט קוקן גלייך אין די אויגן. ער . . . וואָלט זיי ליבערשט פאַרמאַכט מיט אַ קוש. מנשה ! ביסט משוגע ! — איכ׳ל אייך זאָגן, מרס. שפּיגל, פאַרקויפן אייך עפּעס אַבי וואָס, דאָס וויל איך ניט, דאָס מיינט אָבער ניט אַז — אויס. גראדע איצטער אָ האָב איך ניט אויפן אויג עפּעס וואָס זאָל זיין פּאַסיק פאַר אייך, עס איז אָבער ניט אויסגעשלאָסן אַז אין אַ פּאָר טעג, צי אַ פּאָר וואָכן — איר זייט דאָך ניט אין איילעניש — זאָל זיך מאַכן עפּעס ביים דרך, איכ׳ל עפּעס האָבן וועל איך אייך זיכער לאָזן וויסן, איר לאָזט מיר אייער אַדרעס, טעלעפאָן, סוף כל סוף זייט איר דאָך אַן אַלטער קונה, ניט אַזוי ?

— ניט נאָר אַן אַלטער קונה, נאָר איר קענט זאָגן אַן אַלטער פריינט. איר ווייסט אפשר ניט, אָבער איך האָב פון אייך אַ סך געלערנט, ניט נאָר אין טרייבן אַן אויטאָמאָביל. אגב, איך בין אַ גאַנץ גוטער טרייבער, כאָטש איך זאָג עס אַליין.

— וואָס פאַר אַ קאַר טרייבט איר איצט ?

— אַ ביואיק.

— אַ גוטע קאַר. איך פאָר נאָך אַלץ אין אַ שעווי. דזשעק איז גערעכט. איך בין אַ קאָנסערוואַטיווער מענטש.

— איך האָב גאָרניט קעגן קאָנסערוואַטיווע, אויב זיי האָבן וואָס

צו קאָנסערווירן . . . — זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט, פאַרקוקט אים אין די אויגן. — וועט איר מיר לאָזן וויסן? זאָל איך אייך אָנקלינגען?

— איך האָב אייער טעלעפאָן. איך לאָזן וויסן.

ער האָט זי אַרויסבאַגלייט ביזן טראָטואַר, איר נאָכגעקוקט ביז זי האָט זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל. ער האָט געזען ווי זי האָט געשיקט זיך אַרויסגעדרייט פון צווישן צוויי אויטאָמאָבילן און אַ טראַכט געטון: זי איז אַ גוטער טרייבער. צוריק אין אָפיס, אויף זיין דריי־שטול, האָט ער זיך אַזוי פאַטראַכט, אַז ווען דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען, האָט ער זיך שיר ניט איבערגעקערט, אַזוי שאַרף האָט ער זיך אַ דריי געטון. דער ייד, וועמען ער האָט מיט אַ פּאָר שעה פריער געפירט אָנקוקן דעם בנין, האָט געוואָלט וויסן ווי לאַנג מנשה וועט נאָך זיין אין אָפיס, ער וויל אַריבערקומען, ברייגנען אַן אַדערויף. מנשהס האַנט איז געבליבן רוען אויפן טעלעפאָן פאָסטאַמענט. אויף דעם האָט ער זיך גאָרניט געריכט! די מרס. שפיגל איז מזלדיק אויף דער האַנט . . .

ער האָט דערציילט מירלען אַז ער האָט נאָר וואָס פאַרקויפט איין געביידע און זי איז ניט נתפעל געוואָרן: זי האָט נאָך אַלץ געקוקט קרום אויף „זיינע" געשעפטן. דאָס האָט אים אַ ביסל פאַרדראָסן. אויף דער מכירה האָט ער געוואַרט גענוג לאַנג, און זי האָט עס גאַנץ גוט געוווסט. אפשר איר גאָר דערציילן וועגן דער מרס. שפיגל? דאָס האָט נאָך צו טון מיט „אירע" אויטאָמאָביל געשעפטן. ניין, דאָס איז זיין סוד. זי מעג האָבן סודות פון אים, מעג ער אויך. וואָס איז דער סוד? ער האָט אַליין ניט געוווסט, אַ טונקעלע אָנונג האָט ער יאָ געהאַט, עפּעס אַן עכאָ פון אַ ניגון אַמאָל געהערט, וואָס קלינגט אויף און בלייבט ניט, אויסזינגען דעם ניגון האָט ער ניט געקענט.

אין די דריי טעג וואָס ער איז געווען פאַרנומען מיט פאַרקויפן דעם בנין האָט דער ניגון מער ווי איין מאָל אויפגעקלונגען, ער איז אָבער פאַרטומלט געוואָרן פון געשעפט, ווען אַלע פּאַפּירן זיינען שוין געווען איינגעלייגט אין באַנק, דער בנין מסחר דערליידיקט, האָט די טונקעלע אַנונג זיך אַ שפּאַר געטון, אים אַ שטויס געטון, ער האָט אָנגעקלונגען דער מרס. שפיגל און איר געזאָגט אַז ער דיינקט ער האָט פּאַר איר עפּעס ביים דרך. דערהערט: ווילט איר איך זאָל קומען צו אייך אין אָפיס, אָדער אפשר זאָלט איר גאָר אַריבערקומען צו מיר, ס'איז אויף אייער וועג אַהיים, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן צווייטן. אָנגעהייבן האָט ער גאַנץ געשעפּטלעך, מיט ציפערן: זי זאָל אַריינלייגן איר געלט, ווי ער פאַר־

שטייט, אַ פופצן טויזנט דאלער, איז דאָס העכסטע וואָס זי קען דער־וואַרטן, אַרום אַ פופצן הונדערט דאָלער. איז דאָס נישט שלעכט, זי׳ט אָבער דאַרפן זיין אַ . . . משרת ביי די שכנים. האָט ער פאַר איר אַ בעסערן פלאַן. ער האָט דריי בוי־פלעצער. זיי האָבן די ווערט אַ צען טויזנט דאָלער. דעם געדאַנק אַז זיי האָבן אים געקאָסט אַ סך וויניקער האָט ער אָפּגעשטויסן מיטן צוגאָב — און אפשר נאָך מער. ער קען אַריינ־לייגן נאָך עטלעכע טויזנט דאָלער, זי אירע פופצן טויזנט, פאַר די געלטער, מיט אַ הלואה פאַרשטייט זיך, קענען זיי אויסבויען דריי פיר־דירהדיקע געביידעס, זעכציק צימערן. אויפשטעלן דאַרף נעמען אַ דריי חדשים. זיי פאַרקויפן קען בלייבן אַן ערך צוויי טויזנט דאָלער אויף אַ חלק און גלייך זיך שטעלן בויען אַנדערע. זאָלן זיי זיך ניט פאַרקויפן, קען מען פון דירה געלט רעאַליזירן צען פראָצענט, אַזוי אַז קיין ריזיקע איז ניטאָ, די פראַגע צי וויל זי גיין אין געשעפט, מיט אים בשותפות ?

— דאָס וואָס איך האָב געזוכט, אַ שותף! — האָט זי פריידיק אויסגערופן, — איר געדיינקט ווען מיר האָבן גערעדט . . .

מנשה האָט אַ קוק געטון אויף איר: דו האָסט גערעדט וועגן אַ גאַנץ אַנדער שותפות . . . געזאָגט האָט ער, אַז אויב אַזוי, וועט ער מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן, קומען, ברייגנען אַ געשריבענעם אָפּמאַך, אויך אַ פלאַן פון די געביידעס. זי האָט זיך אפילו געחידושט: אַ געשריבענעם אָפּמאַך? זי גלויבט אים אויפן וואָרט, ער איז אָבער באַשטאַנען דערויף, אַ מענטש איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש, מאַלע וואָס מיט אים קען פאַסירן. זי איז איינגעגאַנגען דערויף. זי האָט אים געוואָלט מכבד זיין מיט אַ טעפּל קאַווע, ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט, ער גייט דאָך אַהיים, עסן, זיין קוק אויפן זייגערל — אַן עדות אַז ער דאַרף שוין טאַקע גיין. ביידע זייגען שוין געשטאַנען. — נו, אַ גוטן טאָג . . . שותף!

איז עס געווען די קורצע פאוזע פאַרן וואָרט „שותף״? ביי דעם וואָרט איז שוין איר האַנט געווען אין זייגער און ביידנס געשלאָסענע הענט אונטער אירע בריסט. ווי אַזוי דאָס האָט פאַסירט האָט ער בעת מעשה ניט באַנומען, אין אירע אויגן האָט ער דייטלעך געזען אַן איינלאַדונג און ער האָט די איינלאַדונג אָנגענומען.

אויף מאָרגן, ווען ער איז געקומען, האָט זי דעם שותפות אָפּמאַך איבערגעלייענט גאָרניט מעשה געשעפטס מענטש, אַ פיר מיט די אויגן, און אים צוריקגעגעבן.

— איך בין ניט קיין אַדוואָקאַט, דאָס איז „היימיש געמאַכט״, דיינקט איר אַז ס׳איז ריכטיק ?

— איר׳ט מיך פרעגן, איז דאָס אויך איבעריק. און וואָס איז דאָס ?

— דער פּלאַן.

מנשה האָט אויפגעוויקלט דעם פּלאַן ווי מ׳וויקלט אויף אַ מגילה. איין האַנט האָט צוגעהאַלטן דעם ברעג, די אַנדערע האַנט האָט געשאַרט דעם פּלאַן. זי האָט אַ לייג געטון איר האַנט, די פינגער פון זיין באַפרייטער האַנט האָבן גענומען גיין איבער די ליניעס. — דאָס איז . . . דאָס איז . . . — ער האָט געמוזט צוקוועטשן דעם פינגער צו באַהאַלטן דעם ציטער. קודם דער פּאַרפום. מיטן נאָז האָט ער ניט געקענט כאַפּן וואָס פאַר אַ פּאַרפום דאָס איז, דער ריח האָט אָבער ניט נאָר גערייצט די נאָז וועגטלעך, ער האָט זיך געשפּרייט פאַר די אויגן, עפּעס אַ ראָזעווער גאַז, וואָס האָט קוים געלאָזט זען די ליניעס אויפן פּלאַן. איין אויג האָט גאָר ווינקלדיק אַ שפּרונג געטון צום אויסשניט פון איר בלוזקע, און ער האָט פאַרלאָרן ווו ער האַלט אויפן פּלאַן. ער האָט אַ בייג געטון דעם קאָפּ צום פּלאַן, זי אויך, און אירע האָר האָבן אַ פּעכל געטון זיין באַק. ער האָט אַזש אַ ציטער געטון. זיין קאָפּ איז ווי אויפגעשפּרונגען, אירער אויך, אויגן האָבן זיך אָנגעטראָפן און זיי האָבן געזאָגט: וואָס זייט איר ? קינדער, וואָס שפּילן זיך אין באַהעלטעניש ? טפּשים וואָס איר זייט ! איר זעט דאָך . . . פּלענער פון געביידעס, שותּפות אָפּמאַך, נו יאָ, שותּפות, זיך באַהעפטן, אָבער ניט מיט פּאַפּיר, געשעפטן, נאָר לייב צו לייב, והיו לבשר אחד . . .

איצט האָט מנשה שוין טאַקע געהאַט אַ סוד צו באַהאַלטן פון מירלען, ניט נאָר אַ סוד, נאָר אויך אַ חטא קעגן איר, דער ערשטער איינציקער חטא אין משך פון די אַלע ניין יאָר, ער האָט זיך אָבער ניט געפילט זינדיק און אויך בישט שולדיק, אדרבה, ער האָט אָפּגעצאָלט אַ חוב: זי האָט געמעגט האַלטן אַ סוד . . . מולין ? איצט איז ער שוין געווען זיכער אין דעם אַז צווישן זיי ביידן איז ע פּ ע ס געווען, נו, מעג ער אודאי. די מרס. שפּיגל ? וואָסער מרס. שפּיגל ? ראָוז ! ריי־זע־לע ! און זי — שטערנדל מיינס ! שטערנדל ! עס געפעלט אים. פון מירלען האָט ער עס קיינמאָל ניט געהערט. זי איז ניט מירל, זי איז אַנדערש, אינגאַנצן אַנדערש . . .

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט אים אַ פּיק געטון אַ צווייפל: איז זי טאַקע אַנדערש ? ער איז געקומען צו איר טאַקע נאָכן פּלאַן, אייערנעכטן

אינגאַנצן פאַרגעסן אָן אים, און געטראָפן דאָרטן אַ מאָדנעם פאַרשוין. אַ קאָפּ געקרויזטע האָר, די קרייזעלעך דינינקע, קלייניקע, דער שטערן הויך און שמאָל, מאַנדל שניט אויגן און הויכע באַקנביינער, ממש אַ מאָנגאָל, ביים קיילעכיקן מויל זיינען ביידע ליפּן געווען צעקריגט, איין ליפּ פאַרקאַשערט אויף אַרויף, די צווייטע פאַרבויגן אויף אַרונטער, דער גאַנצער פּנים אַ צעקריגטער, גיט אפילו ניט קיין אָנדייטונג צי איז ער אַ ייד אָדער גאָר אַ . . . כינעזער. רייזל האָט זיי פאָרגעשטעלט: מר. שטערן, מר. מגיד. נו, קיין כינעזער איז ער שוין ניט, וואָס איז ער יאָ? רייזל האָט דערקלערט: — פאַרשטייט איר מיך, מר. שטערן, דער מר. מגיד איז אַן אַרכיטעקט. — איר „סמך” מויל האָט זיך ממש אויסגעקנייטשט ביי די צוויי „מיסטערס”, און די אויגן האָבן געשטיפט: קאָמיש, האַ? זי האָט אָבער גלייך פאַרטריבן דעם שפּאַס, צוגעבנדיק, — און אַ גוטער אַרכיטעקט. האָב איך געטראַכט, עס וואָלט ניט געשאדט ער זאָל אַ קוק טון אויף דעם פּלאַן פון אונדזער געביידע.

מנשה האָט געכאַפּט דעם אַקצענט אויפן „אונדזער”, און ניט אָן ביטערניש אַ טראַכט געטון: אונדזער געביידע, נאָר דער אַרכיטעקט איר ער. מירל מיט איר מר. מ׳קדערמאָט. נו יאָ, אַלע ווייבער אַזוי. ער האָט אַ קוק געטון אויפן אַרכיטעקט. — האָט איר געזען דעם פּלאַן? וואָס דיינקט איר וועגן אים?

— ניטאָ וועגן וואָס צו דיינקען.

— גאָר אַזוי? דיינקט איר ניט אַז איר זייט אַ ביסעלע צו . . . שאַרף?

— הערט, מר. שטערן, אַ פּלאַן קענט איר לייענען? גוט. לאָמיר ביידע לייענען.

ער האָט אויפגעוויקלט דעם פּלאַן, זיינע פינגער האָבן פלינק געשוועבט איבער די ליניעס, פון מויל זיינען געפאַלן אָפּגעריסענע ווערטער: און דאָס אָ . . . און זעט דאָ . . . פאַרענדיקט האָט ער — דאָס איז ניט קיין הויז צום וווינען, דאָס איז אַן אייזנבאַן „פלעט”, איין לאַנגער קאָרידאָר, כאָטש לייג אויס רעלסן.

די רעלסן, אייזנבאַן האָבן אַ קלאַפּ געטון מנשהן אין אויער. ערשט היינט האָט ער געוויזן זיין לעצטע געביידע אַ קונה, אַ פּאָר פאָלק, און די ווייב האָט אַ זאָג געטון: ניטאָ וואָס צו קוקן. „אַנאַטהער ריילראָוד פלעט”.

— קיינע קאָרידאָרן, — האָט דער אַרכיטעקט שוין גערעדט מעשה פאַכמאַן, — דאָס איז פּשוט אַ פאַרלוסט פון שטח, די צימערן דאַרפן זיין אויסגעלייגט קאָמפּאַקט, אַ צאָל פּלאַץ זאָל ניט גיין פאַרלאָרן.

— האָט איר אייערן אַ פּלאַן?

— ניין, איך גיב זיך אָפּ מערסטנס מיט איינצלנע הייזער, אָבער איך קען מאַכן אַ פּלאַן, אויב איר ווילט. דריי געביידעס, זאָגט איר? ווי גרויס זיינען די בוי־פּלעצער? — ער האָט אַ צייכן געטון איין האָריזאָנ־טאַלע ליניע, איין ווערטיקאַלע, אַ קראַץ געטון אַ פּאָר ציפערן. — איצט, זאָגט מיר, וואָס דיינקט איר טון, זיי האַלטן צום פאַרדינגען, אָדער פאַר־קויפן? אַ חילוק. אויב איר זאָלט זיי האַלטן, קען איך זיי אַוועקשטעלן ווי אַ „חית" — האָט ער אַ צייכן געטון דאָס אות, — שענער און בעסער, אויב איר זאָלט אָבער וועלן פאַרקויפן, און צו דריי פאַרשיידענע מענטשן, קענט איר האָבן שוועריקייטן, אין דעם פאַל איז שוין בעסער אָט אַזוי אָ. — מיטן בלייפעדער ווערטיקאַל צום פּאַפּיר האָט ער שיר ניט איינגעגראָבן דאָרטן דריי פּינטעלעך. — דריי חיריקלעך.

מנשהן איז געפעלן געוואָרן זיין אופן פון דערקלערן, די „נקודות".

— איר וואָלט גאָר געדאַרפט זיין אַ דרדקי מלמד, לערנען מיט קינדער טראַף, חיריק חית . . .

— מיט די מערסטע בויער דאַרף מען לערנען אלף בית, זיי הייבן ניט אָן צו וויסן קיין צלם פאַר אַן אַלף, אַלץ וואָס זיי וויסן איז — וויפל? ביליק!

— איז ווי טייער וועט דאָס קאָסטן? — מנשהס שמייכל: דו, חכם, קענסט זיך טאַקע דיינקען אַז איך בין אַן אַנאַלפאַבעט, אָבער דאָ זאַכן וואָס איך ווייס בעסער פון דיר.

מגיד'ס פינגער האָבן אַ שויבער געטון די געקרייזלטע האָר. — באמת, ווייס איך ניט. דאַרפן, דאַרף איך רעכענען לכל הפחות פינף הונדערט דאלער. — דערזעענדיק מנשהס קוק, האָט ער מיט אַ שמייכל צוגעגעבן, — פאַר אַן איינצלנער הויז קריג איך גאַנץ אָפּט מער ווי דאָס, היות אָבער ראָוז האָט צו טון דערמיט, און זי און מיקי, מיין ווייב, אַז זיי כאַפּן מיך אַמאָל אַריין, רייסן זיי מיר אויס ביידע פּיאות, וועט זי שוין מסתם אָפּרייסן אַ פּיאה. וואָס זאָגט איר, ראָוז?

— איך זאָג: מאַכט אַ פּלאַן, און אַ גוטן, גוט איבעווייניק, די צימערן אויסגעלייגט ווי עס דאַרף צו זיין, און שיין אויסנווייניק, עס זאָל פאַר־כאַפּן דאָס אויג, דער קונה זאָל צוגעזאָטן ווערן, און מיר'ן אייך ניט באַרייסן, ניט צופיל, די הויט אייערע וועלן מיר ניט אָפּרייסן. — זי האָט אים אַ צי געטון פאַר איין אויער לעפּל. — איצט, גייט אַהיים און נעמט זיך גלייך צו דער אַרבעט. זאָגט מיקין איכ'ל זיין ביי איר די טעג.

דער אַרכיטעקט איז אַרויסגעגאַנגען. מנשה איז געשטאַנען, זיין פּנים אַ פֿראַגע צייכן: וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פּאַרשוין?

— אַ טיפּ, האַ? זעט אויס קאָמיש אַ ביסל, ער איז אָבער זייער אַ ווילער מענטש און אַ גוטער אַרכיטעקט. וואָלסט באַדאַרפֿט זען זיין הויז, ממש צום באַוואונדערן, און אין הויז, דאָס גאַנצע מעבל האָט ער אַליין געמאַכט. גאָלדענע הענט, נאָר ניט קיין געשעפֿטסמאַן. ער וואָלט געקענט מאַכן אַ סך געלט, אָבער ער וויל ניט. אויף אַן איינצלנער הויז קען ער אַוועקגעבן מי יודע וויפֿל צייט, אַבי עס זאָל נאָר אַרויסקומען שענער, אין הויז זיינע געווען באַשריבן אין צייטונג, ווען עס קומט אָבער צו גרויסע אַפּאַרטמענט הייזער, וויל ער זיך אפֿילו ניט צורירן. דאָס זיינען קאַסטנס, זאָגט ער, איינצופּאַקן מענטשן, ניט קיין וווינונגען. איך און מיקי, זיין ווייב, חברטעס פֿון יאָרן, האָבן אים קוים איינגערעדט, ער זאָל אַ קוק טון אויף דעם פּלאַן, אפֿשר אויסבעסערן, אָדער גאָר מאַכן אַן אַנדערן. מער ווי דריי הונדערט דאָלער וועלן מיר אים ניט געבן, און דער פּלאַן, מעגסטו זיין זיכער, וועט זיין אַ גוטער. האָסט גאָרניט קעגן דעם?

פֿריער טוט זי, נאָכדעם פֿרעגט זי. איר אויסרעדן? ער האָט דאָך שוין צוגעשטימט. איר שמייכל האָט פֿאַרטריבן זיין פֿאַרדראָס. — גאָר! פֿאַרוואָס זאָל איך זיין קעגן? ביסט אַ שותּף, האָסט פּונקט אַזאַ דעה ווי איך.

— מיר ז י י נ ע ן שותּפֿים, זיינען מיר ניט? מיר געפֿעלט די שותּפֿות, דיר?

— איך האָב גאָרניט אויסצוזעצן קעגן דער שותּפֿות.

— און וואָס איז מכּוח דער שותּפֿטע? נו, אויב זי געפֿעלט דיר אויך, טאָ גיב איר אַ קוש . . . אַ גוטן, אַ שטאַרקן . . . !

(14)

„דער עושר ווייסט ניט פֿון צופֿיל געלט, די אלמנה ווייסט ניט פֿון צופֿיל ליבע, און דער טרינקער ווייסט ניט פֿון צופֿיל . . .” אַן אַנאָנס פֿון אַ געוויסן געטראַנק, געזען צופֿעליק אין אַ רעסטאָראַן, האָט זיך געבאָמבלט ביי מנשהן אין קאָפּ, פֿאָרנדיק אַהיים. רייזעלע, זי וואָלט אים איינגעשלונגען . . . און מאָדנע, זינט ער איז זיך צונויפֿגעקומען מיט איר איז מירל אויך מער צוגעלאָזן צו אים. אָט ווי ביז אַהער האָט זי שיר ניט פֿאַרגעסן אַז זי איז אַ ווייב, האָט אַ מאַן, אַלץ וואָס ער האָט געהערט איז

מאַרווין און מאַרווין, איז זי איצט אָפּגעקילט געוואָרן צום קינד. גוטע יאָרן, אַז מירל זאָל רעדן וועגן שיקן אים קומענדיקן זומער אין אַ קעמפּ. דעם טאָג וואָס זי האָט אים דאָס ערשטע מאָל אַוועקגעפירט אין שול איז ביי איר געווען תשעה באב, זי האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן, און מיט אַמאָל — קעמפּ. וואָס קען עס זיין? דער רויטער סיגנאַל האָט געוואָרנט: שטיי ווו דו שטייסט, גיי ניט ווייטער! איז ער געשטאַנען, די האַנט אויפן רעדל האָט זיך פאַרקלערט: זאָל עס זיין אַז . . . ? דער סיגנאַל האָט זיך געביטן אויף גרין און מנשה האָט זיך ניט גערירט. ער האָט דער־הערט אַ פייפן פון אַן אויטאָמאָביל הינטער אים, האָט ער ראַפּטאָם אַ לאָז געטון דעם אויטאָמאָביל אַז ער האָט אַזש אונטערגעשפּרונגען. — ניין, מירל איז גאָרניט חושד, זי ווייסט נאָך אפילו ניט אַז ער בויט מיט רייזעלען שותפות, כאָטש וועגן דעם וועט ער איר מוזן דערציילן, דאַרפן קריגן אַ הלואה, זי'ט מוזן אונטערשרייבן די פּאַפּירן.

ווען עס איז געקומען דערצו, מירל האָט, ווי דער שטייגער, אַ פרעג געטון: וואָס שוין ווידער? האָט עס מנשהן פאַרדראָסן: אַ מענטש זאָל מורא האָבן אונטערשרייבן דעם נאָמען! דער חשד פון דעם אומוויסנדיקן. זי **איז** אומוויסנדיק. — לייען איבער, וועסטו זען.

— לייענען די אַלע פּאַפּירן! משוגע מיינע שונאים. קענסט'אַך מיר זאָגן.

— מיר שטעלן זיך בויען דריי הייזער.

— מיר! ווער איז דער מיר?

— איך, דו און אַ שותּף דערצו.

— שוין ווידער אַ שותּף? ניט דער מיסטער . . . דזשעק?

— ניין, דאָס מאָל איז עס ניט קיין מיסטער דזשעק, עס איז אַ מיסעס שפּיגל. — די „סמכן" פון דעם מיסטער און מיסעס האָבן ממש געהיסעט.

— אַזוי גאָר, אַ מיסעס שפּיגל, ווער איז דאָס אַזוינס די מרס. שפּיגל?

— קענסט זי ניט. אַ רייכע אלמנה.

— אַ רייכע פאַרשטיי איך, כאָטש עפּעס אַ שיינע אויך?

איר פראַגע אַן עכאָ פון ראמזי גמליאל היואיטס פראַגע מיט אַ יאָר אַכט צוריק, טאַקע וועגן רייזלען. יענעם האָט ער געענטפערט מיט רוגזה: איך מיש ניט קיין געשעפט מיט פאַרגעניגן, איצטער אַ, מירלען, קען ער דעם ענטפער ניט געבן, האָט ער, כלומרשט אין שפּאַס, אַ זאָג געטון — ווילסט זי אָנקוקן, קען איך זי דיר ברענגען. — אַרויסגעזאָגט, האָט

ער אי מורא געהאַט טאָמער כאַפּט זי זיך אָן אין דעם, אי עס האָט זיך אין אים דערוועקט אַ פאַרלאַנג אַז רייזעלע זאָל טאַקע קומען, זאָל מירל זי זען.

— אַ קוק טון אין שפּיגל שאַדט ניט.

ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט: מרס. שפּיגל, האָט ער אינערלעך געשמייכלט: רייזעלע — מרס. שפּיגל! אין מירלס „אַ קוק טון אין שפּיגל" האָט ער אויך דערזען אַ שמייכל, אָבער גאָר אַן אַנדערן, אַ שפּאָטישן. ניט געדאַרפט געווען גאָר פאַרלייגן, געזאָגט האָט ער — קען זי איינלאַדן, זי שפּילט אַ גוטן ברידזש.

מירלס קוק: הייסט עס, שפּילסט שוין מיט איר . . . ברידזש?

— פון אַ פינפטער ראָד צום וואָגן האָב איך געהערט, אָבער אַ דריטע ראָד, דאָס הער איך ערשט.

— ערשטנס, קען מען שפּילן אין דרייען אויך, צווייטנס, גלויב איך, וועט זיין אַ פערטע האַנט. זי האָט אַ קאַוואַליער וואָס גייט איר נאָך . . .

— דער שמייכל דערביי: איצט ווייסטו שוין?

— נו, גוט, רוף זיי.

— אויף ווען?

— ווען דו ווילסט. מיר איז קיין חילוק ניט.

ערשט ווען מנשה האָט געקראָגן מירלס צושטימונג האָט ער זיך געכאַפּט אַז ער האָט . . . אויסגעשטעלט אַ וועקסל, וואָס ער איז כלל ניט זיכער צי וועט ער עס קענען דעקן, ער האָט דאָך מיט רייזעלען אפילו ניט גערעדט וועגן דעם. און ווי אַז זי וועט ניט וועלן? מילא, ער'ט שוין זען. דערווייל האָט ער בייז הנאה געהאַט וואָס מירל האָט איינגעשטימט. ער האָט געמעגט זען דעם מולי, אמת צופעליק, זאָל זי זען רייזעלען . . .

— רייזעלע! איך וויל דיך עפּעס בעטן.

אין דעם טאָן, האָט רייזעלע דערפילט אַז ניט נאָר בעט ער עפּעס, ער אַפּעלירט ממש צו איר, האָט זי אַ ביסל אומרויק אַ פרעג געטון: — וואָס אַזוינס?

— וואָלסטו געוואָלט אַריבערקומען צו מיר אין הויז?

רייזעלע האָט פאַרחידושט אַ קוק געטון. אויף דעם האָט זי זיך ניט געריכט. — וואָס זשע, דיין . . . ווייב איז אַוועקגעפאָרן?

אויף ד ע ם „קנייטש" האָט מנשה זיך ניט געריכט. ווייבער! אַ שמייכל האָט אויסגעקנייטשט זיינע ליפּן. — ניין, זי איז אין דערהיים,

און דערפֿאַר טאַקע וויל איך דו זאָלסט אַריבערקומען. איך וויל דו זאָלסט זיך באַגעגענען מיט איר.

— איך וועל טון ווי דו ווילסט, אָבער זאָג מיר פֿאַרוואָס ווילסטו עס.

— אָט אַזוי האָב איך דיך ליב. אַן אמתע יידישע טאָכטער — נעשה ונשמע.

— וואָס מיינט עס ?

— ווען די יידן זיינען געשטאַנען ביים באַרג סיני, געגומען די תורה, האָבן זיי פֿריער געזאָגט נעשה, מיר וועלן טון, נאָכדעם ערשט, נשמע, מיר וועלן הערן. איז הער, איך האָב אַן אָנונג אַז מיין ווייב איז עפּעס חושד. איך האָב איר גאָרניט געזאָגט חוץ דעם אַז מיר זיינען שותפים, זי פֿאַרדעכטיקט אָבער אַן אַנדער שותפות . . . מ׳קען אויף איר דערפֿאַר ניט האָבן קיין פֿאַריבל . . . וויל איך דו זאָלסט קומען, און ניט אַליין, נאָר מיטנעמען אַ בליץ אָפּלייטער . . . האָסט מיר דערציילט אַז דו האָסט געהאַט אַ פּאָר נאָכגייער, קענסטו פּאַקן איינעם פֿון זיי, ער זאָל זיין דיין קאַוואַליער פֿאַרן אָוונט ? מיר׳ן שפּילן ברידזש.

— מו־ני ! דיין סטראַטעגיקע געפֿעלט מיר ניט אַזוי שטאַרק, אָבער טאַקע גאָרניט צום האַרצן, נאָר, איך האָב געזאָגט איך וועל עס טון, וועל איך עס טון. — תוך כדי דיבור האָט זיך אין איר דערוועקט דער פֿאַר־לאַנג צו זען זיין . . . ווייב. זי האָט שוין ג ע וואָ ל ט זי זען. איר פּנים האָט זיך געביטן. מיט אַ שמייכל האָט זי צוגעגעבן — איך קען אפילו קריגן דעם קאַוואַליער אויך, לואין, לואי רובינשטיין, דו קענסט אים ניט. ער איז אַ גוטע האַנט, נאָר איין תנאי, ער איז, וואָס מ׳רופֿט, אַן אַלטער בחור און ער האָט ניט ליב אַז מ׳דערמאָנט אים וועגן דעם, מ׳פֿרעגט אים פֿאַרוואָס ער האָט ניט חתונה, זאָלסטו באַוואָרענען אַז מ׳זאָל ניט אַרויפֿטרעטן אויף זיינע הינעראויגן. געפֿעלט ? איז גוט. ווען זאָלן מיר קומען ? בלייבט עס אַזוי, דאָנערשטיק, אַכט אַזייגער.

ביי דער באַגעגעניש זיינען די מענער אָפּגעקומען מיט פּליכטיקע בליקן און דעם קאָנווענציאָנעלן פּזמון : צופֿרידן אייך צו קענען, דער קוק פֿון ביידע פֿרויען אַ באַריכותדיקער, אַריינגעמענדיק אויסזען, שטאַלט, הילוך, די שמייכלען דערביי : אָט דאָס ביסט־ו ? זע איך שוין מיט וועמען איך האָב צו טון.

— איר האָט אַ פֿיין הויז. — רייזלס אויגן האָבן געוואָנדערט איבער די ווענט, דעם מעבל, שיר ניט אַנגעטאַפּט אין דעם דעם גוסט פֿון די באַלעבאַטים, דער עיקר, דער באַלעבאָסטעס.

— אַ קליין הויז, אָבער זייער באַקוועם. צוויי שלאָפצימערן, איינער פאַרן יינגל . . . אַה, אים ווערט שוין באַלד ניין יאָר. אַ גרויסער בחור!

— די אויגן האָבן צוגעגעבן: איך — אַ ווייב, אַ מאַמע! ניט ווי דו, אַ . . .

דער געשפּרעך, אפילו צווישן די ווייבער, אַן אָפּגעריסענער. מר. רובינשטיין האָט פאַרגעלייגט מנשהן אַ ציגאַר. מנשה האָט מיט אַ שולדיקער מינע געענטפערט אַז ער רויכערט ניט און זיך צוגעאיילט דערלאַנגען אַן אַש שיסעלע, צווישן בײדע מענער אַ געדיכטער רויך פון שווייגן. דאָס ברידזש טישל, וואָס מירל האָט גלייך אַוועקגעשטעלט, האָט פאַראייניקט די פיר מענטשן. מאַן און ווייב זיינען ניט קיין פאַסיקע שותפים איז אויסגעקומען אַז מנשה האָט געשפּילט מיט רייזלען, רובינשטיין מיט מירלען, און די שפּיל האָט זיך אָנגעהייבן.

— מיר'ן זיי שלאָגן, מר. רובינשטיין, ניט אַזוי?

— נאָך ווי שלאָגן!

— נאָר ניט אַזוי זיכער, מיסטער רובינשטיין. — אין דעם „מיסטער" אַ שמץ שפּאָט, אָבער אויך אַן אָנצוהערעניש אויף נאָענטקייט, אויף רעכט צו קיבעצן. מנשה האָט געשמייכלט: זי שפּילט גוט מיט . . . דעם מר. רובינשטיין.

— דאָס איז געווען אַ גוטער „פיינעס", — האָט מירל מעשה ספּאָרט צוגעגעבן דעם קעגנערס אַ גוטן גאַנג.

דער „פיינעס" איז דורכגעגאַנגען און רייזל האָט זיגעריש אויסגערופן: איצט האָבן מיר די „געים"!

— ניט ווייל איר שפּילט גוט. האָט איך אָפּגעגאָלטן, דאָס אַלעס. לויט אַלע כללים האָט איר געדאַרפט פאַרשפּילן. וואָס זאָגט איר, מרס. שטערן, בין איך גערעכט?

— גערעכט זייט איר אפשר, אָבער די „געים" האָבן זיי געמאַכט.

— זי האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו באַטן אַזוי הויך. זי איז אַ „געמבלער"! — האָט ער אַ וויז געטון אויף רייזלען. דער קיבעץ — אַ לייכט פעטשל איבער אַ קינדס הענטל. — אָבער ניט געזאָרגט, מרס. שטערן. — פאַטערלעכע באַרויקונג. — געמבלערס קענען געווינען איין קאָן, צוויי, דעם דריטן מוזן זיי פאַרלירן. מיר גייען אויף אַ זיכערן בריק. איך באַט ניט סתם אין דער וועלט אַריין.

— אייער גאַנג, — האָט מנשה טרוקן געזאָגט.

מ'האָט געשפּילט כלומרשט ברידזש, אַזוי זיך, צוליב צייט פאַרטרייב, טאַקע אַן געלט, אָבער צו דעם ווערטל אַז מ'קען דערקענען אַ מענטשן

בכוסו, בכיסו ובכעסו, וואָלט מען זיכער געמעגט צוגעבן במשחקו, אין זיין אופן שפּילן, אינם קיבעץ, אין די אָפּגעריסענע ווערטער האָט זיך אַרויסגעוויזן דער מענטש. מירלען איז עס געגאַנגען אין לעבן געווינען, געווינען ניט דוקא דעם ברידזש, נאָר געווינען קעגן א י ר, קעגן מנשהן און, ווען מ׳האָט אונטערגעצויגן דעם סך הכל, זי און דער מר. רובינשטיין זיינען געשטאַנען עטוואָס העכער פון די אַנדערע צוויי שותפים, האָט זי, אַ צעשטראַלטע, דערלאַנגט די האַנט דעם מר. רובינשטיין — פּאַרטנער! מיר האָבן געוואונען!

— וואָס דען. איך פריער געזאָגט.

— גוט. איצט וועלן מיר טרינקען קאַווע.

ביי דער קאַווע האָט מירל געקראָגן קאָמפּלימענטן פאַרן צובייס, קיכעלעך אַליין געבאַקן, און זי איז ווידער געווען צופרידן. ווען די געסט זיינען אָבער אַוועקגעגאַנגען איז ווי זיי וואָלטן מיטגענומען די צופרידנקייט. ווי דער שטייגער, האָט מירל געוואַשן, מנשה האָט געווישט דאָס געפעס און, ווי דער שטייגער, זיך איבערגעביטן מיט אַ וואָרט.

— אַרויסגעקומען נישט שלעכט, — האָט מנשה אַ זאָג געטון, ניט אַזוי צו מירלען ווי צו זיך אַליין.

— זי שפּילט אַ גוטע „געים", דיין מרס. שפּיגל.

— דער רובינשטיין שפּילט אויך ניט שלעכט, — האָט מנשה ווי פאַרהערט דעם „דיין".

— יאָ, זי קען די שפּיל, — האָט מירל געצויגן א י ר פאָדעם, — און איך מיין ניט דוקא ברידזש, — האָט זי שאַרף אַ דריי געטון דעם וואַסער קראַן. — האָט אַ פּאָר אויגן ווי אייער און וואָלעט זיי אויף אַלע זייטן.

— פאַרגעס ניט, רובינשטיין איז איר קאַוואַליער, מעג זי דאָך, ווי זאָגסטו, וואַרפן אויף אים אַן אויג.

— און וואָס איז מיט ד ע ם קאַוואַליער? מיינסט איך האָב ניט געזען?

— מיין ווייב, דיר חלומט זיך.

— מיר חלומט זיך שוין גאָרניט. קוקט ווי אַ קאַץ אויף סמעטענע. זי איז שוין לאַנג אַן אלמנה? צוויי יאָר? אפשר דערפאַר עסט זי אַ מאַן מיט די אויגן. דער רובינשטיין, עפּעס אַ הילצערנער, אַן אַלטער באָק. פאַרוואָס האָט ער ניט חתונה מיט איר?

— זאָגסט׳אָך אַליין — אַן אַלטער באָק. ער מוז שוין זיין אַ פּערציקער.

— און זי איז דאָס יונגע עופהלע?

— איך האָב איר ספירה ניט געציילט.

— איך פאַרזיכער דיך, עס איז שוין ווייט נאָך ל״ג בעומר.

— זעט עס ניט אויס.

— נו אודאי. אוי, מיין מאַן, ווען דו זאָלסט פּטרן אַזוי פיל געלט אין „ביוטי פּאַרלאָר״ ווי זי וואָלסטו אויסגעזען ווי אַ בר מצוה בחורל. איך מוז אָבער צוגעבן אַז זי מאַכט אַ גוט שטיקל אַרבעט, דאָס פּענזיעלע אויסגעפּרעסט, זאָלסט עס זאָגן אַ קנייטשעלע.

— טאָ פונוואַנען ווייסטו?

— פון וואַנען איך ווייס? מיך קען מען ניט בלאָפן. דו טו גוט אַ קוק אויף אירע ל י פּ ן. אַ מויל דאָס האָט, אַ פּאַרשנורעוועטער קאַפּשוק פון טוטין. ד י קנייטשן קען מען ניט אויספּרעסן. נאָך אַמאָל אַז דו׳סט זי זען, גיב גוט אַ קוק.

— איך פאַרשפּאָר שוין קוקן, דו האָסט שוין געזען פאַר מיר אויך.

— וואָס וואָס, אַן אויג האָב איך אַ גוטס. יאָ, מיין מאַן, איך קען גאַנץ גוט זען . . . — איר קוק: אוי זע איך דיך! דורך און דורך!

— גיב נאָר קיינעם קיין גוט אויג. און איצט שוין צייט צומאַכן מיט אַן אויג, מאַכן נאַכט.

דער געשפּרעך איז מנשהן געווען ניט אַזוי צום האַרצן און ער איז גערן געווען גיין שלאָפן, בעסער געזאָגט, אין בעט אַריין. ליגנדיק האָט ער איבערגעטראַכט דעם גאַנצן אָוונט, די באַגעגעניש. וואָס האָט ער אויפגעטון? גאָרנישט. אויב מ׳וויל, האָט ער נאָך ערגער געמאַכט. רעדט מיט אַזאַ שנאה וועגן איר. רייזעלע מסתם אויך. וואָס האָט ער געוואָלט, זיי זאָלן זיך ליב האָבן? פונדעסטוועגן איז ער געווען צופרידן וואָס זיי האָבן זיך באַגעגנט, דער עיקר וואָס מירל האָט זי געזען, זאָל זי זען! זאָל זי וויסן!

מירל האָט געזען . . . מנשה זאָל ניט האָבן קיין אָוונט פאַר זיך. דער אַפּמאַך — צוויי אָוונטן אַ וואָך פאַר יעדן איינעם איז ווי בטל געוואָרן. צוויי אָוונטן אַ וואָך איז מען געגאַנגען צוגאַסט, מיטנעמענדיק דאָס קינד, צוויי אָוונטן האָבן זיי אויפגענומען געסט, דאָס גאַנצע „גאַסטיען״, סיי דאָרט סיי דאָ, איז באַשטאַנען אין שפּילן ברידזש, און צוויי אָוונטן האָט זי געמוזט גיין אין קינאָ. ביי איר איז רעכט געווען זיי זאָלן גיין ביידע, מיטנעמען דאָס קינד אויך. — ער איז שוין אַ גרויסער בחור, וועט אים ניט שאטן. — דאָס האָט שוין מנשה ניט געוואָלט נאָכגעבן. — גענוג פאַר אים איין מאָל אַ וואָך, שבת נאָכמיטיק. נאָך דריי מאָל! די בילדער וואָס מע ווייזט. — שבת איז געווען אַ חוק ולא יעבור מאַרווין זאָל גיין

זען אַ בילד: אַלע קינדער גייען! איז מנשה שוין בעסער געזעסן אין שטוב, זי איז געגאַנגען אַליין. ווען ער האָט געפּרוווט אויסנוצן דעם זיבעטן אָוונט, גיין, כלומרשט, פאַר געשעפט, האָט אים מירל שאַרף אָפּגעהאַקט: ווייס שוין דיינע ביינאַכטיקע געשעפטן ... זײַ'ן ניט אַנטלויפן. מנשה האָט נאָכגעגעבן ניט אָן אַ סודותדיקן שמייכל: ביי־נאַכטיקע געשעפטן ...? די „געשעפטן" קען ער דערליידיקן בייטאָג...

און פּאַסירט האָט עס אין אַ נאָכמיטיק. ער איז געליגן מיט רייזעלען, אירע צוויי פינגער וואָס האָבן געגלעט זיין שטערן ווינקל זיינען געבליבן רוען, זי האָט טיף פאַרקוקט אין זיינע אויגן. — שטערנדל מיינס! איך וויל דיך עפּעס בעטן, — דאָס מאָל האָט ער דערפילט אַז ניט זי בעט, נאָר זי אַפּעלירט ממש צו אים.

— עד חצי המלכות, — האָט ער כלומרשט האָפערדיק אַ זאָג געטון און באַלד איר דערקלערט וואָס דאָס מיינט.

קיין האַלבע מלוכה האָט זי ניט געוואָלט. — איך וויל דו זאָלסט מיט מיר פאַרברענגען אַ נאַכט. אַ גאַנצע נאַכט! ווי מאַן און ווייב. אָט אַזוי אָ ... איך ווייס ניט ... איך שעם זיך עס דיר צו זאָגן ... איך פיל זיך ביליק ... איך פיל ווי אַ ... פראָסטיטוטקע. מו־נינקע, איך בעט דיך! — זי האָט איינגענורעט איר קאָפּ אין זיין האַלז און ער האָט דערפילט אַז זי וויינט.

— נו, נו, רייזעלע, דאָס ניט. נאָר ניט געוויינט. לאָמיר נאָר באַ־קלערן. מיין לעבן האָט זיך אַזוי אויסגעלייגט ווי אַ ... שטיל טייכל, גייט קיינמאָל ניט אַרויס פון די ברעגן, אין די לעצטע ניין יאָר בין איך ניט אַרויסגעפאָרן, זאָלסט עס זאָגן, קיין סאַן פראַנציסקאָ, יעדן טאָג, יעדע נאַכט אין דערהיים, מיט אַמאָל זיך אויפהייבן, זאָגן איך פאָר אַוועק, גיי אַוועק, וועל ניט קומען נעכטיקן, איז כמעט ווי אוממעגלעך. אָבער דאָ אַ כמעט. צוויי מאָל בין איך יאָ אַרויסגעפאָרן איבער נאַכט. דער אָפּשאַצער פון דער „ראַיעלער ליי געזעלשאַפט", ווו איך קריג געלט פאַר די געביידעס האָט אַ שוואַכקייט צו פערדלעך, האָב איך אים אַ פּאָר מאָל גענומען קיין אקווא קאַליענטע, ער האָט דאָרט געשפּילט אויף זיינע פערדלעך און איך האָב געקראָגן אַ גוטע הלוואה. איז אַזוי, די הלוואה אויף אונדזערע הייזער האָב איך שוין גראַדע געקראָגן, דאָס מאָל אָפּ־געקומען מיט אַ קעסטל בראָנפן, אָבער איך קען זאָגן אַז איך ד אַ ר ף פאָרן, און מיר קענען פאָרן קיין אקווא קאַליענטע ... גוט?

ער האָט זיך קוים אָפּגעריסן פון איר. מיט אַ קלאָרן קאָפּ, האָט

ער זיך געכאַפּט אַז ער האָט שוין ווידער אויסגעשטעלט אַ וועקסל, וואָס ער ווייסט גאָרניט צי וועט ער זיין ביכולת צו דעקן, ער האָט עס אָבער רייזעלען ניט געזאָגט. זי האָט שוין געמאַכט דעם פּלאַן. אָפּיציעל פאָרט ער קיין אקווא קאליענטע, פאָרן וועלן זיי פּונקט אין דער פאַרקערטער ריכטונג, קיין סאַנטאַ באַרבאַראַ, אַ שיין שטעטל, און קיין געפאַר צו טרעפן דאָרט באַקאַנטע . . . אפשר גאָר פאָרן מיט איר אויטאָמאָביל? מר. שטערן איז גאָר אין סאנטא באַרבארא ניט געוועזן . . . דער „גוי" האָט געוואָלט פאָרן אין ז יי ן אויטאָמאָביל, ווי געפעלט עס אים? שיר שיר האָט מנשה איינגעשטימט, אַ מחשבה איז אָבער דורכגעלאָפן: ער׳ט זיך דאַרפן רעגיסטרירן מר. און מרס. שפּיגל. דאָס ניט. — וועט ניט טויגן, — האָט ער אַנטשלאָסן אַ זאָג געטון. — פאַרוואָס ניט? — אַזוי. ווייל עס וועט ניט טויגן. זאָגסט סאַנטאַ באַרבאַראַ, איז סאַנטאַ באַרבאַראַ, פונמיינעטוועגן קען עס זיין סאַנטאַ מאַריאַ, נאָר מיר פאָרן אין „סעינט מענאַשעס" אויטאָמאָביל. איז אָפּגעמאַכט. דיר אָנקלינגען, דעם טאָג, די שעה, די מינוט.

צו דער מינוט איז ער געוועזן לעבן איר הויז. זי האָט שוין געוואַרט.
— שפּרינג אַריין! — האָט ער אַ זאָג געטון. זי האָט אַ לייג, אַ וואָרף געטון איר קליין רענצל אין הינטערשטן טייל, אַליין זיך אַריינגעזעצט־אַריינגעכאַפּט פון פאָרנט, פאַרקלאַפּט דאָס טירל: געגאַנגען! ערשט ווען זיי זיינען געוועזן אויסערן שטאָט האָט זי בלחש אַ פרעג געטון: געהאַט צרות . . . ?

— צ־רות? אה . . . נ־יין, ניט צופיל. וועל אפשר האָבן ווען איכ׳ל צוריקקומען, אָבער ווער מען אַרט עס? מיר פאָרן! — איין אָרעם זיינער האָט זי אַ צי געטון צו זיך.

— אַ טרייבער דאַרף טרייבן מיט ב יי ד ע הענט. — זי האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון זיין אָרעם, אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן רעדל.

— אָה, דו ביסט דער לערער. וויפל רעכנסטו פאַר אַ לעקציע?

— מיר׳ן קומען אַהין, וועל איך דיר דערלאַנגען דעם חשבון און, גלויב מיר, וועסט צאָלן. אַז מ׳רעדט שוין וועגן לעקציעס, איך קום דיר נאָך פאַר דיינע.

— נו, לאָמיך זען דו זאָלסט באַצאָלן.

— דיר באַצאָלן דאָרטן . . .

איר חשבון . . . איז געוועזן אַ גאַנץ גרויסער, זיין חשבון איז געוועזן ניט קלענער און קיינער פון זיי האָט ניט געהאַט בדעה בלייבן אַ בעל חוב.

אויף מאָרגן, מנשה איז געליגן אויפן זאַמד ביים ים, האָט ער דערזען רייזלען אַרויסגיין פון וואַסער. איר שטעלן די פיס אויפן זאַמד, אירע טריט, איינגאַנצן אַנדערש ווי גייענדיק אין שטוב, די ליניע פון איר קערפּער אין באָד אנצוג איינגאַנצן אַן אַנדערע, אפילו אַנדערש ווי נאַקעטערהייט, און אָט די אַנדערשקייט האָט אַ רייץ געטון. זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג זיך אַרונטערלאָזן לעבן אים, האָט ער זיך אַ הייב געטון, געוואָרפן אַ בליק אויפן האַנט זייגערל. — איצט איז באַלד עלף, אויב מיר שרייבן זיך ניט אויס אַרום צוועלף וועלן מיר דאַרפן צאָלן פאַר נאָך אַ טאָג.

— איך גלויב מיר האָבן צייט ביז צוויי.

— איך בין ניט אַזוי זיכער.

אין זיינע אויגן האָט זי דערזען אַז ער איז ניט אַזוי אויסן צו סילוקן דעם האָטעל חשבון . . . — ווילסט זיך איבערצייגן? קום! — זי האָט אַריינגעפלאָכטן אירע פינגער אין זיינע און, לויפנדיק, זיך געלאָזט אין האָטעל, און טאַקע גלייך צו זיך אין צימער.

ווען אויך דער חשבון איז געווען געסילוקט, זיי זיינען געלעגן אין אַ מין האַלב דרימל, האָט רייזל מיט אַמאָל אַ זאָג געטון — פאָרן מיר, הייסט עס, צוריק אַהיים, — און איר שטימע איז געווען ניט קיין העל מיטאָקדיקע, נאָר אַ טונקל פאַרנאַכטיקע, אַ פאַרביינקטע. — יאָ, היים, זיסע היים, — האָט מנשה געעכאָט דעם טאָן פון אירע רייד, מער ניט, די „זיסע היים" איז אַרויסגעקומען אַזוי זויער, אַז עס האָט געקלונגען אפילו ניט פאַרנאַכטיק, נאָר ממש נאַכט, פינסטער.

— דו האָסט ניט וואָס צו באַקלאָגן זיך. דו האָסט אַ . . . זון.

— זאָג מיר, דו האָסט גאָר ניט געהאַט קיין קינד?

— נ־יין. און דו ווייסט גאָרניט ווי עס טוט מיר באַנג. אָבער . . . פריער האָב איך ניט געוואָלט, איצט איז שוין צו שפּעט.

— צו שפּעט! פאַרוואָס צו שפּעט? ווי אַלט ביסטו עס?

— אויב דו ווילסט עס טאַקע וויסן, איז . . . דער וויפלטער איז היינט? אַ וואָך פון מאָרגן ווערט מיר דריי און דרייסיק. איצט ווייסטו שוין.

„זי איז שוין וויט נאָך ל"ג בעומר", האָט ער דערהערט מירלען און רייזלען געענטפערט — קענסט נאָך האָבן אַ קינד! — „אויף אירע ליפּן קוק!" האָט ער ווידער דערהערט מירלען. רייזל האָט אים ניט געלאָזט אַ קוק טון אויף די ליפּן. — אוי, שטערנדל מיינס, ביסטו אַ לעקיש! אַ קינד דאַרף אויך האָבן אַ טאַטן. אַ טאַטן! — אירע ליפּן

האָבן אַ צופּ געטון און זיך אָפּגעריסן, אַ שטאַרקערן צופּ און אַ שאַרפערן ריס. אויף אָט די אָפּגעריסענע קושן האָט ער געענטפערט מיט אַ באַרי־כותדיקן קוש, וואָס האָט געזאָגט: הנני מוכן ומזומן צו זיין דער טאַטע פון דעם קינד, דאָס קינד וועט זיין אַ מיידעלע, און ער האָט דערזען דאָס מיידעלע אין שול, דערהערט זי דעקלאַמירן: דריי מיט דעם טאַטן, דריי מיט דיע מאַמען . . . ווען ער האָט זיך פאַרשריבן אין האָטעל מר. און מרס. שטערן איז אים אפילו אויפן זינען ניט געקומען אַז ער און רייזעלע זיינען טאַקע מאַן און ווייב, פאַרשרייבן מיינט נאָך ניט באַווייבן, פון זאָגן פאַרגייט מען ניט אין טראָגן, איצט האָט ער דערפילט אַז עס איז ניט נאָר פאַרשריבן און אַ סך מער ווי געזאָגט . . . און ווי אַז רייזעלע זאָל טאַקע פאַרגיין אין טראָגן, וועט ער זיך גטן מיט מירלען, חתונה האָבן מיט רייזעלען?

— וואָס אַזוי פאַרטראַכט?

— פאַר־טראַכט? איך בין שיר ניט אַנדרימלט געוואָרן, געמעגט שווערן שוין אפילו געחלומט וועגן עפּעס. ווי שפּעט איז? ווייסט וויפל איז דער זייגער? ווייט נאָך צוועלף! מיידל! אַרויס פון בעט! אַרויס!

— און ער איז דער ערשטער אַרויסגעשפּרונגען פון בעט. ער האָט דער־זען זיין נאַקעטקייט, אַ טאַפּ געטון זיין לייב צי האָבן זיך ניט צוגעקלעפּט צו אים זיינע . . . מחשבות און שנעל אַ לאָף געטון אין וואַשצימער.

— פון דער חתונה, — האָט דער מאָטאָר אונטערגעברומט די גאַנצע וועג צוריק אַהיים. פון דער חתונה, און אים און איר איז געווען אומעטיק און דאָך אַזוי גוט. פון אקווא קאַליענטע . . . וואָלט ער שוין לאַנג געדאַרפט זיין צוריק אַהיים, דאָך האָט ער געטריבן זייער פאַמעלעך, זאָל דער טאָג זיך ציען אַ ביסל לייגנער. אין אַ נעילה שטימונג איז ער צוגעפאָרן צו רייזלס הויז.

— ווילסט אַרויפגיין?

— ניין, איך פאָר אַהיים.

— אַ גוטער שאָופער טראָגט כאָטש אַרויף דאָס רענצל צו דער טיר.

— דערפאַר קריגט ער פאָר־געלט.

— דו'סט קריגן דיינס.

— אויב אַזוי, נאַ, דאָ האָסטו דיר דיין רענצל.

זי האָט אַרומגעכאַפּט זיין קאָפּ מיטביידע הענט, אים שטאַרק, שטאַרק אַ קוש געטון, אַ שטויס געטון דעם קאָפּ אויף צוריק, אַ כאַפּ געטון איר רענצל און שיר ניט אַריינגעלאָפן אין שטוב.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַ ריס געטון. מיט איר דאַנק, דעם לעצטן קוש, אויף זיין פּנים, איז ער צוגעפאָרן צו זיין הויז, אַריינגעפירט דעם אויטאָמאָביל אין גאַראַזש, פאַרשלאָסן דאָס שלעסל, האָט ער פאַרשלאָסן די גאַנצע רייזע. איצטער . . .

— אָה, ביסט דאָ? געמיינט ווע‎סט שוין ניט קומען. אַזאַ לאַנגע יאַזדע . . .

מנשה האָט דערוואַרט אַ ברוך הבא און בדעה געהאַט ניט צו ענטפערן, עפּעס מוז מען דאָך אָבער זאָגן. — אַריינגעפאַלן אין אַ טראַפּיק קלעם, געמיינט איכ׳ל שוין קיינמאָל ניט אַרויס. אַ וואָכעדיקער טאָג און די וועגן זיינען געפּאַקט.

— געדאַרפט געוועז לאָזן דעם אויטאָמאָביל דאָרטן, נעמען אַ געיעגפערדל, וואָלסטו עס שוין געווען געמאַכט שנעלער.

— וואָס זשע מיינסטו, זיי לויפן טאַקע ווי די רוחות.

— איז ווי איז דאָס אָפּגעלאָפן דיין גוי, ער האָט כאָטש עפּעס געוווּנען?

— געוווּנען. ער פאָרט עס געווינען? געוווּנען אויף איין פערדל אַכצן דאָלער, האָט ער אויפן צווייטן פאַרלאָרן פיר און צוואַנציק.

— דאָס אַלץ וואָס עס האָט דיך געקאָסט, זעקס דאָלער?

— מאָלט׳יך, איכ׳ל עס ניט אָפּקומען מיט צען מאָל זעקס.

— אַזוי גאָר?

— וואָס מיינסטו, אין אקווא קאַליענטע זיינען בלויז דאָ פערדלעך? און די רולעטקע איז אַ הונט? אפילו מיט „ביינדלעך״ דערוואַרגט ער זיך אויך ניט, היינט ווו איז נעכטיקן, עסן און טרינקען? וואָס דער גוי קען אין זיך אַריינגיסן! דעם פּאַסיפיק קען ער אויסטרינקען. — אויפן וועג האָט מנשה ניט רעפּעטירט קיינע ענטפערס מירלען, ער האָט בלויז אָפּגעמאַכט ביי זיך — וואָס קירצער, ענטפערן — יאָ און ניין, איצטער האָט ער זיך „פאַרפאַנטאַזיעוועט״ און ער האָט זיך אַליין געחידושט :ווי אַזוי ער בראָקט עס איין ליגן נאָכן צווייטן. ליגן גורר ליגן. גלויבט זי? — האָט אים מיט אַמאָל אַ קלאַפּ געטון אין קאָפּ. ער האָט דערזען מירלס פאַרשנדיקן קוק אויף זיך. — וואָס קוקסטו אַזוי?

— איך קוק ווי פאַרברענט דו ביסט. געמוזט זיין זייער הייס ביי דיינע פערדלעך דאָרט.

קלאָר, זי גלויבט ניט. — אקווא קאַליענטע מיינט הייסע וואַסער, מיין ווייב. און ניט נאָר דאָס וואַסער, די לופט איז אויך גאַנץ וואַרעם, און ביי די פערדלעך איז שוין גאָר הייס, פון די געשרייען אַליין קען מען

צעשמאַלצן ווערן. משוגעים. אמתע משוגעים. וואָלסט באַדאַרפט צופאָרן אַהין, כאָטש איין מאָל, וואָלסטו געזען וואָס דאָס איז.

— שוין גענוג פאַר מיר אַז דו פאָרסט. האָסטו כאָטש עפּעס אויפ־געטון מיט דיין פאָרן?

— דאָ אַן אַלט ווערטל: אַז מ׳שמירט פאָרט מען, אין דעם פאַל איז עס: אַז מ׳פאָרט גייט עס ווי געשמירט. ער האָט זיך געקראָגן זיינע פערדלעך, זיין ביסל בראָנפן, און איכ׳ל קריגן דאָס געלט, און איין גאָט ווייסט, איך דאַרף עס, דאַרף אַרויסענדיקן די הייזער.

— דיינקסט טאַקע אַמאָל פאַרענדיקן?

מנשה האָט גוט פאַרשטאַנען די פראַגע, געענטפערט האָט ער — ניין, כ׳וועל זיי איינזאַלצן.

— מאַכן עסן? — האָט מירל שאַרף אַ קירעווע געטון.

— עסן? דעם אמת געזאָגט, וויל איך גאָר שלאָפן.

— וואָס זשע, געווען אַ „ווסיענאַטשנע״?

— וואָס מיינסטו?

— די פערדלעך זיינען דאָך ביינאַכט ניט געלאָפן.

וואָס די פרוי קען אַריינשטעכן. — ביינאַכט שלאָפן די פערד. איך בין מיד, טויט מיד. קיין פלייש וויל איך ניט. שוין געגעסן. מאַך עפּעס אַ לייכטן בייס. איכ׳ל זיך דערווייל אַרומוואַשן.

צוזאַמען מיט די קאַלטע וואַסער נאָדלען וואָס האָבן געשטאָכן זיין לייב האָט אין קאָפּ זיך אַריינגעשטאָכן אַ הייסע נאָדל — זי גלויבט ניט. זי פאַרדעכטיקט. דער גרויסער, האַרטער האַנטעך האָט געריבן דאָס לייב — גלויבט זי יאָ, גלויבט זי ניט, וועמען אַרט עס? ניט אַנטועענדיק אפילו די הויזן, אין פּיזשאַמעס און שלאָף ראָק, האָט ער זיך געזעצט צום טיש, אַ לעמזיג געטון דעם פּרוכט סאַלאַד. — ניין, קיין קאַווע וויל איך ניט. איך גיי גלייך שלאָפן. איך בין שרעקלעך מיד.

(15)

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען. מנשה האָט אויפגעהייבן דאָס טרייבל און נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט צו זאָגן „העללאָ״ האָט ער דער־הערט אַ זשומעניש: דער רופער האָט אַרונטערגעלאָזט דאָס טרייבל. אַזוי איין מאָל, צוויי מאָל; איין טאָג, אַ צווייטן. ווער, צון אַלדי שוואַרצע יאָר, קען דאָס זיין? אויפן דריטן טאָג, ער האָט שוין געהאַלטן ביי גיין

אַהיים, האָט דער טעלעפאָן זיך צעקלונגען. מסתּם ווידער די זעלבע געשיכטע. ער האָט דאָך אויפגעהייבן דאָס טרייבל און דערהערט מירלס שטימע: ווו ביסטו עס געווען דעם גאַנצן נאָכמיטיק? שוין געקלונגען אפשר צען מאָל.

— איז גוט וואָס דו האָסט געקלונגען דאָס עלפטע מאָל, וואָס אַזוינס?

— אַז דו׳סט פאָרן אַהיים, ברייננ אַ ברויט. דאָס אַלעס.

מנשה האָט געבראַכט אַ ברויט, נאָר נאָכן עסן, אין אָוונט שוין, האָט ער אויף טשיקאָוועס אַ קוק געטון אין ברויט קעסטל און געזען דאָרטן איז געליגן נאָך אַ ברויט אפילו ניט קיין אָנגעהייבענער. אים איז קלאָר געוואָרן: דאָס האָט זי עס גערופן די גאַנצע צייט, מער ניט, דאָס מאָל איז זי געווען אַזוי אויפגערעגט אַז זי האָט געמוזט עפּעס אַרויסזאָגן, איז — ברייננ אַ ברויט. מנשה האָט ביטער געשמייכלט: נאַרישע פרוי, שפּיאָנירט אויף אַזאַ נאַרישן אופן. זי ווייסט גאַנץ גוט אַז ער זיצט ניט דעם גאַנצן טאָג אין אָפיס, איז וואָס קען זי אויסגעפינען? ווען זי האָט אין אַ פּאָר טעג אַרום אים ווידער אָנגעקלונגען און געהייסן ברייננען אַ פונט ציבעלעס האָט ער שיר שיר ניט אַרויסגעזאָגט: מירל! דיין שפּיאָנאַזש טויג אויף כּפּרות, דו בעסער דינג אַ פּריוואַטן דעטעקטיוו.

איר שפּיאָנאַזש האָט טאַקע ניט געטויגט, איר מאָנאָפּאָליזירן זיינע אָוונטן אויך ניט, די חשד אַטמאָספערע אין שטוב האָט אָבער געשטיקט. דערצו איז צוגעקומען נאָך אַ צרה, זי האָט אָנגעהייבן אים... ליב האָבן. צוויי בעטן זיינען געשטאַנען אין שלאָפצימער, דער מרחק צווישן זיי אַ פיר־פינף פוס, דאָך האָבן געקענט אַוועקגיין וואָכן, וואָס ניט ער און ניט זי האָבן באַוויזן איבערצוטרעטן אָט די נייטראַלע זאָנע, איצט האָט זי, מיר ניט דיר ניט, זיך אַריינגעכאַפּט צו אים אין בעט, און ווען דאָס האָט פּאַסירט פּונקט ווען ער איז דעם נאָכמיטיק געווען מיט רייזלען, האָט ער זי פּשוט ניט געקענט פאַרטראָגן. ער איז נאָך געווען כמעט ווי זיכער אַז זי, מיט איר ווייבערישן חוש, דערשפּירט אַז ער האָט פאַרבראַכט מיט רייזלען און קומט אומישנע דוקא דעמלט. ער האָט גענומען טראַכטן אַז פּאַליגאַמיע איז שוין אפשר אַ בעסערער וועג, אין איין הויז צוויי, דריי ווייבער, יעדע איינע האָט זיך איר צייט, ניט גנבענען, זיך היטן... ווען פּאַליאַנדריע האָט ער ניט געטראַכט. אים איז אויך ניט איינגע־פאַלן וואָס וואָלט ער געטון ווען מירל האָט אַ געליבטן, נאָך אַ מאַן, טאַקע דאָ דערביי. וועגן דעם האָט ער ניט געטראַכט, וואָס אַ טאָג איז אים אָבער אַלץ שווערער געוואָרן צו... ליגן אין צוויי בעטן, מירלס

אַנצוהערענישן האָט ער פאַרשוויגן, אירע גיינג, אירע „שטיק" האָבן אים אַזוי דענערווירט, אַז ער האָט שוין געגאַרט זי זאָל אַרויסקומען אָפּן, אפשר דעמלט וואָלט גענומען אַ סוף. וואָס פאַר אַ סוף האָט ער קיין אַנונג ניט געהאַט, אָבער אַ סוף זאָל עס נעמען. דער סוף איז געקומען, אומדערוואַרט, און אויף אַן אופן וואָס ער האָט זיך קיינמאָל ניט געריכט.

צוויי פון די הייזער וואָס ער האָט געבויט בשותפות מיט רייזלען זיינען פאַרקויפט געוואָרן מיט אַ ריווח פון פופצן הונדערט דאָלער פאַר יעדן איינעם. רייזל איז געווען מלא שמחה. דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן פאַרדינט אַזוי פיל געלט, און פון איר שותפות . . . זי מוז עס „פייערן"! זי האָט פאָרגעלייגט גיין אין אַ רעסטאָראַן עסן, נאָכדעם אין אַ טעאַטער, פאַרברענגען אַן אָוונט. — מיר ביידע? — האָט מנשה אַ פרעג געטון, און אין דעם טאָן האָט זי געכאַפּט אַז דאָס איז ניט מעגלעך פאַר אים. — מיר אַלע! — האָט זי פאָרגעשלאָגן, דער „אַלע" האָט זיך עס באַצויגן אויף מירלען. — דאָס וועט אודאי ניט טויגן. — זי האָט דערזען מנשהן צווישן איר און זיין ווייב און זי האָט צוגעשטימט אַז דאָס דריידל טויג טאַקע ניט. — ווי וואָלט געווען ווען איך מאַך אַ וועטשערע ביי מיר דאָ? האָסט נאָך קיינמאָל ניט פאַרזוכט מיינעם אַ פולן מאָל־צייט, און איך בין אַ גוטע קעכן! איר צוויי, אפשר נאָך אַ פּאָר מענטשן, לאָמיר זאָגן, מגיד און מיקי, אָדער אפשר גאָר לואי, אָט ווי ביי דיר דעמלט, זאַלבעפערט, וואָס זאָגסטו?

— דאָס איז שוין אפשר ביים דרך, — האָט מנשה ניט צו גערן איינגעוויליקט. זיין „סטראַטעגיע" דאָס ערשט מאָל האָט געאַרבעט ניט אַזוי גוט, איצט לייגט זי פאָר דאָס זעלבע. דעם לואין האָט ער ליב ווי אויגן ווייטיק, אים געפעלט ניט וואָס ער איז אַלע מאָל „צום האבן", ווען זי דאַרף אים, אָבער טאַקע דערפאַר, אפשר אַז מירל וועט אים זען ביי רייזעלען אין שטוב . . .

— ווערסטו ריידן מיט איר?

דער „איר" האָט אַ גרילץ געטון אין אויער, דער פּנים האָט עס ניט אַרויסגעוויזן.

— איך וועל, פאַרשטייט זיך, אַ רעד טון, עס וואָלט אָבער געווען אַ סך בעסער ווען דו, די באַלעבאָסטע, לאַדסט איין דעם גאַסט אַליין, ניט דורך אַ שליח. קענסט אָנקלינגען.

— „ווע־־־ל", איכ'ל עס טון. — דער ישוב הדעת ביים „ווע־־־ל" — אַ קורצע סומע פון אַ לאַנגער רייע ציפערן. צו אים אין הויז האָט

גערופן מנשה, ניט מירל; אויף מאָרגן האָט זי פונדעסטוועגן אָנגעקלונגען, צוליב העפלעכקייט פשוט, זאָגן איר אַז זי האָט גוט פאַרבראַכט און, לשם העפלעכקייט טאַקע, זי איינלאַדן צו זיך, אָבער מירל האָט שיר ניט אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל אינמיטן רייד. זי האָט שוין מער נישט גערופן, דערפאַר אָבער האָט „מען" זי עטלעכע מאָל גערופן צום טעלעפאָן, געפרעגט צי איז דאָס מרס. שטערנס הויז, איז מר. שטערן דאָ? זי האָט מיט כעס געענטפערט: איר האָט געמאַכט אַ טעות און, לויטן טאָן פון דער אַנטשולדיקונג, האָט זי געפילט אַז דאָס האָט גערופן טאַקע זי, מירל, מיט אַ געמאַכטער שטימע. שיר שיר האָט זי עס איצט ניט דערציילט מנשהן, זי האָט זיך אָבער צוריקגעהאַלטן, זי האָט נאָר צוגעגעבן — דער עיקר אָבער פאַרלאָז איך זיך אויף דיר.

מנשה האָט קודם דערלאַנגט מירלען די פאַרקויף פּאַפּירן אונטער־צושרייבן און, דערהערט איר: וואָס שוין ווידער? האָט ער נאַכלעסיק אַ זאָג געטון: פאַרקויפט צוויי הייזער.

— טאַקע! — האָט זי כלומרשט איבערראַשט אַ זאָג געטון, כאָטש רייזל האָט עס איר שוין געהאַט דערציילט אויפן טעלעפאָן. — כאָטש געמאַכט עפּעס?

— פופצן הונדערט דאָלער אויף אַ חלק.

— דיין שותפטע מוז זיין מלא גדולה.

— יענע איז אויפן זיבעטן הימל. איין קלייניקייט! פאַר גרויס שמחה האָט זי אַזש באַשלאָסן צו מאַכן אַ שטיקל „פּאַרטי" פאַר די שותפים.

— די שותפים! ווער זיינען דאָס די שותפים?

— וואָס הייסט ווער? איך, דו.

— דאָס איז ד ײ ן געשעפט מיט א י ר געשעפט. — דעם „דיין" און „איר" האָט זי אַקצענטירט און דאָס וואָרט „געשעפט" האָט זי אַרויס־געבראַכט אַזוי שאַרף, שניידיק, אַז דער צינישער הינטערטאָן האָט זיך ממש אַרויסגעזען. דאָס איז אָבער געווען נאָך ניט גענוג פאַר איר. — דאָס האָט איר ביידע זיך צוזאַמענגעלייגט, איך האָב דערמיט גאָרניט וואָס צו טון.

— מירל, דו רעדסט נאַרישקייטן. וואָס זיינען די פּאַפּירן דאָ? דיינע אַזוי גוט ווי מיינע, מיר זיינען אַלע שותפים, און אויב זי מאַכט אַ שטיקל שמחה, בעט מיר זאָלן קומען, זי'ט דיך מסתם בעטן . . .

— זי האָט מיך שוין געבעטן. אַ שעה פאַרטאָג, אַהאַ — דער טעלע־

פאָן קלינגט. געוועז אַזוי זיס אויפן טעלעפאָן אַז ס׳האָט מיר ממש געשלאָגן צום האַרצן.

— האָסט איר ניט אָפּגעזאָגט?

— כ׳האָב איר ניט געזאָגט ניט יאָ, ניט ניין, איכ׳ל זען.

— מ׳דאַרף צוגיין. זי ביי אונדז איז געווען, איז ניט מער ווי רעכט מיר זאָלן צוגיין צו איר, אַניט וועט אויסקומען אַז דו „סנאָבסט״ זי, שטייט דיר ניט אָן.

— וואָס מיר סנאָבן! ניט עס שטייט מיר ניט אָן, ניט עס גייט מיר אָן. יאָ, יאָ, ניט, ניט.

— כ׳מיין זי דאַרף דאָך צוגרייטן.

— געפּערלעכע מעשה, זיך צוגרייטן. דאַרף אָפּקאָכן דריי פערטל עוף.

— פאַרוואָס ניט אַלע פיר פערטל? דער מר. רובינשטיין וועט אויך זיין. איך האָב אַ חשד אַז עס האַלט ביי אַ שידוך.

— אַזוי גאָר? און וואָס, דו דאַרפסט עס זיין דער אונטערפירער?

— זי דאַרף מען ניט אונטערפירן, זי איז שוין אַמאָל געשטאַנען אונטער אַ חופה, קען שוין אַליין גיין.

— אוי קען זי!

— איז וואָס בלייבט?

— עס בלייבט גאָרניט. ווען דאַרף מען עס גיין, דאָנערשטיק? האָב איך נאָך צייט.

מנשה האָט געזען אַז קיין באַשטימטן יאָ וועט ער פון איר איצט ניט אַרויסקריגן, האָט ער אָנגענומען איר ניט זאָגן בפירוש ניין פאַר אַ צו־שטימונג. דיפּלאָמאַטן און ווייבער האָבן שוין אַזאַ טבע, זיך אַרויסדרייען פון באַשטימטקייט. ביז דאָנערשטיק האָט ער גאָר ניט דערמאָנט וועגן דעם, ערשט דאָנערשטיק אינדערפרי, צום אָנבייסן, מ׳האָט שוין געהאַלטן ביי דער קאַווע, האָט ער אַ זאָג געטון: מ׳דאַרף דאַרטן זיין זעקס אַזייגער.

— זיין ווו?

— האָסט שוין פאַרגעסן? מיר גייען דאָך אויף וועטשערע.

— מ י ר גייען? דו אפשר גייסט, איך גיי ניט.

— וואָס מיינסטו דו גייסט ניט? מ׳האָט דאָך גערעדט . . .

— האָט מען גערעדט. מאַלע וואָס מ׳רעדט. איך האָב דיר פריער געזאָגט אַז איך גיי ניט.

— האָסט נ י ט געזאָגט אַז דו גייסט ניט . . .

— זאָג איך דיר איצטער.

— אין דער לעצטער מינוט ? מ׳קען דאָך ניט באַליידיקן אַ מענטשן.

— אוי ווי איז צו מיר, באַליידיקן אַ מענטשן. אויף מיר די ׳נ׳בירה.

— איך קען ניט טון אַזעלכע זאַכן.

— נו, אַז דו קענסט ניט, טאָ גיי און זיי מקיים די מצוה.

— איך קאָן דאָך ניט גיין אַליין.

— פונמיינעטוועגן קענסטו גיין אין דר׳ערד מיט איר אינאיינעם!

איר האַנט האָט אַ שאַר געטון דעם טיש, איר ביינקל האָט זיך אַ רוק געטון, זי איז אויפגעשטאַנען־אויפגעשפּרונגען און אַרויס פון קיך. דער ברויגער פלעק אויפן טישטוך, ניט קיין קאַווע פלעק, נאָר סם וואָס שפּרייט זיך אַלץ ווייטער ביי מנשהן אין מוח, פאַרסמט די נערוון. דאָס איבערגעקערטע טעפּל — אַ געפאַלענע בריאה. דאָס טעפּל האָט ער אויסגעגלייכט, ווי גלייכט מען אויס דאָס אַנדערע . . . ? וואָס זאָל ער טון איצטער ? גיין אָן איר ? ניט גיין ? אָנקלינגען רייזלען. און וואָס זאָגן איר ? אַז . . . ער האָט אַ ווייב ? ער גייט ! ער איז אויפגעשטאַנען, אַריין אין שלאָפצימער, אַ קוק געטון אין שפּיגל. איבערטון זיך איצט, קען ער גיין גלייך פון אָפיס.

דער גאַנצער טאָג אַ ווינטיקער, ווינטן פון אַלע זייטן. אָנקלינגען מירלען ? ניין ! אויב קלינגען, דאַרף זי. אפשר אָנקלינגען רייזלען? זי׳ט אָנהייבן פרעגן . . . טויג ניט. ער האָט אָנגעקלונגען אין אַ בלומען געשעפט מ׳זאָל צושטעלן אַ בוקעט בלומען צו מרס. שפּיגל אויף דעם און דעם אַדרעס, דעם חשבון שיקן צו אים . . .

אויפן וועג צו רייזלען האָט ער רעפּעטירט וואָס, ווי אַזוי צו זאָגן איר למאי מירל איז ניט געקומען, ווען רייזל האָט געעפנט די טיר, דער־זען אים אַליין, האָט ער בלויז קריינקלעך אַ שמייכל געטון : פרעג ניט, הייסט עס. זי האָט ניט געפרעגט, זי האָט אים אַריינגעפירט אין זאַל וווּ מר. רובינשטיין איז שוין געזעסן. מנשה האָט זיך געגריסט מיט אים. אויף אַ נידעריק טישל האָט ער דערזען אַ בוקעט בלומען, געכאַפּט דאָרטן רייזלס קוק, האָבן די אויגן זיך באַגריסט, זיך פאַרשטענדיקט. — איצטער קענען מיר גיין צום טיש.

— איך האָב פאַרשטאַנען אַז מרס. שטערן קומט אויך.

דורס זיין אָט דעם מר. רובינשטיין, דעם . . . אידיאָט ! — זי האָט געזאָלט קומען, אָבער אין דער לעצטער מינוט האָט זי געקראָגן אַזאַ קאָפּווייטיק אַז . . .

— אה, אַזוי . . . נו, איין מינוט, בלויז פּטור ווערן פון דעם ציגאַר.

ביז מר. רובינשטיין איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט זיין ציגאַר האָט רייזל באַוויזן אַראָפּצוכאַפּן פֿון טיש דעם פּערטן סערוויז, אפילו צונעמען דאָס ביינקל, ניט קיין טיש פֿאַר פיר מענטשן, צוויי פֿאָרלעך, נאָר פֿאַר אַ דרייערל, אויבנאָן די באַלעבאָסטע, ביי די זייטן אירע צוויי פּאַזשן, אַ מזומן, וואָס האָט ניט געהאַלטן ביים בענטשן . . . אַלע דריי האָבן עס דערפילט, די מיילער האָבן זיך געעפֿנט צום עסן אָבער ניט צום ריידן, ביז רייזל האָט ווי אַ זאָג געטון: רבותי, לאָמיר ריידן! מיט אַ שטיפּערישן שמייכל האָט זי אַ זאָג געטון: איר הערט דאָך, איך פֿייער מיין געשעפֿטס דערפֿאָלג און לואי לאַכט פֿון מיינע געשעפֿטן גאָר אינגאַנצן.

מר. רובינשטיין האָט זייטיק אַ קוק געטון אויף איר. — ראוז! איר לאַכט נאָר ניט פֿון מיר. איך לאַך ניט פֿון אייערע געשעפֿטן. אַלץ וואָס איך האָב געזאָגט איז אַז איך גופא בין נישט פֿאַראינטערעסירט אין בויען. און דאָס איז אמת. איך האַנדל מיט געביידעס, אָבער ווען איך קויף אַ געביידע קוק איך ניט ווי זי איז געבויט געוואָרן, מיך אינטערעסירט קודם וויפֿל זי ברייננגט אַריין. איך האָב שוין איבערגעהאַט היפּשע עטלעכע געביידעס, צו זיין געזונט . . .

מר. רובינשטיין האָט גענומען אויסרעכענען זיינע געביידעס, געזונט מיט דאַטן, ציפֿערן. מנשה האָט זיך צוגעהערט, צוגעקוקט צו אים. ער האָט געהאַט דעם איינדרוק אַז דער מר. רובינשטיין איז אַ קאַרגער מענטש, אפילו אויף אַ וואָרט קאַרג, ערשט עס ווייזט זיך אַרויס ער קען רעדן, רעדן אַ סך. ווי פֿאַרשלאָסן אַ מענטש זאָל ניט זיין, אויב מע געפֿינט נאָר דעם ריכטיקן שליסל צו אים, עפֿנט ער זיך אויף, און רייזעלע האָט, קענטיק, דעם שליסל צו אים. זי טוט עפּעס אַ פֿרעג איז ווי אָנגעצויגן דעם זייגער און ער גייט ווייטער. יאָ, זי קען אים, ווייזט אויס, זייער גוט. שוין אפשר צו גוט . . . ווייסט ער וועגן זייער . . . שותּפֿות? מירל . . . שוין בעסער זיך צוהערן צו אים, צו זיין לעקציע וועגן געשעפֿט.

מר. רובינשטיין — אַ געניטער געשעפֿטסמאַן וואָס רעדט מיט אויטאָריטעט, אָדער גאָר אַן עלטערער ברודער וואָס טיילט זיין דערפֿאַרונג מיט זיין יינגערער שוועסטער און ברודער און זיי האָבן אים אויסגעהערט מיט דרך ארץ. רייזל האָט שוין צוגענומען אַלץ פֿון טיש, מר. רובינשטיין האָט שוין געראויכערט און, פּאַמעלעך ווי דער רויך, האָבן זיך געצויגן זיינע רייד. — יאָ, פֿון מיינע פיר געביידעס וואָס איך האָב איצט וועל איך צוויי פֿאַרקויפֿן. האָב שוין אַן אָנבאָט. גוטע געביידעס, ברייננגען אַריין אַ פֿיינע הכנסה, אָבער איכ׳ל זיי פֿאַרקויפֿן, בלייבן בלויז ביי צוויי.

פֿאַרוואָס ? ווייל דער מאַרק איז צו הויך, און איך האָב אַ כּלל : ווען דער מאַרק איז הויך — פֿאַרקויף ! קען אַזוי לאַנג ניט אָנהאַלטן, וועט מוזן פֿאַלן, און דעמלט, ווען דער מאַרק איז נידעריק, דעמלט איז די צייט צו קויפֿן.

— קלינגט כּמעט ווי בירזשע געשעפֿטן, — האָט מנשה „אַ דריי געטון דעם שליסל״. — איר שפּילט אַמאָל אויף דער בירזשע ?

— ניין, איך גאַמבל ניט, — האָט ער שטאָלץ אַ זאָג געטון. — איך גאַמבל קיינמאָל ניט ! — רייזל איז שוין אַריינגעקומען פֿון קיך, מר. רובינשטיין האָט אפֿילו ניט אַ קוק געטון אויף איר, ער האָט געצויגן זיינע רייד. — אפֿילו ניט אין קאָרטן, עס מאַכט ניט אויס צי עס איז אַ פּאָקער מיט אַ דאָלער אָדער אַ ניקל גרענעץ, אפֿילו ווען איך שפּיל אַ „סאָשל געים״, אַברידזש אַשטייגער, פֿאַר צייט פֿאַרטרייב, גאַמבל איך אויך ניט.

— אַז איר האָט שוין דערמאָנט וועגן דעם, וואָס איז מכּוח מאַכן אַ ברידזש ?

— אין דרייען ?

— מ׳קען שפּילן אין דרייען, מיט אַ „דאָמי״.

— איך שפּיל ניט מיט קיין „דאַמיס״. און איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן ? איך דיינק מיר אַלע זיינען שוין צו אַלט פֿאַר אַ „טריי־סיקל״ . . . — זיין שמייכל דערבײַ אַ קריינקלעך־בייסיקער. — יאָ, אַ ביסעלע צו אַלט. איך גלויב איכ׳ל אַריבערגיין אין מיין קלוב, דאָרטן וואַרט אויף מיר אַ גוטער פֿינאָקל. דאָס האָט זי מיך פֿאַרפֿירט. איז אַזוי, אַ וועטשערע האָבן מיר געהאַט, און אַ גאַנץ גוטע, וועט איר מיך אַנטשולדיקן פֿאַר ניט אָפּזיצן, — האָט ער זיך אויפֿגעהייבן, — איר צוויי, ווי איך פֿאַרשטיי, האָט געוויסע געשעפֿט ענינים צו דערליידיקן, טאָ נעמט זיך צו דער אַרבעט, אָבער זעט, איר זאָלט זיך ניט צעקריגן.

— פֿאַרוואָס גאָר זיך קריגן ?

— בדרך כּלל גייט עס אַזוי ביי שותּפֿים. ווי גייט דאָס ווערטל : אין אַ בשותּפֿותדיקן טעפּל צעקריכט זיך דאָס קרעפּל. איך מיין ניט דווקא אייך, — האָט ער כּלומרשט געפּרוווט פֿאַרריכטן זיין אָפּלאַכערישן טאָן, דאָך צוגעגעבן — איך האַלט אַז אַליין איז די נשמה ריין. וועל איך בעסער גיין. — ער האָט אויף גיך זיך אָפּגעזעגנט און אַרויסגעגאַנגען.

מנשה האָט געזען רייזלס קוק : וואַרט ! דו׳סט שוין ביי מיר קריגן . . .

— איך דיינק ער האָט זיך באַליידיקט.

— ער׳ט זיך איבערבעטן.

רייזלס תקיפותדיקער טאָן איז מנשהן ניט געפעלן געוואָרן, נאָך מער ווי איר קוק פריער.

— שותפות געפעלט אים ניט . . . — אין אירע אויגן האָט אויפ־געשפּילט אַ שמייכל. — אודאי געפעלט עס אים ניט, אָבער ווער, וועמען אַרט עס? מיר געפעלט עס שוין גאָר. וואָס איז מכוח דיר? אָט אַזוי! שותף! זי האָט פאַרשייט אַ וויג געטון איר אָרעם, אויסגעשטרעקט די האַנט. — גיב אַ האַנט! היינט איז יום טוב ביי מיר, און קיינער וועט אים ניט איבערפירן. ק יי נ ע ר!

מנשה האָט אָנגענומען די האַנט. צוזאַמען מיט די קליידער האָט ער פון זיך אַרונטערגעצויגן דעם פאַרדראָס פון אינדערפרי, די ער־גערניש פונם גאַנצן טאָג און אויך די אומאַנגענעמלעכקייט מיט דעם מר. רובינשטיין. צייט, רוים, מענטשן, אַלץ איז פאַרשוווּנדן. ער און רייזעלע.

— איז זי ניט געקומען. אייפערזיכטיק, עה?

מירל איז אַרויפגעשווומען, אויסגעוואָקסן. — קענסטו אויף איר פאַריבל האָבן?

ער פאַרענטפערט זי. — איך האָב פּונקט אַזאַ גוטן גרונט צו זיין אייפערזיכטיק אויף איר. ביסט מיין מאַן אַזוי גוט ווי אירער, און אפשר נאָך בעסער. — זי האָט זיך אַ טוליע געטון צו אים, און אין דעם באַריר פון אירע בריסט האָט ער מיט אַמאָל דערפילט: זי איז גערעכט, זי איז אים נאָענטער ווי מירל, פונדעסטוועגן האָט עס אים געקלונגען מאָדנע: רייזעלע אייפערזיכטיק אויף מירלען! האָט ער געזאָגט: דאָס איז אפשר טאַקע אמת, אָבער, פאַרשטייסטו מיך, מיט איר, פאַר דער וועלט, זיינען מיר מאַן און ווייב, אַ פּאָר פאָלק, בעת מיט דיר, איך און דו — שותפים...

— שותפים איז ריכטיק, — און איר גאַנץ לייב האָט זיך אַ צי געטון צו אים: לאָמיר זיך משתּף זיין.

אַי, די רייזעלע! אין סאַנטאַ באַרבאַראַ האָט ער געדיינקט אַז ער האָט זי דערקענט, דערקענט אינגאַנצן . . . ערשט היינט . . . בעסער ווי אין סאַנטאַ באַרבאַראַ . . .

— מור־ניק! ווען דו קענסט דאָ בלייבן מיט מיר . . . איבער נאַכט . . .

סאַנטאַ באַרבאַראַ, זיין אַהיימקומען, מירל . . . איצט, זי איז דאָרט איינע אַליין . . . מוז שוין זיין שפּעט. — איך וואָלט עס געוואָלט, אָבער איך קען ניט. איך מוז גיין. — ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג זיך אויפהייבן.

— נאָך פרי.

ער האָט אָנגעשטריינגט אַ קוק געטון אויפן זייגערל. — באַלד עלף. איך מוז גיין. — ער האָט זיך ממש אַרויסגעריסן פון איר.

זיינע אַלע השערות ווי אַזוי ער וועט זיך איצט באַגעגענען מיט מירלען זיינען פאַרשוווּנדן ביים צופאָרן צום הויז, דאָס ליכט אין אַלע צימערן האָט אים אַ שטאָך געטון אין די אויגן. שיקט זיך עס זי זאָל האָבן געסט? קען ניט זיין. ליכטיק אין די שלאָפצימערן, אפילו אין מאַרווינס צימער, און ער איז דאָך גאָר אין קעמפּ. עפּעס . . . ער איז אַריין אין שטוב. דאָס ליכט פונם פוסטן פאָדערשטן צימער האָט אים געהייסן: גיי ווייטער, און ווען ער איז אַריין אין שלאָפצימער, האָט דאָס ליכט דאָרט געזאָגט: זעסט? ער האָט געזען מירלען ליגן אין בעט און זי האָט אים אויסגעזען עפּעס מאָדנע, גאָרניט ווי קיין שלאָפנדיקע, זי האָט זיך אָבער ניט אַ ריר געטון, אפילו ניט אַן עפן געטון קיין אויג. — מיר־ל? קיין ענטפער. — מירל, מירל! — ניט נאָר האָט ער גערופן, שיר נישט געשריען, ער האָט זי געטרייסלט, געריסן פון בעט, קיין ענטפער. ער האָט זי אָפּגעלאָזט, אַ קוק געטון אַרום בעט, אָט ווי ער וואָלט געזוכט אַן ענטפער, אַ דערקלערונג. אויפן טישל האָט ער דערזען אַ קליין פלעשעלע, אַ ליידיקס, אָן אַן עטיקעט. ער האָט אַ נעם געטון, צוגעטראָגן צום נאָז. דערשמעקט האָט ער גאָרניט, דערפילט האָט ער — שלאָף־פילן! ער האָט אַ לאָף געטון צום טעלעפאָן. אויפן דאָקטאָרס פראַגן מיט אַ פאַרשלאָפענעם ברוגזן קול, האָט מנשה געגרייצט געענטפערט: זי לעבט, אודאי לעבט זי, נאָר איך קען זי ניט אויפוועקן. למען השם קומט אַריבער, אַזוי גיך ווי איר קענט נאָר.

— מיר מוזן זי נעמען אין שפּיטאָל. איז דאָס דאָס פלעשעלע? נו, ניט געקענט זיין דאָרט גענוג פילן זי אַוועקהרגענען, מיר'ן דאַרפן אויס־פּאָמפּען דעם מאָגן . . .

— קענט איר עס ניט טון דאָ?

— דאָ? איך דאַרף אַ שפּיטאָל, דאָרטן עס טון .

— אַ שפּיטאָל, זיך אָנהייבן אַן עסק, באַריכטן צו דער פּאָליציי, וועט נאָך אפשר אַריין אין די צייטונגען . . .

— מיך קימערט זייער ווינציק צי עס וועט אַריין אין די צייטונגען אָדער ניט, איך דאַרף זי אויפוועקן, אויספּאָמפּען דעם מאָגן, און וואָס גיכער. ווו איז אייער טעלעפאָן?

איין שפּיטאָל, אַ צווייטער האָט געענטפערט: ניטאָ קיין פּלאַץ, דעם דריטן האָט ער געזאָגט — שיקט אַן אַמבולאַנס. די רגע. סוף כל

סוף געקראָגן, — האָט ער זיך געווענדט צו מנשהן. — אַ קליינער שפּיטאָל, אַ פּריוואַטער, אָבער אַ גוטער, און איך דיינק ניט אַז פון דאָרט זאָל עס אפילו קומען צו דער פּאָליציי. וועגן דעם וועלן מיר זען. מיטפאָרן? דעם אמת געזאָגט, דאַרף איך אייך ניט האָבן, סיידן איר ווילט דורכאויס. אַז איר׳ט שוין גיין, נעמט מיט אַ ביסל געלט. אַ טשעק איז אויך גוט. אין יעדן שפּיטאָל מוז מען באַצאָלן פאָרויס. אָה, ניט לאַנג. אין אַ צוויי דריי טעג וועט זי קענען גיין אַהיים.

מנשה איז מיטגעפאָרן אין שפּיטאָל. געקומען אַהיים, איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבער נאַכט. ער איז געווען מיד, טויט מיד, אַזאַ שווערער טאָג און אַזאַ לאַנגע נאַכט, פון דער וועטשערע ביזן שפּיטאָל . . . מיט זייער נאָכפרעגן, אויספרעגן, צי איז ער געווען אין דערהיים, צי ווייסט ער ווו זי האָט גענומען די פּילן . . . ער האָט זיך שיר ניט פאַרפּלאָנטערט אין די ענטפערס, זיי גיין דערציילן אַז ער איז געווען ביי רייזעלען? אפשר טאַקע ניט געדאַרפט געווען גיין. מע, פאַרפאַלן. דער עיקר, זי זאָל אַרויס. ער אַליין וואָלט איצט גערן גענומען אַ שלאָף פּיל. ער איז איינגעשלאָפן ווען עס האָט שוין גענומען זשאַריען אויף טאָג. ער איז געשלאָפן שפּעט און נאָכדעם אפילו ניט געגאַנגען עפענען דעם אָפיס. דורכן טאָג האָט דער טעלעפאָן געקלונגען עטלעכע מאָל און ער האָט דער וויפלטער פרוי געענטפערט אַז מרס. שטערן איז ניטאָ אין דערהיים, ווען זי וועט קומען ווייסט ער ניט. אין אָוונט האָט דער טעלעפאָן ווידער געקלונגען און ער האָט שוין מיט כעס אַ זאָג געטון דעם „העללאָ״, ערשט ער האָט דערהערט רייזלס שטימע. ער האָט זיך אַנטשולדיקט, גענומען שטאַמלען, אָבער נאָך איידער ער האָט געפונען אַ פּאַסיקן תירוץ פאַר זיין רוגזדיקן העללאָ האָט ער דערהערט רייזלס פראַגע: וואָס האָט פּאַסירט? זי האָט עטלעכע מאָל גערופן בייטאָג אין אָפיס, ניט געקראָגן קיין ענטפער, איז זי שוין געוואָרן אומרויק, זי האָפט אַז ס׳האָט גאָרניט פּאַסירט.

— נו, עס האָט יאָ עפּעס פּאַסירט, אָבער קען עס איר איצט ניט זאָגן. ניט דורכן טעלעפאָן. אַריבערקומען. אפשר נאָך מאָרגן, אָדער זונטיק. ניין, ניט דורכן טעלעפאָן, אַריבערקומען.

וואָס צו זאָגן רייזלען, ווי שווער דאָס איז ניט געווען פאַר אים, האָט ער שוין געוווסט, ווי ער וועט עס איר זאָגן, וועגן דעם האָט ער געהאַלטן אין איין טראַכטן. שבת איז ער געווען ביי מירלען. זי האָט שוין געוואָלט גיין אַהיים. ער מוז פרעגן דעם דאָקטאָר, אויב ער וועט

הייסן, וועט ער זי נעמען זונטיק אַהיים. געדיינקט האָט ער פון שפּיטאָל צופאָרן צו רייזלען, ער האָט אָבער אָפּגעלייגט אויף מאָרגן . . . ערשט זונטיק, פאַרן פאָרן אין שפּיטאָל, איז ער פאַרפאָרן צו רייזלען. זי האָט אויסגעהערט וואָס ער האָט דערציילט אָן איין פראַגע, ערשט ווען ער איז אַנטשוויגן געוואָרן האָט זי אַ זאָג געטון: נו, מוני, איך מוז דיר זאָגן אַז א י ר ס ט ר אַ ט ע ג י ע אַרבעט בעסער ווי דיינע, דאָס קען איך שוין זען נאָך דיר נאָך.

— וואָס מיינסטו סטראַטעגיע?

— מוני! ביסט אַ קינד. נאַאיוו ווי אַן עופהלע. ווען איינער וויל ב א מ ת באַגיין זעלבסטמאָרד טוט ער עס אַזוי אַז קיין דאָקטאָר און קיין טאַטער קען אים שוין ניט אויפוועקן. זי האָט עס געטון דיך אָנצושרעקן, דיך צובינדן, און . . . איך דיינק אַז זי האָט אירס דערגרייכט.

— רייזעלע, ביסט אומגערעכט, אַזעלכע זאַכן טוט מען נישט אויף קאַטאָוועס. ווי דו ווילסט עס זאָגן, זי האָט ווירקלעך געוואָלט מאַכן אַ סוף און, איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, איך בין צופרידן וואָס איר האָט זיך עס ניט איינגעגעבן.

— אודאי ביסטו צופרידן!

די רייזעלע, עפּעס גאָר אַן אַנדערע. וואָס פאַר אַ ביטערניש! — וואָלסטו געוועזן צופרידן ווען . . .

— נו, ווי זאָגסטו, דיר זאָגן דעם אמת? יאָ, איך וואָלט . . . — די ציין האָבן אַ ביס געטון די אויבערשטע ליפּ. — אָבער וואָס איז דאָ צו רעדן? רעד דו. ביסט'אָך געקומען מיר עפּעס זאָגן.

היום הרת עולם. אָט איצט מוז ער עס איר זאָגן. — יאָ, איך בין געקומען דיר זאָגן אַז . . . אַז . . . נאָכדעם ווי דאָס האָט פּאַסירט איז . . . נו, איז אונדזער שותפות אַזוי גוט ווי געענדיקט.

— פאַרשטאַנען אַזוי.

— אָבער מיר האָבן דאָך נאָך איין געביידע בשותפות. וואָס ווילסטו טון מכוח דעם? געטראַכט: אפשר ווילסטו עס איבערנעמען?

— ניין, איך וויל עס ניט. ווילסט, קענסטו עס נעמען.

— ניין, איך וויל אויך ניט.

— פאַרוואָס?

— איך האָב דיך ניט געפרעגט פאַרוואָס דו ווילסט ניט.

— גערעכט. דאָס ביסטו גערעכט. וואָס ווינציקער פראַגן אַלץ

ווינציקער ליגן. דער איינציקער וועג איז צו פֿאַרקויפֿן. דאָס פֿאַרלאָז איך זיך אויף דיר.

— האָסט גאָר קיין מורא ניט איך זאָל דיך באַשווינדלען?

זי האָט געכאַפּט זיין טאָן. — ניין, וואָס וואָס, קיין שווינדלער ביסטו ניט.

— קיין שווינדלער ניט, און וואָס יאָ?

— ווילסט עסווירקלעך וויסן? — אירע אויגן האָבן געמאָסטן, געוויגן און, ער האָט געזען, זיי האָבן אויך באַשלאָסן. — קיין שווינדלער ביסטו ניט, ביסט בלויז אַ שוואַכלינג, דאָס וואָס דו ביסט. האָב קיין פֿאַראיבל ניט, האָסט געוואָלט איך זאָל דיר זאָגן, זאָג איך דיר — אַ שוואַכלינג, דאָס וואָס דו ביסט. האָסט מיך געפֿרעגט צי וואָלט איך געווען צופֿרידן ווען זי שטאַרבט . . . ניט נאָר ווען זי שטאַרבט, ווען דו הרגעסט זי אַוועק, הערסט? ווען דו הרגעסט זי אַוועק, פֿאַרסמסט זי, וואָלט איך אַ וואָך נאָך דעם געקענט גיין לעבן מיט דיר אָפֿן ווי מאַן און ווייב, און טאַקע דאָ אין שטאָט, און מיך וואָלט ניט געאַרט וואָס די וועלט וואָלט געזאָגט. די וועלט גייט מיר אָן ווי דער פֿאַראַיאָריקער שניי, און ווייסטו פֿאַרוואָס? ווייל איך האָב דיך ליב געהאַט און איך בין געווען זיכער אַז דו מיך אויך, זי האָסטו ניט ליב, דאָס ווייס איך, אָבער דו האָסט מורא פֿאַר דער וועלט, פֿאַר דער עפֿנטלעכער מיינונג. די „וועלט"! צוויי דריי פֿריינט, עטלעכע באַקאַנטע, אָבער פֿאַר דעם טאַקע האָסטו מורא. און טאַקע, ווי קענסטו דאָס טון? דו אַזאַ אנשטענדיקער מענטש, אַזאַ . . . שוואַכלינג. דאָס איז עס! נו, מיין טעות. אָבער איך געדיינק נאָך גוט דיין לעקציע: דעם זעלבן טעות וועל איך מער נ י ט מאַכן. איכ'ל חתונה האָבן, מיט וועמען ס'ניט איז, אָבער מיט אַ פֿאַרהייראַטן מאַן וועל איך מער בשותפֿות ניט גיין. יאָ, אויס שותפֿות, וועסט פֿאַרקויפֿן די געביידע, גיב אַריין די פּאַפּירן אין דער זעלבער באַנק, איכ'ל שוין באַוואָרענען דאָרט זיי זאָלן אַכטונג געבן אַז אַלץ זאָל גיין כשורה. ביסטו צופֿרידן?

— צופֿרידן? רייזעלע! דאָ אַ סך צו רעדן, אָבער וואָס וועט עס העלפֿן? איך האָף אַז מיר צעשיידן זיך ניט ווי שונאים.

— ניין, איך בין דיר ניט קיין שונא.

— בלייבן מיר, הייסט עס, גוטע פֿריינט.

אירע ליפּן האָבן מיט אַמאָל זיך געטון אַ ציי אויף אַרויס. מנשה האָט דערהערט, דערזען מירלס „אַ מיילעכל ווי אַ פֿאַרשנורעוועטער קאַפּשוק פֿון טוטין" און גלייך דערזען ווי די ליפּן האָבן זיך אַ צי געטין

אוין־ צוריק, דער שפיץ צונג האָט אַ לעק געטון די אויבערשטע ליפּ און פון איר „סמך״ מויל האָט אַרויסגעשאָסן. — מיסטער שטערן! איר גייט בעסער אַהיים און גיט אַכטונג אויף אייער קראַנקער ווייב!

— אָה . . . ! — דער פּאַטש איז געקומען אַזוי אומגעריכט אַז מנשה האָט אַזש אַ וויש געטון דעם שטערן, דעם פּנים. אויב ניט אָפּווישן דעם פּאַטש איז כאָטש פאַרגלעטן. — נו, אַ גוטן . . .

מער האָט ער רייזלען ניט געזען. אין משך פון צוויי וואָכן האָט ער פאַרקויפט די געביידע אָן אַ סענט ריווח, די באַנק האָט שוין אַלץ באַזאָרגט, מנשה האָט ניט געדאַרפט זען רייזלען אפילו ריין געשעפטלעך, ער איז געבליבן אינגאַנצן אָן געשעפט, אָן רייזלען, אים איז געבליבן בלויז מירל, זיין קראַנקע ווייב . . . זיין איינציקע אַרבעט — אַכטונג געבן אויף איר.

(16)

— אייער פרוי איז פולשטענדיק געזונט. פיזיש האָט עס איר לחלוטין גאָרניט געשאַדט.

— און . . . ? — האָט מנשה אַ וויז געטון מיטן פינגער צום שטערן.

— נו, דאָ אַ סברה אַז אַ מענטש דאַרף זיין געזונט און משוגע אפילו נאָר פרווון זיך נעמען דאָס לעבן, איז אָבער די מעשה, אַז משוגעים באַגייען גראדע ניט קיין זעלבסטמאָרד. זיי לעבן בשלום מיט זייער אויסגעטראַכטער וועלט, דוקא די קלאָרע, די וואָס זיינען צעקריגט מיט דער „וועלט״, מיטן מאַן אָדער דער ווייב . . . זיי, טוען עס יאָ, אָבער אַז דאָס געלינגט זיי ניט ווען זיי, בדרך כלל, נאָכאַמאָל די משוגעת ניט באַגיין, אַזוי אַז איר האָט זיך ניט וואָס צו שרעקן. די נערוון אפשר אַ ביסל אָפּגעשוואַכט, אָבער דאָס וועט איבערגיין. קען איר פאַרשרייבן פילן אַזעלכע, אָבער, דעם אמת געזאָגט, איז עס ניט נויטיק. מה שלא יעשה הפיל יעשה הזמן, מיט דער צייט וועט עס איבערגיין.

אַזוי האָט דער דאָקטאָר פאַרזיכערט מנשהן, ער האָט זיך אָבער יאָ געשראָקן, דער עיקר האָט אים געשראָקן איר אָפּזונדערן זיך פון מענטשן. מירל זאָל ניט גיין צו קיינעם, ניט וועלן זען קיינעם ביי זיך אין שטוב, ניט ריידן צו קיינעם, אפילו מיט אים ווינציק גערעדט. שעהן לאַנג האָט זי געקענט זיצן אָדער גאָר ליגן אין בעט און זיך צוהערן צו דער ראַדיאָ, איר איינציקער באַריר מיט דער וועלט. די אָוונטן איז ער

געזעסן אין שטוב, בייטאָג האָט ער דאָך אָבער געמוזט גיין אין אָפיס, האָט ער אָנגעקלונגען איין מאָל, צוויי מאָל. זי האָט ניט געענטפערט. אַ דערשראָקענער איז ער געקומען צולויפן אַהיים און געפונען זי ביי דער ראַדיאָ.

— האָסט ניט געהערט דעם טעלעפאָן קלינגען ?

— געהערט, אָבער איך ענטפער ניט דעם טעלעפאָן. ענטפערן, הייבט זיך באַלד אָן אַ מעשה מיט: פאַרוואָס קומט איר ניט אַריבער? אָדער: מעג איך אַריבערקומען? איך וויל קיינעם ניט זען.

— האָסט מיך איבערגעשראָקן אויף טויט.

— ווייטער זאָג מיר ווען דו וועסט קלינגען, וועל איך ענטפערן.

אין מוח ביי אים האָט אַ בליץ געטון: מירל, ווי זי האָט געקלונגען עטלעכע מאָל אַ טאָג, קאָנטראָלירן צי איז ער אין אָפיס . . . און די איצטיקע מירל, וואָס הייסט אים קלינגען, געוויר ווערן צי . . . זי לעבט. ער האָט אַ טראַכט געטון: אפשר איז עס גאָר אַ מין „סטראַטעגיע" ביי איר, אים האַלטן אָנגעשטריינגט. ער האָט אָבער באַלד פאַריאָגט דעם געדאַנק, דאָס האָט בלויז רייזלען געקענט איינפאַלן אַז די גאַנצע געשיכטע איז געווען אַ מין סטראַטעגיע. ער'ט דאַרפן אַ רעד טון מיט איר. שוין אַ מעשה פון דריי וואָכן. איין אָוונט, זי איז האַלב געליגן אויף דער קאַנאַפּע, ער איז געזעסן לעבן איר, געטראַכט ווי גייט מען צו צום ענין, אָט ווי אַ שאַך שפּילער טראַכט וועגן מאַכן אַ צוג, לסוף געמאַכט אַ באַנאַלע עפענונג. — געטראָפן די מרס. לייבאָוויטש. זי האָט זיך זייער נאָכגעפרעגט אויף דיר.

— אַה . . .

— געדאַרפט אַמאָל צוגיין צו איר.

— איך וויל זי ניט זען. איך וויל קיינעם ניט זען.

— ווייסט, מירל, איך חידוש זיך אויף דיר, פלעגסט דאָך אַלע מאָל ליב האָבן קומען צווישן מענטשן, גיין צו יענעם, רופן צו זיך, איצטער . . .

— איך וויל קיינעם ניט זען.

— דאָס האָב איך שוין געהערט, אָבער זאָג מיר פאַרוואָס? איך בעט דיך, זאָג מיר דעם אמת.

— אַזוי . . . איך שעם זיך . . .

— שעמסט זיך! מיינסט די מעשה מיטן . . . שפּיטאָל? — אין אירע אויגן האָט ער געזען: אָט אָט, טאַקע צוליב דעם אַ . . . געזאָגט

האָט זי אָבער גאָרניט. — ביסטו אַ נאַר. און אַז געווען אין שפּיטאָל, איז וואָס? מאַלע וואָס אַ מענטש גייט אין שפּיטאָל אויף אַ פּאָר טעג. דאַרפסט קיינעם ניט דערציילן קיין מעשׂות. זעסטו, מיר וואָלסטו יאָ געמעגט זאָגן פאַרוואָס דו האָסט עס געטון. — דערזען איר קוק: דו פרעגסט נאָך פאַרוואָס? האָט ער אויף גיך צוגעגעבן. — איך מיין ווי איז דיר גאָר געקומען אויפן געדאַנק די מעשׂה מיט די פּילן? נו טאַקע...

— איך ווייס אַליין ניט.

דער דאָקטאָר פרעגט איר וואָס טוט איר וויי. גיי דערצייל אים. ד אָ ס ה אַ ר ץ טוט איר וויי. וואָס זאָל זי אים זאָגן, מנשהן? דערציילן אים וועגן מולין? וועגן מולין פון אַמאָל איז דאָך אָפּגערעדט, נאָר אפילו וועגן מולים לעצטן באַזוך קען זי אויך ניט. אַ האָלץ איז געווען פאַר־שטאָכן אין פינגער, יאָרן לאַנג געליגן, זי האָט אים ניט אַרויסגענומען, ניט געוואָלט אַרויסנעמען, ביז יענעם טאָג, ווען זי האָט דערפילט זיין האַנט אויף איר הינטן. דער פינגער האָט זיך גענומען יאַטערן, זי האָט אַרויסגענומען, אַרויסגעדלובעט דעם האָלץ אַז קיין זכר איז ניט געבליבן, אפילו אויפן קינד געוואָרפן אַן אומחן, אויב ער זאָל געראָטן זיין אַן זיין טאַטן... עס האָט ווי געטון, אָבער דער פינגער האָט זיך גענומען פאַרהיילן, זי האָט זיך דערנעענטערט צו מנשהן, אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז גראַדע דאַן האָט ער זיך גענומען דערווייטערן פון איר, געוואָרן שותּפות מיט דער... אַניט האָט זי ניט געוווסט וואָס פאַר אַ שותּפות דאָס איז? אוי, האָט זי געוווסט! גאַנצע טעג איבערגעליגן ביי איר, קיין קאַליענטע געפאָרן, געשעפט כלומרשט, זי האָט שוין געוווסט וואָס פאַר אַ געשעפטן דאָס איז, זי האָט זיך אָבער געמאַכט ניט ווויסנדיק, געמיינט אפשר... און דאָ איז ער נאָך געקומען מיט דער וועטשערע, אַ גדולה אויף איר... דאָס האָט זי שוין ניט געקענט אַרונטערשלינגען, געמוזט אויספּלאַצן. פונדעסטוועגן, ווען ער קלינגט אָן און זאָגט אַז ער גייט ניט, אָדער, ווען ער זאָל כאָטש געווען קומען זיך איבערטון, אפשר וואָלט זי מיטגעגאַנגען. קען זיין...

— פאָרט! עפּעס האָט דאָך געמוזט זיין...

דער דאָקטאָר וויל זי זאָל אָנווייזן ווו, וואָס פאַר אַ ווייטיק, ווי לאַנג. ער ד אַ ר ף דאָך ווויסן.

— ווי זאָל איך דיר זאָגן, איך געדיינק שוין אַליין ניט, — האָט זי אַרויסגעבראַכט מיטן מויל, די אויגן האָבן אָבער געקוקט אויף צוריק און זי האָט געזעץ־גערעדט: — איך געדיינק נאָר ווי איך בין געזעסן

ביי דער ראַדיאָ אפשר אַ צוויי שעה. מיר נמאס געוואָרן, האָב איך פאַר־דרייט, איז אָבער געוואָרן אַזוי שטיל אַז ס׳האָט מיר אַזש געקלונגען אין די אויערן. אין שטוב איז געווען פינסטער, געברענט איין ליכט נאָר, איז מיר געוואָרן אַזוי אומהיימלעך אַז איך האָב זיך פשוט דער־שראָקן, מורא געקראָגן צו זיין אַליין. האָב איך אָנגעצונדן אַלע לאָמפּן. אין שטוב איז געוואָרן ליכטיק, אָבער מיר איז פינסטער געוואָרן אין די אויגן: איינע אַליין אין אַזאַ גרויסער שטוב. האָב איך געטראַכט: כ׳וועל גאָר גיין אין בעט, אפשר איינשלאָפן. אָפּגעליגן אַ שעה, צוויי, קיין שלאָף איז ניט געקומען, און געדאַנקען! אויף אַלע פּוסטע פעלדער . . . האָב איך זיך מיישב געווען גאָר נעמען אַ פּיל צום שלאָפן, דער דאָקטאָר האָט מיר אַמאָל געגעבן, געבליבן עטלעכע, בין איך אַרונטער־געגאַנגען, אויסגעזוכט די פּילן, גענומען אַ גלאָז וואַסער צום בעט און גענומען איין פּיל. אָפּגעליגן אַנטקעגן אַ פערטל שעה, עס נעמט מיך ניט קיין שלאָף, געטראַכט — נעמען נאָך איינע. אַ בויג געטון דאָס פלע־שעלע, האָבן זיך די פּילן אַ שאָט געטון. אפשר גאָר נעמען אַלע? איינשלאָפן אינגאַנצן! האָב איך אַזוי געטון. מער געדיינק איך גאָרניט, אָבער טאַקע גאָר־־ניט. — זי איז אַנשוויגן געוואָרן.

— האָסטו גאָרניט אַ טראַכט געטון וועגן מ . . . מאַרווינען? — ער האָט ניט געקענט אַרויסברייגגן „וועגן מיר״.

— וועגן מאַר־ווינען? כ׳האָב יאָ געטראַכט וועגן אים. געטראַכט, אַז ס׳איז גוט וואָס ער איז ניטאָ, וואָס ער איז אין קעמפּ.

— ניט דאָס מיין איך. איך מיין . . . אַ קינד . . .

— יאָ, אַ קינד, אָבער ער קען שוין אויסקומען אָן דער מאַמע.

— מילא נו, דאָס מאַכסטו שוין אַ טעות. שוין געטראַכט, געדאַרפט צופאָרן, אַ קוק טון אויף אים.

— ניין. איך וויל אים נאָך ניט זען. בעסער פאַר אים אַז ניט. ווען מיר זיינען געקומען דאָס ערשטע מאָל איז ער צוגעפאַלן צו מיר, זיך שיר ניט צעוויינט, האָב איך אים געזאָגט: זיי ניט קיין פּיעשטשוך! קוק אויף די אַנדערע יינגלעך. גיי שפּיל זיך מיט זיי. און, גלויב מיר, ער איז אַוועקגעגאַנגען.

— מיר׳ן אָבער פאָרן אים נעמען אַהיים ווען דער קעמפּ וועט זיך פאַרמאַכן.

— הם . . . הם. ער׳ט מער הנאה האָבן, זיך בעסער אַמוזירן ווען ער׳ט פאָרן אינאיינעם מיט אַלע יינגלעך אין באָס, צי גאָר אויף אַ „טראָק״,

ווי ער זאָל פאָרן מיט אונדז. זעסטו, אַז מ׳רעדט שוין וועגן פאָרן, איז דאָ איין פּלאַץ ווו איך וואָלט יאָ געוואָלט צופאָרן — אויפן באַרג ווילסאָן...

— איר קוק האָט פאַרטשעפּעט זיינעם. — דעם פרייטיק ווערט צען יאָר . . . האָסט פאַרגעסן . . .

— אוי טאַקע. גוט. מאָרגן וועל איך אַריינפירן די „קאַר“, מ׳זאָל זי גוט איבערקוקן . . .

— מיינסט פאָרן מיט דער קאַר? משוגע מיינע שונאים. פאָלג מיך אַ גאַנג, טרייבן אויפן באַרג. מיר׳ן נעמען דעם באָס.

— דאָס ביסטו אפשר גערעכט, — האָט ער צוגעגעבן, און אין אירע אויגן האָט ער געזען אַז זי איז ניט אויסן צו שאַנעווען דעם אויטאָמאָביל, צי אפילו אים, דאָס האָט זי פּשוט געוואָלט דופּליקירן יענעם אַרויספאָר פון פאַר צען יאָר. נאָך קלאָרער איז עס אים געוואָרן ווען זיי זיינען אַרויפגעקומען אויפן באַרג. שטייענדיק אין אָפּיס צו דינגען אַ שטיבל, האָט זי אים אַ שושקע געטון: פרעג אים צי קען מען קריגן „די בליו דזשעי“. ווי זי געדיינקט עס. אים איז גאָר פון זינען אַרויס, ער איז אפילו ניט געווען זיכער צי האָט ער דעמלט געוווסט דעם נאָמען פונם שטיבל. — „די בליו דזשעי“ איז פאַרנומען, דאָ אָבער „דער זונען־אויפגאַנג“, אַ גוט שטיבל, מ׳קען זען דעם זונענאויפגאַנג גלייך פון בעט.

צום זון אויפגאַנג איז נאָך געווען גאַנץ ווייט, אפילו צום זון אונטערגאַנג איז נאָך געווען אַ פּאָר שעה, און זיי האָבן זיך געצויגן זייער לאַנג. זיי זיינען אַרומגעגאַנגען און מנשה האָט זיך געחידושט ווי מירל געדיינקט עס אַלץ, דערקענט אַלץ, פון אַ שטיבל, אַ סטעזשקע ביז אַ בוים. נאָך וועטשערע, די זון איז שוין געהאַט אונטערגעגאַנגען, זיי זיינען געזעסן ניט ווייט פון דער אָבסערוואַטאָריע, האָט מנשה אַ פרעג געטון: אפשר וואַרטן אויף דער לעקציע? מירל האָט מיט ביטול אַ זאָג געטון: זיך שוין באַגיין אָן זייער אַסטראָנאָמיע. אין איר טאָן האָט ער געהערט: ניט צוליב דעם בין איך געפאָרן אַהער. זי האָט נאָך צוגעגעבן: פאַר מיר איז גענוג ד ע ר ש ט ע ר ן . . .

מנשה האָט עס געוווסט, געפילט. ניט נאָר האָט זי געוואָלט דופּליקירן, זי האָט זיך ממש באַמיט איבערשטייגען דאָס פאַר צען יאָריקע. ער האָט זיך אויך באַמיט, געפילט האָט ער אָבער אַז דאָס גייט ער דורך עפּעס אַ פּראָצעדורע אַזאַ. ערגעץ ווו, טאַקע דאָ אין די בערג, איז באַהאַלטן דער אוצר, אָבער צוקומען צו אים קען ער ניט, דאָס אָ, אפילו קיין רענדל פונם אוצר, עפּעס אַן אָפּגעריבענער דרייער, ניט מער ווי

דאָס . . . ער האָט זיך אַרויסגעשלייכט פון בעט נאָך איידער עס האָט אָנגעהייבן טאָגן. ווען ער איז אַריינגעקומען צוריק אין שטיבל, אַרום אַכט אַזייגער, איז מירל נאָך געלעגן אין בעט, אָבער זי איז שוין געווען וואַך.

— ווו ביסטו עס פאַרפאַלן געוואָרן?

— געוואָלט זען דעם זונענאויפגאַנג.

— האָסטו דאָך געקענט מיך אויפוועקן.

— ביסט געשלאָפן אַזוי געשמאַק אַז איך האָב פשוט געזשאַלעוועט דיך אויפוועקן, און, אָסור מיר, אויב דו האָסט עפּעס פאַרלאָרן. אַ בלאַסער זונענאויפגאַנג, דער הימל געווען צו קלאָר, זאָלסט עס זאָגן אַ וואָלקנדל.

— ווייסט אָן וואָס דו דערמאָנסט מיר? מיר האָט איינער אַמאָל געזאָגט, נאָך אין קאַנאַדע: צרות ביי אַ מענטשן זיינען ווי וואָלקנס ביי אַ זונענאונטערגאַנג, זיי גיבן צו קאָליר.

— דער וואָס האָט עס געזאָגט האָט געמוזט זיין אַ פּאָעט.

— וואָס מיר פּאָעט! עפּעס אַ שטיק משוגענער.

— די זעלבע זאַך.

— מיר איז עס געפעלן געוואָרן. איך געדיינק עס נאָך ביז היינטיקן טאָג.

— יאָ, די חברה זאָגן אַמאָל אַרויס אַ שיין וואָרט. די צרה איז נאָר, וואָס ניט אַלץ וואָס איז שיין איז אמת, בדרך כלל זיינען זיי ליגנער איינס אין איינס.

— זעסטו, דאָס ביסטו גערעכט. דער פאַרשוין וואָס האָט עס מיר געזאָגט האָט אין זיך ניט געהאַט קיין וואָר וואָרט. אַלץ הייסט אַ ליגנער.

— איר איז געקומען אויפן זינען אַז די מעשה מיטן לעגיאָן, וואָס „יענער" האָט איר אָנגעגעבן, איז געווען אַן אויסגעטראַכטע, און זי האָט מער גאָרניט געזאָגט.

— נו, בחורטע, אַרויס פון בעט. דער זייגער איז שוין נאָך אַכט. איך בין זיך אַזוי אָנגעגאַנגען, זיך אַזוי דורכגעקעלטערט, אַז איך חלש אַ הייס טעפּל קאַווע.

— טאָ וואַרף זיך אַרויס, וועל איך זיך אָנטון.

מנשה האָט אַ שמייכל געטון: אירע אַן אַלטע חולאת, זינט ער קען זי, באַין אופן האָט זי ניט געוואָלט זיך אָנטון אָדער אויסטון אין דער ליכטיק אין זיין קעגנוואָרט. ער איז אַרויסגעגאַנגען, געשטאַנען, געקוקט אויף דער אָבסערוואַטאָריע. זיי, די אַסטראָנאָמען איז גוט, זיצן און קוקן אויף דער וועלט, און ז ײ ע ר וועלט איז אַ גרויסע, גרויסע

וועלט, זיי האָבן גאָרניט צו טון מיט מענטשן, מענטשעלעך . . . און ווידער, דער אסטראָנאָם האָט אפשר אויך אַ ווייב . . . „פאַר מיר איז געננוג ד ע ר שטערן". אפשר. אָבער דער מר. שטערן, פאַר אים איז די מירל ניט געווען געננוג. ניט דאָס. דעם אוצר האָט ער ניט געפונען. און וואָס יאָ? אויף קבר אבות איז ער געפאָרן, מער ניט, די טאַטעס, ײַ"י ײידעס, אַז זיי זיינען אלול צייט געפאָרן אויף קבר אבות, אויסבעטן אַ גוט יאָר, איז זיי גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן, ער איז געפאָרן אויף קבר . . . א ה ב ו ת, און אים איז נאָך שווערער געוואָרן. מירל, רייזל, אַלץ טויט . . . דאָס איז עס — קבר אהבות. מירל איז אַרויסגעקומען.

נאָכן אָנבייסן זיינען זיי אַרומגעגאַנגען, געזעסן, געקוקט אויף די בערג אַרום. — אפשר גאָר אַריבערשפּאַצירן אויפן באַרג לאָו?

— אוי, מנשה, ניטאָ די מיידלשע כוחות.

וואָס, זי אויך אויף . . . קבר האהבה? — מירל! האָסט ניט וואָס צו באַקלאָגן זיך אויף דיינע כוחות. דיין געזונט אויף אַלע יידישע טעכטער געזאָגט געוואָרן.

— ווער באַקלאָגט זיך, ווער? איך באַקלאָג זיך ניט. פּשוט, מ'ווערט עלטער. זעסט? — זי האָט אַ נויג געטון דעם קאָפּ, אַ שאַר געטון מיט די פינגער. — תכריכים שטעך. גרויע האָר. זעסט זיי? דאָ אָ.

מנשה האָט אָנגענומען איין גרויע האָר, אַ צופּ געטון . . .

מירל האָט אים אַ פּעטשל געטון איבער דער האַנט. — נאַרישער בחור! קענסט עס ניט אָפּשטעלן. זעקס גרויע האָר.

— האָסט זיי איבערגעציילט? נו, אַז מ'קען נאָך ציילן די גרויע איז נאָך נישקשה, זעסטו, ווען מ'קען ציילן די שוואַרצע, דעמלט . . .

— כ'האָב מורא ס'וועט ניט קומען צו די צרות.

— גאָר! ווי רופט מען אַ צען יאָריקע חתונה?

— צען איז אַ הילצערנע, פינף און צוואַנציק איז אַ זילבערנע, פופציק אַ גאָלדענע.

— נו, מיר'ן נאָך קומען אַהער צו אונדזער גאָלדענער חתונה. — ער האָט זיך אַליין געחידושט ווי האָט ער דאָס אַרויסגעזאָגט. דערהערט ווי מירל האָט געענטפערט: פון דיין מויל אין גאָטס אויערן, האָט ער סקעפּטיש אַ טראַכט געטון: און זי מיינט עס טאַקע?

מירלען האָט די נסיעה אויף באַרג ווילסאָן גוטס געטון. זי איז געוואָרן לעבעדיקער, פריילעכער, זי האָט אפילו אָנגעהייבן אַרויסגיין פון הויז. איין מאָל האָט מנשה זי אַרויסגענומען בייטאָג, געגאַנגען מיט

איר זען אַ בילד, אַ צווייטן מאָל זיינען זיי געגאַנגען אַלע דריי, דאָס קינד אויך, אַ דריטן מאָל, ווען מנשה האָט זיך איינגעשפּאַרט, ניט גע־וואָלט נעמען דאָס קינד, איז ער געבליבן אין דערהיים, זי איז אַוועק־געגאַנגען אַליין. צוויי, דריי, פיר וואָכן, און מנשה האָט דערפילט אַז ער קען שוין ביי איר אויסבעטן אַן אָוונט פאַר זיך. — ווּהין דאַרפסטו עס אַזוי גיין? — איר פאַרדעכטיקער טאָן איז אים ניט געפעלן געוואָרן. מילא, דעמלט . . . נו, אָבער איצטער . . . — איך וויל צופאָרן אין באָיל האַיטס.

— אין באָיל האַיטס! — אָט ווי ער וואָלט געוואָלט פאָרן צום נאָרד פּאָל.

— נו יאָ. האָסט שוין פאַרגעסן? מיר האָבן אַמאָל דאָרט געוווינט,

— האָט ער גערעדט ניט אָן שפּאַס. — אַ פיינע מדינה.

— די מ ד י נ ה קען זיך זיין אַ גאַנץ פיינע, אָבער וואָס האָסטו דאָרטן צו טון?

— איך דאַרף דאָרט עמיצן זען. כ'וועל זיך לאַנג ניט זאמען, זיין צוריק אַרום ניין, האַלב נאָך ניין.

— פאָר. פונ מ יי נ ע ט וועגן . . .

אין דעם „פונמיינעטוועגן" האָט ער געהערט — הייבסט שוין אָן דיינע אַלטע שטיק?

זיצנדיק שוין אין אויטאָמאָביל, האָט ער אַ דריי געטון דאָס רעדל אויף רעכטס און אין קאָפּ זיך אַ פרעג געטון: פאַרוואָס האָב איך איר ניט דערציילט אַז איך פאָר צום באַזאַר פון דער פאָלק שול, צו וועלכן ראָזען האָט מיך איינגעלאַדן? די „איינלאַדונג" האָט אים געקאָסט אַ דרייערל אין זייער באַזאַר „פּראָגראַם". אַ דריי דאָס רעדל אויף לינקס — בעסער אַזוי. און אַז פאַרביינקט זיך אַהין? טאָר ער ניט? דער רויטער סיגנאַל האָט געוואָרנט: טאָרסט ניט . . . פאָרן, האָט ער גע־וואַרט, אָבער שוין ביים מיטלסטן, געלן סיגנאַל, האָט ער אַ לאָז געטון דעם אויטאָמאָביל ראַפּטאָם: וויל איך אַזוי! איך פאָר ווייל איך וויל און דאַרף קיינעם ניט אָפּגעבן קיין חשבון.

צוויי בלאָק איז ער אַרומגעפאָרן, ניט געקענט געפינען קיין פּלאַץ וו אַוועקצושטעלן זיין אויטאָמאָביל. ווען ער האָט סוף כל סוף זיך אַוועקגעשטעלט, געגאַנגען צום שול בנין, האָט דער אַלטער אויטאָמאָביל פאַרקויפער געקוקט אויף די אָנגעשטעלטע אויטאָמאָבילן. ווילסט וויסן וואָס פאַר ייד וווינט אין דעם הויז, גיב אַ קוק אויף דער מזוזה — דעם

אויטאָמאָביל — ביי דער טיר. די „מזוזות" גאַנץ פיינע: אַ שעווראָלעי, אַ דאדזש, אַ ביואיק, אַ סטודעבייקער, אָט איז גאָר אַ „פיערס ערראָו" מיט די „אויגן אין די אויערן", די לאָמפּן אין די שוץ־בויגנס, אמת, נאָך פון צאַר ניקאָלאַיס צייטן, אָבער אַ פיערס ערראָו. יידן האָבן, הייסט עס, זיך אַרויפגעאַרבעט. יאָ, ער האָט געזען אַ פּאָר פּאָרדלעך אויך, נו, יענער איז דאָך געוואָרן אַ בעל תשובה, און די יידן פון דער שול, געוואָרן גבירים?

באַגעגנט האָט אים אַזאַ מענטשלעכער טומל, אַז ער איז געבליבן שטיין ממש אַ טויבער. די אויגן האָבן גענומען זוכן זיין מר. ראָזען, זיי האָבן אים אָבער ניט געפונען. פון די מענטשן וואָס זיינען ממש געקראָכן איינער אויפן אַנדערן האָט זיך אָפּגעריסן איינער, לויט זיין פּאַרטראָגנ־קייט, קענטיק, אַ גאַנצער מאַכער, און איז צוגעגאַנגען צו אים. — אָה, העללאָ, מר. שטערן! צופרידן איך צו זען ביי אונדזער באַזאַר. איר קענט מיך אפשר ניט, מיין נאָמען איז בערגער, איך אייך קען יאָ, איר זייט דער אַגענט וואָס האָט געהאָלפן קויפן דאָס הויז. מר. ראָזען האָט מיר דערציילט וועגן אייך.

— ווו איז טאַקע דער מר. ראָזען?

— מר. ראָזען איז געשטאָרבן, — האָט בערגער אַ זאָג געטון מיט אַן אַרונטערגעלאָזטער שטימע.

— ניי־ן! איך האָב דאָך אים געזען, ווען איז דאָס געווען...

— ער איז געשטאָרבן אייערנעכטן, טאַקע דאָ אין שול, — האָט מר. בערגער אַ טיקע געטון מיטן פינגער. — פאַר אַ באַזאַר, ווייסט איר דאָך, איז אַלע מאָל דאָ אַ סך אַרבעט, אויפשטעלן טישן, צעלייגן די סחורות, און ווער האָט עס געטון, נאַטירלעך ראָזען. קיינער ווייסט ניט גענוי ווי דאָס האָט פּאַסירט, ער האָט געשלעפּט אַ טיש, צי אַ פּאַק סחורה, אַ שוואַכער מענטש איז ער געווען, איז ער אַוועקגעפאַלן. די פרוי וואָס האָט געאַרבעט אין קיך האָט דערהערט אַ קלאַפּ איז זי אַריינגעלאָפן, געפונען אים אויף דר'ערד. גערופן גלייך אַ דאָקטאָר, ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט, געווען טויט. זייער טרויעריק, באמת טרויעריק. מיר האָבן געטראַכט וועגן אָפּלייגן דעם באַזאַר, אָבער שוין געווען צו שפּעט, שוין אַרויסגעשיקט אַלע מודעות, ער אַליין האָט זיי צעשיקט...

— יאָ, איך האָב ערשט געקראָגן אַ מודעה נעכטן.

— נו יאָ, איר, אַנדערע. ניט געקענט אָפּלייגן. די לויה געווען נעכטן. ניט געקענט לאָזן וויסן אַלעמען, לאָזן ליגן איבער שבת אויך

ניט געקענט. און אַט אַזוי, חבר ראַזען איז אַוועקגעגאַנגען, אָבער זיין אַרבעט גייט אָן.

— געווען אַ גוטער מענטש, — האָט מנשה געזאָגט מער צו זיך ווי צו דעם מר. בערגער.

— איר דערציילט מיר? איר זעט אָט די אַלע סחורות? כ׳קען שווערן, אַז אַ העלפט פון דעם אַלעמען האָט ער אַליין אַריינגעבראַכט. ניטאָ אַ סך אַזעלכע געטרייע אַרבעטער. און ער איז געשטאָרבן, ווי זאָגט מען עס, אַ סאָלדאַט אויף זיין פּאָסטן. יאָ, אַזוי איז עס. מ׳קען גאָרניט טון. ווי זאָגט מען דאָס: די שפּיל מוז אָנגיין. מר. ראַזען וועט פעלן, זייער פעלן, אָבער די שול איז אַ שול. קינדער? דאָ, קיין עין הרע, קנאַפּע הונדערט קינדער, הלואי וואָלט אַזוי געווען געלט. האָט איר שוין אַרומגעקוקט, געזען עפּעס? ווילט אפשר עפּעס איבערבייסן? די ווייבער האָבן צוגעגרייט פון כל טוב. ניין? איז גייט, קוקט אַרום, דאָ אַ סך זאַכן. גייט, גייט! — האָט אים בערגער געגעבן אַ היתר און איז אַליין אַוועקגעגאַנגען־אַוועקגעלאָפן.

מנשה האָט געזען אַ גרויסע לעדערנע הענטשקע צום שפּילן באַל, האָט ער זי געקויפט — פאַר משה׳לען. ער האָט דערזען פּאַרטעכער און געקויפט איינעם — פאַר מירלען. ווען ער האָט אויף איין טיש, צוזאַמען מיט שרייב געציייג, בילדלעך, דערזען יידישע ביכער אָנגעלייגט, האָט ער זיך צוגעכאַפּט צו זיי: דאָס מוזן דאָך זיין ראַזענס . . .

— וויפל קאָסט עס?

— דרייסיק סענט אַ בוך, פיר פאַר אַ דאָלער.

מנשה האָט אויסגעקליבן אַכט ביכער.

— אַלע? — האָט די ווייבל ביים טיש פאַרחידושט אַ פרעג געטון.
— איר זייט דער ערשטער קונה. וואַרט, איכ׳ל זיי איינפּאַקן.

— דאַרפט ניט. איך האָב מיין אויטאָמאָביל דאָ. אַ שטריקל בלויז, צום טראָגן, אויב איר האָט.

פון ים האָט זיך געטראָגן אַ נעבל, דאָס ליכט פון די אויטאָמאָבי׳ל לאָמפּן האָט זיך קוים דורכגעזייט דורך דער נעבל זיפּ. מנשה האָט אָנגעשטעלט דעם פענסטער ווישער און ער האָט זיך באַוועגט עפּעס מיט אַ קרעכץ. אַ וויש אויף רעכטס — אַ קרעכץ, און אויך מנשה האָט אָפּגעקרעכצט: דער ראַזען, געשטאָרבן. דאָ אויך קבר אבות . . . אַ וויש אויף לינקס: קינדער זיינען דאָ . . . אָבער דאָס קליינע מיידעלע „דריי

מיט דעם טאַטן, דריי מיט דיע מאַמע״, זי איז ניטאָ, וועט שוין ניט זיין. מ׳נאַ, וואָס איז דאָ צו קלערן? דער אויסגעווישטער סעקטאָר אויפן גלאָז האָט געמאָנט: דו קוק בעסער ווי דו פאָרסט.

ער האָט געגעבן משה׳לען זיין הענטשקע, און ער איז געווען מלא שמחה, גרייט גלייך צו נעמען שפּילן. מירל איז פונם פאַרטעך ניט נתפּעל געוואָרן. — וו האָסטו עס געכאַפּט די מציאה?

— ביים באַזאַר פון דער שול, אויף סאָטאָ „סטריט״.

— האָסט׳אָך געזאָגט דו פאָרסט עמיצן זען.

אוי אירע חשד שפּילקעס! זי האָט געשטאָכן, אָבער אים האָט ניט וויי געטון. מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל האָט ער געענטפערט — טאַקע דאָרטן זיך געזאָלט טרעפן מיט אים, ער האָט געזאָלט קויפן אַ „לאַט״, זיך נאָכגעפרעגט אויף אים, ערשט ער האָט שוין געקויפט, טאַקע אין יענער געגנט. — מנשה האָט געפילט ווי ער רעדט אויף צוויי פלאַכן, מירלען האָט ער דערציילט אַ מעשה, אַ ליגן, וועגן אַ יידן, אַ „לאַט״, בעת פאַרשטעלטערהייט האָט ער איר געזאָגט אַן אמת, אַז ראָזען האָט שוין אַ שטיקל קרקע, און פון אָט דער שפּיל האָט ער געהאַט עפּעס אַ מאָדנע טרויעריקע הנאה. ניין, ער׳ט איר ניט דערציילן אַז ראָזען איז געשטאָרבן. הינטער דעם ראָזענען נאָך דאָ אַ דריטע פלאַך . . . עפּעס אַזוינס, וואָס איז אים אויך ניט אינגאַנצן קלאָר.

— יידן בויען נאָך דאָרטן הייזער? ווען מ׳צאָלט מיר צו איך זאָל דאָרטן וווינען.

— דאָרט נאָך אַלץ דאָ מער יידן ווי דאָ. אין שול האָבן זיי אפשר אַ הונדערט קינדער. ווען מיר וווינען דאָרטן וואָלט מאַרווין אויך גע־גאַנגען אַהין.

— זעסטו, צוליב דעם אַליין וואָלסטו זיך געדאַרפט אַריבערקלייבן אַהין. מאַרווין גיין אין שול אַריין. ער׳ט דאַרפן ווערן בר מצוה וועלן מיר אים שיקן אין אַ „היברו״ אויף אַ פּאָר וואָכן.

אַזוי האָט געפּסקנט מאַרווינס מאַמע און איר פּסק דין איז געווען ניט אָפּצופרעגן. דאָס מיידעלע פון „דריי מיטן טאַטן, דריי מיט דיע מאַמע״ איז ניטאָ. ראָזען איז געשטאָרבן. ער האָט איר ניט דערציילט וועגן דעם. דאָס איז זיינער אַ סוד, ראָזענס ביכער וואָס ער האָט איינ־געהאַנדלט האָט ער געלאָזט אין אויטאָמאָביל, ער׳ט זיי אפילו ניט אַריינ־ברייננגען אין שטוב, ביי זיך אין אָפיס וועט ער זיי לייענען . . .

(17)

מנשה איז געזעסן און אַרייַנגעקוקט אין איינעם פון די ביכער וואָס ער האָט איינגעהאַנדלטביים באַזאַר, ערשט דזשעק אוירל האָט זיך אַרייַנגעשטעלט. — דאָס וואָס איר טוט! זיצט און לייענט ביכער?

כאַפּן אַ ריעל עסטייט מאַן לייענען אַ בוך, נאָך אַ יידיש בוך דערצו, איז ווי כאַפּן אַ רב ביי אַ שיקסע. האָט מנשה, אַ געכאַפּטער, אַ לייג געטון דאָס ביכל. — אָה! העללאָ, דזשעק! — אַ וואַרעמער האַנט דרוק. וואָס מאַכט מען? שוין ניט געזען . . . זיצט!

— וואָס מאַכט איר? וואָס טוט איר?

— ניט זייער פיל, — האָט מנשה ווי זיך פאַרענטפערט און אָנגעוויזן אויפן פאַרמאַכטן בוך.

דזשעק האָט עס אַ נעם געטון. — לייענט נאָך אַלץ אייערע יידישע ביכער? — דער אָפיס אויף ברוקלין עווענויו, דזשעק מיט זיין שופלאַד, ווו עס איז געשטאַנען דאָס פלעשל בראָנפן, מנשה מיט זיין שופלאַד, ווו עס איז געליגן אַ יידיש בוך, האָט אַ שוועב געטון פאַר די אויגן פוןביידע שותפים. — איך האָב געהערט איר זייט אַריין אין די בוי געשעפטן. ווי איך פאַרשטיי האָט איר געבויט הייזער בשותפות מיט ראָוזן, איך מיין ראָוז שפּיגל. אגב, איר נאָמען איז שוין מער ניט שפּיגל, איצטער איז זי שוין מרס. רובינשטיין.

— ניי־ן?

— געמיינט אַז איר ווייסט עס.

דזשעקס קוק איז מנשהן ניט געפעלן געוואָרן. מיינט עס אַז ער ווייסט וועגן אים מיט רייזלען? — ניין דאָס הער איך ערשט פון אייך.

— איך האָב אויך ניט געוווסט. זי געזען מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, זי האָט מיר דערציילט איר האָט געמאַכט בשותפות אַ ביסל געלט, וועגן חתונה האָבן האָט זי מיר גאָרניט געזאָגט, ערשט נעכטן, איך זע אין צייטונג, ווייסט'אָך „די וויכטיקע סטאַטיסטיק", זי האָט חתונה געהאַט. איך דיינק איך האָב נאָך די צייטונג אין דערהיים, אויב אירווילט קען איך אייך צושיקן דעם אויסשניט.

דער דזשעק געפעלט אים גאָרניט. — וואָס דאַרף איך עס? ניין, איך דאַרף עס ניט האָבן. — זיין טאָן — לחלוטין ניט, אין געדאַנק איז דורכגעלאָפן: די צייטונג דאַרף דאָ נאָך ערגעץ ליגן, אַ קוק טון שפּעטער, ווען ער וועט אַוועקגיין.

— געדיינקט פֿאַר איך וועט זיין אינטערעסאַנט צו זען. איר קענט דעם רובינשטיין?

— אים באַגעגנט אַ פּאָר מאָל.

— ווי געפֿעלט ער אייך?

— אייך זאָגן דעם אמת, ווייס איך ניט. געזען אים אינגאַנצן צוויי מאָל, און מיין איינדרוק וועגן אים, באמת, איך קען גאָרניט זאָגן, און ווידער, וואָס האָב איך אָדער איר צו זאָגן וועגן דעם? איר איז ער געפֿעלן?

— הערסט! אָט דאָס איז דאָך עס! ער איז איר אויך ניט געפֿעלן.

— זי האָט חתונה געהאַט מיט אים.

— אָט דאָס וואָס איך חידוש זיך טאַקע. דער מענטש איז איר נאָכגעגאַנגען נאָך ווען איר מאַן האָט געלעבט, ער פֿלעגט אַריינקומען צו זיי אין הויז, איך ווייס עס, און ווען איר מאַן איז געשטאָרבן איז ער ניט אָפּגעטראָטן פֿון איר, אָבער זי האָט אים ניט געוואָלט.

— אַז זי האָט אים ניט געוואָלט האָט זיך דאָך אים געקענט שיקן צון אַל די גוטע יאָר.

— נו, אַזוי זיינען שוין פֿרויען. אַ פֿרוי קען ניט ליב האָבן אַ מאַן, פֿונדעסטוועגן האָט זי ליב צו זען ווי ער איז פֿאַרליבט אין איר, האָט זי, ווי זאָגט מען עס, אים געהאַלטן אויפֿן שטריקל, אָבער האָבן אים פֿאַר אַ מאַן, דאָס ניט. און ווער וואָלט אים יאָ געוואָלט? דער מענטש איז אַזוי קאַרג, האַלט דעם דאָלער אַזוי פֿאַרקלעמט, אַז דער אָדלער ווערט ממש דערשטיקט אין זיינע הענט.

— נו, זי דאַרף ניט זיין געלט, זי האָט גענוג אייגענע.

— ניט ווען ער איז איר מאַן. איצט וועט ער זיין דער באַלעבאָס, איבער איר, איבערן געלט, דאָס איז שוין אין זיין נאַטור. זי האָט עס געוווּסט, דערפֿאַר טאַקע האָט זי אים ניט געוואָלט.

— טאָ פֿאַרוואָס האָט זי אים גענומען?

— אָט דאָס פֿאַרשטיי איך ניט, סיידן עס איז איר פּשוט נמאס גע־וואָרן צו זיין אַן אַלמנה, זי איז . . . צו געזונט צו זיין איינע אַליין . . .

מנשהן איז ניט געפֿעלן געוואָרן דזשעקס רייד וועגן רייזלען, ער האָט זיך ניט געקענט באַפֿרייען פֿונם געדאַנק אַז ער רעדט עס אומישנע וועגן איר צוליב אים.

— אגב, זי האָט מיר געזאָגט אַז איר . . . האַנדלט אויף דער בירזשע. פֿון ווען אָן?

— אָה, שוין אַ פּאָר יאָר. מיר נמאס געוואָרן די ריעל עסטייט

געשעפטן און, לאָמיך אייך זאָגן, די בערזע איז פאַר מיר ווי אָנגעמאָסטן. איך האָב ליב די שפּיל. איך בין זיך אמת מחיה דערמיט. דאָ אָ, פאַר צוויי וואָכן, האָב איך דאָרטן געמאַכט אַ פּאָגראָם, אָבער טאַקע אַ פּאָגראָם! אין איינע דריי טעג אָפּגעשאַרט דריי טויזנט דאָלער.

— און וויפל האָט איר פאַרלאָרן זינט דאַן?

— אַ צוויי און דרייסיק הונדערט.

— זייט איר דאָך כמעט ווי קוויט . . . — מנשהס שמייכל: אין דיינע דריי טויזנט אָדער צוויי און דרייסיק הונדערט גלויב איך ניט אַזוי שטאַרק, נאָר אַז דו האָסט פאַרלאָרן צוויי הונדערט, אין דעם בין איך זיכער.

— כמעט, — האָט דזשעק שוין ניט אַזוי ענטוזיאַסטיש איבער־געחזרט דאָס וואָרט. — אויף דער בערזע גייט שוין אַזוי, איין טאָג גע־ווונען, דעם צווייטן פאַרלאָרן. אין דורכשניט, קען איך זאָגן, האָב איך אויף דער בערזע געמאַכט אפשר מער ווי אין ריעל עסטייט, בלויז איין צרה — קאַפּיטאַל! ווען איך האָב גענוג געלט, קויפן אין ריכטיקן מאָ־מענט, וואָלט איך שוין לאַנג געווען אַ גביר. אָבער איר קענט דאָך מיך, געלט וואַרעמט זיך ביי מיר ניט אָן, געמאַכט און אויסגעגעבן. האָב איך אַ טראַכט געטון וועגן אייך. ווען איר קענט אַוועקלייגן, ניט קיין סך, לאָמיר זאָגן, טויזנט דאָלער, וואָס מ׳רופט גרונט קאַפּיטאַל, וואָלטן מיר ביידע ,איך מיט מיין דערפאַרונג, געקענט מאַכן אַ פאַרמעגן אין אַ קורצער צייט. וואָס זאָגט איר?

אָט צוליב וואָס ער איז געקומען. — נו, איכ׳ל אייך זאָגן, דזשעק, ניט נאָר טויזנט דאָלער, קיין טויזנט סענט קען איך ניט אַוועקלייגן. איך האָב אַ ביסל געלט, אָבער עס מאַכט זיך מיר איצט אַ מסחר, וואָס ניט נאָר וועל איך דאַרפן יעדן סענט וואָס איך פאַרמאָג, איך וועל נאָך דאַרפן לייען. אַזוי אַז . . .

מנשה האָט געזען דזשעק איז מיט אַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן. מוז מסתמא זיין אויף געברענטעטע צרות. אין אים האָט זיך דערוועקט עפּעס אַ רחמנות אויף אָט דעם מנחם מענדל, אָבער צוזאַמען מיט דעם רחמנות איז אויך געקומען אַ מין ווידערווילן צו אים. — טוט מיר לייד, באמת, איך קען גאָרניט טון.

— נו גוט. איז אַ גוטן. — ער האָט דערלאַנגט אַ האַנט.

— קומט אַריין אַמאָל, ווען איר זייט אין דער געגנט.

— איך וועל, — האָט ער אַ זאָג געטון שוין ביי דער טיר. — און

יאָ, דעם צייטונגס אויסשניט, וועגן ראָזן, איר ווילט עס האָבן? קען עס אייך צושיקן פּער פּאָסט.

— ניין, אַ דאַנק, איך דאַרף עס ניט האָבן.

— גיי צון אַלדי שוואַרצע יאָר. — האָט מנשה נאָכגעשיקט דזשעקן. זיין עסק אויך. ער האָט פאַרמאַכט די טיר פון אָפיס און גענומען זוכן די נעכטיקע צייטונג. ער האָט זי אַרויסגעשלעפּט פון מיסט קערבל, געפונען די סטאַטיסטיק, געלייענט און איבערגעלייענט. נו, רייזעלע, מיין לעקציע איז געגאַנגען לאיבוד. גענומען, הייסט עס, אַ באַלעבאָס איבער זיך. „איכ׳ל חתונה האָבן מיט וועמען ס׳ניט איז”. הייסט עס, מיר אויף צו להכעיס. מנע, דאָס איז אויך טויט, יאָ, טויט און באַגראָבן. ער האָט אַ נעם געטון די צייטונג זי אַריינצוואַרפן אין מיסט קערבל און זיך מיישב געווען: ווייזן מירלען? אפשר בעסער אַז ניט. ווידער אויפרודערן. און אפשר? ער האָט דאָך די גאַנצע צייט געזאָגט אַז רו־בינשטיין איז דאָס איר קאַוואַליער . . . אָט אַזוי, ניט ווויסנדיק, האָט ער איר געזאָגט אָן . . . אמת. אַז עפּעס איז צווישן זיי האָט ער זיך אָנגעשטויסן, איז אָט — מקוים געוואָרן. ער האָט אויסגעשניטן דאָס שטיקל „נייס”.

— וואָס ווייזטו מיר? — האָט מירל ניט אָן חשד אַ פרעג געטון.

— אָט דאָס אָ. לייען איבער.

זי האָט אַ קוק געטון, דערלאַנגט צוריק. — קענסט עס האַלטן.

— געמיינט עס וועט דיך אינטערעסירן.

— וואָס גייט עס מיר אָן? מיר איז בלויז געפעלן אירע דריי און דרייסיק יאָר. אויב זי איז דריי און דרייסיק בין איך דריי און צוואַנציק.

— אַ פרוי, ווייסט׳אָך, דאַרף פאַרלייקענען אַ פּאָר יאָר.

— בלויז אַ פּאָר? זעסטו, ער דאַרף טאַקע מער ניט זיין ווי איין און פערציק.

— אַ רייכער ייד.

— פאַרגין אים איר מיטן גאַנצן האַרצן. אַ שטיק האָלץ. אגב, וואָס איז געוואָרן מיט דער געביידע?

— וועלכע?

— דאָך געבליבן איין הויז ניט פאַרקויפט.

— וואָס דיר קען איינפאַלן. פאַרקויפט גלייך נאָך . . . די צוויי. ער האָט פאַרשטאַנען, איר חלומט זיך נאָך אַז עס זיינען געבליבן שטריקלעך...

— שוין לאַנג פאַרגעסן אָן דעם. האָסט׳אָך אַליין אונטערגעשריבן.

— אַניט ווייס איך וואָס איך שרייב אונטער? חתמנען? חתמע איך. שוין לאַנג טאַקע ניט אונטערגעשריבן קיינע פּאַפּירן, וואָס, טוסט גאָרניט? כ'מיין בויען . . .

דאָס ערשטע מאָל אין משך פון חדשים אַז זי האָט אים אַ פרעג געטון וועגן געשעפט. — אינגיכן דיינק איך זיך שטעלן בויען. — אַרויסגעזאָגט, האָט ער אַ טראַכט געטון: אַז זי פרעגט שוין, דאַרף מען שוין טאַקע נעמען עפּעס טון, די גאַנצע וועלט איז פאַרנומען מיט געשעפט, און ער גיט זיך אָפּ מיט דער שוואַרץ יאָר ווייסט וואָס. עת לעשות.

„די גאַנצע וועלט" האָט געפיבערט. דזשעק און דזשאהן, פון ניו יאָרק ביז לאָס אַנדזשעלעס, האָבן געשפּילט אויף דער בערזע, און די בערזע האָט זיך געוואָרפן ווי אין אַ קדחת. נו, מיט דער בירזשע האָט ער, מנשה, גאָרניט וואָס צו טון. ספּרינג סטריט, די וואָל סטריט פון לאָס אַנגעלעס, איז ניט זיין גאַס, זיין גאַס איז די . . . יידישע, און זי האַלט אין איין וואַקסן. איבערן שטאָט זיינען געהאנגען גרויסע שילדן „אַ מיליאָן מענטשן אין 1930". דאָס האָט די האַנדלס קאַמער אויסגעהאנגען לשם רעקלאַמע נאָך מיט אַ יאָר צוריק, איצט, אינמיטן 1929, האָט מען שוין געשמועסט אַז די שטאָט האָט שוין אַ מיליאָן מענטשן. און יידן? מ'האָט געשאַצט אין הונדערט טויזנט. מנשה האָט עס ניט געגלויבט, מסתם טרייבט מען איבער, ווי דער שטייגער, אָבער זעענדיק וויפל יידן עס זיינען צוגעקומען בלויז אין דעם מערב טייל פון שטאָט, האָט ער שוין אויך אָנגעהייבן גלויבן. יידן האַלטן אין איין קומען, יידן מיט געלט, און אויב אפילו אָן געלט, אַ דאַך איבערן קאָפּ מוז מען דאָך האָבן, בויט מען טאַקע אויף וואָס די וועלט שטייט. ער'ט אויך נעמען בויען. געלט? אַ ביסל האָט ער, דאָס איבעריקע — הלוואות, ווי דער שטייגער. דאָס ערשטע מאָל? אַן אויסגעטראָטענער וועג, „די רעלייאבל" וועט געבן, אַ קעסטל בראָנפן וועט אַרויסהעלפן. די פראַגע איז, צי זאָל ער אַליין זיין דער בויער, אָדער אַוועקגעבן עמיצן. קאָסט כמעט דאָס זעלבע און ווינציקער קאָפּווייטיק, דאַרף ניט האָבן צו טון מיט די אַלע בעל מלאכות. פיר בוי־פּלעצער האָט ער? אַ פּלאַן האָט ער אויך, טאַקע דעם וואָס דער מר. מגיד האָט געמאַכט, איז . . .

ער האָט זיך דורכגערעדט מיט דעם מר. בראַוועָרמאַן. קיין סך רעדן האָט מען ניט גערעדפּט. דאָס ערשטע מאָל אַז ער בויט פאַר אים? די פּרייז — אַן אויסגעשריענע, ווי אַ גראָשן אַ בייגל, די פראַגע איז נאָר ווען זיך שטעלן אַרבעטן, איצט איז סוף יולי, ביז ער'ט פאַרטיק ווערן

מיט אַן אַנדער בנין, צוזאַמענשטעלן אַ ריכטיקע חברה בעל מלאכות, דאָס איז דאָך ניט עפּעס אַ הייזקע, מ׳שטעלט אַוועק אַ פּאָר אַרבעטער און קלאַפּט זיך . . . קאָפּ אין וואַנט, דאָך עפּעס אַכציק צימערן, איז נו, אינמיטן אויגוסט. אַריינכאַפּן פאַר די רעגנס? וואָסערע רעגנס! די רעגנס קומען ערשט אין דעצעמבער, אַמאָל ערשט אין יאַנואַר, ביז דעמלט...

אין משך פון צוויי חדשים האָבן די פיר בנינים אַ וואקס געטון, אַז מנשה האָט געשמייכלט וועגן זיך אַליין: מורא געהאַט פאַר די רעגנס, ערשט אָקטאָבער און די הייזער שטייען שוין. פאַרשטייט זיך, זיי זיינען נאָך ניט פאַרטיק, אָבער די שוואַרצע אַרבעט שוין אָפּגעטון, סטאָליארקע, גאַז און וואַסער לייטונג, דאָס אַלץ שוין געמאַכט, די דעכער אַרויפגעצויגן, באַלד קומען אַריין די פּלאַסטערער, נאָכדעם איז שוין אַ קלייניקייט. די איינציקע מניעה — געלט. עפּעס גייט עס צו שווערלעך. ער האָט געקראָגן אַ הלוואה, אָבער ביז ער האָט דערלעבט זען די ערשטע און צווייטע איינצאָלונג זיינען אים די אויגן שיר ניט אַרויסגעקראָכן פון קאָפּ, און דאָס, שוין נאָך אַ קעסטל בראָנפן . . . זיי זאָלן כאָטש ניט אָפּהאַלטן די דריטע ראַטע. אַריינגעבראָקט דאָס אייגענע ביסל געלט ביזן לעצטן סענט. ניט גערדאַרפט געווען. פון דער דריטער ראטע — צען טויזנט — וועט ער שוין אַראָפּשלעפּן עפּעס פאַר זיך, אַי, עס וועט פעלן צום סוף? דאָ נאָך אַ פערטע ראטע, וועט מען דאַן זען, וויפל קען עס פעלן? זיך דורכדרייען.

דאָס געשעפטס רעדל, וואָס האָט זיך אַזוי האַסטיק געדרייט, האָט מיט אַמאָל זיך פאַרהאַקט מיט אַ קנאַק, די בערזע האָט געקראַכט. אויף וואָל סטריט, ווו ביז מיט אַ טאָג צוריק האָט מען געקוקט אויפן הימל, געפּאָרשט ווי הויך קענען די אַקציעס שטייגן, האָט מען איצט געקוקט אין אָפּגרונט, געזוכט דעם דעק, ווי נידעריק קענען די אַקציעס פאַלן, און קיין דעק האָט זיך ניט געזען, „דער דנאָ איז אַרויסגעפאַלן“, און פון וואָל סטריט ניו יאָרק ביז ספּרינג סטריט לאָס אַנגעלעס זיינען מענטשן אַרומגעלאָפן ווי פאַרסמטע מייז, אייניקע זיינען שוין אפילו ניט אַרומגעלאָפן, זיי האָבן זיך טאַקע פאַרסמט אויף טויט. מנשה האָט געזען די גרויסע קעפּ אין די צייטונגען, געלייענט די נייס און אַ טראַכט געטון אַז דאָס איז ניט אַזוי גוט פאַר געשעפט אין אַלגעמיין, אָבער זיך גלייך באַרויקט, מיט זיינע געשעפטן האָט עס ניט וואָס צו טון. אַ רחמנות אפשר אויף דזשעקן, ער האָט מסתם פאַרלוירן די הויזן, צוריקגעשמועסט, וואָס, חוץ די הויזן, האָט ער געהאַט צו פאַרלירן? אפשר גאָר

אַ מצווה אויף אים, געווען אַ פייקער אַגענט, מיט אַמאָל זיך גענומען ספעקולירן. ניין, ער ספעקולירט ניט. ער . . .

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מנשה אין דערזעלבער צייטונג דערזען אַ קליין קעפל איבער אַ קורץ שטיקל נייס, און אים האָט אָנגעהייבן שווינדלען אין די אויגן. דאָס קעפל — „רעלייאבל בילדינג לאָאַן אַסאָ־סיאיישאָן פאַרמאַכט די טירן". די נייס: „נאָך צוועלף יאָר טעטיקייט אויפן געביט פון בויען, האָט די ר.ב.ל.א. נעכטן פאַרמאַכט די טירן. די דירעקטע סיבה וואָס האָט געפירט דערצו איז געווען די אַנטדעקונג אַז אייניקע פון די העכערע באַאַמטע פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן באַנוצט די געלטער פון דער פירמע צו ספעקולירן מיט אַקציעס. די סומע וואָס איז אַזוי אַרום פאַרלאָרן געגאַנגען, גלויבט מען, גרייכט אַן ערך הונדערט טויזנט דאָלער. דער שטאָט באַנק קאָמיטעט האָט באַפוילן צו מאַכן אַ גרינטלעכע אונטערזוכונג. דערווייל זיינען די געשעפטן פון דער פירמע אָפּגעשטעלט געוואָרן".

איבערגעלייענט, איז מנשה געבליבן זיצן אַ געליימטער, אַ געדאַנק זאָל עס אפילו דורכלויפן אין קאָפּ. גאָרניט. ער האָט נאָכאַמאָל אַ נעם געטון די צייטונג, דאָס קעפל האָט ממש אַ געשריי געטון: גולם! ווייסט ניט וואָס דאָס מיינט? אין קאָפּ האָט זיך אַ רודער געטון: ביטער! די אויגן האָבן אָנגעשטריינגט געקוקט: וואָס טוט מען? וואָס קען מען טון? היינט האָט ער עס באַדאַרפט קריגן די צען טויזנט דאָלער. און ס'איז נאָך פרייטיק דערצו, ער דאַרף גיבן דעם מר. בראַוערמאַן אַ טשעק אויף שכירות פאַר די אַרבעטער. ער מוז עפּעס טון, טאַקע שוין, גלייך!

ער איז אַוועקגעלאָפן צו דער „רעלייאבל" . . . די אַרונטערגעלאָזטע שטאָרן איבער די צוויי האַלבע טירן האָבן אים געזאָגט: האָסט ניט וואָס צו גיין, זעסט'אָך — פאַרמאַכט. ער האָט פונדעסטוועגן אַ פּרוּוו געטון אין הענטל, אַ טרייסל געטון די טיר, און אָט דער טרייסל האָט אים אַ שטויס געטון אויף צוריק, ער האָט דערזען דאָס בלעטל וואָס איז גע־האַנגען צווישן שטאָר און גלאָז: פאַרמאַכט. אונטן, מיט קליינע אותיות, צוגעשריבן ביים האַנט איז געווען: פאַר אינפאָרמאַציע רופט . . . מנשה האָט פּינקטלעך פאַרצייכנט דעם טעלעפאָן נומער און האָט זיך געלאָזט צו זיין אויטאָמאָביל.

אין אויטאָמאָביל שוין האָט ער געהאַלטן ביידע הענט אויפן רעדל, געקוקט אויף דער טאַפּליע פאַר זיינע אויגן און זי האָט תמ'עוואַטע גע־קוקט צוריק: וואָס ווייס איך? ער האָט אַרויסגענומען דאָס שטיקל

פּאַפּיר מיטן פאַרצייכנטן נומער. און אַז ער׳ט רופן וועט ער קריגן געלט? אָבער ער האָט ניט קיין נאָמען, קיין אַדרעס. סיי ווי, אַ טעלעפאָן בײדל!

ער האָט גערופן דעם נומער און אַ שטימע האָט אים דירעקטירט צו אַ צווייטן, דער צווייטער צו אַ דריטן, ער האָט זיך סוף כל סוף דערשלאָגן, קוים געפּועלט צו זען דעם ממונה איבער די געשעפטן.

— וואָס מיט די באַאַמטע וועט זיין קען מען ניט זאָגן, דאָס איז אַן ענין פאַרן געריכט, די פירמע איז לכל הדעות באַנקראָט. זיין תביעה־געלט אויף צו פאַרענדיקן האָט קיין האָפּט. איצט איז ניט קיין פראַגע פון פ י ר ן די געשעפטן, נאָר ליקווידירן, די אפּטרופּסים מוזן באַשיצן די אינטערעסן פון עולם, איינמאָנען וואָס דער פירמע קומט, זיין חוב אַריינגערעכנט, אויב ניט הונדערט פראָצענט, איז וויפל נאָר מעגלעך. ער׳ט ניט קענען פאַרענדיקן? דאָס איז זיין . . . קאָפּווייטיק.

קליפּ און קלאָר. וואָס איצטער? ער האָט באַדאַרפט ברענגען מר. בראַווערמאַנען אַ טשעק. נו, קיין טשעק וועט ער אים שוין ניט ברענגען, אָבער וואָס זאָגט מען אים? אים גאָרניט זאָגן, ניט גיין אפילו צו די בנינים. וועט ער קומען אין אָפיס? זאָל ער קומען!

מר. בראַווערמאַן איז ניט ג ע ק ו מ ע ן, ער איז אַ ר יי נ ג ע פ אַ ל ן אין אָפיס, אפילו קיין גוט מאָרגן ניט געזאָגט. — פאַרוואָס האָט איר זיך ניט געוויזן דעם גאַנצן פרימאָרגן? איר ווייסט אַז איך דאַרף שכירות פאַר די אַרבעטער, איך צאָל זיי מזומן, מוז נאָך פאָרן אין באַנק אויסבייטן דעם טשעק.

— ניטאָ קיין טשעק אויף צו בייטן.

— וואָס מיינט איר?

מנשה האָט אים דערלאַנגט די צייטונג. — לייענט איבער.

מר. בראַווערמאַנס האַנט האָט זיך באַוועגט אָנצונעמען די צייטונג, די אויגן האָבן אָבער געקוקט אויף מנשהן און מנשה איז זיי אַזוי ניט געפעלן געוואָרן, אַז די האַנט האָט זיך אַ צי געטון אויף צוריק — וואָס האָב איך וואָס צו לייענען? איך דאַרף שכירות פאַר די אַרבעטער!

— נו, אַז איר ווילט ניט לייענען, וועל איך אייך זאָגן: די „רעלייאבל״ . . . האָט פאַרמאַכט די טירן, באַנקראָטירט! דאָ האָט איר עס.

— ער האָט אַ וואָרף געטון די צייטונג.

— באַנ־קראָ־טירט? — מר. בראַווערמאַן האָט עס יאָ באַנומען און ניט באַנומען. — אָבער, גזלן, איך דאַרף דאָך שכירות פאַר די אַרבע־

טער. מילא אַלע אַנדערע חשבונות קענען וואַרטן, אָבער שכירות! דאָס מוז איך צאָלן, און טאַקע היינט, אויפן „דזשאַב".

— היינט האָב איך געזאָלט קריגן צען טויזנט דאָלער.

— וואָס טויג מיר מעשות געזאָלט און געוואָלט? איך דאַרף ניט קיין צען טויזנט, אָבער איך מוז האָבן כאָטש אַ טויזנט דאָלער.

— כ אָ ט ש טויזנט דאָלער, — האָט מנשה ביטער געשמייכלט. — מר. בראַוערמאַן! איך האָב ניט קיין טויזנט סענט. איר הערט, קיין טויזנט סענט האָב איך ניט.

— אָבער, גזלן, איר קוילעט דאָך מיך אָן אַ מעסער! ווי טוט מען עס אַזאַ זאַך? דאָס איז דאָך . . . אויף אייך האָב איך זיך ניט געריכט. אָפּטון אַזאַ זאַך . . . פּע! שעמען מעגט איר זיך.

— זעצט זיך אַנידער, מר. בראַוערמאַן. — מנשה האָט צוגעוואַרט ביז מר. בראַוערמאַן האָט זייער אומגערן זיך אַוועקגעזעצט. — איך דאַרף זיך שעמען, זאָגט איר? גוט, חרפּה אָן אַ זייט, זאָגט מיר וואָס אַזוינס קען איך טון? ווייסט איר אפשר ווו איך קען קריגן אַ הלוואה, נו לכל הפּחות, טויזנט דאָלער? איר ווייסט ניט. איז אַזוי. ווי לאַנג אַז איר אַרבעט אויף די געביידעס? אַ צען וואָכן. אין משך פון דער צייט האָט איר מיר יעדן חודש צוגעשטעלט אַלע חשבונות פאַר מאַטעריאַלן, שכירות, אייערע „שכירות" אַריינגערעכנט, און איך האָב באַצאָלט פּינקטלעך, צו דער מינוט. זיך קיין שכירות האָב איך ניט גענומען, איר הערט? זיך האָב איך ניט גענומען. איצטער, די „רעלייאַבל" . . . האָט באַנקראָטירט, איך האָב ניט אַ סענט ביי דער נשמה. פאַר מאַטעריאַלן קומט זייער ווייניק, סיי ווי, דאָס קען וואַרטן, בלייבט שכירות פאַר די אַרבעטער, איז אַזוי, ווילט איר זיי אויסצאָלן, צאָלט אויס, און אַז איכ'ל געפינען אַ וועג ווי צו פאַרענדיקן, קריגן געלט, וועל איך אָפּצאָלן ביז אַ פּעני. איר ווילט ניט, איז ניט. גייט זאָגט זיי, זיי זאָלן גלייך אַוועקלייגן די אַרבעט. פאַר די שכירות קענען זיי לייגן אַרעסטן אויף די געביידעס. איך קיין געלט האָב ניט. אין לי, איך האָב ניט!

מנשהן איז אַזש הייס געוואָרן. ער האָט געהאַלטן אין ווישן דעם פּנים, ערשט דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען. ווי אַן ענטפער אויף זיין פינסטערן „העללאָ" האָט ער געקראָגן אַ שרייענדיקן — ווו האָסטו זיך עס אַהינגעטון דעם גאַנצן פרימאָרגן? — ער האָט שיר שיר ניט אַרויסגעזאָגט: געטאַנצט, געזאָגט האָט ער — וואָס אַזוינס? — און דערהערט — קום גלייך אַהיים! — מירלס שטימע אַ קול ענות. ער

האָט נאָך אַריינגערעדט־אַריינגעשריען — וואָס איז געשען? — געהערט האָט ער דאָס זשומען פֿון טעלעפֿאָן. מנשה האָט אַ לייג געטון דאָס טרייבל, זיך אויפֿגעהייבן. — מר. בראַווערמאַן, טוט וואָס איר קענט, וואָס איר ווילט, איצט מוז איך גיין.

שווייגנדיקע זיינען ביידע אַרויסגעגאַנגען פֿון אָפֿיס.

(18)

אויפֿן וועג אַהיים האָט מנשה געפּרוווט טרעפֿן וואָס איז דאָרטן געשען. שיקט זיך עס אַז מירל זאָל שוין וויסן וועגן דעם אומגליק וואָס האָט אים געטראָפֿן? לייגט זיך ניט אויפֿן שכל. און אפֿילו אַז יאָ, איז וואָס דאַרף זי אים אין דערהיים?

— דאָס קינד! — האָט אים אַ קלאַפּ געטון אין קאָפּ. נעכטן האָט ער זיך עפּעס געקרימט. די פּוס האָט אַ קוועטש געטון דעם גאַז פּעדאַל.

— וווּ ביסטו עס פֿאַרפֿאַלן געוואָרן דעם גאַנצן פֿרימאָרגן? צוליב דעם האָט ער ניט געדאַרפֿט זיך אַזוי איילן.

— גערופֿן אפשר צען מאָל . . .

— נו זאָג שוין, וואָס איז געשען?

— מאַר־ווין! — דאָס וואָרט, איבערגעריסן, האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פֿון איר מויל.

— וואָס איז מיט אים?

— צוגעכאַפּט אין שפּיטאָל.

— אַפּענדיקס?

— וואָס מיר אַפּענדיקס! אַפּענדיקס . . .

— טאָ זאָג שוין!

— פּאָ־לי־אָ! — דער „פּאָ" — אַ פּראָפּן אַרויסגעזעצט פֿון אַ פֿול פֿלעשל, עס איז איבערגעגאַנגען, און דער „אָ" האָט זיך שוין געווייקט אין טרערן.

דער גאַנצער ענין מיט די הייזער איז אָפּגעשפּרונגען, די הייזער גופֿא זיינען פֿאַרשוווּנדן, דאָס איינע וואָרט — אַ טורעם, אַ באַרג אַ גאַנצער, ניט אַריבערצוקריכן. אפשר אַרומגיין? מנשה האָט געפּרוווט. — אַזוי האָט דער דאָקטאָר געזאָגט?

— ווער דען, איך האָב געזאָגט? — דורך די ווייטיק־טרערן האָבן

זיך דורכגעזעצט פֿאַרדראָס־ווערטער. — דאָס קינד האָט נאָך נעכטן געפֿילט ניט גוט.

— ווייס איך דאָך.

— גוט וואָס דו ווייסט כאָטש. ער ווייסט. דו ביסט געשלאָפֿן ווי אַ געהרגעטער, איך בין די נאַכט אַרונטערגעגאַנגען דריי מאָל, דאָס קינד האָט זיך קיין אָרט ניט געפֿונען, דער קאָפּ און דער קאָפּ. אים געגעבן איין אַספּירין, אַ צווייטן, פֿאַרטאָג שוין איז ער איינגעשלאָפֿן. אַרום ניין אַזייגער, דו ביסט שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען, האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט מיט אַ גוואַלד: דער קאָפּ! און די ביינער ברעכן אים. נו, טראַכט איך, אַ פֿאַרקילונג. גערופֿן דעם דאָקטאָר. גראַדע איז ער גלייך געקומען. ער האָט אים אויסגעהערט, מיך אויסגעפֿרעגט, איבער־געפֿרעגט, נאָכדעם מאַכט ער צו מיר: מוז אים נעמען אין שפּיטאָל, און טאַקע גלייך! האָב איך זיך דערשראָקן: וואָס עפּעס אין שפּיטאָל, און טאַקע גלייך? ווייל ער איז חושד אַז דאָס איז פּאָליא. כ׳האָב דאָס דער־הערט איז מיר פֿינסטער געוואָרן אין די אויגן. זיך קוים איינגעבעטן ביי אים ער זאָל מיך לאָזן פֿריער אָנקלינגען צו דיר, נו האָב איך גענומען קלינגען, איז קלינג היינט, קלינג מאָרגן, ניטאָ. האָט ער שוין אָנגע־קלונגען אין שפּיטאָל. ביז דער אַמבולאַנס איז געקומען האָב איך ווידער געקלונגען, אפֿשר צען מאָל, ניטאָ! אַז אַ מענטש איז פֿאַרנומען מיט געשעפֿט איז דאָך ניט שייך, און דאָ שטייט דער דאָקטאָר ווי אויף שפּיל־קעס. איר גייט, זאָג איך אים, איכ׳ל שוין פֿאָרן מיטן קינד. מאַכט ער צו מיר: מיט אייער פֿאָרן וועט איר גאָרניט אויפֿטון, זיי׳לן שוין אַכטונג געבן אויף אים. מאָל׳טיך, איך בין שוין יאָ געפֿאָרן. דאָס קום איך ערשט פֿון דאָרט. נו וואָס, אַריינגענומען. געוואָלט זען ווו מ׳ליגט אים אַוועק, האָט מען מיך ניט געלאָזט. — מיר׳ן שוין אַכטונג געבן אויף אים. איר זאָלט זיך נאָר ניט זאָרגן. זיי איז גרינג צו זאָגן. אָבער איך וויל דאָך וויסן וואָס דאָס איז, איך וויל זען דעם דאָקטאָר! דעם דאָקטאָר קען איך ניט זען, און ער קען אויך דערווייל גאָרניט זאָגן, מ׳דאַרף מאַכן אַנאַליזן, ערשט מאָרגן וועט מען וויסן.

— קען דאָך זיין אַז ס׳איז ניט דאָס.

— יאָ, עס קען זיין, הלואי רבונו של עולם, אָבער דאָס האַרץ זאָגט מיר אַז ס׳איז ניט גוט. ס׳איז ניט גוט! — זי האָט זיך ווידער צעוויינט.

מנשה איז געשטאַנען אַ הילפֿלאָזער, ער האָט אפֿילו ניט געקענט זאָגן: וויין ניט. ער האָט איר מקנא געווען . . . אַי, ווען ער קען זיך

גוט אויסזוויינען! די מעשה מיטן קינד אַ קלאַפּ אין פּנים, פונם קלאַפּ איז אים אַזש געשוואָלן געוואָרן די באַק, דער ווייטיק פונם קלאַפּ איז פאַרגאַנגען, אַ צאָן איז אָבער לויז געוואָרן, און אָט דער צאָן עגבערט, נויעט, שפּאַלט אים דעם קאָפּ — געלט!

ווען ער האָט געזאָגט דעם מר. בראַווערמאַן אַז ער האָט ניט קיין טויזנט סענט איז עס ניט געווען אינגאַנצן אמת, איצט איז ער שוין געזעסן, געקוקט אין זיין טשעק ביכל, געזען דער באַלאַנס איז זיבן און אַכציק דאָלער מיט פערצן סענט. די פינגער האָבן געלישטשעט די קאָנטראָל־בלעטלעך: אפשר אַ טעות? ניין, דאָס איז אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט, און איצטער אָ, דאָס קינד קראַנק, וואָס וועט ער טון? ער מוז קריגן געלט, ע פּ ע ס געלט, און טאַקע באַלד . . .

פרייטיק, שבת אָוונט האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט זוכן געלט. מירל האָט אַ ברוגזע אַ פרעג געטון: וווּהין שוין ווידער? און די פראַגע איז געווען אָנגעלאָדן ניט נאָר מיט כעס למאי ער גייט אַוועק, נאָר אויך מיט ווייטיק: אָט איצטער אָ, לאָזסטו מיך איבער? — איך מוז צוגיין זען עמיצן, — האָט ער קורץ געענטפערט און זיך ממש אַרויסגעכאַפּט פון שטוב. ער האָט איר נאָך ניט דערציילט ווי עס האַלט מיט זיינע געשעפטן. וואָס וועט ער איר דערציילן? איר ליגט עס ניט אין זינען אפילו, און אים וועט ניט גרינגער ווערן דערפון. זי איז ברוגז? מילא, ניט דאָס ערשטע מאָל, דער עיקר איז — קריגן געלט. מנשה האָט קיינ־מאָל ניט געליען קיין גמילת חסד, פשוט ניט אויסגעקומען, קיינמאָל ניט געדאַרפט אַזוי נויטיק, איצט, ווען ער האָט געמוזט, האָט ער זיך געכאַפּט אַז ער ווייסט אפילו ניט ווי אָנצוהייבן, עפענען אַ מויל, זאָגן: לייט מיר עטלעכע הונדערט דאָלער. געגאַנגען איז ער טאַקע צו פריינט: אָבער ווי גייט מען צו?

דער ערשטער פריינט האָט אים אַרויסגעהאָלפן. נאָך די געוויינלעכע באַגריסונגען האָט יענער שפּאַסיק אַ פרעג געטון: נו, און ווי זייט איר עפּעס אַרויס פונם בירזשע קראַך? דאָס האָט מנשהן געגעבן אַ פּתחון פּה צו דערציילן וועגן זיין „קראַך" און, ריידנדיק, האָט ער געזען ווי פון זיין פריינטס פּנים גליטשט זיך אַרונטער די שפּאַסיקייט, ערנסטקייט האָט זיך גענומען אַרויפציען און ווען ער האָט פאַרענדיקט מיט בעטן פינף הונדערט דאָלער, האָט עס דעם פריינט גענומען זייער לאַנג צו ענטפערן, און דער ענטפער האָט זיך געזייט דורך אַ געדיכטן זייער: ער איז ניט דער איינציקער, אַלע האָבן געליטן, דירעקט אָדער אומדירעקט.

ער גופא, ער האָט ניט ספּעקולירט, אָבער עס האָט אים אויך געטראָפן, זייער שווער געטראָפן און אָט ווי ער וואָלט געוואָלט אַרויסהעלפן אַ פריינט אין אַן עת צרה, קען ער עס אָבער ניט טון. עס פאַרדריסט אים זייער, אָבער ער קען ניט.

מנשהן האָט ניט נאָר פאַרדראָסן וואָס דער „פריינט" האָט אים אָפּגעזאָגט, ער האָט זיך פּשוט געשעמט למאי יענער זאָגט אַזאַ שרייַענדיקן ליגן מיט אַזאַ פרומער מינע. ז יי נ ע געשעפטן — אַ הורטאָווע שפּייז געשעפט — האָבן פון דעם בערזע קראַך זיכער ניט געליטן. ניכאַיבי וואָלט ער געזאָגט: איך האָב ניט קיין פינף הונדערט דאָלער ארויסצוואַרפן, דאָס וואָלט ער פאַרשטאַנען, אָבער דעם אמת איז, אַפּנים, שווער צו זאָגן. מ'נע. האָט ער זיך אָפּגעזעגנט, האָט נאָך אַרויסגעשטאַמלט אַן אַנטשולדיקונג און אַוועקגעגאַנגען.ביים צווייטן פריינט האָט ער שוין געבעטן ניט מער ווי דריי הונדערט דאָלער און געקראָגן כמעט דעמזעלבן ענטפער: ווער האָט עס היינט געלט? ביים דריטן, פערטן האָט ער שוין געבעטן ניט מער ווי צוויי הונדערט דאָלער און איינער האָט אים פאָרגעלייגט אַ פינפאונצוואנציקער — אָפּטשעפּ געלט. ער האָט אים באַדאַנקט, אַוועקגעגאַנגען און באַשלאָסן — צו פ ר יי נ ט גייט ער מער ניט.

זונטיק נאָכמיטיק איז ער געגאַנגען מיט מירלען אין שפּיטאָל. אין דער פּאַלאַטע, וווּ דאָס קינד איז געליגן אינאיינעם מיט נאָך קינדער, האָט מען זיי ניט אַריינגעלאָזט. דורכן פענסטער, דורך דער דראָט־נעץ, האָט מען זיך דורכגערעדט. — איך פיל גאַנץ גוט, מער ניט, איין פוס קען איך ניט באַוועגן. דער דאָקטאָר זאָגט אַז דאָס וועט אַוועקגיין, ווען איך וועל אַרויס פון דאַנען זאָל איך מאַכן איבונגען. פּאַ! ווערסט מיר קויפן אַ בייסיקל? גוטע איבונג פאַר די פיס. — האָט ער אַ דריי געטון מיט דער האַנט.

— אודאי, וועל איך דיר קויפן אַ בייסיקל. נאָך אַ מין בייסיקל! דו זע נאָר זאָלסט אַרויס פון דאַנען וואָס גיכער.

— דער דאָקטאָר זאָגט . . .

וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט האָט מנשה שוין ניט געהערט. מירל האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. די וואַרטספּרוי האָט מיט זשעסטן געוויזן, באַפוילן זיי זאָלן וואָס גיכער אָפּגיין פון פענסטער.

— איידער בלייבן אַ קריפּל, זאָל ער שוין בעסער ניט אַרויסגיין, — האָט מירל כליפּענדיק אַ זאָג געטון.

— משוגענע! מ׳טאָר ניט אַזוי רעדן. — מנשה האָט אַזש אַ דריק געטון איר אָרעם.

— ביי אים איז דאָך דאָס מויל אויף אַ זייט! — האָט זי אויסגעוויינט־אויסגעשריען.

— דאָס קען איבערגיין, — האָט מנשה פאַרעוו אַ זאָג געטון, כאַפנדיק זיך אַז ער האָט עס גאָר ניט באַמערקט.

— איבערגיין, — האָט מירל תחינהדיק איבערגעזאָגט, דער טאָן מער ספק ווי תחינה. אַ שווייגנדיקע איז זי געזעסן ביי זיין זייט אין אויטאָמאָביל, איר קאָפּ — אַ זייגער־אומרו, וואָס באַוועגט זיך אין דער בריייט. אָט דאָס „שאָקלען זיך" האָט אים דענערווירט. אים האָט זיך געוואָלט אַ געשריי טון: הער אויף! ניט נאָר אַ געשריי טון, נאָר זי אַ טרייסל טון: הער אויף! ער האָט פאַרקלעמט די פינגער אַרום רעדל, אַ קוועטש געטון דעם גאַז פּעדאל, קומען אַהיים וואָס גיכער, כאָטש וואָס דאָרטן . . . ?

דאָס עלעקטרישע ליכט האָט ניט פאַרטריבן דעם פינסטערן צער; זייערע אָפּגעריסענע ווערטער האָבן ניט צעריסן דאָס שווערע שווייגן; די נאַכט האָט ניט געבראַכט די געגאַרטע רו. אויף מאָרגן גלייך אין דערפרי איז מנשה אַוועקגעגאַנגען צון אַ ליי געזעלשאַפט און גענומען אַ הלוואה אויף זיין אויטאָמאָביל. זיי האָבן אים געגעבן ניט מער ווי צוויי הונדערט און פופציק דאָלער, ווען ער האָט אַ רעכן געטון, אין קאָפּ, האָט ער זיך געכאַפּט אַז ביז ער׳ט אויסצאָלן וועט עס כאַפּן אַריבער דריי הונדערט, אָבער אים האָט עס ניט געאַרט: נאָך אַלץ בעסער ווי גיין צו פריינט . . . קענען איבערכאַפּן דעם אָטעם. אָבער טאַקע ניט מער. ער מוז קריגן נאָך געלט. ניט אויף די הייזער, וועגן דעם וועט ער זען שפּעטער, אויף דערווייל. דעם קינדס קריינק . . . עס געפעלט אים ניט . . . פון שפּיטאָל האָט מען געענטפערט דעם באַנאַלן „ער רוט גאַנץ קאַמפּאָרטאַבל", נאָר ווען זיי זיינען געקומען מיטוואָך אים זען, האָט מען זיי ניט צוגעלאָזט: אַ באַפעל פון דאָקטאָר. מירל האָט שיר נישט געמאַכט אַ סקאַנדאַל: זי וויל זען דעם דאָקטאָר! זי איז אים שיר ניט באַפאַלן מיט די הענט.

— וואָס מיינט איר זיך, איז עס? אַ טורמע? איך וויל זען מיין קינד און, צי איר וועט לאָזן צי ניט, איך וועל אים זען!

— מיין ליבע פרוי. — דעם דאָקטאָרס שטימע אַ מילדע און אַ מידע, אויך די אויגן מילד און מיד, און זיי האָבן מיטגערעדט. — איר

האָט דאָך ליב אייער קינד, ניין? אויב אַזוי, וועט איר אים טון אַ טובה ווען איר'ט אים ניט זען.

— אָבער פאַרוואָס? — פאַרדראָס און אויך שרעק.

דער דאָקטאָר האָט געווענדט זיין קוק צו מנשהן. — עס טוט מיר לייד צו לאָזן אייך וויסן אַז די קראַנקהייט האָט זיך אַ קער געטון צום ערגערן; עס אַטאַקירט זיינע לונגען. איר פאַרשטייט, — האָט ער אַ דריי געטון דעם קאָפּ צו מירלען, — יעדע באַוועגונג איז פאַר אים אַן אָנשטריינגונג, יעדע אויפרעגונג איז שעדלעך. איר'ט אים זען, וועט ער וועלן זיך אויפזעצן, עפּעס זאָגן, און מיר מוזן שפּאָרן זיין מינדסטע ביסל ענערגיע. פאַרשטייט איר מיך?

— אַזוי שמאָל האַלט עס מיט אים?

אַ מאַן, ווייזט אויס, פאַרשטייט פּאָרט בעסער. — איכ'ל אייך זאָגן דעם אמת, — האָט ער אָפן אַ קוק געטון אויף מנשהן, — ער האָט אַ קעמפּערישן שאַנס, אָבער ער'ט דאַרפן קעמפן זייער שווער. ער איז אַ געזונטער בחורל. ער מוז אָבער האָבן אַ ב ס אָ ל י ו ט ע רו, — האָט ער שוין ווידער גערעדט צו מירלען. — ביי דער ערשטער ווענדונג צום בעסערן, וועל איך אייך לאָזן אים זען. כ'וועל שוין אָנזאָגן דער וואַרטספרוי, זי'ט אייך שוין לאָזן וויסן ווען צו קומען...

ווען מ'האָט זיי געלאָזט וויסן, זיי זיינען געקומען, אַ קוק געטון אויף אים, איז מירלס פּנים ממש צוגעזאָטן געוואָרן צו דער דראָט־נעץ, מנשה האָט זיך ניט געגלויבט אַז דאָס איז דאָס זעלבע קינד. עפּעס גאָר קיין פּנים ניט געבליבן, בלויז די נאָז האָט אַרויסגעסטאַרטשעט, ווען ניט דאָס געעפנט מויל וואָלט ער זיכער געדיינקט אַז דאָס ליגט אַ טויטער. אַזאַ בלאַסקייט, אַזש גרין, און דאָס מויל אַ פּאָמפּע, וואָס אַרבעט שווער אויף פוסט... די וואַרטספרוי האָט אַ וויש געטון זיין שטערן. ער האָט אַן עפן געטון די אויגן און זיי גלייך פאַרמאַכט. האָט ער געזען אים, די מאַמע? זיי האָבן אים שוין מער ניט געזען...

(19)

דאָס הויז איז פומיגירט געוואָרן, אויסגערויכערט פון דאָרטן יעדן שפּור פון דער קריינק, אָבער אויך יעדן סימן פון לעבן. דזשעני איז געקומען, האָט מירל זיך צעוויינט: אוי, דזשעני! ס'איז מיר שלעכט! ס'איז מיר אַזוי שלעכט... ווען די שכנים, פריינט, באַקאַנטע זיינען

געקומען, האָט מירל צו זיי ניט אויסגערעדט אַ וואָרט. שוין לאַנג איז זי געזעסן, זיך געשאָקלט, פון צייט צו צייט זיינען פון מויל אַרויסגעפאַלן ווערטער, אַזוי שטיל און אַזוי אָנווילנדיק ווי אַ בלעטל פון אַ בוים. מנשה האָט אָנגעשטריינגט זיך צוגעהערט, געכאַפּט: אים אַוועקגעהרגעט . . . מיט די אייגענע הענט אים אַוועקגעהרגעט. ער האָט אַ קוק געטון אויף איר און אים איז באַפאַלן אַן אימה: געווירט פון זינען . . . ער האָט זי אויפגעוועקט, איר דערמאָנט אַז מ'דאַרף עסן, טרינקען, האָט זי צוגעגרייט עסן, אָט גאָר ווי אַ מענטש, זי איז געזעסן ביים טיש מיט אים, געגעסן, געטרונקען, ער האָט עפּעס געפרעגט, האָט זי געענטפערט, און צו דער זאַך, זי האָט אפילו צעוואַשן דאָס געפעס, נאָר פאַרטיק מיט דער אַרבעט, האָט זי זיך צוריק אַריינגעצויגן אין איר טרויער־וועלט, דער קאָפּ, אַ זייגער אומרו, האָט זיך געשאָקלט הין און צוריק. צום דאָקטאָר האָט ער באַין אופן זי ניט געקענט אַרויסשלעפּן, האָט ער אים גערופן צו זיך אַהיים. איר קוק אויפן דאָקטאָר — ווער ביסטו און וואָס ווילסטו? ווען ער האָט איר אַ פרעג געטון צי ווייסט זי ווער ער איז, האָט זי מיט ביטול אַ זאָג געטון — צי איך ווייס? דאָס האָט איר דאָך אַוועקגעשיקט מיין מאַרווינען. יאָ, דאָס האָט **איר** געטון. קענט איר אים מיר ברענגען צוריק? איר קענט ניט? האָב איך מיט אייך ניט וואָס צו ריידן. — די טשערעפּאַכע האָט אַריינגעצויגן דעם קאָפּ אונטער דער שאָל. זי האָט מיט דער וועלט גאָרניט צו טון. מנשה האָט יאָ גערעדט, געפרעגט: וואָס טוט מען? זי איז דאָך . . .

— איך קען ניט זאָגן אַז זי איז געווירט פון זינען, ניין, דאָס ניט. אפשר נישט נאָרמאַל, אָבער ווער פון אונדז איז יאָ נאָרמאַל? קיין מענטש איז ניט נאָרמאַל פיר און צוואַנציק שעה אין מעת לעת, אָבער אויך קיין משוגענער איז ניט משוגע יעדע מינוט פון טאָג, אין דעם פאַל איז עס פשוט אַ צעטרייסלונג. פאַר אַ מאַמע פאַרלירן אַ קינד, נאָך אַ בן יחיד דערצו, איז נישט קיין שפּילעכל. קיינמאָל ניט געהאַלטן פון דער „איין קינד סיסטעמע", ניט גוט פאַרן קינד ווען עס לעבט און זייער שלעכט פאַר די עלטערן ווען עס שטאַרבט.

— אין דעם בין איך מיט אייך מסכים, — האָט מנשה אומעטיק פאַטאַקעוועט. אים האָט זיך געוואָלט צוגעבן: ניט נאָר ווען עס שטאַרבט, אפילו ווען ער האָט געלעבט האָב איך געוואָלט נאָך אַ קינד, אַ מיידעלע, אָט ווי יענע מיידעלע אין שול . . . אַרויסגעזאָגט האָט ער — ס'איז אָבער אַ חילוק פון שלעכט צו שלעכט. אָט אַזוי אָ . . . ווי זי . . . דאָס

איז דאָך שוין חוץ מדרך הטבע. קען מען גאָרניט טון?

— מה שלא יעשה הרופא יעשה הזמן, — האָט דער דאָקטאָר פּי־לאָזאָפיש אַ זאָג געטון און אַ קוק געגעבן אויף זיין רענצעלע, צייט, הייסט עס, צו גיין אַהיים.

— כ׳מיין, די מעדיצין . . .

אין דעם דאָקטאָרס אויגן האָט אויפגעשפּילט אַ שמייכל: אוי, מיינע יידן! נו יאָ, דער ייד וויל שוין ניט קיין רפואה פון אים, דאָס פאַרשט ער שוין ווי צו קריגן דעם „ספּעציאַליסט״ . . . גוט. — די מעדיצין? קען זיין. אַ פּסיכיאַטער קען אייך אפשר זאָגן מער ווי איך. אפשר. געלט וועט ער זיכער נעמען.

דאָס וואָרט געלט האָט אַ קער געטון מנשהס קאָפּ. — שאַט, איך קום איך דאָך נאָך אויך געלט.

דער דאָקטאָר האָט אַ טרייסל געטון זיין רענצעלע. — מיינע חשבונות טראָג איך ניט מיט זיך. די מיידל אין אָפיס, זי . . .

— יאָ, געקראָגן פון איר אַ חשבון.

— איז גוט, שיקט איר אַריין אַ טשעק. — ווידער אַ טרייסל דאָס רענצעלע און ער איז אַוועקגעגאַנגען.

אַ ווילער ייד, דער דאָקטאָר. שיקט איר אַריין אַ טשעק. אים, הייסט עס, גייט עס ניט אָן. מאַלט׳יך, עס גייט אים שוין יאָ אָן, אָבער וואָס אמת איז אמת, קיין באַרייסער איז ער ניט. אַ פּסיכיאַטער, יענער וועט זיך מסתם לאָזן גוט באַצאָלן. און צאָלן . . . חוץ דער הלוואה אויפן אויטאָמאָביל האָט ער שוין געליען טויזנט דאָלער אויף זיין „פּאָליסי״ און מיט דעם אַלעמען איז אים געבליבן ניט מער ווי אַ זעקס הונדערט דאָלער. שטאַרבן, באַגראָבן, אַ טייערער ביסן. היינט די דאָקטוירים. אַ פּסיכיאַטער . . . צוואַרטן. ווי זאָגט ער: מה שלא יעשה הרופא יעשה הזמן.

די צייט האָט געטון אירס. די ערשטע פּאָר וואָכן האָט מנשה פּשוט מורא געהאַט לאָזן מירלען אַליין, ווער ווייסט וואָס זי קען נאָך אָפּטון . . . פונדעסטוועגן איז ער יעדן טאָג געגאַנגען אין אָפיס, דאָרטן איז ער געזעסן און געטראַכט: נאָך וואָס האַלט ער גאָר אָן דעם אָפיס, די גע־שעפטן וואָס ער טוט? אַ שאָד דאָס דירה געלט, ער האָט זיך אָבער געכאַפּט אַז ער מוז האָבן אַ פּלאַץ וווהין אַוועקצוגיין פון דער היים, ניט זען מירלען ווי זי זיצט און שאָקלט זיך . . . מער ניט, דורכן טאָג האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין שטוב, אַ קוק טון . . . איין טאָג, ווען ער איז געקומען און האָט זי ניט געטראָפן, איז ער געוואָרן אַזוי אומרויק אַז ער

האָט שוין געוואָלט רופן די פּאָליציי, ער האָט זיך אָבער מיישב געווען — וואַרטן. ווען זי איז סוף כל סוף אַריינגעקומען איז אויף איר פּנים געווען אַזאַ פייערלעכער טרויער, אַז דער „ווו ביסטו עס געווען ?", וואָס איז אים די גאַנצע צייט געליגן אויפן צונג איז צערונען געוואָרן, מיט פאַרחידושטע אויגן האָט ער געקוקט אויף איר — הזאת מירל ? זי האָט גאָרניט געזאָגט, ערשט ביים עסן איז אַרויסגעפאַלן פון איר מויל : מ'דאַרף שטעלן אַ שטיין. ער האָט פאַרשטאַנען : זי איז געווען אויפן בית עולם.

— נאָך צייט. אַ שטיין שטעלט מען צום יאָר.

— וואָס זשע, פריער טאָר מען ניט ?

— מעגן מעג מען . . . — ער האָט געוואָלט צוגעבן : נאָר אַ שטיין קאָסט געלט, און געלט . . .

זי האָט ניט געלאָזט ריידן ווייטער. — דאַרף מען שטעלן אַ שטיין. איך גיב אַ קוק אויפן ברעטל דאָרטן, טוט מיר אַ שניט אין האַרצן.

און ער האָט שוין געוווסט — צוויי דריי מאָל אַ וואָך פאָרט זי אויפן בית עולם, און ער האָט ניט געוווסט צי איז דאָס בעסער אָדער ערגער, דאָס ערגסטע איז געווען איר „בילדער אויסשטעלונג". אויף דעם גרויסן טיש אין עסצימער האָט זי אויסגעשטעלט פאָטאָגראַפיעס פון מאַרווינען, גרויסע האַרטע פאָטאָגראַפיעס, געמאַכט פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פאָטאָגראַפער, און קליינע בילדלעך, אַראָפּגעכאַפּט מיט אַ היימישער קאַמערע. ער האָט גאָרניט געוווסט אַז אַזוי פיל פאָטאָגראַפיעס געפינען זיך. ער האָט אומישנע איבערגעציילט — אַכצן בילדער. אַריינגעקומען איין מאָל, געטראָפן זי זיצנדיק ביי די בילדער, רעדנדיק צו זיי, האָט זיך אים געוואָלט צוגיין, אַ שאַר טון, אַראָפּשאַרן, אַ . . . רויסוואַרפן, ער האָט אָבער נאָר אַ מאַך געטון מיט דער האַנט . . . כאַפּט עס . . . איר זיצן „אין מוזיי", איר מורמלען האָט אים אָבער דענערווירט, האָט ער גענומען אַראָפּגנבענען בילדער. איין טאָג צוגעגנבעט אַ קליין בילדל, געוואַרט אַ פּאָר טעג, זען צי וועט זי באַמערקן ,אַרונטערגעגאַנגען גלאַטיק, האָט ער אַראָפּגענומען נאָך אַ בילדל, מיט דער צייט וועט ער . . . מה שלא יעשה הרופא יעשה הזמן . . .

און די צייט איז געלאָפן. שוין געווען סוף נאָוועמבער, עס האָט אַ גאָס געטון דער ערשטער רעגן. מנשה איז צוגעפאָרן צו זיינע בניגים. די פיר סקעלעטן, נאַקעטע, אויסגעווייקטע, האָבן רחמנותדיק געבעטן : וואָס לאָזסטו אונדז שטיין אָט אַזוי אָ נאַקעט אין אַ גאָס רעגן ? דער מר. בראווערמאַן, אַ גאַנצער צדיק אין פעלץ, ווייזט זיך אַרויס, אַ ייד אַ

פּאַסקודניאַק. אים אָנגעקלונגען ער זאָל אַריבערקומען, האָט ער זיך גענומען נאָכפרעגן צוליב וואָס, און ווען ער האָט אים געזאָגט: כאַטש פאַרקלאַפּן די פענסטער און טירן, האָט ער חוצפּהדיק אַ פרעג געטון: און ווער וועט באַצאָלן דערפאַר? דערלייגט דער באָבעס ירושה. לויט די „אַרעסטן" וואָס זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן פאַר אַרבעט און מאַטעריאַל האָט ער נאָך געמוזט אָפּשאַרן עטלעכע הונדערט דאָלער. אַזוי גייט עס שוין, איבער אַן איינגעפאַלענעם בוים שפּרינגען אַלע ציגן. מ'נאַ, מיט אים וועט ער זיך נאָך אויסרעכענען שפּעטער, ווען ער'ט קריגן געלט צו פאַרענדיקן. די פראַגע איז — ווי קריגט מען דאָס געלט?

„זיין" באַנקיר, דער לאַנגער דראָנג, ניט קיין פּראָצענטניק, נאָר אַ שופט, ער האָט געציילט ווערטער אַ רענדל אַ וואָרט. — אודאי ווילן מיר העלפן אַן אַלטן קליענט, אָבער דער עסק, מיט דער ליי־געזעלשאַפט, די אַרעסטן, איז אַ קאָמפּליצירטער, אַ פאַרפּלאָנטערטער, אַ באַנק איז אַ פאַראַנטוואָרטלעכע אינסטיטוציע, ניט ווי די ליי־געזעלשאַפטן, וואָס גיבן געלט סתם אין דער וועלט, ניט אומזיסט גייען זיי מכולה, ניט נאָר די „רעלייאבל", די „אינדעפּענדענט", די „וועסטערן" זיינען אויך געבראָכן, און עס וועלן קומען נאָך, די „רעלייאבל" האָט לכתחילה ניט געטאָרט געבן אַזוי פיל געלט. אַלץ וואָס די באַנק קען טון פאַר אים איז איבערנעמען די חובות און אים געבן פינף טויזנט דאָלער, בתנאי ער'ט געבן גוטע ערבות אַז ער וועט די בנינים פאַרענדיקן. ניט גענוג? נו, מיין פריינט, די צייטן ווען מ'האָט געבויט הייזער אויף אַ „שיך בענדל" זיינען פאַרביי, איר ווילט מאַכן געלט, מוזט איר קודם ה א ָ ב ן געלט.

אַ פערד אַ גוי! אַזוי גדולדיק ביי זיך. „מוזט איר קודם האָבן געלט". ווען ער האָט געלט וואָלט ער געקומען צו אים? אַ צווייטער באַנקיר האָט עס געמאַכט קורצער. — אין איצטיקן מאָמענט זיינען מיר ניט פאַראינטערעסירט אין לאַנג טערמיניקע הלוואות, אויף אַ קורצן טערמין — דריי, זעקס חדשים — וועט מען אים געבן וויפל געלט ער דאַרף, אויב ער קען געבן גוטע ערבות. די הייזער זיינען ניט גוט גענוג. אין די ליי־געזעלשאַפטן האָט ער געהערט ענלעכע דיבורים. אין איין פירמע האָט אים דער פאַרוואַלטער געלאָזט וויסן אַז אומזיסט זיין גיין: ווען מ'שערט די שאָף ציטערן די לעמעלעך, עטלעכע ליי־קאַסעס האָבן זיך פאַרמאַכט און די וואָס שטייען נאָך אין געשעפט ציטערן איבערן דאָלער, אַ ליאַדע טאָג קען ווערן אַ געלאָף, מ'לויפט שוין. אוי, לויפט מען! זיין עצה איז — געפינען אַ פּריוואַטן מענטשן וואָס האָט געלט, מ ז ו מ ן,

פאַרשטייט זיך, יענער וועט אָפּלעקן אַ ביינדל, אָבער ער וועט עפּעס אַרויסקריגן.

מנשה איז אַוועקגעגאַנגען צו מר. זשעטלער. זייענדיק אויף ברוקלין עוועניו האָט ער דעם מר. זשעטלער צוגעשאַרט עטלעכע צווייטע „מאָרט־גייזשעס". אַ פּראָצענטניק, אָבער אַן ערלעכער מענטש, אַן אויפריכטיקער. פאַר אַ היפּאָטעק פון טויזנט דאָלער האָט ער זיך ניט געשעמט צו נעמען אַ באָנוס הונדערט דאָלער, חוץ די אַכט פּראָצענט. — איך בין אין די „מאָרטגייזש ביזנעס" ניט לשם עולם הבא. אַז איינער קומט צו מיר מיינט עס אַז ערגעץ אַנדערש האָט ער שוין ניט געקענט קריגן, טאָ זאָל ער באַצאָלן. אַי וואָס, אויף יענער וועלט וועט מען שמייסן? מילא, וועט מען שמייסן, דערווייל וויל איך עולם הזה. — אַן אָפּענער איין און דרייסיק, ניט ווי דער באַנקיר, וואָס איז אויסן „דינען דער געזעלשאַפט"...

מר. זשעטלער האָט אים אויסגעהערט בכובד ראש, געפרעגט אַ פּאָר פּרטים, ווען מנשה איז פאַרטיק געוואָרן, האָט מר. זשעטלער אַ קוק געטון אויף אים פון אונטן אַרויף און, מיט אַ מעשה טאָן, גענומען רעדן.

— אַ ייד איז, ניט פאַר אייך געדאַכט, געבליבן אַן אלמן, האָבן שדכנים אים אָפּגעקלאַפּט די טירן, וואָס אַזוינס וויל ער, אַן אלמנה, אַ גרושה... האָט ער זיי געענטפערט: אַן אלמנה? מהיכא תיתי, זי אַן אלמנה איך אַן אלמן, אַ פּאָר פון גאָט; אַ גרושה? מע, פאַר יענעם האָט זי אפשר ניט געטויגט, פאַר מיר קען זי יאָ טויגן; פון אַ בתולה וועל איך, אודאי, זיך ניט אָפּזאָגן, נאָר איין זאַך — אַ מיידל מיט אַ בייכל דאָס ניט! איר פאַרשטייט, ווען איר האָט אַ „לאָט", ווילט זיך שטעלן בויען, דאַרפט געלט, נו. אָדער איר האָט אויסגעבויט, ווילט נאָך אַ „מאָרטגייזש", איז מהיכא תיתי, אָבער דאָס אָ, וואָס איר לייגט מיר פאָר, איז אַ... מויד מיט אַ בייכל. ניט פאַר מיר.

— אָבער, מר. זשעטלער, אין דעם וואָס איך לייג אייך פאָר קענט איר מאַכן מער ווי אין אַ „מאָרטגייזש", איר קענט אין איינע צוויי דריי חדשים מאַכן עטלעכע טויזנט דאָלער.

— מר. שטערן! ווי צו מאַכן אַ דאָלער דאַרפט איר מיך ניט לערנען. האָב באַצאָלט גענוג רבי געלט. איר, אויב איר וועט איצט דאַרפן באַצאָלן אַ ביסל רבי געלט, נעמט זיך נישט צום האַרצן, איר'ט זיך אויסלערנען, מיט דער צייט וועט עס צונוץ קומען.

מר. זשעטלער האָט אויך ניט געוואָלט. „אַ מויד מיט אַ בייכל..." אַ קלוגער ייד. באַצאָלן רבי געלט. ער איז ווילִיק צו צאָלן. אַלץ הייסט

צאָלן, אָבער גיי צאָל אַז ס'איז ניטאָ וועמען. איז מנשה געזעסן, געקוקט אויף דער ברודיק גרויער וואַנט אין זיין אָפיס: מאין יבוא עזרי? ערשט דזשעק אוירל האָט זיך אַריינגעשטעלט. פון זיינע הויזן — צוויי טוכענע רערן אָן אַ סימן פון אַ קנייטש — פון זיין רעקל וואָס איז געהאָנגען אויף אים ווי אַ זאַק, האָט מנשה געזען ווו עס האַלט מיט אים. דזשעק דער ספּאָרט אַזוי אָנגעטון, מיינט עס אַז . . . פון אים קיין ישועה וועט נ י ט קומען, פונדעסטוועגן האָט ער מיט אים זיך דערפרייט, אויף זיין: העללאָ, מנשה! געענטפערט מיט אַ האַרציקן: העללאָ, דזשעק! וואָס מאַכט איר?

— אָט ווי איר זעט, — האָט דזשעק אַ ווייז געטון אויף זיין הילוך,

— געבראָכן. וואָס מאַכט א י ר?

— דאָס זעלבע פון מיר צו הערן.

— איר האָט ניט געשפּילט אויף דער בירזשע?

אין דזשעקס אויגן האָט ער דערזען: דערציילסטו מיר ניט אַמאָל אַ מעשה: געבראָכן, מחמת דו האָסט מורא פאַר אַ גמילת חסד? — מ'קען פאַרלירן געלט ניט נאָר אויף דער בירזשע, — האָט ער געפּרווט צע־זייען דזשעקס חשד, — און אַז מ'וויל, איז מיין צרה אפשר אויך אַ רעזולטאַט פון דער בירזשע. ער האָט אים דערציילט באריכות די מעשה מיט די הייזער, דער „רעלייאַבל" און פאַרענדיקט — דאָ האָט איר די גאַנצע געשיכטע. — דער טאָן ביי די לעצטער ווערטער: איצטער גלויבסטו שוין?

— נו, איך קען ניט זאָגן אַז איר זיצט אויפן שפּיץ פון דער וועלט, אָבער די גרוב אין וועלכער איר שטעקט איז ניט אַזוי טיף ווי מיינע. איר קענט עפּעס אַרויסראַטעווען, אַלץ וואָס איר דאַרפט איז אַ ביסל געלט.

— אָט אָט, וועגן דעם רעד איך דאָך. אדרבה, אפשר ווייסט איר ווו מ'קען קריגן דאָס ביסל געלט? פון די באַנקען, ליי־קאַסעס איז אָפּגערעדט. אייך דערציילט. איך מיין אַ פּריוואַטן מענטשן.

— וואָס איז מכוח דעם מר. זשעטלער, דעם פון ברוקלין עוועניו?

ניט אָן אַ שמייכל האָט מנשה געענטפערט, — ווייזט אויס אַז אונ־דזערע קעפּ אַרבעטן האַרמאָניש. געפּרווט. ער וויל זיך ניט צורירן דערצו. זאָגט ער האָט בעסערע געשעפטן. — וועגן דער „מויד מיטן בייכל" האָט ער ניט דערמאָנט.

— זיינע צווייטע „מאָרטגייזשעס" זיינען דאָס איצט אַזוי גוט? דער אמת איז — זויערע וויינטרויבן. קענטיק ער מוז האַלטן זיינע פּאַר גראָשן

אויסצולייזן די ערשטע מאָרטגיידזשעס אויף זיינע הייזער. אַזוי דיינק איך. דאָ נאָך איינער וועמען איר וואָלט געדאַרפט אַ טאַפּ טון — מר. רובינשטיין.

— אײ־־ם ?!

— יאָ אים, מר. לואיס רובינשטיין. קלינגט מאָדנע? ניט אַזוי נאַריש ווי איר דיינקט. דער מענטש איז אַ קאַרגער, אַ קמצן, אָבער טאַקע ווייל אַ קמצן, איז ער דער בעסטער אויסזיכט. פאַרשטייט זיך, קומען אים בעטן אַ טובה, אַ גמילת חסד, וואָלט געווען פאַרדאַמט נאַריש, אָבער אַז איר׳ט אים פאָרלייגן אַ מסחר ווו ער האָט אַ געלעגנהייט אָפּשאַרן עטלעכע טויזנט דאָלער אין אַ קורצער צייט אָן עקסטרא ריזיקע, איז רעכט ער זאָל עס טון. ער האָט זייער ליב זשאָרזש וואַשינגטאָנען (דעם דאָלער), און אַז ער׳ט אים זען ליגן אויף דער ערד וועט ער זיך אָנבייגן אים אויפהייבן.

— וועגן אים האָב איך אפילו ניט אַ טראַכט געטון. אפשר זייט איר גערעכט, אָבער סיי ווי, איך קען צו אים ניט גיין. — מנשה האָט דערזען דזשעקס קוק, ממש דערהערט דזשעקס פראַגע: צוליב רייזלען? און ער האָט דערפילט אַ ווידערווילן צו אים, פונדעסטוועגן האָט ער אַרויסגעבראַכט — ניין, איך קען אים ניט זען. איך וועל מיט אים גאָרניט אויפטון. וואָס איז מכוח אייך, איר זאָלט זיין דער פאַרמיטלער? איר׳ט קריגן אייער חלק.

דזשעק האָט אַ קרים געטון זיין מויל. — צוויי מייז עצהן זיך ווער עס זאָל אויפהיינגען דער קאַץ דאָס גלעקל. נו, ד אָ ס מייזל טויג אודאי ניט. איך האָב אים געזען מיט עטלעכע וואָכן צוריק. געווען אָקאָרשט ערב דעם קראַך. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פינף הונדערט דאָלער. ווען איך האָב דעמלט פינף הונדערט דאָלער וואָלט איך נאָך געקענט עפּעס אַרויסראַטעווען. געהאַט גוטע אַקציעס, איצטער פאַרקויפן זיי זיך שוין העכער פון פרייז וואָס איך האָב באַצאָלט. עס רעדט זיך אַזוי באַצאָלט, געקויפט אויף באָרג, זיי געדאַרפט אויסלייזן און אין קעשענע אַ צענערל, דאָס אַלץ וואָס איך האָב פאַרמאָגט. איצט האָב איך דאָס אויך ניט. בין איך אַוועקגעגאַנגען צו . . . ניין, ניט צו אים, צו איר, צו ראָוזן, אין דער שטיל איר דערציילט, געבעטן . . . ווייסט איר וואָס זי האָט מיר געענטפערט? „דזשעק! איך האָב נישט אַ סענט ביי דער נשמה. אַלץ וואָס איך האָב איז וואָס ער גיט מיר אויף דער וואָך, „די וועכנטלעכע שכירות פאַר דער דינסט״. מיט די ווערטער. דאָס געלט וואָס זי האָט

געהאַט? ער האָט עס „געליען" ביי איר, אַזוי הייסט עס, אָפּצוצאָלן צוויי מאָרטגייזשעס אויף זיינע צוויי הייזער.

— מיר האָט ער געהאַט געזאָגט אַז ער האַלט זיי ביים פאַרקויפן.

— ער האָט עס מיר אויך געהאַט געזאָגט, און איך גלויב אַז ער האָט זיי טאַקע פאַרקויפט. דאָס האָב איך געקענט אַרויסנעמען פון זיינע רייד שפּעטער, ווען מיר זיינען שוין געזעסן אַלע דריי און ער האָט מיר געגעבן אַ לעקציע וועגן ביליק געלט און טייער געלט. מסתם ערגעץ איבערגעלייענט אַן אַרטיקל. פון זיין גאַנצער לעקציע האָב איך אַרויסגענומען אַז ער האָט פּשוט ביי איר אויסגענאַרט דאָס געלט, איצט זיצט ער און טשאַטעוועט וועמען איבערצושניידן דעם גאָרגל, מענטשן גייען געבראָכן, קענען ניט צאָלן זייערע מאָרטגייזשעס, וויל ער אַריינקריכן, זיי אָפּקויפן פאַר אַ שיבוש. ווי ס'ניט איז, געלט האָט ער, דער מענטש איז אָפּגעשאָטן מיט געלט ווי אַ סאָלדאַט מיט לייז. איך האָב ביי אים קיין געלט ניט געבעטן, ווייל איך האָב ניט געהאַט וואָס אים צו געבן, איר האָט יאָ, גייט, שטעלט אונטער דעם גאָרגל און איר'ט זען, גאַנץ מעגלעך ער זאָל אייך אַ טובה טון און אים איבערשניידן.

— דער גאָרגל אַרט מיך ניט, אויף דעם בין איך גרייט, אָבער דעם פּנים! ניין, איך קען ניט . . .

— מיין ליבער מנשה! ווייזט אויס אַז איר זייט נאָך ניט אַזוי געבראָכן. איר רעדט נאָך וועגן פּנים. איר שעמט זיך. איך האָב שוין פאַרלאָרן די חרפּה. מיט אַ ליידיקן מאָגן קען מען אַלץ פאַרטראָגן. ווייסט איר נאָך וואָס איך בין געקומען? אייך זאָגן אָפּן — צען דאָלער. איך מוז עס האָבן. געקראָגן אַ שטעלע. מאָנטיק גיי איך אַרויס פאַר־קויפן „סעמעטערי לאַטס".

— „סע־מע־טע־רי לאַטס"!

— נו יאָ, אַז אַלע געשעפטן זיינען טויט, ליגן ניין איילן אין דר'ערד, זיינען סעמעטערי לאַטס דער בעסטער אַרטיקל. געזען אין צייטונג אַן אַנאָנס, אַרויפגעגאַנגען, אַ פאַרשוין שטייט און האַלט אַ דרשה, די אמתע פייערדיקע דרשה. נאָך דער לעקציע צוגעגאַנגען צו אים, אים אויסגעלייגט מיין יחוס, און פון דרייסיק קאַנדידאַטן האָט ער אויסגע־קליבן דריי, איך איינער פון די דריי. גיט גוטע קאָמיסיע. גיי איך איבער־מאָרגן אַרויס, אָבער קודם מוז איך אַ ביסל אָנפילן דעם בויך, איך דאַרף אויך אָנפילן דעם טאַנק מיט גאַזאָלין — אויף דער מאַשין, פאַרשטייט זיך, שוין לאַנג געלייגט אַ לאַטע . . . — און דאַרף אויך אויספּרעסן די

הויזן. אפילו צו סעמעטערי לאָטס פּאַרקויפן דאַרף מען אויך אויסזען, אויב ניט ווי אַ חתן בחור, איז כאָטש ווי אַ לייטישער באַגרעבער. דאָס איז די מעשה. איך ווייס אַז איר זייט געבראָכן, אָבער אַלץ וואָס איך בעט, איז אַ צענערל, און איך פאַרזיכער אייך אַז דאָס ערשטע צענערל וואָס איך מאַך איז אייערס. איר גלויבט עס ניט, האַ?

— פאַרוואָס זאָל איך אייך ניט גלויבן? אייער וואָרט איז גוט. דאַ האָט איר אייער צענערל.

דזשעק האָט געקוקט אויפן צענערל, אויף מנשהן, אָט ווי ער וואָלט זיך ניט געגלויבט צי מנשה גיט עס אים טאַקע, דערפאַר אַז ער האָט אָנגענומען דאָס צענערל, האָט ער אויך אָנגעכאַפּט מנשהס האַנט. — אַ דאַנק, אַ שיינעם דאַנק! איך האָב אָבער געוווּסט אַז איר׳ט עס טון, וועט ניט לאָזן אַ מענטשן פאַלן. און איר, גייט זען דעם מר. רובינשטיין. איך בין כמעט ווי זיכער אַז איר׳ט מיט אים עפּעס מאַכן. יאָ, דאָס איז זייער אַדרעס. פאַרשרייבט.

מנשה האָט פאַרשריבן דעם אַדרעס און נאָכלעסיק אַ לייג געטון דאָס פּאַפּירל.

— אויב איר׳ט מיט אים גאָרניט מאַכן וועלן מיר אפשר אַ טראַכט טון וועגן אַן אַנדערן, — האָט דזשעק ווי קאָמענטירט אויף מנשהס סקעפּ־טישער באַוועגונג. — אגב, איר זייט דאָך עפּעס אַן אייגענער מענטש צווישן יידן, ווייסט איר אפשר פון אַ געזעלשאַפט, אַן אָרגאַניזאַציע, וועמען מ׳וואָלט געקענט פאַרקויפן אַ ביסל פון די סעמעטערי לאָטס, אָדער גאָר אינגאַנצן? דער פאַרשוין האָט פּופּציק אָקער.

מנשה האָט אַ שמייכל געטון: דער אַלטער פאַרקויפער דזשעק אוירל.

— יידן קען איך אַ שפּאַר ביסל, אָבער איך באַלאַנג נישט צו קיין אָרגאַניזאַציע, האָב קיין דעה ניט אין ערגעץ, איך . . .

— נו נו, פאַרגעסט וועגן דעם. אַ פרעג געטון, אָט ווי אַ זאַך מאַכט זיך, ווייסט׳אַך, אַ פאַרקויפער . . .

— און אַ גוטער פאַרקויפער! איז מיטן רעכטן פוס, דזשעק!

— איר אויך, מיטן רעכטן פוס. גייט און זעט אים. און מיר׳ן זיך זען.

דזשעק איז אַרויסגעגאַנגען, איז מנשה געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער. „מיט אַ ליידיקן מאָגן קען מען אַלץ פאַרטראָגן״. דער מענטש האָט שוין טאַקע געמוזט זיין זייער הונגעריק. די צען דאָלער פאַרגינט ער אים מיטן גאַנצן האַרצן. סעמעטערי לאָטס. אפשר זאָל ער זיך נעמען פאַר־קויפן . . . תכריכים? אין אַמעריקע דאַרף מען דאָס אויך ניט, סיידן

מצבות. ער האָט פיר מצבות שטיין. עה, ווען ער קען שוין פאַרקויפן די פיר מצבות! מיטן רעכטן פוס, גיין צו מר. רובינשטיין . . . רייזל . . . ער איז ניט אַזוי זיכער צי וועט ער טאַקע גיין. מ׳נאַ, שוין זען.

(20)

די גאַנצע נאַכט האָט געגאָסן. אינדערפרי איז דער קויטיק גרויער הימל געהאנגען נידעריק און דורך דער גרויער זיפּ האָבן זיך דורכגעזייט דינינקע רעגן־גרייפּעלעך, דער רעגן איז מער געהאַנגען ווי געגאַנגען. מנשה איז געזעסן ביי זיך אין אָפיס, האָט דורכגעשטודירט די צייטונג פון דער ערשטער ביז דער לעצטער זייט און ווען ער האָט זי אַוועקגעלייגט האָט ער ניט געדיינקט, ניט געוווסט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט אפילו אין זיין אייגענער שטאָט, ער האָט יאָ געוווסט אַז ער גייט צו רובינשטיינען. ער האָט זיך געישובט: אָנקלינגען? און באַשלאָסן: בעסער אַז נישט. ער האָט אויך באַשלאָסן אַז ס׳איז בעסער קומען נאָך מיטיק: אכלת ושבעת, וועט אפשר זיין וברכת .. . נאָך מיטיק האָט ער ווידער אָפּגע־צויגן — זאָל דער מר. רובינשטיין כאַפּן אַ דרימל, אַ קוק געטון אויפן זייגערל, געזען ס׳איז שוין נאָך צוויי, האָט ער זיך שוין גענומען אײַלן, פאָרנדיק זיך באַרויקט . . . ווועסט ניט פאַרשפּעטיקן . . .

רייזל האָט שיר נישט אויסגעשריען: וואָס האָט פּאַסירט מיט אייך . . . מר. שטערן? מר. רובינשטיינס קוק: נו יאָ, טאַקע, קוקסט מיר אויס ניט אַזוי יום טובדיק. זיי דערציילט אַז ער האָט פאַרלאָרן אַ קינד, אַן איינציקן זון, האָט רייזל טרויעריק אַ זאָג געטון אַז עס טוט איר לייד צו הערן, און מנשה איז ניט געווען זיכער צי איז עס העפלעכקייט . . . אָדער טאַקע מיטגעפיל, מר. רובינשטיין האָט געשוויגן ווי ביי אַ לויה. מנשה האָט שאַרף איבערגעריסן די שווערע שטילקייט. ער איז געקומען צוליב געשעפט און גלייך אויסגעלייגט פאַר רובינשטיינען זיין פּלאַן. מר. רובינשטיין האָט אים ניט איבערגעשלאָגן אפילו מיט אַ פראַגע, ער האָט בלויז געצויגן, געפּיפּקעט זיין ציגאַר, און פון דעם אופן ווי ער האָט אַ צי געטון, שטאַרקער אָדער שוואַכער, האָט מנשה געפּרווט טרעפן וואָס דער מענטש טראַכט וועגן זיין פּלאַן. מנשה איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט מר. רובינשטיין שטאַרק אַ צי געטון, אַרויסגעלאָזט רויך און גערעדט ווי אין רויך אַריין: טוט מיר לייד, מר. שטערן, איך קען גאָרניט טון פאַר אייך.

— איך בעט ניט קיין טובות, איך שלאָג אײַך פֿאָר אַ מסחר, איר קענט מאַכן אַ שײנע פּאָר דאָלער אָן קיין ריזיקע.

— קען זײַן, אָבער איך האַלט נישט פֿון אַזעלכע מסחרים.

— דער מסחר איז אַן ערלעכער, קיינע דרײדלעך.

— איך האָב ניט געזאָגט אַז עס איז ניט ערלעך, פּשוט ניט פֿאַר מיר. — זײַן טאָן: וואָס פֿאַר אַ צוטשעפּעניש? ווער האָט דיך געבעטן קומען? גיי דיר . . .

— איר, מענער, ווערט מיר אַנטשולדיקן. איך בין ניט מער ווי אַ פֿרוי, מײַנע ידיעות אין געשעפֿט זײַנען באַגרעניצטע, אָבער אַ ביסל פֿאַרשטיי איך יאָ, דערפֿאַר טאַקע וויל איך דיך פֿרעגן: קענסטו טאַקע גאָרניט טון פֿאַר דעם מענטשן?

דער מענטש— מנשה — האָט שאַרף אַ דריי געטון דעם קאָפּ, דערזען רײזלען עטוואָס פֿאַררויטלט און גלײַך אַ קוק געטון אויף איר מאַן. דער מאַן האָט אַ צי געטון רויך, אים אַרויפֿגעשטויסן אין דער הויך און ערשט ווען זײַנע ליפּן האָבן זיך אויסגעגלײַכט איז פֿון זיי שווער אַרויסגעקומען — ראָוז! האָסט געגוג שכל צו וויסן אַז דײַנע ידיעות אין געשעפֿט זײַנען באַגרעניצטע און איך האָב געדיינקט ווסט האָבן גענוג שכל זיך ניט אַרײַנמישן, אָבער אַז דו האָסט זיך שוין יאָ אַרײַנגעמישט לאָמיך דיר זאָגן: מיר האָבן אַ ווערטל — דער מענטש איז טויט און ער ווייסט נישט דערפֿון, דאָס איז גענוי דער פֿאַל דאָ. האָסט׳אָך געהערט, דער מענטש זאָגט, ער האָט אַרײַנגעלייגט אין די געבײַדעס אַן ערך פֿינף און צוואַנציק טויזנט דאָלער, חוץ די הלוואות און אַנדערע חובות, וויל ער איך זאָל אַרײַנלייגן אַ צוואַנציק טויזנט דאָלער, ווערן אַ שותּף און פֿאַרענדיקן די געבײַדעס. דוכט זיך גוט, האַ? ער האָט אָבער פֿאַרגעסן אַז זײַנע פֿינף און צוואַנציק טויזנט זײַנען געווען ביליק געלט, בעת מײַן געלט . . .

— הייבסט שוין אָן מיט דײַן ביליק געלט, טײַער געלט?

— דאָס האָט זיך אָנגעהייבן אָן מיר. אַ קעפּל לעטוס, וואָס דו האָסט מיט דריי חדשים צוריק געצאָלט דערפֿאַר אַ ניקל, קויפֿסטו איצט פֿאַר צוויי סענט, און ס׳וועט ניט נעמען לאַנג ווסטו עס קריגן פֿאַר אַ פּעני. וואָס מיינט עס? דער לעטוס איז דער זעלבער, אָבער די פּעני איז ניט די זעלבע. ווייסט וויפֿל דעם מענטשנס פֿינף און צוואַנציק טויזנט דאָלער האָבן איצט די ווערט? אפֿשר זעקס! דאָס אויך ניט. איז, לאָמיר זאָגן, איך בין יאָ פֿאַראינטערעסירט אין דעם געשעפֿט און

גיב דעם מענטשן זיינע זעקס טויזנט, אָן קיינע שותפות, פאַרשטייט זיך, וואָס וואָלט ער געזאָגט? אַ גאָרגל שניידער! נו, איך וויל קיינעם ניט איבערשניידן דעם גאָרגל, איך טו נישט אַזעלכע געשעפטן.

ביי מנשהן האָט זיך דערוועקט אַ משונהדיקער פאַרלאַנג, אָפּטון דעם מר. רובינשטיין אַ שפּיצל, אים זאָגן — גייט עס! גיט מיר זעקס טויזנט דאָלער און די געבײדעס — אַלע פיר זיינען אייערע, — בלויז צוליב דער הנאה צו זען ווי יענער קען ניט איבערשניידן קיין גאָרגל, נאָר מוז עס, נעבעך, טון פאַר יענעמס טובה וועגן. מר. רובינשטיין איז אים אָבער פאַרלאָפן דעם וועג, אַ זאָג טוענדיק: ניין, געשעפטלעך קען איך גאָרניט טון, פּערזענלעך, אויב דו ווילסט איך זאָל אַרויסהעלפן דעם מענטשן, נו, קען איך אַרויסהעלפן מיט אַ פּאָר דאָלער. דאָס בעסטע וואָס איך קען טון. דער הינטערטאָן — וואָס נאָך ווילסטו, מיין טייערע ווייב . . . ?

מנשה האָט געזען ווי רייזלס ציטערנדיקע פינגער האָבן גענומען טאַפּן די בראָשקע וואָס האָט פאַרשפּיליעט די בלוזקע ביי די בריסט און ער האָט אויף איר רחמנות געקראָגן. אָט ווי עס האָט אים באַליידיקט מר. רובינשטיינס ריידן ניט צו אים, נאָר וועגן אים, זיין גרויסמוטיקייט . . . האָט ער זיך אויפגעהייבן און מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטון: עס איז זייער פיין פון אייער זייט, און איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער גוטער כוונה, אָבער ניט צוליב דעם בין איך געקומען, איך האָב געמיינט מיר'ן קענען טון געשעפט, נו, ווייזט אויס אַז איך האָב אַ טעות געמאַכט. מ ײ ן טעות. איר מעגט אָבער זיין זיכער אַז דעם זעלבן טעות וועל איך מער ניט מאַכן. — רייזל האָט אַ קוק געטון אויף אים. ער האָט געזען זי האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס האָט ער „געטרונקען לחיים" צו איר, און מיט אַ שמייכל צוגעגעבן: — נו, אַ גוטן טאָג.

אין אויטאָמאָביל שוין, האָט ער געקוקט אויף דער פאַרלויעטער גלאָז מיט אַ טעמפּן קוק: האָסטו עס געדאַרפט? דער דזשעק. אַ טפש. מר. רובינשטיין וועט אים לייען געלט! און רייזל. זי זעט אויס זייער גוט, ליגט אָבער, קענטיק, ביי אים אונטערן קנאַפּל. און זי האָט דאָך געוווסט, טאָ פאַרוואָס האָט זי עס געטון? אים אויף צו להכעיס? זי האָט דאָך אָבער יענעם געהאַלטן אויפן שטריקל די גאַנצע צייט און, ווער ווייסט, אפשר האָט זי גאָר א י ם געהאַלטן אויפן שטריקל, אָנצו־ציען דעם מר. רובינשטיין. מיסטער רובינשטיין! כאַפּט אים דער רוח! ער האָט אַ דריי געטון דעם שליסל, אַ קוועטש געטון דעם גאַז פּעדאַל, געלאָזט דעם ווישער אין גאַנג. אַ וויש אויף רעכטס — ניט געדאַרפט

געווען גיין צו אים, אַ וויש אויף לינקס — פאַרפאַלן, קוק בעסער ווו דו פאָרסט. טאַקע וווהין פאָרט ער?

די אָפענע פענסטער פון די הייזער — אויגן־לעכער פון סקעלעטן — האָבן פינסטער געקוקט: וואָס ביסטו געקומען? קוקן אויף אונדזער בייזוווּנדער? די טיר־ראַמען — מיילער אָן ציין — האָבן שלאַבעריק געמיאַמליעט: אדברה, קום אַריין, וועסטו זען דעם חורבן. די אויס־געשלאָגענע דינע לייסטלעך פאַר די פלאַסטערער האָבן ראַביעט פאַר זיינע אויגן, און נאָך האָט אַ קלאַפּ געטון אַ דעמפּער ריח, ער האָט געשפּירט, געזען די נעץ, ניט נאָר דאָס האַלץ, די עלעקטרישע דראָטן, די טשוהונענע רערן האָבן אים אויסגעזען צעווייקט, צעקראָכן. ער האָט אַ קוק געטון צו דער סטעליע: האָט עס אַריינגערונן פון דאַך? קען ניט זיין. דאָס האָט דער ווינט אַריינגעשמיסן. נאָך אַ פּאָר אַזעלכע רעגנס וועט אַלץ צעווייקט, צעשפּאָלטן ווערן. אָה, גייט עס אין דער ערד אַריין אַלץ מיט אַן אַנדער. ער איז אויף גיך אַרויס פון הויז, זיך אַריינגעכאַפּט אין אויטאָמאָביל. ווידער האָט דער ווישער געמאַכט זיין האַלבן קרייז — וואָס איר האָט, איז אַ מיידל מיט אַ בייכל — מר. זשעטלער. און אַ וויש אויף צוריק. — איך וויל קיינעם ניט איבערשניידן דעם גאָרגל. — מר. רובינשטיין. ער האָט זיי בײַדן אין דער אדמה. וואָס וועט ער טון? גאָר־ניט! ער גייט אפילו ניט אין אָפיס מער. אַהיים! ביים הויז שוין האָט ער זיך געכאַפּט אַז ער האָט געדאַרפט עפּעס ברענגען, אָבער וואָס, האָט ער פאַרגעסן. ער'ט ניט אַריינפירן די מאַשין. ער'ט זיך דערמאָנען, אפשר וועט ז י אים זאָגן, וועט ער צופאָרן, ברענגען.

ז י האָט זיך ממש אַרויפגעכאַפּט אויף אים. — ווו זיינען מיינע בילדער?

— דיינע בילדער? אָט אָ שטייען זיי דאָך, — האָט ער אַ וויז געטון צום טיש אין עסצימער, דערביי אַ קנייטש געטון מיט די אַקסל: וואָס ווילסטו פון מיר? ער האָט דערזען אירע שיך זיינען געווען פאַר־בלאָטיקט, פאַרשטאַנען אַז זי איז שוין ווידער געווען אויפן בית עולם און זיך געחידושט: אין אַזאַ טאָג? זי האָט אים ניט געלאָזט טראַכטן. — וואו איז דאָס בילדל מיטן פערדל? איך וויל מיינע בילדער!

— אָט זיינען זיי דאָך! אָט אָ שטייען זיי דאָך! — האָט ער געזאָגט אין אַ העכערן טאָן, אַ שפּאַן טוענדיק צום טיש.

— געווען אַכצן און איצט איז מער ניטאָ ווי עלף.

איז זי דאָך ניט משוגע. — און עלף איז דיר קאַרג? איך מעג דאָך אויך האָבן אַ פּאָר.

— דו? דו האָסט גאָרניט צו טון מיט די בילדער. זיי זיינען מיינע, אַלע. גיב מיר אַוועק מיינע בילדער!

— וועסט זיי ניט קריגן. איך האָב אַזאַ חלק אין זיי ווי דו.

— אַזוי דיינקסט־ו.

— און וואָס דיינקסט־ו?

— דאָס איז מ יי ן עסק.

— מיין עסק אַזוי גוט ווי דיינער. ער איז מיין קינד אַזוי גוט ווי דיינס.

— אַזוי דיינקסט־ו.

מנשה האָט געזען זי רעדט אין אַ צירקל. ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — ניטאָ, הייסט עס, מיט וועמען צו ריידן. זי האָט אַ כאַפּ געטון, פאַרקלעמט דעם ברעג פון זיין אַרבל אין אירע פינגער און מיט אַ פאַרקלעמט קול ממש געריטשעט — גיב מיר אָפּ מיינע בילדער! — ער האָט שאַרף אַ ריס געטון זיין האַנט. — משוגענע! לאָז אָפּ!

— איך בין משוגע? כאַ־כאַ־כאַ! איך בין משוגע! — סעלצער וואַסער האָט זיך אַ גאָס געטון איבער זיין גאַנצן קערפּער, ער איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ געגזענער הויט. אויב זי'ט ניט אויפהערן לאַכן . . . זי האָט אויפגעהערט. — קוק אים נאָר אָן! ווער עס רעדט. נאַר. אָפּגעריסענער נאַר! יאָלד איינער! — זי האָט אַ כאַפּ געטון אַ גרויס בילד, אַ האַרטס, עס צוגעטראָגן אַזוי נאָענט, ממש צו זיין נאָז, געטיקעט מיטן פינגער און גערעדט, געשיפּעט. — קוק! קוק זיך גוט איין! ד אָ ס איז ד יי ן קינד? זאָלסט אַזוי זיין מיט דיין נאָז . . .

זיין האַנט פלאַך האָט אַ זעץ געטון דאָס בילד, עס אַ שפּאָר געטון צו איר פּנים, זי האָט אַזש געגומען שטאַלפּערן הינטערווייליקס, אָט אָט פאַלט זי אַרויף אויפן טיש, זי האָט געוונען איר גלייכגעוויכט, מיט שרעק געגומען לויפן אַרום טיש, שרייענדיק: ער שלאָגט מיך! ער שלאָגט מיך!

ער האָט זיך אַ לאָז געטון נאָך איר, פון הינטן אַרויפגעקלעמט זיין האַנט איבער איר מויל און מיט זיין ברוסט צו איר פלייצע זי גענומען שטופּן, שטופּן דורכן קורצן דורכגאַנג פון עסצימער אין ייִנגלס שלאָף־צימער, וואָס זי האָט איבערגענומען פאַר זיך נאָך זיין טויט. דאָרטן האָט ער זי אַ וואָרף געטון אויפן בעט, אַ קוק געטון אויף איר. קיין סימן פון פריערדיקער משוגעת. אַ פּאָר קלאָרע אויגן האָבן געקוקט אויף אים

און פון מויל איז אַרויסגעקומען: זאַ פּראַוודו ביוט. (פאַרן אמת שלאָגט מען). ביים טיש. מאַרווין באַרימט זיך מיטן מעסערל, זאָגט אויס פון חדר, און זי — „ראסקאזשו פּאָסליע״. זיינע הענט האָבן זיך אַ לאָז געטון צו איר האַלז, די פינגער האָבן אים פאַרקלעמט, געהייבן דעם קאָפּ פון קישן און אים צוריקגעוואָרפן — ביסט אַ ליגנערן! אַ גאָט פאַרדאַמטע ליגנערן! ביסט משוגע! משוגע! — זי האָט אַ שטרעק געטון אירע הענט, געפּרוווט אים אָפּשטופּן, איר פּנים איז צעקרימט געוואָרן, פון מויל האָט זיך געריסן ניט קיין געשריי, נאָר עפּעס אַ כאָרכל, די אויגן אָט אָט קריכן זיי איר אַרויס פון קאָפּ. מיט אַמאָל האָט ער דערפילט אים האָט באַשלאָגן אַ שוויס, די הענט האָבן זיך אָפּגעטיילט פון איר האַלז און די הענט האָבן זיך געטרייסלט, דער גאַנצער קערפּער האָט געציטערט, די פיס נאָכגעלאָזטע שפּרינגעס. ער האָט אַ וויש געטון דעם פּנים. ער איז אויך משוגע . . . הינטערווייַלעכס האָט ער אַ גיי געטון צום טיר, ניט אַרונטערנעמענדיק די אויגן פון איר. ער האָט געזען זי האָט געריבן, געגלעט איר האַלז. ער האָט זיך ראַש אַ דריי געטון, אַרויס פון צימער און פאַרקלאַפּט די טיר אַזש די פענסטער האָבן אַ ציטער געטון.

דאָס פאַרקלאַפּן די טיר האָט אַרויסגעקלאַפּט זיין לעצט ביסל ענערגיע, ער האָט זיך קוים דערקליבן צו זיין בעט, דאָרטן אַוועקגעפאַלן. הענט, פיס, דער גאַנצער קערפּער האָט נאָכגעלאָזט, דער כעס, די אויפרעגונג האָט זיך אויסגעדעמפּט, דער שוויס אויסגעטריקנט, דער גאַנצער קערפּער, דער מאַרך — טרוקן, בלאַנק, קיין מחשבה. בלאַנק. ער איז אַזוי געלעגן ביז זיין אויער האָט פאַרנומען עפּעס אַ באַוועגונג הינטער דער וואַנט וואָס האָט אָפּגעטיילטביידע שלאָפצימערן. זיינע אויגן האָבן געשטאָכן די וואַנט. וואָס טוט זי? זי קען נאָך אַריינקומען אַהער, מאָנען אירע בילדער. נאָר ניט דאָס!

ער איז אַרונטער פון בעט, האָט אויפגעעפנט דעם אונטערשטן שופ־לאַד פון קאָמאָד, אַרויסגענומען אַ לאַנגן קאָנווערט, אַרונטערגעצויגן דאָס גומעלע איבער אים. בילדער האָבן זיך אַ שאָט געטון. איין בילד האָט ער געהאַלטן פאַר די אויגן, געקוקט, געקוקט . . . די פינגער האָבן זיך אַ קנייטש געטון, צעריסן דאָס בילד אין דער לייַנג. ער האָט זיך איינגעקוקט אין די צוויי העלפטן. די נאָז איז געבליבן גאַנץ. ער האָט צונויפגעלייגט די צוויי העלפטן, צעריסן אין דער ברייט, איין מאָל, צוויי מאָל, די פינגער האָבן שוין אויטאָמאַטיש געאַרבעט ביז אַלע בילדער זיינען געווען צעריסן אויף פּיץ פּיצלעך. ער האָט זיי אַריינגעשאַרט אין

קאָנוועט, איבערגעצויגן דאָס גומעלע און מיטן קאָנווערט אין האַנט אַרויסגעגאַנגען. זי איז שוין געזעסן אין עסצימער ביים טיש מיט די בילדער. ער האָט אַ וואָרף געטון דעם קאָנווערט אויפן טיש.

— וואָרפן זאָל דיך העכער הייזער!

זי האָט אַ נעם געטון דעם קאָנווערט, ער האָט אַ גיי געטון צום טיר. פון יענער זייט טיר שוין האָט ער דערהערט אַ געהייל, אָט ווי אַ הונט פאַרגייט זיך ביינאַכט. זי האָט געעפנט דעם קאָנווערט . . . ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אויטאָמאָביל, דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַ ריס געטון. — זאָל זי היילן . . .

דער ווישער האָט אויסגעשניטן זיין האַלבן קרייז אויף רעכטס — זי איז משוגע, דאַן אויף לינקס — ניין, זי איז ניט משוגע. זי האָט אים גענאַרט. די גאַנצע צייט גענאַרט. ניין, דאָס האָט ער זיך גענאַרט. ער האָט עס געוווסט. די גאַנצע צייט געוווסט. ניט געוואָלט וויסן. איצט ווייסט ער. אַ מויד מיט אַ בייכל . . . דאָס איז עס. איצט פאַרשטייט ער שוין פאַרוואָס זי איז מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי גוט צו אים, געפירט אים אין „סיטי האָל", אויפן באַרג ווילסאָן . . . און רייזל האָט אים געפירט קיין סאַנטאַ באַרבאַראַ . . . און האָט אויך געהאַט איר מר. רובינשטיין. זי האָט אים ניט גענאַרט? קיינער האָט אים ניט גענאַרט, דאָס לעבן האָט אים גענאַרט. אַ נאַריש לעבן. נאַריש. נאַריש . . . זיי האָבן שוין אָנגעצונדן די לאָמפּן? נאַכט, צי צוליבן נעבל? סיי ווי . . . ער האָט אויך אָנגעצונדן די לאָמפּן און געזען ווי ליכט און נעבל בויטען זיך. אין אַזאַ וועטער איז גאָר בעסער צו פאָרן אָן לאָמפּן, ער האָט זיי אָבער ניט אויסגעלאָשן, ער האָט נאָר אָנגעשטרייגנט געקוקט אויפן וועג. ווו איז ער אייגנטלעך? וווהין פאָרט ער? און נאָך וואָס? דער וועג אַ געדרייטער, בערגלעך, אים ניט באַקאַנט. ער איז דאָך געווען אויף . . . סאַנסעט בולוואַר, יאָ, סאַנסעט. אָה, דאָס מוז זיין דער בייער וועג צום ים. נאָך קיינמאָל ניט געפאָרן אויף אים. אַ שיינער וועג, אָבער אַ געדרייטער, מ'דאַרף זיין פאָרזיכטיק. אַ בליק צום שנעל־מעטער. דרייסיק, פינף און דרייסיק, דאָס איז ניט שנעל, ביי אַ קער־פּונקט וועט ער . . .

ער האָט געהאַלטן אין קירעווען, ערשט אַ פּאָר לאָמפּן האָבן אים אַ בלענד געטון אין די אויגן. ער האָט דערפילט אַז ניט נאָר די לאָמפּן, יענער גאַנצער אויטאָמאָביל רוקט זיך אָן אויף אים. ער האָט שאַרף אַ דריי געטון דאָס רעדל צום ראַנד פון באַרג. ער האָט דערפילט ווי דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַ בויג געטון, דאָס רעדל האָט זיך אַ ריס געטון

פון זיינע הענט. — דאָס איז עס! — האָט ער נאָך באַוויזן אַ טראַכט טון, אַ שאַרפער, שפּיציקער בליץ האָט אַ שניט געטון — נאָך ד ע ם געפאָרן!

אַ דונער, דאָס קראַכן פונם פאַלנדיקן אויטאָמאָביל, און שטיל, און פינסטער, די פינסטערניש האָט פאַרדעקט מנשה שטערן, אים איינגעשלונגען, פאַרשוווּנדן מנשה שטערן; און די שטילקייט האָט פאַטאַקעוועט — ניטאָ מנשה שטערן. אויס.

(21)

אויף מאָרגן האָבן צוויי פּאָליציאַנטן זיך אַריינגעשטעלט צו מירלען אין הויז.

— זייט איר מרס. סטוירן?

— י־־אָ.

— אייער מאַנס נאָמען מע־נאַ־שע סטוירן?

— י־־אָ.

— נו, אייער מאַן . . . ער איז דערהרגעט געוואָרן.

— ניי־ן! — מויל און אויגן אויפגעריסן.

— זיין אויטאָמאָביל האָט זיך איבערגעקערט, אַרונטערגעפאַלן. היינט גאַנץ פרי אים געפונען.

מירל האָט געשוויגן, אירע אויגן האָבן געוואַנדערט פון די פּנימער צו די מונדירן און צוריק צו די פּנימער. וואָס ווילן זיי? די פּאָליציסטן, געוויינט אָנצוזאָגן אַזעלכע בשורות, זיינען מבולבל געוואָרן פון איר שווייגן, איר קוקן. געוויין, היסטעריע, דאָס פאַרשטייען זיי, אָבער די אָ . . . — איר'ט גיין מיט אונדז, אידענטיפיצירן דעם קערפּער.

— איצטער?

— יאָ. מיר'ן אייך נעמען.

— וווהין?

— אין מאָרג!

— מאָר־ג?

— נו יאָ, איר דאַרפט אידענטיפיצירן דעם קערפּער.

מאָרג. אידענטיפיצירן. איר מוח האָט עס ניט באַנומען, זי האָט געוווּסט אַז די אָ ווינשן איר ניט קיין גוטס, זי'ט ניט גיין מיט זיי, אָבער זיי שטייען און וואַרטן. זאָל זי זיי נאָר אַרויספּראַוואַדען פון שטוב. גוט. זי גייט.

איין פּאָליציאַנט האָט, מעשה קאַוואַליער, פאַר איר געעפנט די טיר פון אויטאָמאָביל, זי אַריינגעלאָזט אין דער היִנטערשטער אָפּטיילונג. פאַר־מאַכט די טיר, האָט ער זיך אַריינגעזעצט פון פאָרנט לעבן זיין קאָלעגע און, ווען יענער האָט געלאָזט דעם אויטאָמאָביל אין גאַנג, האָט ער אים אַריינגעשושקעט: די דאַ. . . מע, זי קוקט מיר אויס אַ ביסל . . . דאַסיק.

— וואָס זשע?

— אָה, איר אופן פון רעאַגירן, בעסער געזאָגט, איר ניט רעאַגירן, ניט געפרעגט גאָרניט, אפילו ניט אַ וויין געטון. שוין געהאַט אַ פאַל ווען אַ פרוי האָט מיר געוואָלט אויסדראַפּען די אויגן, די אָ . . .

— קענט גאָר ניט וויסן. אפשר איז זי גאָר צופרידן. דאָס הייסט, אויב ער האָט געהאַט אַ נישקשהדיקע אינשורענס פּאָליסי. קענט גאָרניט וויסן. מיר, ווידער, גייט עס קנאַפּ וואָס אָן. מיר ברענגען זי. דער „קעפּטן”, ער׳ט צוזאַמענשטעלן דעם פּראָטאָקאָל, זאָל ער דערגיין די אַלע זאַכן.

זייער באַריכט צום פּאָליצמייסטער איז געווען אַ קורצער, אַ זאַכ־לעכער, פונדעסטוועגן האָבן זיי געגעבן אָנצוהערעניש אַז מיט דער פרוי איז עפּעס ניט גלאַטיק. — מיר׳ן שוין זען, — האָט דער פּאָליצמייסטער געזאָגט מיט דער זעלבסטזיכערקייט פון אַ העכערן באַאַמטן לגבי זיינע ראַנג נידעריקערע. ווען מירל איז שוין געזעסן ביי אים אין אָפיס האָט ער גאַנץ העפלעך, צו דער זעלבער צייט זייער צודרינגלעך, זי באַוואָרפן מיט פראַגן.

מירל האָט ניט געוווסט פונם כלל: ווען אין ספק ענטפער — ניין, זי האָט אָבער געפילט אַז דער מענטש איז ניט אויסן איר טובה, ניין, ער וויל איר שלעכטס טון, און אירע ענטפערס זיינען על פי רוב געווען — ניין, גאַנץ אָפט — איך ווייס ניט. זעלטן אַ יאָ. אירע ענטפערס האָבן געררייצט דעם פּאָליצמייסטער. ער האָט געהאַט בדעה צוזאַמענ־שטעלן דעם פּראָטאָקאָל און פאַרטיק, רוטינע פּראָצעדור, די אָנוצהע־רעניש פון די פּאָליציאַנטן און, דער עיקר, אירע קורצע נעגאַטיווע ענטפערס, האָבן אים דענערווירט. ער איז שוין ניט געווען קיין פּאָליצ־יי באַאַמטער, נאָר אַ שערלאָק האָלמס און אַ פּראָקוראָר צוזאַמענגענומען. דאָ מוז עפּעס שטעקן. אַ פרוי זאָל ניט וויסן איר שוויגערס מיידלשן פאַמיליען נאָמען דאָס קען ער זיך נאָך פאָרשטעלן, אָבער ניט וויסן איר מאַנס געבוירנטאָג! וואָס איז דאָס פאַר אַ פרוי? און דער עיקר, ניט זי ווייסט

ווהין ער איז געפאָרן, ניט ער האָט איר געזאָגט אַז ער'ט ניט קומען נעכטיקן און ווען ער איז די גאַנצע נאַכט ניט געווען האָט זי אפילו ניט גערופן די פּאָליציי אָדער אין שפּיטאָל. דאָס איז זייער פאַרדעכטיק. האָט ער גענומען פרעגן און איבערפרעגן, די זעלבע פראַגע געפרעגט אויף אַ פאַרקערטן אופן ביז ער האָט זי אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז אויף דער זעלבער פראַגע האָט זי געענטפערט אי ניין, אי יאָ, אי איך ווייס ניט. דאָס איז שוין טאַקע גאָר ניט גלאַטיק. אויב אַזוי, איז נאָך אַמאָל! סוף כל סוף האָט ער אַרויסגעקראָגן פון איר אַז דער מאַן אירער איז אַוועקגעפאָרן פון דערהיים פאַר וועטשערע, זיי האָבן געהאַט אַן איבער־רייד, נו יאָ, זיך צעקריגט. צוליב וואָס? צוליב אַ קלייניקייט. זי האָט געוואָלט . . . נאָך וועטשערע גיין זען אַ בילד און ער האָט ניט געוואָלט. צי איז ער צוליב דעם אַוועקגעפאָרן ווייסט זי ניט, פאַרוואָס זי האָט ניט גערופן די פּאָליציי ווען ער איז ניט געקומען די גאַנצע נאַכט ווייסט זי אויך ניט. ניט גערופן, און פאַרטיק.

אַריבער אַ שעה צייט האָט ער זי אָפּגעהאַלטן. ער האָט געזען ווי זי האָט זיך געדרייט אויפן ביינקל, געוואָרפן בליקן צו דער טיר, און נאָך מיט מער הנאה זי באַשאָטן מיט פראַגן, ערשט ווען ער האָט אַ קוק געטון אויפן זייגערל, געזען עס איז שוין באַלד איינס, לאַנג צייט געווען צו גיין עסן, האָט ער זיך מיישב געווען: וואָס וואָזיעט ער זיך מיט אָט דער נאַרישע פרוי? נו גוט, יענער פאַרשוין, דער מאַן אירער, איז אַנטלאָפן פון איר, אָדער זי האָט אים אַרויסגעטריבן און ער האָט באַ־שלאָסן אַז איידער לעבן מיט אַזאַ פרוי איז שוין בעסער מאַכן אַ סוף, ניט אויסגעשלאָסן אַז עס איז געווען אַ מין זעלבסטמאָרד. דער פאַקט איז — שכור איז ער ניט געווען, געווען נעבלדיק, אָבער דער וועג איז ברייט גענוג, קיינער האָט ניט באַריכטעט קיין צוזאַמענשטויס און די קאַר האָט ניט געוויזן קיינע סמנים דערפון, דאָס אַלץ דייט אָן אַז דער מענטש האָט „געטריבן צום טויט", אָבער, אין תוך, וואָס גייט עס אים אָן? אַ פּראָטאָקאָל האָט ער צוזאַמענגעשטעלט? גענוג. צייט צו עסן. האָט ער איר אונטערגערוקט אַ פּאַפּיר —חתמעט אייער נאָמען. אָט דאָ אָ, אויף דער שורה. — שיר שיר האָט מירל ניט אַ פרעג געטון: וואָס שוין ווידער? זי האָט דאָך אונטערגעשריבן און אַ קוק געטון: שוין אפשר נעמען אַן עק? ער האָט איר דערלאַנגט נאָך אַ פּאַפּיר. — דאָס איז פאַר די פּאַפּירן וואָס מ'האָט געפונען „אויף זיין קערפּער". — ער האָט איר דערלאַנגט אַ לאַנגן ברוינעם קאָנווערט. — דאָרטן דאָ אַ ביסל געלט. — זי האָט

אונטערגעשריבן, צוגענומען דעם קאָנווערט. — דאָס איז כמעט אַלץ, אה יאָ, וואָס איז מכוח זיין קערפּער?

— קער־פּער?

— נו יאָ, זיין קערפּער. ער קען דאָך ניט בלייבן ליגן. זי דאַרף אים צונעמען. קען זי אַראַנזשירן די קבורה, ווייסט זי פון אַ באַגרעבער?

זי האָט דערזען מאַרווינס לויה. — יאָ, זי ווייסט.

— וועט זי שוין אַכטונג געבן דאַרויף. נו, דער ענין איז דערליידיקט. זי קען גיין אַהיים.

אַריינקומענדיק אין שטוב, האָט מירל די ערשטע זאַך פאַרשלאָסן די טיר, ניט נאָר אויפן שלאָס, נאָר אויך מיטן ריגל, אַ טאַפּ געטון דאָס קליינע פענסטערל אין טיר צי איז עס פאַרמאַכט אויפן האטשעק און נאָכדעם גענומען גיין פון איין צימער אין צווייטן, פאַרמאַכן, פאַרשליסן אַלע פענסטער. פאַרשלאָסן אַלע עפענונגען, האָט זי זיך אויך פאַרשלאָסן אין איר וועלט, טויט צו דער וועלט אַרום.

אין אָוונט, ווען דזשעני איז געקומען, האָט זי לאַנג געקלונגען, געקלאַפּט אין טיר ביז מירל איז צוגעגאַנגען, געעפנט דאָס טיר־לופטשיקל, אַ זאָג געטון: דאָס ביסט־ו? און ערשט דאַן געעפנט די טיר און זי אויף גיך פאַרמאַכט צוריק. ווען דזשעני האָט איר גענומען איבערפרעגן: וואָס, ווען, ווי אַזוי? האָט מירל מיט כעס אַ זאָג געטון — דו פרעגסט שוין אויך קשיות? שוין געהאַט גענוג אויספרעגענישן ביי דער פּאָליציי. ער איז טויט, דאָס איז אַלץ וואָס איך ווייס.

— ווו איז ער? כ'מיין, ווו געפינט ער זיך? האָסט אים געזען?

— געזען, — האָט מירל אַ זאָג געטון מיט אַ טאָן פון: מ'שטייגס געזאָגט, וואָס עס איז שוין דאָ צו זען, און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— ווו האָסטו אים געזען?

— וואָס הייסט ווו? דאָרטן. ביי דער פּאָליציי.

— זיי האַלטן אים?

— זיי האַלטן אים! זיי דאַרפן אים האָבן? מיר געזאָגט איך זאָל אים צונעמען. ווו וועל איך אים נעמען, ווו?

— וואָס הייסט ווו? מ'דאַרף מאַכן אַ לויה. האָסט גערופן אַ באַגרעבער?

— כ'האָב קיינעם ניט גערופן.

דזשעני האָט אַ קוק געטון אויף מירלען. זי געפעלט איר ניט. אָבער טאַקע גאָרניט. זינט דאָס קינד איז געשטאָרבן איז זי געוואָרן אַן אַנדער מענטש, אָבער אַזוי ווי איצט . . . — ווילסט איך זאָל רופן?

— רוף אַז דו ווילסט. — ווי איינער רעדט: מיר גייט עס ניט אָן.

— גוט, די לויה וועל איך שוין באַזאָרגן. זאָג זשע מיר, געלט האָסטו?

— געלט? ווי קומט צו מיר געלט?

— כ׳מיין, מנשה האָט גאָרניט איבערגעלאָזט?

— וואָס ווייס איך? איבערגעלאָזט. אָט דאָס אָ, — האָט זי דער־לאַנגט דזשעניין דעם גרויסן קאָנווערט. — די פּאָליציי האָט עס מיר געגעבן. קענסט עס נעמען.

דזשעני האָט אָן עפן געטון דעם קאָנווערט. פון דאָרט האָט זיך אַ שאָט געטון מינץ. זי האָט שוין פּאָרזיכטיק אַריינגעקוקט, אַרויסגע־צויגן פון דאָרט צוועלף דאָלער פּאַפּיר געלט, עטלעכע קאָרטלעך, מנשהס דערלויבעניש צו טרייבן דעם אויטאָמאָביל און אויך זיין טשעק ביכל. זי האָט אַ בלעטער געטון די טשעק־פּיאות, דערזען אַ באַלאַנס פון קנאַפּע פיר הונדערט דאָלער. אפשר זיין גענוג צו דעקן די לויה הוצאות, אויב מ׳וועט קענען אַרויסקריגן דאָס געלט פון באַנק. מיט מירלען איז ניטאָ וואָס צו רעדן, זי׳ט זיך שוין מיישב זיין מיטן מאַן, מיט פריינט. זי האָט אַריינגעלייגט דאָס טשעק ביכל צו זיך אין בייטל און אַ וויז געטון אויף די צוועלף דאָלער — באַהאַלט!

— קיינער וועט ניט אַוועקגנבענען, — האָט מירל געענטפערט מיט ביטול.

— עסן האָסטו?

— כ׳האָב! — איר טאָן — טשעפּע זיך אָפּ פון מיר.

דזשעני איז אַוועקגעגאַנגען, האָט מירל גלייך אויסגעלאָשן דאָס ליכט. מער לאָזט זי קיינעם ניט אַריין.

דזשעני האָט אראַנזשירט די לויה, זי האָט גענומען מירלען צו דער לויה און פון דאָרט. איר ניט וויינען, איר שווייגן די גאַנצע צייט, איר שאָקלען זיך האָט געשראָקן דזשעניין, פונדעסטוועגן האָט זי אַ זאָג געטון — וועסט אפשר גיין צו מיר? זיין ביי מיר אַ טאָג, צוויי.

— נעם מיך אַהיים! — דער ענטפער אַ צאָרנדיקער באַפעל. דזשעני האָט שווייגנדיק אויסגעפאָלגט. ווען זי האָט אַרונטערגעלאָזט מירלען לעבן הויז האָט זי איר נאָכגעקוקט ווי זי איז געגאַנגען צום טיר; וואָס פון אַ מענטשן קען ווערן. מוזן קומען צו איר אָפטער. ווער ווייסט וואָס זי קען דאָרטן אָפּטון איינע אַליין.

קלינגען, קלאַפּן אין טיר, האָט דזשעני שוין געוווסט איז אַן עסק

אויף ווי לאַנג. אָנגעקלאַפּט אין פענסטער פון שלאָפצימער, האָט מירל אַ הייב געטון דעם פאָרהאַנג, זיך איינגעקוקט און זי אַריינגעלאָזט. יעדן מאָל האָט זי מיטגעבראַכט עפּעס עסן.

— גייסט גאָרניט אַרויס איינקויפן?

— מ׳ברייננגט אַלץ אַריין, — האָט מירל געענטפערט, דזשעני איז אָבער ניט געווען זיכער אַז מירל באַנוצט זיך מיטן טעלעפאָן. און ווו נעמט זי געלט? דזשעני איז אפילו ניט געווען זיכער צי מירל עסט אויף אַלץ וואָס זי ברייננגט איר. אויסגעדאַרט געוואָרן — אַ סקעלעט. צו זיין זיכער אַז זי וועט כאָטש איין מאָלצייט אָפּעסן ווי עס דאַרף צו זיין האָט זי, ברייננגנעדיק אַ ביסל געקעכץ, עס גלייך אָנגעוואַרימט און גערופן מירלען צום טיש. ביי אַזאַ געמיינזאַמען עסן האָט זי געפּרוווט דערגיין ווי האַלט עס טאַקע מיט מירלען. אַז זי איז ניט מיט אַלעמען, דאָס האָט זי געזען, אָבער ווי ווייט גייט איר משוגעת? איינמאָל, ביים עסן, האָט זי, כלומרשט אגב אורחא, אַ פרעג געטון: — הערסט עפּעס פון מולין?

— וועלכן מולי?

— וואָס הייסט וועלכן? אונדזער מולי, דער אַלטער מולי.

— יענער מולי איז שוין לאַנג געשטאָרבן.

— מולי געשטאָרבן! גיי שוין גיי, מאַכסט אַ טעות.

— איך מאַך שוין גאָרניט קיין טעות. יענער מולי איז געשטאָרבן.

דזשעני האָט געקוקט אויף מירלען. ווייסט זי וואָס זי רעדט? זי איז . . . ניט ביים זינען, דאָס איז זיכער, אָבער איר אויסזען איז איצט איז ניט פון קיין משוגענער, און אפילו די רייד, דער עיקר דער אַקצענט אויף „יענער" מולי, איז אי ניט קלאָר, אי סודותדיק. אויף טשיקאַוועס האָט זי אַ פרעג געטון — און וואָס איז מיטן אַנדערן מולי? פון אים הערסטו עפּעס?

— ווער הערט פון אים? אַ ווינט אין פעלד. זיי ווילן אים אויך כאַפּן, אָבער ער פייפט אויף זיי. — אויף דעם פינסטערן פּנים האָט זיך צעשפּילט אַ שטיפערישער פריידיקער שמייכל. גאָר די אַלטע מירל. — און איך פייף אויך אויף זיי. זיי׳לן מיך ניט פאַקן! — האָט זי אַ קלאַפּ געטון אין טיש.

— ווער איז דאָס דער זיי?

— וואָס הייסט, דו ווייסט גאָרניט? די פּאָליציי! האָבן אויף מיר אויסגעטראַכט אַז איך האָב אים דערהרגעט.

— וועמען?

— וואָס הייסט וועמען? מאַרווינען!

— מאַר־ווינען! מילא מנשה, ער איז דערהרגעט געוואָרן, איז אויך...

— אים אויך. אַזוי זאָגן זיי. דערפאַר יאָגן זיי זיך עס אַזוי נאָך מיר, אָבער איך בין אַזוי קלוג ווי זיי, זיי וועלן מיך נ י ט פאַקן!

דזשעני האָט געהערט זי רעדן, אָבער איר האָט זיך געדוכט די רייד קומען פון ווער ווייסט ווו, דורך דער ראַדיאָ, עפּעס אַ „דעטעקטיוו סטאָרי״, זי האָט געקוקט אויף מירלען און זיך געחידושט: איז דאָס מירל? די „אַלטע״ מירל?

מיט אַ שווער האַרץ איז זי אַוועקגעגאַנגען. זי וואָלט באַדאַרפט עפּעס טון. זי נעמען צו אַ דאָקטאָר, אַריינגעבן אין שפּיטאָל. זי לאָזן אָט אַזוי אָ . . . ניט אומזיסט רעדן די שכנים. זי׳ט קומען נאָכאַמאָל, זען . . .

ווען דזשעני איז ווידער געקומען האָט זי געטראָפן מירלען ניט אַזאַ חושכדיקע ווי לעצטן מאָל. זי האָט אַ טראַכט געטון: אפשר פאָרט אַ טעות געמאַכט? זי האָט עפּעס געפרעגט און מירל האָט געענטפערט צו דער זאַך. האָט זי זיך געווענדט צו איר. — ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן, מירל? קום, לאָמיר זיך גאָר דורכפאָרן אַ ביסל. איך בין דאָ מיט דער מאַשין. אַזאַ שיינער טאָג היינט. — זי האָט דערזען ווי מירלס פּנים האָט מיט אַמאָל זיך געביטן און זי האָט דערהערט. — אָה, אַזוי די מעשה! האָסט, הייסט עס, געשלאָגן בלאַט מיט זיי. דאָס האָבן זיי דיך אָנגעשטעלט דו זאָלסט מיך פאַרנאַרן.

— מירל! וואָס רעדסטו?

— דו רעדסט נאָך! דו שפּיאָן, דו פאַרשיווער! אַרויס פון מיין שטוב!

— מירל! גאָט איז מיט דיר!

— פאַרנעם זיך פון דאַנען! די מינוט! ווייל איך פלעט דיר דעם קאָפּ!

אַ דערשראָקענע, ניט אַזוי פאַרן פלעטן דעם קאָפּ, נאָר פון דעם ווי אַזוי אַ מענטש קען עס אַזוי אַרונטער פון זינען, האָט דזשעני אויף גיך זיך אַרויסגעשאַרט פון הויז. פאַרפאַלן . . . די שכנים זיינען גערעכט. מ׳וועט מוזן עפּעס טון . . .

(22)

Dי ערשטע דריי טעג אין דער „היים פאַר גייסטיק הינטערשטעליקע״ — אַן איידעלער נאָמען פאַר אַ משוגעים אנשטאַלט — זיינען געווען זייער שווערע. אין יעדן מענטשן מיט אַן אוניפאָרם, האָט עס געמעגט

זיין בלויז אַ ווייס רעקל, האָט מירל געזען אַ פּאָליצמאַן וואָס „האָט זי געפּאַקט", און ווי נידערשלאָגן זי איז געווען פונם „געפּאַקט ווערן" האָט זי דאָך זיך ניט אונטערגעגעבן. מיט די הענט, מיט די פיס, מיט די נעגל, מיט די ציין האָט זי זיך געווערט. די אָנגעשטעלטע, ווידער, האָבן ניט נאָר זיך פאַרטיידיקט קעגן איר, זיי האָבן געוווסט אַז אַ פּאַציענט דאַרף מען „איינברעכן", האָט שטאָל זיך אָנגעקלאַפּט אָן שטיין און פונקען זיינען געפלויגן. סוף כל סוף האָבן זיי זיך געכאַפּט אַז מיט שטירדעס טויג ניט און זיי האָבן גערופן צו הילף די געניטע וואַרטספּרוי אַגנעס מאָרגאַן, און מירל, אויסגעמאַטערט פונם געראַנגל, האָט אַגנעסן אויפגענומען.

אַגנעס מאָרגאַן איז געווען אַ פרוי פון אַ יאָר צוויי און פופציק, לויט איר שטעל און אויסזען האָט מען זי געקענט אָננעמען פאַר אַ פרוי אין די פערציקער. אַטלעטיש געבויט, מיט מוסקולן פון אַ ראַנגלער, האָט זי נאָך איצט געקענט איינקלאַמערן דעם ווילדסטן פּאַציענט ער זאָל ניט קענען אַ ריר טון מיט אַן אבר, זי האָט אָבער זעלטן ווען באַנוצט אירע אָרעמס, זי האָט בעסער געווירקט מיט איר אָפענעם פּנים, אירע גרוי־בלויע פריילעכע אויגן, איר וואַרעמער סאַמעטענער שטימע און איר געזונטן . . . שכל. זי האָט דורכגעשטודירט מירלס „געשיכטע", און ווען זי איז צום ערשטן מאָל אַריינגעקומען צו איר אין צימער, האָט זי זיך געווענדט צו איר מיט אַזאַ וואַרעמען, פריילעכן: העללאָ, מירל! אַז מירל האָט פאַרחידושט אַ קוק געטון אויף איר: ווער איז אָט די פרוי? זי האָט זי, דוכט זיך, ערגעץ געזען. די אויסגעשטרעקטע האַנט האָט זי ניט אָנגענומען.

— קענסט מיך ניט? — האָט זי זיך צוגעזעצט צו מירלען, איר פאַרקוקט אין די אויגן. — מיין נאָמען איז מאָרגאַן, אַגנעס מאָרגאַן.

מירל האָט זיך אָפּגערוקט פון איר. — צי קען איך דיך? אודאי קען איך דיך. די ביסט איינע פון זיי . . . פון דער פּאָליציי.

— ריכטיק. איך און די פּאָליציי ווי אַנדערע צוויי. ווען ניט דאָס וואָלסטו היינט ניט געווען דאָ ביי מ י ר, נאָר ביי זיי ד אָ ר ט, — האָט זי אַ וויין געטון מיט דער האַנט. — אין קאָטשומענט! — האָט זי אַ וויין געטון מיטן פינגער אַרונטער.

מירלס אויגן האָבן זיך אַן עפן געטון, אָט אָט טוט זי אַ שפּרינג אויף. די שיין פון אַגנעס מאָרגאַנס אויגן, דער שמייכל אויף איר פּנים: נאַריש קינד! וואָס האָסטו מורא, וואָס? פאַר אַ מאַמע האָט מען מורא? אַ̇ן אַ סאַמעטענע שטימע זאָגט: — די פּאָליצלייט, זיי זיינען געזונטע חברה,

זיך שלאָגן מיט זיי האָט קיין זין, אָבער מיר קענען זיי בייקומען, ווייל מיר זיינען קלוגער פון זיי. זיי האָבן טאַקע געוואָלט דיך פאַרנעמען צו זיך, בין איך אָבער אָנגעקומען און געזאָגט צו זיי: חברה! שעמען מעגט איר זיך, איר צוויי געזונטע לאבוזעס, פאַלט אָן אויף איין פרוי. לאָזט זי צורו! איר גיט זי מיר, איכ׳ל שוין אַכטונג געבן אויף איר. ,וווּ וועסטו זי אַהינטון?׳ וואָס הייסט ווו? איכ׳ל זי נעמען צו מיר אַהיים! אין אָט ביסטו דאָ, אין מיין היים.

— דאָס איז ניט דיין היים.

— דאָס איז מיין היים! און דיין היים אויך. נאָך אַ מין היים! וועסט אַרויסגיין מיט מיר וועל איך דיר ווייזן — די גאַנצע היים איז אַרומגעצאַמט מיט אַ הויכן פאַרקאַן און קיין פּאָליצמאַן קען אַהער ניט אַריינשטעלן אַ פוס. ניט ווען איך בין דאָ! דאָ בין איך באַלעבאָס, און דאָ ביסטו אַזוי זיכער ווי ביי דער מאַמע אויפן שויס. זאָג זשע מיר, טאָכטער מיינע, ביסט׳אָך מסתמא גוט הונגעריק, וואָס איז מכוח כאַפּן אַ ביס ,איך מיט דיר?

— איך וועל ניט עסן! זיי ווילן מיך פאַרסמען, ווילן זיי.

— אודאי ווילן זיי, אָבער גיב אַ קוק . . . — איר ווייסע פאַרטוך־קלייד האָט געהאַט אַ היפּשע צאָל קעשענעס פון דרויסן און אינעווייניק, און פון אַן אינעווייניקסטער אויבערשטער קעשענע האָט זי, ווי פון בוזעם, אַרויסגעצויגן אַן איי, עס געוויזן מירלען. — דו ווייסט וואָס ד אָ ס איז?

— וואָס הייסט איך ווייס? אַן איי!

— אודאי אַן איי, — האָט אגנעס פּאָטאַקעוועט שקאָציש, — אָבער נעם עס אין האַנט, גיב גוט אַ קוק! זעסט? קוק זיך גוט צו. קיין לעכעלע, קיין שפּעלטעלע, אָט ערשט פון דער הון אַרויס. אַ ה ע ר קען קיין סם ניט אַריין. האָב איך געבראַכט צוויי אייער, איינס פאַר דיר, איינס פאַר מיר, — זי האָט אַרויסגעצויגן נאָך אַן איי, — און מיר׳ן ביידע עסן. אָט אַזוי, — האָט זי אַ קלאַפּ געטון איר איי, איינגעבראָכן די שאָלעכץ, — און דו שייל אָפּ דיינס. — זי האָט אויף גיך אָפּגעשיילט איר איי, אַכטונג געגעבן ווי מירל שיילט אירס, און נאָך איידער מירל איז פאַרטיק געוואָרן האָט זי איינגעביסן איר איי און זיך פּאַסמאַקעוועט אויפן קול — הם . . . ! געשמאַק! — און ווי געכאַפּט זיך אַז עפּעס פעלט האָט זי אויסגערופן — כ׳האָב דאָך גאָר פאַרגעסן, ברויט! תוך כדי דיבור האָט זי פון אַ באַהאַלטענער קעשענע אַרויסגעצויגן צוויי קליינע חלהלעך,

דערלאַנגט איינס מירלען. מירל האָט עס אָפּגעשטויסן — סם! — אַגנעס אָט ווי זי וואָלט גאָרניט געהערט, האָט גענומען דאָס חלהלע, עס צעבראָכן אויף דער העלפט, אויף גיך איינגעביסן. — גוט . . . — און זי האָט אַ ווונק געטון מיטן אויג. — ווילסט? — און דערלאַנגט מירלען ביידע העלפטן. מירל האָט אויסגעקליבן די אָנגעביסענע העלפט.

דאָס איז געווען אַגנעסעס ערשטער עקספּערימענט מיט עסן און זי איז געווען צופרידן. עטלעכע טעג אַזוי. אייער, עפּל, באַרן, פּאַמידאָרן, ניס, אַרבעס, אַליין אויסגעשיילט פון דער שאָלעכץ, די אַלע „טרוקענע" שפּייזן האָט זי שוין געגעסן מיט חשק, דערפאַר אָבער „נאַסע" שפּייז, געקאָכטע פלייש, צי אפילו פּוטער האָט זי ניט געוואָלט נעמען אין מויל אַריין — סם! וואַסער האָט זי יאָ געטרונקען. די טרוקענע שפּייזן האָט זי שוין געגעסן אפילו ווען אַגנעס האָט ניט געגעסן, אויב אַגנעס האָט נאָר דערלאַנגט, זי און ניט קיין אַנדערער. דער דאָקטאָר איז געווען זייער צופרידן מיט דער גיכער פאַרבעסערונג אין מירלס געזונט צושטאַנד, ניט נאָר האָט איר פּנים זיך אויסגעפילט, אפילו דער אויסדרוק פון פּנים האָט זיך געביטן. — גייט אָן מיט אייער אַרבעט, — האָט ער דערמוטיקט אַגנעסן און אגנעס האָט, ניט אָן גאווה געענטפערט: איך וועל. שטילערהייט האָט זי אונטערגעשמייכלט פון די דאָקטוירים, דער עיקר די יונגע, מיט זייער וויסן געשעפּט פון ביכלעך. זי האָט זיך איר דערפאַרונג, אירע מעטאָדן. געווינען דעם פּאַציענטס צוטרוי, דאָס איז דער עיקר. ווי משוגע אַ מענטש זאָל ניט זיין, אויב ער געטרויט נאָר עמיצן, האָט ער גענוג שכל אים נאָכצוטון, און נאָך אַ זאַך, די משוגענע וועלט מיט איר משוגענער לאָגיק איז פּונקט אַזוי ניט אויסגעהאַלטן ווי די, מ'שטייגס געזאָגט, קלאָרע וועלט. דער משוגענער, ווי דער קלאָרער, ווייכט אָפּ פון דער אויסגעהאַלטנקייט צוליב אַזאַ פּרימיטיוון דראַנג ווי עסן, אַשטייגער, מ'דאַרף נאָר וויסן ווי דאָס אים דערלאַנגען.

באַוואָפנט מיט איר וויסן, מיט מירלס צוטרוי, איז אגנעסן געלונגען אפילו פאַרנאַרן מירלען אין דרויסן. אַ מאַמע פירט אַ קינד, ניין, צוויי חברטעס גייען אַרויס אויף אַ שפּאַציר, האַלטנדיק זיך פאַר די הענט. אַזוי לאַנג ווי מ'האָט שפּאַצירט אויפן טראָטואַר לייגג אויס דער געביידע איז אַלץ צוגעגאַנגען כשורה, ווען מ'איז פאַרבייגעגאַנגען די געביידע, געבליבן אויפן אָפענעם טראָטואַר, האָט מירל אַ שפּרונג געטון אָן אַ זייט, גענומען לויפן. אַגנעס האָט זי אָנגעיאָגט.

— וואָס איז דער מער, מירל? פאַרוואָס האָסטו אַ שפּרונג געטון?

— אַ מינע, — האָט מירל איר איינגערוימט אַ סוד, — זיי האָבן אַוועקגעלייגט אַ מינע.

— גיי שוין גיי. אָט גיי איך דאָך מיט דיר. זעסט? זי איז צוגע־גאַנגען צום טראָטואַר און צוריק. — ניטאָ קיין מינע.

— חכמה! פאַר דיר איז טאַקע ניטאָ קיין מינע. די מינע איז געלייגט געוואָרן פ ו ן מ י י נ ע ט וו ע ג ן! פאַרשטייסטו שוין? זיי ווילן מיך פּאַקן, אָבער איך בין אַזוי קלוג ווי זיי. זיי וועלן מיך ניט פּאַקן!

— אודאי ניט. ניט ווען איך בין מיט דיר. קום, לאָמיר גיין אַהיים.

מירל האָט אַ מעסט געטון דעם שטח ביזן טראָטואַר און אַ שפּרונג געטון. אגנעס איז איר נאָכגעשפּרונגען. אַ שפּיל אַזאַ, הייסט עס, און מיט אַ שפּילעוודיקן טאָן אַ זאָג געטון: האָבן מיר געוונומען אונדזער שפּאַציר, איצט גייען מיר צוריק אַהיים, און זי אַריינגעפירט צוריק אין איר צימער.

אַגנעס מיט איר גאַנצער דערפאַרונג, איר בקיאות אין משוגעתן, האָט אויסגעפונען אַז ניט נאָר די דאָקטוירים, אויך זי קען נאָך עפּעס לערנען. אָט האָט זי זיך דערוווסט אַז אַ מינע קען אַוועקגעלייגט ווערן פאַר איין באַשטימטער פּערזאָן, און, אין דער משוגענער וועלט, איז עס גאָרניט אַזוי . . . משוגע. זי האָט אַ שמייכל געטון: יאָ, זי קען נאָך עפּעס לערנען, סיי ווי, איר איז פּאָרט געלונגען אַרויסנעמען מירלען אין דרויסן, דאָס אַליין איז שוין אַ דערגרייכונג.

אַגנעס האָט אַ סך דערגרייכט מיט מירלען, אָבער ניט יעדן טאָג איז אַגנעס געווען, און דאַן איז געווען צרות, אויך אין טעג ווען אַגנעס איז יאָ געווען איז ניט אַלע מאָל צוגעגאַנגען גלאַטיק. מירלס משוגעת איז געגאַנגען כוואַליעמעסיק, שוואל און פאַל, און אַמאָל גאָר געקומען ווי אַ שטורעמווינט, טאַקע גיך אַריבערגעגאַנגען, אָבער איבערגעלאָזט מירלען אַ דערשעפּטע, אַ צעבראָכענע. אַזוי דריטהאַלבן יאָר. ביז אין איינעם אַ טאָג, געווען איז דאָס נאָכדעם ווי די משוגעת כוואַליע איז געהאַט געגאַנגען גאַנץ הויך, האָט מירל ניט געוואָלט נעמען אַ ביסן אין מויל: סם! — די זעלבע אַלטע געשיכטע, — האָט דער דאָקטאָר עס מבטל געווען. אַגנעס האָט אויך אַזוי געדיינקט. זי האָט גענומען פּראַק־טיצירן איר מעטאָדע . . . אָבער אַלע אירע פּאָרטלען האָבן ניט געהאָלפן.
— איך קען נישט! — האָט מירל זיך געקלאָגט שוין גאָרניט ווי קיין משוגענע, — עס טוט מיר וויי. אָט דאָ אָ! — ווען אגנעס האָט אָנגערירט

מיט אַ פינגער דעם פלאַץ, איז מירל אַזש אויפגעשפרונגען פון ווייטיק. אַגנעס האָט אַרויסגעזאָגט איר חשד צום דאָקטאָר אַז דאָס מאָל מוז עס זיין טאַקע עפּעס פיזישעס. דער דאָקטאָר האָט באַטראַכט מירלען, האָט אָפּגעהאַלטן אַ קאָנסולטאַציע מיט נאָך איינעם און ביידע האָבן באַשלאָסן — אפּערירן. ניט קיין גרינגער עסק, אָבער מ׳מוז, און טאַקע אויף גיך.

פון אָפּעראַציע טיש האָט מען מירלען אַרונטערגענומען אַ לעבעדיקע. אויף דער צווייטער נאַכט, דער אפּעראַציע טשאַד האָט שוין אַזוי גוט ווי אויסגעוועפּט זיך, אין קאָפּ האָט זיך אָבער געמישט, געבויטעט. זי שטייט אין קיך ביים פענסטער, מיט אַמאָל דערהערט זי מאַרווין ווייגט, שרייט מיט באַנומענע קולות. זי לויפט אַרויס. „איך האָב זיך צעשניטן מיטן מעסערל!״ זי גיט אַ נעם דאָס מעסערל, טוט עס אַ שמיץ מולין אין פנים, מאַרווינען, אַ פאַרבלוטיקטן, כאַפּט זי אויף די הענט און לויפט. בלוט גיסט זיך, פון מאַרווינען, פון איר, אָבער זי לויפט, מולי ,מיט אַ מעסער אין האַנט, לויפט איר נאָך, הינטער אים פאָליציי, און זי לויפט, לויפט . . . עמיצער איז שוין לעבן איר. זי טוט אַ דריי דעם קאָ פּ— מנשה. זי טוט אים אַ שטויס מיטן עלנבויגן, ער פאַלט אום און זי לויפט ווייטער. זי איז שוין אָן אָטעם, אָט אָט פאַלט זי אַוועק, מיט אַמאָל אַ טייך. אַ טייך? דאָס איז דאָך איר טייך! דער האָרין! טוט זי אַ גורע. אַה! קיל, ריין . . . און שטיל, אַ־זוי שטיל. ווו איז מאַרווין? מאַרווין ווו איז? מיטן קאָפּ זעצט זי דורך די וואַסער סטעליע און זי רופט, שרייט: מאַר־ר־ר־

— דער גסיסה כאָרכל, — האָט אַגנעס טרויעריק אַרויסגעברומט און איר האַנט האָט זיך אַ שטרעק געטון.

מירל האָט ניט געהערט, ניט געזען אגנעסן, ניט געפילט איר האַנט אפילו. זי האָט דערפילט אַז עמיצער האָט זיך אָנגעהאנגען אָן אירע פיס, ציט זי, שלעפּט זי. זי האָט אַ דריגע געטון מיט די פיס און גלייך פאַר־שטאַרט געוואָרן: דאָס האָט מאַרווין זיך אָנגעהאנגען אָן אירע פיס און ער ציט עס זי אַרונטער, אַ־

רונ־

טער.

און מירל איז געזונקען טיפער און טיפער.

אויפן וואַסער שפּיגל האָט איין קרייז געפליסטערט צום צווייטן: געזען? — ניט די ערשטע, — האָט איין קרייז געענטפערט. — יאָ, ניט

די ערשטע, — האָט אַ קרייז זיך אַ חנדל געטון. — און ניט די לעצטע, — האָט אַ קרייז ווייסעריש געענטפערט. — יאָ, אַזוי גייט עס, — האָט אַ קרייז פּאַטאַקעוועט, — אָבער וואָס גייט עס אונדז אָן? מיר גייען זיך אונדזער וועג.

אָפּגעסודעט זיך, זיינען די קרייזלעך זיך צעגאַנגען. דאָס וואַסער, גלאַט און שטיל, איז זיך געגאַנגען דעם אייביקן וועג . . .

אַרויס פון די האָלאַבליעס

פון לאָס אַנגעלעס קיין פּאַלם ספּרינגס, אַ ניינציק מייל, לופט ליניע, זײַנען זיי געפלויגן.

געלאַנדעט, האָט ער אַ קוק געטון אויפן האַנט־שלאָס זייגער און מיט שטאָלץ אַ זאָג געטון צו זיין מיטפּליערין: צוויי און דרייסיק מינוט מיט צוועלף סעקונדן! ניט שלעכט, האַ?

איידער זי האָט נאָך געענטפערט איז שוין דער שאָופער פון אויטאָמאָביל, וואָס האָט געוואַרט אויף זיי, געשטאַנען ביי דער געעפנטער טיר, גרייט זיי אַריינצולאָזן. זי האָט זיך אַ נויג געטון אַריינצוגיין אין אויטאָמאָביל, אַן אָפּנויג פון אָט דעם נויג האָט דער שאָופער גענומען פאַר זיך, באַצאָלט דערפאַר מיט אַן עקסטרא שמייכל, זיך נאָך מער אַ נויג געטון, געמאַכט אַ מין רעוועראַנס, אַריינגעלאָזט איר באַגלייטער און צוגעמאַכט די טיר. אין עטלעכע סעקונדן אַרום האָט זיך דער אויטאָמאָביל אַ ריס געטון פון לאַנדונג פעלד, איבערלאָזנדיק הינטער זיך אַ שטויב וואָלקן, און אין אַכט מינוט אַרום זיינען זיי געווען אין „גאָרטן פון אַללאַה", וווּ עס איז פאַר זיי געווען רעזערווירט אַ „גאַנג צימערן".

ביים טויער פון אָט דעם רייכן האָטעל זיינען געווען אָנגעשטעלט אַ פּאָר טוצן וועלאָסיפּעדן. פּאַלם ספּרינגס איז געגאַנגען אויף רעדלעך. פאָרן אויף אַ וועלאָסיפּעד איז געווען אין דער מאָדע אָט ווי טרינקען טאָמייטאָ זאַפט, לייזן קרייץ ווערטער רעטענישן, שפּילן פינג פּאָנג און ענלעכע חידושים. „וואָס קורצער די הויזן אַלץ לייגער דאָס לעבן", איז געווען דער דעוויז פונם וועלאָסיפּעדן שטאַנד. מענטשן האָבן זיך באַמיט פאַרלייגערן זייער לעבן. אַלטע מענער, מיט רעוומאַטיזם אין די ביינער, אויסגעפּוצט אין אַ שטרוי הוט אויפן פליכעוואַטן קאָפּ און אַ פּאָר קורצע ווייסע הויזלעך אויף די לענדן, האָבן געדרייט מיט אויסגעקרימטע פיס די פּעדאַלן, זיך געיאָגט נאָך די יונגע, אויסגעגלייכט זיך, אָדער באַגעגנט זיך מיט אַ יונגער מיידל, זיך ווויליונגעריש צעשמייכלט: זעסט? איך קען נאָך . . . יונגע, געזונטע, שלאַנקע בחורים, מיט לאַנגע הענט און פיס, פאַרברוינטע פּלייצעס, זיינען גראַציעז געזעסן, האַלב געשטאַנען, אויף זייערע וועלאָסיפּעדן, זייערע באַוועגונגען — אַ פּאַמע־

לעכער דריי, אָט אַזוי זיך, כלאחר רגל, דאָס שנעל דרייען לאָזן זיי פאַר די מיידלעך; זיי, די בחורים, קענען זיך פאַרגינען צו דרייען פּאַמעלעך, זאָלן די מיידלעך קוקן, זאָלן זיי זען די מוסקוליסטע אָרעמס, די געזונטע, שטייפע ליטקעס, די ברייטע ברוסטן און די געזונטע ווייסע ציין ביים שמייכלען. האָבן די מיידלעך אויף די וועלאָסיפּעדן אויפגעכאַפּט די שמייכלען פון די בחורים, געזען זייערע געזונטע ציין, זייערע מוסקוליסטע אָרעמס, קרעפטיקע ליטקעס און פאָרנדיק גראַציעז, קאָקעטירנדיק אין זייער זיצן, אין זייער דרייען די רעדלעך, געענטפערט: קוקט אויף א ו נ ד ז! בחור, זע מ י ך! איך טראָג קיין היטל, איך האָב קיין מורא פאַר דער מדבר זון, זאָלן מיינע האָר זיך וויגן אין דער לופט, זאָל דאָס ווינטל דערטראָגן דעם ריח פון די האָר אין דיינע נאָזלעכער; נאַקעט איז מיין פלייצע, זאָל די זון זי גלעטן, דערפאַר אָבער זיינען מיינע בריסט פאַרדעקט מיט אַ באַנדאַנע — אַ רויט טיכל איבער די בריסט, די עקן פון טיכל פאַר־בונדן אויף הינטן, — קענסט ניט זען אָט די בריסט מיינע, בלויז די שפּיציקע ניפּלען קענסטו באַמערקן, אָבער קוק זיך גוט צו, זע ווי אָט די ניפּלען ווינקען: אָט זיינען מיר, שטייפע יונגע בריסטן. די הויט פון דער פלייצע הינטער אונדז איז פאַרברענט פון זון, שאָרסקע, אונדזער הויט איז ראָוז און גלאַט ווי די הויט פון צייטיקע אַפּריקאָזן, צאַרט, דאָך שטייף, סענסיטיווע פינגער־שפּיצן קענען אָנטאַפּן די דריזן — קערנדלעך פון אַ מילגרוים, צייטיקע, זאַפטיקע מילגרוימען, וואָס בייַנקען נאָך אַ האַנט צום גלעטן, פינגער צום קנעטן, ליפּן צום זויגן, קושן, זויגן, אַ גלאַטן שפּיץ צונג צום שלייפן זיך איבער אָט די פאַרשלייפטע, גלאַטע ניפּל שפּיציקלעך. נו, בחור?

הערבערט ל. וּוהיטנין איז דאָס געפעלן געוואָרן. ער האָט שוין געזען עוועלינען אַ נאַקעטע אין דער ליכטיק, שוין געפילט איר לייב אין דער פינסטער, אָבער דאָ אָ, אין אָט די קורצע הויזלעך, מיט אָט דער באַנדאַנע איבער די בריסט, אָט די רויטע באַנדאַנע . . . וועליסאפּעדן!

מ׳איז געפאָרן אויף די וועלאָסיפּעדן. אָט האָט מען זיך געיאָגט און אָט איז מען געגאַנגען אַזוי פּאַמעלעך זייט ביי זייט, אַז קאָפּ האָט זיך געטוליעט צו קאָפּ, זיין אָרעם איבער איר פלייצע, אַז די שפּיץ פינגער האָבן געגרייכט אונטער איר פאַכווע, שיר ניט אונטער דער באַנדאַנע. — קיצלסט זיך! — האָט זי געלאַכט, אַנטלאָפן פון אים און זיך געלאָזט אַניאָגן. און די זון, די פאַלם ספּרינגס, די מדבר זון, האָט געגליט דעם אספאַלט אויף דער הויפּט גאַס, די זאַמד אַרום און אַרום, געצונדן דאָס

בלוט, בלויז אַן אַלטע אינדיאַנערין מיט אַ פּנים דער קאָליר פון שוואַרצן פּעפּער, אָנגעטון אין שוואַרצע שיך, שוואַרצע זאָקן, אַ שוואַרץ קלייד פאַרשפּיליעט ביזן האַלז, ביז אונטערן קין, מיט אַ שוואַרצער קאַסינקע אויפן קאָפּ, איז געזעסן אויף דער פריזבע פון איר שטיבל, געריוכערט אַ ליולקע מיט אַזאַ רויקייט, אַזאַ קילקייט, זי און די זון פירן אַ שמועס בשתיקה, אַלטע גוטע פריינט, פאַרשטייען זיך שווייגנדיקערהייד.

— „לאַטס אָף פאַן״! (אַ סך שפּאַס) — האָט ער אויסגערופן

די באַקן פאַרפאַליעוועט, האָט זי אַ זאָג געטון — יאָ, ס'איז אַ זאַבאַווע. — די צעפּלאַמטע אויגן האָבן אַ פינקל געטון: מיר האָבן שוין געזען עפּעס בעסערס . . . ווי דאָס, און פון מויל איז אַרויסגעקומען: ביציקלעטן — אַן עסק פאַר קינדער, „זיסע זעכצניאַריקע מיידלעך, זיך קיינמאָל ניט געקושט״, מיר זיינען אַ ביסעלע עלטער ווי דאָס, ניט אַזוי? . . . וואָס איז מכוח אַ פערד און וועגעלע?

— אויסגעצייכנט! אַ פיינער איינפאַל! פאָ און מאַ פאָרן אַרויס אויף אַ שפּאַציר, יאָ? גייט עס!

„אַללאַהס גאָרטן״, פ אַ ר פ ל אָ נ צ ט אין דער מדבר בלויז כדי צו דינען די ריכטיק גלויביקע, זיינע געסט, האָט גלייך צוגעשטעלט אַ פערד און וועגעלע. אַ מיניאַטור בריטשקעלע געשפּאַנט צו אַ מיניאַטור פערדל, פּיצעלעך לייצעס, אַ שטיקל בייטשל, דערפאַר אָבער זעען אויס די פאָרער ריזן גרויס, אַן אויסשטעלונג פאַרן „פּובליקום״, פאַר די אויטאָמאָבילן וואָס יאָגן זיך פאַרביי הין און צוריק.

פון אָנהייב האָט זיך געפילט אַזוי קאָמיש און אַזוי אנגענעם, אנגע־נעם אפילו צו כאַפּן אַ שמייכל פון אַ פּאַסאַזשיר אין אַ פאַרביילויפנדיקן אויטאָמאָביל, באַלד אָבער איז די נייקייט פון פערד און וועגעלע אָפּגעפאַלן. „נאָ פאַן״. ניט דאָס האָט זי געמיינט. די פּאַלם ספּרינגס זון האָט נאָך אַלץ געלויכטן, געשיינט און געגליט, איבער יוועלינס פּנים האָט זיך אָבער פאַרצויגן אַ גאַז.

— וואָס איז, צוקערלעקעכל, וואָס אַזוי אומעטיק מיט אַמאָל? גע־פעלט דיר ניט דאָס פערד און וועגעלע?

— עס איז ניט דאָס.

— וואָס מכוח פאָרן רייטנדיק?

— צו הייס. רייטנדיק קענען מיר פאָרן אין שטאָט.

— וואָס איז מכוח אַ ריקשאַ?

— פּיין! אויסגעצייכנט! הוירבי, ביסט אַ מאַדים! אַ דימענט, אַ . . . ! — אַ קוש האָט שוין דערענדיקט.

„אַללאהס גאָרטן" איז פאַרפלאַנצט געוואָרן אין דער מדבר צו דינען די ריכטיק גלויביקע, די געסט. ריקשאס? אודאי. אָט זיינען זיי.

דער וואָגן, זיך פּלאַץ — אַ געפלאָכטענער קויש, גראם גענוג פאַר איינעם ,ענג גענוג פאַר צווייען. גוטע רעסאָרן, דינע, הויכע וועלאסיפּעד רעדלעך, צוויי דינע דישלעס און אַ דינער, אָבער מוסקוליסטער בחור — פערד. אַ טיף פאַרברוינטע פּלייצע, פאַרברענטע, האָריקע, שוואַרצע פיס, אַ שוואַרצער קאָפּ האָר, עטוואָס געבליאקעוועט פון דער זון, אָליוון שוואַרצע אויגן. די ריקשא געפעלן, אויך דער פערד . . . זיין נאָמען איז דזשאָו.

— — — — —

פון ניו יאָרק ביז פּאַלם ספּרינג, אַ שטח פון אַן ערך פינף און דרייסיק הונדערט מייל, האָט עס גענומען יאסלען זעקס יאָר.

אָנגעהייבן האָט ער גאָר אין אַטלאַנטיק סיטי. נאָך אַ ווינטער גיט אַרבעטן אין פילאַדעלפיע, ווען ער איז שוין אַזוי געוווינט געווען צו ניט אַרבעטן אַז ער האָט שוין מורא געהאַט גיין זוכן אַרבעט, טאָמער געפינט ער; ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרזעצט ביים „פעטער", און דער באַלעבאָסטע — אַ ווילע יידענע — איז שוין געקומען אַ וועלט מיט געלט פאַר שלאָפן און עסן איין מאָלצייט אַ טאָג, איז ער, ער ווייסט אַליין ניט ווי אַזוי, מגולגל געוואָרן קיין אַטלאַנטיק סיטי, און דאָרט האָט ער עס דאָס ערשטע מאָל זיך איינגעשפּאַנט.

דערזען צום ערשטן מאָל אַ מענטש פירט אַ מענטשן אויף אַ וועגעלע האָט ער זיך צעלאַכט: זיי קענען ניט גיין, וואָס? קאָמיש! אָבער ער זעט דאָך, מ'שטופּט זיי און מ'פאַרדינט דערביי ניט שלעכט. גענומען אַליין שטופּן אַזאַ וועגעלע איז אים פונדעסטוועגן געווען אַ ביסל פּריקרע. דער פּאַסאַזשיר אַ מענטש, דער שטופּער אַ מענטש, עפּעס פּאַסקודנע, אָבער, ער זעט דאָך, ער איז ניט דער איינציקער. וואָס וועט ער גיין איבער־מאַכן אַ וועלט? כאַפּט עס דער רוח. האָט ער געשטופּט, זיך אַריינגע־אַרבעט אין דער מלאכה און מיט דער צייט שוין אַזוי אַריין אין פאַך, אַז ער האָט גענומען אויסמארקירן וואָס שנעלער צו מאַכן די נסיעה הין און צוריק. וואָס מער מענטשן אַלץ מער נאַדיזנע. לויפנדיק אַזוי מיט איינעם אַ פּאַסאַזשיר, אַן עלטערן מאַן, האָט ער אַ קער געטון די ריקשא, שיר ניט אַרויסגעוואָרפן דעם אַלטן. האָט זיך דער אַלטער אומגעקערט

צו אים, אויפגעהייבן זיין שטעקן: שטיי! שטעל זיך אָפּ! האָט זיך יאָסל אַ בויג געטון אויסצומיידן דעם שטעקן, אָבער דער אַלטער האָט אפילו אין זינען ניט געהאַט צו שלאָגן מיטן שטעקן, דאָס איז געווען זיין סיגנאַל: שטיי! — קום אַהער! — האָט ער געררופן מיטן שטעקן. — יונגערמאַן, אַז מ'גייט גיך צערייסט מען די שיך, ביסט אפילו אַ באסיאַק, אָבער עס שאדט ניט זאָלסט עס געדיינקען. איך בין ניט קיין צוציק, פאָר ניט צוליב שפּאַס, איך „פאָר" ווייל מיינע פיס ווילן ניט גיין. נאַ, דאָ האָסטו דיר דיינס, — האָט ער אים דערלאַנגט אַ מטבע, — און געדיינק, פּאַמעלעך געפאָרן ווייטער פאַרפאָרן.

יאָסל איז שוין געשטאַנען הינטערן וועגעלע, גרייט צום שטופּן, און געהערט ווי דער אַלטער רעדט צו זיך אַליין: אַ יונג פערדל, דער האָבער בריט אים. — ער האָט שוין געשטופּט פּאַמעלעך, אפילו אויף צוריק, מיט אַ ליידיק וועגעלע, געגאַנגען פּאַמעלעך, אין קאָפּ האָט געזשומעט: אַ יונג פערדל, דער האָבער בריט. אַ פערד. אַ מענטש און דאָך אַ פערד. אַ פּאָר וועגעלעך זיינען פאַרבייגעפאָרן און ער האָט דערזען — פערד.

דער ברען פון דער אַרבעט איז אָפּגעפאַלן. ער האָט שוין אפילו דעם סעזאָן ניט דערענדיקט, צוגעפאָרן קיין פילאַדעלפיע, אָפּגעצאָלט דער באַלעבאָסטע אַ ביסל אויפן חוב, און מיט עטלעכע דאָלער אין קעשענע אַוועקגעפאָרן קיין ניו יאָרק. אַ פּאַסקודנע שטאָט פילאַדעלפיע.

ניו יאָרק איז געווען ניט בעסער. דאָ קריגט מען אַרבעט שנעלער, מ'פאַרלירט אָבער נאָך שנעלער. מלאכה נאָך מלאכה, און ווען עס איז געקומען דער ווינטער איז שאַרן שניי געווען די הויפּט אַרבעט. נאָך אַזאַ ווינטער האָט קוני איילאַנד, מיט זיין פּראָמענאַד, מיט זיינע ריקשאָס אויסגעזען אַזוי באַקאַנט, אַזוי היימיש. אַ ראַדיקאַלער מענטש יאָסל לעווין. איינגעפּאַקט די זאַכן אין אַ צייטונג און ער קלייבט זיך אַריבער אין אַ נייער דירה, אויסגעטון דאָס רעקל און זיך געשטעלט וואַשן געפעס אין אַ רעסטאָראַן, אָנגעטון דאָס רעקל און ער קען אַרויפקריכן אויף אַ וואָגן אייז, העלפן דעם אייז פאַרקויפער, און דאָך אַ באַקאַנטע מלאכה די ריקשאַ. איז כאַפּט עס דער רוח — זיך איינשפּאַנען.

— אַ ביסל מער „פּעפּ"! — האָט אַ זאָג געטון דער יונגער בחורל מיט די ווייסע, דריי דאַלערדיקע פלאַנעלענע הויזן און דעם גלאַט צוגעפלעטשטן קעפּעלע.

— דיר געבן „פּעפּ"! — האָט יאָסל אין זיך אַ זאָג געטון, גענומען לויפן, און, וועלנדיק איבעריאָגן אַ צווייטע ריקשאַ, אויסמיידן דערביי

ניט צו פאַרטשעפּען קיין פאַרבייגייער, האָט ער שאַרף אַ קער געטון דאָס וועגעלע. דער פראַנט מיט זיין מיידל זיינען אויסגעשאָטענע געליגן אויף דער ערד.

קודם האָט ער גענומען אָפּקלאַפּן די ווייסע הויזן, נאָכדעם ערשט זיך אַנידערגעשטעלט מעשה האָן, גרייט אַ שפּרונג צו טון, פאַרטיידיקן זיין „ערע". צופיל עולם איז אָבער געשטאַנען אַרום, געלאַכט, גע־שמייכלט, יאָסל האָט אויסגעזען ניט דערשראָקן, ניט קיין יינגעלע דערצו, און די מיידל האָט געצופּט פאַרן רעקל, געצויגן זיין אָרעם, האָבן זיי זיך אַרויסגעשאַרט פון עולם. יאָסל איז געבליבן מיט ליידיקן. אַ שאָד, אַ שאָד, ער וואָלט אים שוין געגעבן צו פאַרזוכן אַ ביסל פעפּ־ער. אָבער די שטעלע האָט ער פאַרלאָרן. זעסטו, מ'האָט עס אין דער ערד. אַ פּאַס־קודנע אַרבעט, און . . . ניו יאָרק אַ פּאַסקודנע שטאָט. זיך לאָזן איבערן לאַנד.

מיטן רוקזאַק אויף די פּלייצעס האָט ער געשפּאַנט פון שטאָט צו שטאָט. דאָ זעקס חדשים, דאָ דריי וואָכן בלויז, אין דעטראָיט אָפּגע־שטאַנען אַ גאַנץ יאָר, אין שיקאַגאַ, דער קרייץ־וועג פון אַלע ווינטן, אַלע באַנען און אַלע טרעמפּס פון די פאַראייניקטע שטאַטן, איז ער געבליבן שטעקן.

אַ מיאוסע שטאָט, אַ פּאַסקודנע שטאָט. מ י ט אַלע אירע בולוואַרן און מ י ט אַלע אירע פּאַרקן, אָבער ווי רייסט מען זיך אַרויס? אַ פּראַכט־צוג? ניין, ניט פאַר אים, ער איז ניט קיין טרעמפּ, ער האָט פּשוט ניט געפונען ד י שטאָט, ד י אַרבעט. קאַליפאָרניע איז דער פּלאַץ פאַר אים. יאָ, די זוניקע קאַליפאָרניע. דאָרט אין אַ מאַראַנצן סאָד . . . יאָ, אַהין וועט ער פאָרן, ער וויל בלויז איבערוואַרטן די וועלט אויסשטעלונג. ווערט צו זען. אגב, ביי דער אויסשטעלונג קען מען פאַרדינען אַ פּאָר דאָלער. גענוי ווי אַזוי קען מען עס דאָרט פאַרדינען האָט ער ניט געוווסט, אָבער אַלע גרייטן זיך, אַלע ריכטן זיך, מסתם אויך עפּעס געפינען.

ער האָט געפונען — די ריקשאַ.

דער פאַרוואַלטער האָט זיך געקווינקלט. די מאָס האָט ער אפילו, דער געבוי פון קערפּער, געשטאַלט — אַלץ גוט, אָבער איין חסרון — די פיס, די ליטקעס זיינען צו באַוואָקסן, דער אוניפאָרם פון די ריקשאַ פירער איז קורצע הויזלעך. עס זעט אויס ניט גוט, סיידן ער זאָל אָפּגאָלן יעדע צוויי טעג.

— דאָס איז ניט קיין חסרון, — האָט זיין אַרויסהעלפער זיך איינ־געשטעלט פאַר יאָסלען. — די פרויען געפעלט עס, — האָט ער צוגעגעבן

מיט אַ שמייכל, אַן אָנצוהערעניש. דער פאַרוואַלטער האָט אַ קוק געטון אויף זיין אַרויסהעלפער, איבערגעלייענט דעם שמייכל, האָט איינגעזען די מעלה פון באַוואָקסענע פיס, און יאָסל האָט געקראָגן אַ ריקשא.

צי ער איז געפעלן געוואָרן זיינע פרויען פּאַסאַזשירן האָט ער ניט געוווסט, אָבער, צי דאָס זיינען טאַקע געווען זיינע באַוואָקסענע פיס, אָדער זיין מוסקוליסטער קערפּער, און אפשר גאָר זיינע שוואַרצע אויגן, איין מיידל איז ער יאָ געפעלן געוואָרן, זיך פאַרדרייט מיט איר, אַ מיידל וואָס האָט געאַרבעט ביים זעלבן קאָנצעסיאָנער פון די ריקשאָס. דער פאַר־וואַלטער האָט עס באַמערקט און גלייך געגעבן יאָסלען דעם וועג. עס איז אַ געזעץ פון זייער פירמע אַז זייערע אָנגעשטעלטע טאָרן זיך ניט צופיל חברן. דער עיקר אַ בחור מיט אַ מיידל. די מיידל אַרבעט שוין ביי אים יאָרן לאַנג, ער, יאָסל, זאָל זיך אָבער שוין פאַרנעמען. דאָ געגוג סטודענטן, אנשטענדיקע בחורים, וואָס ווען זיין העכסט צופרידן צו קריגן אַזאַ שטעלע און ניט מאַכן קיין סקאַנדאַלן.

יאָסל לעווין האָט זיך ניט שטאַרק מצער געווען וואָס ער האָט פאַר־לאָרן די שטעלע. אדרבה, ער איז גאָר געווען צופרידן. נמאס געוואָרן די גאַנצע אויסשטעלונג, דער גאַנצער קוני איילאַנד, די פאַרמערס וואָס קומען צו דער אויסשטעלונג, די שטעקעלעך מיט וועלכע זיי פוצן זיך אויס, אַז ער דערזעט אַ שטעקעלע . . . און דער עיקר, די ריקשא. אויס. ניט מער. זוניקע קאַליפאָרניע. און די מיידל? ער איז ניט אדם, זי איז ניט חוה, די איינציקע פרוי, אין קאַליפאָרניע אויך דאָ מיידלעך.

סאַנטאַ פע, יוניאָן פּאַסיפיק, ראָק איילענד, דענווער, ריאָ גראַנדע, באַנען מיט פּולמאַנס, עס־צימערן, קלוב־צימערן, אפילו אַ וואַגע קען מען נעמען אַז מ׳וויל. יאָסל לעווין האָט ניט באַשטעלט קיין בעט, קיין שטול אויף קיינער פון די באַן ליניעס.

גרעיהאַונד, קאָלאָמביא, איגל, אויטאָבאָסעס גייען צוויי אַ טאָג, גייען אַזוי שנעל ווי די באַנען, גוטע באַקוועמע שטולן, העפלעכע באַדינונג, אויף דער קאָלאָמביא קען מען האָבן אַ בעט צום שלאָפן. יאָסל לעווין האָט ניט באַשטעלט קיין בעטל צום שלאָפן, קיין ביינקל צום זיצן.

פּריוואַטע אויטאָמאָבילן גייען אויף און אָפּ, גערן צו נעמען אַ פּאַ־סאַזשיר קיין קאַליפאָרניע פאַר וועלכע ס׳איז פופצן, צוואנציק דאלער, אָבער יאָסל לעווין גייט דאָס ניט אָן. וואָס איז ער וואָס, אַ מיליאָנער? אויסגעבן געלט אויף פאָרן! און, צווייטנס, ער דאַרף עס קומען קיין קאַליפאָרניע אין אַ דריי אָדער פינף טעג, עמיצער וואַרט דאָרט אויף אים?

ער האָט צייט, ער וויל זען אַמעריקע. קאָלאָראַדאָ, גרענד קעניאָן, יעל־
לאָסטאָון פּאַרק, די היילן אין קאַרלסבאַד, דעם פֿאַרשטיינערטן וואַלד,
דאָ געגנוג וואָס צו זען. געזונטע פּיס האָט ער, איז געגאַנגען, פֿאָרט
פֿאַרביי אַן אויטאָמאָביל, נעמט אַרויף אַ ביסל אונטערפֿירן — אודאי גוט.

אַזוי האָט יאָסל לעווין געזען אַמעריקע און, ווען ער האָט ענדלעך דער־
זען קאַליפֿאָרניע, איז עס שוין ניט געווען אַזאַ גוואַלדיקער חידוש, שוין
געזען שענערס. יאָ, אַ זון איז דאָ אַ פֿיינע, וואַרים, ליכטיק, פֿיין, אָבער
ווו איז ערגעץ דער הכנסת אורחים? מ׳דאַרף איבערנעכטיקן, אַ מאָלצייט,
אין קעשענע טאָגט שוין.

די געסט אין הכנסת אורחים זיינען ניט קיין באַשטענדיקע, אַ נאַכט,
צוויי, און גיי. יאָסל לעווין איז ניט אַראָפּגעפֿאַלן ביי זיך, ער׳ט ניט פֿאַר־
פֿאַלן ווערן. מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס דאַרף דאָ אַ מענטש. עסן איז ביליק,
און אַ דירה? אָט איז שוין האַרבסט און ס׳איז שיין, וואַרים אַ פֿאַרגעניגן.
אמת, די נעכט זיינען קילע, זייער קיל, שלאָפֿן אין דרויסן איז ניט אַזוי
אנגענעם, דערצו זיינען די פּאָליציסטן אין לאָס אַנגעלעס אַזעלכע היינט
... אַ דירה מוז מען האָבן. האָט ער געדונגען אַ דירה — אַ גאַנעק פֿון
אַ הויז, לופֿטיק, אָט ווי עס פּאַסט פֿאַר קאַליפֿאָרניע. עטלעכע וואָכן, און
יאָסל האָט אויסגעפֿונען אַז זיין דירה טויג ניט. דער גאַנעק איז טאַקע
אַרומגעצאַמט מיט אַ געדיכטער דראָט־נעץ, אָבער קאַלט איז, ממש דער־
פֿרוירן צו ווערן. אַזאַ איינגעגעסענע קעלט און, אַז גאָט העלפֿט עס גיט
אַ גאָס אַ רעגן, איז שוין גאָר פּאַסקודנע. און פֿאַר דער פּאַסקודסטווע
דאַרף ער נאָך צאָלן צוועלף דאָלער אַ חודש. האָט זיך טאַקע געלוינט
קומען קיין קאַליפֿאָרניע! אָבער ווער זאָגט עס אַז קאַליפֿאָרניע מיינט
דווקא לאָס אַנגעלעס? אין פּאַלם ספּרינגס, דאָרט שיינט די זון דרײ
הונדערט און פֿינף און זעכציק טעג. אַליין געזען אַ גרויסן פּלאַקאַט,
„דעם טאָג וואָס די זון וועט דאָ ניט שיינען געבן מיר אַ מאָלצייט פֿרײ״.
קען נאָך אַמאָל קריגן אַ מאָלצייט אויך. געהערט, פּאַלם ספּרינגס איז
אַ פּלאַץ פֿאַר מיליאָנערן, אָבער יאָסל לעווין האָט שוין געזען אַמעריקע,
ער ווייסט שוין אַז לעבן יעדן גוטן טראַקט ווו עס פֿאָרן גוטע אויטאָ־
מאָבילן איז אויך דאָ אַ סטעזשקע פֿאַר קבצנים. אָט פֿאָרן דאָך קבצנים,
כמעט אַזעלכע האָלעדריגעס ווי ער, מער ניט, זיי האָבן אַ קאַטערינקע,
אַ בויד אויף פֿיר רעדלעך. וועט ער אויך פֿאָרן, דאָס הייסט, ער וועט
אַרויסגיין אויפֿן ברייטן טראַקט, אַן אויטאָמאָביל פֿאָרער וועט זיך שוין
דערבאַרימען, אַרויפֿנעמען, מ׳דאַרף נאָר קענען אויסשטעלן די האַנט

ריכטיק, אַזוי אַ, מיטן גראָבן פינגער, אַ יאָסל לעווין קען שוין די מלאכה, ער׳ט שוין ניט פאַרפאַלן ווערן.

אין פאַלם ספרינגס האָט טאַקע אַ בלישטשע געטון די העלע, ליכטיקע, וואַרימע זון און די נייסטע, די גאָר לעצטע . . . ריקשא.

די ריקשא האָט ער באַטראַכט גרינטלעכער ווי די זון, פון דעם געזעס קויש ביז די דישלעס אין וועלכע מ׳שפּאַנט זיך איין פון פאָרנט, טאַקע ווי אַ פערד. האָט ער זי באַטראַכט, שיר ניט באַטאַפּט, און, ניי שאַץ אַ מענטשלעכע נשמה, אין אים האָט זיך דערוועקט אַ חשק זיך איינצו־שפּאַנען אין אָט דער ריקשא, איין מאָל בלויז, זען ווי גייט זיך עס.

דער פאַרוואַלטער האָט אים גוט באַטראַכט, אויסגעהערט זיין ריקשא סטאַזש, אַן איינגעבראָכענער פערד, און יאָסל לעווין האָט זיך איינגעשפּאַנט.

— — — — —

— אַ ווילע זאַך די ריקשא, ניין?

— איך דיינק אויך אַזוי.

זיין קוק נידערט צו איר, איר קוק שטייגט צו זיינעם, אַ שמייכל הויערט אינמיטן, ווינקלען פון מויל באַגעגענען זיך, הענט . . .

אַ פאַרגעניגן. מ׳פאָרט און קיין ראָד צום דרייען, קיינע לייצעס, קיין בייטש, דער פערד גייט זיך און די הענט, ביידע הענט זיינען פריי, פריי צו וואַנדערן איבער איר וואַרימער פלייצע, אונטער אירע פּאַכוועס, אונטער דער באַנדאַנע, און זי נעסטלט זיך צו אים. די וואַרימקייט פון ביידע קערפּערס קומט זיך צוזאַמען, מישט זיך אויס, אַזאַ וואַרימער נעפּל פאַר די אויגן . . . גוט, גוט. גוט. מער ניט שלעכט, אויטאָמאָבילן פאָרן פאַרביי הין און צוריק, מאַכט זיך אַ שייגעץ גיט אַ בלאָז דעם האָרן, אַ חוצפּהדיקן, דרייגאָרנדיקן פייף, גיט מען זיך פאָרט אַ צאַפּל און אפילו דורך דעם וואַרימען גאַז דערזעט מען דעם שמייכל וואָס דער שייגעץ האָט אַ וואָרף געטון.

— לאָמיר אַריינקירעווען אין אַ קעניאָן.

אַזוי שטיל, אַזוי ווייך זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן די ווערטער — אַ סוד. אָבער די ווערטער זיינען אָנגעלאָדן, קאָנדענסירטע היץ, אין קעניאָן וועט אָט די היץ אַרויסגעלאָזט ווערן אויף דער פריי. דער קנויט פון דעם דינאַמיט שטעקל איז אָנגעצונדן, ע ר האָט שוין דערפילט דעם ברי. אַ שטויס מיטן פוס:

— העי! פאַרקירעווע אין קעניאָן!

יאָסל לעווין האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ. אַ סעקונדע. דער אָנגעצונדענער קנויט פון דינאַמיט שטעקל האָט אים אויך אַ ברי געטון. ער האָט שאַרף אַ קירעווע געטון פון וועג אין טאַקוויץ קעניאָן. אויס הייסער אספאַלט, ווייכע, וואַרימע זאַמד, זיינע פּיאַטעס טרעטן אָבער אויף פּריסעק.

אַ ריקשא שלעפּער האָט אויגן אין נאַקן. ער האָט נאָך פריער געזען, מיט די הינטערשטע אויגן פון דעם ריקשא שלעפּער, וואָס עס קומט פאַר הינטער אים. — שווייגען, — האָט ער געפּרוווט מבטל מאַכן זייערע טועכצן, שעמען זיך גאָרניט פאַר פאַרבייפאָרער, פאַרבייגייער, זשעדנע אַ ווייב, אַ מאַן . . . ער, יאָסל, נעמט ניט אַרום קיין מיידל, ציט ניט אַריבער קיין אָרעם איבער אַ מיידלשער פּלייצע, טאַליע, אין אַ קינאָ אָדער אַ טראַם, האָט פיינט צו זען ווי יענער טוט עס, אַ כלל האָט ער, „אַז אין דרויסן זיך געליובעט, איז אין שטוב זיך געטשובעט", אָבער אַזוי ווי זיי, אָט דאָ אָ, דאָס איז שוין פּשוט שווייגערײַ, ווי שעמען זיי זיך דאָס ניט פאַר אים!

געקראָגן דעם שטויס מיטן פּוס — קיין צייט געהאַט אַרויסצונעמען די הענט, דער שווין! — פאַרקירעוועט זיך אין קעניאָן, האָט אים גענומען ברענען ניט נאָר די זאַמד אונטער די פּיס, די האָר אויף זיין קאָפּ — אַ פייער־פלאַקער, אין פּנים, אין די אויגן האָט אַ זעץ געטון אַ פלאַם. פאַרדאַמט זאָלן זיי ווערן. פאַר אים דאַרף מען זיך ניט שעמען, ער — אַ פערד. און טאַקע, וואָס איז ער, אויב ניט אַ פערד? אין שפּאַן — אַ פערד, אין וועגעלע — הינט. אָט „בייסן" זיי זיך, זיי לאַפּען זיך . . . דער פאָרשפּיל . . . באַלד וועלן זיי . . . אים הייסן זיך אָפּשטעלן . . . אַ קריינק זיי אין די ביינער! לויף, יאָסל! יאָג!

די ריקשא האָט גענומען שפּרינגען איבער שטיינער, גריבער. האָט עמיצער געשריען ער זאָל זיך אָפּשטעלן? עס האָט זיך אים געדוכט בלויז, און אויב אפילו יאָ, כאַפּט זיי דער רוח. לויף, יאָסל! לויף אַז דער רוח זאָל דיך נעמען מיט זיי אינאיינעם, טראָג זיך איבער בערגלעך, גריבער, דערנער, שטיינער. באַרג אַרויף? יאָסל! לאָז ניט נאָך. ראַפּטאָם! מיט אַמאָל שיס אַרויף, אָט אַזוי, און איצט באַרג אַרונטער. געדיינק, די ריקשא קען אַרויפקריכן אויף דיר, ניטאָ קיין טאָרמאָז. דאָס מאַכט ניט. פּפּפו—ט! באַרג אַרונטער, אַ־ררונ־טער, א־ רונ־טער. יאָסל! די ריקשא איז דריי צאָל פון דיין רוקן, ראַטעווע זיך! ראַ־טע־ווע . . .

אַ קער אָן אַ זייט, אַ דריי איין האָלאָבליע, די ריקשא איז איבערגעדרייט, די פּאַסאַזשירן אויסגעשאָטן, יאָסל לעווין, נאָך אַ קאָמישן טאַנץ

— אַ קער אָן אַ זייט, אַ נויג, אַן אונטערשפרונג — איז געבליבן שטיין אויף די פיס, שווער געסאפּעט.

ער האָט זיך אָנגעבויגן זיי העלפן זיך אויפהייבן, און ווען זיי האָבן זיך אויפגעהייבן האָט ער זיך ניט אַנטשולדיקט. ער האָט נאָך געסאָפּעט, אָבער די אָנגעלאָדנקייט וואָס ער האָט געפילט פריער איז געווען אויס־געליידיקט. הייס, אָבער ניט יענע היץ, ניט יענער ברי פון אָנגעצונדענעם דינאַמיט קנויט. ער איז קיל, רויק.

— האָסטו זיך צעקלאפּט? — האָט ער געהערט דער קאַוואַליער פרעגט זיין דאַמע און באַלד דערהערט: — „וואַט אין דהי העל דו יו קאָלל דיס”? (וואָס איז דאָס פאַר אַ שטיק?)

— גאָרניט.

אַ קילער, נייטראַלער „גאָרניט”. אַ קלאָרער, רויקער בליק, אָבער אָט דער רויקער, קלאָרער קוק, אָט דער נאַכלעסיקער טאָן איז קריגס דערקלערונג. אַ הענטשקע? אַ שווערד, אַ שפּיי געוואָרפן אין פּנים אַריין, אַ שפּיי אין פּנים הערבערט ל. וויטני, דעם יורש פון די וויטני מיליאָנען, אין דער אנוועזנהייט פון זיין כלה איווא מ. סטיואַרט, אַ טאָכטער פון דעם מיליאָנער מ. ד. סטיואַרט.

— וו־אָ־אָ־ס!

דער „וו־א־א־ס!” — קריגס דערקלערונג, די צוויי אָרעמס, קולאַ־קעס — קריגס מאַרש.

— ווערסט זיך ניט שלאָגן מיט א י ם! — האָט איווא מ. סטיוארט פאַרריסן אויסגעשריען.

הערבערט ל. וויטני האָט אַ שאַר געטון מיט איין אָרעם. — דו רוק זיך אָפּ. — געביילטע פויסטן!

יאָסל!

יאָסל האָט געזען די געביילטע פויסטן, די אויסגעשטשירעטע, פאַר־שטשעמעטע ציין, ער האָט אפילו געזען יענעמס קין ציטערן, געזען מיט אַ רויקן קוק, געמאָסטן, געשאַצט די כוחות, זיינע פויסטן האָבן זיך אויך פאַרקלעמט, פאַמעלעך אָבער שטייף. איינהאַלטן דעם ציטער, אויסמיידן דעם שונאס ערשטן שטויס און ביז יענער וועט זיך פאַרמעסטן אַ צווייטן מאָל, דערלאַנגען א י ם, אָבער אַזוי, ריכטיק.

— הויר־בי!

הוירבי האָט ניט געהערט. — אַזאַ טכויר! ער וועט, ער . . . ניט

געטראָפֿן. וואַרט! דו . . . הע? וו־וו־אָ־ס איז דאָס? דער טכויר מיינט זיך שלאָגן מיט אים? מיט אים! מיט אים!! נאַ . . .

זיין קולאַק האָט געלאַנדעט אין יענעמס קינבאַק, געלאַנדעט גוט, אָבער, אָבער, וואָס איז דאָס? זיין נאָז בלוטיקט! אַזוי? וו־וואַר־רר־ט! טאַנץ, טאַנץ, איכ׳ל שוין לאַנדן ריכטיק. נ־נ־נאאאא! דעם גאַנצן כּיח זיינעם האָט ער אַריינגעלייגט אין דעם שווונג פֿון זיין פֿויסט און דער „נ־נ־נאאאא״ האָט עס געזאָלט זיין דער עכאָ פֿון דער האַק ווי זי שניידט זיך אַריין אין קלאָץ, אָבער די האַק האָט אַ שניט געטון די ליידיקע לופֿט, דער העקער איז שיר ניט אומגעפֿאַלן מיטן פּנים צו דער ערד פֿון זיין אייגענעם שווונג. אַ שווונג פֿון אַ פֿויסט אונטער זיין קין גיט אים אַ וואָרף צוריק און ער פֿאַלט מיטן נאַקן צו דער ערד. אויף אַ שטיין, אַ קלאָץ, דערנער?

יאָסל ציט אַרויף די קורצע הויזלעך מיט ציטערנדיקע הענט, די מוסקולן אין די ליטקעס ציטערן, יאָסלס קאָפּ איז אָבער רויק. דער קינבאַק ברענט, פֿלאַמט, אַ העליש פֿייער, די אויגן גליען, זיי קוקן אָבער אָנגעשטרייגגט צו דעם געפֿאַלענעם, וועט ער זיך אויפֿהייבן? זי איז דאָ לעבן אים, העלפֿט אים זיך אויפֿהייבן. ער רייסט זיך פֿון איר, רייסט זיך צו אים, אָבער זי האַלט אַרומגענומען זיין קאָפּ, זיין האַלז. — הויר־בי! הויר־בי! — אירע אָרעמס זיינען שוין אַרום זיין ברוסט, רייסט ער זיך אַרויס, ווערן אירע הענט אַ פֿאַרשלאָסענע צוואַנג אַרום זיין אָרעם, און זי שלעפּט אים, פֿירט אים, זעצט אים אַוועק.

יאָסל האָט זיך עטוואָס אָפּגערוקט. די הענט האָבן מער ניט געציטערט, די פֿיס מוסקולן האָבן נאָכגעלאָזן, קאַלט, אויסגעלאָדן, בלויז דער קינבאַק פֿלאַמט. אַ טאַפּ טון, אַ גלעט טון. וואַסער, קאַלטע וואַסער.

— העי, דו! קום נעם אונדז אַהיים, צום האָטעל!

ווער האָט עס אַ וואָרף געטון דעם בראַנד־פֿאַקל צו זיינע פֿיס? ווער האָט עס? . . . זי! אָט די באַנדאַנע . . . אָט די רויטע באַנדאַנע . . . אָט דאָס מויל, אָט די געפֿאַרבטע, דיקע ליפּן וואָס דערציילן פֿון זויגן . . . זויגן . . .

רויק, יאָסל! אָבער אין יאָסלען האָט שוין אויפֿגעקאָכט דאָס בלוט. — איך! איך, אייך נעמען! איך! — דער אָנגעצונדענער קנויט האָט דערגרייכט דעם דינאַמיט. — איך, אייך נעמען נא! נא!

צוויי צוואַנגען האָבן אַרומגענומען די האַלאָבליעס פֿון דער ריקשאַ, זי אַ וויג געטון און אַ זעץ געגעבן אָן אַ שטיין. איין ראָד איז אָפּגע־

שפּרונגען, זיך אַ קייקל געטון און אומגעפאַלן, באַלד האָט די צווייטע ראָד זיך שוין געוואַלגערט. די צוויי צוואַנגען האָבן זיך אָפּגעטיילט פון די האַלאָבליעס, אַ טיגער האָט געריסן אַ שעפּסעלע, אַ מענטש האָט צעריסן אַן אַנאָנימען, מיאוסן בריוו, געריסן אויף שטיקלעך, ברעקלעך, פּיצלעך, זיי צעוואָרפן, צעזייט, צעשפּרייט, געבליבן די צוויי האלאָבליעס. איינע האָט ער נאָך געפּרווט איבערברעכן, אַ בויג טוענדיק איבער זיין שין־ביין, ניט געגאַנגען, האָט ער זי אַ שמיץ געטון, זיך אומגעדרייט און אַוועקגעשפּאַנט. ווייטער אין טאקוויץ קעניאָן איז דאָ וואַסער. דער קינבאַק . . .

— — — — —

אין דער „מדבר זון", די טעגלעכע צייטונג וואָס גייט אַרויס אין פּאַלם ספּרינגס, איז געווען געמאָלדן אַז הערבערט ל. ווהיטני און זיין כלה, איווא מ. סטיוארט זיינען דאָ צוגאַסט אויף אַ פּאָר טעג. זיי זיינען געקומען אין זיין פּריוואַטן עראָפּלאַן און וועלן דערשיינען ביים באָל היינט אָוונט.

אויף מאָרגן האָט די זעלבע צייטונג איבערגעגעבן באריכות וועגן דעם באל, אויסגערעכנט די נעמען פון די חשובע געסט, באַשריבן די מלבושים פון עטלעכע גאָר חשובע פרויען, צום סוף איז געווען אַ באַמערקונג אַז מר. הערבערט ל. ווהיטני און זיין כלה זיינען ביים באָל ניט געווען. פאָרנדיק מיט אַ פערד און וועגעלע אין טאקוויץ קעניאָן, איז דאָס פערדל געוואָרן ווילד, איבערגעקערט דאָס וועגעלע, מר. ווהיטני איז לייכט פאַרווונדעט געוואָרן, זיין כלה איז אַרויס אומבאַשעדיקט. היינט פרי האָבן זיי פאַרלאָזט פאַלם ספּרינגס מיטן עראָפּלאַן צוריק קיין לאָס אַנגעלעס.

וועגן דעם גע׳עג נאָך יאָסל לעווין אין טאקוויץ, אנדרעאס און פּאַלם קעניאָן האָט די צייטונג ניט דערמאָנט.

יאָסל לעווין איז ווי אין וואַסער אַריין, מר. הערבערט ל. ווהיטני איז שוין מער אויף ריקשאס ניט געפאָרן, ביים טויער פון „אַללאה׳ס גאָרטן" שטייען נאָך פונדעסטוועגן ריקשאס.

אַ מאַמע

דבורה שאַפּירא איז אַלט געווען איין און זעכציק יאָר, געגאַנגען אויפן צוויי און זעכציקסטן, האָט שוין געהאַט דריי אייניקלעך, און האָט זיך פּשוט געשעמט דערמאָנען אַז זי האָט נאָך אַ מאַמע. ווי האָט עס אַ מענטש אין די יאָרן אַ מאַמע! זי איז אָבער געווען, די מאַמע, זי איז שוין אַלט געווען אַ יאָר זעקס־זיבן און אַכציק — איר געבוירנטאָג האָט זי ניט געדיינקט — און זי האָט געלעבט ערגעץ אין אַ מושב זקנים. קיין בריוו צו דער טאָכטער האָט זי ניט געשריבן — זי האָט גאָר ניט געקענט שרייבן — די טאָכטער האָט איר אויך ניט געשריבן, מער ניט, ווען דער זון איז געקומען צו איר, געוווירע ווערן וואָס זי מאַכט, און דאָס איז געווען אַן ערך איין מאָל אַ חודש, האָט זי זיך נאָכגעפרעגט אויף זיינע קינדער, אויף דער טאָכטער מיט איר קינד און אייניקלעך, און דער זון, ווען ער האָט געשריבן צו דער שוועסטער — איין מאָל אין אַ שמיטה — האָט צוגעגעבן אַ שורה: געזען די מאַמע, זי איז אָלרייט. אַזוי איז עס צוגעגאַנגען אַ יאָר צען, ביז איין דאָנערשטיק, ווען דער ברודער האָט טעלעגראַפירט: מוטער געשטאָרבן. לויה מאָרגן, סיידן דו קומסט ביז זונטיק. טעלעגראַפיר.

אָט די צען ווערטער האָבן צערודערט דבורהן. זי וואָלט באַדאַרפט טעלעגראַפירן — איך קום, נעמען די באַן, אַן עראָפּלאַן, און פאָרן. ווי קומט עס ניט אַ טאָכטער צו דער מאַמעס לויה? טעלעגראַמע אין האַנט, איז זי געזעסן, געקוקט כלומרשט אויפן שטיקל פּאַפּיר, פאַר די אויגן האָבן זיך געצויגן צענדליקער יאָרן. פערציק יאָר אַז זי איז אַוועק פון דער מאַמעס שטוב, און אין משך פון די פערציק יאָר האָט זי געזען די מאַמע דריי מאָל. איין מאָל, עטלעכע חדשים נאָך דעם ווי בנימין איז געבוירן געוואָרן. זי איז געקומען אומגעריכט, אומגעבעטן, זען דאָס ערשטע אייניקל. עפּעס אַ קלייניקייט? דאָס ערשטע אייניקל, נאָך אַ ייִנגל דערצו! דאָס אייניקל איז אויסגעקומען מיט דער באָבע גאַנץ גוט. ער האָט אַרויסגעבראַכט די קלאַנגען באַ־באַ מיט דער זעלבער באַקן־אָנגעבלאָזנקייט ווי פּאַ־פּאַ און מאַ־מאַ. ווען ער האָט זיך צעלאָזט גיין און האָט געהאַלטן ביים פאַלן, האָט אים ניט אויסגעמאַכט ווער עס האָט אים אונטערגעכאַפּט, די וואָס גיט עסן, דער וואָס הייבט אים אויף אַזוי הויך, אָדער די מיט די . . . מילכיקע האָר. בנימין איז ממש

געווען פאַרליבט אין דער באָבעס ווייסע האָר, אַזוי פאַרליבט אַז ער האָט פאַרקלעמט די פינגער אַרום זיי און געצויגן, געריסן מיט אַלע זיינע כוחות. די באָבע האָט, שמייכלענדיק, זיך געוועדט, אַרויסגעפּלאָנטערט אירע האָר פון זיינע פינגער, געקושט זיינע הענטלעך, די באַקן, די אויגן, דאָס מויל. דאָס האָט שוין בנימין ניט פאַרטראָגן און גענומען מאַכן גוואַלדן. די טאָכטער האָט איר אויסגערעדט למאי זי קושט דאָס קינד אַזוי פיל, עס איז גאָרניט געזונט פאַרן קינד, דער איידעם האָט געבורטשעט: אַן אָנשיקעניש, און די באָבע האָט זיך געמאַכט אַ קנאַפּן צימעס פון זיי ביידע: גוטע יאָרן, מ׳לערנט זי וואָס איז גוט פאַר קינדער! פיר וואָכן איז זי אָפּגעווען ביי דער טאָכטער, מיטן איניקל האָט זי זיך געזעגנט אַ וויינענדיקע, ממש געכליפּעט, מיט זיין טאַטע־מאַמע, וואָס זיינען געשטאַנען און געציטערט דאָס קינד זאָל ניט דערשטיקט ווערן חלילה . . . עס זאָל זיך ניט צעוויינען, האָט זי זיך געזעגנט אָן טרערן, איר האָט ניט באַנג געטון וואָס זי פאָרט אַוועק פון זיי, און זיי . . .

— געוואָרן שטילער אין שטוב, — האָט ברוך אַ זאָג געטון, און געמיינט האָט עס — ברוך שפּטרני . . . זי איז אַלע מאָל געווען אַן אָנשיקעניש. ווען ער איז נאָכגעגאַנגען דבורהן האָט זי אים ניט אַריבערגעלאָזט די שוועל, איר נישט אָנגעשטאַנען דער שידוך . . . ער האָט זי געהערט ווי די קאַץ, איצטער, אַוועקגעפאָרן? אַ גוטן שליטוועגס.

— יאָ, שוין געווען אַ ביסל צופיל טומל, — האָט דבורה צוגעשטימט מיט אַ שולדיקער מינע, און ברוך האָט ממש געקענט אָנטאַפּן די ניט־דערזאָגטע ווערטער: וואָס האָב איך געקענט טון? איך האָב זי געבעטן קומען!

דאָס איז געווען די ערשטע זעאונג, צען יאָר נאָך דער חתונה. דאָס צווייטע מאָל האָט זי געזען די מאַמע מיט אַ יאָר צוועלף שפּעטער. דער טאַטע איז קראַנק געוואָרן, געהאַלטן ביים שטאַרבן, איז זי געפאָרן אים זען, זיך זעגענען. נאָכן טאַטנס טויט איז זי מיט לייזערן, דעם ברודער, יינגער פון איר מיט אַ יאָר צען, געזעסן און גערעדט וואָס צו טון מיט דער מאַמע.

— איך וואָלט זי גענומען צו זיך, — האָט לייזער עטוואָס שולדיק גערעדט, — האָב אָבער מורא זי׳ט ניט אויסקומען מיט נחמהן.

— דו האָסט מ ו ר א, און איך בין ז י כ ע ר אַז זי מיט ברוכן, דאָס איז פייער מיט וואַסער. זיי האָבן קיינמאָל ניט געשטימט, און ווען זי איז געווען לעצטן מאָל ביי מיר, פרעג שוין ניט . . .

לייזער איז געווען אַ העפלעכער מענטש, אַזוי העפלעך אַז ער האָט

ניט געקענט פאַרטראָגן ווען עמיצער האָט גענומען אַ העכערן טאָן אין רעדן. ער האָט אַ דריי געטון מיטן פאַרמאַכטן מויל ווי איינער טוט אַ טאַפּ אַ שלעסל צי איז עס טאַקע גוט פאַרשלאָסן, האָט ברייט אַן עפן געטון די אויגן און מיטן קוק גענזאָגט: שוועסטערקע! האָסט ניט ליב די מאַמע. און איך דיך האָב אויך ניט אַזוי ליב, נאָר גאָרניט, קריגן זיך וועלן מיר ניט. די מאַמע איז איבערגעגאַנגען צו לייזערן. שוועסטער און ברודער האָבן זיך געזעגנט קאַלט, און זיינע בריוו צו איר זיינען געוואָרן זעלטענער, אַ לשנה טובה ערב ראש השנה, אַ מתנה פאַר בנימינען צו זיין געבוירנטאָג, ניט מער. אַזוי ביז מיט אַ יאָר אַכט שפּעטער, ווען די מאַמע איז פאַרשלאָפט געוואָרן, מ׳האָט געמיינט זי שטאַרבט.

ווען דבורה איז געקומען איז די מאַמע שוין געווען אין שפּיטאָל. תחילת האָט זי ניט געוואָלט הערן פון קיין שפּיטאָל, — וואָס דאַרף איך שטאַרבן אין שפּיטאָל אַז איך קען שטאַרבן אויף מיין אייגענער בעט? — לייזער וואָלט שוין נאָכגעגעבן, אַ ברירה? אָבער נחמה האָט זיך איינגעשפּאַרט: זי קען שוין מער ניט אַריבערטראָגן, זי׳ט אַנטלויפן פון שטוב. דער דאָקטאָר איז אויך באַשטאַנען — זי מוז גיין אין שפּיטאָל, און ער, מער ווי דער זון און די שנור, האָט געפּועלט ביי איר.

פיר וואָכן איז זי געליגן אין שפּיטאָל. די קינדער האָבן שוין גע־ווּוסט אַז די מאַמע ווערט געזונט און זיי, לייזער, דבורה און נחמה, האָבן באַשלאָסן אַז צוריק אין שטוב זאָל זי ניט קומען, פון שפּיטאָל גלייך אין מושב זקנים. לייזער האָט שוין אפילו איינגעצאָלט אַ ביסל געלט, גע־פּועלט מ׳זאָל זי אַריינגעמען, ער איז אָבער ניט געווען זיכער צי וועט זי וועלן גיין אַהין. — איר קענט דאָך די מאַמע, זי, אַז זי זאָגט ניין, איז...

— ווער פרעגט זי, ווער? — האָט נחמה שוין אויסגעפּלאַצט, און נחמהס כעס־אויסברוך האָט שוין דערציילט דבורהן וואָס עס האָט זי־ך געטון ביים ברודער אין הויז.

— היץ זיך ניט, קאָך זיך ניט, דערווייל איז זי אין שפּיטאָל. אַ רעד טון מיט איר, — האָט לייזער פאַרגלעט זיין ווייבס כעס. ער האָט ניט געהאַט קיין פאַראיבל אויף איר למאי זי וויל ניט האָבן די מאַמע ביי זיך אין שטוב, איין גאָט ווייסט, אין שטוב איז געווען אַ גיהנום, נאָר למאי ווערן אין כעס, און נאָך פאַר דבורהן אין די אויגן? ער האָט געזען ווי דבורה האָט טריאומפירט: זעסטו שוין! דבורה דאַרף אָבער וויסן אַז אַ שנור איז נישט קיין טאָכטער, דאַן האָט דבורה זי געדאַרפט נעמען צו זיך, איצטער . . .

ער האָט זיך גאָר אַליין ניט געריכט עס זאָל צוגיין אַזוי גרינג. פאַרן אויסשרייבן זי פון שפּיטאָל איז ער געקומען זי זען און זי געטראָפן אַ שיינענדיקע. די וואַרטספרויען — יעדע איינע פון זיי האָט געקראָגן אַ צוויי־דריי פּאָר זאָקן, קעסטלעך צוקערקעס — האָבן געשמייכלט מיט האָניק־שמייכעלעך און זיך גאָרניט געקענט אָפּלויבן פון דער „גרענד אָלד לײדי״. די גרענד אָלד לײדי איז געווען צופרידן טאַקע פון דער גרענד אָלד לײדי: האָט זי ניט באַוויזן אַ וווּנדער, געזונט געוואָרן? זי איז אויך געווען צופרידן וואָס די וואַרטספרויען האָבן געפּאַדעט אַרום איר, זי צוגעזען, איינע האָט איר אפילו אַ קוש געטון, הלואי ביי איר אין שטוב געזאָגט געוואָרן . . .

ווען לייזער האָט פּאָרזיכטיק איר גענומען געבן אָנצוהערעניש אַז אין שפּיטאָל קען זי שוין מער ניט זיין, זיי דאַרפן די בעטן פאַר ערנסט קראַנקע, לכן דאַרף מען זי נעמען אין אַ מין היים, ווו זי זאָל קענען קומען צו זיך, האָט זי מיט נייגיר אַ פרעג געטון: אויך אַ מין שפּיטאָל?

— י־אָ, — האָט לייזער הינקענדיק צוגעגעבן, ער איז ניט געווען זיכער צי אַ שפּיטאָל איז גוט אָדער שלעכט. — ס׳איז אויך אַ מין שפּי־טאָל, אָבער ניט פאַר ערנסטע חולאים. מ׳דערלאַנגט עסן פון שענסטן און בעסטן, אָבער מ׳דאַרף ניט ליגן אין בעט פיר און צוואַנציק שעה אין מעת לעת ווי דאָ. עס איז . . .

— ס׳איז ווייט פון דאַנען?

לייזער האָט געזען ער האָט געפּועלט. — ניט ווייט. ווילסט, וועלן מיר מאָרגן צופאָרן אַ קוק טון.

ווען זי איז שוין געווען אין מושב זקנים זיינען ברודער, שוועסטער און שוועגערין געזעסן און גערעדט, אַז פאַר איר, פאַר דער מאַמע הייסט עס, איז דאָרטן דער בעסטער פּלאַץ. זי איז ניט אַליין, נאָך פרויען אין אירע יאָרן, מענער אויך. זיין איבערראשט, דאָרטן פירט מען ראָמאַנסן גאַנצע . . .

מ׳האָט גערעדט, געשפּאַסט, עס איז אויסגעקומען אַז זיי האָבן דער מאַמע געטון די גרעסטע טובה, מער ניט זייער פריילעכקייט איז שוין געווען אַ ביסעלע איבערטריבן, ערגעץ ווו האָט זיי געביסן . . . אָבער די מאַמע איז באַשטאַט, און אַ צופרידענע איז דבורה געפאָרן אַהיים. פון דאַן אָן האָט זי מער ניט געזען די מאַמע, זעלטן ווען געטראַכט וועגן איר און גאָר ווינציק געהערט פון איר ביז היינט ווען זי האָט געקראָגן די טעלעגראַמע.

דאָס טיר־גלעקל האָט געקלונגען.

שיקט זיך עס ווידער אַ טעלעגראַמע? אַ צו שוואַכער קלונג.

— קומט אַריין!

— וואָס איז דער מער? וואָס האָט פּאַסירט? — האָט די שכנה, מרס. גודמאַן, סודותדיק פאַרזאָרגט געפרעגט. דבורהס אויסזען, איר טאָן ביים „קומט אַריין" האָט אויסגעזאָגט אַז עפּעס האָט פּאַסירט, און די מרס. גודמאַן איז געווען מער צופרידן ווי פאַרזאָרגט. נו ווי דען? זי האָט באַלד געוווּסט. אינמיטן דאָנערשטיק אַ טעלעגראַמע.

— איך האָב ערשט געקראָגן אַ ידיעה אַז מיין מאַמע איז געשטאָרבן.

— אייער מאַ־ מע!

— יאָ, וואָס איז דען?

— אָה, אַנטשולדיקט מיר. איר מוזט מיר אַנטשולדיקן, איך ווייס ניט פאַרוואָס, אָבער עפּעס האָב איך קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן אייך אַז איר האָט נאָך אַ מוטער. זי איז ניט דאָ אין שטאָט?

— אין ניו יאָרק.

— זי האָט געמוזט זיין שוין אַ גאַנץ אַלטע פרוי.

— ניט צו אַלט. אַרום פינף און אַכציק.

— נו, פינף און אַכציק איז אַ גאַנץ פיינע עלטער. הלואי ציען מיר אַן אַזוי ווייט.

— איר ווייסט'אַך וואָס מ'זאָגט: הונדערט און איינס איז אַלצאיינס. קיינער וויל ניט שטאַרבן. און, יונג אָדער אַלט, אַ מאַמע איז אַ מאַמע.

— יאָ, דאָס איז אויך אמת. וואָס איז מכח דער לויה?

— דאָס וואָס איך בין געזעסן און זיך געישובט. פאָרן מיט דער באַן מיינט עס גוטע דריי מעת לעת, און ווער האָט עס כח פאַר אַזאַ נסיעה? נעמען דעם עראָפּלאַן, האָב איך עפּעס מורא, קיינמאָל ניט געפלויגן . . . ווייס איך ניט . . .

— איז דאָרטן דאָ עמיצער וואָס זאָל אַכטונג געבן?

— אודאי! מיין ברודער.

— אויב אַזוי זע איך ניט איין צוליב וואָס מוזט איר עס פאָרן. נאָך אַלעמען, וואָס וועט איר אויפטון? זי'ט לעבעדיק ניט ווערן . . . ווען איך בין איר וואָלט איך זיך ניט גערירט פון אָרט. ניט פאַר אונדזערע כוחות. מ'דאַרף שאַנעווען דאָס ביסל געזונט.

— איך גלויב איר זייט גערעכט.

— אַוועק די יונגע יאָרן. דאָ אַ סך זאַכן וואָס מיר וואָלטן געוואָלט

טון, אָבער . . . נו, עס טוט מיר לייד צו הערן די טרויעריקע נייס, אָבער וואָס קען מען העלפן? גיט גוט אַכטונג אויף זיך. אַ גוטן.

— אַ גוטן, און אַ דאַנק פאַרן אַריינקומען.

די מרס. גודמאַן איז אַרויסגעגאַנגען פון דבורהס הויז אָט ווי זי וואָלט אַרויסגעגאַנגען פון . . . אַ מקוה — מקיים געווען אַ מצוה — מנחם אָבל געווען — און זי וועט הנאה האָבן, קענען איבערגעבן די נייס צו די אַנדערע שכנים.

— ווו נאָר אַ מת, אַהאַ, די וואָראָנע איז דאָ! גלייך געקומען צולויפן, — האָט איר דבורה נאָכגעטראַכט, פונדעסטוועגן איז זי ניט געווען ברוגז אויף איר, אדרבה, איצטער ווייסט זי וואָס זי האָט צו טון. זי איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן. קריגנדיק „די מיידל" פון דער טעלעגראַף סטאַנציע, האָט זי איר סודותדיק איינגערוימט: קען ניט קומען בריוו פאָלגט. די מיידל האָט ניט געכאַפּט גלייך וואָס מ'זאָגט איר, האָט זי איבערגעפרעגט, האָט דבורה מיט דערזעלבער שטילקייט, נאָר מיט אַ רוגז טאָן, אינטענסיוו איבערגעחזרט די ווערטער און געפאָדערט די מיידל זאָל איבערזאָגן. די מיידל איז ניט געווען ברוגז, מיט איר זינגענדיק שטימעלע האָט זי איבערגעחזרט די ווערטער און אַ זאָג געטון: אייער נאָמען, ביטע! און דער אַדרעס?

דבורה האָט געגעבן דעם נאָמען און אַדרעס, ווי צוגעוואָרפן אַביינדל, און אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל. אָפּגעטון! פאַרטיק! ערגעץ ווו, טויזנטער מיילן ווייט איז ניו יאָרק, דאָרטן — לייזער, נחמה, די מאַמע . . . לויה . . . און זי איז אַזוי ווייט פון איר . . . פון אַלעמען, און איר האָט זיך אַזוי פאַרבייַנקט נאָך אַ נאָענטן מענטשן. ווען ברוך וואָלט געלעבט, ווען בנימין . . .

אַ בילד פון בנימינען מיט זיין ווייב מיט די דריי קינדערלעך האָט איר אַ שפרונג געטון אין די אויגן, און זי האָט זיך אַ צאַפּל געטון: וועט ע ר קומען צו אי ר לויה?

אָט דער געדאַנק — אַ בליץ, וואָס האָט אַזוי שאַרף אַ שניט געטון, אַז אין די אויגן איז איר פינסטער געוואָרן, איר מויל האָט זיך געעפנט, דער אָטעם איז דאָך ניט אַרויסגעקומען, אין האַלז איז ער איר געבליבן שטעקן. ווי האָט עס איר גאָר געקענט קומען אויפן זינען? זי האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף אַ געבעטן שטול, דער שאַרפער שניט איז פאַרשוווּנדן, אַ נאָגנדיקער ווייטיק האָט זיך גענומען צעגיין אין אַלע גלידער.
צוועלף יאָר אַז ער האָט פאַרלאָזט די היים. אין די צוועלף יאָר

האַט זי אים געזען דריי מאָל. איין מאָל איז ער אַריינגעפאַלן אויף אַ טאָג צייט. געפאָרן צוליב געשעפט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי די עלטערן . . . זען וואָס זיי מאַכן. וואָס ע ר האָט געזען איז איר ניט אָנגעגאַנגען, זי האָט זיך גאָרניט געקענט זאַט אָנקוקן, און וואָס מער זי האָט געקוקט אַלץ מער האָט זי הנאה געהאַט און אַלץ שאַרפער האָט איר געבלוטיקט דאָס האַרץ. פאַרלאָזן איר הויז אַ . . . קינד, איצט האָט זי געזען פאַר זיך אַ מאַן, גלייך ווי אַ ליכט, זי וואָלט געמעגט שווערן ער איז אויסגעוואָקסן. פאַרשטייט זיך, דאָס איז אַ נאַרישקייט, אָבער זיין אויסזען — גרעסער, מענערישער, האָט אַרויפגענומען אַ ביסל לייב, דער טראָט אַזאַ זיכערער, און דער פּנים לויכט, קיין בייז אויג זאָל אים ניט שאַטן. — האָט אים פאָליובעט, — האָט זי צווידייטיק אַ טראַכט געטון, און דער ווייטיק וואָס די חתונה האָט אים פאָליובעט איז געווען שאַרפער פון דעם פאַרגעניגן צו זען אים אַ „פאליובעטן". זי איז געווען קעגן דעם שידוך פון אָנהייב אָן. אַ שמאַלץ־גרוב, אירע עלטערן רייך, אים אַריינגענומען אין געשעפט, אָבער וואָס טויג איר דאָס שמאַלץ אַז עס איז פאָרט אַ גרוב, די אַיידין אַ שלאַק אַ . . . ווען ניט זי וואָלט בנימין געווען דאָ מיט טאַטע־מאַמע, אָבער אויסגעפירט האָט יענע, און איצט איז ער געקומען אויף איין טאָג. איין טאָג אין דריי יאָר. דער אייגער טאָג אַ פרייד־שיכרות, און אויף מאָרגן אַזאַ אויסגעניכטערטקייט אַז דער קאָפּ האָט זיך געשפּאָלטן פון ווייטיק, זי האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען און ברוכן איז אויך געווען ניט פריילעך אויפן האַרצן. — וואָס קוואָקעסטו? גייט אַרום און קוואָקעט! מאַך עפּעס עסן, איך בין טויט הונגעריק. — מיט די ווערטער. זי געדיינקט עס געגוי. זי האָט געגרייט צום טיש, האָט ברוך כלומרשט זיך צוגעכאַפּט צום עסן און באַלד גע־בעטן דערלאַנגען די קאַווע, זי האָט אַ לעמזע געטון, אין מויל קיין טעם, פאַר די אויגן אַ טייך, אויפן טייך קאַטשקעלעך, אויפן ברעג די הון . . . זי איז אַריין אין קיך, זיך אויסגעוויינט, דערלאַנגט די קאַווע און ברוך און זי האָבן אויסגעטרונקען צו צוויי טעפּלעך. ביז דאַן געדיינקט זי ניט זי זאָל ווען עס איז האָבן געטרונקען צוויי טעפּלעך קאַווע איינס נאָך ס׳אַנדערע. דרייענדיק זיך אין בעט נאָכדעם, ניט געקענט איינ־שלאָפן, האָט זי געטראַכט: וואָלט שוין אפשר בעסער געווען ווען ער זאָל ניט האָבן געקומען . . .

און אַז עס איז אַוועקגעגאַנגען צוויי, דריי יאָר און ער איז ניט געקומען, און ביי אים איז געבוירן געוואָרן דאָס צווייטע קינד — צוויי

איינִיקלעך! — האָט זי שוין מער זיך ניט געקענט איינהאַלטן און זי איז אַוועקגעפאָרן צו אים.

יענעם ווייזיט וועט זי קיינמאָל ניט פאַרגעסן. אויפן טויטן־בעט וועט זי אים גערדיינקען. צום נייגעבוירענעם קינד האָט זי ניט געטאָרט זיך צורירן, און מיטן עלטערן, שוין געווען דאַן פיר יאָר אַלט, אַז זי האָט זיך אַ שפּיל געטון מיט אים, אַ קוש געטון, האָט זיך געטון חושך . . . זי האָט געדיינקט צו פאַרברייינגען דאָרט פינף־זעקס וואָכן, אָפּגעשטאַנען פערצן טעג, איז זי אַנטלאָפן. זי קען נאָך איצט זען דאָס זעגענען זיך, ווי יענע איז געשטאַנען מיט איר מאַשינאָווע שמייכעלע: גוד באַי, מאַ! און דוידלען אַרויסגעריסן, ממש אַרויסגעריסן פון אירע הענט. און בנימין. אויפן וועג צום וואָקזאַל האָט ער אינגאַנצן געשוויגן, אין וואַגאָן שוין, ווען זי האָט זיך צעוויינט — זיך שוין מער ניט געקענט איינ־האַלטן — האָט ער זי געגלעט און געבעטן: וויין ניט, מאַ! און זי האָט געקענט פילן אַז אים האָט ניט ווי געטון וואָס די מאַמע פאָרט אַוועק, איז אַנטלאָפן, נאָר ער האָט זיך געשעמט פאַר לייטן למאי זיין מאַמע וויינט. ווען דער צוג האָט זיך אַ ריר געטון האָט זי נאָך געזען זיין האַנט אין דער הויך, זיין שמייכל, און זי האָט געהאַט אַ שטאַרקן חשד אַז דאָס שמייכלט ער — פאַר געזונטערהייד, פאַר . . .

דאָס דריטע מאָל האָט זי אים געזען מיט דריי יאָר צוריק, ווען ברוך איז געשטאָרבן. דריי טעג איז ער געשטאַנען. אויפן דריטן טאָג, שוין פאַרן אַוועקפאָרן — מאַמע! איך ווייס, איך וואָלט איצט געדאַרפט דיר זאָגן: גיב אויף דאָס הויז, קום זיי מיט מיר, אָבער . . . ווי די באַ־ציאונגען צווישן דיר און איירינען זיינען . . . קען איך עס ניט טון. איך וואָלט געוואָלט, אָבער איך קען ניט . . . איך האָף אַז דו פאַר־שטייסט מיך . . .

— איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי גאַנץ גוט . . .

— איך וועל דיר אָבער זאָגן אָט וואָס — דאָס הויז גיב אויף, פאַרקויף און באַזעץ זיך ביי אונדז אין שיקאגא. וואָס דאַרפסטו אַזאַ גרויס הויז, אַ פוסטקע? איכ׳ל דיר קריגן אַ קליינעם אַפּאַרטמענט, פונקט גענוג פאַר איין מענטשן, און מיר׳ן זיין נאָענט איינער צום צווייטן. וואָס זאָגסטו?

— איך ווייס ניט. איך קען דיר איצט גאָרניט זאָגן. וועל עס דאַרפן איבערטראַכטן.

ער איז אַוועקגעפאָרן. איין מאָל האָט ער איר דערמאנט וועגן דעם,

און זי האָט אים געענטפערט: ניין, מיין זון, איך קען עס נישט טון. אמת, דאָ בין איך איינע אַליין, ווייט פון דיר מיט די קינדער, אָבער דאָס הויז איז ניט קיין פוסטקע, ווי דו האָסט אַמאָל געזאָגט, עס איז פול מיט דערינערונגען, און איכ׳ל דיר פאַרטרויען אַ סוד, מיין זון, איך טראַכט גאַנץ אָפט אַז גוטע דערינערונגען זיינען בעסער און אפילו ווירקלעכער פון אַ שלעכטער ווירקלעכקייט, און זייענדיק פון ווייטן בין איך אפשר נעענטער צו דיר ווי איך וואָלט עס געקענט זיין פון דער נאָענט . . . זאָל ער וויסן! קומען, זיצן פאַרשפאַרט אין אַ תפיסה, וואַרטן טעג, נעכט, ביז ער׳ט קומען צו איר, זי צו אים, צו די אייניקלעך, דריי שוין, אַ געזונט אין זייערע ביינדעלעך, זאָל ניט קענען קומען . . . מוחל. שוין בעסער דאָ, ווו בנימין פויזעט נאָך אַרום . . . און דוידל — בנימין מיט די ביינדלעך. דוידל, חנהלע, שלמה׳קע, בנימין . . . זי וואָלט געקענט קושן דאָס בילד, ווען ניט זי, אָט די אָ . . .

— איך האַס דיך! איך האַס דיך! — האָט זי אויסגעשריען.

זי האָט ניט אַ שפּיי געטון דער שנור אין פּנים, זי האָט אַ נעם געטון איין ברעג פון בילד — זי אָפּרייסן! זי האָט אָבער ניט אָפּגעריסן, דאָס וואָלט צעריסן, צעשטערט דאָס גאַנצע בילד. זי האָט אַוועקגעשטעלט דאָס בילד, די הענט האָבן געציטערט, דער גאַנצער קערפּער האָט געפיבערט. זי איז אַנטלאָפן פונם בילד, פון דעם צימער, האָט געכאַפּט פּאַפּיר, אַ פּען און זיך אַ זעץ געטון צום טיש.

— זון מיינער, טייערער!

אָט דער „זון מיינער, טייערער״ און ניט מיין טייערער זון, אָדער טייערער זון, ווי געוויינלעך, האָט שאַרף אַן עפן געטון אַ לאַנג פאַרקלאַפּטע טיר, עס האָט אַ שפּאַר געטון אַ שטראָם פון ליידנשאַפט, אַ קוואַל פון בענקעניש האָט אַ יאָג געטון, און די האַנט, אַ געיאָגטע, אַ ציטערנדיקע, האָט ניט אַרויסגעלאָזט די פּען. טינט פלעקן, טרערן פלעקן, זי האָט געשריבן. זי האָט ניט געוואָלט איבערלייענען דאָס אָנגעשריבענע, זי׳ט עס איבערלייענען, וועט זי עס אפשר ניט אַוועקשיקן, און זי וויל ער זאָל עס איבערלייענען, אויב אפילו עס זאָל אַריינפאַלן צו איר אין די הענט מאַכט אויך ניט אויס, זאָל זי וויסן, און ער אויך, זאָל ער וויסן . . .

זי האָט אויף גיך פאַרקלעפּט דעם בריוו און אין איילעניש זיך געלאָזט צום בריוו קעסטל, נאָך היינט אַרויסנעמען פאַרן לופט פּאָרט, מאָרגן וועט ער עס קריגן.

אַ שטאָלענע ליפּ האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן, געעפנט אַ ברייט קאַלט מויל, איינגעשלונגען דעם בריוו, אים אַרונטערגעלאָזט אין פינסטערן אינגעווייד און זיך פאַרהאַקט מיט אַ „קליק״. די פינגער האָבן נאָכאַמאָל אָנגענומען, אַ צופּ געטון די ליפּ, האָט זי זיך אַן עפן געטון און ברוגז זיך פאַרהאַקט — וואָס דערגייסטו מיר די יאָר? אַ בריוו. אַ גוואַלדיקע מעשה. גיי! דער בויך פון בריוו קעסטל האָט זיך אַ הייב געטון פאַר אירע אויגן, זי האָט געלייענט, שטודירט דאָס אָנגעקלעפּטע צעטל ווען מ׳נעמט אַרויס די בריוו. אויף 6:30 האָט זיך איר פינגער אָפּגעשטעלט, דער נאָגל האָט אַ קראַץ געטון. אַרויסנעמען דעם בריוו . . . אים אַרויס־קריגן!

— פאַרפאַלן! — האָט דאָס שטאָלענע בריוו קעסטל קאַלט געשפּאָט.

— נאַרישע יידענע! גיי אַהיים!

אַ פאַריתומטע, אַ פאַרעלטערטע, מיט אַ געבויגענעם רוקן, פאַמע־לעכע טריט, האָט דבורה זיך געלאָזט צוריק אַהיים.

— זאָל זי וויסן! און ער אויך, זאָל ער וויסן!

איר מאַך מיטן האַנט האָט אויפגעוועקט איר גאַנצן קערפּער. זי האָט אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, דערזען אַ מענטשן וואָס איז געגאַנגען איר אַנטקעגן, איצטער שיר ניט לעבן איר. האָט ער געזען? האָט ער גע . . . הערט? זי האָט זיך געכאַפּט אַז זי האָט גערעדט אויפן קול. ער שמייכלט . . . מוז דיינקען זי איז . . . משוגע. זי האָט גיך פאַרבייגע־שפּאַנט דעם אומבאַקאַנטן מענטשן. ער האָט ניט געהערט! ניט געקענט הערן! זי האָט ניט ג ע ש ר י ע ן. דאָס ערשטע מאָל אַז מיט איר פּאַ־סירט עס — רעדן צו זיך אַליין אין גאַס . . . זי ווערט משוגע . . . זי . . .

דבורה האָט זיך דערשלעפּט צוריק אין שטוב, אַ צעבראָכענע זיך אַריינגעלייגט אין בעט. מאַמעס, טאַטעס, זיידעס, באבעס, זין, טעכטער, שניר, איידימס, משפחות גאַנצע, אַלע אין איין שטאָט, אַמאָל אפילו אין איין הויף. אַ יום טוב, אַ שמחה, אַלע זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, פון אַ לויה שוין אָפּגערעדט — דאָס גאַנצע שטעטל. דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל, אין דעם קליינעם שטעטל, היינט, דאָ אין אַמעריקע, אין דער גרויסער שטאָט . . .

אַ מאַמע האָט אַ זון ביז זיין חופּה גאַנג,
אַ טאָכטער האָט זי אַ לעבן לאַנג.

זי האָט עס ערגעץ געלייענט. דאָס איז אויך ניט אמת. זון צי טאָכטער, אַ מאַמע האָט קינדער ביז זיי זיינען צען, צוועלף יאָר אַלט,

נאָכדעם . . . דאָס איז דער אמת, און קוק דעם אמת אין די אויגן.

צי דער אמת איז געשטאַנען מיט אָפענע אויגן, געוואַרט מ'זאָל אין זיי אַריינקוקן, איז ניט קלאָר, דבורה האָט ניט געקאָנט האַלטן אָפן די אויגן, פון אונטער די אויגן לעדלעך האָבן זיך אַרויסגעגליטשט טרערן, זיי האָבן זיך געריזלט איבערן נאָז איינשניט צום מויל צו, און דבורה האָט ניט געמאַכט קיין באַוועגונג אַ וויש טון אַ טרער, זי האָט זיך ניט באַמיט אָפּשטעלן דאָס געוויין, זי האָט זיך אַריינגעוויינט אין שלאָף.

אויף מאָרגן האָט זי געקראָגן אַ טעלעגראַמע. זי האָט געהאַלטן דאָס געלע שטיקל פּאַפּיר. געלייענט: „דיין טרויער איז מיין טרויער. הלואי וואָלט איך געקענט זיין מיט דיר. ליבע פון איירינען, די קינדער און דיין בעני״, און אַ וויטיקדיקער שמייכל האָט צעקרימט אירע ליפּן. מ י י ן טרויער איז ז י י ן טרויער. זי טרויערט ניט נאָך איר מאַמע, דאָס איז דער אמת, נאָך ז י ך טרויערט זי, טרויערט ער שוין אויך נאָך איר? „הלואי וואָלט איך געקענט זיין מיט דיר״. צו שפּעט, מיין זון. האָסט שוין לאַנג אויסגעקליבן צו זיין מיט א י ר, און ז י שיקט עס איר „ליבע״. איירין און ליבע!

זי האָט אַ וואָרף געטון דאָס שטיקל פּאַפּיר.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זי עס אויפגעהייבן, אַ טרייסל געטון און עס אַוועקגעטראָגן אין אַ צווייטן צימער. דאָרט האָט זי געעפנט אַ קעסטל, בנימינס אַ קעסטל פון צוקערקעס, וואָס ער האָט צוגעשיקט מיט דריי יאָר צוריק, אין וועלכן זי האָט געהאַלטן אַלע זיינע בריוו. אַ טעלע־גראַמע האָט זי ניט ליב געהאַט, פון דעם געלן פּאַפּיר האָט געוויט מיט פרעמדקייט, אַ טעלעגראַמע דאָס איז ניט אַזוי אַ מיטל צו שרייבן פון וויטן ווי אַ פּאָרטל ניט צו שרייבן קיין בריוו, די טעלעגראַמע האָט אָבער געשיקט בנימין . . . האָט זי אַ גלעט געטון דאָס שטיקל פּאַפּיר, עס אַרויפגעלייגט אויף די אַנדערע בריוו, צוגעפּרעסט, אַרויפגעטון דאָס דעקל און גענומען פאַרבינדן דאָס בלויע זיידן בענדעלע.

יעדעס מאָל וואָס דבורה קריגט אַ בריוו בינדט זי אָפּ און פאַר־בינדט דאָס זיידן בענדעלע. שוין דריי יאָר אַז זי טוט עס, אָבער זי שלייפט אָפּ און פאַרשלייפט דאָס בענדעלע אַזוי פאָרזיכטיק אַז עס איז נאָך ניט אויסגעריבן. די בריוו זיינען פון בנימינען, דאָס קעסטל איז בנימינס, דאָס בענדעלע־שלייפעלע איז בנימינס און . . . אַ מאַמע איז אַ מאַמע . . .

ביכער פון ש. מיללער

ערציילונגען	1921
בלעטער פאַלן	1926
די שמאַלץ גרוב	1933
אַ בליאַסק אויף טאָג	1935
מאָטיוון	1940
רויט און שוואַרץ	1945
דור הפלגה	1946
שטויב	1948
דור המדבר	1951
אין די שוואַרצע פינטעלעך	1953
נעכטן	1956